STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00887

# TSILI ADLER DERTSEYLT

Celia Adler

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Denise D. & Alvin L. Schwarzbach*
*in memory of*
*Alter, Brendele & Rosa Damensztein, victims of the Holocaust*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשריבן מיט דער הילף פון

יעקב טיקמאַן

**CELIA ADLER DERTZEILT**

**The Celia Adler Story**

*Copyright* 1959 *by*

CELIA ADLER FOUNDATION

New York, N. Y.

ביים סוף פון צווייטן באַנד געפינט זיך אַ זוכצעטל צו אַלע נעמען
וואָס זיינען דערמאָנט אין די צוויי בענדער.

ג ע ד ר ו ק ט   ב י י   ד י   ב ר י ד ע ר   ש ו ל ז י נ ג ע ר

*Printed in the U.S.A. by*

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

# „מיין דערציילן"

איך בין זיך פאַר אייך מודה ומתודה, אַז מיר איז אפילו קיינמאָל אין זינען ניט געלעגן ווען עס איז צו דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע. ווען נאָר דער ענין איז אויפגעשוואומען האָב איך זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. איך האָב ניט געהאַט קיין שום פאַרלאַנג דאָס צו טאָן. ווען מיין ליבער פריינט חיים עהרענרייך האָט מיט יאָרן צוריק פאָרגעלייגט מיין מאַן, דזשעק קאָן, אַז איך זאָל דערציילן מיינע זכרונות פאַרן „פאָרווערטס", האָט דזשעק אים אויך אַנטשידן אָפּגעזאָגט. די מאָטיוון אונזערע קעגן זיינען געווען גאַנץ פאַרשידענע. דזשעק האָט געהאַט אַ באַשטימטע מיינונג, אַז מעמואַרן שרייבט מען ווען ס'איז שוין נאָך אַלעמען, ווען די קאַריערע האָט זיך געענדיקט. זיין צילי'ס קאַריערע אָבער וועט נאָך גיין און גיין. — „זי וועט נאָך אַ סך באַוויזן"... ביזן סוף פון זיין לעבן בין איך ביי אים געווען דער סאַמע אויבן־אָן פון אידישן טעאַטער. זייער אָפט פלעגט ער האָבן טענות צו מיר: „דו ווייסט אַליין ניט, צילי, ווי גרויס דו ביסט". ניין, זיין צילי איז נאָך ניט גרייט צו דערציילן איר לעבנס־געשיכטע.

מיין אָפּזאָגן זיך איז געווען אינגאַנצן צוליב אַנדערע סיבות. איך האָב פשוט געוואָלט אַלץ פאַרגעסן. איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט ווידער איבערלעבן מיינע טרויעריקע קינדער־יאָרן... און אוודאי ניט קיין חשק געהאַט זיך צו דערמאָנען אין די פיינלעכע יאָרן ווען איך האָב געמאַכט מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע אַלס דערוואַקסענע. איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דער קליינער מיידעלע צילי פיינמאַן, וועלכע האָט, אַ דאַנק דעם געוועב פון משפחה־פלאָנטערס, קיינמאָל קיין ברעקל אמת'ע קינדערשע פרייד ניט געהאַט. און עד היום טוט מיר ווי דאָס האַרץ, ווען איך טראַכט פון יענער צילי אַדלער, וואָס האָט געדאַרפט אַליין, אָן דער וואַרעמקייט פון אַ טאַטע־מאַמעשער היים, מיט ציין און נעגל, מיט האַרצווייטיק און יסורים, זיך דורכשלאָגן אַ וועג, שאַפן פאַר זיך אַ בכבוד'יקן אָרט אויף דער אידישער בינע...

אומדירעקט האָט מיין ניט צו־מזל'דיקער וויזיט אין ישראל, אין 1956, גורם געווען, אַז מיין „צילי אַדלער דערציילט" זאָל קומען צום לעבן. ווידער האָט דאָ געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע מיין פריינט חיים עהרענרייך. ווען איך בין צוריקגעקומען פון יענער רייזע, האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו שרייבן פאַרן „פאָרווערטס" מיינע איינדרוקן פון ישראל. מיין גרויס דרך־ארץ פאַרן געדרוקטן אידישן וואָרט האָט מיך געשראָקן דאָס צו טאָן אויף מיין אייגענער אחריות. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מיין לאַנגיאָריקן חבר און פריינט יעקב טיקמאַן. ער האָט מיר צוגערעדט. ער האָט מיר געהאָלפן. די שותפות איז עולה יפה געווען. די ישראל־אַרטיקלען האָבן אויסגענומען.

מיט דער צושטימונג פון הלל ראָגאָף האָט עהרענרייך ווידער באַנייט זיין אַלטן פאָרשלאָג איך זאָל דערציילן מיינע זכרונות. טיקמאַן איז צוגע־שטאַנען. זיי האָבן מיך גערייצט מיטן טעאַטער געשיכטלעכן ווערט וואָס מיין דערציילן קען האָבן. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן. איך האָב גע־גלויבט און געהאָט צוטרוי אין טיקמאַנ׳ס הילף, אין זיין וואונדערלעכן זכרון, אין זיין גרויסן אינטערעס, ליבע און לאַנגיאָריקער נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט אידיש טעאַטער. זיין געטרייע פריינטשאַפט צו מיר פאַר ארום 40 יאָר, זיין נאָענטקייט מיט מיין משפחה און נאָענטע פריינט, האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז איך קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. האָף איך באמונה שלימה, אַז אונזער שותפות׳דיקע אַרבעט פאַר מער ווי צוויי יאָר אויף „ציילי אַדלער דערציילט" האָט זיך געלוינט.

האָב איך דערציילט אַלץ וואָס איך געדענק, און אפשר ניט אַלץ... דערציילט אויפריכטיק און אמת׳דיק, מיט אַ סך איינזען פאַר מענטשלעכע געפילן, קאַלעגיאַלע סענטימענטן און פאַרדרוסן. מיט מיין פולן באַוואוסט־זיין נעם איך אויף זיך די אחריות פאַר אַלץ וואָס איז דערציילט אין די צוויי בענדער. קיינער, חוץ טיקמאַן און איך, האָבן צו „מיין דערציילן" קיים שום שייכות ניט געהאַט.

ווילט זיך מיר דאָ אויסדריקן מיין ווייטיק וואָס ס׳איז ניט באַשערט געוועזן מיין דזשעק׳ן צו דערלעבן דעם נחת. עס וואָלט אים אַזויפיל פרייד און שטאָלץ פאַרשאַפט.

קומט אַ סך דאַנק און לויב אונזער ליבן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", הלל ראָגאָף, פאַר זיין צוטרוי צו מיר, פאַר זיין גלויבן, פאַר זיין ליבן שמייכל וואָס האָט מיך דערמוטיקט.

איך וועל אוודאי קיינמאָל ניט קענען אויסצאָלן מיין דאַנקבאַרקייט צו מיין טייערן פריינט חיים עהרענרייך פאַר זיין געדולד, זיין שטענדיקע גרייט־קייט מיר צו עצה׳ן, צו העלפן. איך וועל אויך כסדר מיט ליבע געדענקען די חשוב׳ע זשורנאַליסטן, דר. פאָגעלמאַן און אַשעראָוויטש, פאַר זייער אָפטער דערמוטיקונג, און בכלל די וואַרעמע באַציאונג צו מיר פון גאַנצען „פאָר־ווערטס"־שטאַב.

מיט גרויס דרך־ארץ און ליבע וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקסטן דאַנק צום ליבן טעאַטער־וועטעראַן און ענערגישן קולטור־עסקן, מענדל עלקין, ביי מיינע גריבלעניש׳ן אין איוואָ טעאַטער־ארכיוו האָט ער מיך מיט האַרציקער וואַרעמקייט אויפגענומען און מיר אַנטקעגנגעקומען מיט זיין הילף, מיט זיינע קלוגע, פראַקטישע עצות.

איך פיל זיך אויך ווי אַ גרויסער בעל־חוב צו מיין גוטן פריינט, דעם אומדערמידלעכן טעאַטער־היסטאָריקער, זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון גרויסן טעאַטער־ווערק, „לעקסיקאָן פון אידישן טעאַטער", זלמן זילבערצווייג. איך האָב געשעפּט אַ סך געשיכטלעכע פאַקטן און דאַטעס פון „לעקסיקאָן", פון זיינע אייגענע טעאַטער־ביכער און בילדער־אַלבום. מיין האַרציקסטן דאַנק!

פאַר דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון די צוויי פּרעכטיקע בענדער וויל איך מיט ליבע און פריינטשאַפט איבערגעבן מיין טיפסטן דאַנק צום „צילי אַדלער בוך־קאָמיטעט". ביים איצטיקן געשלאָגענעם מצב פון אידישן בוך וואָלט אָן אַזאַ קאָמיטעט ניט מעגלעך געווען די ביכער אַרויסצוגעבן. שאַץ איך זייער הויך די איניציאַטיוו פון מיינע חברים און פריינט — נאָרמאַן פּור־מאַן, מרדכי ירדני, סימור רעכטצייט, צבי סקולער, חיים עהרענרייך. ווי נאָענטע חברים און קאָלעגן אין דער פּראָפעסיע, איז זייער הילף, אַזוי צו זאָגן, אין גאַנג פון זייער באַרוף. קומט דערפאַר אַ באַזונדער דאַנק דעם ביז גאָר ליבן פריינט מיינעם, נייטען פּאָרמאַן, וואָס רייסט אָפּ צייט פון זיינע געשעפטלעכע זאָרגן און טראָגט צו זיין געטרייע הילף אַזוי ברייטהאַרציק. ניט קיין קלענערן דאַנק און אָנערקענונג פאַר זייער מי און אינטערעס קומט די איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער פון קאָמיטעט — זעליק סלאָבאָדניק, יוסף ליפּשיץ, יעקב קופּער, מענדל ראָטמאַן און מאַקס גאָלדפּעדער.

און ווי קען איך פאַרגעסן דעם האַרציקן טעאַטראַל און גוטן חבר, לואיס מאַרקאָוויץ? זיינע געלונגענע צייכענונגען אויף דער הילע און טאָוול גיבן צו די צוויי בענדער אַ סך חן און טעאַטער־סטיל.

צו אַלעמען מיין האַרציקסטן דאַנק און בעסטע ברכות.

**צילי אַדלער**

# „אַ שותף אין שרייבן"

ווי איר זעט פון צילי אַדלער׳ס הקדמה, בין איך אַ שותף אין שרייבן „צילי אַדלער דערציילט". דערלויב איך זיך צו מאַכן די עטלעכע באַמער־קונגען.

שרייבן בשותפות איז ניט קיין געוויינלעכע דערשיינונג אין אונזער לי־טעראַטור. אין אונזער פאַל איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז סיי ביי צילי׳ן, סיי ביי מיר איז עס דער ערשטער שרייבערישער פאַרזוך.

וויל איך, ראשית, עפנטלעך אויסדריקן מיין טיפסטע דאַנקבאַרקייט צו צילי׳ן פאַר אויסקלייבן מיך אַלס איר שותף, פאַר איר צוטרוי צו מיר, פאַר געבן מיר די געלעגנהייט צוזאַמען מיט איר וועקן אונזער זכרון, זוכן און צעגלידערן די לאַנגע יאָרן פון אויפבלי און פאַרוועלקן, וואָס אונזער באַ־ליבטע אינסטיטוציע אידיש טעאַטער האָט דורכגעמאַכט. זיינען די איבער צוויי יאָר פון אונזער שותפות׳דיקן שרייבן געווען די שענסטע, די דערהוי־בנסטע פון אונזער לאַנגיאָריקער פריינטשאַפט, וואָס איז ביי מיר שטענדיק געווען ביז גאָר אָנגעלייגט.

גריבלענדיק זיך אין צילי׳ס לעבן — פון וויגעלע ביז איר איצטיקער עלטער — האָבן זיך אויפגעוויקלט די סאַמע אינטימסטע, שטרענג־פּערזענ־לעכע איבערלעבונגען. פּאַסירונגען און טראַכטענישן אַזעלכע וואָס בלייבן אויף אייביק פאַרשלאָסן אין אייגענעם זכרון... בין איך אָפט טיף גערירט

געוואָרן פון איר אויפריכטיקער און אמת׳ער אָפּנהאַרציקייט, וואָס האָט זיך צייטנווייז געגרעניצט מיט קינדערשער נאַאיוויטעט.

האָבן מיר ביידע אין לויף פון אונזער שרייבן דורכגעלעבט מינוטן פון היסטערישע אויסברוכן, און שטילע אינערלעכע געוויינען.. ניט בלויז פון אירע אייגענע פערזענלעכע שווערע איבערלעבענישן וואָס זי האָט געהאַט לרוב, נאָר אויך ביים דערמאָנען סצענעס און פאַרדרוסן פון קאָלעגן נאָענטע, פון חלומות צערונענע — זייערע, אירע און אויך מיינע...

צילי׳ס אומבאַגרעניצטע ליבע צו אידיש טעאַטער, איר טיפע פאַר־שטענדעניש פאַר דער נשמה פון שוישפּילער, איר געטרייע זאָרג פאַר קאָלע־גיאַלע סענטימענטן, האָבן כסדר בולט אַרויסגעשיינט דורך די טעג און נעכט פון אונזער שרייבן.

האָבן מיר געטריי און מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אָפּגעהיט דעם געשיכטלעכן גאַנג פון אונזער טעאַטער, וואָס האָט זיך געוועבט אַרום צילי׳ס קאַריערע, און דער אַדלער־דינאַסטיע. מיר האָבן, ווי נאָר מעגלעך, אויס־געמיטן געשיכטלעכע אמת׳ן וואָס קענען עמיצן ווי טאָן, כאָטש ניט שטענדיק איז עס אונז געלונגען, זענען מן הסתם דאָ פאַרדרוסן און קריוודעס. אַזוי גייט דער וועג פון געשיכטע...

וויל איך, ווי אַ גלייכער שותף, נעמען אויף זיך אַ טייל פון די טענות. איך וויל דאָ אויך אונטערשטרייכן אַז סיי ביים שרייבן, סיי ביים צוגרייטן די צוויי בענדער צום דרוק, האָבן בלויז מיר ביידע זיך דערמיט אָפּגעגעבן.

אין עצם־אַרבעט פון דרוקן צוויי היפשע בענדער, אַרום 700 זייטן, פאָדערט זיך אַ סך שטרענגע אָפּגעהיטקייט, אַ פּינקטלעכער, קלאָר־אויגיקער, ליטעראַריש־דערפאַרענער בליק. בין איך ביז גאָר דאַנקבאַר מיין חבר און פריינט, דעם דיכטער הערש ראָזנפעלד פאַר זיין געטרייער הילף.

איך וויל דאָ אויך פאַרצייכענען מיין אויסדרוק פון אָנערקענונג צו די ברידער שולזינגער פאַר זייער חבר׳שער באַציאונג דורך די לאַנגע וואָכן פון דרוקן די ביכער. אַ ספּעציעלן דאַנק זייער שאַפּ־פאַרוואַלטער, אוירווינג הונגער, וואָס האָט מיט אַ סך זאָרג אָפּגעהיט, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

צערטל איך אַ באַהאַלטענע האָפענונג, אַז אונזער אָנשטרענגונג וועט אַרויסרופן די אָנערקענונג, קריגן די לויב, וואָס צילי האָט אַזוי כשר פאַר־דינט.

**יעקב טיקמאַן**

אויגוסט, 1959

# צילי אַדלער דערציילט

אַן אינטימער בליק איבער אַ טעאַטער־דינאַסטיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן כמעט ביים וויגעלע פון אידישן טעאַטער און אין וועלכער איך האָב געהאַט די זכיה איינגעבוירן צו ווערן. מענטשלעכע שוואַכקייטן און טעאַטער ווערטן, פּיקאַנטע סודות און טיפע איבערלעבונגען פון די סאַמע גרעסטע פּערזענליכקייטן אין אַ טעאַטער־וועלט, וואָס האַלט אין פאַרגיין... איך וועל אַלץ דערציילן געטריי, ערליך און אָפנ־האַרציק, אויף מיין פּשוט׳ן אופן, גאָרניט פאַרשווייגן. איך וועל אָבער שטרענג אויספאָלגן דאָס אידישע גלייכווערטל: „אַ פּען האָט צוויי שפּיצן — מ׳קען צעשטעכן זיך און יענעם“...

# מיינע עלטערן און איך

ווילט זיך מיר אָנהויבן מיין דערציילן מיט אַן עפּיזאָד, וואָס לויט דער געשיכטליכער אָרדנונג באַלאַנגט ער העט־העט, כמעט ביים סאַמע סוף... איז עס אפשר קעגן דער שרייבערישער לאָגיק. אָבער מיין שוישפּילערישער אינסטינקט וועלכער האָט נאָך אַלץ איבער מיר אַ גרעסערע דעה, דיקטירט מיר אַז דער עפּיזאָד וועט אַזוי ווי עפּענען דעם פאָרהאַנג איבער דעם משפּחה־לעבן פון מיינע עלטערן, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין מיין אייגענעם לעבן... איר וועט דערביי אויך זיך באַלד באַקענען מיט דער איידעלער נשמה, די צאַרטע געפילן און מיט דער קלאָרער לאָגיק פון מיין ליבער האַרציקער מאַמע, דיינע פיינמאַן. דער עפּיזאָד וועט אויך אויפדעקן די גוואַלדיקע מענשליכע שוואַכקייטן, וואָס האָבן מיין גרויסן טאַטן, יעקב פּ. אַדלער, פאַרפאָלגט דורך די שטורמדיקע יאָרן זיינע און אים אַזוי גרויזאַם באַרויבט פון אַ גליקליך לעבן מיט מיין מאַמען, נאָך וועלכן ער האָט געבענקט און געוויינט אַ סך, אַ סך יאָרן...

איך וועל אין לויף פון מיין געשיכטע פאַרעפנטליכן אינטימע פערזענליכע בריף פון מיין טאַטן, געשריבן צו מיין מאַמען און מיר, וואָס וועלן פאַר אייך אַנטפּלעקן זיין צעריסענע און צעווייטיקטע נשמה, פאַרלוירן אין אַ ים פון ליידן און יסורים... אָבער איצט צום עפּיזאָד.

מיין מאַמע האָט אין די לעצטע עטליכע יאָר פון איר לעבן, ווען זי איז שוין געווען צוריקגעצויגן פון דער בינע, געוואוינט מיט מיין אינגערע שוועסטער, לילי זאַץ. איינמאָל איז זי געקומען צו מיר פאַרברענגען עטלעכע וואָכן דורכ׳ן זומער. מ׳האָט דאַן ביי מיר איבערגעפאַרבט די צימערן. מיין מאַן, דזשעק קאַן, און איך האָבן זיך געפּאָרעט מיט אויפהענגען די בילדער אויף די ווענט. עס הייסט דזשעק האָט געאַרבייט און איך האָב געגעבן עצות... אויף דער מזרח וואַנט, אויף בײדע זייטן פון פענסטער, זיינע געהאָנגען צוויי שיינע, גרויסע בילדער, איינע פון מיין מאַמען און איינע פון מיין טאַטן. שטייט זי אַזוי, מיין מאַמע, קוקט פון איין זייט פענסטער צום צווייטן, פון מיין טאַטנס בילד צו איר בילד, און רופט זיך אָפּ מיט אַ זיפץ: „אָי, קינד מיינס, דאָס בייזע, פאַרפּלאָנטערטע לעבן האָט אונז צעשיידט... דיין טאַטן און מיך... זאָלן כאָטש די בילדער הענגען נאָענט איינס צום אַנדערן..."

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זי באַלד געפאָלגט, און געוויזן דזשעק׳ן וואו ער זאָל די בילדער אויפהענגען איינס לעבן אַנדערן... איך האָב זיך אַוועקגעזעצט מיט מיין מאַמען, און קוקנדיק אין אירע מילדע, קלוגע אויגן, האָב איך געזאָגט: „מיר דוכט זיך, מאַמע, אַז מיר האָבן ביידע קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם ענין... אָבער זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, האָב איך זייער אַ סך און זייער אָפט געטראַכט דערפון. זאָג־זשע מיר, מאַמע, איז עס מעגליך אַז אין דיין האַרץ האָט זיך דורך די אַלע ביטערע יאָרן דיינע ניט אָנגעקליבן קיין בייזקייט, קיין שלעכטע געפילן צו אים?... ער האָט דאָך דיר אַזוי וויי געטאָן, אַזוי פיל יסורים פאַרשאַפט!"

מיין מאַמע האָט מיט צאַרטקייט געקוקט אויף מיין טאַטנ׳ס בילד, און

אַן דער מינדעסטער פאַרלעגנהייט, נאָר אַזוי ווי זי וואָלט געווען צופרידן וואָס איך האָב איר געגעבן די געלעגנהייט זיך אַראָפּצורייִדן פון האַרצן, האָט זיך ווי אַ קוואַל פון רייד און געפילן ביי איר צעפּעפּענט. און זי האָט געזאָגט:

„בייזקייט אויף אים? שלעכטע געפילן צו אים?! ניין, טאַטער, קיינמאָל ניט... ער איז ניט געווען שולדיק... פרויען האָבן אים ניט צורו געלאָזט... ער איז געווען צו שיין... ערגיץ באַזינגט איינער פון אונזערע גרויסע פּאָעטן, דוכט זיך יהואָש, אונזער שלמה המלך, און ער דריקט דאָרט אויס דעם געדאַנק, אַז ס'טרעפט אַמאָל אַז גאָט, דער באַשאַפער פון דער וועלט, באַטראַכטנדיק זיין שטיקל אַרבעט, ווערט זייער צופרידן, און אויף זיין פּנים צעגיסט זיך אַ שמייכל... בלויז איין טויזנט־טויזנטס חלק פון אַ רגע שטראַלט דער שמייכל... אָבער פאַר דעם קינד, וואָס איז מזל'דיק געבוירן צו ווערן אין יענעם מאָמענט, זיינען אָפן אַלע הימלישע אוצרות פון חן און שיינקייט, חכמה און גבורה, רייכקייט און מדות שיינע... איז שלמה המלך, הייסט עס, געבוירן געוואָרן אין אַזאַ מאָמענט... מיר דוכט זיך, טאָכטער מיינע, אַז אויך דיין טאַטע איז אַ קינד פון יענער שמייכלדיקער רגע... ער האָט זיך אָבער אַזוי פאַרכלי־ניעט שעפּענדיק פון די אוצרות חן און שיינקייט, אַז ער האָט אפשר ניט גענוג גענומען פון די אַנדערע אוצרות... האָבן דערפאַר זייער ווייניק מענער אויף דער וועלט געקענט זיך פאַרגלייכן מיט אים אין חן און אין שיינקייט... וואו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, איז ער באַוואונדערט געוואָרן פון יעדן, אפילו פון מענער... אָבער פרויען זיינען אים ממש באַכגעלאָפן... אים פּשוט ביי די פּאָלעס געריסן. איך געדענק ווען מיר פלעגן ביידע, אַלס חתן־כלה, שפּאַצירן אין לאָנדאָן אויף דער וועסט ענד אָדער האַיד פּאַרק, פלעגן זיך אַלע אָפּשטעלן קוקן אויף אים. ער האָט געטראָגן העל בלויע קליידער, מיט אַ פעלערינע איבער זיינע אַקסלען, מיט אַ צילינדער. פלעג איך הערן ווי מען זאָגט: „דאָס איז אַוודאי אַן אַמבאַסאַדאָר, אָדער גאָר אַ פּרינץ...” און מיר האָט דאָס האַרץ געקוואָלן פאַר נחת... פרויען פלעגן זיך אומיסטן אָנשלאָגן אין אים, אָדער אים פּשוט אַ צי טאָן ביים אַרבל, כדי ער זאָל זיי באַמערקן אָדער שענקען אַ שמייכל... ס'קען זיין, אַז ווען ער וואָלט פון די אַנדערע הימלישע אוצרות, וואָס זיינען פאַר אים געווען אָפן, אויך גענומען גרעסערע פּאָרציעס, וואָלט ער מיט מער חכמה און טאַקט באַהאַנדלט זיין פּאָפּולאַריטעט ביי פרויען... זיך ניט אַזוי פאַרלוירן... אָבער ווי האָב איך געקענט האָבן שלעכטע געפילן צו אים?... פאַרקערט, איך בין אים מיין גאַנץ לעבן געווען דאַנקבאַר, און עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס גליק, וואָס איך האָב אים אָנגע־

טראָפּן אויף מיין לעבנס־וועג. ער האָט מיך פון מיין בידנעם וואָכעדיקן לעבן אַרויסגעריסן... פאַר מיר געעפנט נייע האָריזאָנטן... מיך דערהויבן, געגעבן מיר פליגל... מיך אַריינגעפירט אין אַ צויבער־וועלט... ווען ניט ער, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן? ווער וואָלט געוואוסט פון מיר? ווער וואָלט פון מיינע קינדער געהערט? ניין, טאָכטער, דיין טאַטע איז מיר גאָרניט שולדיק געבליבן. איך האָב ניט אין מיין האַרצן קיין בייזקייט צו אים.

„עס קען גאָר זיין, אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צו האָבן בייזע געפילן צו מיר... איך האָב דאָך א י ם אָפּגעג׳גט און ניט ער מ י ך. ער האָט זיך ביי מיר שטאַרק געבעטן און ממש געוויינט פאַר מיר, אַז איך זאָל דעם שריט ניט מאַכן... אַפילו ווען מיר זיינען שוין אַרויס פון געריכט מיט דעם גט, האָט ער זיך ביי מיר נאָך אַלץ געבעטן, אַז איך זאָל מיין באַשלוס ענדערן... איך צווייפל שטאַרק אויב אַן אַנדער פרוי אויף מיין אָרט וואָלט זיך אַנטשלאָסן אָפּצו׳גט׳ן יעקב פּ. אַדלער׳ן... און אַוודאי ניט איינע, וואָס איז אַליין אַ שוישפּילערין... אָבער עס זעט אויס אַז מיין באַלעבאַטישע היים האָט אין מיר איינגעפּלאַנצט אַ הייליקע באַציאונג צום פאַמיליע־לעבן... צום דעם וואָס מען רופט ביי אונז טהרת המשפּחה. אין מיינע אַלע יאָרן אין טעאַטער האָט אָט די באַציאונג מיינע אויף אַ האָר זיך ניט געענדערט...

„איך האָף אַז אין אַלע הינזיכטן האָב איך געטריי דערפילט מיין באַרוף אַלס שוישפּילערין, ערלעך געדינט דעם טעאַטער און אים געגעבן אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט... איך האָב אָבער ניט געקענט שלום מאַכן מיט דעם לייכטזיניקן, און טיילווייז פאַרשייטן, צוגאַנג, וואָס אַ היבשע צאָל טעאַטער־מענשן, סיי מענער און סיי פרויען, האָבן צו היים און פאַמיליע... ס׳איז מיר געווען שרעקליך דערווידער דער געדאַנק צו טיילן מיט אַנדערע מיין מאַנ׳ס ליבע און מיין מאַנ׳ס לאַסקעס... מעג דאָס זיין דער גאָט־געבענשטער יעקב פּ. אַדלער... איך האָב זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון אַלימענטן, צו דער גרעסטער איבעראַשונג און באַוואונדערונג פון ריכטער, ווען ער האָט מיר צוגעפּסק׳נט אַ געוויסע סומע געלט אַלס וועכנטליכע שטיצע פון אים... אַוודאי האָב איך מיט דעם אויף זיך גענומען יאָרן פון שווערער און ביטערער נויט... און זיכער דערמיט שטאַרק געזינדיקט קעגן דיר, צילי טייערע... דיין לעבן סיי אַלס קינד און סיי אַלס דערוואַקסענע, און אפשר אויך דיין קאַמף פאַר דיין קאַריערע, וואָלט געווען בעסער און באַקוועמער... דו האָסט אַ רעכט צו זיין בייז אויף מיר דערפאַר, ווייל איך האָב דאָס אַלץ געבראַכט אויף דיר... איך האָב אָבער אַנדערש ניט געקענט, מיין ליב קינד... דער באַלעבאַטישער שטאָלץ מיינער, האָט מיך ניט דערלאָזט צו האַנדלען אַנדערש...״

דער שטראָם פון רייד האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיין מאַמע׳ס פּייכטע, קלוגע, אָפּענע אויגן האָבן ווי מיט שולדיגקייט געקוקט אויף מיר... איך בין איר געפאַלן אויפ׳ן האַלז. דורך די טרערן, וואָס האָבן פון מיינע אויגן אַן אויפהער געפלאָסן, האָב איך געשעפּטשעט:

„איך דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו האָסט מיר אַזאַ מאַמען געגעבן... גלויב מיר, מאַמעניו טייערע, אַז איצט בין איך נאָך מער שטאָלץ מיט דיר. איך פיל זיך באמת ווי די גליקלעכסטע טאָכטער אין דער וועלט, וואָס איך קען דיך רופן מיין מאַמע...״

מיט דעם ענדיקט זיך דער עפּיזאָד. מיר דוכט זיך, אַז דער געשפּרעך מיינער מיט מיין ליבער טייערער מאַמען, איבערהויפּט איר וואונדערליכער מאָנאָלאָג, וואָס גיט איבער אַזוי פיל טיף־מענשליכע און ערליכע געפילן, איז זייער צוגעפּאַסט צו דינען ווי אַ פּראָלאָג צו מיינע זכרונות, און ספּעציעל צום ערשטן טייל: „מיינע עלטערן און איך״.

זיי מיין מאַמע, דיינאַ פיינמאַן, סיי מיין אמת׳ער טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, סיי „מיין צווייטער טאַטע״, זיגמונד פיינמאַן, וועלכער האָט מיט ברייטהאַר־ציקייט מיך אַרומגערינגלט מיט אמת־פאָטערלעכער ליבע און געטריישאַפט, — אַלע דריי זיינען זיי געווען פון די סאַמע וויכטיגסטע זיילן אין דער טעאַטער דינאַסטיע, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו באַשרייבן. וואָלט איך געדאַרפט אייך באַקענען כאָטש מיט די קינדער־יאָרן פון די דריי גרויסע פּערזענליכקייטן, כדי איר זאָלט פאַרשטיין דעם וועג, וואָס האָט זיי געפירט צום אידישן טעאַטער. האָט אָבער דאָס בייזע קאַפּריזנע לעבן מיך אין מיין פריסטער קינדהייט אָפּגעשיידט, דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט פון מיין גרויסן טאַטן יעקב פּ. אַדלער, און צו יונג בין איך געווען, ווען מיין צווייטער טאַטע, דער ליבער און האַרציקער זיגמונד פיינמאַן, איז אין 1909 פּלוצלונג געשטאָרבן אויף דער בינע, שפּילענדיק אין לאָדז. זייערע קינדער־יאָרן קען איך בלויז פון געלייענטע באַשרייבונגען. קען דערביי, פאַרשטייט זיך, ניט זיין דער „אינטימער בליק״, וואָס איך וואָלט וועלן געבן.

מיט מיין מאַמען, זעט איר, האָב איך געלעבט, געווען מיט איר אין דער נאָענטסטער באַרירונג צענדליקער יאָרן; געוואוסט איר יעדן ריר און קער, געקענט איר יעדע מינע, פאַרשטאַנען איר יעדן באַגער, איר יעדן קאַפּריז. פון אירע קינדער־יאָרן האָט זי אַליין מיר אַ סך מאָל דערציילט. קען איך מיט זיכערקייט אייך איבערגעבן אַלץ אַזוי אינטים, ווי נאָר אַ געטרייע

טאַכטער קען עס טאָן. מיינעביידע טאַטעס וועלן אַריינקומען אין מיין באַשרייבונג פון דעם מאָמענט ווען זייערע לעבנס האָבן זיי דערפירט צו מיין מאַמען.

אין א קליין פויליש שטעטעלע, ליפנא, פלאָצקער גובערניע, האָט מיין מאַמע צום ערשטן מאָל די ליכטיקע וועלט דערזען. זי איז קוים צוויי יאָר אַלט געוועז, ווען איר מאַמע צירל, נאָך ווען מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן, איז געשטאָרבן. איר פרומער טאַטע, מיין זיידע ר׳ יוסף חיים שטעטין, האָט אין גיכן אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט. דאָס יונגע ווייבל איז זייער גוט געוועזן צו מיין מאַמען, אַזוי אַז זי האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט צו באַקלאָגן אויף „צרות פון אַ שטיף מאַמע״. איז זי זיך געוואַקסן, די מאַמע מיינע, אין דעם כרך ליפנא, וואָס איז אין דער אמת׳ן געווען ווייט פון דער ליכטיקער וועלט, אַ שטעטעלע אָנגעפּיקעוועט מיט פרום אידישן שטייגער־לעבן, מיט אידישער טראַדיציע, אָבער זייער ווייט אָפּגעשיידט פון פּראָגרעס און מאָדערנעם לעבן.

די השכלה באַוועגונג איז נאָך דאַן צו ליפנא ניט דערגאַנגען. און פון אַזאַ זאַך ווי טעאַטער, האָבן זיי ניט געהערט, און אַוודאי ניט פון אידיש טעאַטער, וואָס איז נאָך דאַן געווען אין די סאַמע וויקעלעך, ערגעץ אין דרום רוסלאַנד און רומעניע. איז עס טאַקע עד היום פאַר מיר דאָס גרעסטע רעטעניש ווי אַזוי ביי מיין מאַמען האָט זיך נאָך אין אירע פריע קינדער־יאָרן, אין אַט דעם פאַרוואָרפענעם שטעטעלע ליפנא שוין גענומען פּיקען דער חשק זיך צו „פאַרשטעלן״, צו שפּילן טעאַטער. איר זייער פרומע און שטרענגע באָבע, איר טאַטנ׳ס מאַמע, האָט עס טאַקע גערופן — „ווילדע משוגע׳נע איינפאַלן״, „נאַרישע שטיק״, „ניט אַנדערש אַ לץ איז אין איר אַריין, אָדער אַ דיבוק, רחמנא לצלן״... אָבער איר וועט אַליין מוזן צוגעבן אַז דאָס איז געווען טעאַטער. אָט ווי מיין מאַמע האָט עס מיר אין אירע אייגענע ווערטער איבער־געגעבן:

„אין וואָס זיינען באַשטאַנען מיינע „נאַרישע שטיק״, „מיינע ווילדע, משוגע׳נע איינפאַלן״? זיי זיינען באַשטאַנען אין שפּילן טעאַטער. איך פלעג זיך אָנטאָן אין אַ לאַנגער ספּאָדניצע, פאַרבונדן מיין קאָפּ מיט אַ טיכל, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר׳ן גרויסן וואַנט־שפּיגל אין אונזער עס־צימער, און גענו־מען נאָכמאַכן אַלערליי גרימאַסן און באַוועגונגען פון אַן אַלטער אידענע. איך האָב איבערגעקרימט מיין פּנים אַזוי, אַז עס האָט געקראָגן אַלע קנייטשן פון אַ זקנה. דערביי פאַרזשמורעט די אויגן און גענומען רעדן און טענה׳ן מיט אַ הייזעריקלעך־צעבראָכן קול, די ווערטער זיינען ביי מיר אַרויסגעקומען ווי איך וואָלט קיין איין צאָן אין מויל ניט געהאַט. איך האָב אויך געפּרוווט נאָכמאַכן די קלאָג־ווייבער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען און הערן

ביי לוויות אין אונזער שטעטל. איך האָב אפילו געהאַט אַן עולם אויך. כמעט יעדן שבת בייטאָג, ווען די עלטערן פלעגן כאַפּן אַ דרימל נאָכ׳ן שבת׳דיקן טשאָלנט, האָבן זיך מיינע חבר׳טעס פאַרקליבן צו מיר אין שטוב, און איך האָב גענומען פראַווען מיינע שטיק... אַ סך צייט פלעג איך אויף דעם אין די מיטנוואָך טעג אָפּגעבן און בין שטונדן לאַנג געשטאַנען פאַר׳ן שפּיגל, און צוגעגרייט אַלץ נייע און נייע שטיק...״

איז ווי אַנדערש קענט איר דאָס רופן, אויב ניט טעאַטער?! און איז עס ניט די גרעסטע רעטעניש: ווי קומט עס צו מיין מאַמען, און ווי גראַמט זיך דאָס מיט ליפּנא?!

און כדי די רעטעניש נאָך בולט׳ער צו אונטערשטרייכן, וועל איך דאָ ברענגען אַן עפּיזאָד, פון מיין פרומען, נאַאיוון זיידן, רב יוסף חיים שטעטין, שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס וועט אייך קלאָר באַווייזן ווי ווייט עס איז געווען זיין צוריקגעשטאַנענקייט בנוגע טעאַטער. ער איז שוין דאַן געווען וואָסערע צוויי צענדליק יאָר אַוועק פון דעם „כרך״ ליפּנא, די מערסטע פון אָט־די יאָרן געוואוינט אין דער גרעסטער אייראָפּעאישער שטאָט, לאָנדאָן. זיין טאָכטער, מיין מאַמע, איז שוין דאַן געווען אַן אָנגעזעענע, באַרימטע אַקטריסע, זיין איידעם איז געווען דער „נשר הגדול״ יעקב פּ. אַדלער. איז אָט דער זיידע מיינער געקומען קיין אַמעריקע, מיטגעבראַכט מיט זיך זיין האַנדל מיט לאָטערעי־צעטלעך און געמאַכט וואָסער אויף קאַשע...

האָט יעקב פּ. אַדלער, האָבנדיק אַ זייער וואַרעם געפיל צו אים, געוואָלט עפּעס טאָן פאַר אים, העלפן אים מיט פּרנסה, האָט ער מיין זיידן געבראַכט אין זיין טעאַטער און געפרעגט אים: „וואָס אַ שטייגער, רב יוסף חיים, וואָלט איר דאָ אין טעאַטער געוואָלט טאָן? וואָס פאַראַ אַרבעט וואָלט אייך געווען צום האַרצן?... איר קענט דאָ מאַכן זייער אַ שיין לעבן?...

שטייט ער אַזוי, דער זיידע מיינער, באַטראַכט אַלץ, און קען זיך ניט באַשליסן. אָפּנעמען די טיקעטס ביי דער טיר? האָט ער מורא, אַז ביז ער וועט נעמען דעם טיקעט ביי איינעם, וועלן זעקס אַנדערע אַריין אָן טיקעטס... אין קאַסע האָט ער זיך ממש דערשראָקן פאַר די שאַפּקעס מיט טויזנטער טיקעטס... דאָס אַלץ האַלטן אויפ׳ן קאָפּ... הינטער דער בינע איז אַלץ אַזעלכע שווערע אַרבעטן... שטייט ער אַזוי מיט אַדלער׳ן אין אָרקעסטער, באַטראַכט די קלעזמער און רופט זיך אָפּ מיט אַ זיפץ: — „קלעזמעריי איז אויך ניט קיין לייכטע מלאכה״...

נאָר מיטאַמאָל האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. ער האָט אַדלער׳ן אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל: — „אָט זעסטו, יעקב, אָט דער וואָס שטייט און

מאַכט מיט׳ן שטעקעלע? דאָס קוקט מיר אויס ווי אַ גרינגע אַרבעט, דאָס, זעסטו, געפעלט מיר. דאָס וואָלט איך געקענט טאָן...

מעגט איר מיר גלויבן, אַז דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. דאָס איז באמת אַזוי געווען. איר זאָלט אָבער אויך ניט מיינען, אַז מיין זיידע איז געווען עפּעס אַן אָפּגעריסענער נאַר. חלילה, רב יוסף חיים שטעטין איז געווען פון די סאַמע אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל, אַ איד אַ יודע ספר, און מענשן זיינען צו אים געקומען נאָך עצות וועגן גאַר וויכטיקע ענינים... אָבער, ווי האָט ער וועגן זיך אַליין געזאָגט, „איך ווייס, אַז אין די־אָ ענינים בין איך אַן עם־הארץ"...

און זיכער זיינען אַלע אַנדערע אידן אין שטעטעלע ליפּנא געווען פּונקט אַזוי וועיט פון טעאַטער... איז, אַפּנים, צו מיין גרויס רעטעניש „ווי עס איז געקומען צו מיין מאַמען", דאָ נאָר איין באַשייד. און דאָס איז, אַז ביי אַ היבשער צאָל פון יענעם ערשטן דור שוישפּילער, איז דער געטלעכער פונק, דער באַרוף צו טעאַטער, געלעגן טיף אין זייער בלוט, און זיי האָבן דעם באַרוף זייערן געמוזט אויספאָלגן... בלויז אַט־דער דראַנג האָט זיי געגעבן דעם מוט און אויסדויער צו טראָגן דעם שווערן יאָך קעגן אַלע בייז־וויליקע שטרויכלונגען — ליידן הונגער און נויט, דורכגיין פיזישע און גייסטיקע יסורים און פּיין, און דאָך גיין אויף זייער שטעכיקן וועג צו שאַפן און פורעמען דאָס אידישע טעאַטער.

אמת, די מערסטע פון זיי האָבן פאַרמאָגט זייער ווייניק פון דעם בויטיקן וויסן, געווען זייער אָרעם אין גייסטיק־קולטורעלן באַגאַזש. איז דער־פאַר זייער ווערק אין אָנהויב געווען רוי און פּרימיטיוו. איז מיין באַוואונדע־רונג און דרך־ארץ נאָך טיפער און גרעסער פאַר דעם אויפטו און פאַר דער ירושה פון יענעם דור. זיי האָבן סוף כל סוף, דערפירט דאָס אידיש טעאַטער צו פאַריאָדן פון גאַר אַ הויכער מדרגה... פיל איך שטאַרקער דעם וויטיק ווען איך זע איצט, ווי דאָס אַלץ האַלט אין פאַרגיין...

װאָס וואָלט פון מיין מאַמען געוואָרן, ווען זי זאָל זיך געווען עלטערן אין קליינעם שטעטעלע ליפּנא, נעם איך זיך ניט אונטער צו טרעפן. איך צווייפל אָבער שטאַרק, אויב „אירע נאַרישע שטיק" און „משוגע׳נע איינפאַלן" וואָלטן איר אַזש פון ליפּנא דערפירט צו אַ טעאַטער־קאַריערע. אָבער ווי עס זעט אויס, איז דאָס פּלאַץ אין דער „טעאַטער־דינאַסטיע" שוין געווען אָנגעצייכנט פאַר איר — איר באַרוף איז שוין געווען באַשטימט, איר

גורל פאַרזיגלט. ווי זאָגט דאָס אידישע ווערטל — „וואָס באַשערט דאָס באַווערט״...

האָט איר טאַטע פּלוצים, פון העלער הויט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ליפּנא, און ער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. מיין מאַמע איז שוין דאַן געווען אַ מויד פון קנאַפּע אַכט יאָר. איז אָט ווי מיין מאַמע גיט עס איבער אין אירע אייגענע ווערטער:

איך, אַ מיידעלע פון 8 יאָר, קום פון אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל אין דער וועלט־שטאָט, לאָנדאָן. איך קום אין דער שטאָט, וואָס האָט מיר שפּעטער געגעבן אַזוי פיל גליק און ניט ווינציק צרות. געמאַכט מיין ערשטן שפּאַן אַלס שוישפּילערין דאָרט, וואו איך האָב געפונען צוערשט ליבע און דערנאָך ביטערע אַנטוישונג — לאָנדאָן וואו מיין יוגנט איז פאַרביי — וואו מיין שטערן איז אויפגעגאַנגען — וואו אַלץ וואָס איז שפּעטער געוואָרן טייער און הייליק, האָט זיך אָנגעהויבן״.

דער בייט פון דעם קליינעם, שטילן, רואיקן שטעטעלע אויף דער ריזיק־קאָכיקער לאָנדאָן, האָט היבשלעך געענדערט דעם לעבנס־שטייגער פון מיין מאַמע׳ס הויז־געזינד. ס׳איז געווען צו שווער פאַר׳ן זיידען צו שלעפּן דעם גאַנצן עול פון פרנסה פאַר ווייב און קינדער, ווי מען איז געוואוינט געווען צו טאָן אין די אידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילען, ליטא און רוסלאַנד. ליפּנער לאַנדסלייט אין לאָנדאָן האָבן לאַנג איינגע׳טענה׳ט מיט אים, ביז ער האָט ביי זיך געקענט באַשליסן צו לאָזן זיין דינה׳לען גיין אַרבעטן אין שאָפּ. דער שניידער־שאָפּ האָט טאַקע באַלאַנגט צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַן עמיגראַנט פון ליפּנא, וואָס האָט זיך אין לאָנדאָן אַרויפגעאַרבעט.

דער לאַנדסמאַן האָט געוואוסט דעם זיידנ׳ס יחוס, געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ, און עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד, וואָס רב יוסף חיים שטעטינ׳ס טעכטערל אַרבעט ביי אים אין שאָפּ. האָט ער זי זייער מענשלעך באַהאַנדלט, געהאַלטן אַן אויג אויף איר, זי אָפּגעהיט פון ניבול־פּה און אַנדערע גראָב־קייטן, וואָס שאָפּ־אַרבעטער ערלויבן זיך. אַזוי האָט דינה׳לע שטעטין, דאָס נאַאיווע קליין־שטעטלדיקע מיידל, דאָס צאַרט, באַלעבאַטיש קינד, אין אירע ערשטע אַרבעטס־יאָרן ניט צופיל געליטן פון די איבלען פון שאָפּ.

וועל איך איר שאָפּ־לעבן בלויז באַרירן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָט זי געפירט צום אידישן טעאַטער. אָבער איין טראַגי־קאָמישן אינ־צידענט מוז איך דאָ באַשרייבן. דאָס וועט אפשר אַ סך לייענער דערמאָנען אָן זייערע אייגענע גרינע יאָרן אין לאָנדאָן, אָדער אין ניו יאָרק. אגב, האָבן די פּאָר צענדליק יאָר פון דער גרויסער מאַסן עמיגראַציע, פון יענער צייט, געלייגט זייער שטעמפּל אויף דעם גאַנג פון אידיש לעבן אין דער גאָרער וועלט.

זיכער האָבן זיי אויסגעפּורעמט אונזער איצטיק לעבן דאָ אין אַמעריקע. פֿאַרדינען זיי כאָטש עטלעכע שורות אין מיין דערציילן. דער אינצידענט מיט מיין מאַמע'ן איז מן הסתּם, איינער פֿון טויזנטער ענליכע אינצידענטן פֿון יענע יאָרן:

אין אַ זייער הייסן, שטיקענדיקן טאָג אין לאָנדאָנער „ווייטשעפּל", וואו מיין מאַמע האָט געאַרבעט און געוואוינט, האָט זיך איר „באָס" פֿאַרגלוסט אַ קאַלטן טרונק. האָט ער געשיקט דיינע'ן זי זאָל אים פֿון אַ דערבייאיקן „סאַלון" ברענגען אַ „קופּל" ביר. דער סאַלון איז געווען בלויז אַ צוויי־דריי בלאָק פֿון שאַפּ, אָבער ניט אויף דער זעלבער גאַס. האָט מיין מאַמע לייכט געפֿונען דעם פּלאַץ, זי האָט געקראָגן דעם קופּל ביר מיט'ן הויכן שוים, און זיך געלאָזט גיין צוריק צו דערפֿרישן איר „באָס". טראָגט זי דעם קופּל אין דער אויסגעצויגענער האַנט, אירע אויגן צוגעקאָוועט צום ווייסן שוים, זי זאָל חלילה קיין טראָפּן ניט פֿאַרלירן. גייט זי זיך אַזוי פֿאָרזיכטיק און פּאַמעלעך, איר האַנט זאָל זיך ניט טרייסלען... זי גייט און גייט, ביז ס'הויבט זיך איר אָן צו דאַכטן, אַז עפּעס גייט זי שוין צו לאַנג... זי נעמט אַוועק די אויגן פֿון דעם ביר, ערשט זי דערקענט גאָרניט. ניט די גאַס, ניט די הייזער... הפּנים, אַז ווען אירע אויגן זיינען געווען פֿאַרנומען מיטן ביר, האָט זי זיך פֿאַרדרייט ניט אויפֿ'ן ריכטיקן „קאָרנער", און אַזאַ פֿאַלשער דריי אין לאָנדאָנער „ווייטשעפּל" קען אייך וויט פֿאַרפֿירן...

זי וויל אימיצן פֿרעגן, אָבער זי כאַפּט זיך, אַז זי ווייסט ניט וואָס צו פֿרעגן. ניט זי ווייסט דעם אַדרעס פֿון שאַפּ, ניט איר אייגענעם אַדרעס... זי האָט עס קיינמאָל ניט געדאַרפֿט. זי פֿלעגט גיין יעדן טאָג פֿון דער היים צום שאַפּ, און צוריק, לויט באַשטימטע סימנים אויפֿ'ן וועג. ביי די אייזערנע שטאַכעטן דאַרף זי זיך פֿאַרנעמען לינקס, און ביי יענער „בשר כשר" קראָם, דאַרף זי זיך נעמען רעכטס... אַזוי האָבן די מערסטע גרינע, אין יענע יאָרן זיך געפֿירט. ניט איין טראַגעדיע איז אַרויסגעקומען, ווען אַ גרינער פּאַרקן איז מיטאַמאָל אָפּגעפֿאַרבט געוואָרן אויף געל, אָדער אַ צעבראָכענער לאָדן איז פּלוצלונג פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַ נייעם...

און דאָ די צייט שטייט ניט... זי כאַפּט אַ קוק אויפֿ'ן קופּל ביר, און דאָס האַרץ פֿאַלט איר איין. קיין סימן ניטאָ מער פֿון שיינעם ווייסן שוים — כמעט האַלב ליידיק... וואו איז עס אַהינגעקומען? זי קען שווערן, אַז זי האָט קיין טראָפּן ניט פֿאַרלוירן... וואָס וועט דער „באָס" טראַכטן פֿון איר, ער וועט אפֿשר פֿאַרדעכטיקן, אַז זי האָט דעם שוים אַליין אויסגעזופּט... און דאָ פֿילט זי, אַז איר האַנט ווערט איר אַזוי שווער, די פֿיס ברעכן, זי איז דורכגעווייקט פֿון שווייס...

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ „סטופ״ און זיך ביטער צעוויינט...
אַ פּאָליסמאַן האָט זי דערזען און איז צוגעקומען צו איר; וואָס ער האָט בײַ זיך געטראַכט ווען ער האָט דערזען אַ קליין, שיין מיידעלע מיט אַ גרויסן האַלבן קופּל ביר אין האַנט... דאָס וועל איך לאָזן צו אייער אייגענער פאַנטאַזיע... פון די געציילטע פאַרגרייזטע ווערטער אין ענגליש, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט, האָט ער גאָרניט געקענט דערגיין. האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, דער לאָנדאָנער „באַבי״, ווי זי אָפּפירן אין פּאָליס סטעישאָן. ערשט העט פאַרנאַכט איז איר טאַטע, אַ צום טויט דער־שראָקענער, מיט דעם באָס, אַ שטאַרק פאַרשולדיקטער, געקומען און זי גענומען אַהיים...

ווי געזאָגט, האָבן די עטליכע יאָר אין שאָפּ מיין מאַמע׳ן קיין גרעסערע צרות ווי די מעשה מיט דער גלאָז ביר, ניט פאַרשאַפט. אומדירעקט אָבער, האָט דער שאָפּ איר דערפירט צו איר קאַריערע אויף דער בינע. זי האָט איינמאָל דערהערט ווי עטליכע אַרבעטער רעדן וועגן אידיש טעאַטער, דערמאַנען און פּרובירן זינגען לידלעך, וואָס זיי האָבן דאָרט געהערט. און כאָטש זי האָט קיין שום באַגריף ניט געהאַט, וואָס דאָס איז אַזוינס, האָט עס אין איר דערוועקט אַ מאָדנע אומרואיקייט. זי האָט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט זיך צוגעהערט און אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט; און אַ געדאַנק האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין איר מוח, אַ שטאַרקער חשק צו גיין זען אידיש טעאַטער. זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו טראַכטן דערפון און גלייכצייטיק זיך געשראָקן און מורא געהאַט. זי האָט געוואוסט אַז אין דער היים טאָר זי עס אפילו אויפ׳ן מויל ניט ברענגען.

אין באַלעבאַטישע אידישע הייזער איז אין יענע יאָרן טעאַטער געווען אַן אָפּגעפרעגטע זאַך, ערגער פון ערגסטן. בײַ איר טאַטן אַוודאי און אַוודאי. איז אָט דער געוואַגטער געדאַנק, צו גיין זען אידיש טעאַטער בײַ איר געוואָרן אַ חלום, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע יונג־מיידלשע חלומות, וואָס קומען אויף און פאַרגייען...

אָבער אַז ס׳איז באַשערט איז דאָך ניט שייך. האָט איינמאָל אירע אַ שאָפּ חבר׳טע איר דערציילט, אַז זי האָט אַ נאָענטע חבר׳טע, וואָס איז אַ כאָריסטקע אין אידישן טעאַטער, און אַז יענע וועט איר נעמען צו אַ פאָר־שטעלונג איבעראַכטאָג מיטוואָך. דאַרף איך אייך קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן. איר פאַרשטייט שוין אַליין, אַז מיין מאַמע איז יענעם אויפ־דערנאַכט געגאַנגען מיט איר חבר׳טע צו זען איר ערשטע טעאַטער פאָרשטע־לונג. וועל איך אייך ניט דערציילן וועגן די אַלע איינפאַלן און תירוצים, וואָס זי האָט געדאַרפט אויסטראַכטן פאַר איר טאַטן און גאַנצן הויזגעזינט, כדי

צו קענען דורכפירן איר געוואָגטן פּלאַן... איך וואָלט אָבער שטאַרק גענייט־דיקט קעגן געשיכטלעכן טייל פון מיין דערציילן איך זאָל אייך ניט איבערגעבן אין מיין מאַמע׳ס אייגענע ווערטער איר איינדרוק פון יענער פאָרשטעלונג.

„ווען איך בין מיט מיין חבר׳טע צוגעקומען צום פּלאַץ און זי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז עס, האָב איך מיינע אויגן ניט געגלויבט. פון זינט איך געדיינק זיך, האָב איך זיך געשראָקן און ווי גע׳מיאוס׳ט פאַר אַ שענק, פאַר אַ סאַלון. און אָט שטיי איך פאַר אַזאַ פּלאַץ און אַהער דאַרף איך אַריינגיין צו זען אידיש טעאַטער. עס איז מיר געוואָרן זייער טרויעריק אויפ׳ן האַרצן. ווען איך בין אין גרויס שרעק אַריבער די שוועל, האָב איך דערפילט נאָך ערגער. אַ לאַנגער גרויסער באַראַק, שמוציקע פאַרפלעקטע ווענט; דער דיל דיק באַשאָטן מיט זעגעכץ, אָנגעשטעלט מיט בענקלעך און טישלעך. דער גערדיכטער רויך האָט זיך מיר איינגעגעסן אין די אויגן, דער גערוך פון ביר האָט מיר געביסן אין נאָז. איך האָב געפילט ווי צום חלש׳ן...

„מיין ערשטער אימפּולס איז געווען צו אַנטלויפן. אָבער מיין חבר׳טע האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט און געפירט צום צווייטן עק. דאָרט האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט מיר געוויזן אויף אַ ברודיקן פאָרהאַנג, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין וואַנט צו דער צווייטער און מיר געזאָגט, אַז דאָרט איז די בינע. ווען דער פאָרהאַנג וועט זיך עפענען, וועט זיך אָנהויבן דער שפּיל.

„מיינע אויגן האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צום רויך און דער פּאַרע, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל. איך האָב דערזען ביי די טישלעך זיצן מענער, פרויען און קינדער. פון צעעפענטע פּאַפּירענע פּעקלעך עסט מען אַלערליי מאכלים, מען טרינקט ביר, קוואַס אָדער טיי. מען רעדט, מען שרייט, מען קריגט זיך... נאָר אָט אינמיטן דעם שרעקליכן טומל איז אונטן ביים פאָרהאַנג ליכטיק געוואָרן. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך דער פאָרהאַנג צעעפנט. פון יענער מינוט, איז דער זאַל, דער עולם, די גאַנצע אומריינקייט מיט דער שלעכטער אַטמאָספערע, אַלץ — איז פאַרשוואונדן געוואָרן. איך האָב זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אויף דער בינע, נאָכגעפאָלגט יעדן ריר און קער פון די אַקטיאָרן און די אַקטריסעס, ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון מויל. איך בין ווי היפּנאָטיזירט געוואָרן, פאַרטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער וועלט. אָט וויינען זיי, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ; אָט לאַכן זיי, זינגען און טאַנצן... און כאָטש דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך האָב געזען דאָס וואָס מען רופט טעאַטער, האָב איך עפּעס געפילט אַז עס איז מיר ניט אינגאַנצן פרעמד. עס האָט מיר ווי דערמאָנט מיינע „נאַרישע, ווילדע שטיק״, וואָס איך פלעג

פראָוועץ אין מיין שטעטעלע ליפּנא... וואָכן און חדשים נאָך יענער פאָר־שטעלונג בין איך געווען ווי אין אַ היבערפלעט... איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין״.

זייער אָפט פלעגט מיין מאמע מיר דערציילן פון יענע טעאַטער יאָרן און פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס איז דאַן אויסגעקומען צו שפּילן, און ווען איך דערמאָן זיך אין דעם, טוט מיר ווי דאָס האַרץ פאַר די ריזן פון אונזער „טעאַטער דינאַסטיע״ וואָס האָבן אונטער אַזעלכע שרעקלעכע, כמעט שענדלעכע באַדינגונגען געגרינדעט און געפורעמט דאָס אידישע טעאַטער...

און אַ פּחד באַפאַלט מיר ווען איך זע די געפאַר אַז זייער גאַנצע מי און פּראַצע זאָלן חלילה ניט אַוועק אין ניוועץ מיט דעם איצטיקן חורבן פון אונזער טעאַטער.

זינט יענער ערשטער אידישער פאָרשטעלונג וואָס מיין מאַמע האָט אַלס 12־13־יאָריק מיידעלע געזען אין אַ ביר סאַלון אין לאָנדאָן, איז דאָס שטיל באַלעבאַטיש, דריבנע לעבן אין איר היים, אין וויטשעפל, איר געוואָרן שווער, פּוסט און איבערדריסיק. זי האָט עס זייער טרעפליך אויסגעדריקט אין עטליכע געציילטע פראַזן:

„איך האָב עפּעס פּלוצלונג דערפילט אַ מין ליידיקייט אין מיין האַרצן, ווי עפּעס פעלט מיר. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין טאָג־טעגליך לעבן איז נאָר אַן איבערקומעניש. אַלץ וואָס איך טו איז בלויז אויף דערווייל... אָט, אָט, און עס וועט פאַרביי... איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס עס פעלט מיר, אויף וואָס איך וואַרט... איך האָב אָבער געהאַט דעם געפיל, אַז עפּעס וועט געשען״.

און אָט האָט זי אין אַ צייטונג דערזען, אַז מען זוכט כאָריסטקעס פאַרן אידישן טעאַטער. איר האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן... איר יונג רויט־האָריק קעפּל האָט גענומען אַרבעטן און פאַרמירן פּלענער...

מיין מאַמע איז געווען געבענטשט מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זי האָט כסדר געהאַט דעם מוט צו מאַכן געוואַגטע באַשלוסן און זיי אויך דורכפירן. אין איר פאַרפלאָנטערטן לעבן איז זי אַ סך מאָל געשטעלט געוואָרן פאַר זייער שווערע און וויכטיגע אַנטשיידונגען; אַזעלכע, וואָס האָבן דעם גאַנצן גאַנג פון איר לעבן געענדערט... איר פעסטער כאַראַקטער איז איר שטענדיק בייגעשטאַנען. עס זעט אויס, אַז אָט דער שטריך אין איר כאַראַקטער איז שוין אין איר פריסטער יוגנט ביי איר געווען איינגעוואָרצלט, ווייל עס איז גאָר

ניט געווען קיין קלייניקייט פאַר דער קליינער באַלעבאַטיש־דערצויגענער דיינע׳לע צו באַשליסן זיך אָפּצורופן אויף דעם אַנאָנס וועגן כאָריסטקעס...

עס איז איר היפשלעך שווער אָנגעקומען צו באַהאַלטן דעם סוד פון איר היים, אַז זי האָט געזען אַ אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג. קענט איר שוין זיך אַליין פאָרשטעלן דעם גערעדנגל וואָס זי האָט, נעבעך, געמוזט דורכמאַכן אין איר יונג מוח׳ל, צו טראַכטן וועגן ווערן אַ טייל פון אידישן טעאַטער בסוד פון איר היים. זי האָט אָבער דעם באַשלוס געמאַכט.

וואָלט אַוודאי כדאי געווען דאָ צו דערציילן מיט אַלע איינצלהייטן, מיין מאַמע׳ס אַריינטריט אין אידישן טעאַטער און אירע ערשטע טריט אויף דער בינע. אָבער ווען איך זאָל זיך פאַרנעמען אויף די וועגן, האָב איך מורא אַז מיין דערציילן וועט זיך פאַרציען צו־לאַנג און איך וועל קיינמאָל צו מיין אייגן לעבן ניט צוקומען. נאָך אַלעמען, דאַרף דאָך דאָס זיין מ״ין לעבנס־באַשרייבונג. וועל איך דערפאַר בלויז אָנרירן די קאַריערעס פון מיין מאַמען, פון מיין טאַטן יעקב פּ. אַדלער, און פון מיין צווייטן טאַטן, זיגמונד פיינמאַן, אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט מיין ווערן אַ טייל פון זיי.

האָב איך דאָך די זכיה, שרייבנדיק וועגן די גרויסע בינע־פערזענליכ־קייטן, צו קענען רופן דעם טייל — „מיינע עלטערן און איך״.

איך וויל אויך, באַווירקט פון מיין גרויסן דרך־ארץ פאַר יענעם ערשטן דור אידישע שוישפּילער, באַרייכערן מיין באַשרייבונג מיט דערמאָנען דעם שוין כמעט פאַרגעסענעם נאָמען פון דעם סאַמע ערשטן אידישן שוישפּילער, ישראל גראָדנער. אַגב, האָט ער געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס מיין מאַמע׳ס חלום וועגן אַ טעאַטער־קאַריערע איז פאַרווירקליכט געוואָרן. און דאָס האָט דאָך שוין גאָר אַ דירעקטע שייכות מיט מיין אייגן לעבן. וועל איך זיך דאָ בלויז ערלויבן צו ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון עטלעכע באַשריי־בונגען וועגן ישראל גראָדנער, באַשרייבונגען פון מענטשן וואָס האָבן דורכגע־לעבט די עפּאָכע פון די „בראָדער זינגער״, די פאָרלויפער פון אונזער אידישן טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדן, דער פאַקטישער גרינדער פון אונזער טעאַטער, באַ־טיטלט אים בפירוש אַלס „דער ערשטער אידישער אַקטיאָר״. ער שרייבט וועגן אים:

„ישראל גראָדנער האָט, אַחוץ זיינע גרויסע קינסטלערישע פעאיקייטן, אויך פאַרמאָגט אַ רייכן אונטערנעמונגס־גייסט. אין דער צייט ווען אַנדערע לידער־זינגער זיינען אַרומגעפאָרן אין די קליינע שטעטלעך, געזונגען אין שענקען און אין וויין־קעלערס, אָדער גאָר ביי אימעצן אין קיך, און זיינען

נאָכדעם אַרומגעגאַנגען מיט אַ טעלער, וואו אַחוץ אָרעמע מטבעות, האָבן זיי געקראָגן אַ היבש ביסל זידלעריי און קללות... האָט שוין ישראל גראָדנער געהאַט דעם מוט צו קומען אין גרויסע שטעט, אָפּזוכן אַ גרויסן זאַל, אויפֿשטעלן אַ בינע, צוגרייטן נומערירטע בענקלעך, דרוקן קליינע אַפּישלעך און פּאַרקויפֿן בילעטן... אין זיינע לידער פֿלעגט ער אַרויסטרעטן אין אין קאָסטיום און גרים... אַ דאַנק גראָדנער'ן, איז ביי מיר פֿאַרטיק געוואָרן דער געדאַנק, זיך ערנסט נעמען צו דער גרינדונג פֿון אַן אַמת'ן אידישן טעאַטער"...

אונזער אייגענער ראוב'עלע ווייסמאַן, איינער פֿון די ערשטע סופּליאָרן ביי'ם אידישן טעאַטער, דער פֿאָטער פֿון די צוויי באַרימטע שוישפּילערינס דאָראַ און בעסי ווייסמאַן, דערציילט:

„ישראל גראָדנער'ס מימיק און באַוועגונג זיינען געווען פֿון אַ ריכטיקן אַקטיאָר, וואָס מען האָט נאָך ביז דעמאָלט ביי אידן אַזוינס ניט געזען...

מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, זאָגט:

„ישראל גראָדנער איז געווען דער ערשטער פֿאָלקס־זינגער וועמען איך האָב געזען צוזאַמענשטעלן בילדער און סצענעס פֿון אידישן לעבן"...

עס איז באמת אַ שאָד, וואָס אָט דער אידישע קינסטלער איז אַזוי פֿרי פֿון דער וועלט אַוועק... ער איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין זיינע פֿערציקער יאָרן. און, ווי אַ פֿאָרוואורף צו אונזער טעאַטער־וועלט, וויל איך דאָ פֿאַרצייכנען, אַז ביז היינט־צו־טאָג איז אויפֿ'ן סטראַטפֿאָרד בית־עולם, אין ענגלאַנד, ניטאָ קיין מצבה אויף זיין קבר...

אָט דער ישראל גראָדנער איז עס געווען דער דירעקטאָר פֿון דעם אידישן טעאַטער, מ'שטיינס געזאָגט, אין וועלכן מיין מאַמען איז אויסגעקומען אָנצוהייבן איר קאַריערע. דאָס איז געווען אין אָנהייב פֿון די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. עס איז נאָך דאַן בכלל געווען אַ מאַנגל אין פֿרויען פּערסאָנאַל אויף דער אידישער בינע. אַזעלכע באַלעבאַטיש־נאַאיווע מיידלעך, ווי מיין מאַמע, זיינען גאָר געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. האָט ישראל גראָדנער זי אויפֿגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב, און סיי ער, סיי זיין פֿרוי, אַנעט גראָדנער, האָבן זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט איר, זי געהיט פֿון שטרויכלונגען און בכלל איר אַרומגערינגלט מיט וואַרימקייט און האַרציקער געטריישאַפֿט. זי האָט אַפֿילו גלייך אָנגעהויבן קריגן אַ געהאַלט פֿון צוויי שילינג אַ וואָך.

עס איז אויך כדאי דאָ צו פֿאַרצייכנען, אַז צווישן די עטליכע מיידלעך אין כאָר איז געווען איינע, וואָס האָט זיך גאָר נאָענט פֿאַרהאַלטן מיט מיין מאַמע'ן, און אָט וואָס מיין מאַמע דערציילט וועגן איר:

„חנה'לע, האָט זי געהייסן. זי איז געווען אַזוי אָרעם, אַז איך פֿלעג

איר דאַרפֿן לייען מיינע אַ פּאָר שיך, אַ קליידל, אָדער אונטערוועש און גאַנץ אָפּט זיך טיילן מיט איר מיט אַ מאָלצייט. זי איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פֿון מיר. זי פֿלעגט לאַכן פֿון מיין נאַאיוויטעט און מיין ערנסטער באַציאונג צום טעאַטער. אָבער שיין איז זי געווען ווי די גאַנצע וועלט — אַזאַ פֿיגור, אַזעלכע אויגן זעט מען זעלטן. דו וועסט זען, דינעלע, לאָרדן, פּרינצן און קעניגע וועלן ליגן ביי מיינע פֿיס, אַלע לוקסוסן פֿון דער וועלט וועלן זיין מיינע, פֿלעגט זי טרוימען אויפֿ'ן קול. און ס'איז אַלץ מקוים געוואָרן...״

איך דאַרף אייך קיין סך ניט דערציילן פֿון איר. איך וועל אייך בלויז זאָגן, אַז דאָס איז געווען די שפּעטערע וועלט־באַרימטקייט — אַננאַ העלד, די קעניגין פֿון די אַמעריקאַנער זיגפֿעלד פֿאַליס און די פֿרוי פֿון פֿ. זיגפֿעלד.

האָט מיין מאַמע, אַלץ בסוד פֿון איר היים, געזונגען אין כאָר, אַמאָל געקראָגן אַ ראָלעכל פֿון עטליכע ווערטער, און איינמאָל, דורך אַ צופֿאַל, גע־שפּילט די קליינע דראַמאַטישע ראָל פֿון דער אַם אין „שולמית״. איך דערמאָן עס דאָ בלויז דערפֿאַר, ווייל ס'איז איר צונויצגעקומען אין איר באַגעגעניש מיט מיין טאַטן, יעקב פּ. אַדלער.

איך פֿיל אַז איך וואָלט באַגאַנגען אַ זינד, ווען איך זאָל אייך באַרויבן פֿונ'ם פֿאַרגעניגן און ניט איבערגעבן אַ קורצע רעדע פֿאַר'ן זאַגענאַנטן פּובליקום, וואָס ס'האָט געהאַלטן דער באַלעבאָס פֿונ'ם סאַלון, וואו זיי האָבן געשפּילט:

„איר זעט, דאָס טעאַטער איז האַלב ליידיק? נו, פֿרעג איך אייך, אַזעלכע חזירים, אַזעלכע פּאַרכעס! טעאַטער געב זיי! עקטערס ברענג פֿאַר זיי ארונטער! אַ כאָליערע קומט זיי, ניט קיין עקטערס! אַ כוואָראָבע דאַרף מען זיי געבן ניט קיין טעאַטער!... איז, זאָג איך אייך, אויב עץ וועט קימען צי אינז און ברענגען די פֿאַר שילינג, וועלן די עקטערס האָבן וואָס צו קייען... אויב עץ וועט ניט קימען, וועלן די עקטערס פּעכנען אויפֿ'ן פּיסק, אין עץ וועט זיין גרויסע פּאַרכעס, און שוין!...״

אָבער אפֿילו אָט דער „איידעלער״ און האַרצרייסנדער אַפּיל האָט ניט געהאָלפֿן. די געשעפֿטן זיינען געגאַנגען ערגער און ערגער. דאָס טעאַטער האָט מער ניט געקענט זיך האַלטן, און ס'האָט זיך געשלאָסן. די גראָדנערס זיינען אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען אויף זייער אָרט געבראַכט קיין לאָנדאָן דעם וועלט־באַרימטן יעקב פּ. אַדלער מיט זיין דאַמאָלסטיקער „לידינג לעידי״, קעני ליפּצין.

מיין מאַמע, וועלכע האָט הויך געשעצט די גראָדנערס און איז זיי געווען אמת געטריי, האָט עפּעס געפילט, אַז ס'וועט ניט זיין שיין און לייטיש פון איר זייט, אויב זי וועט זיך באַטייליקן אין פאָרשטעלונגען מיט די וואָס פאַרנעמען דעם אָרט פון די גראָדנערס. זי האָט אַפילו שטאַרק באַקעמפט איר גרויסן חשק צו גיין זען אַ פאָרשטעלונג פון דער נייער טרופּע. אָבער איינמאָל גייענדיק אויף אַ שפּאַציר מיט איר'ס א חבר'טע, האָט איר יענע צוגעפירט צו אַ רעסטאָראַן וואו זי האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט אירער אַ קוזינע וואָס האָט געזונגען אין אַדלער'ס טרופּע און אַריינקוקנדיק דורך דעם פענסטער אין רעסטאָראַן האָט איר יענע אָנגעוויזן: „אָט דאָרט זיצט אַדלער, אָט דער מיט'ן גרויען קאָפּ"...

מיין מאַמע איז געבליבן ווי צוגעקאָוועט צו איר אָרט און די אויגן ניט געקענט אַראָפּנעמען פון וואונדערליכן אימפּאָזאַנטן קאָפּ... און אָט זעט זי ווי אַדלער הויבט זיך אויף און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. זי האָט גע־נומען שלעפּן איר חבר'טע, זיי זאָלן אַוועקגיין, אָבער דערווייל איז שוין יענער'ס קוזינע געשטאַנען לעבן זיי, און איידער וואָס ווען איז אַדלער אַרויסגעקומען. ער איז צוגעקומען נאָענט צו זיי — „זע נאַר־זע, שטייען זיך דאָ אַזוי דריי קראַסאַוויצעס"... מיין מאַמע דערמאָנט יענע סצענע אַזוי:

„מיר איז געוואָרן הייס און קאַלט, איך האָב דערפילט אַז מיין פּנים ברענט. די כאָריסטקע האָט אונז פאָרגעשטעלט און ווען אַדלער האָט מיט זיין האַנט מיך אָנגענומען ביי מיין גאָמבעלע און מיר געקוקט גלייך אין די אויגן, האָבן זיך מיר די פיס מיינע ממש אונטערגעהאַקט. איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. איך האָב קוים געהערט ווי ער האָט געזאָגט, „העי, ביזט דאָך גאָר אַ שיין בובציקל"... איך געדענק ניט ווי אַזוי מיר האָבן זיך צעשיידט, ווי אַזוי איך בין אַהיים געקומען... אין שטוב האָבן זיי מיך געפרעגט וואָס מיר איז, צי פיל איך חלילה ניט מיט אַלעמען"...

מיין מאַמע האָט שוין נאָכדעם מער ניט געקענט קעמפן מיט איר לאָיאַליטעט צו די גראָדנערס, און זי איז אַוועק אין טעאַטער זען אַדלער'ס אַ פאָרשטעלונג. דורך דער צייט האָט זיך דאָס אידישע טעאַטער אַריבערגעצויגן אין דעם פרינצעס קלוב. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ דיקלעכער פאַר־שוין, וואָס האָט מיין מאַמע'ן געזאָגט, אַז כדי אַריינצוגיין אין טעאַטער מוז זי קויפן אַ בילעט. זי האָט זיך מיט אים גענומען אַמפּערן אָבער פונקט דאַן איז אַדלער אַרויסגעקומען פון דער קאַסע. — ער האָט זי ניט דערקענט. — מיין מאַמע מאָלט אָפּ די סצענע אַזוי:

ער איז צוגעקומען צו אונז און געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר. דער דיקלעכער פאַרשוין ענטפערט:

„ס׳איז גאָרניט, מר. אַדלער, עפּעס אַ שוואַרץ יאָר וויל זיך אַריינ׳גנב׳נען אין טעאַטער״.

זיין ענטפער האָט מיך אויפגערעגט: „ווי וואַגט איר אַזוי צו ריידן וועגן מיר?! איך וויל זיך ניט אַריינ׳גנב׳נען, איך האָב דאָ מער רעכט צו זיין ווי איר!״

דאָ רופט זיך אַדלער אָן: „נו, מיידעלע, זיי ניט אין כעס. אויב דו ווילסט אַריינגיין, מוזטו האָבן אַ בילעט״.

„איך בין אייך ניט קיין מיידעלע״, האָב איך זיך נאָך שטאַרקער צעקאָכט, „אויב איר ווילט מיר ניט אַריינלאָזן, בין איך אייך מוחל דעם גאַנצן טעאַטער״.

„נו, קראַסאַוויצע, קאָך זיך ניט אַזוי, אָדער אפשר קאָך זיך יאָ. ווייַ דו ביזט אין כעס און צעפלאַמט, קוקסטו אויס וואונדערלעך שיין. מיט וואָס האָסטו עס אַזאַ רעכט צום טעאַטער?״

„ווייל איך בין אַן אַקטריסע״.

„אַזוי גאָר, אַן אַקטריסע?! וואָס און מיט וועמען האָסטו געשפּילט?״

„איך האָב געשפּילט מיט די גראָדנערס און איך האָב געשפּילט די אַם אין שולמית!״ — האָב איך אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, ווי דאָס וואָלט געווען כאָטש די „קאַמעליען דאַמע״...

„דאָ האָט זיך אַדלער אַ קער געטאָן צום דיקליכן פאַרשוין און אַ זאָג געטאָן מיט גרויס פּאָמפּ:

„נו, ווי וואַגסטו טאַקע איר ניט אַריינצולאָזן אין טעאַטער?! אַן אַקטריסע, דו האָסט געהערט?... זי האָט דאָך געשפּילט די אַם אין שולמית!!״

„איך האָב געפילט, אַז ער מאַכט שפּאָס פון מיר... אָבער זיינע שמייכל־דיקע אויגן האָבן געהאַט אַזאַ צויבער, אַז איך האָב ניט געקענט זיין אין כעס אויף אים... בפרט ווען ער האָט מיט אַ ברייטן זשעסט אַליין פאַר מיר געעפנט די טיר און מיר אַריינגעלאָזט אין טעאַטער...״

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און מיין מאַמע איז ווידער אריינגעטראָטן אין טעאַטער. אַדלער האָט זי זייער פיין באַהאַנדלט, איר אָפט געלאָזט שפּילן קליינע ראָלן, איר געלערנט בינע טעכניק, די קונסט פון גרים און, בכלל, זיך אָפּגעגעבן מיט איר.

אַוודאי איז זי געווען איבערגליקלעך פון דעם פּראָגרעס, וואָס זי האָט געמאַכט אין איר שפּילן. זי האָט ממש געשוועבט אין די הימלען פון דעם וואָס אַדלער גיט זיך אַזוי די מי מיט איר און אַנערקענט זי אַלס אַקטריסע...

זי האָט אָבער אָפט געליטן יסורים פון עפּעס, וואָס זי האָט בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן. — קעני ליפּצין האָט זי פאַרפאָלגט, אַרויסגעוויזן אָפענע שנאה צו איר, איר אָפט באַליידיקט... פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!...

ווען מען האָט איר ערקלערט, אַז די ליפּצין איז אייפערזיכטיג און פאַרגינט איר ניט, וואָס זי איז יונג און שיין, האָט זי ניט געקענט באַנעמען... ס'האָט איר ווי געטאָן... איר ערשטע באַגעגעניש מיט ביליגע טעאַטער אינטריגעס און קליינלעכע אַקטיאָרישע אייפערזוכט האָבן איר צעטרייסלט...

טוט מיר אַוודאי ווי דאָס האַרץ פאַר מיין יונגער, באַאיוועך, טייערער מאַמען... אָבער ווען איר וועט קומען בשלום צו מיינע אייגענע ביטערע יסורים און זען, ווי אַזוי די הינטער־קוליסן אינטריגעס פון אונזער טעאַטער האָבן אויף מיר ממש געהאַגלט, וועט איר מיין מאַמעס ליידן אינגאַנצן פאַרגעסן...

אָבער סיי־ווי די ליפּצין איז אינגיכן אַוועק פון לאָנדאָן. די גראָדנערס זיינען צוריקגעקומען צו שפּילן מיט אַדלער'ן און מיין מאַמע'ס גליק איז געווען פאַרפילט. ביז, ביז יענעם אומגליקלעכן אָוונט...

דאָס איז געווען ביי אַ פאָרשטעלונג פון דער באַרימטער אָפּערעטע „זשידאָווקאַ". מיין מאַמע האָט געשפּילט די פּרינצעסין. אַ ראָלע וואָס האָט זיך זייער געפּאַסט צו איר שיינקייט און איידלקייט. איז אָבער די צרה געווען, וואָס זי האָט געמוזט אָנטאָן אַ קלייד פון סאַמעט און בראָקאַט, באַצירט מיט אַלערליי פּאַטשערקעס און בליאַשקעס און מיט אַ לאַנגן שלעפּ. דערצו איז דאָס קלייד געווען מיט עטלעכע „סאַיזעס" גרעסער ווי מיין מאַמע'ס 15 יאָריג קליין איידל פיגורקעלע. אַזוי אַז מען האָט זי געמוזט היפּשליך אויס־בעטן. און ווען מ'האָט זי ענדלעך אַריינגעשטעלט אין קלייד, האָט זי זיך פּשוט ניט געקענט רירן. דאָס אויסגעבעטעכס און דאָס קלייד האָבן געוואויגן צוויי מאָל אַזוי פיל ווי זי אינגאַנצן. ביז זי איז פון גאַרדעראָב דערגאַנגען צו דער בינע האָט זי זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער לאַנגער שלעפּ און איז עטלעכע מאָל געפאַלן... מיט גרויס מאַטערניש האָט זי אָפּגעשפּילט די ערשטע סצענע. זי האָט געפילט אַז זי ווערט דערשטיקט. אַ חלשות איז איר באַפאַלן. מיט צרות האָט זי זיך דערשלעפּט צו דער גאַרדעראָב. אין גרעסטן אימפּעט האָט זי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער געפערלעכער קלייד. אַ באַפרייטע איז זי געזעסן און מיט מורא געטראַכט פון דער צווייטער סצענע, וואָס דאַרף באַלד קומען. זי האָט פעסט באַשלאָסן, אַז אין דעם פאַנצער־קלייד וועט זי זיך מער ניט לאָזן איינשפּאַנען...

זי האָט דערזען אויף דער וואַנט הענגען אַ שיין לייכט קליידל, וואָס זי האָט

אַלס דאָרפס־מיידל געטראָגן אין אַ פריערדיקער פּיעסע. זי האָט שנעל אָנגעטאָן אָט דאָס קליידל, און איז אַרויף אויף דער בינע צום קעניגלעכן באַל...

„איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן" — דערציילט די מאַמע, — „אַדלער׳ס אויגן ווען ער האָט מיך דערזען אויף דער בינע אין דעם ניי־מאָדנעם פּרינצעסין־קלייד. זיין שטענדיקער צויבער־שמייכל איז פאַרשוואונדן... זיינע אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן און געשאָסן מיט פייער... אַ שרעק איז מיך באַפאַלן קוקנדיק אויף אים... פון זיין שרייענדיקן באַפעל אַז איך זאָל זיך תיכף גיין איבערטאָן, האָב איך זיך דערפילט קליין און נישטיק... איך בין אַנטלאָפן אין גאַרדעראָב און זיך ביטער צעוויינט. אַדלער׳ס פייערדיקע בליקן האָבן ווי אויסגעלאָשן מיין וועלט פאַר מיר... איך האָב דערפילט אַז איך מוז אַנטלויפן פון דאַנען... אַנעט גראָדנער איז באַלד אַריינגעקומען, מיך גענומען אין אירע אָרעמס, און ווי אַ געטרייע מאַמע האָט זי מיך געטוליעט צו זיך, און האַרציק גערעדט צו מיר... מיך באַרואיקט".

אָבער דערמיט האָט זיך יענער שרעקלעכער אָוונט פאַר מיין מאַמען ניט געענדיקט. ווען זי איז נאָך דער אומגליקלעכער פאַרשטעלונג ענדלעך אַרויס פון טעאַטער, האָט אויף איר געוואַרט אַ נייע דערשיטערנדיקע איבער־ראַשונג... ביי דעם סאַמע אַרויסגאַנג, איז אַ דערשראָקענער, אַ ציטערנדיקער, געשטאַנען איר טאַטע. אין זיינע אויגן האָט מיין מאַמע דערזען אַ וועלט מיט צער און זאָרג... ער האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול קוים אַרויסגערעדט:

„אוי, דינה׳לע, ווען דיין מאַמעשי, צירעלע די צנועה, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן, ווען זי זאָל אויפשטיין פון קבר און זען וואָס פון איר מוזינקעלע איז געוואָרן... ווי קענסטו איר אָנטאָן אַזאַ בושה..."

מיין מאַמע איז אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס, און זיי האָבן ביידע געוויינט... ער האָט זי שטאַרק געדריקט צו זיין האַרץ, און ווי סודות׳דיק איר דערציילט, אַז איר מאַמע איז אים געקומען צו חלום, און אים געוואָרנט: „יוסף חיים, אונזער מוזינקעלע שטייט אויף אַ הויכן שווינדלדיקן באַרג... זי קען חלילה אַראָפּפאַלן אין טיפן אָפּגרונט." ער האָט דעם חלום ניט פאַרשטאַנען, אָבער היינט האָט זיינער אַ לאַנדסמאַן אים געפרעגט, צי ס׳איז אמת, וואָס ער האָט געהערט, אַז דינה׳לע איז אַ קאָמעדיאַנטקע אין אידישן טעאַטער... ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט וואָס דער חלום האָט באַדייט...

ער וועט דעם בזיון ניט אַריבערטראָגן... ער וועט חלילה... — ער האָט מער ניט געקענט ריידן.

איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס מיין מאַמע האָט אין יענעם אָוונט דורכגעלעבט... איר האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען פון רחמנות צו איר

טאַטן... פאַרשטייט זיך אַז זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיי מאָרגן זאָגן, אַז זי קומט מער ניט אין טעאַטער.

ווען מיין מאַמע האָט צו מיר גערעדט וועגן יענעם עפּיזאָד מיט איר טאַטנס חלום האָט זי, קוקנדיק אין דער ווייט, געזאָגט:

„איך האָב אָפט געהאַט אַ ניט זיכערן חשד, אַז מיין טאַטע האָט דעם חלום אויסגעטראַכט, כדי מיך אַוועקצורייסן פון דעם, וואָס איז ביי מיר געווען דאָס טייערסטע אין מיין יונג לעבן... יענע נאַכט האָב איך מיין קישן דורכגעווייקט מיט טרערן... איך האָב לאַנג באַוויינט מיינע יונגע יאָרן, און די צויבער־וועלט, צו וועלכער מיין האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געצויגן... ווען איך בין ענדלעך איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר אין חלום געפּלאָנטערט דאָס געוויין פון יפתח׳ס טאָכטער, וואָס האָט צוליב איר פאָטערס נדר מקריב געווען אירע יונג־מיידלשע און יונג־פרויאישע חלו־מות...״

מיט אַ שווער האַרץ נעבעך, איז מיין מאַמע אויף מאָרגן געקומען אין טעאַטער. די שווערע איבערלעבונגען פון דער שרעקליכער נאַכט האָבן געלאָזט טיפע שפּורן אויף איר איידל־צאַרטן פּנים. אַדלער האָט געוואַרט אויף איר.

וועט איר מיך לאָזן איבערגעבן אין מיין מאַמעס אייגענע ווערטער, וועגן יענער באַגעגעניש:

„אַדלער האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר, אָבער מיין אויסזען האָט אים דערשראָקן. ער האָט אַריינגענומען מיין פּנים אין זיינע סאַמעט־גלאַטע הענט, מיט אַ מינע פון שולדיקייט מיר געקוקט אין די אויגן, און געזאָגט:

— ווי איז מיר, וואָס איז דיר, דינה׳לע?... וואָס איז געשען?... זיי ניט בייז אויף מיר פאַר מיין נעכטיקן שרייען אויף דיר. אָבער טייע־רינקע, האָסט עס ניט געטאָרט טאָן... כ׳מיין בייטן דאָס קלייד... פאַרשטיי, ליבינקע, דערמיט וואָס דו האָסט אין מיטן פון דער האַנדלונג פאַרביטן דאָס רייכע פּרינצעסין־קלייד אויף דעם אָרעמען דאָרפס־קלייד, האָסטו ביים עולם אַוועקגעהרג׳עט די גאַנצע אילוזיע, אַז דו ביזט אַ פּרינצעסין... דאָס איז אַ שווערע זינד ביים טעאַטער. אונזער גרעסטע מי איז צו מאַכן דעם עולם גלויבן, אַז מיר זיינען באמת די וואָס מיר ווילן פאָרשטעלן... אָבער איך זאָג דיר צו, קליינינקע, אַז איך וועל קיינמאָל מער אויף דיר ניט שרייען...

„איך האָב געקוקט אין זיינע מילדע גלעטנדיקע אויגן און געפילט אַ זיסע וואַרעמקייט אין אַלע מיינע גלידער, מיין האַרץ האָט זיך געצאַפּלט פון גליק און פרייד... דער סאַמע שענסטער פּרינץ פון מיין צויבער־

וועלט, רעדט אַזוי האַרציק צו מיר... איז אַזוי נאָענט מיט מיר... מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט?... איך האָב מיט מיינע קליינע הענטלעך, שטאַרקער געטוליעט זיינע הענט צו מיין פּנים, ווי איך וואָלט מורא געהאַט ער זאָל זיי צונעמען... זיין צויבער שמייכל האָט מיך פאַר׳כישופ׳ט... אָבער געענטפערט האָב איך:

— איר וועט מער אויף מיר ניט דאַרפן שרייען... איך וועל מער ניט קענען קומען אין טעאַטער...

„איך האָב אים דערציילט וועגן דער נעכטיקער סצענע מיט מיין טאַטן, און וועגן זיין חלום, און אַז איך האָב אים געמוזט געבן מיין וואָרט, אַז איך וועל אויפגעבן דאָס טעאַטער. אַדלער׳ס פּנים איז טרויעריק געוואָרן. ער האָט מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק געקוקט אויף מיר, זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און מיט אַ זיכערן טאָן געזאָגט:

— זאָרג זיך ניט, דינה׳לע. פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך וועל גיין ריידן מיט דיין טאַטן, ער וועט דיך פון מיר ניט צונעמען...״

איך האָף אַז איר אַלע פאַרשטייט שוין פּונקט ווי איך, אַז מיר האַלטן ביים אָנהויב פון מיין מאַמעס פאַרליבן זיך אין מיין טאַטן. דוכט זיך מיר, אַז ס׳וועט זיין בעסער איך זאָל לאָזן מיין מאַמען אַליין ווייטער דערציילן:

„דער איינדרוק פון אַדלערס ערשטן באַזוך ביי אונז אין שטוב איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין האַרץ און אין מיין זכרון... מיין טאַטע פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זייער אָפט דערמאָנען יענעם וויזיט אַדלער׳ס, אַמאָל מיט אַ שטילן קרעכץ, אַמאָל מיט אַ ביטרן שמייכל... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער וויזיט האָט באַשטימט דעם ווייטערדיקן גאַנג פון מיין לעבן...

„אַדלער איז געווען דער גרויסער אַקטיאָר אין לעבן פּונקט ווי אויף דער בינע... און מיר ווייזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך ספּעציעל צוגעגרייט פאַר יענעם וויזיט... און טאַקע עפּעס ווי אַ קינסטלער רעזשיסאָר וואָלט מיט גרויס מי פאַר אים צוגעגרייט די סצענע פאַר דעם אויסערגעוויינלעכן אויפטריט...

„דאָס איז געווען צום צווייטן סדר, מיין טאַטע איז געזעסן אויפן היסבעט, אין זיין ווייסן קיטל, טאַקע נאָר ווי אַ מלך אויפן טראָן. איך האָב בכלל ליב צו דערמאָנען זיך אין מיין טאַטנס שיינע סדרים. אָבער יענע צווייטע סדר־נאַכט פאַרטונקלט אַלע אַנדערע זכרונות מיינע... עס איז שוין געווען לאַנג נאָכן „שפוך חמתך״ ווען מ׳עפנט די טיר פאַר אליהו הנביא... אָבער ווען נאָך אַ קלאַפּ אין טיר, האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן אַדלער׳ס גראַציעזע פיגור, האָב איך באמת דערפילט, אַז אליהו הנביא איז געקומען צו

אונז אין שטוב... אין דער לאַנגער פּעלערינע, הויכן צילינדער־הוט, שטעקן אין האַנט, מיטן קלאַסישן שיינעם פּנים, מלא חן, האָט ער אויסגעזעען ווי עפּעס אַ לעגענדאַרע פיגור פון אַ ביכל אַרויס.

מיין טאַטע און אַלע שטוב־מענטשן האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן דערזען אַ מאַן מיט אַזאַ שטעל, אַזאַ אויסזען... זיי זיינען געבליבן געפּלעפט... מיר האָט ממש דער אָטעם פאַרכאַפּט... אַדלער האָט מיט אַקטיאָרישן פּאָמפּ און גראַציע זיך פאַרגעשטעלט, אַנטשולדיקט זיך פאַר מיין טאַטן וואָס ער שטערט אים דעם סדר, אָבער ער האָט עפּעס צו אים אַ וויכטיקן ענין... מיין טאַטע האָט אים געבעטן זיצן. מיר זיינען אַלע אַרויס, און געלאָזן דעם טאַטן אַליין מיט אַדלער׳ן. איך בין אַרויס די לעצטע, האָב איך די טיר געעלאָזט אַ קאַפּעטשקע אָפן, געבליבן שטיין הינטער דער טיר מיט אָנגעשפּיצטע אויערן...

„אַדלער איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין. ער איז אַרויס מיט אַ גוט־צוגעטראַכטן און פאַרזיכטיק אויסגעאַרבעטן מאָנאָלאָג, וואָס האָט ביי מיין נאַאיוון טאַטן, נעבעך, פּשוט אָפּגענומען דאָס לשון...

— זייט מיר מוחל, מר. שטעטין, וואָס איך נעם זיך דאָס רעכט אַריינצומישן זיך אין אייער אַ משפּחה ענין. איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן, אַז איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז איך האָב ביי זיך גע׳פּועל׳ט צו קומען צו אייך מיט מיין שליחות... אפשר אַ שליחות פון דער השגחה... איך מיין אַז איר זענט אומגערעכט צו אייער טאָכטער דערמיט וואָס איר ווילט זי אָוועקרייסן פון טעאַטער. זי איז פון גאָט געבענטשט מיט אַ גרויסן טאַלאַנט פאַר דער בינע. דאָס אידישע פאָלק און דאָס אידישע טעאַטער נויטיקן זיך אין אַזעלכע גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן ווי אייער טאָכטער. איז עס אַ זינד דאָס אין איר צו דערשטיקן... איך ווייס, אַז אין באַלעבאַטישע הייזער איז אָנגענומען, אַז מיר זיינע אַלע „באָסיאַקעס״, „קאַרמאַנשטשיקעס״ און שאַרלאַטאַנעס... אָבער גלויבט מיר, מר. שטעטין, אַז דאָס איז אַ בלבול...״

„דאָ האָט אַדלער אויסגערעכנט אַ צעטל מיט נעמען פון גרויסע וועלט־קינסטלער, ווי אַדאָלף זאָנענטאַל, סאַראַ בערנאַרד און אַנדערע פון וועלכע ניט נאָר מיין טאַטע, נאָר אַפילו איך האָב זייערע נעמען קיינמאָל פריער ניט געהערט.

— זיי אַלע האָבן פאַרשאַפט כבוד און שטאָלץ דעם אידישן פאָלק — האָט אַדלער ווייטער גערעדט — ס׳קען זיין, מר. שטעטין, אַז איר האָט די זכיה, אַז אייער טעכטערל זאָל אונזער אָרים, געפּלאָגט אידיש פאָלק צוטיילן אַ סך כבוד און פאַרגעניגן... איר טאָרט איר ניט שטיין אין וועג...

— איך מוז זיך מודה זיין, מר. אַדלער — האָט מיין טאַטע געזאָגט, — אַז אין די ענינים בין איך לגמרי אַן עם־הארץ...

אָבער אַדלער האָט ניט אָפּגעלאָזט:

— למאי, מר. שטעטין, זאָלט איר זיך פאַרלאָזן אויף געזאָגט און געהערט... אָט, אדרבה, קומט אַליין און זעט מיט אייערע אייגענע אויגן, און הערט מיט אייערע אייגענע אויערן, איר זענט קיין עין־הרע אַ איד אַ תלמיד־חכם און איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף אייער אייגענע מבינות. איך פאַרבעט אייך צו זיין מיין גאַסט ביי אַ פאָרשטעלונג אין אונזער טעאַטער, און איך גיב אייך מיין האַנט תקיעת־כף, אַז אויב ס׳וועט אייך ניט געפעלן, וועל איך אייך מער ניט דערקוטשען וועגן דעם ענין.

„מיין טאַטע האָט זיך, נעבעך, ניט געקענט אַרויסדרייען און האָט אָנגענומען אַדלער׳ס איינלאַדונג. די פאָרשטעלונג איז באַשטאַנען פון „אוריאל אַקאָסטאַ״, אַ ראָל, אין וועלכער אַדלער האָט זיך באַרימט געמאַכט. מיר האָט ער געגעבן די דראַמאַטישע ראָל פון זיין אַלטיטשקער מאַמע. ער האָט אַ סך געאַרבעט מיט מיר אויף דער ראָל, און איך האָב פאַר דער ראָל שטענדיק געקראָגן אַ סך לויבגעזאַנגען״.

דאַרף איך פאַר אייך ניט אַנטפּלעקן די נייעס, אַז אויף מיין נאַאיוון זיידן האָט יענע פאָרשטעלונג געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. די תורה און חכמה וואָס די אַקטיאָרן אין „אוריאל אַקאָסטאַ״ האָבן גערעדט, האָט ער אָנגענומען פאַר זייער אייגנס... איז ווי קענען אַזעלכע זיין באַסיאַקעס און שאַרלאַטאַנעס?... עס איז אים אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז די אַלטיטשקע איינגעבויגענע מאַמע, מיטן ווייסן קאָפּ, וואָס קען קוים גיין, אַז דאָס איז זיין רויט־האָריק, 15־יאָריק טעכטערל, דינה׳לע...

אַ גליק איז וואָס דאַן איז נאָך געווען שטאַרק די מאָדע ביי אַקטיאָרן, אַז ביים נויגן זיך פאַרן עולם נאָכן לעצטן אַקט, זאָלן זיי אַראָפּנעמען זייערע פּאַרוקן. אַדלער האָט ספּעציעל ביי מיין מאַמען אַראָפּגענומען איר פּאַרוק כדי מיין זיידע זאָל באַשיינפּערלעך זען, אַז דאָס איז זיין דינה׳לע... די גרויסע אָוואַציע פון עולם פאַר מיים מאַמען האָט מיין זיידן איבערצייגט, אַז זי טוט אַ גוטע און אַנשטענדיקע זאַך... דער וועג איז געוואָרן פריי און אָפן פאַר מיין מאַמען צו איר קאַריערע, צו מיין טאַטן — און צו מיר...

זייט דאַן האָט מען כסדר פאַר דער ראָל פון אַקאָסטאַ׳ס מאַמע געזוכט יונגע דראַמאַטישע שוישפּילערינס און אויך איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן די ראָל אַ סך מאָל געשפּילט. געדענק איך, ווען איך האָב די ראָל געשפּילט צום ערשטן מאָל מיט מיין טאַטן, האָט ער מיך פאַרן עולם אויף דער בינע שטאַרק געקושט. אַראָפּגייענדיק פון דער בינע, האָט ער מיך

אַרייגעפירט אין זיין גאַרדעראָב, אַרויסגעשיקט זיין גאַרדעראָבער, און בלייבנ־דיק מיט מיר אַליין, האָט ער מיר געזאָגט:

„ציליקו, האָסט מיר היינט אַזוי דערמאָנט אין דיין מאַמען, ווען זי האָט די ראָל געשפּילט מיט מיר צום ערשטן מאָל".

פּלוצלונג איז ער מיר געפאַלן אויפן האַלז און האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישע געוויין:

„אוי, ציליקו, וואָס האָט דיין מאַמע געהאַט צו מיר?!... פאַרוואָס האָט זי מיך גע'הג'ט? פאַרוואָס האָט זי מיך אומגליקלעך געמאַכט אויף מיין גאַנצן לעבן?!"...

פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!

ווען מיין פּרומער, נאַאיווער זיידע, האָט, מיט דער הילף פון „אוריאל אַקאָסטאָ", פאַרגעלאָזן פאַר מיין מאַמען דעם וועג צו איר טעאַטער־קאַריערע, האָט ער זיכער ניט געהאַט דעם מינדעסטן חשד, אַז דאָס וועט פירן צו אַ שידוך צווישן זיין באַלעבאַטיש, לייטיש טעכטערל, דינה'לע, מיט דעם גרויסן אַקטיאָר יעקב פּ. אַדלער. אַפילו מיין מאַמע אַליין האָט ניט געוואַגט צו חלום'ען פון אַזאַ מעגלעכקייט.

אָבער פאַר דעם קליינעם, פאַרשייטן מאַלכ'ל, וואָס לויפט אַרום מיטן פייל־און־בויגן, און שיסט זיינע ליבעס־פיילן אין יונגע הערצעלעך — פאַר אים איז מיין מאַמעס יונג, נאַאיוו, אָפן האַרץ געוועזן דער פּאַסיקסטער ציל... דאָס פּופּצן־יאָריק, צנועה'דיק, ציכטיק־ריין, ראָמאַנטיש מיידעלע, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון צויבער און פאַרביקע חלומות, זי איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר „קיופּיד'ס" ליבעס־שפּיל...

וויל איך מיט אייך טיילן דעם נחת און פאַרגניגן, און לאָזן מיין מאַמע אַליין פאַר אונז עפענען איר האַרץ, און פאַר אונז אויסגיסן אירע יונג־מיידלשע ליבעס־געפילן:

„ביי מיין גאַנצער נאַאיוויטעט און אומשולד, איז עס פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך בין פאַרליבט. דאָס געפיל האָט מיך פּלוצלונג, כמעט קעגן מיין ווילן, געפּאַקט און מיין גאַנצן וועזן פאַרכאַפּט... מיין האַרץ האָט גענאָגט, האָט זיך געצאַפּלט... אָבער אין דער זעלבער צייט געשפּרונגען פאַר פרייד, געטאַנצט פון גליק... עפּעס ווי מיטאַמאָל איז אַלץ אַרום מיר געוואָרן פּוסט און ליידיק... ניטאָ גאָרניט, ניטאָ קיינער... די גאַנצע וועלט איז נאָר ער אַליין... נאָר אַדלער... ער איז געוואָרן אַלץ אין מיין לעבן —

מיינע געדאַנקען, מיינע האָפנונגען, מיינע וואונשן, מיינע פאַרלאַנגען, מיינע יונג־מיידלשע פאַנטאַזיעס און חלומות... אַלץ פון אים, מיט אים... אַז איך האָב אים דערזען, בין איך געוואָרן אַ צעשטראַלטע, האָט מיין האַרץ געזונגען פון פרייד, האָט אַלץ אין מיר אויפגעלעבט, זיין יעדער ריר און קער האָבן מיך באַגייסטערט... פון זיינעם אַ בליק האָבן אַלע מיינע גלידער געפיבערט... פון זיינעם אַ שמייכל איז מיר געוואָרן זיס און וואַרעם...

„דערפאַר, אָבער, די לאַנגע שטונדן און טעג אָן אים, זיינען פאַר מיר געווען אָן אָפּקומעניש... איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, אַ ניט־דאָ'איקע...

„איך האָב זיך שטאַרק געראַנגלט און געקעמפט קעגן מיין ליבע: ווי קום איך צו אים?... וואָס פאַר אַן אינטערעס קען ער האָבן אין מיר?!... אַזוי פיל פרויען לויפן אים נאָך — האָב איך זיך אַליין געפייניקט מיט שטראָפנדיקע רייד... זיך אַליין געוואָרנט: מ'טאָר ניט פאַרלאַנגען וואָס מ'קען ניט דערלאַנגען; אַ טראָפּן ליבע ברייננגט אַ מאָל אַ ים מיט טרערן...

„אָבער ווי נאָר איך האָב אים דערזען, זיינען אַלע שכל'דיקע געדאַנקען און גערעכטע צווייפלען אַוועק מיטן ווינט... האָב איך זיך שטילערהייט געקוויקט מיט מיין באַהאַלטענער ליבע, און געטראָגן אין מיין האַרצן דעם ווייטיק, וואָס איז אַ שטענדיקער באַגלייטער פון ליבע... און זיכער בין איך געווען, אַז דער סוד איז בלויז מיינער, אַז קיינער ווייסט ניט דערפון... אָבער ס'איז, הפנים, אמת, וואָס די וועלט זאָגט: פאַרליבטע טראָגן זייער ליבע אויף דער נאָז. האָב איך פּלוצלונג גענומען הערן פון מיינע קאָלעגן אין טעאַטער שטעכיקע און ציניש באַמערקונגען אויפן חשבון פון מיינע הייליקסטע געפילן... זאָל מיר מיין פּראָפעסיע מוחל זיין, נאָר אַזעלכע גיפטיקע, בייזע מיילער, וואָס מען געפינט אין דער טעאַטער־וועלט, ספּעציעל צווישן ווייבערשן טייל, קען מען, דוכט זיך, ניט געפינען ביי קיין אַנדער גרופּע מענטשן.

„האָט מיין פּנים געפלאַמט פון זייער ביליקן ציניזם... האָט מיין האַרץ געווייטיקט פון זייערע גיפטיקע רייד און שענדלעכע רכילות'ן... איז מיר נאָך שווערער געוואָרן דער געראַנגל מיט מיין ליבע, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלסט געהאַלטן פאַר האָפנונגסלאָז...

„איך קען אָבער אויך ניט פאַרגעסן די פיינע באַציאונג וואָס עס האָט מיר אַרויסגעוויזן די האַרציק־געטרייע אַנעט גראַדנער; זי האָט מיך געטרייסט און מיטגעפילט, גלייכצייטיק מיך געוואָרנט, אַז די מענער האָבן ניט די ווערט מ'זאָל זיי דאָס גאַנצע האַרץ אַוועקגעבן... אָבער ווי אַלע

פאַרליבטע, האָב איך געהאַט אַ קנאַפּע דעה אויף מיין האַרץ, האָט זיך עס געלאָזט וואוילגיין און איז ממש אויסגעגאַנגען פון ליבע צו אַדלער׳ן...״

וועט איר מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל אויף אַ ווײַלע איבעררײַסן מיין ליבער מאַמעס שיר השירים, פון איר גרויסער ליבע צו מיין טאַטן. עס רייסט זיך ממש פון מיין פען, דאָ צו פאַרצייכנען מיינע געפילן פון פרייד פאַר מיין מאמעס גרויס גליק וואָס זי האָט דורכגעלעבט אַזאַ וואונדער־לעכע ליבע... איך פריי זיך פאַר איר, און בין איר מקנא. מקנא, ווייל מיך האָט דאָס פאַרשייטע מלאכ׳ל מיט זיינע ליבעס־פיילן, אינגאַנצן אויסגעמיטן... מיין האַרץ איז קיינמאָל ניט פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ שטראַלנדיקער ליבע, ווי מיין מאַמעס.

עס באַפאַלט מיך אָפּט אַזש אַ רחמנות אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איך, וואָס אין מיינע יונג־מיידלשע יאָרן בין געווען אַזוי ענלעך צו מיין מאַמען, סיי אין נאַאיווער אומשולד, סיי אין ראָמאַנטישער סענסיטיוויטעט, פאַרוואָס איך בין באַרויבט געוואָרן פון אַזאַ אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער ליבע, ווי זי. דערפאַר אָבער האָב איך פיל איבערגעשטיגן מיין מאַמען אין צרות און לייד פון טעאַטער־רכילות, פון גיפטיקע אומריינע צינגער...

קען נאָך מיין מאַמע, זייער איידל, און אפילו מיט אַן אַנטשולדיקונג, ריידן פון די רכילות און שטעך־ווערטלעך פון אירע טעאַטער קאָלעגן... זי קען אפילו מיט לויב און אַנערקענונג דערמאָנען די פיינע באַציאונג פון דער אמת־האַרציקער אַנעט גראַדנער, צו וועמען איך פיל אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר גרינגער מאַכן מיין מאַמען אירע שווערע, פאַרצווייפלטע מאָמענטן...

איך, אָבער, וועל ביזן סוף פון מיינע טעג זיך ניט קענען באַפרייען פון דעם סם און גיפט, וואָס איז אין מיין האַרץ אַריינגעגאָסן געוואָרן, פון מיינע ברוטאַלע פייניקער, וועלכע האָבן אָן אַ פאַרוואָס מיר מיינע יונגע יאָרן פאַרביטערט... איך קען בשום אופן ניט פאַרגעסן די טעג און נעכט, ווען זיי האָבן מיט ווילדער הנאה זיך ממש געבאָדן אין מיינע בלוט־טיקע טרערן און פאַרוואַנדלט דעם אָנהויב פון מיין דערפאָלגרייכער קאַר־יערע אין אַ גיהנום פון לייד און יסורים. און קיין אַנעט גראַדנער מיך צו טרייסטן איז צווישן מיינע קאָלעגן ניט געווען. יענע קאַפּיטלען אין מיינע באַשרייבונגען וועלן זיין אָנגעפילט מיט פעך און שוועבל...

אָבער איר וועט נאָך דאַרפן וואַרטן. דערווייל האַלטן מיר ערשט ביי דעם אָנהויב פון מיין מאַמעס פאַרליבן זיך אין מיין טאַטן, און — ווי גייט דער אויסדרוק אין אונזער תנ״ך: „מיין טאַטע האָט נאָך מיין מאַמען ניט

דערקענט״ און פון מיר איז נאָך קיין אָנהויב ניט געווען... ווען מיר דערווייל לאָזן מיין מאַמען ציען ווייטער איר גאָלדענעם פאָדעם:

„דעם ערשטן צייכן, וואָס איך האָב געקראָגן, אַז אַדלער איז ניט אינגאַנצן גלייכגילטיק צו מיר, איז געווען אין אַן אָוונט־שפּאַציר איבער איינעם פון די וועלט־באַרימטע לאָנדאָנער בריקן. ער האָט מיך צוגעפירט צו דער פּאַרענטשע פון בריק, מיט זיינעביידע הענט געהאַלטן די פּאַרענטשע הינטער מיר, זיך איינגעבויגן צו מיר אַזוי, אַז זיין זיסער חנ׳עוודיקער פּנים איז געווען זייער נאָענט צו מיינעם און מיט אַ דראַמאַטישן טאָן געזאָגט: „אָט ווי דו קוקסט מיך אָן, דינה׳לע, בין איך אַן עלנדער מענטש. זינט מיין פרוי איז געשטאָרבן, בין איך דער איינזאַמסטער מענטש אין דער גאָרער וועלט; דאָס וואָס דו זעסט אַ סך פרויען אַרום מיר, דאָס מיינט גאָרניט... וואָס מיר פעלט איז אַ חבר, אַ פריינט אין לעבן, אימעצער וואָס זאָל לעבן פאַר מיר און איך פאַר איר... אַנדערש בין איך אַ פאַרפאַלענער... דו פאַרשטייסט, דינה׳לע?!״

„כאָטש איך האָב געפילט אַ טאָן פון אַקטיאָרישקייט אין זיינע ווערטער, איז מיין האַרץ אויסגעגאַנגען צו אים. און ווען ער וואָלט אין יענעם מאָמענט מיר געהייסן שפּרינגען אין פייער פאַר אים, וואָלט איך עס מיט פאַרגניגן געטאָן...״

„אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין טעאַטער ביי פּראָבע, די גאַנצע טרופּע איז אויף דער בינע, אַדלער און איך האָבן זיך געפונען אין אַ ווינקל, ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי איך וועל זיך דאַרפן גרימירן פאַר מיין ראָל. מיטאַמאָל האָט ער מיין האַנט צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן, און אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט מיט מורא זיך געבעטן ביי מיר, האָט ער געזאָגט: „זאָג מיר, דינה׳לע, דו וואָלסט געקענט ליב האָבן אַזאַ מאַן ווי איך?!... איך מיין אויף אַן אמת ליב האָבן... מיט מיר חתונה האָבן...״

„מיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט... דער אָטעם האָט מיר פאַרכאַפּט... איך האָב ניט געקענט ענטפערן... צום גליק האָבן זיך דערהערט טריט, און איינער פון די אַקטיאָרן אין פאַרבייגעגאַנגען און מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערל אַ זאָג געטאָן: „זע נאָר, זע, זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע ווי צוויי פאַרליבטע טייבעלעך...״ איך בין אַנטלאָפן אין גאַרדעראָב. און פון גליק און פרייד זיך צעוויינט...

„מיין שטענדיקע באַשיצערקע, די געטרייע אַנעט גראָדנער, איז באַלד געווען ביי מיין זייט... „וואָס איז מיט דיר, דינה׳לע?...״

„אין עקסטאַז בין איך געפאַלן אויף איר האַלז, און שלינגענדיק די טרערן געשעפּטשעט — ער האָט מיך ליב!... ער האָט מיך ליב!...

צו מיין מאַמעס גליק איז גאָר קיין גרעניץ ניט געווען... איר ליבע איז, אַלזאָ, ניט געווען קיין האָפנונגסלאָזע... דער סאַמע שענסטער פּרינץ פון איר צויבערוועלט איז פאַרליבט אין איר!... ער וויל זי פאַר זיין ווייב!...

האָבן די טעג, וואָכן און מאָנאַטן פון מיין טאַטע־מאַמעס חתן־כלה׳שאַפט זיך געצויגן אין פרייד און פאַרגניגן... מיין מאַמעס יונג־מיידלשע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אין חלומות פון אַ גליקלעכער צוקונפט... זי האָט פאַר זיך געזען אַ לעבן פון לויטער נחת און פרייד — לאַנגע, לאַנגע יאָרן מיט מיין טאַטן, איר באַשערטן. ער איז דאָך פון גאָט געבענטשט מיט אַזוי פיל חן, שיינקייט און געטליכן טאַלאַנט, אויף צו פאַרזיכערן סיי איר פּערזענלעכן גליק, סיי אַ דערפאָלגרייכע בינע־קאַריערע פאַר זייביידן...

אָבער ניט אַזוי האָט דער גורל אָנגעצייכנט זייער לעבן... אָרעמינקע מאַמע מיינע, ניט לאַנג איז איר באַשערט געווען צו חלומ׳ען פון אַ גליקלעכן לעבן... דער גאַנג פון אידישן טעאַטער האָט מיין טאַטן געפירט קיין אַמעריקע, וואו זיין גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט ביי פּרויען האָט אים געשטעלט צו נסיונות, וועלכע ער האָט אין זיין לייכטזיניקייט ניט געקענט בייקומען...

ס׳איז אַרום יענער צייט אַרויס דער פאַרבאָט אויף אידיש טעאַטער כמעט אין גאַנץ רוסלאַנד. די מעגלעכקייט פאַר אַ ברייטער אַנטוויקלונג פון אידישן טעאַטער אין די מערסטע אייראָפּעאישע לענדער, ענגלאַנד אַריינגערעכנט, איז געווען זייער באַגרעניצט. די אידישע מאַסן־עמיגראַציע וואָס האָט געשטראָמט קיין אַמעריקע פון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע, האָט דאָס דאָזיקע לאַנד ווי אָנגעצייכנט פאַר דעם דערפאָלגרייכן וואוקס פון אידישן טעאַטער.

ווי אַ לעצטער שטויס איז געקומען דער טראַגישער אינצידענט ביי אַ פאָרשטעלונג פון אַדלער׳ס טרופּע אין דעם לאָנדאָנער פּרינצעס קלוב. אַ פאַלשער געשריי „פייער!" האָט דעם עולם אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק און זיבעצן מענטשן זיינען אומגעקומען...

ס׳איז געווען בלויז אַ צוויי מאָנאַטן נאָך מיין טאַטע־מאַמעס חתונה, ווען מיין טאַטע האָט, מיט מיין מאַמעס צושטימונג, אָנגענומען אַ פאָר־שלאַג פון אַמעריקע צו קומען שפּילן אין ניו יאָרק. זי בלייבט דערווייל ביי איר טאַטן אין לאָנדאָן ביז אַדלער וועט זיך איבערצייגן, אַז אַמעריקע איז באמת דאָס לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אידיש טעאַטער. צי וועט ער נושא חן זיין געפינען ביי די אידן אין אַמעריקע, אים זאָל זיך ווען דאָרט בויען זייער היים, זייער צוקונפט.

האָט מיין מאַמע דערווייל אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל שטאָלצירט מיט איר

נייעם נאָמען, דינה אַדלער... זי האָט זיך געקוויקט מיט מיין טאַטנס הייסע ליבעס־בריף, ביז זי האָט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער פון אים געקראָגן די היסטאָריש־באַרימטע „שיפס־קאַרטע"... אַ גליקלעכע, פול מיט בענק־שאַפט און האָפנונג, האָט זי מיט מיר „אונטער איר האַרצן", ווי ס'גייט דער טעאַטער־אויסדרוק, זיך געלאָזן אויף דער ווייטער, געפערלעכער רייזע. פאַר מיר, אין מיין מאַמעס טראַכט, איז די נסיעה, הפּנים, געווען זייער אַ גרינגע... פאַר איר, אָבער, אין איר שוואַנגערשאַפט, איז דאָס וואַרפן זיך איבער צוויי וואָכן, אויף די שטורמדיקע ים־כוואַליעס געפאַלן זייער, זייער שווער...

מיין טאַטע האָט אונז אָפּגעוואַרט אין האַבאַקען. פאַרנדיק אויף דער „פערי" קיין ניו יאָרק, האָט ער אַ סך גערעדט און דערציילט וועגן זיין גרויסער בענקשאַפט צו איר...

נאָך פלוצלונג האָט ער מיט זיין באַרימטן אַדלערישן צויבער־שמייכל איר אַ זאָג געטאָן: „הער, דינה'לע, זאָלסט זיך ניט צוהערן צו די בייזע צינגער... מ'וועט דיר אַוודאי דערציילן שרעקלעכע זאַכן וועגן מיר מיט דער ,אַקטריסע, די חיימ'אָוטשקע', זאָלסטו וויסן, אַז ס'איז שקר וכזב... גאָרנישט מיט נישט..."

אַן אויסגעמוטשעטע, נעבעך, פון דער לאַנגער, שווערער רייזע, האָט אָט־דער אָנזאָג געמאַכט אויף מיין מאַמען אַ שווערן איינדרוק...

נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט רעכט אָנצוקוקן אַמעריקע, זיך אָריענטירן אין דער אידישער טעאַטער־סביבה אין ניו יאָרק, איז זי שוין געווען אין די הויכע חדשים... מיר איז, זעט אויס, מיטאַמאָל ענג געוואָרן מיין ניין־חדשים'דיקע קוואַרטיר ביי מיין מאַמען... און אפשר האָב איך אויך דערפילט רחמנות אויף איר — ביז וויפל טאַקע איז דער שיעור זיך צו טראָגן מיט מיר?... האָב איך, ווי זאָגט מען עס, אין אַ שיינעם טאָג, אויפן פערטן פלאָר אין אַ „טענעמענט" הויז אויף קלינטאָן סטריט, גע־מאַכט מיין קוויטשעדיקן אויפטריט אויף אונזער זינדיק וועלטל.

מיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין דערשיינונג... זיי האָבן מיר איבערגעגעבן דעם נאָמען פון מיין מאַמעס מאַמע, צירעלע די צנועה, וואָס איז גאָר אינגיכן אַמעריקאַניזירט געוואָרן אויף צילי, דעם נאָמען וואָס איך טראָג עד היום...

בכלל, קענען אַקטריסעס זיך לאַנג ניט אָפּגעבן מיט זייערע מאַמעשע פליכטן, בפרט אידישע אַקטריסעס פון יענע יאָרן... בין איך טאַקע, גאָר אין גיכן, געוואָרן פאַר מיין מאַמען אַ פּראָבלעם. זי האָט געדאַרפט לויפן אין טע־אַטער צו פּראָבען, צו פאָרשטעלונגען. וואָס־זשע טוט מען מיט צירעלען?...

ביי די דעמאָלסטיקע פאַרדינסטן האָט מען ניט געקענט קלערן פון אָנשטעלן אַ מענטשן. און וואו נעמט מען אַ מיידל פאַר אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט?... פלעגט די מאַמע, נעבעך, זיך שלעפּן מיט מיר אין טעאַטער, מיר באַשטאַטן ערגעץ הינטער די קוליסן אָדער אין גאַרדעראָב־צימער, און פון צייט צו צייט קומען מיך אָנזויגן...

ווייס איך ניט, צי ס'איז געווען מיין מאַמעס צי מיין גוטער מזל, אָבער אָט דער שווערער פּראָבלעם איז גאָר אינגיכן געלייזט געוואָרן אויף זייער אַ געלונגענעם אופן... סיי פאַר מיין מאַמען, און נאָך מער פאַר מיר, איז עס געווען אַ ברכה פון גאָט, פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן...

אויב איר זענט באַקאַנט מיט דעם אופן, ווי אַזוי די אַמאָליקע „טענע־מענט" הייזער אויף דער „איסט סייד" זיינען געווען געבויט, דאַרפט איר עס געדענקען. אָבער כדי איך זאָל זיכער זיין, אַז איר וועט אַלע וויסן וואָס איך מיין, וועל איך עס פאַר אייך אין קורצן אָפּמאָלן: די פינף און זעקס שטאָקיקע הייזער, האַרט איינס נעבן אַנדערן, פלעגן האָבן צווישן זיך אַ קליינעם „צווישן־אָרט" אין דער פאָרמע פון אַן „אָקטעגאָן". צו אָט דעם אַכט־ווינקלדיקן, שמאָלן, שטיקל ליידיקן פלאַץ צווישן די הויכע טענעמענט־הייזער, זיינען אַרויס אַלע פענסטער פון די זייטיקע צימערן. פון דאָרט האָט מען עס זייער זעלטן געקראָגן אַ קאַפּעטשקע ליכט, און נאָך זעלטענער — אַ טראָפּעלע לופט. ביי די צוויי שמאָלסטע ווינקלען פון אָט־דעם צווישן־אָרט זיינען זיך ביידע הייזער צוזאַמענגעקומען. די פענסטער ביי יענע ווינקלען זיינען געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

דאָס איז ניט גלאַט אַ פראַזע, נאָר טאַקע אין דער אמת'ן. שכנים, לאָמיר זאָגן, פון פערטן שטאָק אין איין הויז, האָבן זיך געקענט דורך די פענסטער ממש געבן שלום־עליכם, מיט די שכנים פון פערטן שטאָק אין דעם צווייטן הויז. דורך אָט־די פענסטער איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער פאַרקער צווישן די שכנים, און איבערהויפּט די שכנ'טעס — ווער לייען אַ טעפּל, אַ ביסל זאַלץ, אַ שטיקל פּעטרעשקע — אַלץ דורך די פענסטער. פאַרשטייט זיך, אַז צו רעדן און באַרעדן, זיינען די פענסטער געווען ווי געוואונטשן... קריגערייען, זידלערייען, און אפילו רייסן זיך ביי די האָר, האָט מען אויך געקענט דורך די פענסטער... איר מוזט וויסן, אַז די פענסטער וואָס זיינען אַרויס צו יענעם „גן־עדנ'דיקן" אָרט זיינען געווען מערסטנס פון די שלאָף־צימערן און פון קיך, אַזוי אַז ניט נאָר האָט מען געוואוסט וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך, נאָר די אינטימסטע סודות פון די שלאָף־צימערן...

אין די הייסע, שטיקנדיקע זומער־נעכט, ווען די פענסטער זיינען געווען

צעפּראַלט — אפשר וועט זיך אַ ווינטעלע מרחם זיין און אַ בלאָז טאָן — איז אַפילו אייער אייגענע נאַקעטקייט געוואָרן אַן עפנטליכער ענין... איך וואָלט אייך געקענט דערציילן און דערציילן פון די קאָמישע און טראַגישע אינ־צידענטן וואָס אָט־די נאַקעטקייט פון די פענסטער האָט אַרויסגעבראַכט. איך האָב אַ סך געהערט פון מיין מאַמען וועגן דעם... אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב בלויז דאָס אַלץ אָפּגעמאָלן, ווייל דוקא אָט־די צרה איז פאַר מיין מאַמען געווען אַ ברכה... אויפן פערטן שטאָק, פון צווייטן הויז, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט אונז, האָט געוואוינט אַ יונג ווייבל. שיינע־פייגע איז געווען איר נאָמען, אַן עגונה, נעבעך. איר מאַן האָט זי פאַרלאָזן אין אַ קליין שטעטל אין פוילן און איז אַוועק קיין אַמעריקע. מער האָט זי פון אים ניט געהערט. זי איז אַהערצו געקומען אים זוכן, כדי צו קריגן פון אים אַ גט. פלעגט זי אין איר פרייער צייט זיצן ביים אָפענעם פענסטער. האָט זי זיך שטאַרק פאַרליבט אין מיר; איך האָב איר דערמאָנט אַן אירער אַן איין־איינציק קינד, אויך אַ מיידעלע, וואָס איז אַלס פּיצעלע ביי איר נעבעך געשטאָרבן...

איז אָט־די שיינע־פייגע איינמאָל צוגעשטאַנען צו מיין מאַמען: „וואָס דאַרפט איר שלעפּן אַ פּיצל קינד מיט זיך אין טעאַטער?... לאָזט זי ביי מיר, גלויבט מיר, איך וועל זי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ“.

האָט זיך מיין מאַמע, אין איר נויט, געלאָזט צורעדן. כדי צו שפּאָרן דאָס גיין פיר שטאָק טרעפּ, פלעגט מיין מאַמע דורכן פענסטער מיך דער־לאַנגען צו שיינע־פייגע'ן... ס'האָט לאַנג ניט גענומען, און די מאַמע האָט ביי איר גע'פועל'ט, אַז זי וועט איר צאָלן די עטלעכע דאָלער וואָס שיינע־פייגע פאַרדינט אין שאָפּ, און זי זאָל ווערן איר הויז־באַלעבאָסטע און מיין גוווערנאַנטקע...

שיינע־פייגע איז געוואָרן מיינע אויף שטענדיק. ניט נאָר האָט זי אויפגעהאָדעוועט מיך און שפּעטער מיין אינגער שוועסטעדל לילי, נאָר זי האָט מיך שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. זי איז מיר געווען געטריי ניט ווײ־ניקער ווי מיין ליבע מאַמע. זי האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין גאַנג פון מיין לעבן. עס וועט מיר נאָך אויסקומען אַ סך מאָל זי צו דערמאָנען אין מיינע באַשרייבונגען.

ווייל איך דאָ איצט בלויז פאַרצייכענען, אַז זי האָט אויך אויסגעהאָ־דעוועט מיין איינציקן זון, זעליג'ל. געדענק איך, ווי כסדר, ווען זי פלעגט אים אַלס קינד האָדעווען, אָדער לייגן שלאָפן, פלעגט זי אים אויסמאָלן, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, גרויסער דאָקטאָר. אין דער שיינער רייכער

קאַרעטע, אין וועלכער ער וועט פאָרן צו זיינע פּאַציענטן, וועט זי מיט אים שטענדיק מיטפאָרן און אים אָפּהיטן... און ער האָט אין זיין קינדערשער ליבע איר פאַרזיכערט, אַז זי זאָל זיך גאָרניט זאָרגן. ווען זי וועט זיין שלאָף, וועט ער איר געבן מעדיצינען און פלעשלעך פון אַלערליי קאָלירן און פאַרבן...

ווער ווייסט, אפשר קומט פייגען מער ווי מיר, דער קרעדיט, וואָס מיין זון איז געוואָרן דער פיינער, אַנערקענטער און באַליבטער דאָקטאָר סאַלווין פריד.

מיט פייגעס אַריינקומען צו אונז אין הויז, האָבן מיין מאַמעס און מיין לעבן זיך היפּשלעך געענדערט צום בעסערן. ראשית, איז מיין מאַמע באַפרייט געוואָרן פון דער הויז באַלעבאַטישקייט. זי האָט זיך מער געקענט איבער־געבן צו איר טעאַטער־קאַריערע. פייגע איז געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע און זי האָט איבערגענומען אַלע הויז פליכטן.

אויך איך בין אַריבער אין פייגעס הענט. מער ניט, וואָס מיין מאַמע האָט מיך געדאַרפט זויגן. אָבער ביי די פּראָבעס און ביי די שבת־זונטיקדיקע „מאַטינע״ פאָרשטעלונגען פלעג איך זיך שוין מער ניט דאַרפן וואַלגערן ערגעץ הינטער די קוליסן אין שטויביקן טעאַטער... פייגע פלעגט מיך ברענגען אין טעאַטער אין דער צייט, וואָס מיין מאַמע האָט מיך געדאַרפט האָדעווען און אַ זאַטע מיך באַלד נעמען אַהיים.

דאָס ברענגט אונז צו מיין ערשטן אויפטריט אויף דער בינע, מיין ערשטן קאָנטאַקט מיטן טעאַטער־עולם, מיין ערשטן גרויסן דערפאָלג ביים פּובליקום, וואָס האָט, ווי שפּעטער אין מיין קאַריערע, שוין עמעצן גע־ערגערט... אַ גליק נאָר, וואָס איך האָב נאָך קיין שכל ניט געהאַט דערפון צו ליידן...

אָבער מיין מאַמע, ווען איך האָב שיער מיט מיין דערפאָלג שלעכטס געטאָן, האָט דאָס אָנגענומען מיט ליבע, און מיט איר געזונטן שווישפּילערישן אינסטינקט און גרויסן טאַלאַנט דאָס אויסגענוצט אויך צו איר דערפאָלג...

געווען בין איך דעמאָלסט אַ פינף אָדער זעקס חדשים אַלט. האָט פייגע, ווי געוויינלעך, אינמיטן אַ מאַטינע מיך געבראַכט אין טעאַטער, אַז מיין מאַמע זאָל שטילן מיין הונגער. מיין טאַטע איז גראָד דאַן געשטאַנען אין די קוליסן פאַר זיינעם אַן אויפטריט. האָט ער דערוויל זיך געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט מיר. ווען איך האָב אים, אָבער, דערזען אין זיין גרים, אַ באַוואַקסענעם מיט לאַנגע, צעשויבערטע ווייסע האָר און באָרד, האָב איך

זיך הפּנים דערשראָקן און בין זיך פאַרגאַנגען אין אַ שרעקלעכן געוויין... מיין טאַטע, וואָס האָט מיך משוגע ליב געהאַט, איז געווען גרייט אַראָפּצו־רייסן זיין גרים, כדי איך זאָל אים לאָזן זיך שפּילן מיט מיר. אַ גליק וואָס מיין מאַמע האָט אים אָפּגעהאַלטן, ווייל פּונקט דאַן האָט ער געדאַרפט אַרויף אויף דער בינע פאַר זיין דראַמאַטישן קלימאַקס... אַ פאַרצווייפעלטער, נעבעך, האָט ער מיך איבערגעלאָזן אַ וויינענדיקע און איז אַרויף אויף דער בינע צו ציען טרערן ביים עולם...

איך האָב זיך שנעל באַרואיגט ווען מיין מאַמע האָט מיך גענומען אויף איר שויס, און איך האָב דערפילט דעם קוואַל פון מיין חיונה... זי האָט אָבער אויך געדאַרפט באַלד אַרויף אויף דער בינע — זי האָט אין יענער פּיעסע געשפּילט די ראָלע פון אַן אומגליקלעכע מיידל־מאַמע, אַ פאַרפירטע, נעבעך, וואָס דאַרף זיך איצט שיידן פון איר פּיצעלע קינד. שטייט שוין דער „פּראָפּערטי־מאַן" (פאַרוואַלטער פון אויסשטאַטונג) מיט אַן איינגעוויקל־טע זאַך, וואָס דאַרף דינען אַלס דאָס פּיצעלע קינד... פאַלט מיין מאַמען איין, אַז אַנשטאָט דער איינגעוויקלטער זאַך, זאָל זי מיך אַרויפנעמען אויף דער בינע, אַזוי, אַז איך וועל דערוויל, ביז דער לעצטער מינוט קענען ציען מיין חיונה... און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן...

איז אָט זיינען מיר ביידע אויף דער בינע. מיין מאַמע צעלאָזט זיך מיט איר האַרצרייסנדיקן מאָנאָלאָג, געזעגנט זיך מיט איר אָרעם עופה׳לע, נעבעך, מיט ביטערע טרערן, וואָס קענען רירן אַ שטיין... דער עולם ווישט די אויגן און שנייצט די נעזער אַז ס׳גייט אַ רויך... אָבער דאָ, אין סאַמע געדיכטן מיטן האָב איך גענומען אויסציען און וואַרפן מיינע הענטלעך און פיסלעך, און מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן מיין קעפּעלע און מיינע גרויסע אויגן אָנגעשטעלט גלייך אויפן עולם...

אויף אַ ווײַלע זיינען אַלע געבליבן געפּלעפט, און טאַקע באַלד אויס־געשאָסן אין אַ הירזשענדיקן געלעכטער...

מיין מאַמע איז געוואָרן פאַרצווייפלט, זיך פאַרלוירן... איך האָב איר דער׳הרג׳ט איר וואונדערלעכן שלוס־אַקט, וואָס ענדיקט זיך געוויינלעך מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן, טופּעניש מיט די פיס און געשרייען...

אָבער באַלד האָט זי מיך גענומען דריקן צו איר האַרצן, מיך באַדעקט מיר אירע הייסע קושן, און היסטעריש אויסגעשריען: „אָרעם קינד מיינס! דו ווייסט און פילסט דיין אומגליקלעכער מאַמעס האַרץ!..." און דער פאַרהאַנג איז געפאַלן מיט אַ גרעסערן שטורעם ווי אַלע מאָל...

אונזער לעבן האָט זיך איינגעשטעלט אויפן בעסטן אופן. מיין טאַטע־

מאַמע האָבן גאַנץ דערפאָלגרייך געבויט זייער קאַריערע אין טעאַטער. איך בין געווען אַרומגערינגלט מיט וואַרעמער, האַרציקער ליבע פון זיי ביידן, און אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ פון מיין גוטער פייגע.

איז מיר באמת אַ שאָד, וואָס אָט־די איינציקע, געציילטע, גליקלעכע טעג, וואָכן און חדשים, ווען מיין לעבן איז זיך געגאַנגען כמעט דעם נאָר־מאַלן גאַנג פון אַ שטילן צופרידענעם משפחה־לעבן, זיינען מיר באַשערט געווען נאָר אַלס פיצל קינד. ס'איז געווען צו פרי אין מיין לעבן, אַז מיר זאָלן קענען בלייבן זיסע זכרונות, פריידיקע דעראינערונגען פון אידילישע קינדער יאָרן. מער האָב איך דאָס שוין קיינמאָל ניט געהאַט... אין מיין שפּעטערדיקער קינדהייט, ווען אַ קינד הויבט שוין עפּעס אָן צו פאַרשטיין און פילן, האָט זיך שוין אין מיין הערצל גענומען זאַמלען אַ געוויסער פאַר־דרוס, אַלעמאַי ביי מיר איז עס ניט ווי ביי אַנדערע קינדער...

אָבער — לאָמיך ניט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ... דערווייל האַלט איך נאָך דערביי, ווי מיר איז גוט ווי די וועלט. מיין יעדע חכמה'לע און חנ'דעלע איז באַוואונדערט געוואָרן סיי פון מיין טאַטע־מאַמע, סיי פון מיין געטרייער, איבערגעגעבענער פייגע...

האָט אָבער, ביסלעכוויז, מיין טאַטנס הילפלאָזע לייכטזיניקייט און דער „חיימאָוויטשקע'ס" לילית'דיקער כישוף, פון אַלץ געמאַכט אַש און בלאָ־טע. איר האָט שוין ביז איצט, סיי פון מיין מאַמעס רייד, סיי טיילוויז פון מיינע, אַ גוטן באַגריף פון מיין טאַטנס מאָדנעם כאַראַקטער. עס האָט אים אָפּט געפעלט דער כוח און מוח ביייצושטיין די נסיונות וואָס זיין אויסער־געוויינלעכער דערפאָלג ביי פרויען האָט אים געשטעלט... און כאָטש אים האָט בעסער געצויגן צו אַזאַ באַלעבאַטישער באַשיידנקייט און דער שטילער אינטימער ליבשאַפט, וואָס מיין מאַמע האָט אים געגעבן, האָט ער אָבער זייער לייכט זיך געלאָזט אַריינציען אין שרייענדיקע, שטורעמדיקע אַפּערעס, וועלכע צינדן דאָס בלוט און רייצן די מענערשע תאווה.. פלעגט ער אָפּט פאַרכאַפּט ווערן פון אַזעלכע פאַרשייטע, זינדיקע אַוואַנטורעס, אָבער זיין סענסיטיוויטעט פלעגט אים שנעל דערפון אויסטשוכען...

אין דער „חיימאָוויטשקע", אָבער, ווי מיין טאַטע האָט זי אין יענער צייט גערופן, האָט ער אָנגעטראָפן צו אַ האַרטן נוס... זי איז געווען אַ אַ וואונדערלעך שיינע, יונגע פרימאַדאָנע, די פרוי פון דעם אַקטיאָר משה היינע־חיימאָוויטש, איר שיינקייט און איר גאַנצע באַנעמונג זייַנען געווען רייצנדיקע, פול מיט ליידנשאַפטלעכן כישוף... אַדלער האָט איר גוואַלדיק אימפּאָנירט, זיין אוצר פון חן און שיינקייט, זיין מענליכער אויסזען, זיין גראַציעזע פיגור האָבן איר גערייצט און געצויגן...

זי האָט אין אים אויך דערזען די גרויסע געלעגנהייט צו שטייגן אין איר קאַריערעביים טעאַטער. זי האָט געהאַט אַמביציע צו ווערן אַ דראַמאַ־טישע שוישפּילערין, צו וואָס איר גרויסער טאַלאַנט האָט איר זיכער באַרעכ־טיקט. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז אים האָבן... זי מוז ווערן מאַדאַם אַדלער... האָט זי אויסגענוצט יעדן ווייבליכן כישוף־מיטל כדי אים צו פאַקן...

מיין טאַטנס שוואַכער כאַראַקטער איז פון איר פּרויען חן און ליידנשאַפט־לעכן רייץ אינגאַנצן צעשמאָלצן געוואָרן...

האָט עס לאַנג ניט גענומען און אין אַ שיינעם טאָג זיינען זיי ביידע נעלם געוואָרן... מיין טאַטע איז אַוועק מיט איר. עטלעכע מאָנאַטן האָט מען פון זיי ניט געהערט. ווען זיי זיינען ענדלעך צוריקגעקומען, האָט מיין טאַטע פּרובירט מיט אַלע מיטלען גוט ווערן מיט מיין מאַמען — געוויינט און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אים מוחל זיין.

זי האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט מער בלייבן מאַדאַם אַדלער... איר שטאָלץ, איר איינגעבוירענע איידלקייט האָבן עס ניט דערלאָזן. איר געזונטער שכל האָט איר דיקטירט, אַז ער קען מער קיינמאָל ניט זיין אינגאַנצן אירער... זיך טיילן מיט אַנדערע האָט זי ניט געוואָלט. האָבן ניט געהאָלפן זיינע טענות און די רייד פון די שליחים, וואָס ער האָט צו איר געשיקט — זי איז געווען פעסט אַנטשלאָסן ווייטער עס ניט צו לאָזן גיין...

קעגן יעדער פּראַקטישער לאָגיק האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט דעם גרויסן יעקב פּ. אַדלער אָפּצו׳גט׳ן, און איר פעסטער כאַראַקטער איז איר בייגעשטאַנען.

די צוגרייטונגען צום גט זיינען אָנגעגאַנגען. עס איז פאַר דער ניו יאָרקער אידישער טעאַטער־וועלט מער קיין סוד ניט געווען.

מיין מאַמע האָט אויסגענוצט איר גאַנצע שוישפּילערישע פיאיקייט, אַז מען זאָל אויף איר ניט דערקענען ווי צעבראָכן זי איז פון דעם שרעק־לעכן שפּיל, וואָס דער גורל האָט איר צוגעטיילט... זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די רחמנות־בליקן, מיט וועלכע מען האָט איר באַגעגנט... עס האָבן איר ווי געטאָן און באַליידיקט די ווערטער פון מיטלייד און מיטגע־פיל... אויך האָבן ניט געפעלט קיין גיפטיקע, בייז־צונגיקע רכילות׳ן און פּאַטשטן אויפן חשבון פון די פאַרשייטע טרעפעניש פון מיין טאַטן

מיט דער „חיימאָוויטשקע״, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַלע פּישטשעווקעס, אָט פּונקט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען דערביי...

האָט מיין מאַמע, קוים אין צוואַנציקסטן יאָר פון איר לעבן, געדאַרפט מיט געמאָסטענעם טאַקט און זייער קלוגער האַלטונג צונישט מאַכן סיי די ציינישע רכילות׳ן, סיי די אמת־ערלעכע רחמנות־בליקן... פאַר איר שטאָלצן און איידעלן כאַראַקטער זיינען ביידע געווען שווער צו פאַרדייען... איז איר ניט איינמאָל געקומען אויף די געדאַנקען צו אַנטלויפן פון אַלץ און אַלעמען, אַוועק מיט מיר ערגעץ וואו, זי זאָל ניט דאַרפן טאָג־טעגלעך זיך באַגעגענען מיט די מענטשן, מיט דער אומגעבונג, מיט דער אַטמאָספערע...

אָפּגעהאַלטן פון דעם באַשלוס האָבן איר צוויי זאַכן — איך און איר קאַריערע. איר באַשלוס צו פאַרלאָזן אַדלער׳ן, איז איר אָנגעקומען מיט אַ סך טרערן און האַרצווייטיק. דערצו אויך, אויפגעבן איר קאַריערע, האָט זי מורא געהאַט, אַז ס׳וועט איר ברענגען צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז זי זאָל, חלילה, אָפּטאָן עפּעס שרעקלעכעס. וואָס וועט ווערן פון מיר, איר צירעלען?... מיר טאָר גאָרניט פעלן. פון וואָס אַנדערש קען זי ציען חיונה פאַר מיר, פאַר פייגע׳ן, פאַר זיך?

האָט זי זיך געמוזט אָנהאַלטן אין טעאַטער, אָנגיין ווי פריער מיט אַלץ און אַלעמען — פאַר אירע קאָלעגן מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי האָט קנאַפּ ערגעץ פון דעם וואָס איז געשען. קנייפּן די באַקן די פאַרב זאָל שטיין. כאָטש איר האַרץ, נעבעך, האָט זיך יעדן טאָג געצאַפּלט אין לייד און אין יסורים...

וויל איך דאָ פאַר אייך אויפדעקן מיין מאַמעס האַרץ, אַנטפּלעקן פאַר אייך איר געמיט־צושטאַנד, אירע אינטימסטע געפילן און טראַכטענישן אין יענע טעג אירע. זאָל עס זיין אַ פאַרשפּעטיקטער פּראָטעסט־געשריי פון מיין אייגן צעווייטיקט האַרץ, ווי איך פיל איצט, ווען איך טראַכט פאַר זיך פון מיין גרויסער, איידעלער און שטאָלצער מאַמען, וואָס איז מיט אַזוי פיל טיפער ווירדע, קעגן אַלע פּראַקטישע חשבונות, באַשטאַנען אויף איר מענטשלעכע רעכט אַלס פרוי און מוטער, און דערביי אויף אַ מינוט ניט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט...

עס איז מיין טיפסטע האָפענונג, אַז אויך איר, לייענענדיק מיין מאַמעס פאַרצייכנטע זכרונות פון יענע טעג, וועט דערפילן איר גרויסע פערזענ־לעכקייט. און דאָס וועט זיין מיין שכר.

איך האָב, זוכנדיק צווישן איר היפשן טעאַטער־אַרכיוו, געפונען אירע אייגענע פאַרצייכנונגען. גיב איך זיי אייך ווי זי האָט זיי געשריבן:

„איך קום איצט צו דעם טראַגישסטן מאָמענט אין מיין לעבן — מיין

גט מיט אַדלער׳ן. ווען ער איז פלוצלונג פאַרשוואונדן, אַוועק מיט איר, האָב איך זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, דערנידעריקט... אַ טיפער ווייטיק האָט מיין האַרץ אויף שטיקער צעריסן. איך האָב דאָך אים אַזוי משוגע ליב געהאַט... איך בין אָבער ניט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. איך האָב געפילט און געוואוסט, אַז אויך זיין ליבע צו מיר איז ניט אויס־געלאָשן געוואָרן. טראָץ זיין מיאוס׳ער האַנדלונג האָב איך עס געפילט מיט אַלע מיינע חושים. אַ פרויס האַרץ נאַרט ניט אָפּ...

„אָבער ביי מיין גאַנצער אומשולדיקער, ערלעכער פאַרליבטקייט האָט מיר מיין יונגער אָבער קלאָרער שכל דיקטירט, אַז צווישן אונז קען מער קיין גליקלעך לעבן ניט זיין. די לייכטזיניקע האַנדלונג זיינע האָט געעפנט אַ טיפן אָפּגרונט צווישן אונז, געמאַכט אַ ריס, וואָס מיין איינגעבאָרענער שטאָלץ און באַלעבאַטישע טוגענט האָבן מיט דעם ניט געקענט שלום מאַכן. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט צוריק קומען, ער מוז קומען צוריק... דערצו דאַרף איך זיך גרייטן. איך האָב באַשיינפּערלעך פאַר מיינע אויגן געזען זיין צויבער־שמייכל, וועלכן מיין פרויען־האַרץ האָט ניט געקענטביישטיין... זיינע פאַרשולדיקטע אומגליקלעכע בליקן, וואָס וועלן יעדעס ביסל ביטערקייט אין מיין האַרץ אָפּווישן, און איך וועל זיין גרייט צו גיין מיט אים אין עק וועלט... אָט קעגן דעם דאַרף איך זיך באַפּאַנצערן, אָנשטאָלן זיך מיט גענוג כוח דאָס ביישטיין...

„האָבן טאַקע מיין האַרץ און געדאַנק מיך ניט אָפּגענאַרט. אַדלער איז צוריקגעקומען... ער האָט געטאָן אַלץ ווי איך האָב פאָראויסגעזען, און מיין פעסטער כאַראַקטער איז מיר ביייגעשטאַנען...

„און אָט איז געקומען אונזער טאָג אין געריכט. איך האָב אַ סך מאָל געלייענט באַשרייבונגען וועגן העלדישע מאַרטירער, וואָס גייען מיט שטאָלץ צו זייער היגריכטונג, האָבן זיך אָט די באַשרייבונגען מיר געפלאָנטערט אין מוח, ווען איך בין געגאַנגען אין געריכט קריגן מיין גט פון אַדלער׳ן.

„עס איז, ווי צוגעפּאַסט צו מיין שטימונג, געווען זייער אַ טריבער פרי־מאָרגן. ווען איך האָב געעפנט מיינע אויגן און אַרויסגעקוקט פון פענסטער, האָב איך געפילט, אַז די הימלען וויינען איבער מיר... די געדיכטע פינ־סטערע וואָלקנס האָבן זייער געטריי אָפּגעמאָלט דעם שווערן טיפן טרויער אין מיין האַרצן...

„איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין צירעלע׳ן, אויף מיין קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך, פאַרויטעלטע בעקעלעך און געשלאָפן איר זיסן, אומשולדיק־קינדערשן שלאָף. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט פאַר איר אויסגיסן מיין פאַרביטערט האַרץ...

עס האָט מיך געצויגן איר צו פרעגן, בעטן, זוכן ביי איר אַן ענטפער אויף מיינע צווייפלען — צי בין איך גערעכט צו איר מיט מיין האַנדלונג, מיט מיין געוואָגטן באַשלוס. אפשר וועט איך דערמיט אַ שלעכטע מאַמע... אפשר באַגיי איך, חלילה, אַ שרעקלעכן פאַרברעכן קעגן מיין קינד, וואָס איז מיר ליבער ווי מיין לעבן... וועט זי מיר פאַרשטיין, ווען זי וועט גרעסער ווערן, אַז אַנדערש האָב איך ניט געקענט? אַז אַנדערש וואָלט איך מיט זיך ניט געקענט לעבן... וועט זי, חלילה, מיך פיינט האָבן דערפאַר? — האָב איך קוקנדיק אויף איר געזוכט די ענטפערס, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז זי קען מיר ניט געבן.

„מיין פייגע, וואָס איז ניט נאָר געווען מיין צירעלע׳ס ניאַנקע, נאָר איז אויך געוואָרן צו מיר אַ שוועסטער, אַ מאַמע, האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אין שטוב. זי האָט זיך ווי געהיט צו קוקן אויף מיר. זי איז געגאַנגען מיט מיט זייער שטילע טריט, ווי מען גייט אַרום אַ געפערלעך־קראַנקן. געדענק איך, ווי ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָב איך געטראַכט איך זאָל שוין קיינמאָל מער ניט אויפשטיין, ניט קומען מער פנים אל פנים מיט דער טרויעריקער לאַגע מיינער...

„אָבער באַלד זיינען געקומען אַ פּאָר פריינט. איך האָב שנעל אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אַ קלייד און גלייכצייטיק אויף מיין פנים אַרויפגעצויגן די מאַסקע פון כלומר׳שטער גלייכגילטיקייט. איך געדיינק אפילו ווי איך האָב עפּעס דערציילט און זיך צעלאַכט הויך אויפן קול... איך האָב זיך ווי דערשראָקן פאַר מיין אייגענעם געלעכטער, עס האָט דערמאָנט אין היסטעריקע, און דערפאַר האָב איך מורא געהאַט... וואָס־וואָס, היסטעריש האָב איך ניט געוואָלט ווערן...

„אין געריכט־זאַל, וואו דער פאַרהער וועגן מיין גט האָט געדאַרפט פאָרקומען, זיינען בלויז געווען אונזערע נאָענטע. אַדלער מיט זיין לאָיער און אַ פּאָר פריינט זיינען שוין געווען. ער האָט אַ קוק געטאָן אין מיין זייט און, ניט־ווילנדיק, האָב איך דערזען זיין פנים. איך האָב אויפגעציטערט. איך האָב זיך געמוזט אָנכאַפּן אין דער פאַרענטשע איך זאָל ניט פאַלן... זיין פנים איז געווען ווייס ווי קאַלך, עפּעס ווי באַצויגן מיט אַ טויטער בלאַסקייט, און זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט... אַ שרעק איז מיך באַפאַלן...

„נאָר אָט איז אַריין דער ריכטער. צווישן אַנדערעס האָט ער מיך געפרעגט וויפיל איך פאָדער „סופּאָרט” פאַר זיך און פאַרן קינד. איך האָב אַ ווײלע באַטראַכט אַדלער׳ן, זיין הילפלאָזן, נעבעכדיקן אויסזען, און מיט פעסטקייט אַ זאָג געטאָן:

— ניין, יור האָנאָר, איך וויל ניט קיין „סופּאָרט", ניט פֿאַר זיך און ניט פֿאַר מיין קינד!...

„דערשטווינט פֿרעגט מיך דער ריכטער נאָכאַמאָל:

— זענט איר זיכער, מאַדאַם אַדלער? איר זענט באַרעכטיקט צו דעם.

— איך בין זיכער, יור האָנאָר! איך קען זיך און מיין קינד אַליין פֿאַרזאָרגן... איך האַלט זיך ניט מער פֿאַר מאַדאַם אַדלער...

„איך בין אַרויס פֿון געריכט. עס האָט מיר געשווינדלט פֿאַר די אויגן... מיינע פֿריינט האָבן מיך אַרומגערינגלט, גערעדט צו מיר. איך האָב גאָרניט געהערט, ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. נאָר מיטאַמאָל, אַדלער איז ביי מיין זייט...

— דינה'לע, איך בעט דיך, קום מיט מיר אין אַ רעסטאָראַן, איך וויל זאָלסט עסן דינער מיט מיר. איך בעט דיך, זאָג מיר ניט אָפּ...

„איך בין געווען גרייט מיט כעס אים אָפּזאָגן, אים שיקן צו אַלדע גוטע יאָר. נאָר איין בליק אויף זיין בלאַסן, רחמנות'דיקן פּנים, און איך האָב אים ניט געקענט אָפּזאָגן... מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן. ער האָט אַ סך גערעדט און נאָך מער געוויינט, גערעדט מיט האַרץ און געוויינט מיט אמת'ע טרערן, אָן אַקטיאָרישן אָנשטעל, אויף וועלכן אַדלער איז געווען אַ מייסטער סיי אויף דער בינע און סיי אין לעבן...

„ער האָט אָפּנהאַרציק אויפגעוויקלט די גאַנצע אַפּערע זיינע מיט איר. ער האָט ניט געשאַנעוועט זיך, אָנגערופן זיך מיט די ערגסטע נעמען, איר האָט ער אויך ניט צוגעטיילט קיין קאָמפּלימענטן... ער איז געפּאַקט אין אַ קלעם — נאָר איך קען אים ראַטעווען פֿון אַן אומגליקלעך לעבן, אָן מיר וועט ער פֿאַרלוירן גיין... עס איז נאָך צייט, מען קען נאָך כאַפּן צוריק...

„איך ווייס ניט פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו מיר דער כוח ביי־צושטיין דעם שווערן נסיון... עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אים פֿאַלן אויפֿן האַלז, אַלץ פֿאַרגעסן, גיין מיט אים אין עק־וועלט... מיט די לעצטע כוחות האָב איך דעם געדאַנק מיינעם באַזיגט. געשטיקט פֿון טרערן, האָב איך קוים אַרויסגערעדט:

— גלויב מיר, יאַקאָב, אַז מיין האַרץ גייט אויס צו דיר. איך בין זיך מודה פֿאַר דיר, איך האָב דיר נאָך אַלץ שטאַרק ליב, אָבער איך קען דיך, און קען זיך, אַז איך זאָל דאָס לאָזן גיין ווייטער, וועל איך מיט דער צייט דיר אָנהויבן פֿיינט האָבן, איך וועל דיר ווערן אַ שונא... דאָס וויל איך ניט; לאָמיר כאָטש אין מיין זכרון טראָגן דיין געשטאַלט ווי איך האָב דיך ליב

געהאַט, אָן ביטערקייט, אָן שנאה... איך בעט דיך, יאַקאָב, האָב רחמנות אויף מיר, מוטשע מיך ניט מער...

„אונזער ראַנדעוואו האָט זיך געענדיקט. עס האָט זיך מיר זייער גע־וואָלט איך זאָל ניט קענען מער אויפשטיין און ניט דאַרפן מער אַרויס אין דער פינסטערער וועלט מיינער...״

אַזוי פאַרענדיקט מיין מאַמע די זכרונות פון איר טראַגישער ליבע.

אָרימינקע מאַמע מיינע! ווי מיין האַרץ ווערט צעריסן איצט, לייענענדיק מיט טרערן דיינע ביטערע זכרונות, און עס ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק, אַז דו זאָלסט קענען וויסן, אַז פון דיינע זכרונות שעפּ איך כוח און מוט צו קענען פאַרגעסן מיינע אייגענע ביטערע עראינערונגען...

פונקט ווי דו, האָב איך מער ווי איינמאָל זיך געוואונשן ניט צו קענען מער אויפשטיין, ניט דאַרפן מער זיין, זיך לאָזן פאַרטראָגן פון די שוימיקע ים־כוואַליעס, אויף וועלכע איך האָב געקוקט פון מיין שיינער היים אין „סי־געיט״, און ווערן פאַרשלונגען אין די ווייט־ווייטע טיפענישן...

מיין טאַטע־מאַמעס גט האָט מיין לעבן, דאָס לעבן פון אַן אַנדערט־האַלבן־יאָריק קינד, אויף אַ האָר ניט געענדערט. פייגע האָט, ווי פריער, געפירט אונזער באַלעבאַטישקייט, געזען אַז מיר זאָל חלילה גאָרניט פעלן. מיין מאַמע האָט פאַרגעזעצט איר טעאַטער קאַריערע, ניש־קשה פאַרדינט און אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדנונג.

מיין מאַמעס צערודערטע נערוון האָבן זיך אויך ביסלעכוויז איינגעשטילט. די צייט פאַרווישט אַלץ... ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די סענסאַציע מיט דיינע און יאַקאָב אַדלער׳ס גט איז אַראָפּ פון די טעאַטער מיילער. מיין טאַטנס שנעלע חתונה מיט סאַראַ׳ן איז אויך אויפגענומען געוואָרן אָן רושם...

דאָס אידישע טעאַטער־וועלטל אין ניו יאָרק, און איבער אַמעריקע בכלל, איז נאָך דאַן געווען זייער קליין און באַגרעניצט, און שוין אויפן צווייטן סעזאָן נאָכן גט, איז מיין מאַמען אויסגעקומען צו שפּילן אין זעלבן טעאַטער מיט מיין טאַטן און דער נייער מאַדאַם סאַראַ אַדלער... קיינער איז דערפון, חלילה, ניט געווען שאָקירט, אַפילו ניט מיין מאַמע, וועלכע האָט זיך ביס־לעכוויז גענומען פילן ווי אַ זיגערין אַנשטאָט אַ באַזיגטע...

סאַראַ אַדלער איז נאָך דאַן געווען בלויז אַ פּרימאַדאָנאַ, מיין מאַמע — אַ דראַמאַטישע שוישפּילערין, אַזוי אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געשפּילט אין

דער זעלבער פּיעסע... אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז סאַראַ אַדלער איז היפּשלעך אומרואיק און ניט ווייניק אייפערזיכטיק אויף מיין מאַמען. מיין מאַמען איז אָפטער אויסגעקומען צו שפּילן מיט אַדלער׳ן אין די דראַמאַטישע פּיעסן... סאַראַ האָט שוין דאַן געטראָגן מיט איר ערשטער טאָכטער, מיין שוועסטער פרענציס. איז סאַראַ׳ן געגאַנגען אין לעבן, אַז מיין טאַטע זאָל זיין וואָס מער דערווייטערט פון מיר, מיר, חלילה, ניט אַרויסווייזן קיין ליבע... פלעגט זי שוין זען, אַז מיין טאַטע זאָל מיך קיינמאָל ניט אָנקוקן, איך זאָל אין זיינע דלד אמות ניט קומען... האָט מיין מאַמע ספּעציעל אָפּגעמאַכט מיט פייגע׳ן זי זאָל מיך ברענגען אין טעאַטער אין דער צייט פון דער פּראָבע.

קענט איר זיך פאָרשטעלן, ווען איך פלעג אַריינקומען אויף דער בינע אַן אויסגעפּוצטע אין אַ שיין־קליידעלע, מיין באַ׳חנ׳ט פּנימ׳ל אין אַ ראַם פון גאָלדענע לאָקן... (מיין מאַמע און פייגע ווען זיי פלעגן דאָס דערציילן האָבן באַך צוגעגעבן — „שיין ווי אַ מלאכ׳ל״), האָט מיין טאַטע זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן, מיך געכאַפּט אויף די הענט און מיר אויס־געקושט יעדן אבר... מיין טאַטע האָט מיך גאַרניט געוואָלט אָפּלאָזן... מיין מאַמע איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אַ שמייכלענדיקע, אַ צופרידענע...

אין יענעם סעזאָן טאַקע, האָב איך געמאַכט מיין צווייטן אויפטריט אויף דער בינע פאַרן עולם... דאָס איז אויך געווען מיין מאַמעס אַ שפּיצל זיך אָפּצורעכענען מיט סאַראַ׳ן פאַר אַן עוולה אירער. מען האָט געשפּילט עפּס אַן אָריענטאַלישע אָפּערעטע. מיין טאַטע האָט געשפּילט אַ טערקישן גענעראַל, וואָס קומט אַלס העלדישער זיגער פון שלאַכטפעלד. דער סולטאַן זיצט אויפן טראָן און נעמט אויף דעם גרויסן העלד... אויף ביידע זייטן טרעפּ, וואָס פירן צום טראָן, זיינען געשטאַנען די לייב־וועכטער פון סולטאַן, פאַרפּוצטע אין שיינע, קאָלירפולע מונדירן, מיט רויטע פעזעס אויף די קעפּ. האָט מיין מאַמע באַשטעלט ביים גאַרדעראָבער אַ ספּעציעלן מונדירל פאַר מיר, און פאַרפּוצט מיט אַ רויטע פעזע איבער מיינע צעלאָזטע גאָלדענע לאָקן, מיך אַוועקגעזעצט אין סאַמע מיטן פון די טרעפּ...

ווען איך דורכלאָזן די אַלע באַגייסטערטע אַדיעקטיוון, וועלכע פייגע און מיין מאַמע האָבן גענוצט אויף אָפּצומאָלן ווי שיין איך האָב אויסגעזען אין דעם טערקישן קאָסטיום, אָבער שטעלט זיך אַליין פאָר, מיין טאַטנס פריידיקע איבעראַשונג, ווען פאַרנייגנדיק זיך פאַרן סולטאַן, האָט ער זיך פּלוצלונג באַגעגנט מיט מיין שיינענדיק פּנימ׳ל... זיין פּנים איז צעשטראַלט געוואָרן פון גרויס פרייד, זיינע באַרימטע אַדלער׳שע אויגן האָבן זיך צע־עפנט און ממש צוגעזאָטן געוואָרן צו מיר.

אָנשטאָט צו ענטפערן דעם סולטאַן אויף די לויב־ווערטער פאַר זיין

העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד, האָט מיין טאַטע אין עקסטאַז געשעפטשעט: „אוי, מיר זאָל זיין פאַר דיין שיין, זיס פּנימ׳ל״. די מאַמע און פייגע זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז איך האָב צוגעלייגט מיין פינגערל צו מיינע ליפּעלעך און געזאָגט: „שאַ, מ׳פּילט (שאַ, מען שפּילט)״.

איך בין דאַן געווען אַ מויד פון קנאַפּע צוויי און אַ האַלב יאָר...

אַלנפאַלס, מיין טאַטע האָט מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט ביזן שלוס אַקט. מיט מיר אויף די הענט זיך געגויגט פאַרן עולם און געהאַלטן מיך אין איין קושן און גלעטן.

אַזוי ווי איר זעט, האָט מיין מאַמע ניט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט, אפילו אין ניט־גאָר אנגענעמע סיטואַציעס, און זי האָט אָפט אירע פאַר־דרוסן און ערגערנישן פאַרוואַנדלט אין אַ שטיפערישן שפּיל. צו יענער צייט האָבן זיך צו איר גענומען שדכנ׳ען אַ פּאָר פון די אַנגעזעענע אַקטיאָרן. מ׳פלעגט זיך אָפט צוזאַמענקומען ביי אונז אין הויז. זי האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסן וועמען פון זיי אויסצוקלייבן. זי האָט זיך גע׳עצה׳ט מיט פייגע׳ן. אָבער זיי האָבן ניט געקענט זיך איינפאַרשטיין. האָט איר, אָבער, פייגע געגעבן אַן עצה ביי וועמען צו פרעגן.

צו יענער צייט איז קיין אַמעריקע געקומען אַ גאָר פיינער אַקטיאָר, זיגמונד פיינמאַן. דערצויגן אין אַ פיינער, באַלעבאַטישער משפּחה אין אַ רומעניש שטעטל, 15 מייל פון קישינעוו, דאַכט זיך אינטשעשט האָט דאָס שטעטל געהייסן. ער איז געווען אַן ערנסטער און זייער אַן אינטעליגענטער מענטש. ער איז גיך געוואָרן אַ פירנדיקער כוח אין דער דאַמאָלסטיקער טעאַטער־משפּחה, גיך פאַררעכנט געוואָרן אַלס איינער פון די סטאַרס. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ צאָל פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער. אַ סך פון זיי זיינען מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין יענע יאָרן און פאַרבליבן אין אידישן טעאַטער רעפּערטואַר. ער האָט צו זיך אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ, סיי מיט זיין שוישפּילערישן טאַלאַנט, סיי מיט זיין אינטעליגענץ. מ׳האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין מיינונג, און מען איז באַווירקט געוואָרן פון זיין וואָרט.

ער איז אויך געווען פון די אַריינגייער צו אונז אין הויז. מיין מאַמע האָט זייער געהאַלטן פון אים. זיין אויפריכטיקייט, זיין ערנסטער בליק, זיין ערלעכע באַציאונג, סיי צום טעאַטער, סיי צו מענטשן, זיינען איר געווען צום האַרצן.

פייגע׳ס עצה איז געווען, אַז זי, די מאַמע, זאָל פרעגן ביי פיינמאַנ׳ען — ער וועט איר געבן די בעסטע מיינונג פון אַלע. האָט זי באַשלאָסן, אַז פייגע איז גערעכט, זי וועט זיך מיט אים אַן עצה האַלטן. ביי איר איז ניט

געווען מער קיין פראַגע פון ווערן פאַרכאַפּט פון ליבע... זי האָט שוין געהאַט געגנוג דערפון... אָבער בלייבן אַליין אויף איר גאַנץ לעבן האָט זי אויך ניט געוואָלט. איז געווען די פראַגע ווענען אויסצוקלייבן אויף צו טיילן איר לעבן.

איז איינמאָל, ווען זיגמונד פיינמאַן איז געווען ביי אונז אויף מיטאָג, האָט מיין מאַמע מיט אים געהאַט אַן ערנסטן געשפּרעך. זי האָט געפילט, אַז ער וועט זי ריכטיק פאַרשטיין און, קענענדיק אַלע אַקטיאָרן, וועט ער איר געבן אַן ערליכע מיינונג. האָט זי אים דערציילט פון די וואָס שדכנ'ען זיך צו איר, און אים געפרעגט, ווער, דענקט ער, איז פאַר איר דער פּאַסיקער אויף חתונה האָבן. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי געוואויגן אין זיין געדאַנק דעם און יענעם פון די אויסגערעכנטע אַקטיאָרן, און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, האָט ער איר זייער ערנסט געזאָגט:

„ווי זאָל איך דיר עס זאָגן, דיינע? מיין ערלעכע, מיין אויפריכטיקע מיינונג איז, אַז צווישן די וואָס דו האָסט אויסגערעכנט, און איך קען זיי אַלע זייער גוט, בין איך טיף איבערצייגט, אַז דער פּאַסיקסטער מאַן, מיט וועמען דו קענסט האָבן אַ רואיק, מער ווייניק גליקלעך לעבן, בין איך אַליין..."

מיין מאַמע איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן געפּלעפט פון דעם גאָר אומדער־וואַרטעטן פאָרשלאָג. אָבער זיין אָפנהאַרציקער צוגאַנג האָט איר שטאַרק אימפּאָנירט... און וואָס לייִנגער זי האָט דערפון געטראַכט, איז ער איר מער געפעלן...

זי איז אינגיכן געוואָרן מאַדאַם פיינמאַן. מיט דעם נאָמען האָט זי אירע יאָרן אויסגעלעבט, זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן אין איר פאַרבנרייכער קאַריערע. דער נאָמען דיינע פיינמאַן איז באַרימט געוואָרן איבער דער גאָרער אידישער וועלט. דער נאָמען איז אין לאָנדאָן געוואָרן כמעט אַ לעגענדע...

מיר וועט נאָך אויסקומען, אין לויף פון מיין שרייבן, אונטערשטרייכן געוויסע פּאַסירונגען וועגן מיין אייגענעם לעבן אין לאָנדאָן. וועט איר זיך איבערצייגן, וואָס דער נאָמען דיינע פיינמאַן האָט דאָרט מיט זיך פאָרגע־שטעלט. אָבער דערווייל בין איך קנאַפּע פיר יאָר אַלט געווען, ווען אָט די וויכטיקע ענדערונג אין מיין קינדהייט איז געשען. און אויף ווי ווייט איך אַליין קען זיך געדענקען און זיך דערמאָנען אין מיינע קינדער יאָרן, איז מיין טאַטע געווען זיגמונד פיינמאַן... אַז ער האָט מיר געגעבן אַזוי פיל פּאָטערלעכע ליבע און געטריישאַפט, ווי נאָר אַ קינד קען זיך ווינשן, האָב איך שוין אין אָנהויב פון מיין שרייבן אייך דערציילט.

דאַרף איך דאָ צוגעבן, אַז געשען איז עס, פיינמאַנ'ס אַריינקומען

אין מיין לעבן, אין אַ פּעריאָדע אין מיין קינדהייט, ווען פאַר אַ פּאָר יאָר, איז מיין טאַטע, יעקב פּ אַדלער, פון מיין לעבן אינגאַנצן פאַר־שוואונדן. דאָס איז געשען אין דער צייט ווען סאַראַ אַדלער האָב געבוירן אירע ערשטע צוויי קינדער, מיינע שוועסטער פרענציס און דזשוליאַ. זי האָט דאַן בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז מיין טאַטע זאָל טיילן זיין פאָטער־לעכע ליבע צווישן זיי און מיר, אַזוי אַז פון דעם עלטער פון דריי יאָר ביז אַרום פינף אָדער זעקס פון מיינע קינדערשע יאָרן, איז ניט איך האָב גע־וואוסט, ניט איך קען געדענקען אַן אַנדער טאַטן ווי נאָר זיגמונד פיינמאַן.

קומען מיר ענדלעך אין מיינע זכרונות צו דער צייט ווען איך קען אייך שוין דערציילן פון מיין לעבן, וואָס איך אַליין געדענק. ווי אַ מויד פון קנאַפּע פיר יאָר, ווען דער נאָמען פיינמאַן איז אַריין אין מיין לעבן, קען איך שוין שעפּן פון מיינע אייגענע זכרונות...

וועל איך לאָזן פאַר פּסיכאָלאָגן און פאַר קינדער דערציער צו פאַר־טייטשן פאַרוואָס און ווי אַזוי עס שטעלן זיך אָפּ פון די קינדער־יאָרן מער נאַרישע דעראינערונגען איידער ערנסטע... איך וועל ציען מיין לעבן פון יענער צייט, אַזוי ווי איך געדענק עס, מיט אַלע נאַרישקייטן און קינדערשע חנ׳דעלעך... קען איך ניט קאַווירן, אַז איך וועל זיין פּינקטלעך אין דער אָרדנונג ווי די עפּיזאָדן זיינען געשען. איך וועל זיי אָבער געטריי איבער־געבן ווי איך געדענק זיי...

געדענקט זיך מיר, למשל, אַז ניט לאַנג איידער פיינמאַן איז געוואָרן מיין טאַטע, האָט זיך אין מיין יונג מוח׳ל פאַרקליבן אַ סאָרט פאַרדרוס, פאַרוואָס ביי אונז אין שטוב איז עפּעס ניט אינגאַנצן אַזוי ווי אין די הייזער פון די שכנ׳ישע קינדערלעך, וואו איך פלעג זיך אָפּט שפּילן... איך האָב זיך געפילט ווי געקריוודעט, אָדער אָפּגענאַרט, למאי ביי מיין מאַמען אין שלאָפצימער, איז קיינמאָל ניטאָ קיין פּאַפּאַ, ווי אין זייערע מאַמעס שלאָפ־צימערן... איז ווען פיינמאַן איז געוואָרן מיין פּאַפּאַ, האָב איך אין איין שיינעם פרימאָרגן, צונויפגענומען אַ סך פון מיינע שכנ׳ישע קינדערלעך, זיי אַריינגעפירט אין מיין מאַמעס שלאָפצימער און אַ שטאָלצע, מיט באַרימע־ריי, זיי באַוויזן, אַז איך האָב שוין אויך אַ פּאַפּאַ צו מיין מאַמען...

פון אַרום יענער צייט, פּלאָנטערט זיך אין מיינע זכרונות אַ דינסט־מיידל מיטן נאָמען אסתר. און ביי איר האָב איך עס געפרעגט די האַרבע שאלה, וואָס מאַטערט אַ סך קינדער פון יענעם עלטער: פון וואנען און

ווי אַזוי קומען נייע קינדערלעך... האָט אַ די אסתר מיר געגעבן דעם ענטפער, אַז ווען אַ מאַמע וויל שטאַרק אַ ניי קינד, עפּנט זיך ביי איר דער שאַרבן, און פון דאָרט נעמט מען אַרויס דאָס קינד... געדענק איך אַ גרויסע סעודה ביי אונז אין שטוב, אַ סך מענטשן זיינען געזעסן אַרום טיש. אסתר טראָגט אַריין אַ גרויסן פּאַלומעסיק מיט פיש. ווען זי איז צוגע־קומען נאָענט צו מיר, האָב איך איר אַ צי געטאָן ביים אַרבל און מיט מיינע הענטלעך איר געוויזן ווי אַזוי ס׳עפנט זיך דער שאַרבן, און מ׳נעמט אַרויס דאָס קינד... אסתר האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז דער פּאַ־לומעסיק מיט די פיש איז איר פון די הענט אַרויסגעפאַלן...

איך דערמאָן זיך אויך פון יענער צייט אַ סדר ביי אונז אין שטוב. פּאַפּאַ פיינמאַן, אַ פּאַרפּוצטער אין אַ ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער יאַרמולקע, זיצט אויף קישנס. ביים לאַנגן טיש זיצן אַ סך, אַ סך געסט. איך פרעג די פיר קשיות. אַלע צאַצקען זיך מיט מיר. מ׳קושט מיך, מ׳גלעט מיך, מ׳קנייפּט מיך אין די בעקעלעך... די מאַמע ווייזט מיר ווי אַזוי אַרויסצו־גנב׳נען דעם אפיקומן... איך טו עס זייער געשיקט, אָבער מיין פרייד ווערט פאַר־שטערט —

פּאַפּאַ האָט מיך פלוצלונג זייער שטרענג צוגערופן צו זיך, און מיט אַן ערנסט פּנים מיר געזאָגט: „צירעלע, ביסט דאָך גאָר אַ גנב׳טע"! איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט און האָב זיך פאַרענטפערט: „מאַמע מיר געהייסן". ער האָט מיך געכאַפּט קושן... אַלע האָבן געלאַכט... איך האָב געקוקט און ניט פאַרשטאַנען...

מיין ערשטע לאַנגע באַן־רייזע. מיר פאָרן קיין שיקאַגאָ, וואו מיין טאַטע־מאַמע זיינען אַנגאַזשירט פאַרן סעזאָן. איך בין אַרום פיר און אַ האַלב יאָר אַלט. איך ווער דאָרט זייער שווער קראַנק מיט אַסטמאַ. מ׳נעמט מיך אין שפּיטאָל. וואָלט איך געפאָלגט די דאָקטוירים דאָרט, וואָלט איך אייך איצט ניט געדאַרפט מאַטערן מיט מיינע זכרונות... מיינע בידע נעמען, צילי פיינמאַן און צילי אַדלער, וואָלטן שוין לאַנג געווען פאַרגעסן... און סיי ווי וואָלטן זיי ניט פאַר אייך, ניט פאַר קיינעם עפּעס געמיינט... די דאָקטוי־רים האָבן מיט זיכערקייט און אויטאָריטעט פאַרזיכערט מיין טאַטע־מאַמע, אַז ס׳איז אַ פאַרפאַלענע זאַך... מ׳קען פאַר מיר גאָרניט טאָן... איך וועל סיי־ווי לאַנג ניט לעבן... בעסער נעמען מיך אַהיים אויף די לעצטע פאָר טעג מיינע... אָבער למען השם, אַלע פענסטער האַלטן פאַרמאַכט און, חלילה, ניט לאָזן קיין ברעקל זונשיין אויף מיר...

איין דאָקטאָר האָט יאָ מיט אַ האַלבן מויל אַרויסגעזאָגט אַ סברה, אַז אפשר, אויב מ׳זאָל מיך באַלד נעמען קיין קאַליפאָרניע, און אויב איך וועל דער־

ציען ביז מ'וועט מיר אַהין ברענגען... איז אפשר... אפשר... און כאָטש ס'איז זיי זייער שווער אָנגעקומען צונויפקלאַפּן די היפּשע סומע אויף הוצאות קיין קאַליפאָרניע, האָט מיין מאַמע, אין אירע הויכע חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט מיט מיין שוועסטער לילי, מיט אַ שווער האַרץ זיך גענומען פּאַקן אויף דער ווייטער רייזע... אַ שכנה אונזערע האָט גענומען צושטיין צו מיין מאַמען, אַז זי זאָל נאָך פּרובירן גיין מיט מיר צו אַ דאָקטאָר, וואָס זי האָט געהערט, אַז ער איז גאָר אַ וואונדער — זייער אַ גרויסער דאָקטאָר, כמעט אַ פּראָפעסאָר — דר. קיידיש, אויב איך געדענקט ריכטיג.

„ער", זאָגט זי, „איז אַן אַלטער דאָקטאָר, שוין איבער אַכציק... קיין קינדער וויל ער שוין ניט אויפנעמען... ער ווערט זייער נערוועז... קינדער לאָזן זיך ניט און ס'איז שווער זיי צו אונטערזוכן... דערצו איז ער אויך אַ ביסל טויבלעך... און ניט זעלטן אַ קאַפּעטשקע פאַרשניאַשקעט, אָבער זאָל די מאַמע פּרובירן"...

זי איז צוגעשטאַנען, ניט אָפּגעלאָזט, ביז די מאַמע, כדי איר צופרידנשטעלן, איז אַוועק צום דאָקטאָר... זי איז אים ממש צו די פיס געפאַלן, אים פאַרזיכערט, אַז איך בין אַנדערש פון אַלע קינדער. ער וועט זיכער ניט האָבן קיין צרות מיט מיר...

איז, הפנים, באַשערט געווען, אַז איך זאָל אייך יאָ מוטשען מיט מיינע זכרונות... דער אַלטער דאָקטאָר איז ווייכער געוואָרן. איך שטעל מיך פאָר, אַז מיין מאַמעס דראַמאַטישער אַפּיל, אין וועלכן זי האָט אַריינגעלייגט איר גאַנצן שוישפּילערישן טאַלאַנט, האָט געווירקט... ער האָט צוגעשטימט מיך אויפצונעמען... געדענק איך, אַז מיין מאַמע האָט מיר אַ סך מאָל אָנגעזאָגט צו ענטפערן הויך אויף אַלע פראַגן וואָס דער דאָקטאָר וועט מיר פרעגן, און פאָלגן אַלץ וואָס ער וועט מיר הייסן, אַפילו אויב ס'וועט מיר זייער וויי טאָן...

ביי דער אונטערזוכונג האָט ער גאָר אָנגעקוואָלן פון מיר — מיך געגלעט, מיר עטלעכע מאָל געזאָגט אַז איך בין זייער אַ שיין מיידעלע. אָבער „דו טאָרסט ניט רעדן אַזוי הויך; ס'איז ניט גוט פאַר דיין העלזעלע"... ער האָט זיך דאַן געווענדעט צו מיין מאַמען: „מאַדאַמעניו, זייט ניט פאַרצווייפלט, איר דאַרפט זיך גאָר ניט זאָרגן... איך פאַרזיכער אייך, אַז ניט שפּעטער ווי אין דריי חדשים און נאָך אפשר פריער, וועט אייער קינד זיין פולשטענדיק געזונט".

מיין מאַמע האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געכאַפּט אים קושן די הענט... דער אַלטער דאָקטאָר האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען — „ניין, ניין, ליבע פרוי, טוט עס ניט! און איר האָט ניט וואָס צו וויינען. אייער שיין, גראָטן

מיידעלע וועט זיין אַלרייט, אָבער איר האָט איר ניט געדאַרפט הייסן שרייען אַזוי הויך, ס׳איז ניט גוט איצט פאַר איר העלזעלע...״ מיין מאַמע האָט ווי פאַרשולדיקט געקוקט אויף מיר, אַ גליקלעכע און אַ צופרידענע...

„פאַרגעסט קאַליפאָרניע״, האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט, — „און פאַרגעסט אויך וואָס די דאָקטוירים האָבן אייך געזאָגט וועגן לופט און זון... פאַרקערט, צעעפנט אַלע פענסטער, און ווען נאָר די זון שיינט, זייט מיט איר אין דרויסן, וואַרעם אָנגעטאָן...״

ער האָט איר געגעבן אַ פּאָר פלעשלעך מעדיצין, און פאַר אַלץ גענומען ביי איר איין דאָלאַר... פאַר׳ן אַוועקגיין האָט ער מיך געקושט און מיר געגעבן צען סענט אויף קענדי: „ביזט זייער אַ וואויל קינד... זאָלסט פאָלגן אַלץ, וואָס דיין מאַמע וועט דיר הייסן...״

דורך דער גאַנצער צייט פון מיין קראַנקייט, האָב איך ניט געקענט לאַכן, ווייל פון לאַכן פלעג איך זיך שטאַרק פאַרהוסטן, אַזש ווערן בלוי... נאָך עטלעכע וואָכן פון דעם אַלטן דאָקטאָרס באַהאַנדלונג, האָט פיינמאַן איינמאָל דערהערט אַ קלינגענדיקן געלעכטער פון מיין צימער. ניט טויט, ניט לעבעדיק איז ער אַריינגעלאָפן צו מיר. ערשט איך לאַך מיט מיין געוויינלעך־קינדערשן געלעכטער, און ס׳שאַדט מיר ניט. איך הוסט ניט מער... ער האָט מיך אַ חאַפּ געטאָן אויף די הענט, און ווי אַ משוגע׳נער אַרומגעלאָפן מיט מיר איבערן הויז און כמעט היסטעריש געשריען: „דו לאַכסט! לאַכסט, ציליקו! דו וועסט לעבן און זיין געזונט!! איך לאַך פון דיין טאָטן...״

אַזוי ווי איר זעט, האָב איך די שיקאַגער דאָקטוירים אָפּגעטאָן אויף טעקיש און בין געבליבן לעבן. און אַזוי עד היום, ווייס איך ניט ווער ס׳איז דערפון אַרויס דער געווינער.... אַז די וועלט וואָלט זיך גאַנץ גוט געקענט באַגיין אָן מיר, — אפילו מיט מיינעביידע נעמען, — צילי אַדלער און צילי פיינמאַן — אין דעם בין איך זיכער... און איך אַליין געדענק אויך מאָמענטן אין מיין לעבן, ווען איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָב זיך דאָן אַזוי איינגעשפּאַרט... ניט מער וואָס פאַר מיינע עלטערן איז עס געווען אַ גרויסער נצחון און פרייד...

טאַקע אין שיקאַגאָ איז מיין מאַמע אינגיכן געלעגן געוואָרן, און איך האָב געקראָגן אַ קליין, שיין, פּוכיק שוועסטערל, ליליקו. אָבער איך האָב שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף ניט עפּענען דעם שאַרבן אויף צו קריגן אַ קינד...

ס׳איז זייער טשיקאַווע ווי אַזוי מיין שוועסטער האָט געקראָגן איר נאָמען. פיינמאַן איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר ביבלישע נעמען. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מיין מאַמע איז געווען אויף דער צייט מיט מיין

שוועסטערל, ווען ס׳איז געגאַנגען די סדרה „ויצא״, וואו עס ווערט דערציילט, אַז די מוטער לאה האָט יעקבֿ׳ן געבוירן אַ טאָכטער דינה. איז פיינמאַנ׳ען איינגעפאַלן, אַז ביי אונז זאָל עס זיין פאַרקערט. דינה, מיין מאַמע, הייסט עס, זאָל געבוירן לאה׳ן. און אַזוי איז עס געווען.

אַמעריקע האָט, פאַרשטייט זיך, פון לאה׳ן געמאַכט לילי — די איצטיקע האַרציקע שוועסטער מיינע, לילי זאַץ.

נאָכן סעזאָן אין שיקאַגאָ זיינען מיר צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק. זיגמונד און דיינע פיינמאַן זיינען געווען די סטאַרס אין „רומעניען אָפּעראַ הויז״, אַ אידיש טעאַטער אויף דער באַוערי. מיר האָבן געוואוינט טאַקע איבער דעם טעאַטער.

יענעם סעזאָן איז מיט גרויס דערפאָלג געגאַנגען פיינמאַנ׳ס באַרימטע מעלאָדראַמע, „חנה׳לע די פינישערין״. אין יענער פיעסע האָט פיינמאַן ספּעציעל פאַר מיר געשריבן אַ קינדער־ראָלע אין וועלכער איך האָב זיך גאָר־גאָר אויסגעצייכנט. ספּעציעל איז דאָרט געווען אַ סצענע וואו איך ליג זייער, זייער קראַנק. אָבער דאָס שטערט מיר ניט צו זינגען אַ לאַנגן דועט מיט פיינמאַנ׳ען, וועלכער האָט געשפּילט דעם גוטן, געטרייען זיידן. איך געדענק נאָך אַפילו דעם רעפריין פון דועט. וועט איר אפשר לאַכן און חוזק־מאַכן פון די ווערטער, אין טעאַטער־לשון הייסט עס די „ליריקס״, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז טייכן טרערן זיינען יענעם סעזאָן אין טעאַטער פאַרגאָסן געוואָרן, ווען איך מיט פיינמאַנ׳ען האָבן דעם דועט געזונגען...

אָט איז דער רעפריין:

אַ טאַטעלע און אַ מאַמעלע,<br>
גלעטן, קושן זייער קינד;<br>
דאָס קינד ווערט קראַנק, ווי טויט זיי באַנג,<br>
און מ׳רעטעט דאָס געשווינד...<br>
איך האָב אויך אַ טאַטעלע,<br>
וואָס וואַרפט מיך אין מיסט ווי בלאָטעלע...<br>
אוי אוי, אוי וויי, ווי ס׳ברענט מיין הערץ,<br>
אוי זיידעניו, פילסטו מיין שמערץ...<br>
מיך היילן דער מאַמעס טרערעלעך,<br>
איך שלינג זיי ווי די פּערעלעך,<br>
איך לעבעדיק יתומה׳לה,<br>
איך, פאַרוועלקטעס בוימעלע...

נעבעך, האַרצרייסנדיק, ניט אמת?... מיט אונז אין דער פיעסע האָט דאַן געשפּילט דער געניאַלער קאָמיקער, זיגמונד מאָגילעסקאָ. ער האָט דעם עולם פאַרגיטיקט פאַר אַלע זיינע טרערן מיט הונדערטער האַרציקע געלעכטערס. געדענק איך, אַז שוין דעמאָלט — כאָטש איך צווייפל, אַז אַלס קינד פון פינף, פינף־און־אַ־האַלב יאָר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען זיין געניאַלן

טאַלאַנט — פלעג איך אים כסדר נאָכקוקן פון די קוליסן, ווען ער איז געווען אויף דער בינע, זיך איינגעגראָבן אין אים מיט מיינע גרויסע אויגן, און נאָכגעפאָלגט זיין יעדן ריר און קער, זיין יעדע מינע און באַוועגונג... מ׳האָט מיך ניט געקענט אָפּרייסן... ביז היינטיקן טאָג, ווען נאָר איך טראַכט און דערמאָן זיך אין דעם געטליכן חן פון דעם אומפאַרגעסלעכן זיגמונד מאָגולעסקאָ, נעמט מיך אַרום אַזאַ וואַרעמקייט. איך פיל אַ גוואַלדיקע דאַנקבאַרקייט וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זיין אין נאָענטער באַרירונג מיט אָט דעם גאָט־געבענטשטן קינסטלער, וואָס איך האָב זיך געקענט וואַרעמען אין די שיינענדיקע שטראַלן פון זיין ריזיקן טאַלאַנט.

יענעם סעזאָן, אין אונזער וואוינונג איבער דעם רומעניען אָפּעראַ הויז, אויף דער באַוערי, האָט זיך פּלוצלונג דער מלאך המות ווידער דערמאָנט אין מיר, און זיך פאַרמאָסטן אויף מיר... פיינמאַן איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, וואָס מ׳רופט ביי אונז אין אַמעריקע — אַ „טשעין־סמאָוקער". איז ער איינמאָל אַ בייטאָג איינגעשלאָפן מיט אַ ברענענדיקן סיגאַרעט אין האַנט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע שרפה. אונזער וואוינונג איז שנעל אַרומגעכאַפּט געוואָרן אין פלאַמען. די מאַמע, פייגע און מיין שוועסטערל לילי זיינען הפנים ניט געווען אין שטוב. פיינמאַן, אַ שטאַרק צעברענטער, אַ פאַר׳חלש׳טער, האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט. איך בין געשלאָפן אין מיין אַלקער, צו וועלכן די פייערצונגען האָבן זיך געצויגן. ניט ווייט פון אונז, אין שרייבער׳ס טעאַטער קאַפע, אויף גרענד סטריט, איז געזעסן מיין טאַטע יעקב פּ. אַדלער. עמיץ האָט אים געבראַכט די נייעס פון דער שרפה. געדענק איך ווי ער לויפט מיט מיר אויף די הענט, אַן איינגעוויקלטע אין אַ ליילעך. זיינע ווייסע צעשויבעטע האָר, זיינע גרויסע צעשראָקענע אויגן זע איך נאָך פאַר זיך. איך געדענק אָבער ניט וואוהין ער האָט מיך גענומען...

די צייט איז געקומען ווען מ׳האָט מיך געדאַרפט פאַרשרייבן אין „פּאָבליקסקול". עס איז געווען נאַטירלעך, אַז מיין מאַמע זאָל מיך פאַרשרייבן אַלס צילי פיינמאַן, ווי אַנדערש? צוויי קינדער אין שטוב, זאָל איינע הייסן פיינמאַן און די אַנדערע אַדלער?... מיט דעם האָט זיך מיין מאַמע אויך פאַרשפּאָרט אַ טאָפּלטן הארצווייטיק. ערשטנס, וואָלט פּאָפּאַ פיינמאַן זיך דערפון שטאַרק געערגערט און עס וואָלט אפשר, חלילה, אַריינגעבראַכט אַ שטיקל שאָטן אין זייער שיינעם משפחה־לעבן... ער האָט מיך זייער שטאַרק ליב געהאַט, און אים איז ניט געווען צום האַרצן, אַז איך זאָל טראַכטן וועגן אַן אַנדער טאַטן... צווייטנס, האָט זי מיט דעם אַרויסגענומען אַ שווערן פּלאָנטער אין מיין קינדיש מוח׳ל, אַ טיפע צעררודערונג אין מיין יונג הערצל...

אַרום יענער צייט איז אונזער משפחה פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נאָך

## מיין משפחה פון פיינמאַן'ס צד

זיגמונד פיינמאַן

דיינע פיינמאַן

דזשאָו, בעקי, לילי און איך, צילי פיינמאַן.



מיין זיידע ר׳ יוסף חיים שטעטין



מיין פייגע

מיין שוועסטער לילי, מיין מאַמע און איך.

צוויי קינדער. עס זיינען געקומען וואוינען מיט אונז פיינמאַנ׳ס צוויי קינדער פון זיין ערשטער פרוי — אַ אינגל אַרום מיין עלטער, דזשאָו, און אַ מיידעלע, בעקי, אַ יאָר צוויי אינגער. האָט עפּעס קיין גוואַלדיקער שלום־בית צווישן אונז קינדער ניט געהערשט. פאַרוואָס? אָט, קינדער... אָבער אין איין זאַך בין איך זיכער, ווען צווישן אָט די פיר פיינמאַן־קינדער, וואָלט איינס געהייסן אַדלער, וואָלט דער שלום־בית געווען אַ סך ערגער...

פאַרשטייט זיך, אַז קיין טומל אין שטוב האָט ניט געפעלט. פיר קינדער, קיין עין־הרע, קענען אָנפילן אַ שטוב מיט גוואַלדן און געשרייען. האָט טאַקע פייגע נעבעך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. זי האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיט אונז. אין אונזערע שטענדיקע שלאַכטן, און קינדערשע מלחמות. ווען די מאַמע איז געווען אינדערהיים, איז זי געווען די „שטילשטאַנד־קאָמיסיע"... און איר פלעגט אָפט געלינגען צו מאַכן שלום צווישן אונז. אָבער ניט שטענדיק איז עס איר אָנגעקומען גרינג...

געדענק איך ווי איינמאָל, אין צייט פון אַ צעיושעטן קאַמף אונזערן, ווען מיין מאַמעס בעסטע „דיפּלאָמאַטישע" באַמיאונגען האָבן ניט געווירקט איינצושטעלן אַ שלום צווישן אונז, האָט זי אַ פאַרצווייפלטע גערופן פיינ־מאַנ׳ען פון זיין צימער: „זיגמונד, גיכער, קום אַהער, דיינע קינדער און מיינע קינדער, שלאָגן אונזערע קינדער"...

ווי איר זעט, האָט מיין מאַמעס שטיפערישע נאַטור, גאָר אָפט איר געהאָלפן מיט איר הומאָר און וויץ, בייצוקומען די שווערע מאָמענטן אָן כעס און ערגערניש.

הפנים, אַז אָט די נייגונג האָב איך אויך גע׳ירש׳נט פון מיין מאַמען. געדענקט זיך מיר, אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער — איך פלעג דאַן זייער־אָפט שפּילן „קינדער־ראָלן" אין אידישן טעאַטער. זיינען אַ צאָל פון מיינע חברים׳־לעך און חבר׳טעס צו מיר צוגעשטאַנען — זיי האָבן מיך געזען אין דער אָדער יענער ראָלע, זיי זיינען זיכער, אַז אויף דער בינע, קוק איך אויס אַ סך העכער און גרעסער — איך זאָל זיי זאָגן ווי אַזוי איך מאַך עס.

האָב איך מיט זייער אַן ערנסטן פּנים, זיי אויסגעזאָגט דעם סוד... זיי האָבן מיר אָבער פריער געמוזט צוזאָגן אַז זיי וועלן דעם סוד, חלילה, קיינעם ניט דערציילן. „מיר אַקטיאָרן האָבן אלע אַזאַ ספּרוזשינקעלע אין אונזער רעכטן דיך, אַז מיר דאַרפן ווערן העכער, גיבן מיר אַ דריי אַזאַ שרייפעלע און מיר ווערן אויסגעצויגן... ווילן מיר ווערן קלענער, דרייען מיר דאָס שרייפעלע אויף צוריק, און מיר לאָזן זיך אַרונטער... דאָס אָבער קענען מיר נאָר טאָן ווען מיר זיינען אויף דער בינע"...

זייט דאַן, פלעגט אָפט טרעפן, אַז פלוצלונג האָט איינער אָדער אַ

צווייטער מיך אַ כאַפּ געטאָן אַרום טאַליע, און מיט די פינגערלעך גע־טאַפּט און געזוכט דאָס ספּרוזשינקעלע מיט דעם שרייפעלע... פלעג איך זיך שטאַרק צעלאַכן און שרייען זיי זאָלן מיר אויפהערן קיצלען. אָבער מיט דעם האָט זיך עס ניט געענדיקט. צוויי פון מיינע בעסטע און נאָענסטע חבר׳טעס, ווען מיר זיינען געווען אַליין ביי אונז אין שטוב, האָבן זיך ביי מיר געגומען בעטן איך זאָל זיי ווייזן דאָס ספּרוזשינקעלע... זיי האָבן זיך געשוואוירן מיט די הייליקסטע קינדער־שבֿועות, אַז זיי וועלן עס קיינעם, קיינעם ניט דערציילן... זיי זיינען דאָך מיינע בעסטע און גע־טרייסטע חבר׳טעס, זיי מעג איך געטרויען... איך האָב מיט אַן ערנסטער טרויעריקער מינע, כמעט מיט טרערן אין די אויגן זיי פאַרזיכערט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס איך וואָלט זיי ניט געטרויט... אָבער דאָס קען איך, און טאָר בשום אופן ניט טאָן...

„אָט וועל איך אייך איצט אויסזאָגן עפּעס וואָס נאָר אייך געטרוי איך עס. איך ווייס אַז איר וועט עס קיינמאָל פון אייער מויל ניט אַרויסבּרענגען. איר זאָלט וויסן, אַז איידער מיר קריגן אָט דאָס ספּרוזשינקעלע, באַשווערט מען אונז, אַז מיר טאָרן עס ניט ווייזן אפילו אונזערע אייגענע טאַטע־מאַמע... איר ווילט דאָך ניט אַז ס׳זאָל, חלילה, עפּעס געשען מיט מיר שלעכטס?״

אַזוי ווי איר זעט, האַלט איך דעם סוד מיין גאַנץ לעבן... איך וועל עס אפילו אייך אויך ניט ווייזן...

דער דערפאָלג פון „חנה׳לע די פינישערין״, סיי די פּיעסע, געשריבן פון פיינמאַן, סיי דאָס שפּילן פון זיגמונד און דיינאַ פיינמאַן, האָט זיי דער־הויבן צו גאָר אַ וויכטיקער פּאָזיציע אין דעם וואַקסנדיקן אידישן טעאַטער אין ניו יאָרק, אַזוי, אַז אַ סעזאָן אָדער צוויי שפּעטער, טרעטן זיי אַריין ווי שותּפים מיט דוד קעסלער׳ן און בערטאַ קאַליש אין טהאַליע טעאַטער.

אויך מיין אייגענער דערפאָלג אין יענער פּיעסע, האָט מיך געשטעמפּלט אַלס „סטאַר קינדער ראַליסטקע״. בין איך אויך געוואָרן אַ טייל פון יענער טרופּע. מוז איך זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז אין אַנזען פון איצטיקן נעבעכ־דיקן צושטאַנד פון אונזער אידישן טעאַטער, טוט מיר אַזוי טרויעריק באַנג, און עס נאָגט מיר מיין האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך דעם צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע יענעם סעזאָן אין „טהאַליאַ טעאַטער״...

ווילט זיך מיר שטאַרק גלויבן, אַז צווישן אייך, איז נאָך דאָ אַ היפּשע

צאָל מענטשן, וואָס געדענקען אַליין, אָדער זיינען גוט באַקאַנט מיט יענער עפּאָכע, וואָס האָבן אַ גוטן בעגריף און ס'טליעט נאָך אין זייער זכרון די זיסע טרייסט„ דאָס דערפרייענדיקע געמיט, וואָס דאָס אידישע טעאַטער האָט געבראַכט צו די מאַסן גרינע, עלנטע, און בענקענדיקע אימיגראַנטן פון יענער צייט... וועל איך אַוודאי דערוועקן אַ ציטער אין אייערע הערצער, ווען איך וועל דאָ אויסרעכנען די נעמען פון יענער טרופּע.

ווילט זיך מיר זייער צו קענען אָנצייכנען זייערע נעמען פּינקטלעך, אין דער אָרדנונג ווי זיי זיינען דאַן געווען אַנאָנסירט. דאָס איז געווען גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט אין טעאַטער־לעבן... דער „ווי אַזוי" און אין וועל־כער רייע דער נאָמען זאָל שטיין אין די אַנאָנסן, אין וועלכער זייט און ווי גרויס די מאָס פון בילד אויף די אַפישן... דאָס האָט פאַרשאַפט פאַרדרוס און האַרצווייטיק... ווי אויך פריידיקע דערגרייכונגען אין לעבן פון א סך שוישפילער. מ'האָט דערפאַר געקעמפט מיט ציין און נעגל... וואָלט איך באַגאַנגען אַ זינד דאָס צו איגנאָרירן...

ווייס איך אָבער, אַז אַ סך טעאַטער רעצענזענטן, און די ליטעראַרישע וועלט בכלל שרייבן מיט חוזק און ביטול פון אָט דער אַקטיאָרישער „שוואַכ־קייט" אָדער „קליינלעכקייט", ווי זיי באַצייכנען עס... און איך האָב דאָס געפיל אַז אַ היפשער טייל פון עולם איז געגוויגט אָנצונעמען אָט די מיינונג, און דערפאַר זיך אָפּט איזדיעקוועט איבער אונז, אַקטיאָרן... האַלט איך עס פאַר אַ חוב צו מיין פּראָפעסיע, צו מיינע קאָלעגן און צו זיך אַליין, צו פּרובירן פּאַרטייטשן די באַדייטונג פון אַנאָנסן, און די וויכטיקע ראָל וואָס זיי האָבן געשפּילט אין די קאַריערעס פון אַקטיאָרן...

די קנאַפּע זעקס צענדליק יאָר וואָס איך האָב געדינט אידיש טעאַטער, גיבן מיר, דוכט מיר, אַ רעכט, צו רעדן מיט אויטאָריטעט סיי וועגן טעאַטער־לעבן און סיי וועגן אַקטיאָרן... איז אָבער דער ענין גאָרניט אַזוי „אויבן־אויפיק", איך זאָל עס קענען אָפּ'פטר'ן מיט עטלעכע שורות... עס נעמט אַריין אַ סך קאָמפּליקאַציעס און אָן אַ שיעור פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם שוישפילער אין דער אַנטוויקלונג פון זיין קאַריערע. וועל איך פּרו־בירן פאַנאַנדערוויקלען און קלאָר מאַכן די אַלע שטרויכלונגען, וואָס מיר שוישפּילער דאַרפן בייקומען אויף אונזער וועג...

איז, ראשית, די אַנאָנסן... מיר וואָלטן צו יעדער צייט גרייט געווען אַרויסצוטרעטן פאַר עולם, אָן שרייענדיקע אַנאָנסן, אָן פאַראויסלויפנדיקע, אי־בערטריבענע, באַנאַלע לויב־געזאַנגען און שבחים, האָבנדיק צוטרוי סיי צום עולם, סיי צו אונזערע פעאיקייטן, אַז מיר וועלן קריגן די פאַרדינטע אָנער־קענונג. ווען־זשע איז דאָס אָבער, גערעדט געוואָרן? ווען דאָס וואָלט געווען

דער כלל פּאַר אַלעמען. ווען אין די זעלבע אַנאָנסן, וואָלט דער סטאַר־באַלע־באָס, אָדער ער און זיין פרוי, אָדער צוויי סטאַר־באַלעבאַטים מיט זייערע פרויען ניט פאַרנומען דעם גרעסטן פּלאַץ פון אַנאָנס, וואו מיט קידוש־לבנה׳דיקע אותיות, און ריזיקע בילדער שרייען זיי זיך אַריין אין די אויערן, אויגן און מוחות פון ברייטן עולם... די נעמען פון די אַנדערע אַקטיאָרן אין דער טרופּע ווערן קוים דערמאָנט, מיט רש״י־כתב, ווי מיר רופן עס, מיט „פליגן־פּינטעלעך״... ממילא ווערן זיי שוין דערמיט מינימיזירט און אומ־וויכטיק, סיי פאַרן עולם, סיי פאַר די פאַרוואַלטערס און באַלעבאַטים פון טעאַטערס...

ענדיגט זיך עס ניט בלויז מיטן פאַרשוועכטן כבוד פון די אַקטיאָרן פאַרן עולם. דאָס רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף זייער קאַריערע, זייערע פאַרדינסטן, זייער חיונה. ביים ווערן אַנגאַזשירט אין טעאַטער און ביים באַשטימען דעם וועכענטליכן געהאַלט שאַצט אייך דער באַלעבאָס אָפּ לויט דעם, וויפיל אייער נאָמען מיינט פאַר דער קאַסע. האָט זיך געמוזט אָנהויבן אַ גערעג פאַר מער אָנגעזעענע אַנאָנסן — צו האָבן דעם נאָמען מיט גרעסערע אותיות, דאָס בילד גרעסער און אין אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אויף די אַפישן.

די „סטאַרס״, אָבער, האָבן דאָס באַקעמפט. כדי אָנצוהאַלטן זייער סטאַזש אַלס סטאַרס, און טאַקע זייערע פעטע גאַזשן, איז עס געווען אין זייערע אינטערעסן, אַז די אַנדערע שוישפּילער אין זייער טרופּע, זאָלן זיך חלילה ניט אָנזען צופיל... האָט זיך געשאַפן די לאַגע, אַז ניט דער טאַלאַנט פון אַקטיאָר, נאָר די אַנאָנסן האָבן באַשטימט דעם גאַנג פון זיין קאַר־יערע...

קען איך זיך ניט צוריקהאַלטן, ביי דער געלעגנהייט, דאָ איבערצו־געבן מיינע אַ דערפאַרונג מיט דעם געניאַלן, אומשטערבלעכן דוד קעסלער. דאָס האָט גאָר אַ נאָענטע שייכות צו אונזער ענין.

פּאַסירט האָט דאָס אין די גאָר ערשטע יאָרן פון מיין קאַריערע אַלס „צילי אַדלער״. דוד קעסלער האָט מיך געוואָלט האָבן אַלס זיין „לידינג ליידי״, אויף אַ זומער־טור איבער אַמעריקע. בין איך אַוודאי געווען אין זיבעטן הימל און מיין האַרץ האָט ממש געשפּרונגען פון פרייד, וואָס דוד קעסלער טרויט מיר אָן די הויפּט ראָלע אין זיינער אַ פּיעסע. חוץ זיין גרויסן טאַלאַנט, איז ער געווען באַוואוסט אין דער פּראָפעסיע, אַלס איינער פון די געציילטע, אַנערקענטע סטאַרס, וואָס האָט כסדר געוואָלט שפּילן נאָר מיט גוטע טאַ־לאַנטירטע אַקטיאָרן. קיין סך אַזעלכע זיינען דאַן ליידער ניט געווען, האָב איך זיך געפילט דערפון זייער געשמייכלט.

אָבער גלייכצייטיק, האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָס איז מיין

געלעגנהייט צו דערהויבן מיין פּאָזיציע אין דער פּראָפעסיע. ער האָט מיך געבעטן אים טרעפן אין „שטאַרק׳ס קאַפע״, סעקאָנד עוועניו און האוסטאָן סטריט — עסן לאָנטש מיט אים און ריידן וועגן מיין אַנגאַזשמאַ. ווייס איך ניט וואו ס׳האָט זיך צו מיר גענומען דער מוט, נאָר רעדנדיק מיט אים וועגן מיינע באַדינגונגען, האָב איך מיט שרעק אין האַרצן און מיט אַ ציטער אין מיין קול אים געזאָגט, אַז איך וואָלט וועלן זיין אַנגאַזשירט גלייך מיט אים. ער האָט צעעפנט זיינע גרויסע, שטרענגע אויגן, און מיט אַ זייער אַיינ־דרוקספולע מינע, געקוקט אויף מיר און קיין וואָרט ניט געענטפערט. איך האָב זיין שטומען אויסדרוק אויסגעטייטשט אין מיין מוח, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן: „צילי, ווי קענסטו אַזאַ זאַך פאַרלאַנגען? ווי קומסטו צו מיר? ביסט נאָך אַ קינד קעגן מיר!״

איך האָב זיך אָנגעהאַלטן ווי אַ טרינקנדיקער אין אַ שטרוי, און אי־בערבויגנדיק זיך נעענטער איבערן טיש צו אים, האָב איך זייער האַרציק געענטפערט זיין שטיל־שווייגן:

„מיינט איר טאַקע, מר. קעסלער, אַז איר וועט דערמיט ווערן דערני־דעריגט?... אַז אייער באַרימטקייט וועט חלילה דערפון געמינערט ווערן, אַז אייער גרויסער נאָמען וועט קלענער ווערן?... פאַרוואָס זאָלט איר מיך ניט דערהויבן צו זיך און העלפן אַ יונגער, ראַנגלענדיקער שוישפּילערין דער־גרייכן אַ העכערן שטאַפּל אין איר קאַריערע?...״

זיין שטרענגער בליק איז ווי מיטאַמאָל מילדער געוואָרן. זיינעשאַרפע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט מיט צאַרטקייט און וואַרעמקייט. ער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט איבערן טיש און אַזוי דראַמאַטיש, ווי נאָר ער האָט געקענט, האָט ער געשטאַמלט:

„ביסט גערעכט... דו צילי, דו פאַרדינסט עס... דיר קומט עס... דיין טאַלאַנט... „יור רייט״... אָלרייט... בלייב מיט מיר... יו שעל העוו איט״.

קענט איר זען פון דער פאַנטאַסטאַטישער קאַפּיע, אַז קעסלער האָט געהאַלטן וואָרט. בין איך אַוודאי אַלע מיינע יאָרן אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר. איך צווייפל אָבער זייער אויב עס זיינען געווען נאָך אַזעלכע פאַלן אין אונזער גאַנצער טעאַטער געשיכטע.

פאַרקערט, דער איבלדיקער „סטאַר סיסטעם״ האָט געפירט דערצו, אַז אַ צאָל אומדערפאַרענע אָנפאַנגער־שוישפּילער, און אפילו טאַלאַנטלאָזע, זעלבסט־געקרוינטע אַקטיאָרן האָבן בלויז מיטן כוח פון „זיין אַ באַלעבאָס פון אַ טעאַטער״, אָדער האָבן אַ מאַן אַלס באַלעבאָס, מיט איבערטריבענע, שרייענדיקע אַנאָנסן זיך אַרויפגעשריגן צו דער מדרגה פון „סטאַרס״, מ׳שטיינס

# דער ערפאלג פון א פיעסע הענגט אפּ פון דריי זאכען:

## 1) די פיעסע זעלבסט 2) די אקטיארען 3) דאס טהעאטער

די בעסטע פיעסע איז פעראורטיילט צום טויט אויב די שוישפּיעלער זיינען נים געבענשט מיט דער געטליכער בעגאבטהיים צו קענען פארשטעלען פאר אונז די אמת'ע טיפען, זייערע גייסטיגע ליידען און פריידען, אין די מאמענטען פון זייער שטילקייט און אין די מאמענטען פון זייער אפענעם בראטעסט.

# דייוויד קעסלער און סיליע אדלער

זיינען געבענשט פון גאט מיט קונסט צו קענען פאר אונז מאלען דאס לעבען אזוי טראגיש טיף, אזוי הארציג געטריי, אז אונזער'ע הערצער און אונזערע נשמות ווערען בוכשטעבליך מיטגעריסען ביז צו פערגעסענהייט. די פיעסע

# דער אידישער גלויבען

איז די ריכטיגע פיעסע פיר די ריכטיגע אקטיארען. ווען די פיעסע איז געשפּיעלט געווארען אין ניארק אין קעסלער'ס טהעאטער, האט זי געמאכט דעם גרעסטען פוראר אין די אינטעליגענטסטע קרייזען. די אידישע פרעסע, אהן אויסנאהם, האט געזונגען א לויב געזאנג צו דער פיעסע און צו די שוישפּיעלער. דאס איז פון די פיעסען, וועלכע לאזען א טיעפען איינדרוק, אויף די צושויער און עס וויל זיך איהר זעהן נאך אמאל און נאך אמאל.

# דאס טהעאטער

...יר פובליקום דארף מען ק...

...טער. עס איז דאס ב...

געזאָגט, און מיט דעם ניט נאָר געשעדיקט אונז שוישפּילער, נאָר ממש דע־גראַדירט דעם ווערט פון טעאַטער פאַרן ברייטן עולם.

די געשיכטע פון אונזער טעאַטער פאַרמאָגט ליידער אַ היפּשע צאָל אַזעלכע פאַלן. און ניט דווקא ערגיץ אין קליינע פּראָווינץ טעאַטערלעך, נאָר אויך אין גאָר וויכטיקע טעאַטערס אין ניו יאָרק און אַפילו אין געוויסע פאַרזוכן אויף אַזוי־גערופענע קונסט־טעאַטערס. די וואָס זיינען בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונזער טעאַטער, איז דער ענין ניט פרעמד...

האָב איך פאַר אייך עטוואָס קלאָר געמאַכט, אַזוי האָף איך, דעם ענין „אַנסאַמבל". אַ סך ערנסטער אָבער איז דער ענין פון ראָלן. וואָסערע ראָלע איר קריגט, און ווי אַזוי זיי צו שפּילן... די ווערטער אַליין זיינען נאָך ניט די ראָלע... צווישן די ווערטער ליגט באַהאַלטן די נשמה פון דעם כאַ־ראַקטער, וואָס זיי דאַרפן פאָרשטעלן. דאַרף דער אַקטיאָר זיך פאַרטיפן, אַריינדרינגען און צעגלידערן יעדעס וואָרט, יעדע פראַזע, יעדן געדאַנק, כדי צו געפינען און באַלעבן די נשמה פון כאַראַקטער. גאַנץ אָפט קומט אונז אויס צו נישטערן, און פּרובירן צו דערגרונטעווען דאָס לעבן פון באַטרעפנדיקן כאַראַקטער, פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן איידער ער באַווייזט זיך אויף דער בינע. מיר דאַרפן אויך אויף זיך און מיט זיך אַ סך אַרבעטן מיט אונזער פיגור, אונזער קול, אונזער מימיק און באַוועגונג ביז ס'געלינגט אונז צו באַשאַפן דעם מענטשן, וואָס דער מחבר האָט אין זיינע ווערטער באַהאַלטן. איז עס, ווי איר זעט, גאָרניט אַזאַ לייכטער ענין.

פאַרשטייט זיך, אַז איך רעד דאָ פון אַקטיאָרן מיט אַן ערנסטער באַ־ציאונג צו טעאַטער. איך אונטערשטרייך דאָס נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. ווייל ליידער, ליידער, איז אין אונזער פּראָפעסיע דאָ אַ היפּשע צאָל אַקטיאָרן וואָס די אַלע זאַכן ליגן זיי ניט אין דער לינקער פּיאַטע. זיי טוען אָפּ זייער טאָג אַרבעט אויף דער בינע, פּונקט ווי יעדער אַרבעטער אין שאַפּ... האָב איך אָפט געהערט, אַז אפילו אין שעפּער זיינען אויך דאָ באַלמעלאָכעס וואָס האָבן אַן ערנסטע, אַ געוויסנהאַפטע באַציאונג צו זייער אַרבעט און, פאַר־קערט, אַזעלכע וואָס באַציען זיך מיט לייכטזיניקייט, אומפאַראַנטוואָרטליכ־קייט, אַבי אָפּצו'פּטר'ן... אין טעאַטער־פאַך איז דער אונטערשיד פון ערנסט־קייט און לייכטזיניקייט אַ סך אַ וויכטיקערער פאַקטאָר ווי אין אַ שאַפּ.

מוז איך דאָ צוגעבן, אַז ווען איך האָב פריער גערעדט וועגן די שוועריקייטן, וואָס דער ערנסטער אַקטיאָר האָט ביים שאַפן זיין ראָלע, האָב איך אין זינען געהאַט ראָלן אין פּיעסן, געשריבן פון ליטעראַריש־קינסטלערישע פאַר־פאַסער, שאַפונגען אין וועלכע סיי די טעמע, סיי די סיטואַציעס, סיי די איינצלנע כאַראַקטערן, זיינען געבויט מיט קינסטלערישער וויזיע, מיט פּסי־

כאַלאַגישן אַנאַליז און וועבן זיך ווי אַ רעזולטאַט פון לאַגישער, מענטשליכער האַנדלונג. דאָ העלפט אונז דעם מחבר׳ס קינסטלערישע שאַפונג צו זוכן, צו דערגרונטעוועט אונזערע ראָלן.

אונז קומט דאָך אָבער אויך אויס צו שפּילן ראָלן אין זאַגענאַנטע טעאַטער־„מאַכערייכעס״, וואו פון די אַלע זאַכן איז ניטאָ אַ לעק... ווי פלעגט חוזק׳ן אונזער גרויסער דוד קעסלער: „פּעסניעס געשריבן מיט דער קני און פאַרטראַכט מיט דער ״פיאַטע״ — אָן לאָגיק, אָן לייב און לעבן, אָן מענטשלעכע געשטאַלטן... אין אַזעלכע „מאַכערייקעס״ איז פאַר דעם ערנסטן אַקטיאָר דאָס דערגרונטעוועט זיין ראָלע ממש „קריעת ים־סוף״...

און איך דאַרף דאָך דאָ ניט דערקלערן, אַז דער יונגער אַקטיאָר האָט קיין דעה ניט איבערן אויסוואַל פון ראָלן... ער האָט אַפילו זייער זעלטן אַ דעה אין וועלכן טעאַטער ער זאָל זיך אַנגאַזשירן... ווי גייט דאָס ווערטל: „ווילסטו אין מלחמה גיין, מוזטו פּולווער שמעקן״... איך קען אייך אָבער מיט אַ ריינעם געוויסן פאַרזיכערן, אַז דער ערנסטער אַקטיאָר וועט ביי זיך ניט פועל׳ן אַרויפצוגיין שפּילן אַ ראָלע אפילו אין ערגסטן שונד ביז ער וועט ניט דערגרונטעוועט דעם כאַראַקטער און וויסן באַשטימט פאַרוואָס ער טוט אויף דער בינע וואָס ער טוט, און זאָגט וואָס ער זאָגט... און ניט האָבנ־דיק די הילף פון פאַרפאַסערס „שרייבן״, מוז ער מיט זיין אייגענער אינטו־איציע דאָס דערגרונטעוועט.

וויל איך דאָ דערמאָנען, ווי אַ ביישפּיל, מיינעם אַ האַרציקן חבר און פריינט, אַ שוישפּילער, וואָס אין די קנאַפּע צוועלף יאָר, וואָס ער האָט געשפּילט אין אידישן פּראַפעסיאָנאַלן טעאַטער, האָט ער מיט זיין ריזיקן טאַלאַנט זיך איינגעקריצט אין די הערצער פון אַלע ליבהאָבער פון בעסערן טעאַטער און ביי די ערנסטע קריטיקער און רעצענזענטן אונזערע. ער האָט אין מיין קאַריערע, און אין מיין פּערזענלעכן לעבן געשפּילט גאָר אַ וויכ־טיקע און אינטימע ראָלע... מיר וועט נאָך אויסקומען אַ סך, אַ סך צו רעדן פון אים... ער איז, ליידער, פון אונז גרויזאַם אַוועקגעריסן געוואָרן אין סאַמע בלי פון זיין לעבן, קוים אין פערציקסטן יאָר זיינעם — דער וואונדערלעכער שוישפּילער, יחיאל גאָלדשמיד. איך ברענג דווקא אים פאַר אַ ביישפּיל ניט בלויז צוליב מיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און זיסע זכרונות וועגן אים... נאָך ווייל זיין פאַל וועט אַמבעסטן אַרויסברענגען וואָס איך וויל דאָ אונטערשטרייכן...

גאָלדשמיד איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס יונגער אינגל, כמעט אָן וויסן, דערצויגן געוואָרן אויף די גאַסן פון „האַרלעם״, וואָס האָט זיין וויסן זיכער ניט באַרייכערט... ער איז געקומען צום טעאַטער דורך די דראַמאַטישע

קלובן, ספּעציעל דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", וואו דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און טעאַטער־קריטיקער, יואל ענטין, איז געווען דער פּי־רער און לייטער. ווען ער איז ענדלעך נאָך שווערער מי אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן, איז ער דוקא אָנגעקומען אין איינעם פון אונזערע אויסגעשפּראָכענע שונד־טעאַטערס, און אַלס זיין ערשטע ראָלע אין פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער איז אים אויסגעקומען צו שפּילן אַ גענגסטער, אַן אַלפאַנז, „אַ חיה אין מענטשן געשטאַלט"... ער האָט זיך אין דער ראָלע שטאַרק אויסגעצייכנט. האָבן אַ צאָל ערנסטע רעצענזענטן אונטערשטראָכן, אַז ס'איז צו באַוואונדערן וואָס אין דער חיה'שער געשטאַלט האָט גאָלדשמיד צו זיך אַרויסגערופן אַ געוויסע סימפּאַטיע.

אין אַ געשפּרעך מיט איינעם פון די רעצענזענטן האָט גאָלדשמיד אים דערציילט ווי אַזוי ער האָט אויסגעט'חלום'ט דעם גענגסטערס היים, זיין קינד־הייט, די אומגעבונג, די גאַסן־יונגען מיט וועלכע ער האָט זיך דערצויגן, ביז ער איז געקומען צו זיין שטאַנד אַלס גענגסטער און אַלפאַנז... האָט דער רעצענזענט זיך געוואונדערט — פון דעם אַלעם איז דאָך אין דער פּיעסע קיין וואָרט ניט דערמאָנט... האָט אים גאָלדשמיד דערקלערט: „איך האָב דאָס אַלץ אַליין געמוזט אויס'חלום'ען און דערגרונטעווען, אַנדערש וואָלט איך זיך צו דער ראָלע ניט געקענט צורירן"...

אָט דער רויער טאַלאַנט גאָלדשמיד'ס, האָט מיך מיט זיין שפּילן דער־מאָנט אין אונזער געניאַלן דוד קעסלער, וואָס איז אויך געווען זייער אָפט באַטיטלט אַלס אַ „רויער דימענט", „עי דאַימאָנד אין דהי ראָף"... גאָלד־שמיד וועט מיר אַ סך העלפן אין מיינע באַשרייבונגען מיט טשיקאַווע עפּיזאָדן פון זיין קורצער קאַריערע אין אונזער טעאַטער.

איך האָף אַ ס'איז מיר געלונגען אייך צו באַקענען מיט די שווערע אָנשטרענגונגען, וואָס דער ערנסטער אַקטיאָר מאַכט דורך אין פּראָצעס פון שאַפן זיין ראָלע. טרעפט אָבער ביי אונז גאַנץ אָפט, אַז דער אַקטיאָר ווערט דערפאַר באַלוינט מיט פאַרדרוס און האַרץ־ווייטיק... ניט, חלילה, ווייל ער נעמט ניט אויס ביים עולם, אָדער ער געפעלט ניט די רעצענזענטן. גאָר פאַרקערט, דווקא ווען ער געפעלט אַלעמען, איז דאָ אַ געפאַר, אַז ס'זאָל דעם „סטאַר" ניט געפעלן... ס'זיינען דאָ „זאָגענאַנטע" סטאַרס, וועל־כע קענען ניט און ווילן ניט דערלאָזן אַז אַ צווייטער אַקטיאָר אָדער אַן אַנדער ראָל אויסער זייערע זאָל זיך אָנזען. דאָס איז זייער בעסטע באַוואָ־רעניש, אַז זיי זאָלן זיין די הויפּט אַטראַקציע ביים עולם, אַז נאָר אויף זיי זאָל מען קוקן, אַז נאָר זיי זאָלן זיך אָנזען...

דאָס ברענגט אונז צו דער סאַמע ערגסטער קרענק פון אונזער טעאַטער

— דער ניט־סאָלידער און וואַקלדיקער פונדאַמענט, אויף וועלכן אונזער טעאַטער איז פון אָנהויב אָן געבויט און אַוועקגעשטעלט געוואָרן — די „סטאַר־סיסטעם״... ביי לייטן איז דער קינסטלערישער טייל פון טעאַטער אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון דעם געשעפטלעכן טייל; ס׳איז דאָ דער באַלעבאָס וואָס זאָרגט פאַר דעם געשעפט; ס׳איז דאָ דער קונסט־דירעקטאָר, אָדער רעזשיסער, וואָס זאָרגט פאַר דעם קולטורעלן און אַרטיסטישן טייל; ניט דער באַלעבאָס, ניט דער רעזשיסער מוז דווקא זיין אַן אַקטיאָר. אַלענפאַלס אין דעם טעאַטער וואו זיי פונקציאָנירן פיגורירן זיי בשום אופן ניט אַלס אַקטיאָרן, מיט גאָר, גאָר זעלטענע אויסנאַמען. דער באַלעבאָס באַמיט זיך אויסצוקלייבן און קויפן אַ פּיעסע, וואָס ער האָפט אַז זי וועט אַפּעלירן צום עולם.

דאַן נעמט עס איבער דער רעזשיסער. ער אַרבעט אויס זיין רעזשי־פּלאַן מיט זאָרג נאָר פאַר דער פאָרשטעלונג. ער שאַפט זיך זיינע באַשטימטע מיינונגען, וועלכע מאָמענטן אין דער פּיעסע זאָלן באַלויכטן ווערן און וועלכע ס׳זאָלן בלייבן אין שאָטן; וועלכע כאַראַקטערן ער וויל אַרויסהויבן און וועל־כע ער וויל לאָזן אין הינטערגרונד. ער שאַפט אַזוי צו זאָגן, אַ גאַנצע קאָמ־פּאָזיציע, אין וועלכער יעדער טייל מוז זיין אין פּינקטלעכן טאָן, יעדע פיגור אַריינגעפּאַסט אין דער ריכטיקער ראַם.

ניט דער סטאַר אָדער סטאַריכע, ניט דער הויפּט העלד אָדער העלדין פון דער פּיעסע האָט וועלכע ס׳איז דעה אין דעם אופן ווי אַזוי די פּיעסע זאָל געשטעלט ווערן, און אַוודאי האָבן זיי ניט קיין דעה אויף די ראָלן. זיינען ערנסטע אַקטיאָרן אייביק דאַנקבאַר דעם אמת־קינסטלערישן רעזשיסער פאַר געבן זיי אָנווייזונגען און, פאַר פירן זיי אין דער ריכטונג צו וועלכער ער צילט אין זיין רעזשי־פּלאַן.

ביי אונז, אָבער, ליגט אַלץ אין איין האַנט — אין דער האַנט פון „סטאַר״. ער איז דער באַלעבאָס, ער באַשטימט די פּיעסע, ער טיילט אויס די ראָלן, ער רעזשיסירט, ער לערנט אַלעמען ווי אַזוי צו שפּילן טעאַטער. זיין פּאַ־טענט אויף די אַלע קונסטן איז בלויז דער פאַקט וואָס ער איז באַלעבאָס און סטאַר. גאָרניט זעלטן צווינגט ער דעם אויטאָר צוצושניידן די פּיעסע און די ראָלן כדי זיי זאָלן בעסער דינען זיינע קליינלעכע אַמביציעס, זיין ביליקן געשמאַק. גאַנץ אָפט טוט ער עס אַליין, אָן דעם אויטאָרס וויסן... די אומגליקלעכע קאָנסעקווענצן, דער טרויעריקער סך־הכל פון דער סיסטעם האָבן זיכער צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער מורא׳דיקער ירידה פון אידישן טעאַטער.

כדי צו באַקרעפטיקן מיינע מיינונגען וועגן דעם פאַטאַלן שאָדן וואָס

די „סטאַר־סיסטעם״ האָט אונזער טעאַטער געבראַכט, מוז איך אייך דאָ ברענגען כאָטש עטלעכע עפּיזאָדן, פון די הונדערטער, וועלכע איך האָב געהאַט די געלעגנהייט מיטצומאַכן דורך די פילע יאָרן מיינע ביים טעאַטער. זיי וועלן פאַר אייך בולט׳ער אונטערשטרייכן די הפקרות, די חוצפה, דעם „עולם גולם״ באַגריף וואָס האָט זיך אין אונזער טעאַטער איינגעפרעסן אַ דאַנק דער „זאָגענאַנטער סיסטעם״. איר וועט דאַן אפשר בעסער פאַרשטיין מיינע טענות, מיין „איך באַשולדיק״...

ווייס איך אַז איך גיי דאָ אויף גלאָז... איך וועל דערפאַר אין די עפּיזאָדן אָנגעבן די נעמען בלויז פון די געקריוודעטע, כדי איר זאָלט האָבן די זיכערקייט, אַז דאָס זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשות. איך וועל אָבער ניט דערמאָנען די נעמען פון די קריוודע־מאַכערס... אַ טייל פון זיי זיינען שוין לאַנג אויפן עולם האמת. אויב עמעצער פון מיינע לעבעדיקע קאָלעגן וועט זיך דערקענען צווישן די שולדיקע, מעג ער עס פאַרדייען גע־זונטערהייד.

ביי אַ פאָרשטעלונג אין גאָר אַן אָנגעזעענער פּראָווינץ־שטאָט האָט דער אַקטיאָר סעם אויערבאַך, אַ שוואָגער פון מיין באַרימטן שוואָגער, יוסף שיינגאָלד, געשפּילט די ראָלע פון אַ טאַטן. דער „סטאַר״ האָט געשפּילט זיין זון, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען די הויפּט־ראָלע. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז כאָטש דער סטאַר האָט אויערבאַכ׳ס „טאַטע ראָלע״ היפּשלעך אַרומגעשניטן, האָט סעם פונדעסטוועגן ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג געקראָגן אַ גרויסן אַפּלאָז פאַר אַ געוויסער פּראָזע אין אַ דיאַלאָג מיטן זון זיינעם, דעם „סטאַר״. ביי דער צווייטער פאָרשטעלונג אויף מאָרגן, אַז ס׳איז געקומען צו דעם דיאַלאָג, האָט דער „סטאַר״, דער זון, הייסט עס, אַזוי געזאָגט:

„איך ווייס, איך ווייס, טאַטע, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן״, און האָט אַליין אָפּגעזאָגט די פּראָזע און אויסגעכאַפּט די פּעטש...

סעם אויערבאַך איז אַ קאַלטער לונג־און־לעבער, אָבער ניט קיין נאַר. ער איז אויך פון די אַקטיאָרן וואָס לאָזן זיך ניט, ווי מ׳זאָגט עס, „שפּייען אין דער קאַשע״... איז ער קאַלט און געלאַסן צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דער זון, דער סטאַר, איז געזעסן, דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעלייגט אויפן טיש זיין געלט פון קעשענע, זיין גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, זיין דימענטענעם פינגערל, און געזאָגט גאַנץ הויך, אַז אַלע אין טעאַטער זאָלן הערן:

„נאַ, נאַ, זון מיינער, נעם דאָס אויך צו, דיר קומט דאָך אַלץ!!!״

ער האָט דערביי גענומען אויסטאָן זיין רעקל: „ווילסט אפשר מיין גאַרניטור אויך?! דיר איז דאָך קיין זאַך ניט גענוג!!!״

דער סטאַר האָט זיך, חלילה, ניט געפילט געטראָפן פון אויערבאַכ׳ס געלונגענער לעקציע... ניט מער, וואָס פון יענעם אינצידענט אָן האָט ער זיך פאַרזיכערט, אַז יעדע פראַזע אין אַ פּיעסע וואָס האָט אַ שאַנס פאַר אַן אַפּלאָדז, זאָל זיין נאָר אין דער „סטאַר־ראָלע״.

אַ צווייטער עפּיזאָד — מיט מיר אַליין.

איך האָב געשפּילט אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט טעאַטער. דער באַלעבאָס איז געווען דער באַרימטער אַנשל שאָר. ער איז געווען אַ זייער קלוגער טעאַטראַל, אַ גאַנץ פיינער פּיעסן־שרייבער, און פון די געציילטע טעאַטער באַלעבאַטים, וואָס האָבן געפירט זייער טעאַטער מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין און ניט דערלאָזט קיין הפקרות אין זיין טעאַטער... מיר זיינען געווען זייער גוטע פריינט. האָט ער יענעם סעזאָן, פאַר אַ ספּעציעלער פאַר־שטעלונג, באַשלאָסן צו שטעלן די באַרימטע פּיעסע „דער ישיבה־בחור״, פון זאָלאָטאַרעווסקי, און ביי מיר גע׳פּועל׳ט איך זאָל שפּילן די הויפּט־ראָלע, „אַביגדור׳ל״, אַ ראָלע אין וועלכער דער אומפאַרגעסלעכער באָריס טאָמאַ־שעפסקי האָט זיך באַרימט געמאַכט.

ס׳איז געווען פאַר מיר אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג — דאָס אויסלערנען אויסנווייניק אַזאַ גרויסע ראָלע מיט דער מוזיק. דער באַרימטער חזן און קאָמפּאָזיטאָר יודעלע בעלזער, זייענדיק דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר פון טעאַטער יענעם סעזאָן, האָט געדאַרפט צוליב מיר די מוזיק איבערשטעלן — אַ פּאָר טענער נידעריקער פאַר מיר און באַלד אַ פּאָר טענער העכער פאַרן כאָר. גלויבט מיר, אַז ביז יענער פאַרשטעלונג, אין אַ ראָלע וואָס איז וויט פון מיין זשאַנד, און טראָגט מיט זיך אַ שטיק געשיכטע פון אידישן טעאַטער, איז מיין נערוועזיטעט אַלץ מער און מער געשטיגן...

זיצנדיק אין מיין גאַרדעראָב, שוין אָנגעטאָן און גרימירט אַלס „ישיבה בחור״, דערטראָגן זיך צו מיינע אויערן שטילע רייד פון אַן אַקטריסע, וואָס האָט געקוואָקעט אויף אַ סטאַר... הער איך ווי זי זאָגט:

„איר וועט שוין זען וואָס איך וועל איר היינט אָפּטאָן. איך בין דאָך שוין אויף דער בינע, ווען זי מאַכט איר אויפטריט אַלס אַביגדור׳ל אין ערשטן אַקט, וועל איך זי אַוועקלייגן איבער מיינע קני און איר אַזוי אַריינצימבלען, אַז זי וועט דעם גאַנצן אָוונט ניט קענען זיצן...״

אַ פאַרציטערטע בין איך געוואָרן. דער געדאַנק פון אַזאַ סצענע אויף דער בינע פאַר אַן עולם, האָט מיך ממש דערשיטערט. איך מוז דאָס אָפּ־שטעלן... אָבער ווי אַזוי?! זי איז פיזיש אַזוי פיל שטאַרקער פון מיר... איך וועל אויף דער בינע זיך ניט קענען ווערן קעגן איר... מיט איר איצט האָבן אַן איבעררייד, האָב איך מורא געהאַט, אַז איך וועל זיך אַזוי

אויפרעגן, אַז עס וועט ווירקן אויף מיין שפילן... בין איך געזעסן אין גע־האַקטע צרות, געזוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי אויסצומיידן די בושה און וויטיק, און איך האָב זיך דערטראַכט.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַנשל שאָר איז אַ סך יאָרן געווען אַ סו־פליאָר, און זייער אַ גוטער סופליאָר, האָב איך געשיקט אים זאָגן, אַז איך מוז אים תיכף זען, איידער דער פאָרהאַנג גייט אויף, איידער איך גיי אַרויף אויף דער בינע. ער איז, פאַרשטייט זיך, געקומען. האָב איך זיך געגומען בעטן ביי אים, אַז אַזוי ווי איך בין זייער נערוועז צוליב מיין ראָלע, וויל איך ניט אַנדערש, אַז ער זאָל היינט סופלירן.

„מיט דיר אין סופליאָר־קעסטל וועל איך זיין זיכערער מיט מיין ראָלע", האָב איך אים דערקלערט.

ס'האָט ניט געהאָלפן זיין רעדן און טענה'ן. איך האָב אים פעסט געזאָגט: „אַנשל, איך וועל אַנדערש ניט אַרויסגיין שפילן... איך האָב דיר צוליב געטאָן און מיך געלאָזט איינרעדן צו שפילן אַזאַ ראָלע, מעגסטו מיר צוליב טאָן און היינט זיצן אין קאַסטן"...

ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט מיר געמוזט נאָכגעבן. פאַר־שטייט איר דאָך, אַז יענער אַקטריסעס פּלאַן איז איר, נעבעך, צעשטערט געוואָרן... ווען זי האָט דערזען אים זיצן אין סופליאָר־קאַסטן, האָבן איר אָפּגענומען הענט און פיס... און דאָס לשון אויך... אַזוי האָב איך זיך פאַרהיט פון ווערן אַ געצוואונגענער שותף אין אַ סצענע פון הפקרות און וויטיק...

אַנשל שאָר האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך האָב זיך פּלוצ־לונג אַזוי פאַרליבט אין זיין סופלירן, בפרט ווען ער האָט באַלד ביים ערשטן אַקט דערזען, אַז איך קען מיין ראָלע אויף אויסווייניק... האָב איך אים געלאָזט זיך וואונדערן...

כדי איר זאָלט ניט מיינען, אַז בלויז אויף דער פּראָווינץ האָט מען זיך דערלויבט אומרעכט און הפקרות וועל איך דאָ ווידער אויפלעבן מיין ליבן פריינט יחיאל גאָלדשמיד, וואָס האָט די מערסטע יאָרן פון זיין קורצן לעבן אויף דער בינע געשפּילט אין בעסערע אידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק. דער עפּיזאָד איז אַ סך אַן ערנסטערער און גייט אַ סך טיפער...

פּאַסירט האָט עס אין איינער פון די סאַמע דערפאָלגרייכסטע פּיעסן פון בעסערן אידישן רעפּערטואַר. די ראָלע וואָס גאָלדשמיד האָט געדאַרפט שפּילן איז, לויטן אינהאַלט פון דער פּיעסע, געווען כמעט אַ הויפּט־ראָלע. איז עס אָבער געווען אַ ראָלע, וואָס האָט ניט קיין סך רייד. כאָטש ער געפינט זיך אויף דער בינע דעם גרעסטן טייל פון יעדן אַקט, האָט מען די ווערטער

פון זיין ראָלע געקענט אָפּזאָגן אין עטלעכע מינוט. זיין ראָלע האָט געהאַט מער פּינטעלעך ווי ווערטער... אָט די פּינטעלעך האָט ער דורך זיין שווייגן געדאַרפט אַרויסברענגען, כדי צו ציען דעם מיסטישן פאָדעם, וואָס דער מחבר האָט אין זיין ווערק אַריינגעוועבט — אַ זייער קאָמפּליצירטע ראָלע.

גאָלדשמיד איז ניט געווען פון די אַקטיאָרן וואָס דערלויבן זיך מיט ביליקע טעאַטער־קונצן מאַכן דעם עולם קוקן אויף זיך... האָט ער, נעבעך, אין די ערשטע וואָכן פון פּראָבע געבלאָנדזשעט און ׳געטאַפּט אַ וואַנט״ און אַלץ ניט געקענט געפינען דעם מיסטישן פאָדעם פון זיין ראָלע. דער „סטאַר״, וואָס איז „זעלבספאַרשטענדלעך״ אויך געווען דער רעזשיסאָר, האָט אים ניט געהאָלפן, ניט, חלילה, ווייל ער האָט ניט געוואָלט. ווי מיר אַלע, ווי גאָלשמיד אַליין, האָט אויך דער רעזשיסאָר געפילט, אַז יחיאל ברענגט ניט אַרויס זיין ראָלע ווי ס׳באַדאַרף צו זיין... לויט דער אָנגענומענער מעטאָדע פון אונזער רעזשי, האָט דער רעזשיסאָר געהייסן גאָלשמיד׳ן אים נאָכזאָגן, אים נאָכמאַכן. אָבער דאָס העלפט זייער ווייניק אַ ראָלע צו דערגרונטעווען...

דער שוישפּילער מוז פילן און פאַרשטיין זיין ראָל דורך און דורך כדי צו קענען אַרויסברענגען אַלע ניואַנסן און קנייטשעלעך מיט אייגענע מיטלען, אין דער מאָס פון טאַלאַנט און פעאיקייט וואָס ער פאַרמאָגט... אַלענפאַלס, גאָלדשמיד׳ן האָט עס ניט געהאָלפן...

ענדלעך, מיר זיצן אַלע ביי אַ פּראָבע, און ס׳קומט זיין ערשטער אויפ־טריט אין ערשטן אַקט און ווי נאָר יחיאל האָט אַרויסגערעדט די ערשטע עטלעכע זאַצן, האָבן מיר אַלע אויפגעלויכטן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר אַלע דערפילט דעם אמת אין זיין טאָן... עס איז פאַר אונז אַלעמען פּלוצ־לונג קלאָר געוואָרן די מיסטישע אָנדייטונג, וואָס דער מחבר האָט אין זיינע פּינטעלעך באַהאַלטן... ווען ער האָט די סצענע געענדיקט, האָבן מיר אַלע אַפּלאָדירט. דער רעזשיסאָר האָט אויך געקוואָלן און שטאַרק אַפּלאָדירט...

מיטן גאַנצן פיזישן כח און וואויל־יונגערישקייט, וואָס גאָלדשמיד האָט פאַרמאָגט, איז ער געווען זייער סענטימענטאַל, און אין געוויסע פאַלן, גאַנץ נאַאיוו. נאָך דעם ספּאָנטאַנעם אַפּלאָז, האָבן זיך אים אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן... דאָס קענען אפשר בלויז פאַרשטיין די, וואָס האָבן אַ באַג־ריף פון די מאַטערנישן וואָס דער ערנסטער שוישפּילער גייט דורך ביי די פּראָבעס, ווען ער בלאָנדזשעט אין אַ ראָלע, און זיין איבערפילט האַרץ ווען ער געפינט ענדלעך דעם ריכטיקן וועג... איז ער אַ באַגייסטערטער צו־געגאַנגען צום רעזשיסאָר און, איבערוועלטיקט פון זיין גערירטקייט, אים געפּרואווט איבערגעבן זיינע געפילן:

„איר ווייסט גאָרניט ווי איך האָב געליטן פון מיין בלאָנדזשעניש...

איך בין נעכט ניט געשלאָפן... איך האָב געזוכט און געגישטערט... און ענדלעך נעכטן, צווײ בײנאַכט, לײענענדיק נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די פּיעסע, האָב איך פּלוצים דערטאַפּט דעם פּאָדעם פון דער ראָלע... ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן... איך בין שוין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן... אַ סך מאָל איבערגעגאַנגען מײן ראָלע ביז יעדעס וואָרט און יעדעס פּינטעלע איז מיר קלאָר געוואָרן..."

איז וואָס, מײנט איר, האָט דער רעזשיסאָר אים געענטפערט אויף זײן אָפּנהאַרציקער ווידוי? ער האָט בײז געזאָגט:

„ווער דאַרף אײער טראַכטן?! ווער בעט אײך זוכן? איך זוך פאַר אײך... איר דאַרפט גאָרניט טאָן — איר טוט נאָר וואָס איך הייס אײך!!"

דאַרף איך אײך אָפּמאָלן ווי גאָלדשמיד האָט, נעבעך, געפילט נאָך אַזאַ עפנטלעכער דערנידערונג? ער האָט גאַנץ שנעל פאַרלוירן זײן גאַנצע סענטי־מענטאַליטעט, זײן פּנים האָט זיך געענדערט און ער האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג... אָבער עטלעכע אַקטיאָרן האָבן זיך אַרײנגעמישט, דעם ענין ווי ניט איז פאַרגלעט און אויסגעמיטן אַן ערנסטן סקאַנדאַל... מען האָט דער־פירט דעם עפּיזאָד צו גאָר אַ צופרידנשטעלנדיקן סוף פאַר אַלעמען.

אָט שפּילט מען שוין די פּיעסע, ס'איז דער ערשטער סוף־וואָך. זונטיק נאַכט, נאָך דער פינפטער פאָרשטעלונג, האָט דער סטאָר אַרײנגערופן צו זיך אין גאַרדעראָב אַ געוויסן טעאַטראַל, אַ ליבהאָבער פון בעסערן אַידישן טעאַטער, אַ נאָענטער פרײנט פון אַ סך אָנגעזעענע אידישע שוישפּילער, און ער האָט אים געזאָגט:

„איר ווייסט, איך האָב זיך הײנט קוים געקענט קאָנצענטרירן אויף מײן ראָל. איך בין אַזוי געררט געוואָרן פון גאָלדשמיד'ס וואונדערלעכן שפּילן... איך זאָג אײך, ער איז געניאַל אין זײן ראָל..."

איך האָף, אַז עס איז מיר געלונגען דורך מײנע באַטראַכטונגען און די עפּיזאָדן אין די לעצטע קאַפּיטלען, צו באַרעכטיקן מײנע אויספירונגען, סך־הכל'ען, אָדער, ווי איך רוף זיי: מײן „איך באַשולדיק"...

איך בין זיכער, אַז אין מײנע באַשרײבונגען ביז איצט, האָב איך קלאָר אַרויסגעבראַכט מײן גרויסן דרך־ארץ, מײן אומבאַגרענעצטע באַוואונדערונג, פאַר די גרינדער און בויער פון אונזער אידישן טעאַטער און פאַרן ערשטן דור אידישע שוישפּילער בכלל, איז אויב מײן איך באַשולדיק" איז אין גרעסטן טייל געצילט אין דער ריכטונג פון יענעם דור, איז עס ניט, חלילה,

ווייל איך שאַץ ניט אָפּ זייער גאונות, אָדער וואָס מיין באַציאונג צו זיי איז ניט מיטן טיפסטן ערנסט.

געניאַלע שוישפּילער קומען זעלטן מער ווי איינער אין אַ דור. מיר אָבער, האָבן געהאַט דאָס גליק, אַז דווקא צווישן ערשטן דור שוישפּילער זיינען מיר געווען געבענטשט מיט אַ היפּשער צאָל פון אָט־דעם קאַליבער. האָבן זיי מיט זייער ריזיקן טאַלאַנט געקענט פאַרדעקן זייער הינטערשטעליקייט אין ידיעות פון טעאַטער־קונסט, זייער אָרעמקייט אין קולטור־וויסן.

אָבער טאַקע אָט־די אָרעמקייט זייערע, האָט עס גורם געווען, אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטיין די אחריות, וואָס די געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. זיי זיינען ניט געווען גייסטיק בכח זיך צו באַטראַכטן ווי די שאַפער און בויער פון אַ קולטורעלער אינסטיטוציע, וואָס וועט איבערגיין בירושה צו דורות נאָך זיי... זיי זיינען ניט געווען אָפּגעהיט געגנוג זייער ווערק צו האַלטן ריין און זויבער, צו קענען ביישטיין קאַריערישע נסיונות, טעאַ־ראַלע שטרויכלונגען. זיינען זיי געכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ... און אין דעם פּלאָנטער פון אָט־די שטרויכלונגען איז געבוירן געוואָרן די „סטאַר־סיסטעם" מיט אַלע אירע טריפה׳נע רייצן... דאָס האָט זיי שוין במילא געפירט צו אַלערליי ענגהאַרציקע שוואַכקייטן.

זייער אוצר פון קינסטלערישער שוישפּילערישער אינטואיציע האָט זיי געהאָלפן צו דערגרייכן אַ גאַר הויכע מדריגה פון שוישפּיל־קונסט, אַפילו אין ראָלן וואָס האָבן זיך בכלל ניט צוגעפּאַסט צו זייער זשאַנר, זייער פיגור, זייער אויסזען און זייער עלטער... אַזוי האָט דוד קעסלער, למשל, באַוויזן צו שאַפן איינע פון זיינע קרוין־ראָלן, הערשעלע דובראָוונער אין גאָרדינ׳ס „גאָט, מענטש און טייוול", כאָטש דער איידל־צאַרטער, רוחניות׳דיקער סופר, איז לגמרי ניט געווען צוגעפּאַסט צו זיין קרעפּטיקער פיגור, שטאַרקער שטימע, שאַרפע באַוועגונגען און נאַטירלעכע מאַנירן... ער האָט אויך שוין אַלס באַיאָרטער איד גאַר פיין אַרויסגעבראַכט דעם יונגן ליבהאָבער, אַפּאַלאָן זאָנענשיין, אין גאָרדינ׳ס „סאַפאָ", אָדער דעם 18־יאָריקן יאָסעלע, אין „מירעלע אפרת", פון יעקב גאָרדין.

מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, האָט אין זיינע הויכע פּופציקער יאָרן, זיך געמאַכט אומשטערבלעך אין דער ראָל פון צוואַנציק־יאָריקן בן־ציון אין גאָרדינ׳ס „דער מטורף", אָדער דעם נאָך אינגערן למך, אין גאָרדינ׳ס „ווילדער מענטש"... אַזוי אויך די אַנדערע פון יענעם דור

די „סטאַר־סיסטעם" האָט איינגעשטעלט, אַז די הויפּט ראָל קומט דעם סטאַר אָפּגעזען צי ער איז צוגעפּאַסט צו דער ראָל, צי ניט... האָבן זיי עס

טאַקע געקענט באַוויזן. זיי האָט דער עולם געגלויבט... זיי האָבן אָבער דער־מיט געוויזן אַ שלעכטן ביישפּיל פאַר די דורות נאָך זיי, ווען שוישפּילער מיט באַגרענעצטע טאַלאַנטן — אָדער נאָך ווייניקער — האָבן זיך ערלויבט צו טאָן דאָס אייגענע, אָבער מיט זייער, זייער טרויעריקע רעזולטאַטן...

אַ סך אַ גרעסערע זינד זיינען די גאונים פון יענעם דור באַגאַנגען קעגן דעם זייער וויכטיקן טייל פון טעאַטער־קונסט — רעזשי. די „סטאַר־סיסטעם" האָט אויך איינגעשטעלט, אַז דער סטאַר דאַרף זיין דער רעזשיסאָר, כאָטש די סטאַרס זיינען בכלל ניט געווען צוגעגרייט דערצו... אין רעזשי קונסט גילט שוין ניט בלויז דער טאַלאַנט און די שוישפּילערישע אינטואי־ציע...

דער רעזשיסאָר מוז האָבן די קענטעניש און פייאיקייט צו קענען פאַר־טייטשן און אויפקלערן זיינע רעזשי פּלענער צו אַלע שוישפּילער אין דער פּיעסע...

שרייבט, למשל, לעאָן קאָברין וועגן מיין טאַטן:

„קיין רעזשיסאָר אין אמת'ן זין פון וואָרט איז ער קיינמאָל ניט געווען. ס'איז אמת, אַז ער האָט זיך זייער ערנסט אָפּגעגעבן מיט דער אויפפירונג פון אַ פּיעסע, ביי די פּראָבן שטענדיק געהאַט אַ העפט וואו עס איז אויסגע־שריבן געווען אין אַלע פּרטים, וואָס ער, די הויפּט פּערזאָן אין דער פּיעסע, דאַרף טאָן, וואו דער „ספּאָט" (דאָס עלעקטרישע ליכט) דאַרף אויף אים שיינען, וואו דער באַס פון אָרקעסטער דאַרף צו אים אַ רעד טאָן, וואו דאָס פּידעלע דאַרף זיך איבער זיינע יסורים צעקרעכצן... עס זיינען אויך געווען אָנגע־מערקט וואָס עס דאַרפן טאָן די אַנדערע פּערזאָנען אין דער פּיעסע, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל ווי דאָס זאָל אים העלפן"...

און אָט וועל איך איבערגעבן אַן עפּיזאָד ווי אַזוי דוד קעסלער האָט מיר אויפגעקלערט אַ רעזשי־ענין.

דאָס האָט פּאַסירט טאַקע אויף יענעם זומער־טור, וואָס איך דערמאָן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. אין איינער פון די שטעט אויף יענעם טור האָבן מיר אומדערוואַרטעט געדאַרפט שפּילן יעקב גאָרדינ'ס „קרייצער סאנאטא". די פּיעסע איז שוין דאַן אַרום צוויי צענדליק יאָר געווען אין קעסלער'ס רע־פּערטואַר. איך האָב נאָך, אָבער, ביז דאַן קיינמאָל ניט געשפּילט די הויפּט פּרויען־ראָל, עטי. אין אַזעלכע פאַלן מאַכט מען זייער זעלטן ריכטיקע פּראָ־בען אין אידישן טעאַטער.

אין דעם פאַל, וואָס איז געקומען פּלוצלונג, אומדערוואַרטעט, האָט מען מיר געגעבן די ראָלע, און דער סופליאָר איז מיט מיר איבערגעגאַנגען די „פּראָזע". ער האָט מיר געוויזן וואו צו שטיין און וואו צו זיצן, ווען

אַריינצוגיין און ווען אַרויסגיין. ווען מיר האָבן אין אָוונט אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט, רופט מיך קעסלער אַריין צו זיך אין גאַרדעראָב, גיט מיר אַ היפּש ביסל קאָמפּלימענטן פאַר מיין שפּילן, און דאַן זאָגט ער מיר:

„באָט יו סי, צילי, אין ערשטן אַקט, ווען דו קומסט אַריין, יו וואָר נאָט אין פּלעיס... יו סי...״

ער האָט גענומען עטלעכע שטיקלעך שמינק, זיי צעלייגט אויפן טיש אין אַ האַלבן קרייז, אַ טייל אין דער לענג, אַ טייל אין דער ברייט. און אָנ־ווייזנדיק אויף יעדן שטיקל שמינק באַזונדער, האָט ער מיר ערקלערעט:

„יו סי, צילי, דאָס בין איך; דאָ זיצט גרעגוואַר; דאָ שטייט אפרים קלעזמער; דאָס איז די מאַמע... ענד דהער יו וואָר. יו סי, איט וואָז נאָ גוד... יו דידנ׳ט פיט אין... יו אָנדערסטענד?!״

„יעס, יעס, מר. קעסלער, באָט יו נאָו...״

ער שלאָגט מיר איבער:

„אָף קאָרס, אָף קאָרס... דו ביזט ניט שולדיק... אָן פּראָבע... באָט יו סי, צילי, יו אָנדערסטענד?!״

„יעס, מר. קעסלער!״

איך האָב עס געמוזט פאַרשטיין. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט מיר מער ניט אויפקלערן. ער האָט געפּילט וואָס ער וויל, אָבער אויפקלערן עס...

מיט זייער גרויסן קינסטלערישן אינסטינקט זיינען זיי אויך זייער שטומ־פיקייט אין רעזשי בייגעקומען.

דערצו זיינען די טרופּעס אין יענע יאָרן געווען אָנגעפיקעוועט מיט ערשט־קלאַסיקע שוישפּילער, וועלכע האָבן טראָץ דער שוואַכער, אָפּט ניש־טיקער רעזשי, דאָך געקענט זייערע ראָלן דערהויבן צו גאָר אַ הויכער מדריגה... זיי האָבן אָבער איינגעפּלאַנצט אַ גרינגשעצונג צו רעזשי, וואָס האָט שעדלעך געווירקט אויף אונזער טעאַטער אין גאַנג פון די יאָרן.

דורך אָט די אויסגערעכנטע שטרויכלונגען פון אונזערע גאונים איז זייער רייכע ירושה צו אונז שוין געקומען טיילווייז אַ פאַרפלעקטע... האָט נאָך דער צווייטער דור, אַ געמיש פון די לעצטע פון ערשטן דור און די יונג־צוגעקומענע, געהאַלטן די ירושה מיט אחריות און ערנסט, אפילו פּרובירט די ירושה צו פאַרשענערן און באַרייכערן, די פלעקן אויסרייניקן... האָט, אָבער, אָט דער „געמישטער דור״ לאַנג קיין קיום ניט געהאַט. די שטרויכלונגען פון יענע גרויסע האָבן גענומען שלאָגן וואָרצ־לען — דער רייץ פון דער „סטאַר־סיסטעם״ האָט אַ סך פון אונז ביסלעכ־ווייז פאַר׳סמ׳ט...

אויך מיר האָבן זיך געריסן צו ווערן „סטאַרס״, צו מאַכן שבת יעדער

פאַר זיך... מיר זיינען עפּעס ווי פאַרפּלייצט געוואָרן פון אַ מין „דור הפלגה"...

דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ נייע מגיפה — נאָכצומאַכן בראָדוועי, ניט חלילה די בראָדוועיער דיסציפּלין, אָדער די פּיאָנערישע פאַרזוכן וואָס ווערן צייטנווייז געמאַכט, נאָר דעם פּוסטן גלאַנץ און טראַסק זייערן.

געמיינט האָט מען דערמיט אַריינציען די אַמעריקאַניזירטע אידישע יוגנט צו זען אונזער טעאַטער. האָט עס אָבער געווירקט פּונקט פאַרקערט. מיטן נאָכקרימען בראָדוועי איז אונזער טעאַטער אויסגעליידיקט געוואָרן פון אידישן קנייטש, אידישן חן... צו וואָס גיין זען ווי מען מאַכט נאָך בראָדוועי? מ׳קען דאָך גיין אויף בראָדוועי גופא...

דערצו האָט עס אונז געבראַכט אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין אונזער גאַנצער טעאַטער־סיסטעם. געווען אַ צייט אין אידישן טעאַטער, ווען אַ נייע אידישע פּיעסע פלעגט נאָר געשפּילט ווערן אין סוף־וואָך — פרייטיק, שבת און זונטיק. פאַר יענע פאַרשטעלונגען פלעגט מען קיין „בענעפיט טיקעטס" צו אָרגאַניזאַציעס כמעט קיינמאָל ניט פאַרקויפן. דאָס פלעגט מען טאָן נאָר פאַר די מיטן־וואָך טעג. און דאַן פלעגט מען שפּילן פּיעסן פון אַלטן רעפּערטואַר.

דערפון האָט דאָס טעאַטער צווייפאַך געוואונען. ערשטנס, פלעגן די אָפּגעשפּילטע פּיעסן ניט אַוועק אין ביוועץ, די אַקטיאָרן האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו ווייזן אין פאַרשידענע ראָלן און געבן די אינגערע אַ געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען. צווייטנס, איז דער בענעפיט־עולם, וועמען די אָרגאַניזאַציעס האָבן געבראַכט אין טעאַטער אין די מיטן־וואָך טעג, געוואָרן פּאָטענציעלע קונים אויף טעאַטער בילעטן פאַר די נייע פּיעסן אין די סוף־וואָך פאָרשטעלונגען.

די בראָדוועיער סיסטעם פון שפּילן די פּיעסע די גאַנצע וואָך איז פאַרן אידישן טעאַטער, וואָס קען אָן בענעפיטס ניט לעבן, געווען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע.

אָט די אַלע אָנגעגעבענע סיבות האָבן פאַרטאַכלעוועט און צעטרענצלט דעם גאַנצן ירושה־אוצר, דערפירט אונזער טעאַטער צום איצטיקן חורבן... ווייטיקט דאָס האַרץ... קען איך אָבער ניט וואַרפן די שולד בלויז אויף אונזער דור. וואָלטן די טעאַטער גאונים פון אַמאָל געווען געהאַט גענוג כח און וויטזעוודיקייט צו קענעןביישטיין דעם רייץ פון קאַריערישע נסיונות, וואָלטן די דורות נאָך זיי אפשר ניט געוואַגט צו באַגיין זייערע זינד...

האָב איך זיך אַביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן... קער איך זיך איצט אום צוריק צו מיינע קינדער־יאָרן.

איך בין צוריק די קליינע „סטאַר קינדער־ראָליסטקע", צילי פיינמאַן, און מיינע עלטערן זיגמונד און דיינע פיינמאַן טרעטן אַריין אַלס שותפים צו דוד קעסלער און בערטאַ קאַליש אין טהאַליאַ טעאַטער. און אָט זיינען די נעמען פון דער טרופּע אין טהאַליאַ טעאַטער יענעם סעזאָן, אין דער אָרדנונג ווי זיי זיינען געווען אַנאָנסירט:

דוד קעסלער, זיגמונד פיינמאַן, בערטאַ קאַליש — לעסיס; לעאָפּאָלד שפּאַכנער, ביזנעס מענעדזשער; יעקב גאָרדין, אויטאָר.

די טרופּע: דוד קעסלער, בערטאַ קאַליש, זיגמונד פיינמאַן, דיינע פיינמאַן, מאָריס מאָשקאָוויטש, קעני ליפּצין, קאָהן, מערי ווילענסקי, מייזל, סאָניאַ נאַדאַלסקי, טאָרנבערג, בערטאַ טאַנצמאַן, גינזבורג, לעאָן בלאַנק, סאַבינאַ ווייַנבלאַט, ווי אויך אונזער גרויסער גאַסט, זיגמונד מאָגולעסקאָ.

איז דאָך, דוכט זיך, אַזאַ פּערסאָנאַל אַ גענוגענדע גאַראַנטיע פאַר אַ טעאַטער, איז אָבער די קאָנקורענץ פון „פּיפּלס טעאַטער" געווען זייער, זייער שטאַרק. דער פּערסאָנאַל אין יענעם טעאַטער איז בסך־הכל באַשטאַנען פון:

יעקב פּ. אַדלער, סאַראַ אַדלער, באָריס טאָמאַשעפסקי, בעסי טאָמאַ־שעפסקי, מאַקס ראָזענטאַל, פריילין בעלאַ גודינסקי, מאָריס פינקעל, מערי עפּשטיין, סעמיועל טאַבאַטשניקאָף, נעטי טאַבאַטשניקאָף, עליאַס ראָטשטיין, פּאולינאַ עדעלשטיין.

צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ, האָט דער טהאַליאַ טעאַטער גאַנץ אויבנאָן אַרויפגעשטעלט די פאָלגענדע מאָטאָ:

„מ'קען אָפּנאַרן אַמאָל אַלע מענטשן; מ'קען אָפּנאַרן טייל מענטשן אַלע מאָל; מ'קען אָבער ניט אָפּנאַרן אַלע מענטשן אַלע מאָל" — לינקאָלן.

יענער סעזאָן אין „טהאַליאַ טעאַטער" האָט אונז מער־ווייניקער געשטעלט אויף די פיס. אונזער פינאַנציעלע מערכה האָט זיך היפּש פאַרבעסערט. מיר האָבן ניט געלעבט אין לוקסוס און רייכטום, אָבער זייער, זייער באַקוועם.

מיין מאַמע איז בטבע געווען פון די זייער שפּאָרזאַמע נאַטורן. ווי גייט דער אויסדרוק? „געהיט דעם דאָלער", זיך ניט געוואָרפן מיט קליין־געלט אויף אונזערע קינדערשע פערלאַנגען. דאָס פלעגן מיר פון פּאַפּאַ פיינמאַן קריגן מיט דער ברייטער האַנט... ער איז, פאַרקערט, אין די הינזיכטן געווען זייער ברייטהאַרציק און האָט אונז קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. די מאַמע, געדענק איך, פלעגט אונז זאָגן: „מיט די ביליקע נאַשערייען וועט איר זיך בלויז קאַליע מאַכן אייערע שיינע, ווייסע ציינדעלעך... אָט, איר זעט?" ווייזט זי אונז דורך דער גלעזערנער טיר פון בופעט, „אָט שטייט אַ שיין שאַכטל מיטן בעסטן טייערסטן שאָקאָלאַד".

ווען מיין שוועסטערל לילי און איך זיינען צו איר צוגעשטאַנען זי זאָל שוין אַמאָל עפענען די „באָקס שאָקאָלאַד״, האָט זי מיט איר געזונטן הומאָר, זייער חנ׳עוודיק געענטפערט:

— קינדער זעט: ווען איך זאָל ווי אַנדערע מאַמעס זיין אַ קאַרגע, אייך חלילה זשאַלעווען אָדער גאָר באַהאַלטן דעם שאָקאָלאַד... זעט איר דאָך אַז איך טו עס ניט... איז דען ניט בעסער, וואָס איר ווייסט, און קענט אַליין זען, אַז אָט שטייט דאָרט אַ גאַנצע באָקס מיט שאָקאָלאַד?... ס׳איז דאָ, טאָ זאָל עס זיין״...

זי האָט, אָבער, ניט געזשאַלעוועט אויף פונדאַמענטאַלע באַקוועמלעכקייטן. אַזוי האָבן מיר יענעם סעזאָן זיך אַריבערגעצויגן אין אַ פּראַכטפולער דירה ביים גאַס־ווינקל פון גרענד און נאָרפאָלק, אין דער באַנק־געביידע. דאָרט איז געווען אַן „עלעוועיטאָר״. אין יענע יאָרן, ווי איר קענט פאַרשטיין, איז עס געווען אַ זעלטנהייט.

ביז דאַן האָבן מיר אַלץ געוואוינט אין די ענגע, ביליקע טענעמענט־הייזער, אָן דער עלעמענטאַרסטער באַקוועמלעכקייט... האָט מען געוואוינט אויף די נידעריקע גאָרנס, איז כסדר געווען פינסטער און פאַרשטיקט. אויף די העכערע, האָט מען געדאַרפט גיין אָן אַ שיעור טרעפּ. אונזער נייע דירה איז געווען אויפן העכסטן שטאָק, פול מיט ליכט און זונשיין, און מען האָט ניט געדאַרפט פאַרמאַטערט ווערן אַרויפצוגיין.

געדענקט זיך מיר אַ טשיקאַווע‏סט בנוגע אונזער „מופן״ (אַריבערקלייבן) אין יענע יאָרן. פיינמאַן האָט ניט געקענט ליידן די אומאָרדנונג און די שווערע אַר־בעט וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איבערקלייבן זיך. האָט ער צוגעטראַכט אַ זייער פּראַקטישן וועג ווי אַזוי דאָס אויסצומיידן. ער האָט גענומען דעם אַדרעס און אַ שליסל צו דער נייער דירה, באַשטעלט די בינע אַרבעטער (סטיידזש־הענדס) פון טעאַטער צו העלפן דער מאַמען איינפּאַקן און אַריבערפירן די מעבל און דאָרט אויספּאַקן און צוריקשטעלן אַלץ, און אַליין פלעגט ער אַוועק אין אַ טערקישער באָד אויף צוויי טעג און אַ נאַכט. ווען ער איז צוריק־געקומען אין דער נייער היים, איז שוין אַלץ געווען איינגעשטעלט אין דער בעסטער אָרדנונג, אפילו די בילדער האָבן שוין די בינע אַרבעטער אויפ־געהאָנגען.

פון יענער צייט געדענקט זיך מיר זייער שטאַרק מיין וואַקסענדיקער באַוואוסטזיין, אַז מיין אמת׳ער טאַטע איז יעקב פּ. אַדלער. סיי מיינע חבר׳־טעס אין פּאָבליק־סקול, סיי די טעאַטער־וועלט מיט וועלכער איך בין געווען אין נאָענטער באַרירונג, אַלס סטאַר קינדער־ראָליסטקע אין אידישן טעאַטער, האָבן אָט דעם באַוואוסטזיין אין מיר קלאָר און דייטלעך באַפעסטיקט.

געדענק איך, ווי אַפּט, גייענדיק אַליין צו פוס פון אונזער היים צום „טהאַ־ליע טעאַטער״, פלעג איך זיך אָפּשטעלן אַנטקעגן דעם גרענד טעאַטער, און וואַרטן ביז מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, פלעגט קומען צופאָרן אין זיין שיינער, גלאַנצנדיקער קאַרעטע, צו די מאַטינע פאַרשטעלונ־גען אין זיין גרענד סטריט טעאַטער. איידער איך האָב אים נאָך געזען אָנקומען פלעג איך שוין הערן שרייען: „אַדלער פאָרט! אַדלער פאָרט!״ אַ היפּשער עולם פלעגט וואַרטן ביים טעאַטער. ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער קאַרעטע, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, מענער, ווייבער און קינדער, און אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג און באַוואונדערונג פאַר אים.

זע איך ווי איצט, זיין פּרעכטיק־מאַיעסטעטיש הויכע פיגור, מיטן קלאַ־סישן פּנים און ווייסן קאָפּ האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן איבערן גאַנצן עולם. פלעגט מיך אַרומנעמען אַזאַ וואַרעמער שטאָלצער געפיל, וואָס אַזוי פיל מענטשן ווייזן אַרויס ליבע און גיבן אָפּ אַזוי פיל כבוד צו מיין טאַטן.

צוזאַמען מיט מיין וואַקסנדיקן באַוואוסטזיין, אַז אַדלער איז מיין אמת׳ער טאַטע, האָב איך אויך אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איך דאַרף אין דער אָנ־וועזנהייט פון פּאַפּאַ פיינמאַן, ניט רעדן וועגן מיין טאַטן אַדלער... גע־דענק איך ניט איינמאָל, אַז מיין מאַמע זאָל דאָס מיר זאָגן, אָדער רעדן צו מיר וועגן אָט דער מאָדנער סיטואַציע... אָבער ניט גערעדטערהייד, איז צווישן מיין מאַמען און מיר געקומען אַ פאַרשטענדעניש, אַז וועגן אַלע מעגלעכע באַגעגענישן מיינע מיט מיין טאַטן אַדלער, זאָל איך בלויז מיט איר רעדן, און מיט איר באַשטימען און אויספּלאַנעווען. און מאָדנע, אין דער פאַרשטענדעניש איז ביי מיר קיינמאָל ניט געווען קיין געפיל פון פאַרדרוס, אָדער פאַראיבל אויף פּאַפּאַ פיינמאַן, למאי אַזאַ לאַגע עקזיס־טירט. אַוודאי האָב איך דאַן, אַלס יונג קינד, דאָס ניט געקענט פאַרשטיין און פאַרטייטשן...

ווען איך האָב אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן געטראַכט פון יענער צייט, פּרובירט זיך אָפּגעבן אַ חשבון „פאַרוואָס״ און „פאַרוואָס״ ס׳האָט זיך אַזאַ לאַגע געשאַפן, האָב איך זייער גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס האָט פיינמאַנ׳ען געקענט ערגערן מיין אינטערעס צו אַדלער׳ן... פיינמאַן איז געווען זייער אַ פיינער, איידעלער, יושר׳דיקער מענטש, מיט אַן איינגעבוירענעם, שטאַרקן געפיל פאַר אָנשטענדיקייט און איידעלער אויפפירונג. ער האָט, למשל, שטאַרק פאַראיבל געהאַט ווען מיין מאַמע האָט, ווי די מאָדע איז געווען ביי אָנגעזעענע אַקטריסעס, געוואָלט נוצן פּודער, אָדער פאַרב אויפן פּנים, אַז מען האָט ערגיץ געדאַרפט גיין. — „אין טעאַטער ביזטו אַן אַקטריסע, מוזטו עס נוצן. אין גאַס, אָבער, איז עס ניט אָנשטענדיק, דאַרפסט עס ניט״...

ער פלעגט אפילו אַמאָל מיט וואַסער נאַס מאַכן איר פּודער־שאַכטל, אַז זי זאָל עס ניט קענען נוצן. האָט ער נאָך דעם שטאַנדפּונקט זייַנען, בשום אופן ניט געקענט מוחל זייַן אַדלער׳ן פאַר זייַן האַנדלונג קעגן מיין מאַמען, און געהאַלטן אַז ער האָט ניט פאַרדינט, אָדער ער איז ניט ראוי צו זייַן אַ טאַטע פון „אַזאַ אײדל קינד ווי איך בין״. כאָטש איך האָב עס פון אים קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט דערפון קיינמאָל ניט גערעדט אַלענפאַלס ניט ווי ווייט איך קען געדענקען.

פונקט אַזוי, איז עס פאַר מיר ביז היינט ניט פאַרשטענדלעך, וואָס אין מיינע באַגעגענעשן מיט מיין טאַטן און שפּעטער מיט די דערוואַקסענע אַדלער שוועסטערלעך און ברידערלעך, האָב איך קיינמאָל ניט געפילט די מינדעס־טע טענה, אָדער קריוודע, כאָטש זייער אָפט האָט זיך אין אונזערע באַגעגענישן שטאַרק אָנגעזען דער צוזאַמענשטויס פון לוקסוס, רייכטום און אַלדאָס־גוטס פון איין זייט; דחקות, אָרעמקייט און נויט פון דער צווייטער זייט.

אין מיין קינדערשן לעבן, זייַנען די פעטע, זאַטע יאָרן ביי אונז געווען זעלטענע געסט. מייסטנס וועט איר אין די טשיקאַווע עפּיזאָדן, וואָס איך וועל אייך דאָ באַשרייבן פון יענע יאָרן, מיך זען אין דער באַרימטער לאַגע פון „דאָס אָרעם־רייכע יתומה׳לע״... און דאָך געדענק איך ניט, אַז איך זאָל ווען עס איז, ביי יענע באַגעגענישן, ווערן באַהערשט פון אַ געפיל פון פאַרדרוס אָדער קנאה צו זיי.

קומט מן הסתם דער גרעסטער שבח מיין אײדעלער, שטאָלצער מאַמע, וועלכע האָט קיינמאָל, אפילו מיט אַ וואָרט ניט, אָנגעדייט אויף עפּעס אַ קריוודע, וואָס זי האָט קעגן אַדלער׳ן, און מיט דער הילף פון פיינמאַנ׳ס אינטעליגענץ און פיינער באַציאונג האָט זי אין מיר איינגעפלאַנצט פיינע, אײדעלע מאַנירן.

וועגן מיר, צי איך פאַרדין לויב פאַר דעם, צי ניט, וועל איך איבערלאָזן פאַר אייך אַליין, צו שאַפן אייער מיינונג, פון די עפּיזאָדן, וואָס איך וועל דאָ איצט ברענגען.

וועל איך אָנהויבן מיט מיין טאַטנס ערשטן זון, מיין עלטערן ברודער, אייב אַדלער. אייב, אָדער, ווי ער רופט זיך אויך, אַדאָלף, איז דער איינציק־פאַרבליבענער זון פון מיין טאַטנס ערשטער פרוי סאָפיע אָבערלענדער. זי איז געווען פון די סאַמע ערשטע אַקטריסעס אויף דער אידישער בינע. אייב׳ס מוטער איז גאָר יונג געשטאָרבן, אין אירע צוואַנציקער יאָרן. זיין פעטער אַלעקסאַנדער אָבערלענדער, זיין מוטערס אַ ברודער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן געשעפטלעכן טייל פון יונגן אידישן טעאַטער אין איירָאָפּע, האָט דאַן גראָד באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע. פילנדיק אַז אי פאַר אַדלער׳ן, ווי

אַ וואַנדערבדיקער אַקטיאָר, אָן אַ ווייב, אי פאַרן פיצל קינד איז עס אַ שווערע לאַגע, האָט ער מיט אַדלער׳ס צושטימונג מיטגענומען דאָס קינד מיט זיך קיין אמעריקע, וואו ער האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ.

ווען מיין טאַטע האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געבראַכט מיין מאַמע׳ן קיין ניו יאָרק און זיך דאָ באַזעצט, האָט ער באַלד אייב׳ן גענומען צו זיך. אַזוי איז מיין מאַמע געוואָרן אייב׳ס ערשטע שטיף־מאַמע. דאַרף איך אייך ניט דערציילן, אַז מיין מאַמע איז, חלילה, צו אים ניט געווען קיין „בייזע שטיף־מאַמע״. אייב האָט כסדר צו מיין מאַמע געהאַט די פיינסטע און איידל־סטע באַציאונג, זי באמת ליב געהאַט און איר צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד. ער איז געווען מיט אונז ווען איך בין געבוירן געוואָרן, און מיך שטאַרק ליב געהאַט ווי זיין פּיצעלע שוועסטערל. און דער וואַרעמער געפיל איז צווישן אונז געבליבן דורך די אַלע יאָרן.

ווען ער האָט מיך איינמאָל דערזען שטייענדיק אַנטקעגן דעם גרענד טעאַטער, כדי צו כאַפּן פון דער ווייטן אַ קוק אויף מיין באַרימטן טאַטן, האָט ער זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און געוואָלט איך זאָל אַריינגיין זען די פאָרשטעלונג. איך האָב אָבער געמוזט גיין שפּילן אין טהאַליע טעאַטער. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל קומען ווען איך וועל קענען. זייט דאַן, פלעג איך מיט מיין מאַמעס צושטימונג, גיין אין מיין טאַטנס „גרענד טעאַטער״.

צווישן אַלע אַדלער־קינדער, איז אייב דער איינציקער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין נייגונג צו שפּילן טעאַטער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם געשעפטלעכן טייל פון טעאַטער. ווי נאָר ער פלעגט מיך דערזען אין דער „לאַבי״, פלעגט ער מיך גלייך אַריינגעמען אין טעאַטער, מיך באַזעצן אין דער ערשטער לאָזשע, מיר ברענגען אַ „באָקס שאָקאָלאַד״, און לאָזן וויסן דעם טאַטן. פלעגט אַדלער, אין מיטן שפּילן, ווען נאָר ער האָט געהאַט פרייע צייט פון דער בינע, אין דער פינצטערניש פון טעאַטער, אין זיין גרים, זיך אַריינכאַפּן צו מיר אין באָקס (לאָזשע).

געדענק איך וויפיל ליבע און צערטלעכקייט ער פלעגט מיר אין יענע מאָמענטן אַרויסווייזן... זיך כסדר נאָכגעפרעגט אויף דער מאַמען, און גאָר אָפט האָב איך דערפילט אַ ציטער אין זיין קול, ביים געזעגענען זיך, און ניט איינמאָל איז אויף מיר געפאַלן מיין טאַטנס אַ טרער...

ווידער געדענק איך אַ פּאַסירונג איינמאָל, אויף מיין וועג צו טהאַליע טעאַטער פאַר אַ „מאַטינע״ פאָרשטעלונג. מיין ראָלע האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן אין פערטן אַקט — מיך דוכט זיך שלמה׳לע אין „מירעלע אפרת״. גיי איך זיך אַזוי לאַנגזאַם פאַרביי דעם „גרענד טעאַטער״. ערשט ס׳קומט

מיר אַנטקעגן רחל, די פרוי וואָס איז ביי דער אַדלער משפּחה געווען ווי פייגע ביי אונז. זי פירט ביי די הענט צוויי שייניקע מיידעלעך, פּאַרפּוצט ווי פּרינצעסינס. רחל האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט, און זאָגט מיר:

„דאָס, ציליקו, זיינען דיינע שוועסטערלעך, דאָס איז דזשוליאַ און דאָס איז סטעלאַ. דאָס איז אייער שוועסטער צילי".

סטעלאַ איז דאַן געווען אפשר דריי, אָדער פיר יאָר אַלט. איר ליכטיק שיין פּנים'ל, די גרויסע בלויע אויגן, די כוואַליעס גאָלדענע לאָקן האָבן מיך באַצויבערט.

איך וויל זיך אַרומכאַפּן מיט איר. אָבער זי דרייט זיך אַוועק פון מיר, און מיט אָנגעבלאָזענע ליפּעלעך זאָגט זי: „מיין מאַמע מיר אָנגעזאָגט, איך טאָר ניט רעדן מיט דיר"...

דורך מיינע באַזוכן אין אַדלער'ס גרענד טעאַטער אין משך פון עטלעכע יאָר האָב איך זיך ביסלעכוויז באַקענט מיט אַלע מיינע ברידערלעך און שוועס־טערלעך, מיין טאַטנס קינדער מיט סאַראַ אַדלער, וועלכע איך האָב ביז דאַן ניט געקענט.

די עפּיזאָדן, וואָס איך ברענג דאָ פון מיינע באַגעגענישן מיט מיין טאַטן און זיין משפּחה, זיינען פאָרגעקומען אין לויף פון היפשע עטלעכע יאָר. ברענג איך זיי דאָ, ניט דווקא אין דער פּינקטלעכער אָרדנונג ווי זיי זיינען פאָרגעקומען. איך בין ניט גאָר זיכער צי איך געדענק וועלכע ס'האָבן פּאַסירט פריער און וועלכע שפּעטער.

פון די אַדלער־קינדער, מיט וועלכע איך האָב דאַן זיך באַקענט, איז פרענציס געווען די נאָענסטע צו מיין עלטער. מיר זיינען אָפּגערוקט בלויז מיט עט־וואָס וויניקער ווי צוויי יאָר. אונז איז זי מער באַקאַנט אַלס „ניוניאַ". זי האָט שוין דאַן אין אונזער טאַטנס רעפּערטואַר געשפּילט קינדער־ראָלן. איך בין זיכער, אַז אַ סך טעאַטער־גייער פון יענער צייט מוזן נאָך געדענקען דעם דערפאָלג וואָס פרענציס אַדלער האָט דאַן געהאַט אין קאָברינ'ס „גרויסער איד", שפּילנדיק די ראָל פון „אַרטשיק פון קליינעם בונד".

ניוניאַ איז מיט מיר גאָר גיך געוואָרן זייער נאָענט. זי איז אַפילו געווען אַן אָפטע אַריינגייערין צו אונז אין הויז.

אַלס מיידעלע פון אַ יאָר צען־עלף, ווען איך האָב זי דערקענט, איז זי געווען זייער סענסיטיוו... זי האָט ניט געבלאָזן פון זיך, ניט געשטאָכן די אויגן מיט איר לוקסוסדיקן, רייכן אויסזען, געווען ביז גאָר אָפנהאַרציק

— „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג״, מיט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, כאָטש שוין עטוואָס באַשפריצט מיט חוזק.

מיר האָבן זיך זייער ליב געהאַט. זי האָט צו מיר גאַנץ אָפן גערעדט מיט ביטערקייט וועגן איר היים. זי האָט מיר שטאַרק מקנא געווען, וואָס איך האָב אַזאַ וואַרעמע היים, וואָס איך בין אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל גע־טריישאַפט און ליבע, סיי פון מיין מאַמען און סיי פון מיין פאַפאַ, פיינמאַן. „איך האָב עס ניט, צילי. ביי אונז איז עס ניטאָ״, פלעגט זי מיר זאָגן.

איך האָב עס דאַן ניט פאַרשטאַנען. ביז איך בין איינמאָל, איר צוליב, געקומען צו זיי אין שטוב. דאָס איז געווען צו אַ סדר. ביוניאַ האָט אויסגעפירטביים טאַטן, איך זאָל זיין אַ גאַסט צו מיין טאַטנס אַ סדר.

געדענק איך, וואָס פאַר אַ שטורם פון געפילן ס'האָט מיך באַהערשט, גרייטנדיק זיך צו יענעם אויסערגעוויינלעכן וויזיט. מיין מאַמע האָט מיר געהאָלפן זיך אויספּוצן אין בעסטן וואָס איך האָב פאַרמאָגט.

און אָט קום איך צו צום הויז. דאָס האַרץ נעמט שטאַרקער קלאַפּן... איך שטיי ווי אַ פרעמדע פאַר דער טיר... איך בין דאַן געווען נאָענט צו 14 יאָר אַלט, און צום ערשטן מאָל קום איך צו מיין טאַטן אין שטוב... מיט שרעק האָב איך אַ דריי געטאָן דאָס גלעקל ביי דער טיר... עמיצער עפנט די טיר, פרעגט מיך וואָס איך וויל... איך ווער עפּעס פאַרלוירן... קוים וואָס איך רעד אַרויס: „איז ביוניאַ דאָ?״

בוניאַ קומט צולויפן, און מיין שרעק לאָזט מיך אָפּ אַביסל. זי נעמט מיך ביי דער האַנט, פירט מיך דורכן לאַנגן קאָרידאָר. מיר גייען פאַרביי עטלעכע צימערן. איך דריי מיין קאָפּ פון איין צימער צום צווייטן... אָט שטייען מיר ביי דער אָפענער טיר פון קיך, און איך דערזע דאָרט זיצן סאַראַ אַדלער. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן — צי זאָל איך גיין ווייַ־טער, צי זאָל איך איר עפּעס זאָגן. אָט דערזעט זי מיך... זי גיט אויף מיר אַ קוק מיט אויגן וואָס לעכערן מיך ממש דורך, וואָס ברענען פון שנאה.

ביוניאַ גיט מיך אַ שלעפּ ביי דער האַנט, אַזוי אַז איך פאַל שיר ניט אום. זי פירט מיך אַריין אין גרויסן עס־צימער. דער טאַטע נעמט מיך אַרום, מיר קושן זיך. איך באַגריס זיך מיט די קינדער, מיט עטלעכע געסט, צווישן זיי דער באַרימטער ענגלישער טעאַטער־מענעדזשער מאָריס געסט, דוד בעלאַסקאָ׳ס איידעם, ווי אויך אַ באַקאַנטער טעאַטראַל מאַנדעלקערן. ביוניאַ שטעלט מיך פאָר. אַלע באַגריסן מיך וואַרעם.

מ׳בעט צום טיש. מיר זעצן זיך אַלע אויס. דער טאַטע, פאַרפּוצט אין אַ ווייסן זיידענעם קיטל, מיט אַ ווייסער יאַרמולקע אויף זיין פּרעכטיק־ווייסן

קאַפּ, זעצט זיך אויבן־אָן. איך דריי דעם קאָפּ אין אַלע זייטן — ווען קומט שוין אַריין די אַדלערשע?...

און אָט, מ׳הויבט שוין אָן... דער טאַטע זאָגט שוין דעם „הא לחמא עניא״, און לוטהער, דער אינגסטער זון, שיין ווי אַ מלאַכ׳ל, שטעלט זיך אויף און פרעגט די פיר קשיות. אָבער איך זיץ ווי אויף שפּילקעס. איך האַלט אין איין קוקן אויף אַלע טירן — פאַרוואָס קומט זי ניט אַריין? זי איז דאָך דאָ... איך האָב זי דאָך אַליין געזען... וואָס הייסט דאָס? זי איז ניטאָ ביים טיש, און קיינעם אַרט דאָס ניט?... אַזאַ יום־טוב!

ניוניאַ, וועלכע זיצט נעבן מיר, פרעגט מיך וואָס איך בין אַזוי אומרואיק. איך קען זיך מער ניט איינהאַלטן און איך פרעג איר: „פאַרוואָס איז דיין מאַמע ניטאָ ביים טיש?״

זי ענטפערט: „פאַרוואָס?! פאַרוואָס!... מוזט עס טאַקע וויסן! וואָס פאַרשטייסטו ניט? דערפאַר וואָס דו ביזט דאָ...״

ביים טיש זיינען אַלע פריילעך — גערעדט, געשפּאַסט, געלאַכט. נאָכן סדר איז מען אַריין אין „פּאַרלאָר״. מ׳האָט זייער פריילעך פאַרבראַכט, מ׳האָט אַריינגערעדט אין אַ מאַשינקע און דאָס האָט אַרויסגערעדט. אַלע האָבן היס־טעריש געלאַכט. אָבער מיר איז דאָס אַלץ ניט איינגעגאַנגען... אַזאַ שווערע שטימונג האָט מיך געדריקט... איך האָב זיך געפילט ווי עפּעס אויף אַ פרעמדע וועלט. וואָס פאַר אַ היים איז דאָס?!...

אַ צעוויייטיקטע בין איך פון דאָרט אַוועק. איך האָב מורא געהאַט זיך אומקוקן אויף צוריק. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען ניוניאַ׳ס ביטער־קייט, ניוניאַ׳ס מקנא זיין מיר.

מיר דוכט זיך, אַז פון אַלע אַדלער׳ס קינדער האָט ניוניאַ אַממערסטנס געליטן פון דעם צעריסענעם, צעשטערטן שלום־בית. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען זי איז שוין געווען אין עלטער צו שפּילן ראָלן פון אַ דערוואַקסענער, האָט זי באַגעגנט אַ סך שטרויכלונגען פון איר אייגענער מאַמען. גאַנץ ערנס־טע קריגערייען זיינען פאָרגעקומען ווען דער טאַטע האָט ניוניאַ׳ן געלאָזט שפּילן הויפּט־ראָלן אין זיין רעפּערטואַר. האָט די גרויסע סאַראַ אַדלער געהאַט קעגן איר אייגענער טאָכטער אַקטיאָרישע אייפערזוכט?... ניט־פאַרגינעריש־קייט?... אַלנפאַלס, בין איך איבערצייגט, אַז אָט די זאַכן האָבן אויף ניו־ניאַ׳ס כאַראַקטער געלאָזט טיפע שפּורן.

רייסט זיך דאָ ביי מיר ממש מיט גוואַלד צו פאַרצייכנען אַ פּאַסירונג צווישן מיין מאַמען און מיר, וואָס האָט אַ שייכות צו אַקטיאָרישער קאָנ־קורענץ און מיין מאַמעס געפילן צו מיר וועגן אָט דעם ענין. פּאַסירט האָט עס אין לאָנדאָן, אין פּאַוויליאָן טעאַטער, אַרום 1910. די מאַמע איז געווען די

הויפּט „סטאַר״ פון טעאַטער און דער ליבלינג פון לאָנדאָנער טעאַטער־עולם. כ׳האָב אויך מיט איר געשפּילט, געמאַכט מיינע ערשטע טריט אַלס דער־וואַקסענע.

כדי איר זאָלט האָבן אַ שטיקל באַגריף, וואָס דער נאָמען דיינע פּיינמאַן האָט דאַן געמיינט אין לאָנדאָן, מוז איך אייך פריער איבערגעבן פאָלגענדן זייער טשיקאַוון אינצידענט: לויט די קאָנדיציעס פון מיין מאַמעס קאָנ־טראַקט, האָט זי געדאַרפט האָבן דעם ערשטן „ערן־אָוונט״ פון סעזאָן. ווען די צייט איז געקומען, האָט זי מיטן באַלעבאָס פעסטגעשטעלט דעם דאַטום, און האָט זיך גענומען גרייטן צו איר אָוונט. עס זיינען אַרויס ספּעציעלע אַפישן, די צייטונגען האָבן זייער פּראָמינענט דעם אָוונט אַנאָנסירט און די בילעטן זיינען געכאַפּט געוואָרן ווי „מצה־וואַסער״...

אַרום אַ צוויי וואָכן פאַרן אָוונט האָט דער באַלעבאָס, וואָס איז געווען דער מענער־„סטאַר״ פון טעאַטער, פּלוצלונג באַשלאָסן, אַז ער וויל האָבן זיין ערן־אָוונט יענעם אויפדערנאַכט. האָט ער געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז זי מוז איר „אָוונט״ אָפּלייגן אויף שפּעטער. מיין מאַמע דערמאָנט אים וועגן דעם קאָנטראַקט, אָבער דער „סטאַר־באַלעבאָס״ לאַכט זיך אויס דערפון. די מאַמע איז בטבע ניט געווען קיין קריגערקע, און אַוודאי האָט זי ניט געוואָלט זיך באַנוצן מיטן געזעצלעכן קאָנטראַקט און קלאָגן אין געריכט, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „אויף לייטיש געלעכטער״...

אָבער אָפּלייגן די פאָרשטעלונג איז געווען פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור טעכנישע שוועריקייטן. איז די מאַמע אַוועק צו דער טעגלעכער צייטונג, „די צייט״, זיך דורכצורעדן מיטן רעדאַקטאָר, דעם זייער ערנסטן און אָנ־געזעענעם זשורנאַליסט מאָריס מייער. ווען זי האָט אים איבערגעגעבן וועגן איר פאַרלעגנהייט, האָט ער איר געזאָגט אַז זי זאָל זיך ניט ערגערן און גיין רואיק אַהיים.

מיט צוויי שעה שפּעטער איז די אידישע לאָנדאָן פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַן „עקסטראַ״. אויף דער ערשטער זייט איז מיטן גרעסטן שריפט איבערגעגעבן געוואָרן דער שענדלעכער אַקט קעגן „אונזער דיינע״... טויזנטער אידן האָבן באַלאַגערט דעם טעאַטער, געשריען פאַר זייער „דיינע״. דער איינגעשפּאַרטער „סטאַר־באַלעבאָס״ האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער איז אויס מורא ניט אַרויס פון טעאַטער. מ׳האָט צוויי טעג ניט געקענט שפּילן. ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט דער עולם גע־שריען: „געט אָף״, און ער האָט געמוזט אַראָפּ פון דער בינע און אַן אַנדער שוישפּילער איז אַרויף שפּילן זיין ראָלע. ענדלעך האָט ער זיך אונטערגע־געבן.

ביי דער ערשטער פאַרשטעלונג נאָך זיין קאַפּיטולאַציע — נאָך אַן עפנטלעכער בקשה אַז מען זאָל אים מוחל זיין — האָט דער עולם אים אַלץ ניט געלאָזט שפּילן. מען האָט זיי ניט געקענט באַרואיקן — ער האָט ווי געטאָן „זייער דיינע׳ן". איר אָונט, פאַרשטייט זיך, איז פאַרגעקומען ווי באַשטימט. און איך דאַרף שוין ניט זאָגן, אַז דאָס טעאַטער איז געווען „קאָפּ אויף קאָפּ", און הונדערטער מענטשן האָבן ניט געקענט אַריינגיין... אַזוי האָבן זיי אָפּגעהיט „זייער דיינע׳ן"...

האָט איינמאָל פּאַסירט אַז די מאַמע איז געווען ערנסט קראַנק און האָט ניט געקענט שפּילן. און דאָ איז פאַרקויפט געוואָרן אַן אָונט צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואו די מאַמע האָט געדאַרפט שפּילן „די יתומה", פון יעקב גאָרדין, איינע פון אירע קרוין־ראָלן... אָבער די דאָקטוירים האָבן איר בשום־אופן ניט געלאָזט אַראָפּ פון בעט. וואָס פאַר אַ פּיעסע מען האָט דער אָרגאַניזאַציע ניט פאָרגעלייגט, האָבן זיי ניט געוואָלט — אָדער „די דיינע", אַז ניט ווילן זיי צוריק דאָס געלט...

אַ פאַרצווייפלטער איז דער טעאַטער־באַלעבאָס געקומען צו דער מאַמען: „וואָס טוט מען? גיב אַן עצה, דיינע". „זייט רואיק; איר וועט ניט דאַרפן צוריקגעבן דאָס געלט. צילי וועט שפּילן מיין ראָלע", האָט די מאַמע אים געזאָגט.

איך האָב ממש אָנגעהויבן ציטערן: „וואָס רעדסטו, מאַמע? איך אין דער ראָלע פון כאַשע?... אָט אַזוי, אָן פּראָבעס, אָן לערנען? מאַמע, איך וועל אפשר חלש׳ן"...

די מאַמע דריקט מיר שטאַרק די האַנט און זאָגט: „איך ווייס, צירעלע, וואָס ס׳מיינט אַריינשפּרינגען אין אַזאַ ראָלע, אַזוי פּלוצלונג... איך ווייס אָבער אַז דו האָסט געגנוג טאַלאַנט די ראָלע צו שפּילן... האָסט מיט מיר אַ סך מאָל אין דער „יתומה" געשפּילט. אויך האָב איך געזען ווי דו פלעגסט פון די קוליסן מיר נאָכקוקן... איך בין זיכער, אַז דו, מיט דיין יונגן קאָפּ, קענסט מיין ראָלע כמעט אויף אויסנווייניק... פאַרגעס ניט אַז דו ביזט אַ טאָכטער פון דיינע פיינמאַן און יעקב אַדלער... גיי טאָכטער, נעם זיך אין די הענט... איך ווייס, דו וועסט מיך ניט פאַרשעמען..."

מיין מאַמעס גוטע פריינט, מר. און מרס. קאַסקי, זיינען דאַן געקומען מבקר־חולה זיין דער מאַמען. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש; זיין טיטול איז געווען „מעיאָר פון סטעפּני" — אַ פאָרשטאָט אָדער אַ טייל פון לאָנדאָן. האָט די מאַמע אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט מיר גיין אין טעאַטער, און אַז ער זאָל פאַרן עולם דערקלערן, אַז „די דיינע" איז באמת קראַנק,

און אַז זי שיקט איר טאָכטער צילי צו שפּילן איר ראָלע. „אייך וועט מען גלויבן... דעם באַלעבאָס גלויבט מען ניט...“

די מאַמע איז אין אַלץ געווען גערעכט. דער עולם האָט מר. קאַסקי׳ן געגלויבט און מיך אויפגענומען ווי זייער דיינע׳ס טאָכטער. זי איז אויך געווען גערעכט — איך האָב טאַקע די ראָלע כמעט געקענט אויף אויסנ־ווייניק... ווען קאַסקי איז גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג געקומען צו דער מאַמען, האָט ער איר אין אַ שפּאַס געזאָגט: „קענסט גאַנץ רויק קרענקען, דיינע. דאָס קינד האָט זיך געספּראַוועט מיט דער ראָלע — אויף מיר אַזאַ יאָר...“

מיין מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פון נחת... און זינט דאַן פלעגט זי פון צייט צו צייט מיך לאָזן איר פאַרטרעטן אין אירע ראָלן...

ווי איר זעט, איז מיין גורל געווען אַזאַ, וואָס איז גאָרניט געוויינלעך ביי קינדער, וואָס זיינען געבענטשט מיט אַ נאָרמאַלן משפחה־לעבן... מיר איז באַשערט געווען צו דערקענען סיי מיין אמת׳ן טאַטן, סיי די מערסטע פון מיינע שוועסטער און ברידער ערשט ווען איך בין שוין אַ דערוואַקסן קינד געווען.

איז נאָך מיין ערשטן וויזיט ביי מיין טאַטן אין שטוב אַלס פערצן־יאָריק מיידל, צו יענעם סדר, וואָס האָט אויף מיר געלאָזט אַזאַ שווערן איינדרוק, בין איך געווען זיכער, אַז שוין — איך קען שוין מיינע אַלע שוועסטער און ברידער פון דעם אַדלער־שטאַם... ערשט מיט איבער צוויי יאָר שפּע־טער, ווען איך בין שוין געווען אַ זעכצן־יאָריקע „באַרישנע“, האָב איך זיך דערפרייט מיט אַ נייעם ברודער, וואָס איז שוין דאַן אַלט געווען צוואַנציק, אָדער צוויי־און־צוואַנציק יאָר. פאַרדינט זיכער אָט די טשיקאַווע באַגעגעניש אַן אויספירלעכע באַשרייבונג:

אַרום יאָר 1906 איז עס געווען. אין אַ זונטיק בייטאָג האָט אין „לאַבי“ פון „אַדלער׳ס גרענד טעאַטער“ אַריינגעשפּאַצירט אַ שיינער, שלאַנקער יונ־גערמאַן. זיין קליידונג, זיינע גאַלאַנטע מאַנירן האָבן בפירוש עדות געזאָגט, אַז ער איז אַן אייראָפּעאישער קאַוואַליער... די „מאַטינע“ פאָרשטעלונג איז שוין אָנגעגאַנגען, אַזוי אַז די לאַבי איז געווען ליידיק. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, וואו מיין ברודער אייב האָט געהאַלטן אין מאַכן דעם חשבון פון דער „מאַטינע“ הכנסה. פאַרטאָן אין חשבונות, האָט אייב ניט אויפּהויבנדיק זיינע אויגן אים געפרעגט, וואָס פאַרא בילעטן ער וויל. דער יונגערמאַן האָט מיט אַ לייכטן שמייכל געענטפערט אַז ער וויל ניט קיין בילעטן.

„וואָס־זשע ווילט איר?“ — פרעגט אייב, נאָך אַלץ פאַרנומען אין זיין אַרבעט.

## מיין משפחה פון אַדלער׳ס צד



מיין טאַטע יעקב פּ. אַדלער

מיין מאַמע און איך

אוירווינג, טשאַרלי, פּרענציס, אייב, דזשוליא, לוטער, סעראַ, יוסף שיינגאָלד
און סטעלאַ אַדלער.

צילי אַדלער

„איך וויל זען יעקב פּ. אַדלער׳ן״.

„ניט איצט״, זאָגט אים אייב. „ער איז אויף דער בינע. ער שפּילט איצט. קומט נאָך דער מאַטינע, אַרום פינף דרייסיק״.

„עס טוט מיר לייד, אָבער מיין צייט איז זייער באַגרעניצט, איך קען ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. איך מוז אים שוין זען, און איך בין זיכער, אַז ער וויל מיך אויך זען״.

אייב, פאַרנומען מיטן חשבון, פרעגט אים שוין עטוואָס אומעגדולדיק: „ווער זייט איר?״

געלאַסן און באַשיידן ענטפערט דער יונגערמאַן: — „איך בין זיין זון!״

אייב האָט האַסטיק אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, און אָנגעקוקט דעם יונגנ־מאַן. לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט קוקן, מיטן ערשטן בליק איז ער איבער־צייגט געוואָרן, אַז דער פרעמדער, וואָס שטייט פאַר אים איז אַדלער׳ס זון... מיט זיין פּנים, מיט זיין שיינער, גריכישער נאָז, מיט די גרויסע שמייכלענ־דיקע אויגן, האָט ער אויסגעזען מער אַדלער ווי אַדלער אַליין... אייב איז שנעל אַרויס צו אים אין דער „לאָבי״, אים דערלאַנגט אַ האַרציקן שלום עליכם, און צוויי פּאָר שמייכלענדיקע אַדלער אויגן האָבן פריינטלעך באַ־וואונדערט איינער דעם צווייטן.

ווען די ערשטע איבערראַשונג איז אַריבער, האָט אייב געזאָגט: — „איך דאַרף דאָך דיר ניט זאָגן, אַז איך בין דיין ברודער״.

„ניין, ניט דו דאַרפסט עס זאָגן, ניט דו קענסט עס לייקענען... דיין פּנים זאָגט עס שוין פאַר דיר... דו ביזט...?

„איך בין אייב אַדלער״.

„איך בין טשאַרלי אַדלער״.

זיי האָבן זיך איבעראַנייס וואַרעם באַגריסט. איר ווייסט שוין, אַז אייב איז דער איינציק פאַרבליבענער זון פון מיין טאַטנס ערשטער פרוי, סאָפיע אָבערלענדער. טשאַרלי, איז דער איינציק פאַרבליבענער זון פון מיין טאַטנס צווייטער פרוי, די זייער שיינע שוישפּילערין דזשעני קייזער. אגב, איז מיר אויסגעקומען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זי צו באַגעגענען אויף איינעם פון מיינע אייראָפּעאישע טורנייען. אירע פרעכטיק־שיינע אויגן האָבן מיך ממש באַצויבערט.

טשאַרלי האָט דאַן אייב׳ן דערקלערט, אַז ער איז מיט „וואָלקאָווסקי׳ס באַ־לעט און באַלאַלאַיקע אָרקעסטער״ דאָ געוועזן אויף אַ טור איבער די אַמערי־קאַנער שטאַטן. דער טור האָט מיט אַ טאָג פריער זיך פאַרענדיקט. זיי זיינען היינט גאַנץ פרי געקומען קיין ניו יאָרק, און שוין מאָרגן פרי פאָרן זיי אָפּ צוריק קיין אייראָפּע. דערפאַר איז ער אין אַזאַ איילעניש.

אײב האָט אים תיכף אַרױפגעפירט אויף דער בינע, און אים אַרײנגע־פירט צו טאַטן אין גאַרדעראָב. אַוודאי האָט זיך דער טאַטע מיט אים שטאַרק דערפרײט, אים פאַרגעשטעלט פאַר אַלעמען, אים געבעטן צו וואַרטן ביז נאָך דער „מאַטינע", וועלן זײ צוזאַמען גײן עסן. טשאַרלי האָט אים דער־קלערט פאַרוואָס ער איז אין אַזאַ אײלעניש און האָט זיך מיט אים געזעגנט.

אַרויסגײענדיק האָט ער געפרעגט אײב׳ן וואו ער קען זען צילי׳ן. ער איז זײער בײגעריק זיך מיט מיר צו באַקענען. אײב האָט אים געוויזן דעם וועג צום „װינדזאָר טעאַטער", וואו מיר האָבן דאָן געשפּילט.

וועל איך קײנמאָל ניט פאַרגעסן דעם מאָדנעם געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט ווען טשאַרלי האָט מיך געהאַלטן אין זײנע שטאַרקע אָרעמס און מיך האַרציק געקושט... אַ „פּאָדראָסטקע" (אַ טיען־עידזש׳ער") פון אַ יאָר זעכצן, מיט יונג־מײדלשע חלומות און פאַנטאַזיעס, ווערט געקושט און גע־האַלזט פון אַ פּרעכטיק־שײנעם בחור, וואָס איז מיר אַ פרעמדער, און איז גאָר אַן אײגענער ברודער... איך האָב אים שטאַרק ליב געקראָגן, כאָטש מיר האָבן זיך אינגיכן געדאַרפט געזעגענען.

אַזאַ שטאַרקער אײנדרוק, אַזאַ טיפער געפיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט בײ יענער קורצע באַגעגעניש, אַז אויף מאָרגן אין דער פרי, וויסנדיק אַז זײן שיף גײט אָפּ צוועלף אַזײגער, בין איך געלעגן אין בעט מיטן זײגער אין האַנט, געצײלט די מינוטן און דאָס קלאַפּן פון מײן האַרץ. און פּונקט צוועלף אַזײגער, האָבן זיך טרערן גענומען גיסן פון מײנע אויגן, ווי איך וואָלט באַוויינט מײן ערשטע יונג־מײדלשע ליבע, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן דווקא אויף מײן פרעמד־אײגענעם ברודער.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געטראָפן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אין פּאַריז, ווען ער האָט געטאַנצט אין דעם באַרימטסטן פּאַריזער קאַבאַרעט, „מילאַן רוזש".

ער איז ענדלעך געקומען קײן אַמעריקע, דאָ געוואָרן אַ תושב, זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט דער ליבער און שײנער עמילי שאַכט, אַ טאָכטער פון דעם באַוואוסטן, פײנעם אידישן שוישפּילער גוסטאַוו שאַכט, און זײ פירן אַ גליקלעכן לעבן ביז הײנט צו טאָג.

וועל איך עס ווידער לאָזן פאַר די גרויסע פּסיכאָלאָגן אויסצוטײטשן פאַרוואָס צווישן אונז דרײ — די אַזוי־גערופענע „זײטיקע" אַדלער קינדער — אײב׳ן, טשאַרלי׳ן און מיר — האָט שטענדיק געהערשט אַזאַ וואַרעמע און האַרציקע באַציאונג, וואָס האַלט אָן ביז׳ן הײנטיקן טאָג...

איך באַטיטל אונז דרײען אַלס „זײטיקע קינדער", ווײל אין מײנע באַ־געגענישן מיט סאָראַ אַדלער האָב איך געפילט, אַז פאַר איר זײנען מיר

נאָך אַ סך ווייטער ווי „זייטיקע"... איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען איר פיינטלעכע באַציאונג צו מיר. אויב שלעכטע געפילן און שנאה, האָט עס געדאַרפט זיין פאַרקערט, פון מיר צו איר...

אַזוי ווי איך האָב אָנגערירט באַציאונגען צווישן דער אַדלערשע און מיר, איז לאָמיר שוין דאָ פאַרצייכנען נאָך עפּעס וועגן דעם ענין.

איך האָב אין גרענד טעאַטער געזען גאָרדינ'ס פּיעסע, „אָן אַ היים", ספּעציעל געשריבן פאַר סאַראַ אַדלער. איך האַלט, אַז דאָס איז געווען איר קרוין־ראָלע. ווען איך בין געזעסן ביי דער פאָרשטעלונג, בין איך אַזוי באַהערשט און באַווירקט געוואָרן פון איר וואונדערלעכן שפּילן, אַז איך האָב מיט מיין גאַנצן כוח, אָן אויפהער אַזוי אַפּלאָדירט, ביז איך האָב דערפילט אַז מיינע הענט שמאַרצן און טוען מיר וויי. איך בין געבליבן זיצן און אין מיין קאָפּ האָבן זיך גענומען ראַנגלען געדאַנקען: צי דאַרף איך, פאַר איר שנאה צו מיר, פאַר דעם שלעכטס וואָס זי האָט געטאָן מיין מאַמען און מיר, צי דאַרף איך איר פאַר דעם אָפּצאָלן מיט אַפּלאָדיסמענטן און לויב... צי ליגט ניט אין דעם אַ שטיקל פאַרראַט צו מיין מאַמען... און צו זיך אַליין...

דערמאָנט זיך מיר איצט אַ זייער קאָמישער אינצידענט מיט מיין טאַטן, וואָס איז געשען אין מיין ערשטן יאָר אין היי־סקול... געדענק איך ניט ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר אַ צאָל קינדער פון סקול און חברים פון דער געגנט האָבן גערעדט וועגן יעקב פּ. אַדלער, ניט ווייסנדיק אַז ער איז מיין טאַטע...

איך האָב אין סקול געהייסן צילי פיינמאַן. אָבער די וואָס האָבן יאָ געוואוסט האָבן געזאָגט: אָט, לאָמיר פרעגן צילי'ן; ער איז דאָך איר טאַטע".

מיין ענטפער האָט ניט אַלעמען צופרידנגעשטעלט. צווישן די אומצו־פרידענע איז געווען איינער זייער אַ טראָציקער בחור'ל, וואָס מען רופט אַ „בראַוואַדאָ" — ער ווייסט אַלץ. ווען מיין ענטפער האָט צונישט געמאַכט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט וועגן אַדלער'ן, — איך קען זיך בשום־אופן ניט דערמאָנען וועגן וואָס דער געשפּרעך איז געווען — האָט דער בחור געזאָגט: „עס הויבט זיך ניט אָן... זי ווייסט גאָרניט וועגן אַדלער'ן... מיין אָנקלס אַ פריינט איז אַן אָשער אין טעאַטער, און ער ווייסט בעסער... איך גלויב איר אינגאַנצן ניט, אַז אַדלער איז איר טאַטע... זי איז אַ באַרימערין, אַ שאָו־אָף"...

עטלעכע קינדער האָבן געהאַלטן מיט אים.

האָט איינער פאָרגעשלאָגן אַזאַ „טשאַלענדזש": „אויב זי איז טאַקע אַד־

לער׳ס טאָכטער, זאָל זי שבת בייטאָג אונז אַלעמען נעמען אין זיין גרענד טעאַטער אָן געלט... איר טאַטע איז דאָך דער באַלעבאָס״.

עס איז געזאָגט געוואָרן אין אַזאַ טאָן אַז איך האָב זיך ניט געקענט אַרויסדרייען.

שבת בייטאָג זיינען גאַנצע זעכצן חברה געקומען צום טעאַטער. איך בין צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, און, אויף מיין מזל איז מיין ברודער אייב יענעם בייטאָג ניט געווען. אַנשטאָט אים איז דאָרט געזעסן מר. לואיס, אַ ברודער פון סאַראַ אַדלער.

איך האָב זיך אָבער ניט געקענט צוריקציען. איך האָב געוואוסט אַז איך וועל מיין פּנים ניט קענען ווייזן פאַר די זעכצן, וואָס שטייען און וואַרטן, און מיין גאַנצע רעפּוטאַציע אין דער געגנט וועט דערפון אַ סך ליידן... איך האָב געזאָגט מר. לואיס וואָס איך וויל. ווען ער האָט דערהערט, אַז איך וויל בילעטן פאַר זיבעצן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך מוז גיין צו מיין טאַטן קריגן אַ „פּעס״, אָן דעם קען איך מיינע געסט ניט אַריינבעמען אין טעאַטער. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַן אָנגעשראָקענע אַוועק צו מיין טאַטן אין גאַרדעראָב.

דער טאַטע זיצט פאַר זיין שפּיגל און זיין פּנים צעשמייכלט זיך: „ציליקו, מאַמעלע, וואָס טוסטו דאָ?״

זיין האַרציקע וואַרעמקייט האָט מיין שרעק אינגאַנצן פאַרטריבן. איך נעם אים אַרום און קוש אים אין האַלז און נאַקן, דער איינציקער פּלאַץ וואָס איז ניט געווען פאַרשמירט מיט גרים.

„איך וויל, טאַטע, זאָלסט מיר אָנשרייבן אַ „פּעס״.

ער נעמט זיין פּען:

— וועמען, ציליקו, ברענגסטו עס אין טעאַטער?

— מיינע חבר׳טעס.

ער נעמט שרייבן:

— וויפיל, מאַמעלע, צוויי צי דריי?

— זיבעצן האָב איך אויף שנעל אַרויסגעזאָגט.

זיינע גרויסע אויגן זיינען אין שפּיגל נאָך גרעסער געוואָרן...

— זיבעצן?!... דאָס איז זייער פיין, ציליקו... דו ווילסט זיך באַרימען מיט דיין טאַטן... זייער גוט... דאָס צווייטע מאָל נעם אויך מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס... די גאַנצע גאַס.

איך האָב פאַרשטאַנען זיין סאַרקאַזם, אָבער איך האָב געשוויגן...

— מילא — זאָגט ער, שרייבנדיק — אפשר האָסטו פאַרציילט, זאָל שוין זיין אַכצן... דאָס איז ח״י, זאָל דיר זיין צום לעבן.

איך האָב נאָכאַמאָל זיין נאַקן באַדעקט מיט קושן און אַ שטאָלצע אַרויס צו מיין חברה... מיין רעפּוטאַציע איז ביי זיי געשטיגן... דער בחור, וואָס האָט מיך גערופן „באַרימערין" און „שאָר־אָף", האָט פאַרלוירן דאָס לשון...

מיט אַרום עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפּעטער איז מיין זון, זעליק'ל (ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר ניין אָדער צען) געווען איבערן זומער אין קעמפּ „קינדער־וועלט" פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. אין זיין „באָנק" איבער זיין בעט, האָט ער אויפגעהאַנגען מיין בילד. אין זעלבן קעמפּ איז אויך געווען דעם שוישפּילער מיכל גיבסאָנ'ס אַ אינגל, פון זעלבן עלטער וואָס מיין זעליק. ער האָט ניט געוואוסט, אַז זעליק פריד איז מיין זון. אַז ער האָט דערזען מיין בילד איבער זעליק'ס בעט, האָט ער מיט בראַוואַדאָ אויסגערופן:

— קוק אים אָן, צילי אַדלער'ס בילד האָט ער ביי זיך איבערן בעט אויפגעהאַנגען! איך קען צילי אַדלער בעסער ווי דו, מיין טאַטע האָט געשפּילט מיט איר... און איך באַרים זיך ניט מיט איר בילד...

זעליק'ל האָט געשמייכלט און אַ וואונק געטאָן צו זיין „באָנק"־שותף, קלמן, אַ זון פון איינעם פון מיינע בעסטע פריינט, און ביידע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט...

**אין די ניינציקער** יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט מיין טאַטע שוין דערגרייכט אַ הויכע מדריגה אין זיין שוישפּילערישער קאַריערע. אין יענער צייט איז יעקב גאָרדין געקומען קיין אַמעריקע. ביי דער ערשטער באַגעגעניש וואָס מיין טאַטע האָט מיט אים געהאַט האָט ער גאָרדינ'ען פאַרגעלייגט צו שרייבן אַ פּיעסע פאַר אים. מיין טאַטע האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַט אַ שוואַכקייט צו מענטשן וואָס האָבן גערעדט רוסיש. גאָרדין האָט, פאַרשטייט זיך גערעדט אַ פּרעכטיקן רוסיש. איז עס שוין געווען געגנוג, אַז מיין טאַטע זאָל פאַר אים זיין באַגייסטערט און האָבן צוטרוי צו אים. אָט־די באַגעגעניש האָט געפירט צום גליקלעכן שידוך פון יעקב גאָרדין מיטן אידישן טעאַטער.

מיין טאַטע איז געווען דער ערשטער פון די גרויסע שוישפּילער פון יענעם דור, וואָס האָט דערפילט דעם נייעם טאָן, דעם נייעם גייסט, וואָס גאָרדין האָט געבראַכט אין זיינע פּיעסן... צום ערשטן מאָל האָט מען געזען מענטשלעכע געשטאַלטן, נאַטירלעכע האַנדלונגען, און אַ אידיש לשון, אַנשטאָט

דעם צעקאַליעטשעטן דייטשמערישן מיש־מאַש... האָט מיין טאַטע זיך אָנגעכאַפּט אָן גאָרדינ׳ען ווי אָן אַן אבן־טוב... די מייסטערהאַפטע כאַראַק־טערן וועלכע גאָרדין האָט אין זיינע פּיעסן געמאָלן זיינען גיך געוואָרן דער פרישער לעבעדיקער קוואַל פון וועלכן די מערסטע שוישפּילער פון יענעם דור האָבן געשעפּט מיט פולע זשמעניעס, און האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטן, זיך דערהויבן צו גאָר הויכע הויכן ווי שוישפּילער.

די הויפּט ראָלן, וואָס האָבן געבירט אידישע הערצער, אַרויסגערופן צו זיך ליבע און מיטגעפיל, האָבן מיין טאַטן אַלץ מער און מער באַליבט געמאַכט ביים עולם, און אים דערהויבן צו דער לעגענדאַרישער פּערזענ־לעכקייט, וואָס דער נאָמען יאַקאָב פּ. אַדלער, דער „נשר הגדול״, איז גע־וואָרן... ער איז אַריין אין דער אידישער ליטעראַטור ווי אַ סינאָנים פאַרן גרויסן אידישן שוישפּילער. אַזוי האָט אונזער גענײאַלער שלום עליכם אין זיין „באַרדיטשעווער טעאַטער״, וואָס איז שפּעטער געוואָרן „דאָס נייע קאַ־סרילעווקע״, פאַראייביקט דעם נאָמען יעקב פּ. אַדלער. איז אַוודאי גאָרדינ׳ס רעפּערטואַר געווען אַ גרויס געווינס פאַר מיין טאַטן.

איך וויל זיך דאָ, אָבער, דערלויבן צו נעמען אַ פראַזע ביי יעקב גאָר־דין, פון זיינער אַ קריטיק, וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם הויפּט־שוי־שפּילער קאַזימיר בראַוויטש אין קאַמיעסאַרזשעווסקי׳ס טרופּע.

„ס׳איז זיכער אַ גרויסער כבוד פאַר בראַוויטש׳ן צו שפּילן איבסענ׳ען. ס׳איז אָבער ניט קיין קלענערער כבוד פאַר איבסען געשפּילט צו ווערן פון בראַוויטש׳ן״. וועל איך עס פאַראַפראַזירן — ס׳איז זיכער געווען אַ גרויס גליק פאַר אַדלער׳ן צו שפּילן גאָרדין, ס׳איז אָבער ניט געווען קיין קלענערער גליק פאַר גאָרדינ׳ען געשפּילט צו ווערן פון אַדלער׳ן״...

כדי איר זאָלט האָבן אַ באַגריף פון דער פּאָפּולאַריטעט און גרויסער ליבע וואָס מיין טאַטע האָט געהאַט ביים אידישן עולם אין ניו יאָרק, וויל איך דאָ פאַרצייכנען אַ שפּאַסיקן עפּיזאָד פון יענער צייט. אַרום 1902 איז דאָס געווען. מיין טאַטע איז געווען ערנסט קראַנק און איז געלעגן אין שפּי־טאָל. ווען ער האָט אָנגעהויבן פילן בעסער, איז אים איינגעפאַלן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די טעאַטער דירעקטאָרן. ער האָט כסדר געהאַט קריוודעס קעגן זיי. אין יענע צייטן איז שבת ביי טאָג געווען די גרעסטע הכנסה אין די אידישע טעאַטערס, האָט אַדלער געלאָזט וויסן דורך דער פּרעסע, אַז עס האַלט זייער שמאָל מיט אים, און שבת ביי טאָג וועט ער זיך געזעגענען מיט זיין עולם... טויזנטער, טויזנטער טעאַטער־גייער זיינען געקומען צום שפּי־טאָל, און אַדלער האָט זיך מיט זיי געזעגנט... די אידישע טעאַטערס האָבן יענעם שבת ביי טאָג געפּוסטעוועט.

מיינע אַ זייער נאָענטע חבר׳טע און פריינדין, די פּריצייטיק־פאַר־שטאָרבענע שוישפּילערין מלכה קאָרנשטיין, האָט מיט דעם באַרימטן דזשאָן באַרימאָר געשפּילט אין דעם פילם „קאָנסעלאָר עט־לאָא״, פון עלמער רייס. האָט זי מיר דערציילט, אַז באַרימאָר האָט זייער אָפט גערעדט פון יעקב פּ. אַדלער. ער האָט איר געזאָגט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן פלעגט ער צוויי און דריי מאָל אַ וואָך קומען אויף דער באַוערי זען שפּילן מיין טאַטן. דעיוויד קעסלער׳ן און די אנדערע גרויסע שוישפּילער. פּראָפעסאָרן פון די גרויסע אוניווערסיטעטן פלעגן זייערע סטודענטן ברענגען צו זייערע פאָרשטעלונגען.

ווען אַדלער פלעגט קומען אַמאָל צו אַ פאָרשטעלונג אויף בראָדוויי, פלעגט דער עולם מער קוקן אויף אים ווי אויף דער בינע... פלעגן מענעדזשערס זיך בעטן ביי אים, אַז זיצנדיק אין לאָזשע זאָל ער זיך פאַרשטעלן מיטן פאַר־האַנג, אַזוי אַז דער עולם זאָל אים ניט זען.

אַרום 1901 האָט מיין טאַטע, צום ערשטן מאָל אויף דער אידישער בינע, אויפגעפירט שעקספּיר׳ס באַרימטע פּיעסע „שיילאָק״. ער האָט אין דער הויפּט ראָלע געהאַט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג, און זייער אָפט די פּיעסע געשפּילט אין זיין טעאַטער. האָט אַ בראָדוועיער מענעדזשער באַשלאָסן צו מאַכן אַ ספּעציעלע אויפפירונג פון „שיילאָק״ און איינגעלאַדן אַדלער׳ן צו שפּילן די הויפּט־ראָלע. די פאָרשטעלונג איז, פאַרשטייט זיך, געשפּילט געוואָרן אין ענגליש, נאָר די ראָלע פון „שיילאָק״ האָט מיין טאַטע געשפּילט אין אידיש. נעם איך זיך ניט אונטער צו זאָגן אַז אַזעלכעס אין קיינמאָל ניט געשען אין קיין טעאַטער אויף דער וועלט, ס׳איז אָבער זיכער געווען דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע. איז עס פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע סענסאַציע.

איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט זיין ביי דער פּרעמיערע, און עס געזאָגט מיין מאַמען. וועל איך קיינמאָל יענע פאָרשטעלונג ניט פאַרגעסן. מיין מאַמע האָט מיט אַ סך געטריישאַפט און זאָרג מיך אויסגעפּוצט פאַר דער פאַר־שטעלונג: אַ פּראַכטפול־שיינע „פּאַרטי״ קליידל, אַ הוט מיט אַ ווייסן פעדער אַרום, אַ שיינעם ווייסן מאַנטל, ווייסע שיך און הענטשקעס. זי האָט זיך ממש געשפּיגלט אין מיר... „איך זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, פּרינצעסעלע מיינע, ווי דו קוקסט אויס״.

ווען איך בין געקומען אין טעאַטער, בין איך מיט שטאָלץ צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געזאָגט ווער איך בין — סיליאַ אַדלער, דאָטהער אָוו דזשייקאָב פּ. אַדלער. דער מענעדזשער האָט עמיצן צוגערופן און אים געהייסן מיך אַריינפירן אין „אַדלער׳ס באַקס״.

ער עפנט פאַר מיר די טיר צו דער באַקס, און איך דערזע זיצן סאַראַ אַדלער, מיין שוועסטער פרענציס, אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע זיינען מיר ניט

באַקאַנט. אַלע דרייען אויס די קעפּ צו מיר, אָבער קיינער באַגריסט מיך ניט. איך זעץ זיך שטיל אַוועק טיף הינטער זיי.

דער פּראַכט און גלאַנץ פון סאַראַ אַדלער׳ס דעקאָלטירט אָוונט־קלייד, די בריליאַנטן און דימענטן מיט וועלכע זי איז געווען באַהאַנגען האָבן מיר געשווינדלט אין די אויגן. די שטעכיקע בליקן וואָס זי האָט געוואָרפן אין מיין זייט האָבן מיר מיין מאַרך געברענט. ווען דער טעאַטער איז פינסטער געוואָרן האָב איך דערפילט עטוואָס בעסער. אָבער ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, איז מיר ווידער שלעכט געוואָרן — זיצנדיק הינטער זיי איז מיר געווען שווער עפּעס צו זען: חוץ דעם וואָס איך בין געווען קליין־געוואַקסן, האָבן זייערע גרויסע „שליאַפּעס" פאַר מיר אַלץ פאַרשטעלט, בין איך געזעסן, נעבעך, אין געהאַקטע וואונדן.

דאָס געפיל פון שטאָלץ וואָס איך האָב געהאַט קומענדיק אין טעאַטער, איז אינגאַנצן אַוועק. דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויינט. איך האָב זיך דער־פילט אַזוי איבעריק דאָ, אַזוי קליין און דערנידעריקט — פאַרוואָס הויב איך זיך ניט אויף און אַנטלויף פון דאַנען? אַלערליי געדאַנקען האָבן זיך גע־מישט אין מיין קאָפּ. איך האָב געפילט, אַז איך בין אין אַ פרעמדער וועלט...

איך בין אָבער ווי אַ צוגעשמידטע געבליבן זיצן. דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיקט... ווי נאָר ס׳איז ליכטיק געוואָרן, האָט זיך סאַראַ אַדלער אויפגעהויבן, און קוקנדיק אויף מיר ווי אויף אַ וואָרעם איז זי מאַ־יעסטעטיש אַרויסגעגאַנגען פון דער לאָזשע.

ווי נאָר די טיר האָט זיך הינטער איר פאַרמאַכט, איז נוניע אויפגע־שפּרונגען, מיך אַרומגעכאַפּט, מיך געקושט, פאַרגעשטעלט פאַר דעם פרעמדן פאָרפאָלק, און מיך באַזעצט אויף איר מאַמעס אָרט... איך בין ביסלעכוויז געקומען צו זיך. איך האָב דערפילט אַז נוניע האָט דורכן ערשטן אַקט אויך אַ סך געליטן פון דער מאָדנער פיינלעכער סיטואַציע.

ווען ס׳איז פינסטער געוואָרן פאַרן צווייטן אַקט און סאַראַ איז ניט צוריקגעקומען, איז מיין שטימונג אַ סך פריילעכער געוואָרן, און זיצנדיק אויבן־אָן ביזן סוף פון דער פאָרשטעלונג, האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן מיינע ביטערע געפילן פון ערשטן אַקט. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דער פאָרשטעלונג, און די גרויסע אָוואַציעס וואָס מיין טאַטע האָט גע־קראָגן פאַר זיין שפּילן האָבן מיין האַרץ אָנגעפילט מיט שטאָלץ און פאַר־געניגן.

פון יענער פאָרשטעלונג האָבן זיך אין מיין מוח איינגעקריצט צוויי הויפּט מאָטיוון וואָס מיין טאַטע האָט אין דער ראָל אַרויסגעבראַכט און וואָס איך האָב שטענדיק געזוכט ווען מיר איז אויסגעקומען צו זען אַנדערע

שיילאָקס אין די שפּעטערדיקע יאָרן... ראשית, דער אידישער מאָטיוו. אין זיין יעדן ריר און קער, סיי אין זיין מאַנעז גערעכטיקייט, סיי אין זיין זוכן נקמה, האָט מיין טאַטע שטאַרק אונטערשטראָכן דעם איד... קעגן די באַליידיקונגען, קעגן די דערנידערונגען, וואָס האָגלען אויף אים פון זיינע שונאים, קעמפט ער און פאַרטיידיקט דעם איד, מער ווי דעם מענטש... ווען ער פאַרלאָזט דאָס געריכט נאָך דעם אומגערעכטן משפּט, גייט ער ניט אָפּ ווי אַ דערשלאָגענער און באַזיגטער נאָר ווי אַ שטאָלצער אידישער פּאַטריאַרך, וואָס בויגט ניט זיין קאָפּ אפילו ווען ער איז הילפלאָז קעגן זיינע פייניקער.

דעם צווייטן מאָטיוו וואָס ער האָט שטאַרק אונטערשטראָכן האָב איך קיינמאָל ביי אַן אַנדער שיילאָק ניט געזען. דאָס איז דער „פּאָטער מאָטיוו"... אין דער סצענע ווען ער קומט אַהיים און געפינט אַז זיין טאָכטער דזשעסיקאַ איז אַנטלאָפן מיט איר געליבטן, און מיטן גרעסטן טייל פאַרמעגן, האָט מיין טאַטע מער אונטערשטראָכן זיין ווייטיק אַלס פאָטער, ווי אַלס באַרויבטער... אין זיין פאַרצווייפלטן געשריי — „דזשעסיקאַ!... דזשעסיקאַ!... האָט זיך געהערט אַזוי פיל אידישער פּיין און פאָטערלעכער ווייטיק... דער געשריי האָט אַ סך, אַ סך יאָרן מיר געקלונגען אין די אויערן...

געדענק איך, ווען מיט פיל יאָרן שפּעטער האָב איך געזען דעם באַרימטן דעיוויד וואָרפילד אין דער ראָלע. מיין שוועסטער דזשוליאַ אַדלער האָט דאַן דעביוטירט אויף בראָדוועי אין דער ראָל פון דזשעסיקאַ. און כאָטש וואָרפילד האָט יענע סצענע גאָר אַנדערש אויפגעפאַסט, אין גאַנצן אַנדערש געשפּילט, האָט, הפּנים, די שייכות פון דזשוליאַ׳ס דזשעסיקאַ אין מיין זכרון אויפגעלעבט צוריק יענע פאָרשטעלונג, און אַנשטאָט וואָרפילד׳ן, האָב איך ווידער געהערט מיין טאַטנס האַרץ־רייסנדיקן געשריי — „דזשעסיקאַ! דזשעסיקאַ!!"...

יענע פאָרשטעלונג פון מיין טאַטנס פּרעמיערע, אויף בראָדוועי, אין „שיילאָק", האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, און אַ סך יאָרן אין מיר געוועקט אַלערליי סענטימענטן... און, ווי גייט דאָס ווערטל — „די צייט ווישט אָפּ אַלץ"... אַפילו די ביטערע געפילן וואָס די אַדלערשע האָט מיר צוגעטיילט זיינען אויך מיט דער צייט פאַרשוואונדן...

געדענק איך אַן אָוונט אין דער באַרימטער אַקטיאָרישער „קאַפע ראָיאַל", אויף סעקאָנד עוועניו און דער 12־טער גאַס, בלויז אפשר אַ יאָר ניין אָדער צען צוריק, ווען איך בין מיט סאַראַ׳ן געזעסן ביי איין טיש און זי האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט און געגרויסט זיך מיט „אונזער" משפּחה. דעם זכות האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין ליבן זון, דר. סעלווין פריד.

זי איז פֿאַר דעם געווען ערנסט קראַנק; זי האָט געליטן שרעקלעכע ווייטיקן און האָט באַדאַרפֿט האָבן ספּעציעלע באַהאַנדלונג פֿון אַ נירן־ספּעציאַליסט. איר הויז דאָקטאָר האָט אירע קינדער רעקאָמענדירט דר. סעלווין פֿריד, דעם „יוראָלאָדזשיסט", אַלס איינעם פֿון די בעסטע ספּעציאַליסטן אויף דעם פֿעלד. האָט איר טאָכטער, מיין שוועסטער סטעלאַ אַדלער, זיך מיט אים געשטעלט אין פֿאַרבינדונג און געבראַכט די אַדלערשע צו אים. איז אים געלונגען איר שנעל צו באַפֿרייען פֿון אירע ווייטיקן, און ער האָט איר גאָר גיך געשטעלט אויף די פֿיס.

איך האָב פֿון דער גאַנצער מעשה ניט געוואוסט. ביז איך יענעם אָוונט אַריינקומענדיק אין דער „ראָיאַל", טאַקע שיר ניט געפֿאַלן פֿון מיינע פֿיס, ווען זי האָט מיך צוגערופֿן צו איר טיש און פֿאַר מיר געגומען לויבן מיין זון...

„צילי, איך האָב דאָך גאָרניט געוואוסט אַז דיין זון איז אַזאַ גרויסער דאָקטאָר — ער איז דאָך אַ גאָט, אַ מלאך!... ער האָט מיך געראַטעוועט — אונזער משפּחה מעג שטאָלצירן מיט אים"...

איך בין זייט דאַן אַריין אין דער משפּחה... ער, מיין זון, איז אויך שטאַרק באַליבט און געאַכטעט ביי אַלע אירע קינדער, ווי אויך ביי אירע אייניקלעך...

איך וועל פֿאַרענדיקן די סעריע עפּיזאָדן אין שייכות מיט מיינע באַגעגענישן מיט מיין טאַטן און מיט דער גאַנצער משפּחה מיט איינעם זייער אַ רירענדן עפּיזאָד.

זייער אָפֿט שווימט ער אַרויף אין מיין זכרון, און שטענדיק דערוועקט ער אין מיר מאָדנע געפֿילן, עפּעס ווי אַ רחמנות־געפֿיל צו מיינע ניט גאָר גליקלעכע קינדער־יאָרן, וואָס האָבן מיך נאָכאַנאַנד געשליידערט אין פֿאַרפּלאָנטערטע משפּחה קאָנפֿליקטן, מיך אָפֿט געשטעלט צו נסיונות, וועלכע האָבן קעגן מיין ווילן, און אפֿשר אָן מיין וויסן, געלאָזן טיפֿע שפּורן אויף מיין כאַראַקטער, געהאַט אַ בעדייטענדע ווירקונג אויפֿן גאַנצן גאַנג פֿון מיין לעבן... ער וועקט אין מיר געמישטע געפֿילן פֿון פֿאַרדרוס און רחמנות צו מיין גרויסן טאַטן וואָס דורך זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן, זיין קאָמפּליצירטן פֿאַרוויקלטן כאַראַקטער האָט ער זיין אייגן לעבן, דאָס לעבן פֿון פֿיל אַנדערע, זיינע קינדער אַריינגערעכנט, אויסגעשטעלט צו אַ סך ליידן און יסורים... ווען איר וועט דעם עפּיזאָד איבערלייענען, וועט איר אפֿשר מיינע געפֿילן בעסער פֿאַרשטיין, ווי איך קען עס אין ווערטער איבערגעבן...

דאָס האָט געמוזט זיין אַרום צוויי אָדער דריי יאָר נאָך יענער „שיילאָק" פֿאָרשטעלונג, וואָס איך האָב פֿריער באַשריבן. אונזער פֿינאַנציעלע לאַגע האָט זיך געביטן צום ערגערן... פּאַפּאַ פֿיינמאַן האָט דאַן געוואַנדערט

איבער אייראָפּע, זוכנדיק דעם בכבוד׳יקן זיכערן אָרט אין אידישן טעאַטער וואָס איז אים געקומען לויט זיין טאַלאַנט און שוישפּילערישן סטאַזש...
מיין מאַמע האָט דאָ געדאַרפט ציען איר חיונה פאַר אונז אַלעמען פון טעאַטער, וואָס איז געלעגן אין מענערשע הענט, און פאַר אַ פרוי אָן אַ מענערשן סטאַר איז עס געווען זייער אַ שווערער ענין... מיט איין וואָרט, אונזער לאַגע איז ניט געווען קיין „פויגלדיקע״...

איז דאַן אין אַלע צייטונגען און דורך ספּעציעלע אַפישן שטאַרק אַנאָנסירט געוואָרן אַ גרויסע פאָרשטעלונג אין מאַנהעטן אָפּערע הויז פאַר אַ וויכטיקן „וואוילטעטיקן״ צוועק. איך געדענק ניט וואָס דער צוועק איז געווען. ס׳איז געווען איינע פון די זאָגענאַנטע „גאַלאַ״ פאָרשטעלונגען, ווי זיי זיינען באַוואוסט, מיט די גרעסטע סטאַרס פון דער אידישער און ענגלישער בינע... מיין טאַטנס נאָמען אין געווען אין סאַמע אויבנאָן.

איך האָב שטאַרק חשק געהאַט צו זען די פאָרשטעלונג. אָבער וואו נעמט מען אַ בילעט?... איך האָב געפילט אַז איך קען עס מיין מאַמען ניט זאָגן, ווייל זי וועט זיך ערגערן וואָס זי קען מיר ניט העלפן... האָב איך באַשלאָסן אָן מיין מאַמעס וויסן צו גיין אַהין, אָט, ווי זאָגט מען עס, אויף גאָטס באַראָט... אפשר וועט מיר געלינגען צו טרעפן עמיצן וואָס וועט מיך אַריינבנעמען.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, ווינטערדיקער טאָג, און איך האָב ניט געהאַט קיין אָנשטענדיקן ווינטער־מאַנטל. אין אַ לייכטן קורצן רעקעלע האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו דער פאָרשטעלונג. די עטלעכע סענט וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך האָב איך געזשאַלעוועט און באַשלאָסן צו גיין צופוס פון אונזער הויז אויף סעקאָנד עוועניו צו דער פיר־און־דרייסיקסטער גאַס און אַכטע עוועניו...

פאַרוואָס מיר איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן צו זען יענע פאָרשטעלונג ווייס איך ניט. צי דער טומלדיקער אַנאָנס האָט מיך גערייצט, אָדער אפשר דערפאַר וואָס זאַכן וואָס איז שווער צו דערגרייכן ווילט זיך דווקא. איך געדענק אָבער זייער גוט ווי די קעלט און דער ווינט האָבן מיך דורכגענומען אויפן לאַנגן שפּאַציר אַהין.

אַ האַלב־פאַרפרוירענע, בין איך ענדלעך אָנגעקומען. די אַלטע מאַנהעטן אָפּערע־הויז האָט געהאַט טרעפּ אַרויפצוגיין צו דער לאָבי. אַ מידע און פאַרמאַטערטע האָב איך זיך אַרויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ און בין אַריין אין דער וואַרעמער „לאָבי״. איך האָב זיך מחיה געווען מיט דער וואַרעמקייט. ווען איך בין צו זיך געקומען פון דער קעלט און לאַנגן שפּאַציר, האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן. אפשר קען איך דעם „דאָרמען״, אפשר

איז אין קאַסע דאָ עמיצער וואָס קען מיך. אָבער מיין קוקן איז געווען אומזיסט. אַלץ פרעמדע, ווי מיר האָט זיך געדוכט, קאַלטע, פיינטלעכע „גויים".

אויף אַ ווײַלע איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, ווי אַזוי ביי דער פרעמיערע פון „שיילאָק" בין איך גאָר אָן מורא צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און מיט שטאָלץ געמאָלדן — „סיליאַ אַדלער, דאָהטער אָוו דזשייקאָב פּ. אַדלער"... און ס'איז מיר אײַנגעפאַלן אפשר דאָ אויך טאָן דאָס אייגענע. אָבער הפּנים, אַז ווען די קעשענע איז ליידיק און אויפן האַרצן איז חושך, קען מען ניט ווייזן קיין שטאָלץ און עס פעלט דער מוט צו מאַכן אַן אָנשטעל, צו פאָדערן און פאַרלאַנגען...

די לאָבי איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעפילט. איך האָב מיט די אויגן געזוכט אַ מענטשן וואָס איז מיר קענטלעך. אָבער אַלע זיינען מיר פרעמד, קיין איין היימיש באַקאַנט פּנים ניטאָ. די „לאָבי" איז ביס־לעכווייז געוואָרן אַזוי געפּאַקט, אַז איך האָב אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז אויב באַקאַנטע וועלן יאָ קומען וועל איך זיי ניט זען, און זיי מיך ניט... האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין דרויסן, זיך אַוועקשטעלן איג־דערמיט פון די הויכע טרעפּ. דאָרט וועל איך זען אַלע וואָס קומען, און אַלע וועלן מיך זען.

שטיי איך אַזוי אין דרויסן; די קעלט נעמט מיך דורך. דער ווינט בלאָזט דורך מיין קורצן לייכטן רעקעלע. איך קוק אָנגעשטרענגט מיט מיינע פאַרטרערטע אויגן — אפשר וועט זיך עמיץ באַווייזן... און אָט דערזע איך, עס פאָרט צו אַ שיינע גלאַנציקע קאַרעטע — יאָ, איר האָט געטראָפן, פון דער קאַרעטע קומט אַרויס מיין שיינער גראַציעזער טאַטע מיט זיינע צוויי אינגסטע טעכטערלעך, מיינע שוועסטערלעך דזשוליאַ און סטעלאַ, פאַרפּוצטע אין פּרעכ־טיק־שיינע ווינטער מאַנטעלעך, מיט ווייסע פוטערנע קעלנער, וואַרעמע גלאַנ־ציקע שטיוועלעך, אַ פאַרגניגן צו קוקן אויף זיי... זיי וויקלען זיך שנעל איין אין זייערע קעלנער איבער די אויערן און לויפן אַרויף די טרעפּ ניט זעענדיק מיך.

ווען מיין טאַטע האָט זיך געלאָזן און מיט ווירדע געלאָזט גיין אויף די טרעפּ, בין איך אים געקומען אַקעגן, „העלאָ פּאַפּאַ!" ער צעעפנט ברייט די גרויסע אויגן זיינע, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט אַז דאָס בין איך... דאָס ביזטו, ציליקו, וואָס שטייסטו דאָ אין דער קעלט?!"...

„איך וויל אַריינגיין זען די פאָרשטעלונג".

„האָסט ניט קיין בילעט?!... וואַרט דאָ אַ ווײַלע".

ער אײַלט אַריין אין דער לאָבי. ס'נעמט ניט לאַנג ער קומט צוריק,

דערלאַנגט מיר, אַן ווערטער, דעם בילעט, טוט אַ גלעט מיין פּנים מיט זיינע גלאַטע וואַרעמע הענט... איך האָב קוים באַוויזן אים אין די הענט אַ קוש טאָן, און ער איז אין איילעניש צוריק אַריין אין דער „לאָבי".

איך איל זיך נאָך אים און זע ווי ער מיט מיינע שוועסטערלעך גייען מיט שטאָלץ דורך דער טיר אין טעאַטער אַריין. איך לאָז זיך נאָך זיי. אָבער דער „דאָרמען" וויזט מיר אויף אַ זייטיקן אַריינגאַנג. איך לאָז זיך אַהין. איך זע טרעפּ. איך לאָז זיך גיין. איך גיי און גיי... אַרויף, אַרויף... אַלץ העכער און העכער... אַזוי פיל טרעפּ... אָט, שוין, ניטאָ מער קיין טרעפּ. איך קום אַריין. איך בין אויף דער העכסטער גאַליאָרקע... מ'פירט מיך צו מיין פּלאַץ, אַראָפּ, אַראָפּ... אין דער צווייטער ריי. איך באַזעץ זיך און קוק זיך אַרום. אַזאַ ריזיקער טעאַטער. איך האָב נאָך קיינמאָל פון אַזאַ הויך ניט געקוקט אויף אַ טעאַטער. עטלעכע באַלקאָנען... אומעטום אָנגע־פּיקעוועט מיט מענטשן. קאָפּ אויף קאָפּ. העט, העט, אונטן אין „פּאַרטער" קוקן די מענטשן אויס קלענער.

און אָט דערהער איך אַרום מיר, פון אַלע זייטן, מענטשן טייטלען מיט די פינגער — אָ, אָ, דאָרטן, איר זעט? אין באָקס, דאָרט אין דער ערשטער באָקס... דאָס איז אַדלער, אַדלער, דאָרט מיט צוויי מיידעלעך.

איך קוק זיי נאָך. איך דערזע פון מיין הויכקייט מיין ווייס־באַקרוינטן, גראַציעזן טאַטן מיט מיינע שיינע שוועסטערלעך... ער שטייט מיטן צילינדער אין האַנט, ער בויגט זיך צום עולם. עס ווערט אַן אָוואַציע, מ'פּאַטשט, מען קלאַפּט, מען פייפט... מיטן צילינדער שיקט ער זיינע גרוסן צו אַלע באַלקאָ־נען, אויך צו אונז... אין באַגייסטערונג און עקסטאַז שרייט מען: „אַדלער! אַדלער!"

ווי אַלע אַרום מיר, קלאַפּ איך אויך... איך וויל אויך שרייען ווי זיי „אַדלער! אַדלער!" אָבער עס וואַרגט מיר אין האַלז... איך קען ניט שרייען. און דאָך פיל איך מיך זייער שטאָלץ. דאָס איז מיין טאַטע. אַלע האָבן אים אַזוי ליב, מען גיט אים אָפּ אַזוי פיל כבוד...

און פּונקט ווי מיינע שוועסטערלעך אונטן, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן מיין טאַטן, שמייכלענדיקע, מיט שיינענדיקע פּנימ'לעך, האָב איך, אין דער הויך, אויך געשמייכלט און זיך געפרייט, וואָס ער איז מיין טאַטע... איך האָב ניט געפילט קיין שום פאַרדרוס אָדער פאַראיבל, ניט דעמאָלט, און אוודאי ניט איצט, וואָס ער האָט מיך ניט גענומען מיט זיך אין זיין לאָזשע... מיט מיין אָנטועכץ דאָן האָב איך זיך דאָרטן זיכער ניט אַריינגעפּאַסט...

ער האָט בעטנדיק דעם בילעט זיכער ניט געזאָגט אַז ס'איז פאַר זיין טאָכטער... אין דער אויספאַרקויפטער קאַסע האָט מען אים זיכער געגעבן

דעם בעסטן בילעט וואָס איז נאָך דאָרט געווען פאַרבליבן... איך בין זיכער, אַז נאָר אַדלער האָט געקענט באַווייזן אין דער לעצטער מינוט, בכלל, צו קריגן אַ בילעט. און פונקט ווי דאַן, פיל איך נאָך איצט די דאַנקבאַרקייט צו אים. פאַרוואָס איך פיל אַזוי, וועל איך עס, ווי אַלע מיינע שווערע פסי־כאָלאָגישע פּראָבלעמען, איבערלאָזן צו די פּסיכאָלאָגיע עקספּערטן צו פאַר־ענטפערן...

און זאָלן זיי שוין פאַר איין וועג פאַרענטפערן אָט דעם זייער ניט אָנ־גענעמען אינצידענט צווישן מיין טאַטן אַדלער און מיר. ער איז געווען זייער אַ הייסער, האַרציקער און געטרייער פאָטער, זיך כסדר אַרומגערינגלט מיט אַלע זיינע קינדער, זיי געהאַלטן מיט זיך דורך די אַלע יאָרן פון זיין טעאַטער קאַריערע. די קינדער האָבן שטענדיק ביי אים אויסגעפירט וואָס זיי האָבן געוואָלט, איבערהויפּט די מיידלעך. ער האָט זיי כמעט קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט זייערע פאַרלאַנגען. ווי פלעגט מיר מיין שוועסטער נוניע זאָגן: „ביים טאַטן קען מען אַלץ פועל׳ן. ווען ער איז אַמאָל אין אַ צערייצטער, בייזער שטימונג, דאַרף מען נוצן אַ קאָפּעטשקע חניפה. ער האָט עס זייער ליב. זיין גאַנצע בייזקייט ווערט אויסגעוועפּט... איך האָב צו אים נאָך אַ מיטל, איך גיב אַ קלאַפּ אין טיש — איך וויל עס און שוין!״...

איך האָב אָבער ביידע זאַכן ניט געקענט. און אָט האָב איך צו אים געדאַרפט אָנקומען. אַרום יענער צייט האָבן די הויפּט שוישפּילער באַש־לאָסן זיך צו פאַראייניקן אין אַ מין קלוב, כדי זיי און זייערע עלטערע קינדער זאָלן זיך צוזאַמענקומען פון צייט צו צייט זיך צו פאַרווילן און נעענטער זיך צו באַקענען. זיי האָבן אַראַנזשירט אַ גרויסן באַל. אַלע אַקטיאָרישע קינדער אין מיין עלטער האָבן זיך געטומלט און געגרייט. איך האָב אויך געוואָלט גיין. איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין „באַל־קלייד״. ווען איך האָב באַמערקט, אַז מיין מאַמע מיידט אויס צו רעדן דערפון, האָב איך שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז ס׳פעלט איר פשוט אויס די עטלעכע דאָלער דערפאַר. האָב איך מער דערפון אין שטוב ניט גערעדט. ס׳איז ביי מיר געבליבן צו גיין צו אַדלער׳ן... ס׳האָט מיר גענומען עטלעכע טעג ביז איך האָב זיך אָנגענומען מיט גענוג קוראַזש. ענדלעך בין איך אין אַ בייטאָג געקומען צו מיין טאַטן.

פונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, ביי יענעם סדר וואָס איך האָב באַשריבן, בין איך ווידער פאַרבלענדט געוואָרן פון דער רייכער היים — וואָס איז איצט געווען אַ גאַנץ הויז אויף דער 72־טער גאַס. דער טאַטע איז געזעסן אויבן־אָן ביים לאַנגן טיש אין זיין גאָלדענעם „פּאָטער שטול״. דאָס גאַנצע מעבל אין צימער איז געווען באַצירט מיט גאָלדענע ראַמען.די פּאַרענטשעס פון „פּאָטער־שטול״ זיינען באַשטאַנען פון צווי בייזע, צערייצטע לייבן. אויף

מיין מזל איז גראָד מיין טאַטע אויך געווען אין אַ בייזער שטימונג. האָבן דריי בייזע, צערייצטע קעפּ געקוקט אויף מיר...

שטייענדיק ביים צווייטן עק פון לאַנגן טיש, האָב איך קוים אַרויסגעזאָגט מיין בקשה.

ער האָט זיך צעשריען: „אַלע פאָדערן!! אַלעמען גיב!! איך האָב ניט! איך גיב ניט!!"

טרערן האָבן מיר גענומען שטיקן. איך האָב קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן.

מיין האָפנונג אויף אַ באַל־קלייד איז אויסגערונען...

דאָס אידישע טעאַטער אין ניו יאָרק האָט אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט זיך שטאַרק צעוואַקסן. די מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און גאַליציע, האָט אָן אויפהער געשטראָמט קיין אַמעריקע, און מערסטנס קיין ניו יאָרק. די אידישע באַפעלקערונג איז דאָ געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. אין זייער איינזאַמקייט איז פאַר די צענדליקער טויזנטער נייע אימיגראַנטן דאָס אידיש טעאַטער געווען אַ טרייסט.

דאָרטן האָבן זיי אויסגעוויינט זייער בענקשאַפט אַהיים, אויסגעלאַכט זייער לייד און פּיין וואָס זיי האָבן באַגעגנט אין די „גרינע" יאָרן זייערע. אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, אידישע „סאָסייעטיס" און אָרדנס זיינע געגרינ־דעט געוואָרן איבערנאַכט, ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטער און פאַר־צוויגטער געזעלשאַפטלעכער לעבן.

כדי צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן פאַר זייערע וואוילטעטיקע צוועקן, האָבן זיי אָפּגעקויפט גאַנצע אָדער טייל אַוונטן אין די אידישע טעאַטערס — „בענעפיטס" הייסט עס... זיינען זיי מיט דעם געוואָרן אַ גאָר וויכטי־קער פאַקטאָר אין דעם וואוקס פון אונזער טעאַטער. צוזאַמען מיט דעם גרויסן וואוקס, האָבן זיך צעשפּילט די אַפּעטיטן פון די טעאַטער גדולים פון יענער צייט... דער רייץ צו פאַרכאַפּן דעם אויבן־אָן, האָט זיי געטריבן צו זוכן בלויז פּערזענלעכן דערפאָלג. צו ענג זיינען געוואָרן די דריי ווענט פון איין בינע פאַר עטלעכע גדולים צוזאַמען... עס איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער זיך איינצוטיילן מיט די ראָלן... אַלע האָבן געוואָלט שפּילן נאָר די גוטע, די סימפּאַטישע, די נאָבעלע העלדן אין אַ פּיעסע...

די סאָרט ראָלן האָבן דעם דעמאָלסטיקן פּרימיטיוון טעאַטער־עולם שטאַרק געריִרט, ביי זיי געוועקט רחמנות און ליבע, סיי צום העלד, סיי צום אַק־טיאָר. איז יעדער סטאַר אַוועק מאַכן שבת פאַר זיך...

אַזוי איז דאָס אידיש טעאַטער אין ניו יאָרק גאָר אין גיכן צעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע, סטאַבילע פירמעס. יעקב און סאַראַ אַדלער, באָ־ריס און בעסי טאָמאַשעפסקי, דעיוויד קעסלער און בערטאַ קאַליש, אָדער קעני ליפּצין.

זיגמונד פיינמאַן האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צו קיינעם פון זיי. סיי די הינטער־קוליסן פּאָליטיק, סיי דאָס איינטיילן פון די ראָלן, האָט ניט געשטימט מיט זיין געשמאַק, מיט זיינע אַמביציעס און מיט זיין געפיל פאַר יושר. ס'איז אים ענג געוואָרן די טעאַטער־וועלט אין ניו יאָרק. האָט פיינ־מאַן זיך געלאָזט וואַנדערן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, וועלכע איז בנוגע אידיש טעאַטער, נאָך דעמאָלט געווען אין די וויקעלעך. אויך די אַדלערס און די טאָמאַשעפסקיס האָבן, מיט עטלעכע יאָר פריער, געפּרוּווט זייער מזל אויף דער פּראָווינץ, און ס'איז זיי ניט געלונגען. האָט אויך פיינמאַן געהאַט דעם זעלבן גורל.

מערסטנס איז די מאַמע מיט אים מיטגעפאָרן. מיר, דאָס הייסט, מיין שוועסטערל לילי און איך, פלעגן דאָ בלייבן מיט אונזער פּיגע'ן. מיר זיינען געווען „סקול" קינדער; האָט זיך זיי ניט געוואָלט אונז אַרומשלעפּן מיט זיך. האָט, אָבער, געטראָפן אַז אַ געוויסע שטאָט האָט געוויזן אַ מעגלעכקייט, אַז זי קען ווערן אַ סטאַבילע טעאַטער שטאָט, פלעגן מיר זיך אַריבער־קלייבן אין יענער שטאָט. כמעט כסדר האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט אַ דורכפאַל.

דאַן זיינען געווען ביי אונז די „מאָגערע" יאָרן. געדענק איך ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין פילאַדעלפיע, ווייל ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָרט קען ווערן אַ סטאַבילע טעאַטער־שטאָט. מיט יאָרן שפּעטער איז טאַקע פילאַדעלפיע געוואָרן אַזאַ שטאָט, און האָט אויסגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעאַ־טערן. אָבער דאַן איז נאָך ניט געווען די צייט דערפאַר. נאָך די ערשטע עטלעכע חדשים האָט זיך דאָס טעאַטער געמוזט שליסן.

ווייס איך עד היום ניט, ווער ס'איז געווען שולדיק אין דעם: פיינמאַנ'ס אָדער דער מאַמעס. פונקט אַזוי איז עס מיר ביז איצט ניט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי זיי זיינען בכלל געקומען צו אַזאַ מאָדנעם און טשיקאַוון באַשלוס. אָבער ווען דאָס טעאַטער האָט זיך געשלאָסן אין מיטן סעזאָן, זיינען מיר אַוועק אויף אַ פאַרם אין ראָזנהיין, ניו דזשוירזי. איר זאָלט אָבער ניט פאַר־מישן אונזער זיין אין ראָזנהיין מיט די היינטיקע זומער און ווינטער האָטעלן

אין די בערג, אָדער אין לייקוואוד, וואו מ׳פאַרקויפט אידישע אַקטיאָרן, מער ווי גוטע שפּייז און פרישע לופט...

אונזער ראָזנהיין איז געווען בלויז אַ פאַרם. פיינמאַן האָט געדונגען אַ פאָרפאָלק, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער פאַרם־אַרבעט.

פון ראָזנהיין האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט אַן איינדרוקספולע באַגעגעניש.

גאַנץ אָפט פלעגט ער קומען און פאַרברענגען מיט פּאַפּאַ פיינמאַן. געהאַט האָט ער לאַנגע האָר וואָס פלעגן געבלאָזן ווערן פון ווינט. און כסדר האָט ער מיט זיך געהאַט אַ פלעשל... ווען איך האָב אין אָנהויב פּרובירט לאַכן פון אים, האָט פּאַפּאַ פיינמאַן מיר געשטראָפט:

„ציליקו, דער מענטש איז אַ גרויסער פּאָעט, זיין נאָמען וועט אייביק לעבן ביים אידישן פאָלק. דאָס איז נפתלי הערץ אימבער, דער פאַרפאַסער פון „התקוה״, וואָס איז אָנגענומען ביי אידן ווי דער נאַציאָנאַלער הימן״...

ווייס איך ניט פאַוואָס, נאָר ווען איך פלעג נאָכדעם אים זען אין דער פּאָזע מיטן פלעשל, פלעגן זיך מיר שטעלן טרערן אין די אויגן.

פון ראָזנהיין, געדענק איך אויך ווי מיר פלעגט אָפט אַרומפאָרן צווישן די פאַרמס אויף אַ וואָגן און איך און מיין שוועסטערל פלעגן זינגען אידישע לידלעך און קלייבן געלט פאַר וואוילטעטיקע צוועקן. געשלעפּט דעם וואָגן האָט אונזער פערדל, וואָס האָט געהייסן נעלי. איז די נעלי געווען עפּעס אַ גלגול פון מענדעלע מוכר ספרים׳ס קליאַטשע, אָדער פון שלום עליכמ׳ס פערדל מתושלח... זי פלעגט אַזוי געטריי טאָן איר אַרבעט — שטענדיק געלאַסן, ניט געאיילט...

זיינען מיר איינמאָל פאָרנדיק אַהיים פון אַזאַ נסיעה, באַפאַלן געוואָרן פון אַ שרעקלעכן שטורם. ס׳האָט געבליצט און געדונערט.

די מאַמע טרייבט נעלי׳ן שטאַרקער, זי וויל קומען אַהיים וואָס גיכער, פאַרן רעגן. רעדט זי צו נעלי׳ן און בעט זיך ביי איר: „נעלי׳נקע חיות׳ל, פאָר שנעלער, שנעלער... ציליקו און לילקו וועלן אויסגענעצט ווערן!...״

הפנים אַז נעלי האָט איר פאַרשטאַנען, גענומען לויפן — שנעלער־שנעלער — ס׳האָט פון איר פעל אַזש געזעצט אַ פאַרע און זי האָט אונז געבראַכט אַהיים בלויז אַ פּאָר סעקונדן נאָכדעם ווי דער שלאַקס רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. מיר זיינען ניט צו שטאַרק פאַרנעצט געוואָרן. אָבער די פאַרשוויצטע נעלי, איז פון רעגן קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט. אָבער נעלי איז נעבעך געוואָרן ערגער און ערגער. זי איז אויפן דריטן טאָג געשטאָרבן.

ווען מיר זיינען נאָך ראָזנהיין צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק, האָב איך

דערווייל פאַרלוירן אַ גאַנץ יאָר סקול. די מאַמע האָט ניט געוואָלט איך זאָל דאָס יאָר פאַרלירן, איז זי געגאַנגען צו דעם „ווייס־פּרינציפּאַל", דווקא אַ פרוי, דערציילט די לאַגע — וואָס דאָס מיינט פאַר איר קינד, זיין צוריק־געשטאַנען אַ יאָר — און גע׳פּועל׳ט ביי איר, אַז איך זאָל קריגן אַ „ספּעשל טעסט".

מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קלאַס־צימער וואו נאָך אַ פּאָר קינדער זיינען געזעסן גרייט פאַרן „טעסט". די לערערין האָט מיר געגעבן דריי אַריפ־מעטישע אויפגאַבן.

איך קוק אויפן פּאַפּיר און ווייס ניט ווי אַזוי אָנצוהויבן. זיץ איך אַ פאַרזאָרגטע, און אין געדאַנק איז מיר אויפגעשוואומען נעלי׳ס טויט. מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. דערווייל גייט פאַרביי די „ווייס־פּרינציפּאַל" — אַזאַ שיינע געווען, געדענק איך — זי קוקט אויף מיין ליידיקן פּאַפּיר, טוט אַ קוק אויף מיינע פאַרטרערטע אויגן. נעמט ביי מיר דעם „פּענסיל", מאַכט שנעל די דריי „עקזעמפּלס", אָנגעשריבן אויבן „קאָרעקט", צוגענומען מיין „פּעיפּער" און שיקט מיך אַריין אין דעם ריכטיקן קלאַס.

אַן אַלטע נערוועזע לערערין, מיס נאָבעל האָט זי געהייסן, נעמט צו מיין קאַרטל — מיט מיין נאָמען אויפגעשריבן — הייסט זיך מיר זעצן אויפן לעצטן בענקל העט הינטן. איך זעץ זיך אַוועק.

פון דעם אַלעם וואָס איז מיט מיר אַזוי שנעל און פּלוצים געשען, בין איך נאָך ווי צעמישט. כ׳קוק זיך אַרום אויף אַלע קינדער — צי קען איך עמיצן — מיס נאָבעל רעדט — איך הער זיך ניט צו — איך פאַרנעם גאָך גאָרניט. און מיטאַמאָל הער איך מיין נאָמען: „יו, סיליאַ פיינמאַן, יו ענסער דהיס קוועסטשאָן!"...

איך שטעל זיך אויף, איך ווייס ניט וואָס די פראַגע איז געווען, כ׳האָב אַפילו ניט געוואוסט וועגן וואָס זי האָט גערעדט... איבערפרעגן האָב איך מורא געהאַט, טאָמער שיקט זי מיך צוריק אין נידעריקן קלאַס... שטיי איך אין געהאַקטע וואונדן", מיט אַמאָל הער איך עמעצן שעפּטשען „עיזשיאַ (אַזיע), עיזשיאַ". איך פאָלג און ענטפער „עיזשיאַ!" „קאָרעקט, סיט דאַון!" — זאָגט מיס נאָבעל...

אַ באַגאַסענע מיט שווייס זעץ איך זיך אַוועק. איך זוך מיט די אויגן ווער איז עס מיין מלאך געווען... איך זע אַ קליין מיידעלע, אויפן צווייטן בענקל פאַר מיר, קוקט אויף מיר מיט גליקלעכע אויגעלעך.

איך בין צו איר צוגעבונדן געוואָרן. דאָראַ האָראוויץ האָט זי געהייסן. מיר זיינען געבליבן חבר׳טעס פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

מוז איך דאָ פֿאַרצייכנען אַ זייער קאָמישן עפּיזאָד, טאַקע מיט דער ליבער חבר'טע מיינער, דאָראַ האָרוויץ.

געשען איז דאָס מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. מיר האָבן דאַן געוואוינט אויף דער צווייטער עווענױ, אין אַן אַפּאַרטמענט הויז אויפֿן זיבעטן שטאָק. דאָראַ פֿלעגט זייער אָפֿט זיין ביי אונז. האָט איינמאָל אויסגעבראָכן אַ פֿייער אין הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. מיר זיינען געווען אויפֿן העכסטן גאָרן, סאַמע אויבן. האָט פּאַפּאַ פֿיינמאַן אונז גענומען פֿירן דורך די פֿייער־טרעפּ.

פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון זיבעטן שטאָק גיין איבער די פֿייער־טרעפּ איז ניט קיין צו באַקוועמער און זיכערער שפּאַציר... דאָראַ איז בכלל געווען אַ שרעקעוודיקע, גייט זי נעבעך אַ ציטערנדיקע און וויינט מיט ביטערע טרערן. פֿיינמאַן האַלט זי פֿעסט, ער טראָגט זי כמעט. פֿיינמאַן איז שוין אין יענע יאָרן געווען היפּשלעך דיק... איז עס גאָרניט געווען אַזוי לייכט אויף די שמאָלע אייזערנע טרעפּ... האַלט דאָראַ אים אַרומגענומען אַרום האַלז, און זאָגט אים וויינענדיק: — אוי, מר. פֿיינמאַן, אויב ס'זאָל עפּעס טרעפֿן... כ'מיין אויב איך זאָל חלילה גע'הרג'ט ווערן... מיין מאַמע וועט מיר... זי וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין...

מיר זיינען בשלום אַראָפּ אונטן. ווי נאָר פֿיינמאַן האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויפֿן „סיידוואָק" איז זי אָן אַ זיי־געזונט, אַ האַלב היסטערישע אַוועקגעלאָפֿן אַהיים...

דאָ שטופּט מיר שוין מיין באַרימערישקייט צו פֿאַרצייכנען מיין גראַדואירן פֿון „פּאָבליק־סקול". כדי איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך בין שטענדיק געווען הילפֿסלאָז אין סקול, אַז כסדר האָט מיר עמיצער געדאַרפֿט אונטערזאָגן, וויל איך איר זאָלט וויסן, אַז כ'האָב מיט כבוד גראַדואירט, און בין אפֿילו אויסגעקליבן געוואָרן צו מאַכן דעם „וואַלעדיקטאָרי אַדרעס"... איז הפּנים די געזעגענונגס רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן, געווען גאָר ניט שלעכט. אַ סך פֿון מיינע אידישע קאָלעגן גראַדואַנטן האָבן זיך דערטראַכט, אַז מן הסתם האָט יעקב גאָרדין פֿאַר מיר די רעדע אָנגעשריבן.

האָב איך שוין פֿאַרענדיקט „פּאָבליק־סקול" און בין אַריין אין „האַי־סקול". איך בין שוין געווען אַ מויד פֿון 15 יאָר. ביי לייטן אַזאַ מויד איז שוין אַ גאַנצער פֿאַרשוין, בפֿרט אַז איך האָב שוין דאַן געפֿירט מיין ערשטן יונג־מיידלשן ראָמאַנס...

פֿיליפּ האַאַז האָט ער געהייסן, אַ „לאָאָ סטודענט". ער פֿלעגט האָבן טענות צו מיר למאַי איך טראָג נאָך קורצע קליידלעך. ווען מיר פֿלעגן גיין שפּאַצירן אויף סעקאָנד עווענױ, פֿלעגן מיר גיין אַביסל אָפּגערוקט

איינער פון צווייטן. ערשט נאָך דעם פּאַרקל וואָס איז צווישן דער פופצנטער און זיבעצנטער גאַס האָט ער זיך דערלויבט מיך צו נעמען ביי דער האַנט אַריבערצוגיין די גאַס.

וואָלט זיך אַוודאי געפּאַסט, אַז איך זאָל אייך פון יענער צייט ברענגען דעראיינערונגען, וואָס זאָלן באַווייזן וואָס פאַר אַ געזעצטער פּאַרשוין איך בין שוין געווען. מוז איך אָבער, געטריי צו דער אָפנהאַרציקייט וואָס איך האָב אַייך צוגעזאָגט, דאָ ברענגען אַן עפּיזאָד, וואָס וועט מיך אין אַייערע אויגן אַוועקשטעלן ניט אויף קיין געהויבענער מדריגה... איר וועט אפשר מיט רעכט קענען טראַכטן, אַז מיין קינדערישקייט, מיין ניט־דערוואַקסנקייט, איז געגאַנגען פיל העכער ווי מיינע קורצע קליידלעך. אָבער פאַרפאַלן — איך בין ניט אויסן אין מיינע באַשרייבונגען זיך דווקא אויסצופּיינען. און אַזוי ווי דער עפּיזאָד האָט סיי מיר און סיי מיינע עלטערן פאַרשאַפט פאַרדרוס און האַרצווייטיק, מוז איך עס דערציילן.

אין אַ פרימאָרגן — איך לאָז זיך גיין אין היי־סקול באַלאָדן מיט אַ פּאַק ביכער וואָס היי־סקול קינדער טראָגן געוויינלעך. פאַרבייגייענדיק די בריף־קעסטלעך אין אונזער קאָרידאָר, זע איך, אַז עס שטעקט אַ בריף אין אונזער בריף־קעסטל. באַפריי איך מיט גרויס אָנשטרענגונג איין האַנט פון דעם פּאַק ביכער און נעם אַרויס דעם בריף. ער איז אַדרעסירט צו זיגמונד פיינמאַן.

איך האָב זיך געפוילט גיין צוריק אַרויף אין הויז אָפּצוגעבן דעם בריף און עס איז שוין געווען אַביסל שפּעט פאַר סקול, האָב איך דעם בריף אַריינ־געשטופּט אין איינעם פון מיינע ביכער, טראַכטנדיק, אַז עס וועט זיין רעכט, אַז איך וועל פיינמאַנ׳ען געבן דעם בריף ווען איך וועל צוריקקומען פון סקול.

שטויסט איר זיך שוין מן הסתם אַליין אָן, אַז דורך די פינף־זעקס שעה אין סקול האָב איך אָן דעם בריף אינגאַנצן פאַרגעסן. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך אין שטוב געהערט געשפּרעכן וועגן אַן ענטפער וואָס פיינמאַן האָט דערוואַרטעט. זייער אָפט האָט זיך פיינמאַן געקלאָגט וועגן דעם. די מאַמע האָט זיך געערגערט, אים געפּרוּווט באַרואיקן, זיך באַמיט אים אויסרעכענען, ציילנדיק די טעג, אַז דער ענטפער וועט מן הסתם קומען היינט, מאָרגן.

אַזוי זיינען די טעג געלאָפן איינער נאָכן צווייטן. דער דערוואַרטעטער בריף איז זיך רואיק געלעגן אין איינעם פון מיינע ביכער און איך, די גרויסע פופצן־יאָריקע מויד, זאָל עס אפילו אָנהויבן צו געדענקען.

דער בריף האָט סיי פאַר פיינמאַנ׳ען און סיי פאַר דער מאַמען און

איך פאַר אונז אַלעמען געמיינט זייער, זייער פיל. דער טעאַטער מענעדזשער, מיטניק, פון מאָנטרעאַל, קענעדע, האָט פאַרגעלייגט מיין טאַטע־מאַמע צו קומען קיין מאָנטרעאַל אויף עטלעכע וואָכן צו שפּילן אין זיין טעאַטער. די באַדינגונגען זיינען געווען זייער גוטע. עס האָט פאַר זיי געמיינט צו פאַרדינען איבער צוויי טויזנט דאָלער און אפשר מער. זיי זיינען יענעם סעזאָן ניט געווען אַנגאַזשירט, עס האָט געמיינט פרנסה פאַרן גאַנצן ווינ־טער... מיט יעדן טאָג איז די אויפרעגונג אין שטוב געשטיגן.

„פאַרוואָס ענטפערט ער ניט? ער האָט דאָך אונז אַזוי געבעטן. איך האָב דאָך אים קלאָר געשריבן, אַז מיר נעמען אָן כמעט אַלע זיינע באַדינגונגען" — אַזוי קאָכט זיך פיינמאַן. די מאַמע פּרובירט אים באַרואיקן, כאָטש איך קען זען, אַז זי איז אויך שטאַרק פאַרצווייפלט.

ענדלעך, איין טאָג, לייענען זיי אין איינער פון די אידישע צייטונגען, אַז דעיוויד קעסלער פאָרט שפּילן אין מאָנטרעאַל. די געמאָלדענע דאַטומס זיינען די וואָס מיינע עלטערן האָבן אָנגענומען צו שפּילן דאָרט.

פּונקט דאַן האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: „אוי, יענער בריף!"...

איך לויף צו מיינע ביכער און איך געפין דעם בריף. אַ פאַרשול־דיקטע טראָג איך עס צו צו פּאַפּאַ פיינמאַן. אין דעם בריף שרייבט מיטניק, אַז ער נעמט אָן די פּאָר קליינע ענדערונגען אין די באַדינגונגען און זיי זאָלן אים תיכף טעלעגראַפירן צי קען ער אַנאָנסירן די דערעפענונג פאַר דעם און דעם דאַטום. ער וואַרט אויף זייער ענטפער.

פיינמאַן איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. די מאַמע איז געוואָרן אוי־סער זיך. זי האָט זיך אַזש היסטעריש צעוויינט פון פאַרדרוס און ערגערניש. זי איז געווען גרייט מיך צו צערייסן, אָבער פיינמאַן, אַ דערשלאָגענער, זאָגט איר שטיל:

„דיינע, זאָלסט ניט וואַגן לייגן אַ האַנט אויף איר... לאָז זי איבער צו מיר, איך וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן".

די מאַמע האָט שנעל געכאַפּט עפּעס אויף זיך און אַרויס פון הויז מיטן אויסגעשריי: „זאָל זי גיין צו אַכט און אַכציק גוטע יאָר!"

איר טאָן איז געווען אַזאַ בייזער, אַז עס האָט געקלונגען ווי אַ שרעקלע־כע קללה. איך האָב דערפילט דעם גוואַלדיקן ערנסט פון מיין האַנדלונג. דערצו, מיין גוטער, טייערער מאַמעס אויפרעגונג און „קללה"... איך בין געשטאַנען אַ פאַרשולדיקטע, אַ דערשלאָגענע, מיט אַ פאַרשטיקטן האַלז און קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען. מיין מאַמעס קלאַפּ מיט דער טיר, ווען זי איז אַרויס, האָט סיי די אַטמאָספערע אין שטוב און סיי מיין צערודערט געמיט אַ סך שווערער געמאַכט. נאָך אַ ווילע דריקענדיקער שטילקייט,

איז פיינמאַן צוגעקומען צו מיר, אַריינגענומען מיין פּנים אין זיינע גלאַטע הענט. איך בין צוגעפאַלן צו אים און איינגעגראָבן מיין קאָפּ אין זיין ברוסט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ היסטערישן שלוכצן. אָפּגעהאַקטע פראַזן האָבן זיך געריסן פון מיין פאַרשטיקטן האַלז: „אוי, פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, וואָס האָב איך געטאָן!... הלוואַי וואָלטן מיר מיינע הענט...״

פיינמאַן האָט מיט זיין האַנט פאַרשטעלט מיין מויל: „רעד ניט קיין נאַרישקייטן, ציליקו, עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן. נעם זיך ניט צום האַרצן. אפשר איז אונז, חלילה, געווען באַשערט אַן ערגערער אומגליק... זאָלסט אָבער וויסן, ציליקו, אַז יענעמס אַ בריוו טאָר מען זיך קיינמאָל ניט דערלויבן צו נעמען און האַלטן אַפילו אַ מינוט״.

ער האָט מיך באַרואיקט. ער איז באַלד אַרויס פון הויז; עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער איז צוריקגעקומען מיט דער מאַמען. איך בין געלאָפן דער מאַמען אַנטקעגן און אָן ווערטער זיינען מיר איינער דער צווייטער גע־פאַלן אויפן האַלז און זיך גוט אויסגעוויינט. זיי האָבן מיר ביידע מוחל געווען מיין נאַרישן טאַט און מיין צעטראָגנקייט.

איך האָף, אַז איר וועט מיר אויך מוחל זיין און אַז איך וועל דערמיט ניט אַראָפּפאַלן אין אייערע אויגן. און אַזוי ווי איך האָב שוין דערציילט אייך נאַרישקייט מיינע פון יענע יאָרן, וועל איך שוין דערציילן נאָך איינע, וואָס האָט מיר אויך פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס און פאַרצווייפלונג. עס האָט אָבער ניט געבראַכט קיין שאָדן. דאָס איז שוין אַ טייל פון מיינע יונג־מיידלשע, ראָמאַנטישע, נאַרישקייטן.

ער איז געווען מיינער אַ היי־סקול קאָלעגע, און עס האָט געהייסן, אַז מיר זיינען פאַרליבט איינער אין צווייטן. האָב איך איינמאָל, ווען איך בין געווען אין אַ זייער ראָמאַנטישער שטימונג — מיר האָבן דאַן אין קלאַס שטודירט שעקספּיר׳ס „ראָמעאָ און דזשוליעט״ — האָב איך אָנגעשריבן אַ גוואַלדאָוונע־ראָמאַנטיש ליבעס־בריוועלע, וואו איך האָב אויסגעגאָסן מיין האַרץ און ליבעס־עקסטאַז. איך האָב ספּעציעל געקויפט אַ שיין שאַכטל שרייב־פּאַפּיר, פון ראָזעווען קאָליר, איבערגעשריבן אין אַ זייער געקינצלטער האַנט־שריפט מיין ליבעס־בריוועלע צו אים און עס אין קלאַס אים איבערגעגעבן.

איז ער אַוודאי געווען אין זיבעטן הימל. ער איז אָבער פון דער נאַטור געווען אַ שטיקל בראַוואַדאָ, אַ באַרימער, און דאָס בריוועלע מיינס האָט נאָך מער צערייצט זיין עגאָ... איז מיר ניט געפעלן עטלעכע באַמערקונגען זיינע, און מיין ליבע צו אים איז מיטאַמאָל אויסגעוועפּט געוואָרן. דערווייל האָט ער אין זיין הויז געמאַכט אַ „פּאַרטי״ און האָט מיך אויך איינגעלאַדן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו קומען... ער האָט געפּרואווט עטלעכע מאָל מיך

בעטן און איך האָב אַלץ ניט געוואָלט. האָט ער מיך געסטראַשעט, אַז אויב איך וועל ניט קומען, וועט ער מיין ליבעס־בריוועלע ניט נאָר לייענען פאַר אַלע היי־סקול סטודענטן און סטודענטקעס ביי זיין „פּאַרטי״, נאָר ער וועט עס אויך ווייזן מיין טאַטע־מאַמע...

אַ פאַרציטערטע בין איך געוואָרן. מיין טאַטע־מאַמע זאָלן ווּסן, אַז איך די נאַאיווע, אומשולדיקע, איידעלע צילי, דערלויב זיך צו שרייבן ליבעס־בריוועלעך צו אַ בחור! מיין מאַמע וועט דאָך מיר איך ווייס ניט וואָס טאָן!

איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט. ער קען דאָך דאָס טאַקע טאָן... וואָס טו איך?! ווי אַזוי היט איך זיך אויס פון אַזאַ בושה און חרפּה? איך האָב זיך אָבער פאָרט ניט געוואָלט אונטערגעבן צו אים. איך האָב זיך פאַרטרויט פאַר מיין בעסטער חבר׳טע, מיין אייביק געטרייע דאָראַ האָרוויץ. מיר האָבן ביידע אָנגעשטרענגט אונזערע „שאַרפע קעפּ״ און נאָך אַ לאַנגן „יישוב הדעת״ האָבן מיר באַשלאָסן, אַז גיין צו דער „פּאַרטי״ מוז איך. אָבער, כדי ער זאָל מיך ניט קענען מער האַלטן אין דער מורא, מוז זי ביי אים דאָס בריוועלע אַרויסקריגן.

ווען ער האָט מיך דערזען אַריינקומען, האָט ער זיך גאָר דערפילט ווי אַ זיגער און עטלעכע מאָל, אויף שטום־לשון, מיר געוויזן דאָס בריוועלע אין זיין בוזעם־קעשענע.

מיין גוטע דאָראַ האָט עס באַמערקט, האָט זי גענומען איינרעדן דעם בחור וואָס האָט נאָך איר „אוכאַזשעוועט״, אַז עס איז זייער הייס אין שטוב, פאַרוואָס טוט ער ניט אויס זיין רעקל? ער האָט איר צוליב געטאָן און פאַרגעלייגט, אַז אַלע בחורים זאָלן אויסטאָן די רעקלעך. זיי האָבן אַלע עס געטאָן. מער האָבן מיר ניט געדאַרפט. מיר האָבן זייער געשיקט דאָס „שרעקלעכע״ בריוועלע אַרויסגעשלעפּט פון זיין רעקל־קעשענע.

אָבער דערמיט האָבן זיך מיינע צרות ניט געענדיקט. אין בריוועלע האָט ער געהאַלטן זיינע פּאָטשט מאַרקעס, אפשר צען שטיק. אויף מאָרגן האָט ער זיך געכאַפּט וואָס אים פעלט, און כאָטש ער האָט ניט געקענט באַווייזן, אַז איך האָב דאָס בריוועלע גע׳גנב׳עט, האָט ער מיר געלאָזט ווּסן, אַז ער וועט גיין צו מיין טאַטן און אים זאָגן, אַז איך האָב ביי אים אַרויס־גע׳גנב׳עט אַן אוצר מיט מאַרקעס.

געזען, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַן עק. האָב איך זיך איינגעשטעלט און עס דערציילט פּאַפּאַ פיינמאַן. פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע זאָל עס חלילה ניט ווּסן. ווען פיינמאַן האָט איבערגעלייענט דאָס „שרעקלעכע״ בריוול, האָט ער זייער שטאַרק געלאַכט און מיר געזאָגט: „זאָרג זיך ניט, ציליקו. אויב ער וועט קומען צו מיר וועל איך אים אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ.

גוט האָסטו געטאָן. זאָלסט אַזוי קענען לערנען בלק מיט אַלע דיינע חוצ־פּה׳דיקע ליבהאָבער..."

אָבער צו דעם בחור׳ס קרעדיט מוז איך צוגעבן, אַז ער איז ניט גע־קומען. הפּנים, ער האָט מיר נאָר געסטראַשעט, זיך בלויז געררייצט מיט מיר...

פון די, אַזוי גערופענע, פעטע יאָרן אונזערע פון יענער צייט, האָב איך דורכגעלאָזן מיין זיידנס קומען קיין אַמעריקע. איר זייט שוין באַקאַנט מיט מיין זיידן, ר׳ יוסף חיים שטעטין, מיין מאַמעס טאַטע, פון די גאָר ערשטע קאַפּיטלען מיינע. איר האָט שוין אפילו געזען אַ בילד פון אים. געדענקט איר נאָך מסתמא ווי ער זעט אויס. איר געדענקט אַוודאי אויך, אַז ווען אַדלער האָט אים געוואָלט געבן אַ „דזשאָב" אין זיין טעאַטער, האָט ער זייער נאַאיוו געזאָגט, אַז „שטיין און מאַכן מיטן שטעקעלע צו די קלעזמער", זעט אים אויס צו זיין אַ גרינגע מלאכה...

און כאָטש מיין זיידנס קומען קיין אַמעריקע האָט ניט געהאַט קיין שום דירעקטע ווירקונג אויף מיין לעבן, דוכט מיר, אַז איך וואָלט באַגאַנגען אַ זינד קעגן אייך, און אפשר קעגן טעאַטער, ווען איך זאָל ניט פאַרצייכנען אַן אויסטערלישן עפּיזאָד פון מיין זיידן מיט טעאַטער שפּילן.

שטעלט אייך פאָר, ווען איך זאָל אייך זאָגן, אַז מיין נאַאיווער, פרומער זיידע האָט ניט וויסנדיק געשפּילט טעאַטער! ער האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז ער איז אויף דער בינע פאַר אַן עולם פון הונדערטער מענטשן. ער האָט געקראָגן אַזאַ שטורמישע אָוואַציע, אַז דער גרעסטער „סטאַר" קריגט עס זעלטן, כאָטש דאָס האָט ער אויך ניט געוואוסט. קלינגט עס דאָך אַוודאי ווי אַ רעטעניש... איז טאַקע דערפאַר מוז איך עס אייך דערציילן.

מיין זיידנס פּרנסה אין לאָנדאָן מיט די לאָטעריי צעטלעך איז ניט גע־גאַנגען צו גוט. האָט מיין מאַמע גע׳פּועל׳ט ער זאָל קומען קיין אַמעריקע, דערווייל אַליין. אויב ס׳וועט אים געפעלן, וועט מען אַריבערנעמען דאָס ווייב מיט די קינדער אויך. ער איז געקומען, געוואוינט מיט אונז אין אונזער שיינער דירה אויף גרענד סטריט. אונזער פייגע האָט נעבעך פון אים גע־האַט אַ סך צרות. ער פלעגט זיך מישן אין קיך — כדי אָפּצוהיטן כשרות. כאָטש זי איז געווען שטרענג אין אָפּהיטן אַז אַלץ זאָל זיין כשר, האָט ער אַלץ ניט איינגאַנצן איר געטרויט.

זיין פּרנסה האָט ער געבראַכט מיט זיך. איז עס אים אין אָנהויב ניט

אַזוי גוט געגאַנגען. אָבער גאָר גיך איז ער באַוואוסט געוואָרן צווישן די אַק־טיאָרן אין אַלע טעאַטערס, אויך צווישן די אַנדערע טעאַטער־אָנגעשטעלטע. אַלע האָבן אים גערן געהאַט. האָט ער ביסלעכווייז זיי אַלעמען געמאַכט פאַר שטענדיקע קונים אויף זיינע „צעטלעך". מיט דער צייט האָט ער מיט מיין מאַמעס הילף טאַקע אַריבערגענומען זיין משפחה, און זיך דאָ באַזעצט.

זיין פרנסה האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָפטן אַריינגייער אין אַלע טעַ־אַטערס, ניט אַלס צוקוקער — דאָס האָט אים קיינמאָל ניט אינטערעסירט. ער פלעגט קומען גלייך אויף דער בינע, אויפמאָנען פון די אַקטיאָרן און בינע אַרבעטער פאַר די „צעטלעך", וואָס ער פלעגט זיי פאַרקויפן אויף אויסצאָלן. פלעגט ער פראַנק און פריי אַרומשפאַצירן הינטער די קוליסן, און אין די גאַרדעראָבעס. פלעגט זיך טרעפן, אַז ווען ער האָט געדאַרפט אַריבער־גיין פון איין זייט בינע צו דער צווייטער, פלעגט ער ניט וויסנדיק דורכגיין דורך דער אָפענער בינע אינמיטן שפילן.

דער אויסטערלישער עפיזאָד מיט מיין זיידנס „שפילן" האָט פאַסירט מיט און דורך דעם באַרימטן קאָמיקער בערל בערנשטיין.

איך בין זיכער, אַז אַ סך פון אייך געדענקען נאָך זייער גוט דעם קוועק־זילבערדיקן, חנ'עווידיקן בערל בערנשטיין, פון די יאָרן וואָס ער האָט געגלאַנצט אין אידישן טעאַטער. טאַקע מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע אין די שפּעטע אַכציקער יאָרן פון פאָ־ריקן יאָרהונדערט. ער איז גאָר גיך געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט ביים טעאַטער־עולם. בערנשטיין איז ניט געווען קיין כאַראַקטער־מאָלער; ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער בורלעסק־קאָמיקער, אַ זייער געשיקטער טענצער. ניט נאָר איז דער טאַנץ־ריטם ביי אים געלעגן אין די פיס, ער פלעגט גאָר אָפט טאַנצן נאָך דעם טאַקט פון דער מוזיק, מיט אַ באַק, אָדער מיטן צוגעקלעפטן בערדל.

אין יענע יאָרן, ווען דער סאָרט קאָמיזם איז געווען זייער אָנגענומען ביי די גרויסע מאַסן טעאַטער גייער, איז בערל בערנשטיין געווען פאַררעכנט פאַרן צווייטן גרעסטן קאָמיקער, נאָך דעם געניאַלן זיגמונד מאָגולעסקאָ. ווען גאָרדין, ליבין און קאָברין האָבן געבראַכט צום אידישן טעאַטער דאָס וואָס מען רופט כאַראַקטער קאָמישע ראָלן, זיינען בערנשטיינס אַקציעס אַביסל געפאַלן. ס'איז אים אפילו יאָ געלונגען פון צייט צו צייט אַ שיין צו טאָן אין אַ כאַראַקטער ראָלע. אַזוי, למשל, האָט ער געשאַפן און זיך באַרימט געמאַכט, אין דער ראָלע פון שמאי אין גאָרדינ'ס „דער אידישער קעניג ליר", וואָס ער האָט געשפילט מיט מיין טאַטן.

דער עפיזאָד מיט מיין זיידן איז געשען אַרום 1913. דעיווויד קעסלער

האָט דאַן אין זיין סעקאָנד עווענין טעאַטער אויפגעפירט אַ נייע פּיעסע פון ז. ליבין, אונטערן נאָמען „דער אייביקער מענטש", מיט קעסלער'ן אין דער טיטל־ראָלע. בערנשטיין האָט אין דער פּיעסע געהאַט צו שפּילן אַ כאַראַקטער קאָמישע ראָלע, פון די סאָרטן ווייכע, נאַאיווע, רחמנות'דיקע מענטשעלעך, וואָס ליבין פלעגט אַזוי טרעפלעך אַרויסברבענגען.

כאַראַקטער שוישפּילער, בכלל, און ספּעציעל קאָמיקער ווען זיי זיינען „טראַגעדיק" מיט אַ נייער ראָלע זוכן זיי און נישטערן עפּעס אַ „טיפּ", וואָס פּאַסט זיך צום כאַראַקטער, וואָס זיי דאַרפן פאָרשטעלן. איר קענט אָפט לייענען אין די באַשרייבונגען וועגן באַרימטע כאַראַקטער ראָלן פון באַוואוס־טע גרויסע שוישפּילער ווי אַזוי זיי האָבן אַרומגעזוכט אין די אָדער יענע גאַסן ביז זיי איז געלונגען צו פּאַקן דעם „טיפּ", וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַר דער באַטרעפנדער ראָלע.

האָט בערנשטיין געזוכט אַ „טיפּ" פאַר יענער ראָלע אין ליבינ'ס פּיעסע. זיצט ער זיך אַזוי אין גאַרדעראָב, ביי זיין שפּיגל און גרימיר־טישל און ברעכט זיך דעם מוח וואָס פאַר אַ גרים צו מאַכן. ערשט ס'קומט אַריין דער זיידע, זוכנדיק איינעם פון זיינע קונים ביי וועמען ער דאַרף אָפּנעמען געלט פאַר אַ „צעטל". בערנשטיינ'ס אויגן האָבן אין שפּיגל אויפגעלויכטן. אָט איז דאָך דער טיפּ. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו מיין זיידן וועמען ער האָט גוט געקענט, זיך מיט אים גאָר וואַרעם באַגריסט, מיט אים פאַרפירט אַ שטיקל געשפּרעך, און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין זיין פּנים, גרינטלעך באַטראַכט דאָס חנ'עוודיקע בערדעלע, די קנייטשן, די נאָז, די אויגן, די ברעמען, דעם שטערן — נאָכגעפאָלגט מיין זיידנס גרימאַסן, באַוועגונגען און אָנטועכץ — אַלץ, אַלץ.

ווען ער איז צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פאַרטיק געוואָרן מיט זיין גרים און אָנטועכץ, האָט ער אויסגעקוקט מער ר' יוסף חיים, ווי מיין זיידע אַליין. אַלע אַקטיאָרן האָבן אים גלייך דערקענט. ניט מער וואָס ער איז געווען אפשר מיט אַ קאָפּ העכער ווי מיין זיידע. בערנשטיין האָט געהאַט זייער לאַנגע פּיס.

אגב, וועגן זיינע פּיס פלעגן צווישן עולם אַרומגיין אַלערליי לע־גענדעס און מעשיות. מ'פלעגט זאָגן, אַז בערנשטיין קען מיט זיינע פּיס טאָן וואָס ער וויל. וויל ער מאַכט ער זיי לאַנג; וויל ער מאַכט ער זיי קורץ — ער דאַרף נאָר וועלן. מיין זיידע פלעגט גיין מיט דריבנע, שנעלע טריטעלעך. און ווען בערנשטיין האָט מיט זיינע לאַנגע פּיס נאָכגעמאַכט מיין זיידנס „גענגעלע", האָט עס אויסגעקוקט זייער קאָמיש, און ביים עולם אַרויסגע־רופן אַ סך געלעכטער.

איז אָט האַלטן מיר ביי דער דריטער פאָרשטעלונג, שבת נאַכט. ס׳איז אַ געפּאַקטער טעאַטער. בערנשטיין איז אַליין אויף דער בינע, ער זינגט זיין „קופּלעט״, וואָס איז געוואָרן אַ פעסטגעשטעלטער טעאַטער געזעץ אין אַ קאָמיקערס ראָלע. ער ענדיקט, פאַרשטייט זיך, מיט אַ טענצל, וואָס איז שוין אויך געווען אַ „מוז״ אין אידישן טעאַטער.

בערנשטיין, ווי געזאָגט, איז געווען אַ זייער געשיקטער טענצער, און אין דער ראָלע האָט ער אין זיין טענצל אויך נאָכקאָפּירט מיין זיידנס דריבנע טריטעלעך... ווען ער האָט געענדיקט זיין קופּלעט און אַראָפּגעטאַנצט פון דער בינע, האָט דער עולם שטאַרק געקלאַפּט. איז דאָס אויך אַ שטענדיקע פּראָצעדור אין אידישן טעאַטער — דער עולם קלאַפּט, דער קאָמיקער קומט צוריק אַרויף טאַנצנדיק, זינגט ער נאָך אַ פערז און טאַנצט ווידער אָפּ. דער עולם אַפּלאָדירט ווידער. טאַנצט דער קאָמיקער ווידער אַרויף אויף דער בינע, זינגט דעם „רעפריין״, גייט ווידער אַריין אין דער טאַנץ רוטין און טאַנצט ווידער אַרויס. איר ווייסט עס שוין מסתמא אַלע. דאָס איז די טעאַטער רוטין שוין פאַר צענדליקער יאָרן.

ווען בערנשטיין האָט יענעם אָוונט שוין צום דריטן אָדער פערטן מאָל אַראָפּגעטענצלט פון דער בינע מיט מיין זיידנס דריבנע טריטעלעך, איז פונקט פון דער צווייטער זייט בינע, כמעט אין דער זעלבער סעקונדע, מיין זיידע מיט זיין דריבנעם גענגעלע דורכגעגאַנגען די בינע, ניט וויסנדיק, פאַרשטייט זיך, אַז ער גייט אויף אַן אָפענער בינע. דער עולם איז געוואָרן פאַרגאַפט. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז ווידער בערנשטיין. אַי ער איז דאָך אין דער סעקונדע אַוועק אין דער צווייטער זייט? איז ער דאָך דערפאַר בערנשטיין. אַי ער איז דאָך מיט אַ קאָפּ קלענער? ווייסן דאָך אָבער אַ סך פון עולם, אַז ער קען מיט זיינע פיס טאָן וואָס נאָר ער וויל...

בקיצור, ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ דונערנדיקער אַפּלאָדז. דער עולם האָט ממש געשטורעמט דעם טעאַטער. בערנשטיין האָט געזען מיין זיידן דורכגיין די אָפענע בינע, און הערנדיק דעם שטורעם, האָט ער תיכף פאַרשטאַנען דעם עור־למ׳ס געדאַנקען... האָט ער זייער קלוג אויסגענוצט דעם צופאַל. ער איז צוריק טאַנצנדיק דריבנינקע אַרויף אויף דער בינע, פאַרשטייט זיך אין זיין אייגענער פולער הויך. דער עולם האָט נאָך ווילדער אַפּלאָדירט. ער האָט אָפּגעטאַנצט אין דער זייט וואוהין דער זיידע איז אַרויס. דאָרט האָט קעסלער, וועלכער האָט אויך געזען דעם אינצידענט אומישנע מיין זיידן פאַרהאַלטן. ווען בערנשטיין האָט געזען אַז ער איז נאָך דאָ, האָט ער אים תיכף געזאָגט אַז אויף יענער זייט בינע וויל אים עמיצער זען און אים געוויזן די טיר צו דער בינע. און מיין זיידע האָט ווידער דריבנינקע דורכגעשפּאַנט די אָפענע בינע.

פון די אַפּלאָדיסמענטן, דאָס קלאַפּן מיט די פיס, דאָס פייפן און געשרייען, זיינען שיר די ווענט איינגעפאַלן. און פונקט אין דער רגע, ווען מיין זיידע איז אַראָפּ פון דער בינע אויף יענער זייט, האָט בערנשטיין ווידער זיך באַוויזן מיט דריבנע טריטעלעך, אין זיין אויסגעצויגענער הויך, אויף דער זייט... דער עולם האָט די רעטעניש קיינמאָל ניט געקענט אויסטייטשן. און די לעגענדעס וועגן בערנשטיינ׳ס לאַנגע פיס האָבן זיך נאָך מער פאַרשפּרייט.

אָט אַזוי ווי איר זעט, האָט מיין פרומער, נאַאיווער זיידע, ר׳ יוסף חיים שטעטין, ניט ווילנדיק „געשפּילט״ אַ ראָלע, ניט ווילנדיק געקראָגן אַ שטורעמדיקע אָוואַציע — ניט ווילנדיק אפילו, אַז ער איז געווען אויף דער אָפענער בינע פאַר הונדערטער, הונדערטער מענטשן... פאַרטיפט אין זיינע חשבונות מיט די צעטלען, האָט ער גאָרניט געהערט אין ניט באַגריפן וואָס עס טוט זיך אַרום אים...

בערנשטיינ׳ען איז אפילו איינגעפאַלן, אַז קעסלער זאָל איינרעדן מיין זיידן צו קומען אין טעאַטער שטענדיק ווען מ׳שפּילט די פּיעסע. אָבער סיי קעסלער, סיי בערנשטיין אַליין, האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן עס בשום אופן ביי מיין זיידן ניט פועל׳ן, האָט זיך בערנשטיין געמוזט באַנוגנען מיט זיין אויסטערלישער „פאַרשטעלונג״ און „לעגענדאַרישן״ ערפאָלג פון יענעם איינציקן אויפדערנאַכט...

מיין זיידע איז אויך יענעם אָוונט אַוועק אַהיים אַ גליקלעכער. ס׳האָט, אָבער, גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט זיין וואונדערלעכן „שפּילן״, אָדער מיט דער שטורמדיקער אָוואַציע וואָס דער עולם האָט אים געגעבן. ער איז ממש געווען אויסער זיך פון גליק וואָס קעסלער און בערנשטיין האָבן יענעם אָוונט ביי אים פּלוצלונג געקויפט צו דריי „צעטלעך״, און אים באַצאָלט אין מזומן. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פאַרוואָס...

איך וויל דאָ פאַרענדיקן די עפּיזאָדן פון מיין זיידן, דעם כשר׳ן, נאַאיוון, פרומען ר׳ יוסף חיים שטעטין, ע״ה, און אין זיין אָנדענק פאַרצייכנען זיינע אַ ווענדונג צו מיר, אפשר אַ יאָר אָדער צוויי פאַר זיין טויט.

מיין מאַמע האָט דאַן געשפּילט אין לאָנדאָן, פיינמאַן איז שוין עטלעכע יאָר געווען טויט. איך בין שוין געווען די שוישפּילערין צילי אַדלער. איז מיין זיידע איינמאָל געקומען צו מיר און זיך געווענדעט צו מיר מיט די ווערטער: „צירעלע טייערע, באָרג מיר, איך בעט דיך, צוואַנציק דאָלער. איך וועל זיי דיר קיינמאָל ניט אָפּגעבן, אָבער איך וועל פאַר דיר גאָט בעטן״...

זיין בקשה האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט ניט

געזאָגט גיב מיר, איך בעט דיך, נאָר „באָרג מיר״... ער איז געווען זיכער, אַז ער צאָלט מיר אָפּ מיטן בעסטן וואָס ער קען — מיט בעטן גאָט פאַר מיר.

ווען איך האָב אים מיט אַ קוש אויף זיין גוטמוטיקן פנים אַרייגעלייגט אין האַנט צוויי צוואַנציקער, האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן: — „ביזט אַ וואויל כשר קינד, צירעלע... האָסט די ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פון דיין באָבען, צירעלע די צנועה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן...״ און שטיל שוועבנדיק איז ער אַרויסגעגאַנגען...

זאָל ער אויך האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן...

נאָך עטלעכע יאָר וואַנדערן איבער די פּראָווינץ שטעט אין אַמעריקע און קענעדע, מיט זייער מאָגערע רעזולטאַטן און גאָר אַ סך פאַרדרוס און האַרצוויייטיק, איז עס פיינמאַנ׳ען שטאַרק נמאס געוואָרן. די סטאַבילע, איינגעפונדעוועטע טעאַטער־פירמעס אין ניו יאָרק האָבן קיין פּלאַץ ניט געהאַט פאַר אַזאַ שוישפּילער פאָרפאָלק, ווי זיגמונד און דיינע פיינמאַן.

פאַר פיינמאַנ׳ען ווידער, צו עפענען אַליין אַ נייעם טעאַטער געשעפט, אין קאָנקורענץ צו די שוין שטאַרק אַנערקענטע און פּאָפּולערע „סטאַרס״, איז געווען צו ריזיקאַליש. דאָס האָט באַוויזן דער פּרוואו פון די דריי היפּש אַנערקענטע און באַרימטע שוישפּילער: סאָפיע קאַרפּ, בערל בערנשטיין און מאָריס פינקעל. מיט דער הילף פון דעם טעאַטער אונטערנעמער לואיס גאָטליב, האָבן זיי אויפגעבויט דעם פּרעכטיקן גרענד טעאַטער, אין סאַמע האַרץ פון דאַמאָלסטיקן אידישן ניו יאָרק. דאָס איז געווען דער ערשטער טעאַטער בנין אין אַמעריקע, וואָס איז געבויט געוואָרן ספּעציעל פאַר אידיש טעאַטער. אָבער אפילו די אַטראַקציע פון נייעם טעאַטער האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן זיך קוים איבערגעמוטשעט דעם ערשטן סעזאָן, און געמוזט אויפגעבן. דאָס האָט שוין ממילא אָנגעשראָקן אַנדערע אונטערנעמערס.

פיינמאַן האָט פאַר זיך ניט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו פּרובירן זיין מזל אין אייראָפּע. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָבן ער און די מאַמע באַשלאָסן, אַז פיינמאַן זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן. ער זאָל דערווייל פאָרן אַליין און זען וואָס עס קענען זיין די אויסזיכטן זיך דאָרט צו עטאַבלירן.

אין יענער צייט איז שוין דער אידישער טעאַטער אין לאָנדאָן אַרויס פון די הינטער־שטיבלעך אין ביר־סאַלונס, און להבדיל, פון די קלוב זאַלן. דער פּאַוויליאָן טעאַטער, אַ זייער שיינער און באַקוועמער טעאַטער, איינ׳ם

אַריסטאָקראַטישן טייל פון ווייטשעפּל, וואָס איז פאַר יאָרן געווען אַן ענגלישער טעאַטער, איז איבערגענומען געוואָרן פון אידישע טעאַטער אונטערנעמער. דאָרט האָט דאַן געשפּילט אַ טרופּע מיט דעם פיינעם, קרעפטיקן אַקטיאָר טשאַרלס נאַטאַנזאָן בראש.

פיינמאַן איז דאָרט אויפגעטראָטן אַלס גאַסט־אַקטיאָר אין עטלעכע פאַר־שטעלונגען. דער לאָנדאָנער אידישער טעאַטער־עולם האָט אים אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. די אייגנטימער האָבן אים פאַרהאַלטן ביזן סוף סעזאָן. ער איז געוואָרן שטאַרק באַליבט אין לאָנדאָן. מיר האָבן פון אים באַקומען באַגייסטערטע בריף און וועכנטליך געלט. די באַלעבאַטים האָבן אים פאַר־געלייגט, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס טעאַטער אויף דעם קומענדיקן סעזאָן. ער האָט מיט זיי געשלאָסן אַן אָפּמאַך. ער איז געווען זייער גליקלעך און צופרידן.

מיר זיינען אויפן זומער אַלע אַוועקגעפאָרן אין די בערג און זיך גע־לאָזט וואוילגיין אין אַ פיינעם האָטעל אין מאָונטענדעיל. ס'איז אונז געווען זייער גוט...

פאַר מיר איז יענער זומער גאָר געווען אַ גן־עדן. מיין ערשטער יוגנט־געליבטער, דער לאָא־סטודענט, פיליפּ האאז, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט אויך יענעם זומער פאַרבראַכט אין יענע מקומות. זיין פאַרליבעניש אין מיר האָט אויפסניי אויפגעוואַכט. די נאַטור־שיינקייט פון די באַרימטע קעטסקיל בערג, די פאַר'חלומ'טע לבנה־נעכט, די סודות'דיקע שטילע בערג וואָס טראָגן מיט זיך אַזוי פיל שיינע לעגענ־דעס, זיינען זיכער ווי געוואונטשן פאַר ראָמאַנטישע חלומות... די אַטמאָס־פערע פון „באָרשט סוירקיט" מיט אַלע וואָכעדיקייטן וואָס דער נאָמען טראָגט מיט זיך, האָט נאָך דעמאָלט די קעטסקיל בערג ניט פאַרביליגט... איז טאַקע פיליפּ'ס פאַרליבעניש אין מיר, דורך יענע וואָכן דאָרט געוואָרן זייער, זייער ערנסט...

איז פאַר אונז יענער זומער געווען אַ קורצער. ענדע אויגוסט האָבן מיר שוין געדאַרפט זיך לאָזן אויף דער נסיעה קיין לאָנדאָן. פיינמאַן איז מיט אַ פּאָר וואָכן פריער אַוועקגעפאָרן, כדי צו מאַכן אַלע נויטיקע צוגריי־טונגען פאַרן טעאַטער־סעזאָן, אויך באַזאָרגן אַ פּאַסיקע דירה פאַר אונז. מיין מאַמע, מיין שוועסטערל לילי און איך האָבן זיך געזעצט אויף דער שיף.

ווען איך דורכלאָזן די אַלע צוגרייטונגען אונזערע, די נערוועזע אויפ־רעגונג וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט ערב דער דאָזיקער נסיעה. איך קען אָבער בשום אופן ניט דורכלאָזן דאָס געזעגענען זיך אויף דער שיף...

מיר דוכט זיך, אַז איר וואָלט עס מיר קיינמאָל ניט מוחל געווען. ווייל פּונקט ווי פאַר אונז, וועט דאָס אויך פאַר אייך זיין אַ גרויסע איבערראַשונג.

איז עס אוודאי פאַרשטענדלעך, אַז צו דער שיף איז געקומען מיין פאַרליבטער פיליפּ, אויך מיין בעסטע חבר'טע דאָראַ האַרוויץ. אָבער שטעלט זיך פאָר מיין און אונזער אַלעמענס איבערראַשונג, ווען ס'האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן מיין שוועסטער נוניע און מיין טאַטע יעקב פּ. אַדלער!

נעם איך זיך בשום אופן ניט אונטער צו פאַרטייטשן מיין טאַטנס דער־שיינונג. בפרט, ווען ער האָט דורך דער שעה, אָדער מער וואָס ער איז געווען אויף דער שיף, מיר געשענקט אפשר צוויי מינוט, פאַרן אַראָפּגיין.

איך געדענק, אַז גלייך פון אָנהויב האָבן זיך ביי אונז פאַרמירט דריי באַזונדערע גרופּן. פיליפּ האאז, דאָראַ האַרוויץ, נוניע און איך — איין גרופּע. מיין שוועסטערל לילי, איינע פון אירע בעסטע חבר'טעס, דזשעני גאָלדשטיין, מיט אונזער פייגע'ן — אַ צווייטע גרופּע, און מיין מאַמע מיט מיין טאַטן — אַ דריטע גרופּע. יעדע גרופּע איז געווען פאַרנומען מיט זיך.

וועל איך זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין, פאַרוואָס מיר איז ניט איינגעפאַלן, כאָטש פון וויטן, צו בעאָבאַכטן מיין טאַטן מיט מיין מאַמען... איך זאָל כאָטש מיט עפּעס אייך קענען אָנדייטן וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען ביי יענער אָפּגעזונדערטער, אומדערוואַרטעטער געזעגענונג־באַגעגעניש... הפּנים, אַז איך האָב נאָך דאַמאָלס קיין שום פאַרדאַכט ניט געהאַט, אַז איך וועל שרייבן זכרונות...

סיי־ווי, פיליפּ'ס פאַרליבטע בליקן, זיינע שעמעוודיקע ליבעס־אויסגוסן האָבן מיך געהאַלטן געשפּאַנט... איך האָב קוים באַמערקט ווי אַרום מיין שוועסטערל לילי און איר חבר'טע האָט זיך אַרומגעקליבן אַ היפּשער עולם. די צוויי סטאַר קינדער־ראַליסטקעס פון יענער צייט האָבן, אונטער פייגע'ס דירעקציע, איבערגעזונגען אַלע טעאַטער לידלעך וואָס זיי האָבן געקענט. לילי און דזשעני פלעגן עס טאָן כסדר, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען. האָבן די שיף־פּאַסאַזשירן און געסט געהאַט אַ פרייען קאָנצערט.

איז דאָ טאַקע כדאי צו פאַרצייכנען עפּעס, וואָס וועט אפשר פאַר א סך פון אייך זיין אַ נייס.

איר ווייסט אַלע פון דער פאַרבנרייכער קאַריערע וואָס דזשעני גאָלדשטיין האָט געהאַט אין אונזער טעאַטער. אָבער ווייניק פון אייך ווייסן, אָדער האָבן ווען געזען מיין שוועסטער לילי פיינמאַן אַלס שוישפּילערין. זי איז אין משך פון אַ צענדליק יאָרן געווען איינע פון די פּרעכטיקסטע סוברעטינס וואָס דער אידישער טעאַטער האָט פאַרמאָגט; האָט געהאַט אַן אוצר מיט חן. געווען אַ גראַציעזע טענצערין, זייער פיין געזונגען, בכלל פאַרמאָגט אַלץ וואָס

אַ גוטע סוברעטין דאַרף. זי איז אויך געווען אַ פיינע כאַראַקטער שוי־שפּילערין. אין די יאָרן וואָס זי האָט געשפּילט אין לאָנדאָן, איז זי געוואָרן זייער באַליבט ביי עולם. נאָך איר חתונה מיט לודוויק זאַץ, האָט זי אַ צאָל יאָרן מיט אים געשפּילט אין אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע. ווען זאַץ האָט נאָך אַ שווערן קאַמף ענדלעך געוואונען אַנערקענונג דאָ אין אַמעריקע, איז ער גאָר גיך געוואָרן דער פּאָפּולערסטער און באַרימטסטער סטאַר־קאָמיקער. האָט ער גע׳פּועל׳ט ביי לילי׳ן, אַז זי זאָל אויפגעבן די בינע, און זיך אָפּגעבן מיט דער גאָר־היפּשער קאַריערע פון פרוי און מוטער.

מיר וועט נאָך אויסקומען מער צו שרייבן פון איר און ספּעציעל פון זאַץ׳ן אין דעם טייל פון מיין קאַריערע... אָבער, סיי־ווי, דעמאָלט אויף דער שיף, האָט דאָס קינדער־פּאָרל, לילי און דזשעני, גוואַלדיק אויסגענומען. ווען די צייט איז געקומען פאַר די געסט צו פאַרלאָזן די שיף, זיינען די דריי באַזונדערע גרופּן ווידער זיך צוזאַמענגעקומען.

געדענק איך, אַז מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין טאַטנס אויגן זיינען געווען ווי פאַרוויינט... אויף מיין מאַמען האָב איך גאָרניט באַמערקט. מיר האָבן זיך געגומען געזעגענען. מיין פיליפּ האָט זיך פּלוצלונג שטאַרק צעוויינט. מיין טאַטע האָט לאַנג געהאַלטן מיין מאַמעס האַנט, און זיינע אויגן, פול מיט טרויער, האָבן נאָכאַנאַנד געקוקט אין איר פּנים... ערשט ביי דער לעצטער מינוט האָט ער זיך צעקושט מיט מיר. פיליפּ האָט זיך ווידער צעוויינט.

געדענק איך ווי מיין טאַטע האָט מיר געזאָגט: „זאָרג זיך ניט ציליקו, ער וועט זיך באַרואיקן״... שוין האַלב וועג, איבער דעם אַראָפּגאַנג פון שיף, האָט זיך מיין טאַטע דערמאָנט און אויסגעשריען: „ציליקו, איך האָב גאָר פאַרגעסן, דאָ האָסטו אַ „גוד־באַי״ מתנה״.

ער האָט צו מיר אַ וואָרף געטאָן אַ „ביל״. איך ווייס ניט עד־היום וויפיל עס איז געווען — מיר דוכט זיך אַ צענערל. דעם ביל האָט דער ווינט פאַר־טראָגן; ער איז אַראָפּגעפאַלן אונטן אין וואַסער.

ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך ערשט באַמערקט ווי פאַרטראַכט, טרויעריק און ערנסט די מאַמע זעט אויס. ביים אויספּאַקן זיך אין אונזער קאַיוטע, האָבן זיך פון איר האַרץ אַרויסגעריסן אָפטע זיפצן. איך געדענק אויך, אַז די מאַמע האָט מיך זייער אָפט דערמאָנט איך זאָל ניט פאַרגעסן און שרייבן „דיין טאַטן אָפטע בריוו... ער וועט זיך פרייען מיט זיי... ער וויל דיינע בריוו״...

איך בין, בכלל, ניט קיין גוטע פאָרערקע, אפילו מיט דער באַן; אויף אַ שיף בין איך גאָר קיין מענטש ניט, בפרט דאַן, אויף מיין ערשטער לאַנגער

ים־רייזע. אמת, איך האָב דורכגעמאַכט מיין ערשטע רייזע קיין אַמעריקע אויך אויף אַ שיף, אָבער דאַן, ווי איר געדענקט, בין איך נאָך געווען אין מיין מאַמעס טראַכט. איז מיר יענע ים־רייזע אָנגעקומען זייער גרינג. איצט, אָבער, איז ביים ערשטן שאָקל און וויגן זיך פון דער שיף, האָט מיר דער ים גאָרניט „פּאַליובעט״. פלעג איך מערסטנס ליגן אויסגעצויגן אויף מיין דעק־שטול אַ פּאָר׳חלש׳טע.

מיין שוועסטער לילי, פאַרקערט, איז געווען אַ גאַנצער כוואַט. איר איז דער ים ניט געלעגן אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. זי איז גיך געוואָרן דער ליבלינג פון אַלעמען אויף דער שיף. זי האָט מיט גרויס נייגעריקייט און אַפּעטיט געוואַרט אויף די מאָלצייטן פון וועלכע איך האָב מורא געהאַט אפילו צו טראַכטן...

געדענק איך, ווי ליגנדיק איינמאָל אויף מיין דעק־שטול, דערשלאָגן פון דער באַקאַנטער „ים׳ישער ניט־גוטקייט״, האָב איך געבעטן דעם „סטיוּ־אַרד״ ער זאָל אַזוי גוט זיין און מיר צושיקן מיין שוועסטערל — וועלכע האָט כסדר געשפּילט אויפן דעק ביי פאַרשידענע „דעק״ פאַרוויילונגען. הער איך ווי ער רופט אויס: „מיס לילי, יור קיד סיסטער וואָנטס יו״. ביי אים בין איך געווען איר קליין שוועסטערל, און איך בין מיט גאַנצע 5 יאָר עלטער פון איר...

פונדעסטוועגן קען איך זיך ניט באַקלאָגן, אַז קיינער האָט מיך אויף דער שיף ניט באַמערקט. אויפן דעק־שטול נעבן מיינעם איז געזעסן אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקער יונגערמאַן. פילנדיק ווי איך האָב געפילט, האָב איך זיך כמעט ניט אומגעקוקט אויף אים . . . נאָר איינמאָל, ווען דער ים האָט מיך אַ קאַפּעטשקע צורו געלאָזן, האָב איך באַמערקט דעם אָפענעם בוך וואָס ער האָט געלייענט. ס׳איז געווען אַ שריפט וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען — אַזעלכע מאָדנע אותיות, עטוואָס ענלעך צו אונזער סטענאָגראַפיע... האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס איז. איך האָב אָבער ניט געוואַגט אָנצוהויבן רעדן צו אים. האָבן זיך, הפנים, אונזערע געדאַנקען גראָד צוזאַמענגעטראָפן. ער האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט לייענען, אַ קוק געטאָן אויף מיר, און אַ זאָג געטאָן אין אַ פיינעם ענגליש, מיט אַן עטוואָס אויסלענדישן אַקצענט: מיר דוכט אַז דו פילסט אַביסל בעסער.

איך האָב מיט אַ לייכטן שמייכל עס באַשטעטיקט. מיר האָבן זיך צערעדט. ער איז אַן עגיפּטער, דער בוך וואָס ער לייענט איז אין אַראַביש. ער האָט מיר געוויזן די בוכשטאַבן, געפּרוּווט אויפקלערן זייער באַדייטונג און קלאַנג.

ער איז געווען אַ פיינער אינטעליגענטנער יונגערמאַן. ער האָט זייט דאַן מיט מיר כסדר פאַרבראַכט, מיך מיט גוואַלד געצוואונגען זיך צו לאָזן פירן אויף אַ שפּאַציר אַרום דעק. לויט זיין מיינונג, איז ים־קראַנקייט מער אַן איינרעדעניש, איידער אַ פיזישע קראַנקייט.

אונזער קורצע באַקאַנטשאַפט האָט אַ וואונדערלעכן ראָמאַנטישן סוף, מיט אַן אָריענטאַלישן כאַראַקטער־שטריך... ווען ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט האָט ער מיט אַן ערנסטן בליק געזאָגט אין זיין ספּעציפישן ענגליש:

„אויב דו וועסט ניט געפינען אַ פיינעם אידישן יונגנמאַן, טראַכט פון מיר; דו ביזט אַזאַ פיינע, אַזאַ אינטערעסאַנט מיידל, — איך וואָלט וועלן דיר האָבן פאַר מיין ווייב — אויב דו וועסט ניט געפינען אַ פיינעם אידישן יונגנמאַן. אָט איז מיין אַדרעס, שרייב צו מיר".

ער האָט מיר דערלאַנגט זיין אַדרעס און צוגעגעבן: „איך וועל דיר שיקן געלט פאַר אַ בילעט — דיך ברייגנען צו מיר אַהיים אין עגיפּטן זיך צו באַקענען מיט מיינע עלטערן — געדענק דאָס".

שטעלט זיך פאָר ווען איך זאָל איצט זיין אַ „מרס. אידזשיפּט" — ווי גוט מיר וואָלט געווען...

איך געדענק אויך מיינע אַ באַגעגעניש אויף דער שיף מיט אַן אמת'ער ענגלענדערין, וואָס זיי רופן אַ „קאָקני". ווען זי האָט געהערט אַז מיר פאָרן צו איר, קיין לאָנדאָן, האָט זי זיך צו מיר געווענדעט אין איר עכט־ספּעציפישן לאָנדאָנער אַקצענט מיט אַזאַ פראַזע:

— „ז'לענען יאום?"...

איך האָב בשום אופן ניט פאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. זי האָט איר פראַגע איבערגעזאָגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און יעדעס מאָל אַלץ מער אינטאָנירט, ווי איינער זאָגט: „וואָס קען זיין קלאָרער, פאַרוואָס זאָלסטו עס ניט פאַרשטיין?! מיר האָט עס אַלץ געקלונגען ווי — ז'לענען יאָום. איך האָב עס ניט געקענט צעקייען . . . מיין עגיפּטער איז מיר צוהילף געקומען: זי מיינט צו זאָגן — „איז לאָנדאָן יור האָום?" (צי איז לאָנדאָן מיין היים). די לאָנדאָנער באַדערן זיך ניט מיט דעם „ה" און היטן ניט אָפּ דעם סוף וואָרט.

איך האָב קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיטן לאָנדאָנער קאָקני־אַקצענט.

אפשר איז אונזער געניאַלער שלום עליכם, גאָרניט געווען אַזוי אומגערעכט, ווען ער האָט אין זיין „מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס" באַטיטלט זיין באַשרייבונג פון לאָנדאָן, מיטן שיינעם חנ'עווידיקן קעפּל — „לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו ניט?"...

אין לאָנדאָן האָט אונז פיינמאַן אָפּגעוואַרט, אונז אוועקגעפירט אין דער זייער שיין־צוגעגרייטער היים אין „באָו, מייל ענד״, אַ טייל פון ווייטשעפּל ראָוד. איז אונז אַלעמען די היים געווען זייער צום האַרצן. די געגנט אַרום איז געווען פּראַכטפול.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַ טעאַטער־סעזאָן אין לאָנדאָן. זעט אויס, אַז אונזער „דאָברע״ מזל איז אונז פאַרלאָפן דעם וועג. לאָנדאָן, וואָס איז טרויעריק באַרימט מיט אירע טומאַנען, „פאָגעס״ רופן זיי עס דאָרט, האָט זיך יענעם ווינטער צעלאָזן אָן אַ סוף און אָן אַ גרעניץ. די „פאָגעס״ זיינען געווען די ערגסטע וואָס לאָנדאָנער איינוואוינער האָבן געדענקט פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן. עס איז געווען ממש חושך מצרים . . .

האָט עס, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דעם געשעפטלעכן טייל פון אונזער טעאַטער. זיך אַרויסלאָזן אין די אָוונטן אין אַזעלכע פאָגעס איז געווען פשוט אַ לעבנס־געפאַר.

פיינמאַן האָט ליב געהאַט אַלץ מיט דער ברייטער האַנט. אַזוי אויך אין טעאַטער. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַר פיינע טרופּע, אַפילו געבראַכט עטלעכע שוישפּילער פון אַמעריקע, און זיי געצאָלט גאַר הויכע גאַזשן. מיט די קלעגלעכע איינגאַמעס האָט ער קוים, קוים געדעקט די הוצאות. הקיצור, עס איז ניט געווען פריילעך . . .

ווייסן דאָך אַלע, אַז ווען פּרנסה איז געשלאָגן, איז אויפן האַרצן ניט היימלעך... פאַר מיר, אין דער סאַמע בליענדיקסטער זעכצן־יאָריקער יוגנט מיינער, אָפּגעריסן פון מיינע חבר׳טעס און „באָי־פרענדס״, איז די נעפּלדיקע, חושכ׳דיקע לאָנדאָן גאָר ניט געווען צום האַרצן. דערצו האָט מיין גוטע, געטרייע חבר׳טע, דאָראַ האָראוויץ, אין אירע אָפטע בריוו, באַשריבן מיט אַלע איינצלהייטן זייערע „גוד־טיימס״ און פריילעכע „פּאַרטיס״. זי האָט אין איינעם פון אירע בריוו מיר דערציילט ווי אַזוי מיין טאַטע האָט שטאַרק אויסגערעדט מיין שוועסטער פרענציס׳ן למאי זי גייט צו אָפט מיט פיליפּ׳ן...
„דו טאָרסט עס ניט טאָן, ער באַלאַנגט צו ציליי׳ן״, האָט ער איר גע׳מוסר׳ט.

פיליפּ אַליין האָט אין אָנהויב מיר זייער אָפט געשריבן הייסע ליבעס־בריוו. איך, אָבער, זייענדיק פאַרנומען מיט פּראָבעס, מיט לערנען ראָלן, מיט שפּילן, האָב איך אים ניט אָפט גענוג געשריבן. האָט ער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און גענומען „אויסגיין״ מיט בערנשטיין׳ס טאָכטער. דאָס האָט מיר דאָראַ אויך געשריבן.

אָט די אַלע זאַכן האָבן מיין זיין אין דער פרעמד, אין לאָנדאָן, געמאַכט נאָך שווערער. איך בין געוואָרן מעלאַנכאָליש, ניט געקענט שלאָפן, און דער

דאָקטאָר האָט מיין מאַמען געראָטן מיך נעמען צוריק קיין אַמעריקע ביי דער ערשטער געלעגנהייט. האָב איך אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד אויף דעם סוף פון סעזאָן, ווען איך האָב געהאָפט זיך אומצוקערן קיין ניו יאָרק.

וויל איך דאָ איבערשלאָגן מיינע טרויעריקע זכרונות פון יענער צייט מיט אַ וואונדערלעכן עפּיזאָד, וואָס איז ווערט צו דערציילן.

איך האָב דאָ פריער באַמערקט, אַז פיינמאַן האָט ליב געהאַט אַלץ מיט דער ברייטער האַנט. וועט איר עס בולט אַרויסזען פון דעם עפּיזאָד. איר וועט אויך קלאָר זען זיין עכט־פאָטערלעכע באַציאונג צו מיר.

יענער ווינטער אין לאָנדאָן האָט זיך געשטעלט זייער אַ קאַלטער. איך האָב געדאַרפט אַ ווינטער מאַנטל. די מאַמע איז געווען זייער פאַרנומען צו גיין מיט מיר אין די קראָמען, האָט זי געבעטן פיינמאַנ׳ען צו גיין מיט מיר קויפן דעם מאַנטל. געדענק איך ווי די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט:

„געדענק־זשע, זיגמונד, איך קען דאָך דיר, ביי דיר מוז דאָך אַלץ זיין מיט דער ברייטער האַנט, בעט איך דיך, מער ווי פיר פונט זאָלסטו ניט אויסגעבן. פאַר פיר פונט קען מען קויפן זייער אַ שיינעם מאַנטל״.

פיינמאַן האָט איר צוגעזאָגט — ניט מער ווי פיר פונט.

דאַרף איך אייך דערמאָנען, אַז פיר ענגלישע פונט האָבן באַטראָפן אונזערע צוואַנציק דאָלער אין יענע יאָרן. און צוואַנציק דאָלער איז געווען אַ היפּשער פרייז פאַר אַ מאַנטל, בפרט אין לאָנדאָן.

מיר זיינען אַוועק אין וועסט־ענד, צו „סעלפרידזשעס״, איינער פון די שענסטע און גרעסטע דעפּאַרטמענט סטאָרס אין לאָנדאָן. פיינמאַן האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט דער פאַרקויפערין געבעטן אונז צו ווייזן אַ מאַנטל פאַר פיר פונט. זי האָט געבראַכט עטלעכע. איך מעסט אָן איינעם נאָכן אַנדערן. אָבער פיינמאַנ׳ען געפעלט ניט. ער קוקט אויף מיר אַביסל פאַר־שולדיקט און הייסט ברענגען אַ ביסעלע אַ בעסערן, פאַר פיר און אַ האַלב פונט. ס׳געפעלט אים אַלץ ניט.

און אַזוי איז עס געגאַנגען העכער און העכער. ערשט ווען איך האָב אָנגעמאָסטן אַ מאַנטל פאַר גאַנצע צען פונט, האָט זיך זיין פּנים צעשטראַלט — דאָס איז אים געפעלן — אַ פּרעכטיק־שיינע ענגלישע סחורה, געבעט דורכאויס מיט פוטער, מיט אַ גרויסן פוטערנעם קאָלנער און אַ מופטע מיט אַ היטעלע פון זעלבן פוטער. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן דאָס אָנצוקוקן. אָבער צען פונט! דאָס מיינט גאַנצע פופציק דאָלער! אַוודאי איז עס מיר זייער געפעלן. איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטע פאַרן שפיגל, הנאה געהאַט פון גלעטן דעם פוטער, מיט פאַרגניגן זיך געטוליעט אין דער וואַרעמקייט.

איך האָב אָבער געדענקט דער מאַמעס רייד, און איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט אונזער פינאַנציעלע לאַגע.

זאָג איך אים:

„וואָס טוסטו, פּאַפּאַ, האָסט פאַרגעסן? די מאַמע האָט דאָך דיר אַזוי געבעטן, אַז מער ווי פיר פונט זאָלסטו ניט אויסגעבן. דאָס איז דאָך צען פונט!...״

פיינמאַן קוקט אויף מיר אַ באַגייסטערטער. ער קען זיך זאַט ניט אָנ־שפּיגלען ווי איך זע אויס אַ פאַרפּוצטע אין דעם פּראַכטפולן מאַנטל מיט דער מופטע און היטעלע. אַ צעשמייכלטער זאָגט ער:

„וואָס זשע, ציליקו, ס׳געפעלט דיר ניט?...״

„אָ, פּאַפּאַ, ווי אַזוי קענסטו עס פרעגן? איך האָב זיך קיינמאָל אין חלום ניט פאָרגעשטעלט אַפילו אָנצומעסטן אַזעלכעס. אָבער, פּאַפּאַ, ביי אונזער איצטיקער לאַגע, צען פונט — די מאַמע וועט דאָך זיין אויסער זיך. אפילו פיר פונט איז דאָך פאַר אונז איצט אַן אָנשטרענגונג״.

ער קוועלט נאָך אַלץ, און קוקנדיק אויף מיר זאָגט ער:

„אָבער האָסט דאָך געזען, נאַרעלע, ווי די פיר פונטיקע מאַנטלען זעען אויס... ס׳איז דאָך אַ חלשות זיי אָנצוקוקן. דו ווייסט דען ווי דו זעסט אויס אין דעם פּרעכטיקן קאָסטיום? ס׳האָט דאָך די ווערט כל הגעלטן דיך אָנצוקוקן. איך בין זיך גרייט לאָזן קאָסטן אַ פונט פאַר יעדעס מאָל וואָס איך וועל דיך זען אַ פאַרפּוצטע אין דעם טראַכט. ווייסטו וואָס, ציליקו, מיר וועלן זאָגן דער מאַמען, אַז ס׳קאָסט פיר און אַ האַלב פונט. זי וועט זיך אַביסל בייזערן וואָס איך האָב אויסגעגעבן אַ גאַנצן האַלבן פונט מער וויפל זי האָט גערעכנט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען זי וועט דיך דערזען אַזוי פאַרפּוצט, וועט זי מיר מוחל זיין... דאָס איבריקע לאָז שוין צו מיר... איך וועל שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרווישן דעם דעפיציט פון די פינף און אַ האַלבן פונט״.

ס׳האָט מיר אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. איך האָב געקוקט אויף אים מיט פאַרטרערטע אויגן, ניט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן. ער האָט, הפנים, פון מיינע בליקן אַרויסגעלייענט אַלע מיינע געפילן צו אים, בעסער ווי איך וואָלט זיי מיט ווערטער אויסגעדריקט. ער האָט מיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט. „ס׳וועט זיין אָלרייט, ציליקו, די מאַמע וועט אונז מוחל זיין״.

איך האָב קוים אַרויסגערעדט: „אָ פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, דו ביזט אַזוי גוט צו מיר...״

ווען מיר זיינען אַרויס פון קראָם, האָב איך ממש געשוועבט אין דער לופטן... פיינמאַן האָט נאָר געקוקט אויף מיר און צופרידן געשמייכלט.

קען איך ניט פאַרגעסן די סצענע ווען מיר זיינען אַריין אין טעאַטער. אַלע שוישפּילער ביי פּראָבע האָבן מיך אַרומגערינגלט, געטאַפּט די סחורה, דאָס פוטער, געזאָגט מבינות, זיך ניט געקענט אָפּלויבן. די מאַמע האָט אויף מיר געקוקט מיט גליקלעכע, שטראַלנדיקע אויגן:

איך זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר ווי דאָס פּאַסט דיר... דו קוקסט דאָך אויס — אין באָקינגהעם פּאַלאַץ איז דאָך קיין שענערס ניטאָ".

פיינמאַן איז ממש געווען אין זיבעטן הימל. מיר האָט דאָס האַרץ געשראָקן — וואָס וועט זיין ווען די מאַמע וועט פרעגן וויפיל עס קאָסט . . . איך האָב בלויז געהאָפט, אַז זי וועט די דעליקאַטע פראַגע ניט שטעלן דירעקט צו מיר. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט קענען פועל'ן ביי זיך צו זאָגן דער מאַמען אַ ליגן.

און אָט איז די שווערע מינוט געקומען. אין אַ מאָמענט ווען מיר דריי זיינען געשטאַנען עטוואָס אָפּגערוקט פון די אַנדערע שוישפּילער, האָט די מאַמע, גלעטנדיק דעם פוטערנעם קאָלנער גיך אַ פרעג געטאָן: „וויפל קאָסט עס?..."

שטייענדיק אַזוי נאָענט צו מיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי פרעגט עס מיך. און דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. איך האָב אויף גיך זיך איינ־געוויקלט אין גרויסן פוטערנעם קאָלנער איבער די אויערן און דער נאָז און כמעט אויסגעשריען: „אוי, וועט מיר זיין וואַרעם!"

אָבער סיי־ווי איז פיינמאַן באַלד אַרויס מיט זיין ענטפער:

„דינה'לע, ס'קאָסט כמעט אַזוי פיל וויפל דו האָסט געוואָלט".

„וואָס הייסט ביי דיר כמעט?" האָט די מאַמע שטאַרק געקוועטשט דעם „כמעט".

„בלויז אַ האַלבן פונט מער ווי דו האָסט געוואָלט. ס'קאָסט פיר און אַ האַלב פונט".

איך האָב „מאָדעל"־מעסיק גענומען פאָזירן אין מאַנטל...

„איך האָב, אָבער, געוואוסט, אַז דיר טאָר מען ניט טרויען", האָט די מאַמע זיך מילד געבייזערט... און שוין מיט אַ לייכטן שמייכל צוגעגעבן: „אוי, זיגמונד, דו מיט דיין ברייטער האַנט... איך מוז אָבער מודה זיין: עס האָט די ווערט פיר און אַ האַלב פונט".

איך בין צוגעלאָפן און זי געכאַפּט קושן... זי האָט מיט פריידיקע בליקן געקוקט אויף מיר און געזאָגט: „טראָג עס געזונטערהייט, טאָכטערקע... און זאָל דיין מזל אַזוי שיינען, ווי דו שיינסט אין דעם אויסשטייער".

פיינמאַן האָט מיט אַ זיגערישן שמייכל אַ וואונק געטאָן צו מיר: „נו, ציליקו, איך האָב דיר געזאָגט, אַז די מאַמע וועט מיר מוחל זיין פאַר דעם האַלבן

# די קורצע גליקלעכע צייט ווען איך בין געווען אַ פּיצל קינד

צילי אַלס קינד

צילי אַלס קינד

צילי אין קינדער־וויגעלע

אין מיינע ראָמאַנטישע היי־סקול יאָרן



מיין מאַמע אַרום זעלבן עלטער ווי איך אין מיינע האַי־סקול יאָרן

פאַרפּוצט אין אַ לאָנדאָנער מאַנטל

פונט...״ דאַן, צו דער מאַמען: „זי האָט מיר שיר ניט געלאָזט קויפן דעם מאַנטל צוליב דעם האַלבן פונט — די מאַמע האָט געזאָגט ניט מער ווי פיר פונט...״

איך האָב אים אַרומגעכאַפּט און אים שטאַרק געקושט. איך האָב זייט דאַן יעדן ווינטער, ווען איך פלעג זיך צום ערשטן מאָל פאַרפּוצן אין דעם מאַנטל, דער מאַמען צוגעלייגט אַ פונט צו דעם פּרייז, ביז זי האָט אויסגעפונען דעם אמת׳ן פּרייז... האָט שוין מיין פייגע ביי מיר דעם מאַנטל גע׳ירשנ׳ט...

אָט דער שיינער, וואַרעמער מאַנטל מיינער, מיט די פוטערנע באַפּוצונגען, דערמאָנט מיך אין אַ סצענע פון יענעם ווינטער אין לאָנדאָן, וואָס איך וואָלט זיך געדאַרפט שעמען דאָס אייך צו דערציילן. אָבער אייך וועט אויסקומען אין מיינע באַשרייבונגען צו לייענען אַ סך נאַרישקייטן פון מיר, וועל איך די נאַרישקייט מיינע פון יענעם ווינטער אין לאָנדאָן, פאַר אייך אויך ניט באַהאַלטן. סיי־ווי איז בעסער, אַז איך זאָל אייך מיינע נאַרישקייטן אַליין דערציילן, איידער איר זאָלט זיי הערן פון אַנדערע...

איך האָב שוין פריער דאָ דערמאָנט, אַז יענער ווינטער אין לאָנדאָן האָט זיך געשטעלט זייער אַ קאַלטער. גיי איך אין אַ זייער קאַלטן טאָג אַזאַ, אויפן וועג צום טעאַטער, איינגעוויקלט אין מיין זייער וואַרעמן מאַנטל, מיטן הויכן פוטערנעם קאָלנער איבער די אויערן, מיינע הענט אין דער וואַרעמער מופטע, אויפן קאָפּ דאָס פוטערנע היטעלע. האָט די קעלט צו מיר קיין צוטריט ניט געהאַט.

שטאָלץ גיי איך זיך אַזוי פּאַמעלעך, געלאַסן, און קוועל אָן פון זיך אַליין... שוין נאָענט צום טעאַטער יאָגט מיך אָן, לויפנדיק, אַ כאָריסטקע פון אונזער טרופּע. זי באַגריסט מיך לויפנדיק און טוט אַ זאָג, ציטערנדיק פון קעלט:

„אוי, ס׳אַראַ ביטערע קעלט היינט!״

אין מיין שטאָלצער פּאָזע, גייענדיק מיט געלאַסענע טריט, ווי אויף אַ שפּאַציר, זאָג איך מיט זיכערקייט אין טאָן:

„ס׳איז גאָרניט אַזוי קאַלט. ס׳איז זייער פריש און אַנגענעם״.

זי איז מיך פאַרבייגעלאָפן מורמלנדיק מיט טרייסלענדיקע ציין:

„די קעלט נעמט מיך דורך און דורך״.

ווען איך האָב איר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט אַ לויפנדיקע, האָב איך ערשט דערזען, אַז זי גייט, נעבעך, אין אַ לייכטן פרילינג־מאַנטעלע, און ציטערט ממש מיט יעדן אבר... אין מיין וואַרעמען אָנטועכץ האָב איך זיך דערפילט אַזוי פאַרשעמט, אַזוי פאַרשולדיקט קעגן איר, אַז איך האָב זיך אַזש געוואָלט

אַליין אויספּאַטשן... אַריינגייענדיק אין טעאַטער, האָב איך איר ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן — און יאָרן לאַנג האָט מיך געמוטשעט די דעראינערונג. איך שעם זיך אפילו איצט . . .

ענער סעזאָן אין לאָנדאָן איז באמת געווען דער אָנהויב פון מיין טעאַטער־קאַריערע; מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע אַלס דערוואַקסענע — מיין ערשטער אַריינטריט אין דער טעאַטער רוטין ווי אַן אַקטריסע... איך האָב דערפילט דעם טעם פון זייער אָנגעשטרענגטער, נערוועזער יאָגעניש, אין וועלכער דער טעאַטער צווינגט אייך אַריין — שטודירן, פּראָבירן, און שפּילן נייע ראָלן יעדע וואָך . . .

עס איז אַוודאי זייער גוט, און אפשר אפילו ביז גאָר וויכטיק, פאַר דעם וואָס זוכט אַ טעאַטער קאַריערע, דורכצומאַכן אַ דראַמאַטישע שול. דאָרט לערנט מען די טעכניק פון אַלע קונסט עלעמענטן, וואָס דער שוישפּילער מוז האָבן אין זיין באַגאַזש, צו קענען קינסטלעריש אויספירן זיין באַרוף. אָבער ווי ביי אַלע קונסטן, איז עס בלויז אַ גוטער אָנהויב. צו דעם פאָדערט זיך ערשט אומדערמידלעכע אַרבעט, אַ סך, אַ סך פּראָבעז און, נאָך וויכטיקער, לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון שפּילן און שאַפן פאַרשידנאַרטיקע ראָלן, וואָס מער דערפאַרונג.

איז עס אמת אַז די אידישע בינע קען זיך ניט באַרימען, אַז אַלע די וואָס האָבן געשפּילט טעאַטער ביי אידן, האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ דראַמאַטישע שול, אפילו ניט דער קלענסטער פּראָצענט פון אונז. אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז גאָר אַזאַ סטאַבילע אינסטיטוציע ביי אונז אידן ניטאָ. ס׳איז אָבער אַ באַוואוסטער און פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז ביי אונז אין אַמע־ריקע און, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, אויך אין ענגלאַנד, האָט די גוי׳אישע טעאַטער־וועלט געהאַט גאָר אַ הויכע מיינונג וועגן אונזער טעאַטער און איבערהויפּט שטאַרק געהאַלטן פון אונזערע שוישפּילער.

דאָס איז בלויז דערפאַר וואָס, לויט אונזער טעאַטער־סיסטעם, ווערט אַ טרופּע צוזאַמענגעשטעלט פאַר ווינציקסטן אַ גאַנצן סעזאָן, דאַרף די דאָזיקע טרופּע שפּילן אַלערליי פּיעסן, וואָס דאָס טעאַטער פירט אויף דורך אַ סעזאָן. ביז מיט אַרום צוויי צענדליק יאָר צוריק האָט אַ אידיש טעאַטער געשפּילט פיר אָדער פינף פּיעסן אַ וואָך. אַ טעאַטער סעזאָן האָט דאַן געמיינט אַרום עטלעכע און דרייסיק ביז פערציק וואָכן אין דער היים, דערצו אַרום זעקס אָדער אַכט וואָכן אויף דער פּראָווינץ. אַזוי אַז יעדער שוישפּילער האָט אין לויף פון אַ סעזאָן געשפּילט צענדליקער, צענדליקער פאַרשידענע ראָלן. דאָס

איז בעסער ווי די בעסטע שולע. ענגלישע שוישפּילער לעבן אויס זייערע יאָרן און דערגרייכן ניט די צאָל ראָלן וואָס ס׳פּלעגט אויסקומען אַ אײ־דישן שוישפּילער צו שאַפן אין איין סעזאָן.

אַזאַ סעזאָן, למשל, וועגן וועלכן איך שרייב איצט פון לאָנדאָן, איז פאַר אַ יונגער שוישפּילערין ווי איך געווען אַ גוואַלדיקער קוואַל פון דער־פאַרונג, פון דערגרייכונג. עס קאָסט אַ סך ענערגיע און ניט ווינציק האַרצ־ווייטיק. אָבער אין לעצטן סך־הכל, איז עס אַ גרויסער געווינס.

האָב איך אַוודאי וואָס צו זאָגן און דערציילן פון יענעם סעזאָן. דאָס אָבער באַלאַנגט שוין צום טייל, ווען איך וועל אייך באַשרייבן דעם „גאַנג פון מיין קאַריערע״. איך מוז אָבער דאָ יאָ פאַרצייכנען אַ באַגעגעניש מיינע מיט אַ זייער אויסטערלישער פערזענלעכקייט אין אידישן טעאַטער.

אין אונזער טרופּע אין לאָנדאָן האָט פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענעם אָרט איינע פון די קאָלירפולסטע פערזענלעכקייטן פון יענע יאָרן אויף דער אידישער בינע, פּעני וואַדיאַ עפּשטיין. ראשית האָט זי אַ שייכות מיט מיין מאַמען. זי האָט איר טעאַטער־קאַריערע אָנגעהויבן אַלס כאָריסטקע, אין דער זעלבער גראַדנער טרופּע״, אין דעם הינטערשטיבל פון ביר־סאַלון, אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל, כמעט אין דער זעלבער צייט מיט מיין מאַמען. די 4 יונגע כאָריסטקעלעך פון יענער טרופּע — אַננאַ העלד, דזשעני קייזער, פּעני עפּשטיין, און מיין מאַמע דינה שטעטין — זיינען אַלע געוואָרן באַ־רימטע פערזענלעכקייטן אויף דער אידישער און וועלטלעכער בינע.

דאָס אויסטערלישקייט פון פּעני וואַדיאַ עפּשטיין באַשטייט ניט אַזוי אין איר טעאַטער קאַריערע, ווי דאָס וואָס אין אירע גאָר יונגע יאָרן האָבן איר שיינקייט און חנ׳עוודיקע פערזענלעכקייט זי פאַרוועבט אין אַ ראָמאַנטישער אַוואַנטיורע, וואָס האָט זי אַוועקגעטראָגן אַזש אין ווייטן, ווייטן אָריענט. אַלערליי פאַנטאַסטישע מעשיות און לעגענדעס זיינען אין די אידי־שע טעאַטער קרייזן אַרומגעגאַנגען וועגן אָט דער אָריענטאַלישער אַוואַנטיורע אירער. עס זאָל הייסן, אַז אין איר בליענדיקער יוגנט האָט זי זיך ערגעץ באַ־געגנט מיט דעם „מאַהאַראַדזשאַ וואַדיאַ״ (דער ענגלישער גאָווערנאָר אין באָמבעי, אינדיע). ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר, אַז ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב.

זי האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט נאָכגעגעבן איר פאַרלאַנג און מיט איר חתונה געהאַט לויטן אידישן דין, אין דער „דאָקס פּלייס״ שול אין לאָנדאָן, וואו די גאַס איז געווען באַוואָרפן מיט בלומען פון זייער קאַרעטע ביז אין שול אריין. ער האָט זי גענומען צו זיך אין פּאַלאַץ אין באָמבעי. ווי זי האָט מיר ווייטער דערציילט, האָט דער פירשט וואַדיא זי באַוואָרנט

מיט אַ סאָרט „טראַסט פאָנד״ פון דריי טויזנט ענגלישע פונט יערלעך אויף איר גאַנצן לעבן. זי האָט אָבער דעם „פאָנד״ פאַרקויפט פאַר מזומן, צעטיילט אַ סך צווישן פריינט און חברים, אַ סך פאַרלוירן אין אַ געשעפט פון דאַמען־קליידער — און איז דורך זיגמונד פיינמאַן צוריקגעקומען צו דער אידישער בינע.

דאָס מערקווירדיקסטע פון איר קאַריערע און פערזענלעכקייט: זי האָט ניט געקענט לייענען, ניט שרייבן אין קיין שום שפּראַך. זי האָט אָבער פּערפעקט און חנ׳עווריק גערעדט עטלעכע שפּראַכן, געשפּילט וויכטיקע, גרויסע הויפּט־ראָלן, און אפילו אַליין אויפגעפירט פּיעסן. איינמאָל אויסהערן אַ פּיעסע איז פאַר איר געווען גענוג אויפצוכאַפּן די אידעע, זען פאַר זיך די גאַנצע סביבה און קענען דאָס שטיק רעזשיסירן. אַ פּאָר מאָל הערן איר ראָלע איז געווען גענוג פאַר איר זי זאָל קענען און באַלעבן דעם כאַראַקטער מיט אַלע ניואַנסן.

זי האָט געציילט צווישן אירע פאַרערער די סאַמע אָנגעזעענסטע לי־טעראַטן און דיכטער. איר היים איז געווען ווי אַ „חסידים שטיבל״ פאַר אַרטיסטן, קולטור־טרעגער און שרייבער. דאָך האָט זי אַליין זיך געפילט עלנט און איינזאַם . . . אין מינוטן פון שטילן אייגענעם חשבון הנפש האָט זי זייער אָפט געוויינט...

מוז איך דאָ פאַרצייכנען כאָטש אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם וואָס איז וועגן איר געשריבן געוואָרן.

שרייבט, למשל, דוד פרישמאַן:

„זי איז אפשר געווען דער אינטערעסאַנטסטער מענטש, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט צווישן אידישע שוישפּילער . . . ווי באַדייטנד זי איז געווען אַלס אַקטריסע, איז זי אַלס מענטש, אַלס פּראַכט עקזעמפּליאַר פון די מענטשן, געווען טויזנט מאָל מער באַדייטנד״...

שרייבט נח פּרילוצקי: — „די ערשטע דאַמע אויף דער אידישער בינע אין פּוילן און רוסלאַנד, וואָס קען כאַראַקטעריזירט ווערן מיטן נאָמען „פּאַני״... אַ צאַרטע ווייבלעכע ווייכקייט און גראַציע אין יעדער באַוועגונג, אַ ווייס איידל באַוועגלעך פּנים, מיט אַ פּאָר גרויסע, טיפע אויגן, וואָס באַלייכטן דאָס גאַנצע געזיכט... אַ זודיקער טעמפּעראַמענט, וואָס פליצט פון די טיפסטע ווינקעלעך פון איר פרויען־האַרץ. ווען זי שטרעקט אויס אירע הענט, אין געבעט אָדער טרויער, דערמאָנט זייער גראַציע אין דער באַרימטער איזאַדאָראַ דאַנקאַן״ . . .

מיין ערשטער מאַן, לאַזאַר פריד, האָט זיך באַקענט מיט איר אין וואַרשע. ער האָט מיר דערציילט וועגן איר טראַגישער ענדע דאָרט. דעם 3־טן פעברואַר,

1913, קוים אין איר פינף־און־פערציקסטן יאָר, איז זי געשטאָרבן אין אַ קעלער שטיבל, ביי אירן אַן אָרעמן פעטער...

איך מוז דאָ אייך אויך ברענגען צוויי קאָמישע בינע עפּיזאָדן. מיין ערשטע דערפאַרונג מיט ניט־פאָראויסגעזעענע צופאַלן אויף דער בינע, וועלכע שוישפּילער דאַרפן פאַרשטעלן פאַרן עולם, כדי ס׳זאָל פון דער פאָרשטעלונג ניט ווערן קיין חוזק.

צום סוף פון יענעם שלים־מזל׳דיקן סעזאָן אין לאָנדאָן איז פיינמאַן אַליין אַוועק אויף גאַסטראָלן קיין גאַליציע, פּוילן און ליטע, כדי צו פאַרדינען אַביסל געלט... די מאַמע, לילי און איך, מיט אַ טייל פון דער טרופּע, זיינען אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אַרויסגעפאָרן איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, אויך מיטן זעלבן צוועק. געדענק איך ניט ווי דערפאָלגרייך פיינ־מאַנ׳ס גאַסטראָלן זיינען געווען; מיר, אָבער, האָבן גאָר ניט גוט געטראָפן...

שפּילן מיר אין איינער פון די שטעט, דוכט מיר ליווערפּול אָדער לידס, אַן אָפּערעטע „די נאַכטיגאַל פון ירושלים״, פון ז. פיינמאַן. די פּרימאַדאָנע האָט אַ גוואַלדיק דראַמאַטישע געזאַנג־סצענע אין 3־טן אַקט. זי האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט און דאָס פאָלק איז מורא׳דיק צאָרנדיק קעגן איר און וויל זי אַרויסטרייבן פון לאַנד, און זי בעט זיך מ׳זאָל אויף איר רחמנות האָבן — אַלץ דורך געזאַנג, פאַרשטייט זיך.

דאָס פאָלק, דאָס איז דער כאָר. איז אַלץ גוט און וואויל, ווען דער כאָר זינגט. אָבער ביי אונזערע ביטערע געשעפטן, האָבן מיר געהאַט סטאַטיסטן ניט אידישע פון שטאָט. אָבער זיי זינגען ניט. די טרופּע איז פון געציילטע, די סאַמע נויטיקסטע מענטשן... איז אָט קומט די זאָגענאַנטע סצענע, ווען דאָס פאָלק — דער כאָר, הייסט עס, דאַרף שרייען זינגענדיק — „אַרויס! אַרויס! טרייבט זי זאָפאָרט אַרויס!״ און זי נעבעך, די פאַרזינדיקטע, דאַרף דראַמאַטיש סאָפּראַנעווען — „אוי, האָט רחמנות, טרייבט מיך ניט, וואוהין זאָל איך גיין?...״ דאָס דאַרף זיך איבער׳חזר׳ן עטלעכע מאָל, ביז די פאַרזינדיקטע פאַלט אַוועק און דער פאָרהאַנג פאַלט מיט אַ „דאָנער אַפּלאָוז״.

שטייט זי, נעבעך, די פּרימאַדאָנע, הייסט עס, גרייט צו פּרימאַדאָנעווען. אָבער דער כאָר, ניטאָ קיין כאָר... אָן דעם האָט מען פאַרגעסן... זי מוז דאָך אָבער שליסן דעם אַקט... האָט זי זייער גיך געפונען אַ מיטל — זיך שנעל אַ דריי געטאָן מיט דער פּלייצע צום עולם און אויף די העכסטע טענער אַליין געזונגען דעם כאָרס געזאַנג — „אַרויס! אַרויס! טרייבט זי זאָ־פאָרט אַרויס!״... און תיכף זיך שנעל אויסגעדרייט צוריק צום עולם און

מיט אויסגעשטרעקטע הענט געזונגען שטיל־ווײנענדיק איר אייגענעם געזאַנג: „אוי, האָט רחמנות, טרייבט מיך ניט . . . וואוהין זאָל איך גיין?" . . . און ווידער זיך אַוועקגעדרייט, געזונגען פאַרן כאָר, און ווידער צוריק. אַזוי עטלעכע מאָל, זייער שנעל, זייער שנעל, ביז זי איז ענדלעך אַוועקגעפאַלן, טאַקע באמת אָן כחות...

דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, דער אַפּלאָדיסמענט, דער אַפּלאָוז איז געקומען, דער שלוס־אַקט איז געווען געראַטעוועט. מיר האָט די סצענע אויסגעזען אַזוי קאָמיש, אַז איך קען איר ניט פאַרגעסן... מיט אַביסל פאַנטאַזיע, קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי קאָמיש דאָס האָט אויסגעזען...

אין דעם צווייטן עפּיזאָד שפּיל איך שוין אַליין די הויפּט־ראָלע.

ביז מיר האָבן זיך אויף אונזער טרויעריקן טור דערשלעפּט קיין גלאַזגאָו, זײַנען מיר געווען אָן אַ גראָשן געלט. נאָך דער לעצטער שטאָט האָט די טרופּע ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו טיילן. די פּאָר אידישע טעאַטראַלן אין גלאַזגאָו, האָבן אונז געזאָגט, אַז די איינציקע פּיעסע וואָס קען ברענגען אַ גוטע איינגאַמע איז „שולמית". האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, אַנאָנסירט „שולמית".

דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג האָבן מיך אַ פּאָר נײַע באַקאַנטע פון גלאַזגאָו אויסגענומען צו ווײַזן זייער שיינע שטאָט, מיך געבראַכט אין פּרעכטיקן פּאַרק, וואָס איז דער שטאָלץ און שיינדל פון שטאָט. זיצן מיר אַזוי און האָבן הנאה פון דער שיינקייט און פרישע לופט. ערשט איך דערזע: אַ פאַרסאָפּעטער לויפט אונזער ליבהאָבער זינגער, מאַרקוס גאַזאָווסקי. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך זייער דערפרייט. ער דערציילט מיר אָן אָטעם, אַז ער לויפט שוין אַרום אַ היפּשע צייט איבער דער שטאָט און זוכט מיך. וואָס איז די מעשה?

די טעאַטראַלן זײַנען געווען גערעכט. די אַנאָנסירטע פאָרשטעלונג פון „שולמית" האָט אָנגעריסן — דער עולם כאַפּט די בילעטן. עס וועט זײַן אַ גוטע איינגאַמע. האָט אָבער די פּרימאַדאָנע קומענדיק צו דער פּראָבע געפּאָדערט מען זאָל איר תיכף געבן אַ סומע געלט, אַז ניט וועט זי ניט שפּילן.

„מיר האָבן ניט קיין געלט, ביז נאָך דער פאָרשטעלונג — האָט די טרופּע איר געמוזט צוריקוויזן איר פאָדערונג. איז זי אַוועקגעפאָרן. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דו, צילי, ביזט די איינציקע, וואָס קען אונז ראַטעווען. דו מוזט היינט שפּילן די ראָל פון „שולמית"...

הענט און פיס האָבן מיר אַזש אָפּגענומען... „סטייטש, איך — אַזאַ געזאַנגס־ראָלע? — שולמית!... די טרופּע טאָר עס פון מיר ניט פאָדערן...

די מאַמע וועט עס ניט דערלאָזן! זיי קענען פון מיר אַזוינס ניט פאַר־לאַנגען!"

גאַזאָווסקי פאַרזיכערט מיר אָבער, אַז די מאַמע האָט געמוזט צושטימען. אין אונזער לאַגע קענען מיר אַזאַ איינגאָמע ניט אויפגעבן. מיר זיינען פאַר־אַנוואָרטלעך צום טעאַטער... די טרופּע וועט זיך קענען טיילן מיט שיינע עטלעכע צענדליק פונט... הקיצור, ס'האָט ניט געהאָלפן מיין צאַפּלען זיך און איך האָב געמוזט נאָכגעבן...

מיר האָבן זיך טאַקע באַלד, אין אַ ווינקל פון פּאַרק, אויסגעצויגן אויפן גראָז און גענומען שטודירן. די מעלאָדיען האָב איך גוט געדענקט פון קינדווייז נאָך. מיין יונג קעפּל האָט זייער גיך און גוט געקענט אויפנעמען און איינלערנען...

אין די עטלעכע שעה ביז זעקס אַזייגער, זיינען מיר דורכגעגאַנגען די געזאַנג־נומערן, וועלכע זיינען מיר ניט געווען איינגאַנצן פרעמד. אָבער חוץ די געזאַנגען איז אויך דאָ אַ היפּש ביסל צו רעדן. אין דריטן אַקט האָט „שולמית" אַ לאַנגן מאָנאָלאָג אויף קנאַפּע פיר זייטן, וואו זי דערציילט פון איר גאַנצער טראַגעדיע און באַשליסט זיך צו מאַכן פאַר משוגע, כדי די דריי חתנים, וועלכע שדכנ'ען זיך צו איר, זאָלן זי ניט וועלן, איר צורו־לאָזן, זי זאָל קענען בלייבן טריי איר אבשלומ'ען . . . אַז מ'דאַרף אין אַזאַ איילעניש אויסלערנען אַזאַ מאָנאָלאָג, איז גענוג אַז מ'ווייסט דעם אינהאַלט, אַביסל העלפט מען זיך שוין פון סופלער, און אַביסל מיט אייגענער פּראָזע אַז דער עולם זאָל וויסן די מעשה.

איז אָבער אָט דער מאָנאָלאָג אין גראַמען — מ'דאַרף אים טיילווייז זינגען, טיילווייז רעציטירן אונטער מוזיק. און מיט גראַמען קען מען זיך ניט שפּילן — איר מוזט זיי גוט קענען... מיין קאָפּ איז שוין אָבער געווען מיד, איך האָב מער ניט געקענט אויסלערנען. איך האָב אויך געוואוסט פון זען „שולמית" אַזוי פיל מאָל, אַז ביי דער סצענע קומט פאַר אַ שטאַרקער שטורם. עס דונערט און ס'בליצט; דער אָרקעסטער שפּילט זייער הויך; די טאַצן, פּויקן און טרומייטן אַרבעטן מעשים — אַזוי אַז שולמית'עס רייד ווערן פאַרשריגן פון די דונערן און פון דער שטורעמדיקער מוזיק. האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל שוין ווי עס איז דורכקומען. די עטלעכע שורות גראַ־מען וואָס איך האָב אויסגעלערנט, דער שטורם, און אַביסל משוגענע שטיק, וועלן מיך דורכשלעפּן...

איז אָט שטיי איך אויף דער בינע. ס'איז אַ געפּאַקטער טעאַטער... שוין איבערגעקומען בשלום צוויי און אַ האַלב אַקטן. די טרופּע קוקט אויף מיר ווי אויף זייער מלאך משיח, אָבער אָט קומט יענע באַרימטע סצענע.

איך בין זיכער, אַז די מערסטע פון אייך זיינען באַקאַנט מיט גאָלד־פֿאַדנ׳ס קלאַסישער אָפּערעטע, „שולמית״. איך זינג אָפּ דאָס באַרימטע ליד „שבת יום־טוב און ראש חודש״, און איך דאַרף זאָגן דעם גרויסן מאָנאָלאָג. איך זאָג אָפּ די עטלעכע שורות גראַמען וואָס איך האָב אויסגעלערנט. דער שטורם דאַרף זיך אָנהויבן — אָבער עס איז שאַ־שטיל — ס׳שטורמט ניט. אויף מיין מזל האָט דער שטורם ניט געאַרבעט — הכלל עס דונערט ניט — חוץ דעם איז דעם אירישן דיריגענט איינגעפֿאַלן דווקא צו שפּילן פּיאַניסימאָ... איך ווער פֿאַרצווייפֿלט.

איך כאַפּ אַ קוק הינטער די קוליסן — ערשט דורך איינעם פֿון די זייטיקע אָפֿענע ווענטלעך שטעקט דאָס פּנים פֿון מאַדאַם וואַלערשטיין. זי האָט געשפּילט „אביגיל״. זי מאַכט מאָדנע גרימאַסן — איר פּנים אויסגעקרימט, מיט די ליפּן, מיטן צונג, מיט די ציין און מיט די פֿינגער פּרוּווט זי מאַכן דעם עפֿעקט פֿון שטורם, דונער און ווינט. זי האָט מיר, נעבעך, געוואָלט העלפֿן, אָבער איר אויסזען, איר פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַרזוך און אָנשטרענגונג זיינען געווען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב אַרויסגעפּלאַצט אין אַ שטאַרקן געלעכטער. איך האָב דאָס שנעל פֿאַרוואַנדלט אין אַ היסטעריקע. איך האָב געלאַכט, געקוויטשעט, בין אַרומגעלאָפֿן ווי משוגע...

די ישועה איז ענדלעך געקומען, דער פֿאַרהאַנג האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזן. איך בין אַ היסטערישע אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון מיין מאַמען און מאַדאַם וואַלערשטיין. ס׳האָט זיי גענומען אַ היפּשע ווילע ביז זיי האָבן מיך געקענט באַרואיקן. אָבער איידער די פֿאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, איז מיר נאָך באַשערט געווען איבערצולעבן אַ סך אַן ערגערן מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג אין לעצטן אַקט פֿון מיין „שולמית״.

איך וועל בלויז אין קורצע עטלעכע פֿראַזן אָפּפֿרישן אייער זכרון וועגן די געשעעניש אין לעצטן אַקט: שולמית׳עס געליבטער, אבשלום, וועלכער האָט איר אינגאַנצן פֿאַרגעסן, האָט חתונה געהאַט מיט אביגיל׳ן. זי האָט אים 2 קינדער געבוירן, אָבער ביידע קומען אום אַלס גאָר פּיצלעך קינדער — דאָס ערשטע דערשטיקט פֿון אַ קאַץ, דאָס צווייטע פֿאַלט אַריין אין אַ ברונעם און ווערט דערטרונקען. דאָס דערמאַנט אבשלומ׳ען אָן זיין שבועה צו שולמית, ווען דער ברונעם און די קאַץ זיינען געווען די עדות. ער שיידט זיך פֿון זיין ווייב אביגיל, און גייט זוכן שולמית׳ן...

איז אָט זיצט שולמית אַליין, אַן אָפּגעזונדערטע, אַ פֿאַרטרויערטע, אַ האַלב צעמישטע... גיסט אויס איר ביטער האַרץ... חלומט און בענקט נאָך איר אבשלום... ביז זי קומט צו דער פֿראַזע — „וואָס זאָל איך טאָן? איך קען קיין פֿריילעכס היינט ניט זינגען״. די מוזיק דאַרף איר געבן פֿיר שטילע

טרויער־טאַקטן, און זי הויבט אָן זינגען די באַרימטע קלאַסישע שבועה — „אָ, דער ברונעם אָט דער, און די קאַצע־אה־אה די אה״ . . . אבשלום, וועלכער האָט זי שוין געפונען שטייט אונטער איר פענסטער, אָבער זעענדיק איר צושטאַנד האָט ער מורא זיך צו באַווייזן צו איר מיטאַמאָל, טאָמער וועט חלילה, די פּלוצימדיקע פרייד, שלעכט ווירקן אויף איר גייסט. וואַרט ער אויף אַ גינסטיקן מאָמענט.

און אָט האָט ער דעם מאָמענט געפונען — ווען שולמית הויבט אָן זינגען די שבועה, הויבט ער אָן איר באַזינגען ווי אַ ווידער־קול... זי נעמט זיך ביסלעכווייז באַזינען. זי דערקענט זיין קול — זיי דערזעען זיך... זיי פאַלן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס... ס׳ווערט זיי זייער גוט, דעם עולם אין טעאַטער נאָך בעסער.

ס׳קוקמט אַריין איר טאַטע, מנוח, און אבשלום׳ס ווילדער און שוואַרצער דינער, ציגנעטאַנג. זיי צעלאָזן זיך אַלע פיר אין אַ פריילעכן לוסטיקן קוואַר־טעט... דער פאָרהאַנג פאַלט.

דוכט זיך זייער פשוט און גרינג. אָבער ביי יענער פאָרשטעלונג אין גלאַזגאָו, איז עס מיר גאָרניט אָנגעקומען אַזוי פשוט און גרינג. אונזער איירישער דיריגענט האָט פאַרזען אָדער געוואָרפן אָן אומ׳חן אויף די פיר, אומשולדיקע שטילע טרויער־טאַקטן. און ווען איך האָב אָפּגעזאָגט די פראַזע — „וואָס זאָל איך טאָן? איך קען קיין פריילעכס היינט ניט זינגען, נאָר צום טרויעריקן — האָט מיך דער שיקזאָל היינט באַדונגען״ — האָט ער מיטן אָרקעסטער זיך צעלאָזן אין דעם פריילעכן לוסטיקן קוואַרטעט... די טאַצן, פויקן און טרומפּייטן טראַסקען אויף די העכסטע טענער. ווי קען איך אָנהויבן מיין טרויעריקע שבועה, אונטער טענער פון אַזאַ בראַזגעריי? — איך מיט מיין קליין, דין שטימעלע.

זיץ איך אויף דער בינע אין געהאַקטע וואונדן, זוך דעם דיריגענט׳ס אויגן אים צו לאָזן וויסן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. אָבער, ווייס איך וואָס, ער האָט ניט געהאַט קיין „פּרימע״, האָט ער געדאַרפט דיריגירן פון די נאָטן פון ערשטן פידלער וואָס זיצט פיל נידעריקער פון אים. האָט ער איינגעגראָבן זיין איינגעבויגענעם קאָפּ אין דער מוזיק, וואָס איז געלעגן אויפן סטענדער פון ערשטן פידלער... בלויז זיין האַנט מיטן פאָכעדיקן שטעקעלע האָבן זיך געזען איבער דער ראַמפּע פון דער בינע. ניט די האַנט, ניט דאָס פאָכעדיקע שטעקעלע האָבן געקענט פאַרשטיין מיין פאַר־צווייפלונג — ניטאָ די שבועה, אבשלום קען זיך צו מיר ניט באַווייזן. מ׳קען ניט ענדיקן דעם אַקט.

וואָס טוט מען? די סעקונדן לויפן, און ליידיקע סעקונדן און מינוטן

אויף דער בינע ציען זיך ווי אייביקייטן... איר זאָלט דערצו קיינמאָל ניט געפּרואווט ווערן. אפשר צוויי מינוט בין איך אַזוי געזעסן. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך אַזש באַשלאָגן.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער איירישמאַן געכאַפּט, אַז ס'איז שטיל אויף דער בינע, קיינער זינגט ניט. ער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, מיינע אויסגעטאַרטשעטע גרויסע אויגן, מיין קאָפּ וואָס האָט מיט פאַרצווייפלונג זיך געדרייט פון רעכטס צו לינקס ווייזנדיק אויף „ניין״, האָבן אים, הפּנים, איבערצייגט, אַז ס'איז עפּעס ניט גלאַט... ער האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער. איך האָב אים שוין מוחל געווען די פיר טאַקטן. כ'האָב גלייך אָנגעהויבן מיין טרויעריקע שבועה — אבשלום האָט זיך געקענט באַווייזן — די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט מיט מזל... אין מיין זכרון איז יענע פאָרשטעלונג פאַרצייכנט אַלס די „איירישע שולמית״.

וויל איך, אָבער, איר זאָלט וויסן, אַז אָט דער נאָמען, איז ניט מיינער. איך האָב ביי אַ געלעגנהייט, מיט יאָרן שפּעטער, די איבערלעבונג מיינע פון יענער פאָרשטעלונג אין גלאַזגאָו, דערציילט פאַר דער ליבער, האַר־ציקערק, אָבער זייער אומגליקליכער אידישער שוישפּילערין, די טראַגיש באַרימטע עמאַ פינקעל. זי האָט פון דאַן אָן פאַר מיר קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט, ווי די „איירישע שולמית״. בין איך ביז גאָר צופרידן, וואָס דאָס גיט מיר אַ תירוץ, צו באַרייכערן מיין באַשרייבונג און דערמאָנען עמאַ פינקעל און די ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין סאַמע טראַגישסטן קאַפּיטל פון דער אידישער טעאַטער־וועלט אין ניו יאָרק.

עמאַ פינקעל איז געווען פאַררעכנט פאַר איינער פון די סאַמע שענסטע פרויען, וואָס די אידישע בינע אין אַמעריקע האָט פאַרמאָגט. זייענדיק אַ טאָמאַשעפסקי — זי איז געווען פון די אינגסטע שוועסטער פון באָריס טאָ־מאַשעפסקי — האָט זי זייער יונג אָנגעהויבן איר קאַריערע ביים אידישן טעאַטער. זי האָט זיך גאָר גיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס איינע פון די פּרעכ־טיקסטע סובּרעטינס פון אונזער צייט. די סובּרעטין שוישפּילערין דאַרף פריילעך מאַכן דעם עולם. עמאַ האָט זיך דערצו גאָרניט געדאַרפט אָנ שטרענגען, זי אין געווען די פריילעכקייט אַליין. איר גאַנץ וועזן איז געווען אָנגעפילט מיט לעבעדיקייט, מיט לוסטיקייט, די פרייד פון לעבן האָט פון איר אַרויסגעשטראַלט.

זי איז קוים זעכצן יאָר אַלט געווען, ווען דער אַקטיאָר מאָריס פינקעל האָט זיך אין איר פאַרליבט. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער שוישפּילער אין יענע יאָרן, אַ פּערזענלעכקייט אין דער דאַמאָלסטיקער אידישער טעאַטער־וועלט. דאָס האָט דער יונגער, לייכטזיניקער, קוועקזילבערדיקער עמאַ'ן

שטאַרק אימפּאָנירט. זי איז צו יונג געווען זיך צו קענען ערנסט פֿאַרטראַכטן, אַז דער גרויסער אונטערשייד אין עלטער — ער איז דאַן געווען נאָענט צו פֿערציק — קען אַמאָל זיין אַ שטער צו אַ גליקלעך לעבן... איר משפחה האָט זי ניט אָפּגערעדט.. זיי זיינען אפשר געווען צופֿרידן, וואָס דער סאָלידער און ערנסטער מאָריס פֿינקעל, וועט די „יונגע ציג" נעמען אין זיינע הענט, אָבער סיי דער אונטערשייד אין יאָרן, און, נאָך מער, די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון זייערע כאַראַקטערס, האָט כמעט אוממעגלעך געמאַכט, אַז עס זאָל ביי זיי קענען זיין אַ גליקלעך לעבן.

פֿינקעל איז פֿון דער נאַטור געווען אַ שטרענגער, סאָלידער, דאָמינירנדיקער מענטש. ער איז דערצו אויך געווען היפּשלעך פֿאַרביטערט, וואָס זיין דאָליע אין דער אידישער טעאַטער־וועלט, איז ניט געווען ווי ער האָט געוואָלט. דאָס האָט ניט געשטימט מיט עמאַ'ס פֿריילעכקייט און לוסטיקייט, וועלכע זיינען אים ניט געווען צום האַרצן.

זי האָט אים געבוירן דריי קינדערלעך — צוויי מיידעלעך, לוסי און בעלאַ, און אַ אינגעלע, אייב. אָבער קיין גליקלעך לעבן מיט אים האָט זי ניט געהאַט.

נעם איך זיך ניט דאָס רעכט צו שרייבן מער וועגן זייער שלום־בית. אָבער די גאַנצע אידישע טעאַטער־וועלט און די גרויסע אידישע ניו יאָרק זיינען אויפֿגעטרייסלט געוואָרן איין טאָג אין זומער, 1904, ווען אין אַן אָנפֿאַל פֿון אייפֿערזוכט, האָט פֿינקעל אין זיין שיינער עמאַ אַריינגעיאָגט עטלעכע קוילן פֿון אַ רעוואָלווער, און דאַן זיך אַליין דערשאָסן. ער איז געפֿאַלן טויט, עמאַ איז געבליבן לעבן, אָבער אַ פּאַראַליזירטע... די קנאַפּע דרייסיק יאָר, וואָס זי האָט געלעבט נאָך יענעם טראַגישן טאָג האָט זי פֿאַרבראַכט אין אַ „ווהילטשער" (אַ שטול אויף רעדלעך). זי האָט אפֿילו פֿון צייט צו צייט געשפּילט טעאַטער אין דעם צושטאַנד.

זי האָט דערלעבט צו זען אירע צוויי שיינע, גראַטענע טעכטער, לוסי און בעלאַ פֿינקעל, פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אידישן טעאַטער. זי האָט אויך געהאַט דאָס גליק צו זען איר בעלאַ'ן חתונה האָבן מיטן באַרימטן שוישפּילער מוני ווייזענפֿריינד — איינער פֿון די שיינענדיקע יונגע שטערן אין אידישן טעאַטער, וועלכער האָט שפּעטער, אַלס פּאָול מוני, סיי אויף בראָדוועי, סיי אין האָליוואוד דערגרייכט די סאַמע העכסטע הויכן.

עס איז איר פֿאַרשפּאָרט געוואָרן איבערצולעבן נאָך אַ דערשיטערנדיקע טראַגעדיע... זי איז געשטאָרבן בלויז מיט אַ פּאָר יאָר פֿאַר איר עלטערער טאָכטער, לוסי פֿינקעל, וועלכע איז, נעבעך, געשטאָרבן אין מיטן פֿון איר גראַטענער קאַריערע.

עמאַ פינקעל איז געווען שטאַרק באַליבט אין דער אידישער טעאַטער־וועלט. מיר איז אויסגעקומען וואוינען אויף דער זעלבער גאַס מיט איר, פלעג איך זייער אָפט קומען צו איר פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. איך פלעג איר דערציילן אַ סך קאָמישע און פריילעכע עפּיזאָדן פון אונזער טעאַטער־וועלט, און שטאַרק הנאה האָבן פון איר האַרציקן געלעכטער. זי פלעגט זיצן און שטריקן, זיך צוהערן און האַרציק לאַכן. איך האָב נאָך פון איר אַ מתנה, אַן אויסגעשטריקטן, לאַנגן „סקאַרף" — איך שעץ עס זייער.

ווען איך האָב איר דערציילט דעם עפּיזאָד פון מיין „שולמית" אין גלאַזגאָו, האָט זי אַזוי האַרציק געלאַכט און נאָכאַנאַנד, אין געלעכטער, איבער־געחזרט: „דו ביזט די איירישע שולמית". און אַזוי האָט זי מיך פון דאַן אָן גערופן.

איך פלעג אָפט מיטברענגען צו איר מיין זעליק׳לען, און די צוויי מיידע־לעך, צירעלע און מירעלע. דאַן פלעגט זיך עמאַ גאָר מחיה זיין. זי פלעגט מיט די מיידלעך זינגען אַלערליי טעאַטער־לידלעך, און זי פלעגט גאָר אָנ־קוועלן פון זיי.

מיין זעליק׳ל — ער איז דאַן געווען אַ יאָר דריי, — פלעגט זיצן אין אַ זייט, קיינמאָל ניט אָנטייל גענומען אין די אימפּראָוויזירטע קאָנצערטן... ער האָט קיינמאָל קיין חשק ניט געהאַט צו זינגען און, בכלל, ניט אַרויס־געוויזן קיין שום נייגונג צו טעאַטער־שטיק. אָבער איינמאָל, ביי אַזאַ וויזיט, ווען צירעלע און מירעלע האָבן פאַר עמאַ׳ן געפּראָוועט אַלערליי טעאַטער־שטיק, און איר האַרציקער געלעכטער האָט געקלונגען איבערן גאַנצן הויז, איז מיין זעליק׳ל מיט אַמאָל אַראָפּ פון בענקל, אויף וועלכן ער איז שטיל געזעסן, און ראַפּטאַם, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ סאָרט רוסישן טענצל — פּריי־זיווקעס" רופט מען עס — מיט איינגעבויגענע פיס, כמעט זיצנדיק, טאַנצט מען, וואַרפנדיק די פיס ווי פון הינטער זיך. וואו ער האָט דאָס געזען, ווען ער האָט זיך דאָס אויסגעלערנט, האָב איך ניט אָנגעהויבן צו וויסן. אָבער סיי עמאַ, סיי איך, האָבן אונזערע אויגן ניט געגלויבט, ווען זעליק׳ל האָט זיך פּלוצלונג אָן אַ וואָרט צו זאָגן, איינגעשטעלט זיך אַרויסצולאָזן אין אַזאַ טאַנץ.

הפּנים, אַז עמאַ׳ס האַרציקער געלעכטער ווען צירעלע און מירעלע האָבן פאַר איר געוויזן זייער „קונסט", האָט אין אים דערוועקט אַ חשק, צו וויזן, אַז ער קען אויך עפּעס. דאָס אַקטיאָרישע בלוט פון טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע... אָבער עמאַ׳ס קוויטשערייען און געלעכטער פון זעליק׳לס טאַנץ קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן...

אידער איך פאַרלאָז ענגלאַנד, נאָך מיין ערשטן וויזיט קיין אייראָפּע אַלס שוישפּילערין, מוז איך אייך דאקוטשען מיט נאָך אַן עפּיזאָד. מיר דוכט, אַז ער האָט אין זיך אַ סך חן, און רירט אָן אַ סאָרט ספּעציפישע מאַמע־טאָכטער באַציאונג, וואָס איז אַפילו אין לעבן פון שוישפּילער ניט קיין אָפּטע דערשיינונג. אויב מיין טעאַטער־אינסטינקט נאַרט מיר ניט אָפּ, איז עס כדאי צו פאַרצייכנען. די הויפּט־ראָלע אין דעם עפּיזאָד שפּילט מיין שוועסטער לילי. די מיטשפּילערינס זיינען מיין מאַמע און איך.

געשען איז עס טאַקע אויף יענעם טרויעריקן טור אונזערן איבער דער ענגלישער פּראָווינץ ,דוכט מיר, אין לידס, אָדער אין מאַנטשעסטער. מיר האָבן דאָרט געשפּילט יעקב גאָרדינ׳ס באַרימטע דראַמע „די שחיטה״.

איך בין זיכער, אַז אַ סך פון אייך זיינען מיט דער פּיעסע באַקאַנט. אַ סך, אַ סך יאָרן, האָט די באַרימטע טראַגעדיסטין אונזערע, קעני ליפּצין, געשפּילט „די שחיטה״ איבער גאַנץ אַמעריקע. יעקב גאָרדין האָט די דראַמע ספּעציעל פאַר איר געשריבן און, ווי קאָנטראַקטן זיינע דאַמאָלסט אין אידישן טעאַטער געמאַכט געוואָרן, איז עס געוואָרן איר אייגנטום. קיינער אויסער דער ליפּצין האָט אין אַמעריקע די פּיעסע ניט געטאָרט שפּילן. ווען די פּיעסע האָט שפּעטער דערגרייכט קיין אייראָפּע, האָבן די אַנגעזעענסטע שוישפּילערינס פון יענער צייט דאָרט די פּיעסע געשפּילט. אַזוי איז עס געווען מיט אַלע פּיעסן פון גאָרדין, ליבין, קאָברין און אַנ־דערע, וואָס זיינען געווען דאָס אייגנטום פון אַמעריקאַנער מענער אָדער פרויען „סטאָרס״.

מיין מאַמע האָט אין דעם רעפּערטואַר פון גאָרדינ׳ס פרויען־פּיעסן זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען איבער אייראָפּע און ספּעציעל אין לאָנדאָן, וואו מען האָט זי פּשוט פאַרגעטערט. אסתר רחל קאַמינסקי האָט איר גרויסן נאָמען אין פּוילן און רוסלאַנד זיך דערוואָרבן אין דעם רעפּערטואַר.

דערמאָנענדיק דאָ קעני ליפּצין, וועט איר מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל אויף אַ ווײַלע איבעררייסן דעם עפּיזאָד, וואָס איך האַלט איצט אין דערציילן און אייך ברענגען אַ סצענע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער, טאַקע צווישן קעני ליפּצין און מיין ווייניקייט. מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן ביי אַ טעאַטער שניידערין.

געדענקט איר דאָך פון מיינע ערשטע קאַפּיטלען, אַז קעני ליפּצין האָט געוואָרפן אַן אומ׳חן אויף מיין מאַמען, נאָך אין דער אַדלער טרופּע אין לאָנדאָן, ווען מיין מאַמע איז נאָך געווען גאָר אַן אָנפאַנגערין אין טעאַטער, אַלס פופצן־זעכצן יאָריקע מיידעלע. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען מיין מאַמעס גרויסער דערפאָלג אין אייראָפּע אין די ליפּצין ראָלן איז אַוש דערגאַנגען

קיין אַמעריקע, איז איר שנאה נאָך מער געשטיגן. איך האָב נאָך דאַן דערפון גאָרניט געוואוסט.

ווען זי האָט מיך דערזען ביי דער שניידערין, האָט זי פון דער העלער הויט געגומען שעלטן מיין מאַמע׳ן מיט די ערגסטע קללות. העגט און פיס האָבן מיר אַזש אָנגעהויבן ציטערן. טרערן האָבן זיך פון מיינע אויגן געגאָסן, אָבער זי האָט ניט אויפגעהערט. פון איר מויל האָבן זיך געשאָטן אַלץ ביי־זערע און גיפטיקערע קללות. אין די שפּעטערע יאָרן מיינע, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו בלייבן גלייכגילטיק ווען איך האָב זיך אָנגעטראָפן מיט דער טריפה׳נער שוישפילערישער אייפערזוכט. דאַן אָבער בין איך נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען. די קללות אויף מיין מאַמען האָבן מיך געשראָקן און ווי געטאָן. איך האָב זיך פאַרלוירן. ווען איך האָב שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן, האָב איך אויסער זיך אויסגעשריגן: „איר מעגט אייך שעמען! איר זענט דאָך ערגער ווי אַ מאַרק אידענע...

איך האָב קוים די טיר געפונען און אַ היסטערישע אַרויסגעלאָפן אין גאַס. איך בין אָן אַן אָטעם געלאָפן אַהיים, וואו מיין ליבע, האַרציקע פייגע האָט מיך קוים באַרואיקט.

איז עס אַוודאי איינער פון די ניט שיינע אמת׳ן וואָס מיר ווערט אויס־קומען אין מיין באַשרייבונג אַרויסצוברענגען. קען איך מיין אויסברוך בלויז פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס דאָס איז געווען אין דער צייט פון סאַמע אָנהויב פון מיין שטייגנדיקער קאַריערע ווען אייפערזיכטיקע, בייז־צונגיקע „קאָלעגינס״ מיינע, האָבן מיט זייערע גיפטיקע רכילות׳ן געברענט די ערד אונטער מיינע פיס. איך האָב זיך מיט זיי ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרמעסטן. זיך האָב איך געקענט פאַרקוקן; קללות, אָבער, אויף מיין מאַמעס חשבון האָב איך ניט געקענט פאַרשווייגן, האָב איך צו איר אויסגעלאָזט מיין ביטערקייט...

מיין מאַמע האָט מיט גאָרניט געזינדיקט קעגן דער גרויסער קעני ליפּצין, ניט אין לאָנדאָן אַלס מיידעלע פון 16־15 יאָר, ניט שפּעטער אַלס דערוואַקסענע שוישפילערין.

איצט, צוריק צום חנ׳עוודיקן עפּיזאָד מיט מיין שוועסטער לילי אין „דער שחיטה״. פּאַסירט האָט עס אין צווייטן אַקט. וועל איך בלויז אויף גיך אָפּפרישן אייער זכרון און איבערגעבן די האַנדלונג. די יונגע, אַכצן־יאָריקע אסתר׳קע, דעם רב׳ס, האָט מען חתונה געמאַכט מיט דעם באַיאָרטן גביר און תקיף פון שטעטל, רב צלאל ראַפּאַפּאָרט, וועלכער איז שוין צום צווייטן מאָל אַן אלמן. ער איז בכלל ניט קיין צערטלעכער מאַן, און מען

מורמלט אויף אים, אַז ער זינדיקט אונטער מיט דער דייטשקע „לואיזע״, די עקאַנאָמקע ביי אים אין שטוב . . .

אויף דער בינע, אין דער סצענע אין צווייטן אַקט, געפינט זיך אסתר׳קע, דאָס איז מיין מאַמע, און די דייטשקע „לואיזע״, געשפּילט פון מיין שוועס־טערל לילי. איך זאָג „מיין שוועסטערל״, ווייל זי איז דאַן אַלט געווען קוים 12־13 יאָר. לילי איז געווען היפּשלעך אויסגעוואַקסן פאַר איר עלטער און ניט קיין דאַרינקע, חלילה... אויף דעם טור האָבן מיר, צוליב עקאָנאָמיע, גענומען זייער אַ באַגרעניצטע טרופּע, האָט זי געמוזט שפּילן די ראָלע. מען האָט זי היפּשלעך אויסגעבעט אַזוי, אַז זי האָט אויסגעקוקט ווי אַן „אָסאָבע״ פריילין...

איז אָט זיינען זיי ביידע, מיין מאַמע און לילי, אויף דער בינע. דער געשפּרעך איז וועגן פאַרהייראַטן לעבן, וועגן ליבע, מיט אָנצוהערענישן אויף מאַן־און־ווייב באַציאונגען . . . פּירט, הייסט עס, אונזער צניעות׳דיקע מאַמע, דיינע פיינמאַן, אָט אַזאַ געשפּרעך מיט איר בעיבי, ליליקו:

די דייטשקע, „לואיזע״, באַרימט זיך, אַז זי וועט אין גיכן פאָרן אַהיים קיין דייטשלאַנד, צו איר „שאַץ״, איר חתן, הייסט עס, מיט וועמען זי וועט חתונה האָבן. פרעגט איר די נאַאיווע אסתר׳קע:

„אויב איר האָט אַ חתן אין דייטשלאַנד, איז וואָס איז אייך רב צלאל? איר האָט אים ליב?״...

די דייטשקע לאַכט זיך פאַנאַנדער און זאָגט:

„אָה, ווי נאָך? נאַטירלעך, מענער ליבען איינע קארפּולענטע פראַו... איך בין עס... אה, פראַו ראַפּאָפּאָרט, זי פאַרשטייען יאַ גאַרניט דאָס לעבן אונד די וועלט... ווי קאָן זאָ איינע פראַו ווי זי הייראַטען?״...

איך שטיי אין די קוליסן — איך האָב געשפּילט שיינע העניע — איך קוק זיך צו, ווי וועט מיין קליין שוועסטערל זיך „ספּראַווען״ מיט איר ראָלע... אונזער „בעיבי״ ליליקו האָט אין דער סצענע, זיך אַזוי ברייט אַ שטעל געטאָן, מיט די הענט אויף אירע אויסגעבעטע היפטן, און מיט אַ גאַנץ פאַרשייטן חוזק, אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען, צו אסתר׳קען, הייסט עס, — „אַך פראַו ראַפּאָפּאָרט, ווי ווענינג זי וויסן פאָן פאַרהייראַטען לעבען״...

זי האָט עס זייער גוט באַטאָנט, און געהעריק אונטערשטראָכן... די מאַמע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון אויסשיסן אַ געלעכטער. די מאַמע האָט זיך שנעל אַ דריי געטאָן און מיך דערזען שטיין אונטער די קוליסן. האָט זי שטיל צו מיר געמורמלט: „הער נאָר ווי זי רעדט, נעם זי צו פון מיר . . . איך וועל ניט קענען שפּילן...״ פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט עס בלויז אַזוי

געזאָגט, זי האָט געמוזט שפּילן ווייטער... אָבער יאָרן און יאָרן לאַנג פּלעגט די מאַמע אונדז דערמאָנען יענע סצענע פון „דער שחיטה"...

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק נאָך יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן, איז אונזער פינאַנציעלע לאַגע גאָר ניט געווען קיין געהויבענע. פיינמאַן האָט פּרובירט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ טעאַטער אין ניו יאָרק, אָבער ס'איז אים ניט געלונגען. איך קען ביז היינט ניט פאַרשטיין, פאַר־וואָס אַזאַ באַגאַבטע שוישפּילער־פּאָר, ווי זיגמונד און דיינע פיינמאַן, האָבן אין יענע יאָרן זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו אַ דערפאָלגרייכער פּאָזיציע אין אידישן טעאַטער. הפּנים, אַז הינטער־קוליסן פּאָליטיק האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע דעה אין דער אידישער טעאַטער־וועלט אין אַלע צייטן, און אין די הינזיכטן בין איך גאָר אַן עם־הארץ...

באין ברירה, האָט פיינמאַן ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן און זיך אַוועקגעלאָזן איבער איירָאָפּע. די מאַמע, לילי און איך זיינען דאָ גע־בליבן. מיר האָבן זיך באַזעצט אין האַרלעם. די מאַמע איז פון צייט צו צייט אויפגעטראָטן אין דעם „סטאַר טעאַטער" אין יענעם געגנט.

איך האָב געגעבן פּיאַנאָ־לעקציעס. אין יענע יאָרן איז כמעט אין יעדן אידישן הויז געוואַקסן אַ „מישאַ", אַ יאַשאַ" אָדער אַ „טאָשאַ", האָבן אידישע מאַמעס געקויפט „פּאָרטעפּיאַנעס" אויף אויסצאָלן און געמוטשעט די קינדערלאַך מיט פּיאַנאָ־לעקציעס. מ'האָט געצאָלט אַ קוואָדער אָדער אַ האַלבן דאָלער פאַר אַ לעקציע. מיין מאַמעס און מיינע פאַרדינסטן האָבן קוים געקלעקט אויף אַ לעבן.

ענדלעך האָט פיינמאַן געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז ער האָט אויס־געאַרבעט אַ טור פאַר זיי ביידן, איבער פּוילן, ליטע און רומעניע — זי זאָל באַלד קומען. האָט זי אונדז איבערגעלאָזט מיט פייגע'ן, און איז אַוועק־געפאָרן. זיי האָבן אונדז אָפט געשיקט עטלעכע דאָלער, און דאָס צוזאַמען מיט מיינע אָרעמע פאַרדינסטן פון די פּיאַנאָ־לעקציעס און פייגע'ס גרויסער טאַלאַנט פאַר שפּאָרעוודיקייט האָבן אונדז דערהאַלט ביים לעבן.

אָבער מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געקראָגן אַ דעפּעשע פון דער מאַמען, אַז פיינמאַן איז פּלוצלונג געשטאָרבן אויף דער בינע אין לאָדז. די שוידערלעכע בשורה האָט מיך שרעקלעך צעטרייסלט. פון דעם קלאַפּ בין איך ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. איך האָב טעג גאַנצע ניט געקענט שטעלן אַ פוס, איך בין בכלל געוואָרן מורא'דיק אָפּהענטיק, דער־פילט זיך שטאַרק פאַר'יתומ'ט, פאַרלוירן יעדן אינטערעס עפּעס צו טאָן, וואָכן לאַנג ניט געקענט קומען צו זיך.

אויף פייגע'ן, נעבעך, איז געפאַלן דער גאַנצער עול פון אויפהאַלטן

דאָס הויז. כדי זיך צו העלפן פון דער שווערער לאַגע, האָט זי, אָן מיין ווִיסן, זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ געשוואָרענעם פּאַטריאָט פון די פיינמאַנס. משה׳לע האָט ער געהייסן. זיין צווייטן נאָמען ווייס איך ניט ביז היינט. מ׳האָט אים גערופן משה׳לע „פיינמאַן״, פאַר זיין אומבאַגרעניצטן געטרייען פּאַטרי־אָטיזם צו די פיינמאַנס. איז משה׳לע אַוועק צו מיין טאַטן, יעקב פּ. אַדלער, געבעטן ער זאָל מיר געבן כאָטש 10 דאָלער אַ וואָך אויף צו לעבן.

מיין טאַטע האָט רעוואָלטירט: „סטייטש, וואָס פאַראַ טאָכטער איז זי מיר?... זי רופט זיך דאָך צילי פיינמאַן... זי טראָגט אפילו טרויער־קליידער נאָך איר טאַטן פיינמאַן״...

ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט עפּעס צו טאָן פאַר מיר. אָבער משה׳לע האָט ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט געוואוסט אַז פייגע וועט עס לאַנג ניט קענען אָנהאַלטן, געזען אַז נאָר דאָס קען איצט זיין די איינציקע ישועה.

ווען ער איז צוגעשטאַנען צו אַדלער׳ן און ביי אים פאַרט ניט געקענט פועל׳ן, האָט ער די גאַנצע מעשה דערציילט דעם דאַמאָלסטיקן זייער באַרימטן אַרבעטער־פירער יוסף באַראָנדעס. חוץ דעם וואָס באַראָנדעס איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש אויף דער אידישער גאַס, איז ער דאַן געווען דער פירער פון דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. האָט זיך באַראָנדעס פאַראינטערעסירט אין דעם ענין. ער האָט זיך געזען מיט אַדלער׳ן. אים האָט מיין טאַטע ניט געוואָגט אָפּצוזאָגן ער האָט צוגעזאָגט באַראָנדעס׳ן צו שיקן דורך משה׳לען פאַר מיר 10 דאָלער אַ וואָך.

ער האָט געהאַלטן וואָרט, פייגע האָט יעדע וואָך געקראָגן די 10 דאָלער. איך האָב דאַן דערפון ניט געוואוסט. דאָס איז אָנגעגאַנגען היפּשע עטלעכע וואָכן. ביז די מאַמע איז צוריקגעקומען פון אייראָפּע. זי האָט תיכף אָפּגעשטעלט די 10 דאָלער. פייגע האָט איר דערציילט אַז איך האָב דערפון ניט געוואוסט. מיין מאַמע האָט מיר אויך אויפגעקלערט, אַז איך דאַרף ניט טראָגן קיין טרויער: „דו האָסט אַ טאַטן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר״...

מיט דעם פאַרענדיק איך דעם טייל, „מיינע עלטערן און איך״. דער ווייטערער גאַנג פון מיין לעבן און אויך מיין פאַרבינדונג מיטן לעבן פון מיינע עלטערן, זיינען שוין אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט מיין טעאַטער־קאַריערע, אַז מען קען עס ניט פאַנאַנדערטיילן. גיי איך צו צו מיין קאַריערע.

# מיינע ערשטע טריט אין טעאַטער

מיין מאַמע גיט מיך אָפּ
צום טעאַטער

פּינקטלעך ווען איך האָב באמת געמאַכט מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע, איז פאַר מיר ביז היינט כמעט ניט מעגלעך צו באַשטימען מיט זיכערקייט.

פון ערשטן טייל פון מיין בוך געדענקט איר אַוודאי, אַז אַזוי שנעל ווי מיין מאַמע איז צו־זיך געקומען פון קימפּעט מיט מיר און ווידער געקענט אָנגיין מיט איר טעאַטער־קאַריערע, האָט זי זיך נעבעך געמוזט שלעפּן מיט מיר אין טעאַטער צו פּראָבן און אַפילו צו פאָרשטעלונגען, ווייל זי האָט ניט געהאַט אויף וועמען מיך איבערצולאָזן, ביז אונזער פייגע האָט זיך באַוויזן. אַזוי אַז שוין אַלס פּיצל קינד פון דריי אָדער פיר וואָכן, בין איך אָן מיין דעה און אָן מיין וויסן אַרויף הינטער דער בינע... אמת, מיינע טריט האָבן נאָך דאַן די ברעטער פון דער בינע ניט באַרירט.

אַפילו מיין ערשטער אויפטריט אויף דער בינע פאַר אַן עולם איז אויך געמאַכט געוואָרן אָן מיינע טריט. איך בין נאָך דאַן קיין פולע זעקס חדשים ניט אַלט געווען און סיי מיין מאַמע, סיי פייגע, האָבן געמוזט צוגעבן, אַז אַזאַ געראָטן קינד — קענען גיין אויף מיינע אייגענע פיס פאַר זעקס חדשים — בין איך ניט געווען. איך מיין דאָ דעם עפּיזאָד ווען מיין מאַמע האָט מיך אַרויפגענומען אויף דער בינע אין אַ סצענע וואו זי האָט געדאַרפט האַלטן אַ פּיצל קינד אויף די הענט. האָב איך, ווי איר געדענקט, אַרויס־

גערופן געלעכטערס, און געקראָגן אַפּלאָדיסמענטן. אָבער דאָס קען ניט גערעכנט ווערן ווי מיינע ערשטע טריט.

אויך ניט אין דער סצענע ביים טערקישן סולטאַן, ווען מיין מאַמע האָט מיך פאַרפּוצט אין אַ טערקיש מונדירל, און מיך באַזעצט אויף די טרעפּ פון דעם טראָן, ווי איינער פון אירע שפּיצלעך אין דעם צו־להכעיס שפּיל צווישן איר און סאַראַ אַדלער, ווי איך האָב עס באַשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

ווי איר זעט, אין מיין לאַגע, אַלס קינד פון טאַטע־מאַמע שוישפּילער, און איינע וואָס האָט שוין געשפּילט קינדער־ראָלן נאָך איידער זי איז צו איר שכל געקומען, איז מיר גאָר ניט אַזוי גרינג פעסטצושטעלן ווען איך האָב באמת געמאַכט מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע. אין גאַנג פון מיין לאַנגיאָריקער קאַריערע זיינען געווען צייטן ווען אַזוי־גערופענע הויכ־פונקטן, גרויסע דערפאָלגן מיינע, האָבן גערעגט געוויסע טעאַטער־רעצענ־זענטן און „פּובליסיטי־אַגענטן" מיך צו באַשרייבן. האָבן זיי דווקא געוואָלט אָנהויבן אַזש פון מיינע ערשטע טריט. זיי האָבן מיך, אַזוי צו זאָגן, „צוגע־דריקט צו דער וואַנט". איז עס ביי אונז געבליבן, אַז מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע דאַרפן זיך רעכענען פון מיין ערשטער רעדנדיקער ראָלע.

געדענק איך זייער גוט יענעם אויפטריט מיינעם, אַזוי מיין איך. כאָטש זייער אָפט, ווען איך טראַכט דערפון, כאַפּט זיך אַריין אַ שטיקל חשד ביי מיר, אַז אפשר דערפאַר לעבט יענע סצענע אַזוי פריש אין מיין זכרון מיט אַלע דעטאַלן, מיטן גאַנצן אַרום, ווייל מיין מאַמע פלעגט עס זייער אָפט איבערדערציילן. נאָך פיל מער פלעגט דערפון רעדן מיין האַרציג־געטרייע פּיגע. זי האָט זיך ממש געפּרעגלט פון נחת, דערציילנדיק די מעשה מיט אַלע פּיטשעווקעס, ניט דורכגעלאָזן די קלענסטע קלייניקייטן... אָבער סיי־ווי איז דאָס בילד איינגעקריצט אין מיין זכרון זייער קלאָר...

ס׳ווערט געשפּילט יעקב גאָרדינ׳ס באַרימטע דראַמע, „דער אידישער קעניג ליר". איך בין זיכער, אַז אַ סך פון אייך געדענקען זייער גוט די וואונדערלעכע געשטאַלט, די אימפּאָזאַנטע פיגור, וואָס מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, האָט געשאַפן אין דער הויפּט־ראָלע, „רב דוד משה׳לעס". געדענקט איר דאָך אויך דעם יום־טוב׳דיקן טיש אין ערשטן אַקט, ביי רב דוד משה׳לעס אין שטוב. ס׳קומען זיך צונויף זיינע דריי טעכטער: עטעלע, גיטעלע און טייבעלע, די צוויי איידעמס: אברהם חריף און משה חסיד, דער „אויפגע־קלערטער" סטודענט, יאַפע. ס׳איז לעבעדיק און פריילעך ביים טיש. איז אָט אין דער סצענע האָב איך געהאַט מיין ערשטן אויפטריט.

די וואָס קענען און געדענקען דעם „אידישן קעניג ליר", וועלן זיך

אַוודאי וואונדערן, ווי קום איך אַהין?... אין דער פּיעסע איז ניטאָ קיין קינדער־ראָלע, זיכער ניט אין ערשטן אַקט. ערשט אין דריטן אַקט, איז אויף דער בינע דאָ אַ וויגל מיט אַ קינד, אָבער דאָס קינד אין וויגל איז בלויז צונויפגעוויקלטע שמאַטעס. ס'איז ניט קיין קינדער־ראָלע — זייט איר אַוודאי גערעכט. ס'איז טאַקע ניטאָ, און ס'איז ניט געווען.

נאָר פאַר יענער פאָרשטעלונג האָט מען פאַר מיר צוגעשריבן די ראָלע. ערשט איצט כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט געפרעגט פאַרוואָס מ'האָט עס געטאָן, און ווען איינפאַל דאָס איז געווען. געדענק איך זייער קלאָר, ווי די מאַמע און פייגע פּוצן מיך אויס אין „דרעסינג רום". די מאַמע טוט מיר אָן אַ שיין קליידעלע, פייגע קעמט מיר די האָר און פלעכט אַריין אַ שלייפעלע פון אַ ראָזעווער סטענגע.

איך האָב ניט אַנדערש געוואָלט נאָר אַז מיין מאַמע זאָל מיר אויסשמירן מיין פּנים מיט שמינק, ווי זי טוט עס מיט איר פּנים. זי האָט געמוזט נעמען פון איר גרים־טישל אַ שטיקל רויטע שמינק און באַשמירט מיינע בעקעלעך, אָדער אפשר האָט זי נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי טוט עס טאַקע. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט דעם ריח פון שמינק.

מיר גייען אין דרייען אַרויס פון דער גאַרדעראָב. די מאַמע פירט מיך פאַר איין הענטל און פייגע — פאַרן צווייטן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער טיר, דורך וועלכער איך האָב געדאַרפט מאַכן מיין אויפטריט אויף דער בינע, האָט מיר מיין מאַמע אַ קוש געטאָן אויף ביידע אויגעלעך און שטילערהייט עפּעס געמורמלט. זי איז אַוועק אויף דער צווייטער זייט בינע. זי האָט געשפּילט די ראָלע פון טייבעלע און האָט געדאַרפט אַריינקומען דורך דער אַנטקעגנאיבערדיקער טיר. פייגע איז געבליבן מיט מיר. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיר און שטיל מיט מיר געח'זר'ט די ווערטער פון מיין ראָלע.

איך קוק איר גלייך אין פּנים און זאָג איר נאָך די ווערטער. איר פּנים שמייכלט. אָבער פון די אויגן רינען טרערן...

ווען איך פלעג, אַלס קינד, אַמאָל זען פייגע'ן וויינען, פלעג איך זי אַרומנעמען, קושן און פרעגן וואָס ס'טוט איר וויי. דאָס מאָל האָב איך עפּעס ווי געפילט, אַז זי וויינט ניט ווייל ס'טוט איר עפּעס וויי... איך האָב מיט מיינע הענטלעך געגלעט אירע באַקן, און געשמייכלט צו איר.

באַלד איז צוגעקומען מערי ווילענסקי; זי האָט געשפּילט די ראָלע פון עטעלע, מיין מאַמע אין דער פּיעסע. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיר, מיר אַ קוש געטאָן אין נעזעלע, און שטיל אַ זאָג געטאָן צו פייגע'ן:

„איך זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, ווי זי שיינט".

פייגע גיט מיר נאָך אַ לעצטן קוש, די טיר עפנט זיך, און איך מיט מאַמע עטעלע קומען אַריין. פון דער צווייטער זייט קומט אַריין מיין אמת׳ע מאַמע אַלס טייבעלע. אַלע זאָגן „גוט יום־טוב, טאַטעניו; גוט יום־טוב, מאַמעניו!"

דוד משה׳לעס, מיין זיידע אין דער פיעסע, מיין טאַטע יעקב פּ. אַדלער, בויגט זיך אַראָפּ צו מיר, קושט מיך, הויבט מיך אויף הויך, איבערן טיש, אַז דער עולם זאָל מיך זען, און פרעגט מיך:

„נו, און וואָס זאָגסטו עפּעס, אייניקל מיינס?..."

ער רוימט מיר אַריין אין מיין אויערל:

„רעד הויך, ציליקו, רעד הויך, מאַמעלע!"

איך ענטפער, ציילנדיק די ווערטער, און שאָקל־צו מיטן קעפּל ביי יעדן וואָרט:

„גיט יומטיפ, זיידעניו, דילעב ביאַר, מיט ד׳באבע, און גיב ווידע פּיזענטן..." (גוט יום־טוב, זיידעניו, דערלעב איבער אַ יאָר מיט דער באָבע, און גיב ווידער פּרעזענטן).

אַלע לאַכן, דער עולם קלאַפּט און לאַכט.

מיין טאַטע קושט מיך נאָך אַ סך מאָל מיט ציטערדיקע ליפּן און זעצט מיך אַוועק נעבן זיך...

איז עס צום גלויבן, אַז איך געדענק דאָס אַלץ פון מיין אייגענעם זכרון?... איך בין דאַן אַלט געווען אַרום צוויי און אַ האַלב יאָר. דאָס איז געווען דער צווייטער סעזאָן נאָכן גט. מיין צווייפל, צי דאָס איז אַלץ פון מיין אייגענעם זכרון, ווערט ביי מיר שטאַרקער, ווייל אַרום יענער צייט איז סערע אַדלער כמעט קיינמאָל אין טעאַטער ניט געקומען. זי איז געווען אין די הויכע חדשים מיט איר ערשטער טאָכטער, מיין שוועסטער נוניע. דאָס, בין איך זיכער, האָב איך געקענט וויסן בלויז פון פייגע׳ס אָפטן דערציילן די מעשה...

איך בין דאַן בכלל געווען זייער אָפט אויף דער בינע, און אַלע אַקטיאָרן, אַקטריסעס, כאָריסטן און כאָריסטקעס און אַלע אַנדערע בינע־אַרבעטער פלעגן זיך צאַצקען מיט מיר, זיך אָפּגעבן מיט מיר, מיר געבן שיינע צאַצקעס. איך בין געווען אַלעמענס ליבלינג. אַזוי געדענק איך, אַז זייער אָפט, ווען מען פלעגט שפּילן „שולמית", איז אין דריטן אַקט, ווען די פּאַסטוכער זיצן בייַנאַכט אַרום פייער און זינגען דאָס באַרימטע ליד, „פלאַקער, פייערל, פלאַקער" — אַלע כאָריסטן און כאָריסטקעס זיצן אין אַ קרייז — איז אַבי איך בין נאָר געווען אויף דער בינע, פלעגן זיי מיך אַרייַנעמען און אַוועקזעצן אין דערמיט, מיר געבן אַ „בעג פּינאַטס".

איך בין זיך רואיק געזעסן, מיטגעזונגען דאָס ליד, געקנאַקט די ניסלעך, אַלעמען געטיילט די יאַדערן, און די שאָלעכץ געוואָרפן אין „פייער״.

פון יענער צייט פלאָנטערט זיך אין מיין זכרון אַ זייער קאָמישע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן די בינע־אַרבעטער. ס׳איז געווען איינער וואָס האָט זייער ליב געהאַט מיט מיר צו קאָמאַנדעווען און שטאַרק ליב געהאַט מיך מאַכן צו לאַכן. ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט פון זיין אַרבעט און כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט הינטער די קוליסן, פלעגט ער פאַר מיר מאַכן אַלערליי קונצן, פראַווען קאָמישע שטיק, כדי איך זאָל לאַכן.

גערופן האָט מען אים „רעד״; ער האָט געהאַט אַ געדיכטע טשופּרינע רויטע האָר. ער איז געווען זייער אַ גוטער. ער האָט אָבער געהאַט קרומע אויגן, ער איז געווען אַ קאָסאָקער... פלעג איך האָבן טענות צו אים, פאַרוואָס ווען ער רעדט צו מיר קוקט ער ניט אויף מיר — „דו רעדסט צו מיר און קוקסט ערגעץ אַנדערש״.

ער פלעגט מיר וועלן וויזן, אַז ער קוקט יאָ אויף מיר, און איך פלעג אים כאַפּן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער קוקט אויף מיר, אַז ער קוקט ניט אויף מיר. איך פלעג אויסציען מיין הענטל און אים וויזן וואוהין ער קוקט... איך פלעג שרייען מיט קולות און טופּען מיט אַ פיסל: „ניין, ניין, דו קוקסט ניט אויף מיר!״

ביז פייגע האָט אַמאָל דערהערט מיין געשריי. זי האָט קוים מיט צרות מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „רעד״ קען זיך ניט העלפן...

אָט־די נאַאיוו־קינדערישע שלעכטע האַנדלונג דערמאָנט מיך אין אַן ענלעכער סצענע מיט אַרום צוויי צענדליק יאָר שפּעטער. איך האָב דאַן געשפּילט אין פילאַדעלפיע, ביי אַנשל שאָר. יענער סעזאָן רופט ביי מיר שטענדיק אַרויס וואַרעמע געפילן און זיסע דעראינערונגען. די טרופּע איז געווען אַזאַ פריינטלעכע, אַזוי האַרציק איינער צום צווייטן, עפּעס ווי איין משפּחה. מיט מיר אין דער טרופּע זיינען געווען מיין ערשטער מאַן, לאַזאַר פריד, מיין מאַמע, מיין שוועסטער לילי מיט איר מאַן, לודוויג זאַץ. זאַץ האָט נאָך דאַן שווער געקעמפט פאַר אָנערקענונג. עס זיינען אויך געווען דוד באַראַץ און מישאַ און לוסי גערמאַן.

די מאַמע, לילי, לודוויג, איך און לאַזאַר האָבן געוואוינט אין איין דירה. איז פאַרשטייט זיך, דער הויפּט פאַרזאַמלונגס־פּונקט געווען ביי אונז. חוץ די דערוואַקסענע, האָט אונזער הויז געהאַט נאָך אַן אַטראַקציע, דאָס איז געווען לילי׳ס און לודוויג׳ס ערשטע טעכטערל, צירעלע. זי איז כמעט געווען דאָס איינציקע פּיצעלע קינד צווישן דער גאַנצער טרופּע. איך האָב

זי משוגע ליב געהאַט. די גערמאַנס האָבן קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט. איז צירעלע, פאַרשטייט זיך, געווען אַלעמענס ליבלינג.

מישאַ גערמאַן האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען אַ זיידענער מענטש — איידל, פיין, ביז גאָר האַרציק. עס טוט ווי דאָס האַרץ, ווען מען כאַפּט זיך, אַז ער איז שוין כמעט אַ פאַרגעסענער. ער איז שוין דאַן געווען אַ גאַנץ אָנגעזעענער שוישפּילער און אַ גרויסער ליבלינג אויף דער פּראָווינץ. ער איז געווען יונג, שיין, געהאַט אַ שיינעם קאָפּ האָר, אַ פיינע פיגור און אַ זייער אָנגענעמע שטים. ער האָט אָבער שטאַרק געליטן אין זיין זשאַנער אַלס ליבהאָבער פון אַ חסרון. זיינע פיס זיינען ניט געווען קיין גלייכע, שלאַנקע; זיי זיינען געווען אַביסל אויסגעבויגן, קרומלעך...

אין יענע יאָרן, ווען מען פלעגט אָפט שפּילן היסטאָרישע פּיעסן, און דער ליבהאָבער פלעגט דאַרפן טראָגן „טאַיטס״, האָבן גערמאַנ׳ס קרומע פיס אים שטאַרק געשטערט און ער האָט דערפון געהאַט אַ סך ערגערניש...

מיר וועט נאָך אויסקומען אין גאַנג פון מיין קאַריערע, פיל מאָל צו דערמאָנען דעם פיינעם, איידלען, וואונדערלעכן חבר און פריינט, דעם פאָר דער צייט געשטאָרבענעם מישאַ גערמאַן, און אויך זיין פרוי, די טאַלאַנט־פולע, באַרימטע לוסי גערמאַן, מיט וועלכער איך האָב צוזאַמען געשפּילט.

זיצן מיר איינמאָל אַ בייטאָג ביי אונז אין שטוב, צאַצקען זיך אַלע מיט אונזער צירעלע׳ן, קוועלן אָן פון אירע חכמה׳לעך און חנ׳דעלעך. ערשט מישאַ קומט אַריין. צירעלע לאָזט אונז אַלעמען איבער, און לויפט אים אַנטקעגן. ער שטייט שוין אָנגעבויגן, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זי שפּרינגט אַרויף, ער כאַפּט זי אויף די הענט. זי וויקלט זיך אַרום מיט אירע הענטעלעך אַרום זיין האַלז, קושט אים, גלעט אים, קעמט מיט אירע פינגערלעך זיינע שיינע האָר. ער איז גליקלעך, ער צעגייט זיך פון נחת און פרייד.

מיטאַמאָל האָט זי זיך פון אים באַפרייט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, און אים געזאָגט: „גיי אַביסל אַרויף און אַראָפּ״.

ער בויגט זיך אַראָפּ צו איר, וויל זי ווידער נעמען אויף די הענט, אָבער זי לאָזט זיך ניט. ווי באַפעלעריש זאָגט זי צו אים ווידער: „גיי אַביסל אַרויף און אַראָפּ, זאָג איך דיר!״ און ווייזט מיטן הענטל צו דער צווייטער זייט פון דער שטוב.

מישאַ האָט איר צוליב געטאָן און זיך געלאָזט גיין איבערן צימער. זי האָט מיט אָנגעשטרענגטע אויגעלעך געקוקט אים אויף די פיס. ווען ער

איז צוריקגעקומען צו איר, האָט זי שאָקלענדיק איר קעפּעלע פון אויבן־אַראָפּ, מיט אַ זיפץ און זייער ערנסטע מינע, געזאָגט: „יאָ, יאָ, דו האָסט קרומע פיס...״

מישאַ און מיר אַלע זיינען געוועזן אויסער זיך. אַ מינוט איז שטיל געווען און באַלד האָבן אונזערע געלעכטערס פאַרהילכט די שטוב...

ווילט זיך מיר דאָ פעסטשטעלן, אַז יענע ראָלעכל מיינע אין „אידישן קעניג ליר״, האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר „מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע״. עפּעס ווי איך וואָלט דערביי ניט געווען... ניט איך האָב געטראַכט ניט איך האָב געפילט. איך האָב אַרויסגערעדט די עטלעכע ווערטער וואָס מ׳האָט אין מיר אַריינגערעדט. אָבער די רעצענזענטן און די „פּובליסיטי אַגענטן״ האָבן געמיינט, אַז זייער באַשרייבונג וועט בעסער קלינגען דערמיט וואָס זיי קענען דערציילן, אַז אַזוי יונג ווי צוויי און אַ האַלב יאָר, האָב איך שוין געשפּילט טעאַטער. האָב איך ניט געוואָגט זיי צו ווידערשפּעניגן... אַקטיאָרישע שוואַכקייטן... איצט אָבער, אויפן וועג „פון דעם יאַריד״ מעג איך שוין, וואָג איך שוין . . .

וואָס איך האַלט באמת פאַר מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע איז מיין ראָלע אין „פּאַפּאַ״ פיינמאַנ׳ס פּיעסע, „חנה׳לע די פינישערין״. פיינמאַן האָט די פּיעסע ספּעציעל געשריבן פאַר מיין מאַמען. זי האָט זיך אין דער ראָלע שטאַרק אויסגעצייכנט.

זי שפּילט אַן אָרעם שאַפּ־מיידל. איר טאַטע, געשפּילט פון פיינמאַנ׳ען אַליין, איז אויך אַן אָרעמער און פּראָסטער מענטש. אין איר פאַרליבט זיך אַן אַריסטאָקראַטישער גביר׳ישער זון, געשפּילט פון מאַקס ראָזנטאַל.

ער איז געווען פון אונזערע גאָר פיינע שוישפּילער; און די ראָלן פון אַן אַריסטאָקראַט האָבן אים באמת זייער געפּאַסט... מיט זיין פיינער האַלטונג און שיינע מאַנירן האָט ער אין אַזעלכע ראָלן אַלעמאָל געהאַט גרויס דערפאָלג.

די רייכע עלטערן זיינען גוואַלדיק קעגן שידוך. זיי האָבן שוין פאַר אים צוגעגרייט אַ רייכע כלה... האָט ער אין געהיים חתונה מיט זיין געליבטער חנה׳לע, און איך קום אויף דער וועלט... ער קען אָבער זעלטן קומען צו מיין מאַמען און מיר, ווייל ער האַלט זיין חתונה פאַר אַ סוד פון זיינע עלטערן. איז אונז טאַקע זייער שלעכט. מיין מאַמע לײדט נעבעך אָן אַ שיעור און מיר פעלט אויך ניט קיין צרות. דאָס קאָמישע פּאָרל אין דער פּיעסע איז געווען זיגמונג מאָגולעסקאָ און סאַבינאַ וויינבלאַט. דאָס איז געווען אַ גליק פאַרן עולם, ווען זיי האָבן שוין מער קיין כח ניט געהאַט צו וויינען פון די לייד און יסורים, וואָס מיין מאַמע, מיין זיידע, און איך האָבן

זיי אונטערגעטראָגן, פלעגט קומען מאַגולעסקאַ מיט זיין צויבער און חן און האָט זיי פאַרגיטיקט מיט אַ סך פרייד און געלעכטער...

הפנים, אַז דערפאַר וואָס מיין אמת׳ע מאַמע, דיינע פיינמאַן, איז געווען מיין אָרעמע, ליידנדיקע מאַמע אין דער פיעסע און מיין „פּאַפּאַ״ פיינמאַן, דער איינציקער טאַטע וואָס איך האָב אין יענע יאָרן געקענט, איז געווען מיין צעבראָכענער, צעוויטיקטער זיידע — דאָס קען זיין האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, אַז די ראָלע זאָל ביי מיר אַרויסקומען אַזוי נאַטירלעך. מיין מיטגעפיל און מיינע טרערן איבער מיין מאַמעס צרות זיינען געווען אמת׳ע און עכטע. מיין רחמנות צו מיין זיידן, איז געקומען טיף פון מיין יונג הערצעלע.

געדענק איך, אַז ווען פיינמאַן האָט מיט מיר געלערנט די ראָלע, פלעג איך ביי געוויסע סצענעס זיך קעגנשטעלן און ווערן זיי טאָן אַנדערש ווי ער האָט מיר געוויזן. און ווייל די סצענעס פלעגן ביי מיר אַרויסקומען זייער נאַטירלעך, האָט ער מיר געלאָזט גיין מיין וועג. איך האָב דאָרט געהאַט אַ סצענע, וואו איך שטאַרב אויף דער בינע. איך ליג אַ שווער קראַנקע, נעבעך אין בעט, און נאָכדעם ווי איך זינג אָפּ מיט מיין זיידן, דעם זייער טרויעריקן דועט, וואָס איך האָב אייך שוין איבערגעגעבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, דאַרף איך אויסהויכן מיין לעצטן אָטעם.

ליגט מיר נאָך אין זכרון דער שטאַרקער געפיל פון רחמנות, וואָס האָט מיך אַרומגענומען צו זיך אַליין. פון מיינע אויגעלעך האָבן גערונען אמת׳ע טרערן. איז די גאַנצע סצענע אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך, אַז דער עולם אין טעאַטער איז ממש צעגאַנגען פון געוויין.

דורך מיין טויט ווערט מיין מאַמע געהאָלפן. ביי די רייכע אַריסטאָקראַטן ווערן די הערצער ווייכער, און זיי לאָזן זייער זון, מיין טאַטע אין דער פיעסע, זיך אומקערן צו מיין מאַמען, און אַלעמען ווערט גוט און וואויל. מאַגולעסקאַ, וועלכער איז געווען אַ משרת ביי די רייכע אַריסטאָקראַטן, טאַנצט און זינגט, דער עולם אין טעאַטער איז זיך גאָר מחיה. און איך, שטייענדיק הינטער די קוליסן, שוין נאָכדעם ווי איך בין געשטאָרבן, נאָכקוקנדיק מאַגולעסקאָ׳ס חנ׳עוודיקע שטיק, האָב דאַן אין מיין יונג מוח׳ל באַשלאָסן, אַז שטאַרבן איז גאָרניט אַזאַ שרעקלעכע זאַך...

איך בין דאַן אַלט געווען אַרום זעקס יאָר. הפנים אַז נאָך מיין גרויסן דערפאָלג אין „חנה׳לע די פינישערין״, האָט פיינמאַן אין פילע פיעסן זיינע געפּרואווט שרייבן אַ ראָלע פאַר מיר.

געדענק איך אַ ראָלע וואָס איך האָב געשפּילט אין זיין פיעסע „דער אידישער וויצע קעניג״, אַ דראַמאַטישע אָפּערעטע, אַלאַ „זשידאָווקאַ״. דאָס

האָט געהאַט צו טאָן מיט דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, מיט דעם לעבן פון די „מאַראַנען" — די פאַרשטעלטע, באַהאַלטענע אידן. איך האָב געשפּילט אַ אידיש אינגעלע אין שפּאַניע, ביי אַזאַ „מאַראַנען"־משפחה. לעבן מיר אין באַהעלטעניש, דאַרפן זיך היטן, אַז קיינער זאָל אונז חלילה ניט כאַפּן, אַז מיר פירן אַ אידיש לעבן. ווייל טאָמער כאַפּט מען אונז, וועט מען אונז איבער־געבן צו דער אינקוויזיציע, און ס׳וועט אונז שוין קיין צרות ניט פעלן...

מיין טאַטע אין דער פּיעסע האָט געשפּילט דוד קעסלער; מיין מאַמע — די באַרימטע, כמעט די ערשטע פּרימאַדאָנע אין אידישן טעאַטער, די אומ־פאַרגעסלעכע רעגינאַ פּראַגער. איר נאָמען טראָגט מיט זיך אַ שטיק גע־שיכטע פון אונזער טעאַטער.

וועט איר מיר מוחל זיין, ווען איך וועל אויף אַ מינוט דאָ פאַרצייכנען אַ געפיל מיינעם, וואָס נאָגט און פייניקט מיך, פון זינט איך האָב אָנגעהויבן „מיין דערציילן". איך פיל צו אָפט אַזוי שטאַרק דעם ווייטיק, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל, אַזאַ ריזיקע מערהייט פון די וואָס מיר קומט אויס אין מיין געשיכטע צו דערמאָנען, זיינען שוין מער ניטאָ מיט אונז — ניט נאָר פון ערשטן דור, נאָר אפילו פון מיין אייגענעם דור, די מיט וועמען איך האָב געשפּילט, געלעבט צוזאַמען, געשטרעבט, געפרייט זיך, און אויך אינאיינעם געליטן, געקעמפט... אַזוי וויניק פון זיי, זיינען געבליבן... טוט ווי דאָס האַרץ... ס׳ווערט אַזוי טרויעריק־באַנג... איז זייט מיר מוחל די נאָטקע פון טרויער וואָס איך האָב דאָ אָנגערירט...

יאָ, איז, הייסט עס, רעגינאַ פּראַגער, געווען מיין מאַמע אין „אידישן וויצע־קעניג". געדענק איך ווי זי האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך שרעק און ציטערניש...

ווי געזאָגט, לעבן מיר ווי באַהאַלטענע אידן. יעדעס פּיצל אידישקייט וואָס מיר ווילן אָפּהיטן דאַרפן מיר טאָן שטיל און אין דער גרעסטער באַ־העלטעניש. איז אין ערשטן אַקט פון דער אָפּערעטע דאָ אַ סצענע פון פּרייטיק פאַרנאַכט, קבלת שבת. מיין מאַמע, די פּראַגער, הייסט עס, דאַרף בענטשן ליכט, פאַרשטייט זיך, אַז מען פאַרמאַכט און מען פאַרהענגט די פענסטער, מען פאַרמאַכט די לאָדן — קיינער זאָל עס, חלילה, ניט זען אָדער הערן.

פלעגט זיך די פּראַגער אַוועקשטעלן ביים טיש אין דער פרומער פּאָזע פון ליכט־בענטשן און האָט אויף איר ריזיקער סאָפּראַנאָ־שטימע, געזונגען אַ ליכט־בענטשן אויף פופצן מינוט גאַנצע... די הויכע טענער אירע האָבן ממש די הימלען געשפּאָלטן... אין יענע יאָרן איז איר שטימע געווען זייער, זייער שטאַרק...

## פון מיינע יאָרן אַלס קינדער־ראָליסטקע

זיגמונד פיינמאַן און איך אין „וויצע־קעניג"

## 4 קינדער־ראָלן

געדענק איך ווי אין מיין ראָלע אַלס דאָס שפּאַנישע אינגעלע, פּלעג איך מורא האָבן און ציטערן, אַז אָט־אָט וועט מען זיך אַריינרייסן און אונז אַלע־מען אַוועקפירן צו דער אינקוויזיציע — אַזוי אַריינגעלעבט בין איך געווען אין מיין ראָלע. איך געדענק אַפילו, ווי איינמאָל, גרייטנדיק זיך אויף דער בינע פאַר דער סצענע פון ליכט־בענטשן, האָב איך זיך שטיל געבעטן ביי איר, זי זאָל עס מאַכן שטילער אַביסל... „זיי" קענען עס דאָך דער־הערן.

די פּראַגער, האָט מיט אירע שיינענדיקע אויגן, אַ היפּשע ווילע געקוקט אויף מיר און גלעטנדיק מיך איבער מיין בעקעלע געזאָגט: „ס'איז גוט וואָס דו פילסט אַזוי, מיין קינד. דער עולם אין טעאַטער פילט אויך אַזוי, איז דאָס אויך גוט. וועסט עלטער ווערן, ציליקו, וועסטו עס בעסער פאַרשטיין..."

מיין ראָלע אין יענער פּיעסע האָט ניט געהאַט קיין שפּיל־סצענעס וועגן וועלכע עס איז כדאי צו דערציילן. איך האָב אָבער געזונגען אַ סאָלאָ, וואָס איך געדענק די ווערטער. איך גלויב אַז עס איז ווערט זיי איבערצוגעבן:

ווען דער מענטש איז נאָך יונג,
איז אים אַלעס זייער גרינג,
אָבער ווען ער ווערט שוין אַלט,
פאַרלירט ער זיינע קרעפטן באַלד.
איביק לעבט נאָר גאָט אַליין!
ער ווערט קיינמאָל ניט אַלט, אַ ניין...

דאָס קאָמישע פּאָרל אין דער פּיעסע זיינען געווען דער באַרימטער בוף־קאָמיקער, בערל בערנשטיין, און די דאַן באַרימטע סוברעטין, מערי ווילענסקי. אַ פּאָר שורות פון זייער קאָמישן דועט איז כדאי איבערצוגעבן:

סעראַפינע, זאָג אַליין:
ווילסטו מיט מיר הייראַטן?
איך ליב דיך, ווייל דו ביזט דאָך שיין
ווי אַ געגזענער בראָטן...

קום איך איצט צו אין „מיין דערציילן", צו די פריידיקסטע זכרונות פון מיין קינדער־קאַריערע אויף דער אידישער בינע, דער סעזאָן פון 1898־99 אין טאַליא טעאַטער, ווען איך בין אויפגעטראָטן אין מיין ערשטער קינדער־ראָלע, אין יעקב גאָרדינ'ס רעפּערטואַר. איך בין שוין דאַן געווען אַ מויד פון ניין יאָר, מער־ווייניקער געוואוסט „וואו־איין און וואו־אויס". שוין אפילו

אויף מיין קינדערישן אופן געהאַט אַ שטיקל באַגריף וואָס עס טוט זיך אין אונזער טעאַטער־וועלט.

געדענק איך זייער גוט דעם ציטער אין מיין האַרץ, ווען איך בין געזעסן נעבן מיין מאַמען, אויף דער בינע אין „טהאַליע טעאַטער״, בשעת יעקב גאָרדין האָט פאָרגעלייענט פאַר דער טרופּע זיין נייע דראַמע „מירעלע אפרת״. איך געדענק אויך מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ און אָפּשיי איך האָב געקוקט אויף דעם וואונדערלעך־אימפּאָזאַנטן קאָפּ פון יעקב גאָרדין מיט דער שיינער, שוואַרצער באָרד, דורכגעוועבט מיט שטאָל־גרויע פעדעם. איך האָב אַפילו געפילט אַ געוויסע שרעק און זיך כסדר געטוליעט צו מיין מאַמען.

איך האָב שוין דאַן אַ סך געהערט פון גאָרדינ׳ס שטרענגער באַציאונג צו די שוישפּילער ביי פּראָבן און פאָרשטעלונגען פון זיינע פּיעסן. ניט איינמאָל האָב איך בייגעוואוינט הינטער די קוליסן די אומרואיקייט און נערוועזיטעט פון די שוישפּילער. ווען שפּילנדיק זיינע אַ פּיעסע האָט מען זיי געלאָזט וויסן: „זייט פאָרזיכטיק מיט אייער פּראָזע; גאָרדין איז דאָ אין טעאַטער״... ניט איין אַקטיאָר און אַקטריסע האָבן געקראָגן אַ מיאוס׳ן פּסק פון אים פאַר רעדן, וואָס איז באַקאַנט אין טעאַטער־לשון, אַלס „אַרבל־פּראָזע״, אין זיינער אַ פּיעסע...

ווי אַ ביישפּיל פון זיין שטרענגקייט, זיין אַנטשלאָסנקייט, ניט צו דער־לאָזן קיין הפקרות אין זיינע פּיעסן, מוז איך אייך דאָ דערציילן אָט־דעם זייער טשיקאַוון עפּיזאָד:

דאָס איז געשען נאָך גאָר אין אָנהויב פון זיין קאַריערע אַלס דראַמאַטורג. אין דעם רומעניען אָפּעראַ־הויז, אויף דער באַוערי, איז אויפגעפירט געוואָרן זיין צווייטע אָדער דריטע פּיעסע, „דער פּאָגראָם״. אין דער פּיעסע איז דאָ אַ ראָלע פון אַ פּריסטאַוו (אַ רוסישער פּאָליציי־באַאַמטער). גאָרדין האָט געוואָלט, אַז די ראָל זאָל גערעדט ווערן אין רוסיש, האָבן טאָמאַשעפסקי און פינקל האָט גע׳פּועל׳ט ביי אים, אַז ער אַליין טאָקע זאָל שפּילן די ראָלע. זיין שיינע באָרד און זיין פּרעכטיקער רוסיש זיינען געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער ראָלע. גאָרדין האָט זיך געלאָזט איינרעדן.

ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג זיצט דער פּריסטאַוו ביים אידן אין שטוב. מען דאַרף ביי אים אויס׳פּועל׳ן אַ טובה פאַר די אידן פון שטעטל. די באַלעבאָסטע פון שטוב, געשפּילט פון דער בעסטער אידישער מאַמע וואָס די אידישע בינע האָט פאַרמאָגט, בינאַ אַבראַמאָוויטש, טראָגט אים צו אַ טעלער מיט געפילטע פיש און זאָגט אים מיט אַ חניפה־שמייכעלע: „עסט געזונטערהייט״.

דאָס איז געווען אין איר ראָלע. אָבער די אַבראַמאָוויטש האָט מיט איר עכט־אידישן אינסטינקט דערפילט, אַז עס איז זייער נאַטירלעך, זי זאָל שטיל, אין אַ זייט, צוגעבן אויפן חשבון פון שלעכטן גוי׳אישן פּריסטאַוו: „אַז דערוואָרגן זאָל ער ווערן״... עס קען זיין, אַז ווען גאָרדין וואָלט די פּיעסע געשריבן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען ער איז טיפער אַריינגעדרונגען אינם אידישן שטייגער לעבן, וואָלט ער די פראַזע אַליין אַריינגעשריבן. דעמאָלט אָבער, ווען ער האָט עס דערהערט פון דער אַבראַמאָוויטש, האָט ער אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין טיש און מיט כעס אויסגעשריען: „פּערעסטאַנטיע; עטאָ ניע נאַפּיסאַנאָ!״... (הערט אויף, דאָס איז ניט אָנגעשריבן). אַ גליק, וואָס ער האָט עס געזאָגט אין רוסיש, ווי די ראָלע האָט עס געפאָדערט. אים איז דאַן, אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, סיי־ווי געווען שווער צו רעדן אידיש, אַזוי אַז דער עולם האָט ניט געקענט כאַפּן אַז דאָס רעדט ער אויס דער אַבראַמאָוויטש פאַר איר „אַרבל־פראַזע״...

ביז יעקב גאָרדין, האָבן די פּיעסן־שרייבער בכלל געהאַט אַ קנאַפּע דעה אויף דער בינע. די אַקטיאָרן האָבן געטאָן מיט די פּיעסן וואָס נאָר עס האָט זיך זיי געוואָלט. עס האָט גאָרדינ׳ען געקאָסט אַ סך פאַרדרוס און האַרצווייטיק ביז עס איז אים געלונגען איינצושטעלן אַ שטרענגע דיסציפּלין מצד די אַקטיאָרן צו זיינע פּיעסן. פונדעסטוועגן פלעגט מען צייטנווייז, אין זיינע פּיעסן, זיך אויך דערלויבן עפּעס אַריינצו׳גנב׳ענען, ווען ער איז ניט געווען דערביי.

אַזוי, למשל, האָב איך מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער בייגעוואוינט אַזאַ סצענע ביי אַ פאָרשטעלונג פון זיין באַרימטער דראַמע „גאָט, מענטש און טייוול״. דער לעצטער אַקט איז ביי גאָרדינ׳ען איינגעטיילט אין דריי בילדער — דאָס ערשטע בילד, אין דער אָרעמער הויז פונם האָרעפּאַשניק, „כאַצקעל דראַכמע״, ווען מען ברענגט זיין זון, מאָטעלע, אַ האַלב־טויטן, פון דער טליתים־פאַבריק, וואו אַ מאַשין האָט אַריינגעכאַפּט זיין האַנט; דאָס צווייטע בילד — אויפן הויף פון הערשעלע דובראָוונער׳ס פאַבריק, תיכף נאָכן אומגליק מיט מאָטעלע׳ן; דאָס דריטע בילד — ביי הערשעלע׳ן אין קאַנטאָר, ווען ער מאַכט זיין לעצטן חשבון הנפש און דערווערגט זיך מיטן פאַרבלוטיקטן טלית, אין וועלכן מען האָט מאָטעלע׳ן געבראַכט אַהיים.

אַזעלכע דריי בילדער, מיט פאַרשידענע דעקאָראַציעס, איז ביי יענע טעכניש אָרעמע בינע מיטלען ניט געווען קיין גרינגע אַרבעט. האָט קעסלער זיך דערלויבט נאָך די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען, ווען גאָרדין פלעגט שוין ניט קומען אין טעאַטער צו יעדער פאָרשטעלונג, אַרויסצוואַרפן דאָס ערשטע בילד.

איז אָט בין איך גראָד הינטער די קוליסן פון טהאַליע טעאַטער ביי אַזאַ פאָרשטעלונג. מען דאַרף באַלד אָנהויבן דעם לעצטן אַקט; די בינע איז צוגעגרייט פאַרן צווייטן בילד. אַ מינוט איידער דער פאָרהאַנג דאַרף זיך אויפהויבן, קומט צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער שטאָפּעט מיט דער מעלדונג, אַז גאָרדין איז אַריין אין טעאַטער. אַ פיבערהאַפטע איילעניש האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט די אויסרופן: „דאָס ערשטע בילד גייט! דאָס ערשטע בילד גייט!" די בינע־אַרבעטער האָבן מיט אימפּעט געכאַפּט בייטן די דעקאָראַציעס. די שוישפּילער האָבן אין איילעניש זיך גענומען איבערטאָן. אין עטלעכע מינוט איז דער פאָרהאַנג אַרויף אויפן ערשטן בילד...

איר ווערט איצט בעסער פאַרשטיין מיין שרעק און ציטערניש ביי יענער פאָרלעזונג. ניט נאָר איך אַליין האָב אַזוי געפילט; אַלע שוישפּילער האָבן מיטן גרעסטן ערנסט זיך צוגעהערט צו דער פּיעסע. עס איז ניט געווען די אַקטיאָרישע לייכטזיניקייט, די געוויינלעכע שפּאַסן און וויצן אויפן חשבון פון אויטאָר און זיין פּיעסע.

ווייל איך דאָ פאַר אייך אויסרעכענען דעם פּערסאָנאַל און די שוישפּילער, וואָס האָבן געשפּילט ביי דער פּרעמיערע פון „מירעלע אפרת", דעם 19טן אויגוסט 1898:

מירעלע אפרת — קעני ליפּצין;
יאָסעלע, איר זון — דוד קעסלער;
דאָניע, איר צווייטער זון — סעמיועל טאָביאַס;
מחלה, איר דינסט — מערי עפּשטיין;
רב שלמון, איר פאָרוואַלטער — מאָריס מאָשקאָוויטש;
נחומ׳צע חנה דבורה׳ס — סעמיועל טאָרנבערג;
חנה דבורה, זיין ווייב — מערי ווילענסקי;
שיינדעלע, זייער טאָכטער — דיינע פיינמאַן;
שלמה׳לע — צילי פיינמאַן.

איז, ווי תמיד, דערוועקט עס אין מיר אַ געפיל פון נאָסטאַלגישן ווײ, ווען איך רעכן אויס אַזאַ טרופּע. און איך פיל, אַז עס איז אַ כבוד און פאַר־געניגן צו זיין איינע פון זיי. איז מיין ווײטיק איצט שטאַרקער, ווען איך כאַפּ זיך, אַז פון זיי אַלע בין איך איצט די איינציקע לעבן־געבליבענע...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז אין „מירעלע אפרת" געווען מיין ערשטע קינדער־ראָלע אין דעם גאָרדין־רעפּערטואַר. מיט מיר אין יענער טרופּע איז געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק יונגער שוישפּילער, וועלכער האָט

אויך דאָן צום ערשטן מאָל געשפּילט אין גאָרדינ׳ס אַ פּיעסע. דאָס איז געווען דער ביז־גאָר פיינער, אינטעליגענטער, עכט־טאַלאַנטירטער און זייער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער־קאָמיקער, סעמיועל טאָרנבערג. ער האָט זיך אין גאָרדינ׳ס רעפּערטואַר באמת געפונען. זיין נחומ׳צע חנה דבורה׳ס און זיין לייזער בדחן, זיינען געווען הויך־קינסטלערישע שאַפונגען. איז באמת אַ שאָד, וואָס דער גרויזאַמער טויט האָט אים אַזוי יונג ביי אונז אַרויסגעריסן. ער איז געשטאָרבן אין 1911, קוים אין ניין־און־דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן. אין „מירעלע אפרת״ האָט ער געשפּילט אַלס מיין זיידע, און טאַקע מיט אים מאַך איך עס אין פערטן אַקט מיין ערשטן אויפטריט אין דער פּיעסע.

די סיטואַציע איז אַזאַ: מען גרייט זיך צו מיין בר־מצוה. מיין זיידע לערנט מיט מיר די דרשה, וואָס ער אַליין טאַקע האָט מיט בריה׳שקייט צוגעגרייט. מיינע עלטערן, יאָסעלע און שיינדעלע, האָפן שטאַרק, אַז צוליב מיין יום־טוב וועט מיין באָבע, „מירעלע אפרת״, זיך איבערבעטן מיט זיי. שוין מער ווי צען יאָר אַז זי איז מיט זיי צעקריגט.

אַלס דריי־יאָריק קינד, ווען די קריגעריי איז פאָרגעקומען, ווייס איך דערפון גאָרניט, אָדער זייער, זייער ווייניק. מיך האָט זי אָבער שטאַרק ליב, מיין גרויסע, שטאָלצע באָבע. איך האָב איר אויך שטאַרק ליב. זיץ איך מיט מיין זיידן און חזר די דרשה. אָבער מיינע געדאַנקען זיינען אַלץ פאַרנומען מיט דער „גרויסער באָבע״ מיינער, און מיט די חוזק־רייד וואָס די אינגלעך אין חדר און אין גאַס רייצן זיך מיט מיר וועגן מיין ברוגז׳ער באָבע. ווען איך דערצייל דעם זיידן מיינעם, רב נחומ׳צע חנה דבורה׳ס, וועגן מיין געשלעג מיטן אינגל פאַר דעם חוזק־לידל, וואָס ער האָט מיר נאָכגעזונגען: „שלמה׳ל זשאַבע, אַרויסגעטריבן די באַבע״... דערצייל איך עס ניט מיט אינגלשער באַרימעריי, נאָר מיט טיפן ווייטיק, מיט אַ טרערן־דערשטיקטן קול...

געדענק איך, ווי נאָר די סצענע האָט זיך געענדיקט ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג, און איך בין אַראָפּ פון דער בינע, האָב איך דערזען יעקב גאָרדין שטיין מיט מיין מאַמען. זי האָט געשפּילט שיינדעלע, מיין מאַמע, אין דער פּיעסע. גאָרדין האָט מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט: „דאָס איז פאַר דיין שפּילן, צילי. דו האָסט מיין שלמה׳לען זייער אַן אידעלע נשמה אַריינגעגעבן, דו האָסט מיר אַ סך פרייד פאַרשאַפט״.

מיין מאַמע האָט געקוקט אויף מיר מיט שיינענדיקע, גליקלעכע אויגן.

אין אַ שפּעטערדיקער סצענע זיץ איך אויף דער בינע מיט מיין טאַטן, יאָסעלע, דוד קעסלער. איך האָב שוין געהערט, אַז מיין „גרויסע באָבע״

וויל צו מיין בר־מצוה ניט קומען, איך דערפרעג זיך ביי אים ווער עס איז באמת שולדיק אין דעם לאַנגיאָריקן ברוגז. ער פּרוּאווט עס מיר דער־קלערן, וואַרפט די שולד אויף זיך און אויף אַלעמען. פון זיינע רייד קומט אַרויס זייער קלאָר, אַז עס איז שוין זיכער אַז די באָבע וועט צו מיין יום־טוב ניט קומען. און ווי צו טרייסטן מיך, נעמט ער אַרויס פון זיין קעשענע אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט און זאָגט: „אָבער זע ווי זי האָט דיך ליב; זי האָט דיר געשיקט אָט־דעם זייגער מיט דער קייט. „די דרשה", זאָגט זי, „וועל איך טאָקע ניט הערן, אָבער אַ מתנה פון מיר דאַרף ער האָבן". ער גיט מיר דעם זייגער.

זיץ איך און האַלט דעם זייגער אין מיינע הענט, אָבער איך קוק ניט אויף דעם. מיינע אויגן קוקן פאַראויס, אין דער ווייט, און מאַך ווי איך טראַכט. און פּלוצלונג טו איך זיך אַ שטעל־אויף, ווי איך האָב עפּעס באַשלאָסן. איך זאָג מיין טאַטן מיט זיכערקייט אין מיין קול: „טאַטעניו, איך וועל אַליין גיין צו איר; איך וועל איר זאָגן: אַז איר ווילט ניט הערן מיין דרשה, באָבעניו, וויל איך ניט אייער זייגער... און איך וועל איר נאָך אַ סך, אַ סך זאַכן זאָגן... זי וועט קומען מיט מיר".

נאָך דער פאָרשטעלונג, אויף דער בינע, האָט מען לאַנג אַפּלאָדירט. דער פאַרהאַנג האָט זיך אַ סך מאָל געהויבן. יעקב גאָרדין איז געווען זייער אויפגעלייגט. ער האָט יעדן שוישפּילער באַזונדער שטאַרק קאָמפּלימענטירט. מיך האָט ער פון זיך ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט מיר געגעבן אַ „שטרויענעם שאַכטל מיט שאָקאָלאַד", מיך שטאַרק געליובט פאַר דער סצענע מיטן זייגער:

„ווען דו האָסט זיך פאַרקוקט פאַראויס, האָב איך אין דיינע אויגן געקענט זען ווי דיין מוח'ל אַרבעט און פּלאַנט אויס אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן דיין באָבען. איך בין זיכער, אַז דער גאַנצער עולם האָט עס אויך געזען אין דיינע אויגן... צילי, איך וויל אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז ווען דו וועסט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסע שוישפּילערין — איך בין זיכער אין דעם — זאָלסטו שטענדיק געדענקען, אַז דער שוישפּילער מוז זיך באַציען מיט דרך־ארץ צו דעם וואָס דער אויטאָר האָט אָנגעשריבן... דאָס געשריבענע וואָרט זאָל ביי דיר קיינמאָל ניט ווערן הפקר! געדענק עס, צילי".

ער האָט מיר נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן אין שטערן. איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן אים צוגעזאָגט. איך האָף, אַז איך האָב מיין צוזאָג געהאַלטן... עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, ווען נאָר איך האָב געשפּילט אין זיינער אַ פּיעסע, פלעגט ער מיר דערלאַנגען — פון טעאַטער אַרויף צו דער בינע — אַ שטרויענע שאַכטל שאָקאָלאַד...

„די דריי־ניינטלעך" — דאָס איז ניט קיין נאָמען פון אַ פּיעסע, אין וועלכער איך האָב געשפּילט אַ קינדער־ראָלע. דער נאָמען האָט אָבער יאָ צו־טאָן מיט דער צייט וואָס איך האָלט איצטער אין באַשרייבן, די צייט ווען איך בין געווען אַ קינדער־ראַליסטקע אין אידישן טעאַטער. ס'האָט אויך צו־טאָן מיט אַ מאָמענט אין מיין לעבן, ווען איך האָב זיך געפונען פאַר דער שווערער פּראָבלעם, צו מאַכן דעם ריכטיקן אויסוואַל צווישן צוויי פייערדיק־הייסע ליבהאָבער מיינע, וואָס יעדער איינער איז זיכער געווען, אַז אים, און נאָר אים, מוז איך שענקען מיין אומבאַגרעניצטע ליבע...

אָבער געגנוג מיט דער רעטעניש, אָט וועל איך אייך קלאָר, דייטלעך און מיט אַ סדר דערציילן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

פּאַפּאַ פיינמאַן האָט אַרום יענער צייט, דאָס הייסט ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר, אויפגעפירט זיינע אַן אָפּערעטע מיטן נאָמען „די אידן אין מאַראָקאָ".

איז ניט אַזוי וויכטיק וואָס אין דער אָפּערעטע אין פאָרגעקומען. אָבער אין לעצטן אַקט קומט פאָר אַ באַל אין פּאַלאַץ פון סולטאַן, און ווי דער מנהג איז געווען אין די אָריענטאַלישע לענדער, ברענגט מען פאַר דעם הערשער אַלערליי פאַרוויילונגען — האַלב נאַקעטע, עקזאָטישע טענצערינס, קלעזמער מיט פאַרצייטיקע, פּרימיטיווע אינסטרומענטן, וואָס גיבן אַרויס מאָדנע קלאַנ־גען, צויבערער מיט גיפטיקע שלאַנגען, און כישוף־מאַכער מכל הסאָרטן...

האָט פיינמאַן אין יענעם אַקט פאַרן סולטאַן געבראַכט נאָך אַ סורפּריז: דריי אַראַבישע קינדער זינגען און טאַנצן אַ רעליגיעז־פּאַטריאָטיש ליד. די דריי קינדער זיינען געווען, אייבי סימאָנאָף (זיין פאָטער איז געווען דער לאַנג־יאָריקער אַקטיאָר משה סימאָנאָף), היימי סימאָוויטש, דעם גאַרדעראָבער סימאָוויטש'עס אַ אינגל, און איך, צילי פיינמאַן. די צוויי אינגלעך זיינען קיין אַקטיאָרן ניט געוואָרן.

דערפאַר איז אָבער אייבי'ס שוועסטער, בעטי סימאָנאָף, פאַר אַ לאַנגער צייט געווען אַ סטאַר־פּרימאַדאָנע אין אידישן טעאַטער. זי האָט באמת פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע שטימע.

אָבער, סיי־ווי, אין „די אידן פון מאַראָקאָ" האָבן מיר דריי, פאַרפּוצט אין שיינע אָריענטאַלישע קאָסטיומען, געזונגען אָט דעם טערצעט:

„אָ אַללאַ, אַללאַ, לעבן זאָל דער סאַידנאַ אַללאַ — אַ — אַ!

„ווער האָט נאָך אַזאַ גאָט ווי מאַכאַמעד?

„ער באַזאָרגט אונז אויך אפילו אין שלאָף מיט ראָזשינקעס אַפּפּילאָף (אַזאַ מאכל פון רייז).

איז אָט דער דריילינג — אייבי, היימי און איך — געוואָרן זייער פּאָפּולער

אין דעם אידישן טעאַטער־וועלטל, אַזוי אַז מען האָט אונז גענומען „פּיטשורן״ ווי אַ ספּעציעלע אַטראַקציע.

דער ערשטער דאָס צו טאָן איז געווען טאַקע דער אַקטיאָר משה סימאָ־נאָף. איר ווייסט דאָך, אַז אַקטיאָרישע בענעפּיטן זיינען געווען אַ וויכטיקער טייל פון אַן אַקטיאָרס פּרנסה פאַרן סעזאָן. די „סטאַרס״ און „האַלבע־סטאַרס״ פלעגן זייערע „בענעפּיטס״ רופן מיטן שענערן נאָמען „ערן־אָוונט״... און דאָס איז זיי געקומען „פּאָ קאָנטראַקטו״, דאָס הייסט, ווען זיי האָבן מיטן טעאַטער אָפּגעמאַכט פאַרן סעזאָן, איז אין זייערע קאָנדיציעס אויך געווען אַריינגערעכנט אַ פריער, אָדער האַלב־פרייער בענעפּיס אָוונט. צווייטע אָדער דריטע־קלאַס אַקטיאָרן פלעגן זיך אַליין מאַכן אַזאַ אָוונט דורכן סעזאָן.

די מער אַמביציעזע אַקטיאָרן פלעגן עס טאָן, ווייל ביי זייער אָוונט האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט זיך צו ווייזן אין אַ ראָלע, וואָס זיי האָבן שטאַרק געוואָלט שפּילן, אָבער לויט זייער „סטאַזש״ אין טעאַטער האָבן זיי צו דער ראָל אין געוויינלעכן גאַנג פון סעזאָן ניט געקענט צוקומען. ביי אַנדערע אַקטיאָרן איז עס פּשוט געווען אַן ענין פון מאַכן עטלעכע הונדערט דאָלער, וואָס זיי האָבן נויטיק געדאַרפט. פלעגן זיי אַליין אַרומגיין צווישן קרובים, פריינט, לאַנדסלייט און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פאַרקויפן די בילעטן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קענען ניט, ווי די „סטאַרס״, זיך פאַר־לאָזן, אַז דער עולם וועט אין גרויסע מאַסן קומען צו דער קאַסע קויפן בילעטן, בלויז דערפאַר ווייל ס׳איז זייער „ערן־אָוונט״...

דער אַקטיאָר משה סימאָנאָף איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש, ער האָט געוואוסט, אַז זיין נאָמען איז ניט גענוג צו ברענגען דעם עולם. ס׳איז אים אָבער געווען דערווידער צו גיין „פּעדלען״ מיט די בילעטן. איז אים איינגעפאַלן, אַז חוץ דער פּיעסע, וואָס ער האָט פאַר זיין אָוונט אַנאָנסירט, זאָל ער אויך צוגעבן אַן אַקט פון אַ באַרימטער אָפּערעטע, געשפּילט פון באַרימטן „דריילינג״.

וועל איך נאָך האָבן צו דערציילן פון אונזער שפּילן אין „שולמית״, „בר־כוכבא״ און אַנדערע אָפּערעטעס אין יענע יאָרן. מיר זיינען אַלע דריי דאַן געווען 9־יאָריקע קינדער, ווען מען האָט אונז באַטיטלט מיטן טשי־קאַוון נאָמען „די דריי־ניינטלעך״. דערווייל האָבן זיך אי איבי, אי היימי, שטאַרק פאַרליבט אין מיר און איינער דעם צווייטן געזוכט איבערשטייגן און אַרויסווייזן זייער שטאַרקע ליבע צו מיר. אָבער ווען אָט דער הייסער געיעג זייערער האָט דערגרייכט צו אַ פּונקט, ווען ס׳איז שיעור געקומען צו אַ מלחמה צווישן זיי — אפשר אַ „דועל״, ניט דאָ געדאַכט — האָט זייער לאַנג־יאָריקע חבר׳שאַפט זיי צום שכל געבראַכט, און ס׳איז ביי זיי

געבליבן, אַז זיי זאָלן עס אינגאַנצן לאָזן צו מיר. דאָס הייסט, איך אַליין זאָל באַשטימען ווער ס׳געפעלט מיר בעסער . . . זיי האָבן זיך געגעבן אַ תקיעת־כף, אַז מיין באַשלוס וועט ביי זיי זיין הייליק — דער פאַרלירער זאָל, ווי אַ „וואַרער ספאָרט״, אָננעמען זיין נידערלאַגע זייער גרויסמוטיק . . .

איך, אָבער, ביז, הפנים, געווען קליגער פון זייביידן. מיך האָט ניט געאַרט, אַז יעדער פון זיי זאָל דענקען, אַז ער, און נאָר ער, איז מיין גע־קרוינטער. למאי זאָל איך איינעם פאַרלירן? איך האָב זיי מיין ענטגילטיקן ענטפער קיינמאָל ניט געגעבן. מיט די פאַרשוואונדענע קינדער־יאָרן איז דער גוואַלדאָוונער ליבעס־געיעג אויך ערגעץ נעלם געוואָרן.

פון יענעם פעריאָד האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון צוויי זייער טשיקאַווע עפּיזאָדן. דער ערשטער באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון אומ־גליקלעכע בינע־צופאַלן, צו וועלכע אַקטיאָרן זיינען פון צייט צו צייט אונ־טערוואָרפן, וועלכע שטעלן זיי אָפּט אַוועק אין אַ זייער נאַרישער לאַגע פאַרן עולם. די הויפּט־ראָלן אין דעם עפּיזאָד האָבן געשפּילט, די אומפאַרגעסלעכע, די באַרימטע פרימאַדאָנע אונזערע, רעגינאַ פּראַגער, און דער באַליבטער זינגער, קלמן יאָוועליער. די פּראַגער איז אין פּריוואַטן לעבן געווען זייער אַ פרומע אידישע פרוי. ליכט בענטשן איז ביי איר געווען איינע פון די מצוות, וועלכע זי האָט זייער, זייער אָפּגעהיט. האָט עס געמוזט טרעפן אין איינעם פון די שפּעטע פרילינג־פּרייטיקס, ווען די זון גייט אונטער גאַנץ שפּעט, אַזוי, אַז ביז עס איז געקומען די צייט פון ליכט־בענטשן, איז שוין געווען אַ סך שפּעטער ווי זי גייט געוויינלעך אַוועק אין טעאַטער. איז זי געקומען אין טעאַטער גאָר שפּעט.

אין דער פּיעסע איז זי געווען די שיינע ליבהאָבערין, און דער ליבהאָבער איז געווען מורא׳דיק פאַרליבט אין איר. שטייט דער פאַרליבטער אויף דער בינע, און וואַרט אויף זיין האַרצנס־געליבטער, קוקט זיך נעבעך די אויגן אויס, אין דער זייט דורך וועלכער זי דאַרף זיך באַווייזן. איז אָט האָט ער שוין אָפּגעזאָגט די לעצטע ווערטער פון זיין ראָמאַנטישן ליבעס־אויסגוס, זי דאַרף שוין אַריינקומען און אַריינפאַלן אין זיינע אָרעמס — אָבער, זי איז ניטאָ. די סעקונדן אויף דער בינע ציען זיך לאַנגע. יאָוועליער האָט ניט וואָס צו זאָגן . . . ער איז אָבער זיכער, אַז אָט, אָט, און די פּראַגער וועט זיך באַווייזן . . . שטעלט ער אָן די האַנט אַריבער די אויגן, און שוין מיט אייגענע ווערטער לאָזט ער וויסן דעם עולם: „אָט זע איך זי שוין . . . אָט גייט זי . . . אָט קומט זי . . .״

אָבער די פּראַגער, קומענדיק שפּעט אין טעאַטער, האָט ערשט זיך גע־

דאַרפט גרימירן, אָנטאָן אַלטמאָדישע קליידער, זיך איבערטאָן פון קאָפּ ביז די פיס... דאָס האָט איר גענומען אַ היפּשע צייט...

ווען זי איז ענדלעך אין גרעסטן אימפּעט אַרויסגעלאָפן פון איר גאַרדעראָב, וויסנדיק, אַז זי האָט זייער פּאַרשפּעטיקט, האָט זי כּמעט געוואָלט איינשפּאָרן אַ פּאָר סעקונדן פון לויפן אויף דער צווייטער זייט בינע, וואו יאָוועליער האָט שוין געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז אָט זעט ער זי און האַלט שוין אויסגעצויגן זיינע אָרעמס צו איר (הינטער די קוליסן לאָזט מען אים וויסן, אַז זי קומט), איז זי אָבער אַריינגעלאָפן אויף דער בינע פּונקט פון דער אַנטקעגנדיקער זייט... איר קענט זיך אַליין שוין פאָרשטעלן יאָוועליער׳ס פאַרלעגנהייט...

דער צווייטער עפּיזאָד האָט שוין צו טאָן פון איין זייט מיט אַקטיאָרי־שער שוואַכקייט, און, פון דער צווייטער זייט, מיט שוישפּילערישער גאונות... איינער פון די צוויי איז דוד קעסלער, דעם נאָמען פון צווייטן וועלן מיר פאַרשווייגן. אויף דער זייט פון גאונות שטייט, פאַרשטייט זיך, דוד קעסלער.

אין דער אָפּערעטע איז געווען אַ סצענע, וואו אַן אַלטער גענעראַל פירט זיין אַרמיי צו דעם סולטאַן, ער זאָל זי געבן זיין אויסצייכנונג. די גאַנצע ראָלע פון דעם גענעראַל באַשטייט אין דעם, וואָס ער גייט דורך די בינע, מושטירנדיק זיין אַרמיי מיטן באַרימטן ריטם — „איינס־צוויי״, „איינס־צוויי״. איז, פאַרשטייט זיך, אָט די קליינע ראָלע אָנגעקומען איינעם פון די ווייניק־באַוואוסטע אַקטיאָרן. ס׳זיינען שטענדיק געווען אַזעלכע אין יעדער טרופּע.

וויל איך דאָ אונטערשטרייכן, אַז צווישן דעם סאָרט אַקטיאָרן זיינען אויך דאָ צווייערליי קאַטעגאָריעס: איינע באַשטייט פון אַקטיאָרן מיט אַמביציע, ווען ניט איז, זיך אַרויסהויבן פון דער קאַטעגאָריע. אַקטיאָרן וואָס האָבן אין זייערע קליינע ראָלן געפּרוּווט זוכן עפּעס מיט וואָס זיך אַרויסצואווייזן, געזוכט אַרויסצוברענגען עפּעס אַ פונק פון טאַלאַנט. און אַ סך האָבן טאַקע מיט דער צייט זייער אַמביציע דערגרייכט. אַ צווייטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון שוישפּילער וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט געגעבן די מינדסטע מי אפילו זייערע קליינע ראָלן אָפּשפּילן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ס׳איז שוין ביי זיי אַ פאַרפאַלענע זאַך. אַלע זיינען אויסן זיי מאַכן צו גאָרניט... ס׳לוינט זיי ניט זיך אָנצושטרענגען אויסצולערנען די עטלעכע ווערטער אפילו... זיי זיינען זיכער ביי זיך, אַז וואָלט מען זיי נאָר געלאָזט שפּילן למשל אַזאַ ראָלע ווי דוד משה׳לעס אין „קעניג ליר״ אָדער בן־ציון אין „מטורף״, וואָלטן זיי אַדלער׳ן „פאַרשטעקט אין גאַרטל״... אָדער גיט זיי, אדרבא, די ראָלע

פון הערשעלע דובראָוונער אָדער שלמה׳קע שאַרלאַטאַן״, און זיי וועלן קעס־לער׳ן מאַכן אַ וואַנע״...

דער אַקטיאָר אין מיין עפּיזאָד, וואָס האָט געדאַרפט שפּילן דעם אַלטן גענעראַל, איז געווען פון אַט דער צווייטער קאַטעגאָריע... קעסלער האָט נאָר וואָס געענדיקט דעם צווייטן אַקט. דער עולם האָט אים שטורמיש אַפּלאָדירט. אַראָפּגייענדיק פון דער בינע אַ צופרידענער, טרעפט ער זיך אָן מיטן אַקטיאָר וואָס שטייט שוין גרימירט און אָנגעטאָן פאַר זיין ראָל פון אַלטן גענעראַל, וואָס האָט זיין סצענע אין אָנהויב דריטן אַקט. זאָגט ער צו קעסלער׳ן:

„אָט איך, מר. קעסלער, איז גוט. ווי נאָר איר קומט אַרויף אויף דער בינע, פאַלט אויף אייך באַלד אַ „ספּאָט (ליכט־שטראָם). דאַרפט איר אַריבער־גיין אויף דער צווייטער זייט בינע, דער „ספּאָט״ גייט אייך נאָך. איר טוט זיך אַ שטעל אַוועק און קנאַקט אָפּ אַ מאָנאָלאָג, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט פראַזן און ווערטער, וואָס דער עולם מוז אַפּלאָדירן... איז אייך גוט און וואויל... קענט איר אַוודאי זיין דער גרויסער דוד קעסלער... אָבער וואָס האָב איך? וואָס קען איך טאָן מיט דער ראָלע מיינער, וואָס איז גרויס ווי אַ גענויק... מיט „איינס־צוויי, איינס־צוויי״ קען איך ביים עולם אַרויסרופן אַפּלאָדז?... ווען איר קריגט אַזעלכע ראָלן, וואָלט איר אויך קיין אַפּלאָדז ניט געקראָגן״...

דווקא דאַן איז קעסלער געווען אין אַ גוטער שטימונג און אים האָט זיך געוואָלט דעם אַקטיאָר טרייסטן. ער האָט אים ערנסט געפּרואווט דערקלערן, אַז מ׳קען אין יעדער ראָלע, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, געפינען עפּעס מיט וואָס זיך צו ווייזן. אָבער דער אַקטיאָר איז געבליבן ביי זיינס. קעסלער לאָזט אָבער ניט אָפּ, ער טוט מיטאַמאָל אַ פרעג דעם אַקטיאָר: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר קענט דאָך גוט דעם אידישן אלף־בית, איז אָט הערט״.

און קעסלער האָט גענומען שפּילן דעם „אַלף־בית״. ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל פּאַטאָס אין יעדן אות, אַזוי פיל דראַמע, טראַגיזם, נשמה־אויסגוס, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט די שווערסטע מאָמענטן פון אַ מענשלעך לעבן — אַלץ, זאָגנדיק בלויז דעם „אַלף־בית״.

דער אַקטיאָר האָט טאַקע געווישט די טרערן פון די אויגן, אָבער ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן: „דאָס מיינט נאָך גאָרניט. דאָס איז אַן אַקטיאָ־רישע קונצעלע אַזאַ... אַ סך אַקטיאָרן קענען דאָס באַווייזן... אפשר איך אויך״.

קעסלער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן — ער מוז אים ווייזן עפּעס וואָס ער וועט מוזן זיך אונטערגעבן.

„זעט איר, איך קום ערשט אַריין צום שלוס פון אַקט. איך האָב איצט צייט. גיט מיר אייער מונדיר. איך וועל אַרויפגיין אין אייער ראָלע. דער עולם וועט ניט וויסן, אַז דאָס בין איך קיין ספּאַט וועט אויף מיר ניט פֿאַלן. וועלן מיר זען".

און קעסלער איז אַרויף אַלס דער אַלטער גענעראַל. ער האָט אפילו די ווערטער „איינס־צוויי, איינס־צוויי" אויך ניט אַרויסגערעדט, נאָר זיין גאַנצער קערפּער, יעדער אבר באַזונדער האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט לויטן ריטם פון „איינס־צוויי", וואָס איז מיט אַ פֿאַרמאַכטן מויל ביי אים אַרויסגעקומען ווי געמוטשעטע גאַרגל־קלאַנגען... זיין גאַנצע דערשיינונג איז געווען אַזוי נעבעכדיק־קאָמיש, אַז ביז ער האָט דערגרייכט בלויז אַ העלפט פון זיין מאַרשרוט — ער איז קוים געווען אין דער מיט פון דער בינע — האָט דאָס טעאַטער געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. מיר זיינען שוין אַלע געשטאַנען און אים באַוואונדערט.

ווייס איך ניט אויב יענער אַקטיאָר האָט עפּעס געלערנט דערפון... איך, אָבער, האָב אין אָנהויב פון מיין קאַריערע קעסלער'ס לעקציע שטענדיק געהאַלטן טייער . . .

די רעפּוטאַציע פון אונזער פּיקאַנטן „דריילינג" איז זייער שנעל געוואַקסן. די „דריי ניינטלעך" זיינען פון חודש צו חודש געוואָרן מער און מער באַוואוסט. משה סימאָנאָוו'ס געוואַגטער איינפֿאַל, אונז אויסצונוצן ביי זיין „בענעפיט", האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער געלונגען. נאָך עטלעכע אַקטיאָרן האָבן דאָס אויפגעכאַפּט. האָבן מיר טאַקע יענעם סעזאָן צוגעדינט עטלעכע בעניפיציאַנטן מיט גוטע הכנסות ביי זייערע „בענעפיטס". מיר האָבן געבראַכט צו דער קאַסע מער עולם ווי זיי האָבן זיך עס אין חלום פֿאַרגעשטעלט. האָט מען זיך געוויצלט אויף אונזער חשבון, אַז די „דריי־ניינטלעך" האָבן געצויגן צו אַ פול־הויז... ווי איר ווייסט מן הסתם, איז דאָס אַ טערמין אין קאָרטן־שפּיל.

פֿאַר די בענעפיציאַנטן איז דאָס גאָר געווען אַ גליק. אונזער „דריילינג" האָט זיי כמעט גאַרניט געקאָסט. ערשטנס, איז אָנגענומען אין דער פּראָפעסיע, אַז צו אַן אַקטיאָר'ס בענעפיט, קומען אַפילו די גרעסטע „סטאַרס" פֿאַר בלויז אַ דאַנק.

פֿאַר אונז דרייען איז עס בכלל געווען אַן אָנגענעמער שפּיל. איר דאַרפט ניט פֿאַרגעסן, אַז די „ליבע" האָט דאַן צווישן אונז שטאַרק געברענט... דערצו נאָך איז איינעם פון די בענעפיציאַנטן איינגעפאַלן, און ער האָט אונז

אַלע דריי באַגליקט מיט קליינע מתנות, זיינען מיר שוין אַוודאי געווען אין זיבעטן הימל.

ביי איינעם פון די „בענעפיטס״ האָט אונזער „דריילינג״ געשפּילט דעם ערשטן אַקט פון גאָלדפאַדענ׳ס „שולמית״. איז עס אַוודאי אַ געוואַגטער שריט צו אָנפאַרטרויען ניין־יעריקע קינדער אַזעלכע ראָלן, אַזעלכע גע־זאַנגען... מיר האָבן עס אָבער זייער טיכטיק איינגעשטודירט. אייבי סימאָנאָף האָט געשפּילט אַבשלום; היימי סימאָוויטש איז געווען זיין ״שוואַרצער האַלב־ווילדער צינגעטאַנג; איך, פאַרשטייט זיך, בין געווען שולמית.

ווייסט איר דאָך, ווי די פאַרבלאָנדזשעטע שולמית אונטער דער הייסער מדבר־זון ליידט נעבעך פון אַ שרעקלעכן דורשט. קיין וואַסער איז ניטאָ. זי בעט ביי גאָט ער זאָל מיט איר טאָן אַזאַ נס ווי מיט אונזער מוטער שרה׳ס אַרויסגעטריבענער דינסט הגר און זי ראַטעווען פון איר ברענענדיקן דורשט. דער נס געשעט טאַקע. זי דערזעט אַ ברונעם. איז דאָך שוין גאָר גוט, טויג עס ער׳שט ניט. דער ברונעם איז טאַקע אַ ברונעם, און טיף אין ברונעם איז זיכער דאָ פרישע, קאַלטע וואַסער. אַ שטריק, אַ לאַנגע, איז אויך צוגעטשעפּעט צום ברונעם. אָבער קיין עמער אויף אָנצושעפּן דאָס וואַסער איז ניטאָ... שולמית׳עס פאַרצווייפלונג איז זיכער זייער גרויס. אָבער דער ווילן צום לעבן איז, הפנים, שטאַרקער פון אַלץ. זי באַשליסט זיך אויף אַ זייער געוואַגטן שריט. זי וויקלט זיך אַרום מיטן שטריק, און לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיפעניש פון ברונעם. שטילט זי טאַקע דאָרט איר דורשט, אָבער אַרויס פון ברונעם צוריק קען זי, נעבעך, ניט. רופט זי פון דער טיפעניש נאָך הילף.

איז, ווי איר זעט, אַזאַ ראָלע, פאַר אַ 9־יאָריק מיידעלע, גאָר ניט אַזאַ לייכטער ענין. און איר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז די גאַנצע סצענע גייט אין געזאַנג.

אי׳ן דער ער׳שטער לאָזשע אין טעאַטער איז געזעסן מיין מאַמע, און מיט איר — די באַרימטע בערטאַ קאַליש. אין יענע יאָרן איז די קאַליש געווען פאַר׳רעכנט פאַר איינע פון די גרעסטע פּרימאַדאָנעס אין אונזער טעאַטער און אין דער ראָלע פון שולמית האָט זי זיך באַרימט געמאַכט. זי איז געווען אַזוי באַגייסטערט, וואָס איך האָב אָט־די שווערע סצענע אַזוי פּינקטלעך דורכגעפירט, סיי מיט מיין שפּילן, סיי מיט די אַלע שווערע געזאַנגען, אַז זי האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט. דער עולם, זעענדיק ווי די קאַליש אַפּלאָ־דירט, איז אָנגעשטעקט געוואָרן פון איר באַגייסטערונג. דער טעאַטער האָט ממש געשטורעמט מיט די אַפּלאָדיסמענטן, אויף מיינע בעסטע פריינט געזאָגט געוואָרן.

אָבער לאָמיר דערווייל ניט פאַרגעסן, אַז שולמית איז נאָך אַלץ אין דער טיפעניש פון ברונעם, און מען דאַרף זי ראַטעווען. איז אָט באַווייזט זיך אַבשלום, מיט זיין דינער ציגעטאַנג. אַבשלום נעמט זיך צייט. ער זינגט אָפּ דאָס באַרימטע קלאַסישע ליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״. דאַן זאָגט ער: „אַביסל געגעסן, אַפילו ניט אַזוי זאַט — פאַרטרינקען מיט וואַסער וואָלט אויך ניט געשאַדט״. לאָזט ער זיך צום ברונעם, דערהערט פון דאָרט אַ קול: „אַך, וואָס הער איך אַ קול פון אַ רוח״... ער ווערט דערשראָקן. געוויס איז דאָס אַ שד, אַ ניט־גוטער, ניט דאָ געדאַכט. אָבער ער איבערצייגט זיך שנעל, אַז זי איז טאַקע אַ לעבעדיקער מענטש; ער שלעפּט זי אַרויס פון ברונעם, דערזעט פאַר זיך אַזאַ וואונדערלעך־שיינע מיידל. פאַרשטייט איר דאָך, אַז ער ווערט תיכף פאַרליבט אין איר. זי אין אים אויך. מען נעמט שווערן אייביקע ליבע, מען זינגט דעם באַרימטן דועט „דער ברונעם און די קאַץ״. אבשלום דאַרף זי אַרומנעמען, זי קושן.

איז, אָבער, דער 9־יאָריקער אייבּ, זייער אַ שעמעוודיקער. ער וואַגט זי ניט אָנצורירן. האָב איך אים גענומען זיין אָרעם און אַרומגעוויקלט אַרום מיין טאַליע.

ווייס איך ניט צי דער עולם האָט עס געזען, אָבער די קאַליש און די מאַמע אין לאָזשע האָבן עס געזען. די קאַליש האָט זיך אַזוי היסטעריש צעלאַכט, אַז זי איז ממש פון איר בענקל אַראָפּגעפאַלן.

וויל איך אייך דאָ דערמאָנען, אַז היימי, וועלכער האָט געשפּילט ציגעטאַנג, איז דאָך געווען פאַרליבט אין מיר; ער האָט כסדר קאָנקורירט מיט אייב׳ן פאַר מיין ליבע. אים איז גאָרניט געווען צום האַרצן וואָס אייבי איז איצט אויף דער בינע מיין געליבטער. לויט זיין ראָלע דאַרף ער אַרומלויפן ווילד און שרייען, אַז ער וויל אויך „אַזוינס, אַזעלכעס, אַזאַ מיידל״... איז ער מיט די געשרייען אַריין צווישן אייבי׳ן און מיר, אָנגעכאַפּט מיינעביידע הענט און אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלז. דער געלעכטער, וואָס ער האָט דערמיט אַרויסגערופן ביים עולם, איז אויף אַלע קאָמיקער געזאָגט געוואָרן.

מיין מאַמע, וויסנדיק פון דער שטענדיקער קאָנקורענץ צווישן מיינע צוויי „ליובאָוניקעס״, האָט פון היימי׳ס איינפאַל גאָר אָנגעקוואָלן. סיי־ווי איז, הפנים, היימי׳ס „פאַרליבעניש״ אין מיר געווען אַ סך דויערהאַפטער ווי אייבי׳ס. כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ביידע האָבן ניט געמאַכט קיין קאַריערע פון טעאַטער; אייבי איז געוואָרן אַ לאָיער, און היימי — אַ גרויסער „ריעל עסטעיטניק״. אייבי׳ן האָב איך אַלס דערוואַקסענער כמעט קיינמאָל ניט געטראָפן. אָבער היימי, כאָטש זיין געשעפט איז אָזש אין קאַליפאָרניע,

איז ווען נאָר ער קומט קיין ניו־יאָרק רופט ער מיך אָפּ. מיר טרעפן זיך און פאַרברענגען עטלעכע שעה אין זיסע דעראינערונגען פון אַמאָל. מיר זינגען איבער אַ סך פון די אַמאָליקע טעאַטער־לידלעך. טשיקאַווע איז, וואָס ער זאָגט מיר קיינמאָל ניט זיין נאָמען ווען ער רופט מיך. ווי נאָר ער דערהערט מיין קול אויפן טעלעפאָן, הויבט ער תיכף אָן זינגען אַ ליבלינגס לידל אונזערס פון יענער צייט:

סדר־נאַכט איז אַ פּראַכט פאַר אונז אידעלעך.
טרינקען וויין, זינגען פיין שיינע לידעלעך.
דערפאַר וואָס גאָט, באַפרייט אונז האָט פון גלות מצרים, געבראַכט קיין ירושלים.

ווי נאָר איך דערהער די ערשטע ווערטער, ווייס איך שוין, אַז היימי איז אין שטאָט, און טאַקע גלייך אויפן טעלעפאָן כאַפּ איך אויף מיינע טענער אין דעם דועט, און ערשט צום סוף פון לידל פרעג איך: „היימי, ווען ביזטו געקומען?״...

נאָך אונזער ריזיקן דערפאָלג אין „שולמית״, האָט אָן אַנדער בענעפיציאַנט אונז אַנגאַזשירט אויף אַ ספּעציעלן אַפּיש, „דאָס באַרימטע קינסטלער דריילינג, די דריי באַליבטסטע קינדער־סטאַרס, צילי פיינמאַן, אייבי סימאָנאָף און היימי סימאָוויטש, אין ערשטן אַקט פון „בר כוכבא״.

אייבי סימאָנאָף האָט געשפּילט דעם העלד בר כוכבא, היימי סימאָוויטש — די זייער קאָמישע ראָלע פון פּאַפּוס, און איך — דינה. ווייסט איר דאָך, אַז איך בין געוואַלדיק פאַרליבט אין בר כוכבא. ער אין מיר — אויך. מיר האָבן זינגענדיקע ליבעס־סצענעס.

ווידער, הייסט עס, איך מיט סימאָנאָפ׳ן. היימי — פּאַפּוס, ליידט, נעבעך, ווידער. דערצו כאַפּט ער נאָך גאָר אַ מיאוס׳ע מפּלה, טאַקע תיכף אין ער׳שטן אַקט. איך, דינה, שטיי און זינג דאָס זייער טרויעריקע ליד וועגן חורבן בית המקדש, „קלאָגט־זשע אַלע ציונ׳ס טעכטער — וויינט־זשע שוועסטער אַלע בײנאַנד״. הינטער מיר שטייט דער גאַנצער כאָר — טאַקע ווי אַ „רעגעלע פּרימאַדאָנע״...

פּאַפּוס־סימאָוויטש, קומט אַרויף און נעמט זיך אויסזינגען זיין ליבע צו מיר, צו דינה. ווייסט איר דאָך, מן הסתם, אַז פּאַפּוס איז נעבעך ניט קיין געראָטענער. גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַ סך חסרונות. ער איז בלינד אויף איין אויג, איז קרום אויף איין פוס און איז, בכלל, אַ מיאוס׳קייט. ער איז כלומרשט אַ הענדלער פון אַלערליי טייערע צירונג. אָבער אין דער אמת׳ן איז ער אַ שפּיאָן פאַרן רוימישן קעניג, און אַלע האָבן מורא פאַר אים. זיין האַרץ גייט אָבער אויס פון ליבע צו דינה׳ן. ער ווייסט, אַז זי איז פאַרליבט אין דעם העלדישן בר־כוכבא.

איז ווי קען ער, אַ מיאוס'ער קאַליקע נעבעך, קאָנקורירן קעגן דעם שיינעם, שלאַנקן און העלדישן בר־כוכבא? נעמט ער צו הילף זיין צירונג. ער לייגט איר צו די פיס דימענטן און בריליאַנטן, אַז זי זאָל אים כאָטש שענקען אַ פריינטלעכן בליק. אָבער זי לאַכט זיך אויס פון אים, וואַרפט אים דאָס צירונג אין פּנים אַריין, פאַרשעמט אים, הייסט עס, פאַרן גאַנצן עולם. אָרעמער היימי, נעבעך, אין זיין זשאַנער אַלס קאָמיקער, איז ער שטענדיק געווען דער געקריוודעטער.

קען זיין, אַז דערפאַר טאַקע איז אונז ביידן, היימי'ן און מיר, אַזוי אָנגעגנעם און מיר זיינען גערן צו פאַרברענגען פון צייט צו צייט עטלעכע שעה אין דער פאַרגאַנגענהייט...

דערמאָן איך זיך זייער אַ טשיקאַווען אינצידענט ביי איינעם פון די דאַזיקע בענעפיטס, ווען מיר האָבן געדאַרפט שפּילן „בר־כוכבא". דעם אינדערפרי פון דער פאַרשטעלונג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט הויכן פיבער. עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויסגעשלאָסן אַז איך זאָל קומען שפּילן. ווען דער בענעפיציאַנט האָט באַקומען די בשורה, אַז איך בין קראַנק, איז ער אַ פאַרצווייפלטער געקומען צו לויפן. ער האָט זיך געוואָלט איבער־צייגן, אַז איך וועל זיכער ניט קענען שפּילן. עס האָט אים אַוודאי געערגערט וואָס איך בין, נעבעך, קראַנק. אָבער אים האָט מער גערדרייט דער מוח וואו קען ער קריגן אַ קינד צו שפּילן מיין ראָלע יענעם אָוונט.

האָבן מיר דאָך אַ גוטן גאָט. אין יענע צייטן האָט אַרום די טעאַטערס און אַרום די אַקטיאָרן זיך אַרומגעדרייט אַ דאַרינקער בחור'ל מיט גרויסע, לעבעדיקע אויגן — אַ זשוואַווע אינגל פון אַרום דרייצן־פערצן יאָר, טשאַרלי האָט ער געהייסן. דער פאַרצווייפלטער בענעפיציאַנט האָט ביי אַלעמען אין טעאַטער געזוכט הילף. האָט מען ביי דעם דאַרינקן טשאַרלי'ן גע'פּועל'ט, אַז ער זאָל שפּילן דינה. זיין קול'כל איז געווען אַזוי פאַלצעטיש און ער האָט פון זען אַ סך מאָל „בר־כוכבא" געקענט כמעט אַלע ראָלן.

הקיצור, באין ברירה, האָט דער דאַרער טשאַרלי יענעם אָוונט געשפּילט מיין ראָלע. טשאַרלי האָט זיך מיט דער ראָלע גאַנץ פיין געספּראַוועט. איך ווייס אַפילו ניט, אויב דער עולם האָט יענעם אָוונט געוואוסט, אַז צילי פיינמאַן איז גאָרניט צילי פיינמאַן, נאָר זי איז גאָר טשאַרלי, טשאַרלי קאָן, טאַקע דער שפּעטערדיקער דערפאָלגרייכער קאָמיקער אונזערער, טשאַרלס קאָן, וועלכער האָט אויך אויף דער ענגלישער וואָדעוויל־בינע זיך געמאַכט אַ נאָמען. דער זעלבער טשאַרלי קאָן, וואָס איז צענדליקער יאָרן געווען דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, ווי אויך סעקרע־טאַר פון דעם אידישן טעאַטער־עלאַיענס.

אַגב, געדענק איך פון יענעם פיבער, וואָס איך האָב געהאַט, אַן איינדרוק אַז פון אַלע פענסטער אַנטקעגן מיין בעט האָבן זיך צו מיר געצויגן מאָדנע ווייסע באַשעפענישן אַלץ מער און מער... זיי האָבן דאָס גאַנצע צימער אָנגעפילט, זיך אַלע געדרייט אַרום מיר אין אַ קרייז... זאָל עס האָבן געווען די ווייסע וועש אויף דער „לאַין" געבלאָזן פון ווינט?...

דער געדאַנק פון אויסנוצן די קליינע צילי פיינמאַן צו „אַקטיאָרישע בענעפיטן" איז דערגאַנגען גאָר ווייט. איין אַקטיאָר איז איינגעפאַלן גאָר אַ נייעס: ער האָט צו זיין אָוונט געשטעלט אַ באַרימטע אָפּערעטע פון יענער צייט, „די ציגיינערין", פון פּראָפעסאָר הורוויטש. אַזוי טאַקע האָט ער זיך גערופן פּראָפעסאָר משה הורוויטש. די הויפּט־ראָלע אין „די ציגיינערין" האָט געשפּילט בערטאַ קאַליש. איז אים איינגעפאַלן, אַז צו זיין בענעפיט, ווי אַ ספּעציעלע אַטראַקציע, זאָל איך שפּילן די הויפּט־ראָלע אָנשטאָט בערטאַ קאַליש.

זי האָט ניט נאָר צוגעשטימט, נאָר זי האָט זיך אונטערגענומען מיט מיר די ראָלע איינצושטודירן. געדענק איך ווי געטריי און מיט וויפל ליבע זי האָט זיך מיט מיר אָפּגעגעבן. זי האָט מיט מיר די ראָלע אַזוי גוט איינגעשטודירט, אַז זי האָט ממש אַנגעקוואָלן ווי אַזוי איך האָב ביי די לעצטע פּראָבן די ראָלע געשפּילט. אין דעם אָוונט פון דער פאָרשטעלונג האָט זי אַליין מיך גרימירט און אָנגעטאָן. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנקוקן אין מיר, ווי שיין איך האָב אויסגעקוקט אַלס „די ציגיינערין". אין ערשטן אַקט איז זי פון דער בינע ניט אָפּגעטראָטן. ווען איך בין מיטן אַקט פאַרטיק געוואָרן, האָט זי און די מאַמע מיך געהאַלזט און געקושט.

אָבער דאָ איז געקומען עפּעס אויף וואָס מיר האָבן זיך קיינער גאָר ניט געריכט. עמיצער האָט גע'מסר'ט צו דער „גערי סאָסייעטי", וואָס פאַרווערט קינדער אונטער 14 יאָר צו שפּילן ביינאַכט טעאַטער אַן זייערער אַ דערלויבעניש. איינער פון זיי איז אַריין אין טעאַטער, און מיטאַמאָל האָט אַ שטאָפּעט פון דער קאַסע פון טעאַטער געלאָזט וויסן הינטער דער בינע, אַז צילי פיינמאַן זאָל מען באַהאַלטן, ער קומט זי אַרעסטירן און נעמען מיט זיך. מען האָט מיך אַריינגעשטופּט אין אַ קליידער־שאַפע און כדי צו זיין נאָך זיכערער, האָט די שוישפּילערין מערי עפּשטיין, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גאָר היפּשע פיגור, זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער שאַפע, אַזוי אַז מען האָט די שאַפע אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען. דער באַאַמטער האָט געזוכט „דאָס קינד", געפאָדערט מען זאָל זי אַרויסגעבן. ער האָט עס ניט געקענט געפינען. ער איז אָבער באַשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַ קינד, ער האָט עס געזען, ער וועט זיצן אין טעאַטער ביזן סוף. פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי

שנעל ווי ער איז אַראָפּ פון דער בינע, האָט מען מיך פון הינטער דער בינע אַרויסגע׳גנב׳עט און געבראַכט אַהיים. די קאַליש האָט אויף שנעל געמוזט ווערן „די ציגיינערין" און זי האָט די פּיעסע געענדיקט.

ווען איך טראַכט פון יענע יאָרן מיינע אַלס קינדער־ראַליסטקע אין אידישן טעאַטער, ספּעציעל אין עלטער פון ניין ביז אַרום עלף־צוועלף יאָר, נעמט מיך אַרום אַזאַ זיסע, וואַרעמע בענקעניש... אין דער זעלבער צייט טוט מיר טרויעריק־באַנג... איך פיל, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסע זכיה, וואָס איך בין געווען אַזאַ נאָענטער עדות צום סאַמע הויך־פּונקט פון יעקב גאָרדינ׳ס שעפערישקייט — אָט די גערעטעניש זיינע, וואָס האָט געבראַכט צו דער אַזוי גערופענער „גאָלדענער עפּאָכע" פון אידישן טעאַטער.

מיר ווילט זיך דאָס באַצייכנען ווי „די ערשטע גאָלדענע עפּאָכע", ווייל מיר איז אויך באַשערט געווען צו האָבן אַ סך אַ נאָענטערע שייכות מיט אונזער „צווייטער גאָלדענער עפּאָכע" ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם „אידישן קונסט טעאַטער". איך האַלט, אַז יענע צייט אין אידישן טעאַטער פאַרדינט דעם נאָמען „די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע".

וואָרט איך שוין אַליין מיט גרויס אומגעדולד ווען איך וועל אין מיינע באַשרייבונגען צוקומען צו אָט דעם טייל פון מיין קאַריערע. אין יענע קאַפּיטלען האָב איך אַ סך צו דערציילן פון מיינע לאַנג־יאָריקע קאָלעגן שוי־שפּילער, סיי די וואָס זיינען שוין, לײדער, פון אונז ווייט אָפּגעשיידטע, סיי יענע, זיי צו לאַנגע יאָר, וואָס, פּונקט ווי איך, לעבן אין בענקעניש און קוויקן זיך מיט זיסע זכרונות. אָט די „באַנער־טרעגער" פון דער „צווייטער גאָלדענער עפּאָכע" — זייער צאָל איז זייער גרויס — האָבן זייער פיל באַרייכערט דעם גאַנג פון מיין קאַריערע. איך וועל זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף יעדן פון זיי.

איצט בין איך ערשט אין דעם סאַמע מיטן פון דער „ערשטער גאָל־דענער עפּאָכע". אין די פּאָר יאָר פון מיין עלטער, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, האָט גאָרדין באַרייכערט דאָס אידישע טעאַטער מיט אַזעלכע ריזיקע דערפּאָלגן ווי די שוין דערמאָנטע „מירעלע אפרת" און דאַן נאָכאַנאַנד: „די שחיטה", „גאָט, מענטש און טייוול", „די שבועה", „סאַפאָ" און „קרייצער סאָנאַטאַ".

אָט די זעקס פּיעסן זיינען געשאַפן געוואָרן אין קורצן משך פון עפּעס מער ווי דריי יאָר. און כאָטש איך אַלס קינד האָב געשפּילט אין בלויז דריי

פון די זעקס — אין „מירעלע אפרת", „די שבועה" און „סאַפאָ" — קען איך אָבער ניט און וויל ניט באַגרעניצן מיינע דעראינערונגען פון יענע שפּע'דיקע יאָרן אין אידיש טעאַטער בלויז צו מיין שפּילן. אַ דאַנק יענע פּיעסן זיינען אויפגעשוואומען ריזיקע שוישפּילערישע כוחות, וואָס האָבן דאָס אידישע טעאַטער דערהויבן צו גאָר אַ הויכער מדריגה. ניט נאָר האָבן די פּיעסן און דאָס שפּילן באַגייסטערט אונזער אייגענעם בעסערן עולם, נאָר די גאַנצע אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט, און די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ האָט דאַן אונזער טעאַטער געלויבט און באַוואונדערט.

וועגן דעם וואָס יעקב גאָרדין האָט אויפגעטאָן פאַר די מערסטע אידישע שוישפּילער פון יענער צייט, וואָס זיינע פּיעסן, זיינע פּרעכטיק געמאָלענע כאַראַקטערן האָבן געמיינט פאַר זיי — איז כדאי דאָ צו ברענגען אַן אויסצוג פון דעם באַקאַנטן ליטעראַטור־קריטיקער און טעאַטער מבין, דעם וועטעראַן, יואל ענטין, ז״ל.

„ערשט גאָרדין האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַדלער'ס גראַנדיאָזיטעט, אַרויס־געבראַכט די טיפקייט פון קעסלער'ס טעמפּעראַמענט, די וואַרהייטלעכקייט פון סאַראַ אַדלער, אויסגעאיידלט מאָגולעסקאָ'ן ראָמאַנטיש באַשיינט בערטאַ קאַליש און קעני ליפּצין, און לסוף שפּאָגל ניי באַשאַפן די טאָרנבערגס, די מאָשקאָוויטשעס, די בלאַנקס".

דאָס זיינען געווען די מיינונגען פון די מערסטע קריטיקער און רעצענ־זענטן. ניט נאָר די צווייט־קלאַסיקע אַקטיאָרן, נאָר אפילו די גרעסטע און אָנערקענטסטע סטאַרס פון יענע יאָרן האָבן אין גאָרדינ'ס פּיעסן געפונען זייער תיקון.

איך וויל דאָ ספּעציעל זיך אָפּשטעלן אויף דער וואונדערלעכער בערטאַ קאַליש. זי האָט אין אָנהויב פון איר קאַריערע געמאַכט איר גרויסן דערפאָלג אַלס פּרימאַדאָנע, פריער אין אייראָפּע און דערנאָך אין אַמעריקע. זי האָט זיך באַרימט געמאַכט אין די אָפּערעטן פון גאָלדפאַדן און אַנדערע. איר האָט אָבער שטאַרק געצויגן צו ווערן אַ דראַמאַטישע שוישפּילערין. זי האָט געמאַכט עטלעכע פּרוואון פון דעם סאָרט, אָבער ערשט אין גאָרדינ'ס פּיעסן איז זי באַרימט געוואָרן אַלס ערשט־קלאַסיקע דראַמאַטישע שוישפּילערין.

איר ערשטע ראָלע אין גאָרדינ'ס רעפּערטואַר האָט זי געהאַט אין „גאָט, מענטש און טייוול", שפּילנדיק די ראָלע פון פרײדעניו. זי האָט, הפּנים, אויף גאָרדינ'ען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט איר שפּילן, ווייל שוין צום סוף פון זעלבן סעזאָן האָט ער ספּעציעל פאַר איר אָנגעשריבן די פּיעסע „סאַפאָ". זי איז אין אָט דער ראָלע פון אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן. איר גראַציעזע פיגור, איר וואונדערלעכער אָרגאַן און איר ביז דאַן ניט אַנטפּלעקטער

דראַמאַטישער כח, האָבן זי דערהויבן צום סאַמע אויבן־אָן אַלס דראַמאַטישע קינסטלערין אין אידישן טעאַטער. זי איז באמת געווען די איינציקע פון איר מין, ווי ס׳גייט דער אַמעריקאַנער אויסדרוק: „אין עי קלעסביי האַר־סעלף״.

און איך דאַרף אייך ניט דערציילן, אַז אין יענער צייט האָבן מיר זיך כלל ניט געהאַט צו באַקלאָגן אויף שוישפּילערישע פּרויען־כחות אין אונזער טעאַטער. קעני ליפּצין, סאַראַ אַדלער, בעסי טאָמאַשעפסקי, דיינע פיינמאַן, סאָפי קאַרפּ זיינען צייטנוויז, און מיט רעכט, פאַרגליכן געוואָרן מיט די גרעסטע שוישפּילערינס פון דער וועלט־בינע, אַזוי אַז בערטאַ קאַליש׳ס דערהויבן ווערן צום סאַמע אויבן־אָן, איז געווען אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג. אַז זי האָט פאַרדינט דעם בכבוד׳יקן אָרט וואָס זי האָט פאַרנומען, האָבן סיי די קריטיקער, סיי דער עולם, סיי די גאַנצע אידישע טעאַטער־משפחה אַנערקענט.

איך האָב צו בערטאַ קאַליש געהאַט גאָר אַ ספּעציעלע באַציאונג. ערשטנס, טראָגט זי דירעקט די שולד, אָדער דעם קרעדיט, וואָס איך בין געבליבן ביי דער בינע. וועגן דעם דערצייל איך אויספירלעך אין דעם קומענדיקן טייל פון מיינע באַשרייבונגען, וואָס הייסט „צילי פיינמאַן — צילי אַדלער״. צווייטנס, האָט זי די עטלעכע יאָר פון מיין קינדער־קאַריערע צו מיר אַרויס־געוויזן אַ סך וואַרעמקייט, אַ סך געטריישאַפט. האָב איך אין דעם לעצטן קאַפּיטל דערציילט ווי זי האָט מיט מיר געלערנט די ראָלע פון דער „צי־גיינערין״, און ווי זי האָט זיך מיט מיר אָפּגעגעבן.

איך האָב פון דער קאַליש אַ סך געלערנט. און ניט איינמאָל אין מיינע יאָרן אַלס שוישפּילערין פלעג איך ביים שטודירן אַ ראָלע טראַכטן און דער־מאָנען בערטאַ קאַליש: „ווי אַזוי וואָלט זי די אָדער יענע סצענע דורכגע־פירט?״ אין די גאָר אָנפאַנג־יאָרן מיינע, אַלס דערוואַקסענע אַקטריסע, ווען זי פלעגט אַמאָל זיין אין טעאַטער ביי אַ פאָרשטעלונג וואו איך האָב גע־שפּילט, פלעג איך ספּעציעל וועלן איר געפעלן. דערמאָנט זיך מיר אַ זייער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד בנוגע דער קאַליש.

דאָס האָט פּאַסירט אַרום 1921. איך האָב יענעם סעזאָן געשפּילט אין פילאַדעלפיע ביי מיין זייער ליבן און האַרציקן פריינט אַנשל שאָר. אגב, האָט מען אַנשל שאָר׳ן אין דער אידישער טעאַטער־וועלט באַטיטלט מיטן נאָמען „דער ביסמאַרק פון אידישן טעאַטער״. איך בין שוין דאַמאָלסט געווען אַ מאַמע פון אַ קליין אינגעלע.

בכלל, איז אַ פּראָווינץ־שטאָט, אפילו אַזאַ שטאָט ווי פילאַדעלפיע, אַ סך

שווערער פאַר אַ שוישפּילער ווי צו זיין אין ניו יאָרק. דאָרט בייט מען אָפּטער די פּיעסן. דאָס מיינט שטענדיקע פּראָבען, טאָג־איין, טאָג־אויס.

דערצו האָט פילאַדעלפיע געהאַט אַ ספּעציעלע פּראָבלעם. דאָרט האָט מען זונטיק ניט געטאָרט שפּילן. פלעגן מיר דאַרפן יעדן זונטיק פאָרן שפּילן צוויי פאָרשטעלונגען אין איינער פון די פיר שטעט: נואַרק, אַטלאַנטיק־סיטי, באַלטימאָר, וואַשינגטאָן. איז איצט מאָלט אייך אויס: איך בין דער „סטאַר", מ׳שטיינס געזאָגט. יעדע נייע ראָלע איז לאַנג ווי דער גלות, און זייער שווער. און כמעט יעדע וואָך מוז מען איינשטודירן אַ נייע ראָלע אַזאַ און אַמאָל אַ צווייטע צו אַ ספּעציעלער פאָרשטעלונג.

איז נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט, שפּילן, מאַכן פּראָבען און שטודירן און באַזאָרגן נייע קליידער, דאַרף מען ערשט זונטיק אויפשטיין גאַנץ פרי, זיך פּאַקן, זיך אָנטאָן, לויפן צו דער באַן און קומען שפּילן צוויי פאָרשטע־לונגען. גלויבט מיר, ס׳איז זייער שווער פיזיש און אַ מורא׳דיקע אָנשטרענ־גונג גייסטיק.

איך האָב אייך שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט, אַז אַנשל שאָר האָט זיין טעאַטער געפירט מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין. יענעם זונטיק זיינען מיר געפאָרן קיין וואַשינגטאָן. איך האָב געהאַט זייער אַ שווערע וואָך אין טעאַטער. מיין זעליג׳ל האָט ביי מיר אויך צוגענומען עטלעכע שעה שלאָף. ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין טעאַטער יענעם זונטיק ביי טאָג, בין איך געווען אויסגעשעפּט פון יעדער ביסל ענערגיע, וואָס מיין קליינע און ניט גאָר קרעפטיקע פיגור האָט פאַרמאָגט.

אַנשל האָט געזען ווי מיד איך בין און מיטגעפילט מיט מיר. ער האָט אַרויסגעשיקט נאָך אַ הייסע גלאָז שאָקאָלאַד פאַר מיר.

געדאַרפט האָב איך יענעם מאַטינע שפּילן ניט ווייניקער ווי די „יתומה", פון יעקב גאָרדין. כ׳האָב זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי איך וועל קענען אין מיין צושטאַנד דורכפירן אַזאַ שווערע קאָמפּליצירטע ראָלע ווי „כאַשע". אַנשל איז אַריינגעקומען צו מיר אין גאַרדעראָבע וואו איך האָב אָן חשק, אָן מוט זיך גרימירט און געגרייט צו דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיך דערמוטיקט, געפּרואווט מיך אויפמונטערן.

איך הער ווי די אַקטריסעס ריידן פון דער קאַליש. איך האָב זיך דערמאָנט אין די גרויסע בילדער און פּלאַקאַטן ביים אַריינגאַנג פון טעאַטער וואו מען מעלדעט וועגן בערטאַ קאַליש׳ס אויפטריט אין ענגליש אין מעטער־לינק׳ס באַרימטער פּיעסע, „מאָנאַ וואַנאַ".

טאַקע מאָרגן הויבט זי אָן אין דעם זעלבן טעאַטער. זי וועט זיך מן הסתם גרימירן אָט פאַר דעם זעלבן שפּיגל. מיר קומט אפילו ניט אויפן

זינען, אַז איך שפּיל היינט אַ ראָלע וואָס די קאַליש אין געווען די ערשטע צו שפּילן.

איך בין ענדלעך פאַרטיק. אָט שטיי איך שוין ביי דער טיר וואו איך דאַרף מאַכן מיין ערשטן אויפטריט אויף דער בינע. וואַרט אויף דעם רעפּליק. אין דער לעצטער מינוט זע איך אַנשל'ען אַריינלויפן פון טעאַטער אויף דער בינע. ער לויפט צו צו מיר און זאָגט מיר שטיל אין איילעניש: „איך האָב געטראַכט אפשר ווילסטו דאָס וויסן — די קאַליש איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען אין טעאַטער. איך מוז, האָט זי געזאָגט, זען מיין צילי'ן, אין מיין ראָלע".

אַן עלעקטרישער שטראָם איז ווי דורכגעלאָפן דורך מיין רוקנביין. איך האָב אויף אים געקוקט מיט גרויס־צעעפנטע אויגן. אָבער אָט שוין איז מיין רעפּליק — ער האָט מיך כמעט אַרויפגעשטופּט אויף דער בינע. אין די עטלעכע סעקונדן, וואָס דער עולם האָט מיך באַגעגנט מיט דעם אַפּלאָדז, וואָס איז שוין אַ געוואוינהייט צו געבן דעם „סטאַר" ביי זיין ערשטן אויפטריט, האָבן מיינע ליפּן געמורמלט: — „גיב מיר כוח, גאָטעניו, איך זאָל איר ניט פאַרשעמען"...

פון מינוט צו מינוט האָב איך דערפילט ווי איך וואַרעם זיך אָן אין דער ראָלע. כ'האָב אויך גענומען שפּירן די וואַרעמקייט פון עולם צו מיין שפּילן. דאָס איז אַ גוואַלדיקער סטימול פאַר אַ שוישפּילער.

די סעקונדע וואָס דער פאָרהאַנג איז געפאַלן נאָכן ערשטן אַקט איז אַנשל אַ שיינענדיקער אַרויף און מיר געוויזן אויף וועלכער זייט די קאַליש זיצט. האָב איך זיך ספּעציעל גענויגט צו איר און געוואָרפן אַ קוש. און איך האָב נאָר געקלערט צי איך געפעל איר.

מיט דעם גאַנג פון דער פּיעסע האָב איך אַליין גענומען פילן אַ סאָרט צופרידנקייט מיט מיין שפּילן. נאָך יעדן אַקט איז אַנשל אַ גליקלעכער געקומען און מיר געוויזן אויף וועלכן זייט די קאַליש האָט זיך איבערגעזעצט איצט. איך האָב זיך אַהין גענויגט. נאָכן לעצטן אַקט האָב איך זיך גענויגט צום צענטער פון טעאַטער, ווייל אַנשל האָט מיר געזאָגט, אַז זי זיצט דאָרט.

איך האָב געקראָגן אַ שלל מיט אַפּלאָדיסמענטן. דער פאָרהאַנג האָט זיך ווידער און ווידער געהויבן, ביז ענדלעך איך בין אַריינגעפאַלן אָן כוחות אין שאָר'ס הענט. ער האָט מיך פאַר אַלעמען אין די אויגן אַ קוש געטאָן:

„דעם קוש וואָלסטו געקראָגן פון דער קאַליש, פאַר דיין היינטיקן שפּילן, ווען זי וואָלט געווען אין טעאַטער. אָבער זי האָט דיך היינט ניט געקענט זען, צילי, זי איז נאָך אפילו אין וואַשינגטאָן ניטאָ. דאָס איז געווען מיינער אַן

איינפאַל דיך אַרויסצושלעפּן פון דיין אַפּאַטיע. אַניט וואָלסטו היינט די ראָלע ניט געקענט דורכפירן. איז זיי מיר מוחל וואָס איך האָב דיך אָפּגענאַרט״.

איך בין אויף אַ ווײַלע געבליבן אַ געפּלעפּטע, ווי איך וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. איך בין אָבער גיך צו זיך געקומען, און דערפילט זיין גרויסן אויפטו, זיין קלוגן איינפאַל: „איך בין דיר דאַנקבאַר, אַנשל, פאַר דיין חכמה — ניט אומזיסט רופט מען דיך דער ביסמאַרק פון אידישן טעאַטער״.

איך בין שוין געווען איבער צען יאָר אַלט, ווען איך האָב געשפּילט די ראָלע פון דזשעניטשקע אין יעקב גאָרדינ׳ס „סאַפאָ״.

ווײַל איך דאָ, ראשית, צוליב געשיכטלעכן אמת, קאָרעגירן אַ טעות, בנוגע דער דאָזיקער ראָלע, סיי אין טעאַטער־לעקסיקאָן, סיי אין דער פּראַכט־אויסגאַבע פון יעקב גאָרדינ׳ס צען דראַמעס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1911, פון „סוירקעל פון יעקב גאָרדינ׳ס פריינט״, ווערט אָנגעגעבן, אַז ביי דער ערשטער אויפפירונג האָט די ראָלע געשפּילט מיין שוועסטער פּרעציס אַדלער. ווייס איך ניט ווער ס׳איז שולדיק אין דעם טעות. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז די ראָלע האָב איך געשפּילט. אַזוי איז אויך אין לעקסיקאָן דאָ אַ טעות בנוגע מיינער אַ צווייטער ראָלע. ווען ס׳ווערט אויסגערעכנט דער פּערסאָנאַל פון דער ערשטער אויפפירונג פון גאָרדינ׳ס פּיעסע „די שבועה״, אָדער „ראַניע די פּאָטשטאַרקע״, איז אָנגעגעבן, אַז די קינדער־ראָלע פון „בן־ציון״ איז געשפּילט פון צילי אַדלער. דער נאָמען האָט דאַן ניט עקזיסטירט... עס דאַרף שטיין „צילי פיינמאַן״.

מיין וואונטש, אַז די וועלט זאָל וויסן, אַז איך בין געווען די ערשטע צו שפּילן די ראָלע פון דזשעניטשקע, איז ניט חלילה צוליב באַרימעריי. אָט לאָמיר אייך דאָ אויסזאָגן אַ סוד, וואָס איך האָב ביז איצט קיינמאָל פאַר קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט. איך געדענק, אַז אַלס 10־יאָריק מיידעלע איז מיר מיין ראָלע אין „סאַפאָ״ ניט געווען צום האַרצן. עס איז געבליבן קלאָר איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך בין ניט געווען גליקלעך וואָס איך, דזשעניטשקע, בין אַ ממזר... דאָס איז מיר ניט געפעלן...

אָט לאָמיר אייך בקיצור איבערגעבן די סיטואַציע פון דער פּיעסע בנוגע דעם קינד דזשעניטשקע, כדי איך זאָל זיין זיכער, אַז איר אַלע ווייסט פון וואָס איך רעד:

די עכט־אינטעליגענטע און פרייגעזאָגנע סאָפיע פינגערהוט, גרייט זיך

צו איר חתונה מיט איר געליבטן חתן, באָריס סטאַווראָפּאָלסקי. אָבער פּונקט דעם טאָג פֿאַר דער חתונה געפֿינט זי אויס, אַז ער איז גאָר פֿאַרליבט אין איר אינגערער שוועסטער, ליזע. געטריי צו אירע פּרינציפּן און איר שטאָלצער נאַטור, זאָגט זי זיך אָפּ חתונה צו האָבן מיט אים כאָטש זי ווייסט, אַז זי איז שווין טראַגעדיק פֿון אים. זי דערקלערט אַלץ אָפּן פֿאַר אַלעמען. זי צווינגט אים, אַז אָנשטאָט מיט איר, זאָל ער מאַרגן חתונה האָבן מיט איר שוועסטער.

סאָפּיע׳ס קינד, וואָס ווערט געבוירן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, דאָס בין איך דזשעניטשקע. כאָטש די האַנדלונג פֿון דער פּיעסע שפּילט זיך אָפּ אין דער באַרימטער רוסישער שטאָט אָדעס, די פּרייע אָדעס, וואָס האָט אינספּירירט דאָס וואויל־באַקאַנטע אידיש־ווערטל, „ער לעבט ווי גאָט אין אָדעס״, איז פֿונדעסטוועגן סאָפּיע׳ס לעבן דאָרט, נאָך דער געשיכטע, ניט גאָר אָנגענעם. זייער געלונגען דריקט עס אויס איר פֿעטער אין דער פּיעסע, דער פֿיש־הענדלער, מלך שטעמפּל, אַ פּרעכטיק געמאָלענער כאַראַקטער פֿון גאָרדינ׳ען, און באמת וואונדערלעך געשפּילט פֿון מאָריס מאָשקאָוויטש. זאָגט וועגן איר מלך שטעמפּל אויף זיין פֿישערישן לשון: „זי איז זייער אַ בידאָווע (אַ ליידנדיקע), אָט די סאָפּיע. פֿון אָנפֿאַנג, ווען זי איז אַרויס מיט דער ריבאָלאָווסטוואָ (פֿיש־פֿאַנגעריי), איז איר געווען זייער שווער. זי האָט זיך געשלאָגן ווי אַ פֿיש אין אייז. געלאַכט האָבן פֿון איר אי זשוק אי זשאַבע״...

דער טיפּ וואָס מאָשקאָוויטש האָט אין דער ראָלע געשאַפֿן, איז פֿאַר אָט דעם פֿיינעם שוישפּילער געווען גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג. מלך שטעמפּל איז געווען איינע פֿון די פּערל אין דער רייכער גאַלערייע פֿון זיינע שוישפּי־לערישע שאַפֿונגען.

ניט נאָר סאָפּיע אַליין האָט פֿון איר האַנדלונג געליטן. איך, איר קינד, האָב אויך געהאַט מיין פּעקל צרות. איז אָט ווי דזשעניטשקע באַקלאָגט זיך אויף איר דאָליע: „מ׳לאָזט ניט די קינדער שפּילן זיך מיט מיר. דאָס שיינע אינגעלע וואָס וואוינט דאָ אַנטקעגן האָט מיר היינט געזאָגט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אונטער אַ פּלויט. זיין מאַמע האָט עס אים דער־ציילט. וואָס הייסט אַ פּלויט, טיאָטיע סאָפּיע? איך בין דען ניט אַזוי געבוירן ווי אַנדערע קינדער?״

געדענק איך זייער קלאָר, אַז ווען איך האָב אָט־די רייד געזאָגט צו סאָפּיע׳ן, וואָס איז מיין מאַמע, און איך רוף זי גאָר „טיאָטיע״ (מומע), האָב איך ניט נאָר אויסגעדריקט קינדערישע נאַאיוויטעט און רחמנות, למאי די שכנישע קינדערלעך באַהאַנדלען מיך אַזוי שלעכט, איך האָב אויך אין מיינע

רייד אַריינגעלייגט אַ סאָרט פּאַרדרוס, אַ טענה און קריוודע צו סאָפיע׳ן למאי דאָס שיינע אינגעלע רעדט אַזוי צו מיר. און כאָטש יעקב גאָרדין האָט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן, געקניפּט אין בעקל און געבראַכט שיינע קעסטלעך שאָקאָלאַד, בין איך מיט דער ראָלע ניט געווען צופרידן.

איך האָב דאַן אין מיין יונג מוח׳ל זיך געראַנגלט מיט נאָך אַ געדאַנק. ווען איך האָב געשפּילט די ראָלע שלמה׳לע אין „מירעלע אפרת״, האָט מיין מאַמע געשפּילט די ראָלע פון שיינדעלע, די שלעכטע שנור. געדענק איך, אַז איך בין ניט געווען גליקלעך למאי מיין גוטע, ליבע מאַמע, דיינע פיינמאַן, איז אַזאַ שלעכטע שנור און טוט אָן אַזוי פיל צרות דער גוטער, דער ליבער „מירעלע אפרת״. איך האָב פּונקט ווי דער עולם אין טעאַטער, מיטגעפילט און מיטגעליטן מיט דער ליידנדיקער מירעלע.

אין „סאַפאָ״ האָט מיין מאַמע אויך געשפּילט. זי איז געווען מאַניעטשקע, די געזעצלעכע ווייב פון אַפּאָלאָן זאַנענשיין, מיט וועמען סאָפיע פירט אַ גוואַלדיקע ליבע. אין דריטן און אין פערטן אַקט קומען פאָר שטאַרקע סצענעס צווישן מאַניעטשקע׳ן און סאָפיע׳ן. מאַניעטשקע זידלט סאָפיע׳ן, פאַרשאַפט איר אַ סך צרות און האַרצווייטיק. דער עולם אין טעאַטער פילט מיט מיט סאָפיע׳ן און האָט פיינט אַלע וואָס טוען איר שלעכטס. איך, אָבער, האָב ניט געפילט קיין פאַרדרוס צו מיין מאַמען, למאי אין איר ראָלע פון מאַניעטשקע איז זי שלעכט צו דער ליידנדיקער סאָפיע. האָב איך זיך דאַן אָפט געוואונדערט פאַרוואָס איך פיל אַזוי. איך געדענק זייער גוט, אַז אין יענע יאָרן פלעגן מיינע סימפּאַטיעס שטענדיק זיין מיט די ליידנדיקע העלדן ניט ווייניקער ווי דער עולם אין טעאַטער...

אָט די טעמע, „דער טעאַטער עולם״, זיינע וואַרעמסטע סימפּאַטיעס צו גוטע העלדן פון אַ פּיעסע און זיין ביז גאָר פיינטלעכע באַנעמונג צו די שלעכטע, איז שוין היפּשלעך באַשריבן געוואָרן אין אונזער טעאַטער־ליטע־ראַטור. ווילט זיך מיר דאָ ברענגען עטלעכע זייער כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון איינער פון אונזערע גאָר פיינסטע טעאַטער־שילדערונגען, געשריבן פון דעם העכסט־טאַלאַנטפולן זשורנאַליסט, לאַנג־יאָריקער אָנגעזעענער מיט־אַרבעטער פון „פאָרווערטס״, מ. אָשעראָוויטש. איך שאַץ זייער אָפּ זיין פאַרשטענדעניש פאַר טעאַטער און בין אים ביז גאָר דאַנקבאַר פאַר זיין וואַרעמער און האַרציקער באַציאונג צו שוישפּילער. וויל איך דאָ ציטירן פון זיין העכסט־געלונגענעם בוך „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד, צוויי דורות אידיש טעאַטער״. אין זיין מייסטערהאַפטער שילדערונג פון דוד קעסלער, קומט אים אויס צו רעדן וועגן טעאַטער־עולם. ברענגט ער דאָרט אַ פאַל, וואָס דער באַקאַנטער רוסישער רעזשיסאָר טאַאיראָוו האָט דערציילט:

„ביי אַ פֿאָרשטעלונג פֿון שעקספּיר׳ס „אָטעלאָ״, איז איינער פֿון די צושויער געוואָרן אַזוי אין כּעס אויף דעם אַקטיאָר, וועלכער האָט גלענצנדיק געשפּילט די ראָלע פֿון יאַגאָ׳ן דעם אינטריגאַנט, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אים דערשאָסן אויף טויט. באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט וואָס ער האָט דאָ געטאָן, האָט ער מיטן זעלבן רעוואָלווער זיך אַליין אויך דערשאָסן. די צוויי טויטע האָט מען דערנאָך אין איין קבר באַגראָבן. אויף זייער מצבה האָט מען אויסגעקריצט אַזאַ אויפֿשריפֿט: ׳דאָ ליגן צוויי — אַ טאַלאַנטפֿולער אַקטיאָר און אַ טאַלאַנטפֿולער צושויער׳...״

און אָשעראָוויטש זאָגט: „אַזעלכע טאַלאַנטפֿולע צושויער פֿון דעם מין האָט דאָס אידישע טעאַטער געהאַט אַ סך. און עס איז ממש מיט נסים וואָס די בעסערע אַקטיאָרן אונזערע, זיינען ניט געפֿאַלן קיין קרבנות פֿון זייערע הענט... און אפֿשר איז ניט געקומען דערצו דערפֿאַר, וואָס די בעסערע אַקטיאָרן אונזערע פֿון יענער צייט, די זיילן פֿון דער אידישער בינע, האָבן ניט געוואָלט שפּילן קיין ראָלן פֿון שלעכטע כאַראַקטערס, ווייל זיי האָבן זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיטן פּובליקום, ווי זיי פֿלעגן זיך געווײַנלעך אויסדריקן. און די קאָליקעס, די הילצערנע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אויף דער בינע יאָ פֿאַרגעשטעלט אַזעלכע כאַראַקטערס, האָבן געשפּילט אַזוי שוואַך און אַזוי שלעכט, אַז זיי האָבן אַפֿילו ניט פֿאַרדינט מען זאָל זיי שיסן׳.

ווייל איך דאָ דערציילן צוויי חנ׳עוודיקע עפּיזאָדן בנוגע דעם ענין, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן אידישן צושויער. איין עפּיזאָד האָט פּאַסירט טאַקע מיט מיין טאַטן, יעקב פּ. אַדלער, און דער צווייטער מיט מיין מאַמען, דיינע פֿיינמאַן. פּאַסירט האָבן די עפּיזאָדן אין צוויי באַזונדערע וועלט־טיילן. מיין טאַטנס עפּיזאָד איז געשען אין קאַנאַדע. מיין מאַמע׳ס — אין לאָנדאָן. באַווייזט עס הפּנים, אַז אומעטום פֿאַרמאָגט דער אידישער טעאַטער־גייער זיין ספּעציפֿיש־אידישן צוגאַנג.

איז, ראשית, דער עפּיזאָד מיט מיין טאַטן. דאָס איז געווען ביי אַ פֿאָרשטעלונג פֿון גאָרדינ׳ס „דער אידישער קעניג ליר״ אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, אין „מאָנומענט נעשאָנאַל טעאַטער״. אין דריטן אַקט, מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, אַלס דוד משה׳לעס, גייט אַרום אַ הונגעריקער. ער געפֿינט זיך דאָן אין שטוב פֿון זיין עלטסטער טאָכטער עטעלע. אַן ענג־האַרציקע און געלט־גייציקע, זשאַלעוועט זי אים דעם ביסן אין מויל, כאָטש, ווי איר ווייסט, האָט ער זיינע קינדער אָוועקגעגעבן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. שמאי, זיין געטרייער משרת, אַן איבערגעגעבענער פֿריינט, בעט זיך ביי עטעלע׳ן זי

זאָל דעם הונגעריקען טאַטן געבן עפּעס עסן: „ער האָט דאָך נאָך היינט אין זיין מויל ניט געהאַט"... אָבער זי צעשרייט זיך: „נאָר עסן ליגט זיי אין זינען. אַ מענטש זאָל נאָר טראַכטן פון עסן... קענסט זיך ניט אָװעקזעצן און אַריינקוקן אין אַ ספר?"

פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם אין טעאַטער איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער שלעכטער טאָכטער, און זייערע הערצער גייען אויס פון רחמנות צום הונגעריקן דוד משה׳לעס, נעבעך. מיין טאַטע פלעגט אין דער סצענע זייער בולט אַרויסווייזן זיינע הונגער־ליידן. זיינע גרויסע, איינדרוקספולע אָדלער־אויגן האָבן געריסן שטיקער האַרץ ביים עולם. איין איד אין טעאַטער האָט שוין דאָס לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט, און אַן אויפגערעגטער זיך געלאָזט גיין צו דער בינע, און גייענדיק האָט ער געשריען אויף די העכסטע קולות: „האָב איר טיף טייער, יאַנקל, די טאָכטער דיינע, די מרשעת... זעסט דאָך שוין, אַז דו וועסט ביי איר היינט קיין ביסן אין מויל ניט קריגן. זי האָט דאָך אַ שטיין אַנשטאָט אַ האַרץ. גיב אַ שפּיי אויף איר, יאַנקל, און קום צו מיר! מיין אידענע וועט דיר דערלאַנגען אַ וועטשערע, אַז דו וועסט זיך מחיה זיין. קום, יאַנקל! זאָל זי דערוואָרגן ווערן, די פּאַסקודסטווע, די טאָכטער דיינע. קום צו מיר!"...

דער עפּיזאָד מיט מיין מאַמען איז געשען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין לאָנדאָן, און ווידער, ביי גאָרדינ׳ס אַ פּיעסע, „די יתומה". הפּנים, אַז ער האָט געהאַט דעם טאַלאַנט אַזוי אויסצומאָלן אַ דראַמאַטישע סיטואַציע, אַז עס זאָל רירן אידישע הערצער. מיין מאַמע האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, כאַשע די יתומה.

ווייסט איר דאָך, כאַשע איז אַ דינסט ביי איר רייכער מומע. דער מומע׳ס זונדל, וולאַדימיר, פאַרליבט זיך אין כאַשע׳ן. זי איז אַוודאי אין זיבעטן הימל. זי האָט אים ליב מיט איר גאַנצן האַרץ, מיט איר נשמה. הקיצור, די „פאַרליבעניש" גייט אַוועק צו־ווייט. ווען די מומע דערוויסט זיך ווי ווייט ס׳איז אַוועק, טרייבט זי כאַשע׳ן אַרויס. וולאַדימיר׳ס געוויסן דערלאָזט אים ניט ער זאָל זיך אָפּטרייסלען פון איר אין אַזעלכע אומשטענדן און ער האָט מיט איר חתונה, קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן.

איז אָט שפּילט מען דעם פערטן אַקט. כאַשע האָט שוין געהאַט דאָס קינד. וולאַדימיר, דער צעבאַלעוועטער רייכער זונדל, קען ניט און פוילט זיך עפּעס צו טאָן, זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן. די רייכע עלטערן ווילן זיי ניט העלפן. וואוינט ער מיט כאַשע׳ן און מיטן קינד אין אַ זייער

אָרעמער דירה, און מ׳איז אויף גרויסע צרות. ער האָט שוין חרטה אויפן גאַנצן עסק.

קומט ער אַהיים שפּעט בײנאַכט. ער איז שיכור׳לעך און צערײצט. ער רעדט זײער גראָב צו כאַשע׳ן, איז בײז אויפן קינד. כאַשע נעבעך װײנט און פּילט איר גרויסן אומגליק. דער עולם אין טעאַטער קריצט מיט די צײן אויף װלאַדימיר׳ן און װײנט מיט מיט כאַשע׳ן.

מיטאַמאָל פאַרגלוסט זיך װלאַדימיר׳ן צו הײסן כאַשע׳ן אים אַראָפּציען די שטיװל. דאָס האָט אײנער פון די צושויערינס שוין דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ. דאָס, האָט זי באַשלאָסן, קען זי שוין ניט פאַרשװײגן. כאָטש זי איז געזעסן העט-העט אויף דער גאַליאָרקע, האָט איר קװיטשעדיקע שטים זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן טעאַטער: „ניטע, דײנע, לאָז זיך ניט אַזױ דערנידעריקן פון דעם גאָרניט שב׳גאָרניט. ער איז ניט קראַנק אַלײן אַראָפּציען זײנע שטיװל . . . טו עס ניט, דײנעלע!"

װי איר זעט, אידישע צושויער שיסן ניט מיט רעװאָלװער-קוילן. זײ שיסן מיט רײד — זײ נעמען זיך אָן די קריװדע פון זײערע באַליבטע שױשפּילער . . .

**ע**רשט איצט, שרײבנדיק די זכרונות מײנע פון יענע יאָרן אַלס קינדער-ראַליסטקע אין אידישן טעאַטער, הױב איך אָן פילן, אַז איך האָב נאָך װאָס צו בענקען. איך האָב ביז איצט שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב ניט װאָס מיר זאָל פאַרדריסן הלמאי מײנע קינדער-יאָרן זײנען אַװעק. עס זײנען טאַקע אַזױ פיל װאונדערלעכע לידער געשריבן געװאָרן פול מיט בענקעניש צו „די זיסע, ליבע, קינדער-יאָרן, װאָס מ׳האָט זײ אַזױ שנעל פאַרלאָרן" . . . איך בין אָבער קײנמאָל ניט גערירט געװאָרן פון דעם. מײן פאַרפלאָנטערט משפחה-לעבן, װי איר װײסט שוין, האָט מײנע קינדער-יאָרן ניט פאַרזיסט.

װען אײנער פון די פאָלקס-דיכטער אונזערע האָט זיך צעלאָזט:

„מיט פערד און װאָגן, גיכער פאָרן,
אפשר װעט ער נאָך דעריאָגן, זײנע קינדער יאָרן . . ."

בין איך דערצו געבליבן קאַלט. און װען ער בעט זיך בײ זײנע יונגע יאָרן זײ זאָלן קומען צוריק, און זײ — די יונגע יאָרן, הײסט עס — ענטפערן:

„נײן, מיר װעלן זיך ניט אומקערן,
ס׳איז ניטאָ צו װעמען,
האָט איר פריער ניט געזאָלט
אונז אַזױ פאַרשעמען . . ."

האָב איך אַנשטאָט פילן זיך שולדיק קעגן מיינע „יונגע יאָרן", גאָר געפילט, אַז ניט איך, נאָר זיי דאַרפן זיך פילן שולדיק. זיי — מיינע „יונגע יאָרן" — האָבן גאָר מיך פאַרשעמט.

איצט, אָבער, זיך פאַרטיפנדיק אין די יאָרן מיינע, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, האָב איך פלוצלונג געגומען פילן אַ בענקעניש. איך לייען אַרויס פון מיין זכרון איינדרוקן און דעראינערונגען, וואָס פילן אָן מיין האַרץ מיט פרייד, וואָס וואַרעמען מיין נשמה. איך זע באַשיינפערלעך ווי דאַן, אין די יאָרן פון ניין ביז אַרום צוועלף־דרייצן, האָט מיין טעאַטער־באַוואוסטזיין זיך צו מיר אַנטפּלעקט. איך האָב דאַן דערשפירט דעם צויבער פון טעאַטער. איך האָב זיך ממש דערפילט ווי אַ טייל פון אַ טעאַטער־דינאַסטיע, וואָס באַפעסטיקט זיך שטאַרקער און ברייטער פון טאָג צו טאָג.

דווקא דאַן, אַלס לייכטזיניק, ניט דערוואַקסן מיידעלע, האָב איך ממש מיט מיינע אויגן געזען, מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם ריזיקן בנין, וואָס ווערט אַזוי צויבערהאַפט באַשאַפן, וואָס ווערט פון טויזנטער און טויזנטער באַוואונדערט.

שטעלט זיך דאָך די פראַגע: ס'טייטש, אָט די אויסגערעכנטע געפילן האָבן זיך דאָך געדאַרפט אַנטפּלעקן צו מיר שפּעטער, ווען איך האָב אַלס צילי אַדלער זיך אַרויסגעלאָזט אויף די אומזיכערע וועגן, אין שווערן גאַנג צו מיין קאַריערע. דאַן, אַלס דערוואַקסענע, מיט אַ מער־ווייניקער רייפן פאַר־שטאַנד, דאַן ערשט האָב איך געדאַרפט דערפילן מיין באַרוף.

ליגט אָבער דער ענטפער ווי אויף דער האַנט. ווען איך האָב אַלס דערוואַקסענע, אַלס צילי אַדלער, גענומען מאַכן מיינע ערשטע טריט, בין איך שוין געוואָרן אַריינגעכאַפּט אין קלעם פון דער קליינלעכער הינטער־קוליסן פּאָליטיק...

בין איך שוין געלעגן אויף די צינגער פון די גיפטיקע אייפערזיכטיקע רכילות־טרייבער... איך האָב זיך גלייך דערפילט אין דער לאַגע פון די איצטיקע קיבוצ'ניקעס אויף די גרענעצן אין ישראל — אין איין האַנט דעם אַקער, אָדער דעם האַמער צום שאַפן און בויען, אין דער צווייטער האַנט די ביקס זיך צו פאַרטיידיקן.

ווי ביי אַ יונגער אַקטריסע, האָבן מיינע ראָלן געפאָדערט די גאַנצע אָנשטרענגונג, מיין לעצט ביסל פאַרשטענדעניש און פייאיקייט. אָבער גלייכ־צייטיק האָב איך כסדר געדאַרפט האַלטן מיינע אויגן אויף אַלע זייטן, אויב עמיץ זוכט ניט מיר אונטערצושטעלן אַ פיסל; קוקן הינטער זיך, אויב עמיץ שטייט ניט מיט אַ גיפטיקער שפּיז הינטער מיין רוקן. אין אַזאַ לאַגע זעט מען

ניט דאָס גאַנצע, פֿילט מען ניט וואָס עס ווערט געשאַפֿן, מען איז פֿאַרנומען בלויז מיט זיך, מען האָט אין זינען צו היטן די אייגענע הויט.

אָבער דאַן, אַלס יונג מיידעלע, דאַן איז געווען גוט. ווייט פֿון פּאָליטיק און רכילות האָט דאָס קינדישע, נאַאיווע אויג, דאָס ניט צו־אַנטוויקלט קעפּל געקענט אָן מורא, אומגעשטערט פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון דער גרויסער זאַך.

און כאָטש מיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר טעאַטער איז געווען פּרימיטיוו און ווייט ניט אַנטוויקלט, האָב איך אָבער געפֿילט די ריזיקע דערגרייכונגען אין דער גאַרדין־עפּאָכע פֿון קאַליש און קעסלער, פֿון מאָגולעסקאָ און טאַרב־בערג, פֿון מאָשקאָוויץ און ליפּצין, פֿון דיינע פֿיינמאַן און בלאַנק. בענק איך שטאַרק נאָך יענע יאָרן. נאָך יענע יאָרן וואָלט איך זיך אויך ווען „לאָזן יאָגן מיט פֿערד און וואָגן".

אָט געדענק איך זייער קלאָר די גרויסע פֿרייד מיינע, ווען פֿון העלער הויט איז אונזער טעאַטער באַגליקט געוואָרן מיט אַ ריזיקן שוישפּילערישן כח. פֿון דער פֿרעמד איז ער צו אונז געקומען. איך האָב אים ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען, אַפֿילו ניט געהערט פֿון אים. מיין האַרץ האָט אַזש גע־שפּרונגען פֿון פֿרייד, ווען איך האָב דערזען אויף די אַפֿישן די גרויסע מעלדונג, אַז ביי אונז אין טעאַטער וועט באַלד אויפֿטרעטן „דער קייזער־קעניגלעכער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן". איך האָב זיך געפֿרייט וואָס אונזער טעאַטער ווערט באַרייכערט מיט אַזאַ באַרימטקייט. און ס'האָט מיר אַזש פֿאַרכאַפּט דער אָטעם ווען מען האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז אין זיין ערשטע פּיעסע, „זי איז וואַנזיניק", דאַרף איך שפּילן אַ קינדער־ראָלע.

טליעט נאָך איצט אין מיין זכרון די האַרציקע וואַרעמקייט וואָס מאָריסאָן האָט אונז אַלעמען אַרויסגעוויזן. צו מיר האָט ער עפּעס ספּעציעל געהאַט אַזאַ געטרייע, כמעט פּאָטערלעכע באַציאונג. אַזוי קלאָר און פֿאַרשטענדלעך האָט ער מיר אויסגעטייטשט דאָס דאָרפֿס־אינגל, וואָס איך האָב געדאַרפֿט שפּילן, אַז שוין ביי דער דריטע אָדער פֿערטע פּראָבע, האָב איך שוין מיין ראָל אַזוי געשפּילט, אַז ער האָט עטלעכע מאָל מיר גערופֿן „באָקפּישעלע".

כאָטש ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך ליבע, איז עס מיר עפּעס ניט געווען צום האַרצן... איך האָב געפֿילט פּריקרע פֿון אַזאַ צונאָמען ווי „באָקפּישעלע". ער האָט הפּנים דערפֿילט, אַז איך בין ניט צופֿרידן דערמיט. האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויף דער דייטשער בינע איז דאָ אַזאַ זשאַנער ראָלע, וואָס ווערט באַטיטלט מיטן נאָמען „באָקפּיש"... „דו ציליקו, וואָלסט אין אונזער דייטשן טעאַטער באַרימט געוואָרן אַלס „באָקפּיש" שוישפּילערין".

ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג געדענק איך אַ מורא'דיקע שרעק, וואָס

איך האָב איבערגעלעבט. אין זײַן ראָלע אין יענער פּיעסע שטאַרבט ער אין לעצטן אַקט. דער אַקט ענדיקט זיך מיט זײַן שטאַרבן. ווי נאָר דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן, איז ער גלײַך אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דער בינע. דער עולם אַפּלאָ־דירט, דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך עטלעכע מאָל, אַלע שוישפּילער בויגן זיך, מאָריסאָן איז ניטאָ. דער עולם שרײַט און רופֿט מאָריסאָן. אַלע שטייען אויף דער בינע, רופֿן און קוקן אין דער ריכטונג וואו ער איז אַוועק.

ווען מאָריסאָן האָט אין זײַן גאַרדעראָב דערהערט דעם טומל, ווי מען שרײַט זײַן נאָמען אויס, האָט ער אַרויסגעשיקט זײַן „דרעסער" אויסגעפֿינען וואָס זיי שרײַען אַזוי. זיי האָבן אים, דעם דרעסער, געזאָגט אַז דער עולם וויל מאָריסאָנען. ער זאָל אַרויסקומען זיך בויגן פֿאַרן עולם. דער „דרעסער" איז צוריקגעלאָפֿן צו מאָריסאָנ׳ען און באַלד באַוויזט ער זיך ווידער, שרײַט און וואַרפֿט מיט די הענט: „ער זאָגט אַז ער קען זיך ניט בויגן, ער איז טויט".

איך האָב, הפּנים, פֿאַרהערט דעם דרעסערס ערשטע ווערטער. איך האָב בלויז געהערט די ווערטער „ער איז טויט", און אָן אָטעם בין איך אַ פֿאַר־צווייפֿלטע אַרײַנגעלאָפֿן אין מאָריסאָנ׳ס גאַרדעראָב. ערשט ער זיצט פֿאַרן שפּיגל, און נעמט אַראָפּ זײַן גרים. איך בין כמעט אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זײַן האַלז און מיט אַ פֿאַרשטיקט קול קוים אַרויסגעזאָגט, ווייזנדיק אויפֿן „דרע־סער": „ער האָט געזאָגט, אַז איר זײַט טויט"...

מאָריסאָן האָט זיך שטאַרק צעלאַכט מיט זײַן ברוסטיקן געלעכטער: „נון, יאַ, מײַן קליינע, ענדע שטיק בין איך יאַ טאָדט"...

ערשט שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז אין אַ ראָלע וואו ער שטאַרבט אויף דער בינע, קומט ער זיך קיינמאָל ניט בויגן...

פֿאַרענדיקן וויל איך דעם טייל פֿון מײַן „קינדער־ראָלן" פּעריאָדע מיט גאָר אַ טשיקאַוון עפּיזאָד.

אין יענער צײַט האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ קלוב פֿון אַקטיאָרישע קינדער. עס האָבן באַלאַנגט לילי קאַליש, אײַדאַ קעסלער, דזשאָ פּיינמאַן, פּרעדי בערנשטיין, אײַבי סימאָנאָף, היימי סימאָוויטש, ווילי ווילענסקי, טעסי און ראָוז אַבראַמאָוויטש און אַנדערע. כדי צו שאַפֿן אַביסל געלט פֿאַר דער קאַסע פֿון קלוב, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַראַנזשירן אַ פֿאָרשטעלונג. מיר האָבן געדונ־גען דעם טעאַטער־זאַל פֿון „עדיוקיישאַנאַל עליִענס" אויף איסט בראָדוויי און דזשעפֿערסאָן סטריט. מיר האָבן באַשלאָסן צו שפּילן אויף ענגליש, די באַרימטע ענגלישע פּיעסע „די בעללס".

מיר האָבן עס טיכטיק אײַנגעשטודירט. מיר האָבן עס אַליין אַנאָנסירט צווישן די סקול־קינדער אין די פֿאַרשידענע סקולס וואו מיר זײַנען געגאַנגען.

די בילעטן האָבן געקאָסט פינף און צוואַנציק סענט. און, וואונדער איבער וואונדער, דעם אָוונט איז דער גאָר גרויסער זאַל געווען איבערגעפּאַקט.

און אָט קומט די צייט ווען די פאָרשטעלונג דאַרף זיך אָנהויבן. די דירעקטאָרשע פון אַלייענס לאָזט אונז וויסן, אַז איידער מיר וועלן אויפֿהויבן דעם פאָרהאַנג, דאַרף זי אַרויסגיין עפּעס זאָגן דעם עולם. די בליקן אירע מיט וועלכע זי האָט אונז אַלע, אַזוי פון אויבן אַראָפּ, באַקוקט און באַטראַכט, האָבן ביי אונז עפּעס אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט. האָבן מיר אָנגעשפּיצט די אויערן, צו הערן וואָס זי וועט זאָגן דעם עולם.

און אָט הערן מיר אין אַ זייער „פענסי ענגליש", ווי זי זאָגט:

„מיינע הערן און דאַמען, אַלס דירעקטאָרשע פון פאַרווייליגגס־אָפּטיילונג פון דער עדיוקיישאַנאַל אַלייענס האַלט איך עס פאַר מיין פליכט אייך צו מעלדן, אַז מיר טראָגן ניט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער היינטיקער פאָרשטעלונג. די חברה וואָס שפּילן פאַר אייך היינט, האָבן ביי אונז דעם זאַל געדונגען, באַצאָלט דעם פולן פּרייז. זיי טראָגן די גאַנצע אחריות פון דער פאָרשטעלונג. אויב עמיץ פון אייך, וויל איצט, נאָך מיין דערקלערונג אָפּנעמען זיין געלט און אַוועקגיין, וועל איך זען, אַז מ'זאָל אייך אייער געלט אָפּגעבן".

איר קענט זיך שוין פאָרשטעלן ווי מיר האָבן געפילט הערנדיק אָט די דיסקרעדיטירנדיקע רייד. אונזער פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. עטלעכע פון אונז האָבן אויסגעדריקט כעס און פאַרדרוס. אָבער וואָס טוט מען?! ווייס איך ניט וואו ס'האָט זיך צו מיר גענומען דער מוט — אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך קיינמאָל אויף אַזאַ אופן ניט רעאַגירט אין ענלעכע סיטואַציעס. אָבער דאַן האָב איך פּלוצלונג זיך געגעבן אַ שטעל אויף, מיט גרויסע צעעפּנטע אויגן אַלעמען באַטראַכט און, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, בין איך אַרויס פאַרן עולם. איך האָב אַ ווײַלע געוואַרט, ביז ס'איז שטיל געוואָרן. איך קען שווערן, אַז איך געדענק מיין רעדע וואָרט אין וואָרט. איך האָב דווקא גערעדט אין אידיש:

„הויכגעשעצטעס פּובליקום, איך ווייס ניט וויפיל פון אייך קענען מיך. איך בין די טאָכטער פון דיינע פיינמאַן און יעקב פּ. אַדלער און איך וויל בלויז, אַז איר זאָלט וויסן, ווער ס'איז „די חברה" וואָס שפּילן דאָ פאַר אייך, ווי די דירעקטאָרשע האָט זיך דאָ אויסגעדריקט. לילי איז די טאָכטער פון בערטאַ קאַליש; איידאַ, די טאָכטער פון דעיוויד קעסלער; דזשאָו, דער זון פון זיגמונד פיינמאַן; פרעדי, דער זון פון בערל בערנשטיין; טעסי און און ראָוזי, די טעכטער פון בינאַ אַבראַמאָוויטש — קינדער פון עלטערן וואָס איר אַלע קענט, וועמען איר האָט אַלע ליב. דענקט איר ניט, אַז איר

קענט זיך פאַרלאָזן אויף אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט? איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר וועלן אייך געבן אַ פאָרשטעלונג וואָס וועט ניט פאַרשעמען די נעמען פון אונזערע עלטערן. אפשר ווייסט דאָס ניט די דירעקטאָרשע, אָבער איר, בין איך זיכער, ווייסט עס זייער גוט".

מיינע רייד זיינען דערטרונקען געוואָרן אין אַ כוואַליע פון אַפּלאָדיס־מענטן. קיין איינער איז ניט געגאַנגען נעמען זיין געלט צוריק...

פון מיינע לעצטע קינדער־ראָלן

# צילי פײַנמאַן — צילי אַדלער

פון מײַנע יוגנטלעכע ראָלן אַלס צילי פײַנמאַן

עס איז ענדלעך געקומען די צײַט ווען דאָס טעאַטער האָט פאַר מיר קײן אָרט ניט געהאַט — כ׳בין געוואָרן צו אַלט צו שפּילן קינדער־ראָלן, צו יונג צו שפּילן דערוואַקסענע.

בכלל, זײַנען די יאָרן פון דרײַצן־פערצן ביז אַרום זיבעצן־אַכצן, סײַ בײַ מײדלעך, סײַ בײַ אינגלעך, יאָרן פון אומזיכערקייט, יאָרן פון פאַרשײדענערלײ פאַרלאַנגען. דאָס זײַנען די יאָרן ווען אַ קינד הויבט אָן ווערן אַ דערוואַקסענער מענטש. און זײער אָפט קומען פאַר אין יענע יאָרן מאָדנע ענדערונגען, טראַנספאָרמאַציעס, וואָס בײַטן דעם גאַנצן כאַראַקטער, ברענגען אַרויס נײַגונגען אַזעלכע, וואָס מ׳האָט זײ פריער גאָרניט באַמערקט.

בין איך ניט געווען קײן אויסנאַם אין דעם פאַל. אויך אין מיר איז עפּעס פאָרגעקומען, וואָס איך קען עס ביז איצט זיך ניט דערקלערן. איך האָב פּלוצים פאַרלוירן מײַן גאַנצן אינטערעס פאַר טעאַטער. פון דער העלער הויט האָב איך אין זיך דערפילט אַ זײער שטאַרקן ווידערווילן צו טעאַטער. איך האָב אַפילו ניט געהאַט די נײַגעריקײט צו גײן זען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. אָפּגערעדט, אַז איך האָב גאָרניט געוואָלט טראַכטן פון ווערן אַן אַקטריסע. איך געדענק זײער קלאָר, אַז איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ גליק, וואָס איך קען מער קײן קינדער־ראָלן ניט שפּילן. אין מײַן גאַנצן באַוואוסטזײַן האָב

איך דערפילט דעם פעסטן און זיכערן באַשלוס, אַז איך וויל ניט, און וועל ניט מער שפּילן קיין טעאַטער.

וויפיל איך האָב זיך שוין געגריבלט אין דער דעמאָלטיקער צייט, געזוכט און געבענטשט די אורזאַכן וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן דעם ווידערווילן צו טעאַטער, האָב איך גאָרניט געפונען. אפשר זיינען דאָ פּסיכאָ־לאָגן אַזעלכע וואָס קענען דאָס פאַרטייטשן. איך, אָבער, האָב מורא, אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן אויף אליהו הנביא — ער, זאָגט מען דאָך, וועט פאַר־ענטפערן אַלע קשיות.

איך געדענק זייער קלאָר, אַז איך האָב אין זיך דערפילט אַ זייער שטאַרקע נייגונג צו ווערן אַ לערערקע. איך האָב אויך מיט גרויס אַמביציע זיך געלערנט פּיאַנאָ שפּילן, און געהאַט אַספּיראַציעס צו ווערן אַ פּיאַנאָ־לערערין.

האָב איך אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געזאָגט, אַז בערטאַ קאַליש טראָגט די שולד אָדער דעם קרעדיט, וואָס איך בין געבליבן ביי דער בינע. איז אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

די קאַליש האָט דאַן שוין עטלעכע יאָר געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אויף דער ענגלישער בינע. איר מאַן לעאָפּאָלד שפּאַכנער, איז געבליבן דער מענעדזשער פון דעם ווינדזאָר טעאַטער אויף דער באַוערי און קאַנאַל סטריט. האָט ער גע׳פּועל׳ט ביי זיין פרוי, בערטאַ קאַליש, זי זאָל בלויז שפּילן פינף פאָרשטעלונגען אין אידיש צו דערעפענען דעם נייעם סעזאָן אין זיין טעאַטער — פינף פּיעסן פון איר אידישן רעפּערטואַר.

צווישן די פינף פּיעסן איז אויך געווען זודערמאַן׳ס באַרימטע דראַמע, „די היימאַט״, אָדער „מאַגדאַ״. די קאַליש האָט מיט יאָרן פריער, אין אידישן טעאַטער, אין דער ראָלע פון „מאַגדאַ״ געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ווען מ׳האָט זיך גענומען צום אויסטיילן די ראָלן אין „מאַגדאַ״, האָט מען זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ שווערער סיטואַציע. אין דער פּיעסע איז דאָ אַ ראָלע פון אַ זעכצן יאָריק מיידל, מאַרי, דאָס איגגערע שוועסטערל פון דער הויפּט העלדין, מאַגדאַ. צו יענער צייט איז דאָס אין אידישן טעאַטער קיין פּראָבלעם ניט געווען. יעדע אידישע אַקטריסע, האָט אין יענע יאָרן געשפּילט אַזעלכע ראָלען ווען מ׳האָט געדאַרפט. ווער האָט זיך עס גערעכנט מיט פיגור, אָדער עלטער? אַלץ וואָס די אַקטריסע האָט באַדאַרפט, איז אַראָפּלאָזן אירע אייגענע האָר אין אַ צאָפּ, פאַרבויגן דאָס קליידל אויף עטלעכע אינטשעס, און אָט איז זי שוין געווען דאָס יונגע מיידעלע. אַי, זי איז מיט עטלעכע צענדליק פונט צו שווער און פון פאַרקירצטן קלייד זעען זיך אַרויס אירע פיס, ווייט פון יונג־מיידעלשע? . . . איז וואָס? . . . ס׳עט חלילה קיינעם ניט שאַטן.

די קאַליש, אָבער, האָט זיך אין די עטלעכע יאָר אויף דער ענגלישער בינע אָפּגעוואוינט פון אַזעלכע טעאַטער־פאַרברעכנס. דאָרט איז מען אָפּ־געהיט אין די ענינים. הכלל, זי איז באַשטאַנען, אַז פאַר דער ראָלע מוז מען קריגן אַ יונגעטשקע אַקטריסע. אין דער טרופּע פון יענעם טעאַטער, איז אַזאַ ניט געווען. שפּאַכנער האָט געפּרואווט איר איבעררײדן. ס'האָט ניט געהאָלפן. מ'האָט זיך גענומען ברעכן די קעפּ — וואָס טוט מען? האָט די קאַליש אַ זאָג געטאָן: — „פאַרוואָס זיך ניט ווענדן צו צילי פײנמאַן? זי איז פּונקט די יאָרן, און האָט דעם פּאַסיקן אויסזען וואָס די ראָלע פאָדערט?"

איר מאַן, שפּאַכנער, איז געקומען און גערעדט מיט מײן מאַמע'ן, זי זאָל מיך לאָזן גײן שפּילן די ראָלע. די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז אויב איך וויל, האָט זי זיכער גאָרניט דאַקעגן. מ'האָט מיך אַרײנגערופן. איך בין געווען איבערראַשט צו זען שפּאַכענר'ן בײ אונז אין שטוב. מיר האָבן זיך געקענט, זײן טאָכטער לילי איז געווען מײן בעסטע חבר'טע. איך פלעג אָפט זײן בײ זײ אין שטוב און זי — בײ אונז. אָבער שפּאַכנער איז ניט געווען פון די צוגעלאָזענע מענטשן. ער איז שטענדיק געווען דער געשעפטס־מאַן.

מיר האָבן זיך באַגריסט און ער זאָגט מיר: „צילי, וועסט מאָרגן עלף אַזײגער אינדערפרי קומען אין ווינדזאָר טעאַטער צו פּראָבע".

איך האָב צעעפנט די אויגן מײנע, פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמע'ן און אים געזאָגט: „איר מאַכט אַ טעות, מר. שפּאַכנער. וואָס האָב איך צו טאָן מיט פּראָבע? איך שפּיל ניט מער. ניט איך קען, ניט איך וויל".

איך האָב ווידער געקוקט צו דער מאַמע'ן, זי האָט עפּעס אַזוי מאָדנע געשמײכלט.

שפּאַכנער האָט מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט עפּעס ניט געווען בײם זינען.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ נ אַ ר י ש ק י י ט? ! נאַ דיר גאָר! איך קום דיך אײנלאַדן צו שפּילן מיט בערטאַ קאַליש אין „מאַגדאַ"... דו פאַרשטײסט וואָס דאָס מײנט? ס'איז אַ וויכטיקע ראָלע, צילי; די צווײטע ראָלע צו בערטאַ קאַליש. גײ, מאַך זיך ניט נאַריש. קום מאָרגן צו פּראָבע, וועסט זיך דאַרפן אונטערגאַרטלען צו שפּילן אַזאַ ראָלע".

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקײט, ווי עס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך. איך האָב ווידער געכאַפּט אַ קוק אויף דער מאַמע'ן. אויף איר פּנים איז נאָך אַלץ געווען דער מאָדנער, קלוגער שמײכל. איך האָב מיט אַ זיכערן טאָן געזאָגט:

„עס פאַרדריסט מיך זײער, מר. שפּאַכנער, וואָס איר האָט זיך גענומען

די מי צו קומען צו מיר. איך דאַרף אייך ניט זאָגן ווי איך האָב ליב מאַדאַם קאַליש, און ווי הויך איך שעץ זי. אָבער איך בין ניט קיין אַקטריסע; איך האָב מער ניט צו טאָן מיט טעאַטער. איך האָב ניט בדעה ווען עס איז צו שפּילן. איך האָב אין גאַנצן אַנדערע אַמביציעס. זייט מיר מוחל..."

איך בין אַוועק צו זיך אין צימער. איך בין געווען זייער צופרידן וואָס איך בין דאָס איבערגעקומען. איך בין געווען זיכער, אַז דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. הפּנים אַז ס'איז שוין ערגעץ געווען באַשטימט און פאַרזיגלט, אַז מיין גורל איז פאַרבונדן מיטן אידישן טעאַטער.

אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך ממש אויסער זיך געווען פון איבער־ראַשונג, ווען די שיינע, גראַציעזע, מאַיעסטעטישע בערטאַ קאַליש איז אַריינגעקומען צו אונז. מיר האָבן זיך זייער האַרציק צוקושט. זי האָט באַ־וואונדערט ווי שיין איך בין אויסגעוואַקסן. זי האָט מיך שוין עטלעכע יאָר נישט געזען.

„ציליקו, דו וויסט גאָרניט ווי וואונדערלעך דו ביזט צוגעפּאַסט צו דער ראָלע פון מאַרי אין „מאַגדאַ". לעאָפּאָלד זאָגט מיר, אַז דו ווילסט מער ניט שפּילן, האָסטו מן הסתם דיינע אורזאַכן דערפאַר. וויל איך, חלילה, דיין באַשלוס ניט ענדערן. אָבער, טייערינקע, שפּילן מיט מיר די איינע פאָרשטעלונג דאַרף דאָך ניט ענדערן דיין באַשלוס. איך בעט דיך, צילינקע, מיר טאָן די טובה... מיר האָבן זיך דאָך אַמאָל זייער ליב געהאַט"...

איך האָב איר ניט געקענט אָפּזאָגן. איך האָב דאָך זי ממש פאַרגעטערט, אין די יאָרן ווען איך האָב מיט איר געשפּילט די קינדער־ראָלן. איך האָב שטענדיק געדענקט די וואַרעמקייט מיט וועלכע זי האָט זיך באַצויגן צו מיר אין יענע יאָרן. בערטאַ קאַליש בעט זיך ביי מיר — איך האָב זיך ניט געקענט קעגן שטעלן. נו, טאַקע, איין פאָרשטעלונג דאַרף דאָך ניט ענדערן מיין באַשלוס...

איך האָב געשפּילט מיין ערשטע ראָלע אַלס דערוואַקסענע.

ווי געזאָגט, איז מיין ראָלע אַ זעכצן־יאָריק שוועסטערל פון דער הויפּט־העלדין, מאַגדאַ. אונזערע עלטערן זיינען אַלט־מאָדיש, אַ שטרענג־רעליגיעזע, אַריסטאָקראַטישע משפּחה. דער פאָטער איז אַ געוועזענער מיליטער־מענטש אין דער הויפּט שטאָט פון אַ פּראָווינץ. מאַגדאַ איז אין אירע פריע יאָרן אַוועק פון דערהיים, געוואָרן אַן אַקטריסע. דער פאָטער איז איר ניט מוחל.

מאַגדאַ באַווייזט זיך ערשט אין צווייטן אַקט. דער שלוס פון ערשטן אַקט ווייזט, ווי מאַרי, מאַגדאַ'ס יונגע שוועסטערל, דערוויסט זיך אַז איר

עלטערע שוועסטער, וועלכע זי האָט שוין צען יאָר ניט געזען, איז געוואָרן אַ באַרימטע פּרימאַדאָנע, איז געקומען צוריק אין שטאָט. אָט זעט זי דורכן פענסטער די קאַרעטע מיט איר שוועסטער צופאָרן צו זייער הויז — אָט זעט זי איר באַרימטע שוועסטער אַרויסשטייגן. וועט זי אַריינקומען? וועט איר שטרענגער פאָטער זיך מיר איר איבערבעטן?

דאָס איז אַ סצענע וואָס איז דער גרעסטער וואונטש פון שוישפּילער — האָבן פאַר זיך דעם שלוס־אַקט. מאַרי ציטערט און פלאַטערט מיט יוגנט־לעכן ענטוזיאַזם. זי ציטערט און פלאַטערט מיט האָפנונג, מיט וואַקסנדיקן עקסטאַז — אַ שטילע תפילה, אַז איר וואונטש זאָל מקוים ווערן — דער פאַרהאַנג פאַלט...

דער טעאַטער האָט געשטורמט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

איך וויל אַראָפּלויפן פון דער בינע — עמעצער שרייט אויס: „בלייב שטיין, צילי, נויג זיך". איך בלייב איינע אַליין אויף דער בינע. דער פאָר־האַנג הויבט זיך עטלעכע מאָל. מ'שרייט און מ'רופט מיין נאָמען. איך שטיי ווי פאַרגליווערט, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַ דערשראָקענע. דאָס האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט...

ווען איך בין ענדלעך אַראָפּ פון דער בינע האָט די קאַליש מיך אַרומגע־נומען, מיך זייער האַרציק געקושט און געדריקט צו זיך. זי האָט מיך אַריינ־געפירט צו זיך אין גאַרדעראָב, מיך אַוועקגעזעצט אויף איר שטול און שטיי־ענדיק פאַר מיר האָט זי געזאָגט: „איך ווייס ניט, צילי, פאַרוואָס דו האָסט געוואָרפן אַן אומ'חן אויף טעאַטער־שפּילן. איך זאָג דיר, קינד, דו ביזט געבענטשט מיט אַ סך טאַלאַנט און בינע־חן. דו טאָרסט ניט אויפגעבן די בינע. דיר דערוואַרט אַ גרויסע קאַריערע אין טעאַטער"...

אַ פאַרגליווערטע בין איך געזעסן פאַר איר, געקוקט אויף איר מיט פאַרוואונדערטע אויגן. איך האָב קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. איך האָב נאָר געפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעגאַנגען דורך מיין גאַנצן קערפּער...

טעג און וואָכן האָבן אירע ווערטער מיר געברענט דעם מוח. אירע גרויסע, ערנסטע אויגן, ווען זי האָט די ווערטער געזאָגט, האָבן מיך ניט צורו געלאָזט... איך האָב צו זיך ניט געקענט קומען. ביז איך האָב ענדלעך דערפילט אַ גוואַלדיקן באַגער צום טעאַטער. בערטאַ קאַליש האָט מיך באַזיגט.

אָבער זי האָט דאָך ניט געטראָפן; זי האָט געמאַכט אַ טעות. צילי פיינ־מאַן האָט קיין גרויסע קאַריערע אויף דער בינע ניט געמאַכט. געמאַכט אַ קאַריערע האָט צילי אַדלער.

כדי צו זיין פולשטענדיק געדעכט, מוז איך צוגעבן צו בערטאַ קאַליש נאָך צוויי „מיטשולדיקע" פאַר מיין אומקערן זיך צוריק צו אַ טעאַטער־קאַר־יערע. די צוויי זיינען: מיין מאַמע און אַ טעאַטער־שרייבער אין „פאָרווערטס" פון יענע יאָרן, וועמענס נאָמען איך ווייס ניט עד היום.

דאָס פּיערל, וואָס די כמעט אויף מיר אַרויפגעצוואונגענע פאָרשטעלונג פון „מאַגדאַ" האָט אין מיר אָנגעצונדן, האָט שטילערהייט געטליעט אין מיין הארצן. מיין מאַמע האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיר אָנגעוויזן אויף אַ טעאַטער־נאָטיץ אין „פאָרווערטס", און אַלץ מיט איר קלוגן, גוט־מוטיקן און פיל־באַדייטנדיקן שמייכל מיר געזאָגט:

„איך האָב שוין אַ סך מאָל געהערט פון דיר, אַז דו האָסט מער ניט קיין אינטערעס פאַר טעאַטער. האָסט עס זייער קלאָר דערקלערט שפּאַכנער'ן און עס ווידערהאָלט צו בערטאַ קאַליש. פונדעסטוועגן מיין איך, אַז דיר וועט אפשר אינטערעסירן צו לייענען וואָס מען שרייבט וועגן דיר אין „פאָר־ווערטס".

איך האָב ניט געפּראָוווט באַהאַלטן מיין נייגעריקייט און מיט אינטערעס גענומען לייענען.

רעדט דאָרט דער שרייבער וועגן דעם אָנגעהויבענעם טעאַטער־סעזאָן, און דערמאָנט אויך די גאַסטראָלן פון בערטאַ קאַליש. ער שטעלט זיך אָפּ אויף „מאַגדאַ" און זאָגט צווישן אַנדערעס: „די צווייטע איבערראַשונג איז דאָס אויפטרעטן פון באַרימטן און באַליבטן „קינד" פון אונזער טעאַטער, מיס סילי פיינמאַן, אַלס רעגעלע אַקטריסע. סילי פיינמאַן האָט אַ סך יאָרן געשפּילט קינדער ראָלן אויף דער אידישער בינע. זי האָט שטענדיק אַרויס־גערופן ליוב און באַוואונדערונג. זי איז אָנערקענט געוואָרן סיי ביים עולם, סיי ביי טעאַטער־שרייבער אַלס „קינד פון אידישן טעאַטער". אָבער איצט איז שוין דאָס „קינד" אַ פריילין פון זעכצן יאָר... אין איר ערשטן אויפטריט אַלס דערוואַקסענע גיט זי אונז די גרויסע האָפנונג, אַז אונזער טעאַטער וועט אין איר געווינען אַ זייער טאַלאַנטפולע שוישפּילערין. עס איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז זי וועט מיט דער צייט פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן אונזערע גרויסע פרויען־„סטאַרס". מיר ווינטשן איר דעם גרויסן דערפאָלג וואָס זי פאַרדינט".

איך האָב ניט לאַנג צוריק געפונען אָט דעם אויסשניט אין מיין מאַמעס טעאַטער־אַרכיוו. איז מיר באמת אַ שאָד וואָס דעם שרייבערס נאָמען איז ניט אָנגעגעבן. אויך איז ניטאָ קיין דאַטום. מען זעט אָבער קלאָר, אַז ס'איז אַן אויסשניט פון „פאָרווערטס". איך האָב זייער געוואָלט מאַכן אַ פאָטאָסטאַט פון אָט דעם אַלטן נאָטיץ, אָבער דאָס צייטונג־פּאַפּיר, דורך די באַלד פופציק

יאָר וואָס עס איז געלעגן באַהאַלטן, איז אין אַזאַ צושטאַנד איצט, וואָס ווי נאָר מען רירט עס אָן, ווערט עס צעפאַלן. איך האָב קוים מיט צרות אַרויס־געלייענט די עטלעכע שורות וועלכע איך האָב דאָ איבערגעגעבן.

איך בין אַוודאי זייער, זייער צופרידן וואָס איך האָב דעם נאָטיץ געפונען. ראשית, איז מיר זייער אנגענעם זיך צו קענען באַרימען מיט אַזעלכע קאָמפּלימענטן, וואָס ווערן דאָרט געזאָגט וועגן מיר. איך וואָלט דאָך גאָר קיין מענטש ניט געווען ווען איך זאָל אַנדערש פילן. צווייטנס האָט דער נאָטיץ מיר דערמאָנט די גאַנצע סצענע, וועלכע איך האָב שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן. דערמאָן איך זיך טאַקע, אַז ווען איך האָב איבערגעלייענט די שיינע לויב־ווערטער פון „פאָרווערטס"־שרייבער, האָב איך אַ שיינענדיקע אויפגע־הויבן מיינע אויגן צו דער מאַמען. איר קלוגער שמייכל האָט נאָך אַלץ געשוועבט אויף איר זיסן פּנים. איך בין איר געפאַלן אויפן האַלז און האָב זיך צעוויינט. דאָס זיינען זיכער געווען טרערן פון פרייד, טרערן פון גליק. איך האָב געפילט ווי עפּעס האָט זיך אין מיר אויפגעלייזט, ווי איך וואָלט באַפרייט געוואָרן פון ניט קיין אַנגענעמער לאַגע.

אויב מיין געפיל איז פאַר מיר ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, האָט עס מיין קלוגע מאַמע פון מיר אַרויסגעלייענט. זי האָט מיר, ווי אַ קינד געצערטלט און מיר אין אויער אַריינגערעדט:

„לאָז זיך וואוילגיין, קינד מיינס. דאָס זיינען גוטע טרערן. דו האָסט דיין קריזיס בייגעקומען. איך האָב זיך ניט אַריינגעמישט. איך האָב די גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט געזאָגט; איך האָב אָבער געוואוסט וואָס דער סוף וועט זיין. ווען איך האָב דיך געזען שפּילן מיט דער קאַליש, בין איך נאָך מער איבערצייגט געוואָרן, אַז איך בין גערעכט. אַ מיידל, וואָס האָט אַנדערע אַמביציעס ווי די בינע, וואָלט ניט געקענט אַריינלייגן אַזוי פיל האַרץ און נשמה אין איר שפּילן, און אוודאי ניט אַזוי פיל טאַלאַנט און שוישפּילערישע פייאיקייטן. האָסט געפונען דיין וועג, זאָל דיר וואויל באַקומען. זאָלסט אָבער געדענקען, אַז דו אַליין האָסט דעם וועג געפונען".

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין מאַמעס שויס ווי אַ דערלייטערטע, און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן האָב איך מיט אַ סאָרט טראָציקייט געזאָגט:

„פאַרגעס ניט מאַמע איך בין דיין טאָכטער שוין איבער זעכצן יאָר. איך קען דיין יעדע מינע. ווען איך האָב זיך געראַנגלט מיט שפּאַכנער׳ן, מיט דער קאַליש, איז מיר דיין שמייכל געשטאַנען פאַר די אויגן. האָסט, ניט רעדנדיק אַ וואָרט, מיר געזאָגט, אַז איך מאַך זיך נאַריש. איך האָב ערגעץ אין זיך דער־פילט אפילו, אַז דו ביזט גערעכט... אָבער איך בין געווען צופרידן וואָס

דו האָסט גאָרניט געזאָגט. איז ווי דו זעסט, מאַמע, בין איך אויך ניט קיין נאַר. איך דאַרף דאָך מיט עפּעס זיין געאָרטן אין דיר...״

איז אָט, ווי איר זעט, האָב איך גאַנצע דריי מיטשולדיקע מיט מיר אין דעם וואָס איך האָב געמאַכט דאָס טעאַטער פּאַר מיין קאַריערע. סיי די רייד פון דער קאַליש, סיי די געדרוקטע שורות אין „פאָרווערטס״, סיי מיין מאַמעס פאַרטייטשן מיינע אייגענע געפילן — דאָס אַלץ האָט געדינט ווי אַן אַרויסרוף, וואָס איך האָב מיט פרייד אָנגענומען. מיין אינטערעס צו ווערן אַ לערערקע, מיין אַמביציע צו פּיאַנאָ און מוזיק זיינען מיטאַמאָל ווי אויסגעוועפּט געוואָרן. זייער אָרט האָט פאַרנומען אַ גוואַלדיקער באַגער צום טעאַטער, אַ בענקעניש צו דער בינע. מיין שלוס־אַקט פון „מאַגדאַ״ האָט מיך מורא׳דיק געצויגן און גע׳כישוף׳ט. איך האָב דערפילט, אַז טעאַטער מוז ווערן אַ טייל פון מיין לעבן, אַז מיין לעבן מוז ווערן פאַרבונדן מיט טעאַטער.

צי ס׳קומט מיר שטראָף אָדער לויב פאַר יענעם באַשלוס, איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. איך ווייס נאָר, אַז חוץ די קנאַפּע זעקס צענדליק יאָר, וואָס איך האָב זייט דאַן דער בינע אַוועקגעגעבן, האָב איך געטריי געדינט דעם טעאַטער, און אָפּגעגעבן אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אין זיך צו געבן. צי ס׳האָט זיך געלוינט?!!! מיינע באַשרייבונגען וועלן אויף דעם ענטפערן.

ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן אויפן לעצטן אַקט פון „מאַגדאַ״ יענעם אָוונט אין ווינדזאָר טעאַטער, האָט דער עולם שטאַרק אַפּלאָדירט. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַ סך מאָל געהויבן; די שוישפּילער האָבן זיך גענויגט. די קאַליש האָט מיך כסדר געהאַלטן ביי דער האַנט. זי האָט מיך ניט אָפּגע־לאָזט אפילו ווען אַלע שוישפּילער זיינען אַראָפּ פון דער בינע און בלויז זי און קעסלער זיינען געבליבן זיך צו נויגן. האָט זי קעסלער׳ן געהאַלטן מיט איר רעכטער האַנט, און מיך מיט דער לינקער. איז עס אַוודאי פון דער קאַליש געווען אַ פיינער און נאָבעלער זשעסט מיר צוצוטיילן אַזאַ כבוד. אפשר האָט זי מיט דעם געוואָלט ביי מיר אַוועקנעמען דעם אומ׳חן, וואָס איך האָב דאַן געהאַט געוואָרפן אויפן טעאַטער.

ווען איך טראַכט אָבער איצט פון יענער פאָרשטעלונג און פון מיין נויגן זיך פאַרן עולם גלייך מיט זיי ביידן, קען איך זיך ניט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך געלאָזט מיטשלעפּן. קאַליש און קעסלער האָבן אין זייערע ראָלן אין יענער פּיעסע זיך דערהויבן צו גאָר אַ הויכע מדרגה פון שוישפּילערישער דערגרייכונג. ביידע האָבן שוין דאַן דאָס אידישע טעאַטער אַזויפיל באַרייכערט מיט אַן אַ שיעור קאָלירפולע געשטאַלטן און קינסטלעריש געמאָלענע כאַראַק־טערן. צוויי פון די קרעפטיקסטע זיילן פון אונזערע טעאַטער, וואָס זיינען אַזוי באַליבט און געאַכטעט — זיי וויל דער עולם צוטיילן כבוד. פאַר זיי זיינען

געמיינט די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. איז איך, אַ צוציק, קוים אין מיין ערשטע ראָלע אַלס דערוואַקסענע, איך לאָז זיך מיטשלעפּן... ווי זינגט זיך דאָס לידל — „וואו צוויי בין איך אַ דריטע...״ אַזוי האָבן אפשר אויך געטראַכט אַ סך מענטשן פון עולם. באמת, איך שעם זיך ווען איך טראַכט דערפון — וואו איז געווען מיין שכל?!

איז לאָזט מיך שוין דאָ פאַר אייך זיך מודה זיין, אַז אָט די פראַגע — „וואו איז געווען מיין שכל?״ — איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל זיך צו שטעלן. אזוי, למשל, האָט אייער „קלוגע״ צילי אַדלער אַמאָל אָפּגעטאָן אַזאַ „חכמה״:

דאָס איז געשען מיט אַ דריי אָדער פיר יאָר שפּעטער. שוין אַלס צילי אַדלער. מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אין פילאַדעלפיע, אין אַ זייטיק טעאַטער, וואָס האָט קוים אויסגעהאַלטן אַ פּאָר חדשים. די באַלעבאַטים פון טעאַטער זיינען געווען סאַל דיקשטיין און איינער אַ פּראָווינץ־אַקטיאָר, פאַר מיר דאַן אַן אומבאַקאַנטער נאָמען אין דער טעאַטער וועלט, מאָריס שוואַרץ. יאָ, יאָ, טאַקע ד ע ר מאָריס שוואַרץ — דער אמת׳ער מאָריס שוואַרץ — דער דירעקטאָר פון אידישן קונסט־טעאַטער, און נאָך אַ טוץ טיטולן, וואָס ער קריגט געוויינלעך פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אידישן טעאַטער. דאַרף איך דאָך אייך ניט זאָגן, אַז אין גאַנג פון מיין קאַריערע וועט שוואַרץ זיין גאָר היפּשלעך פאַרטראָטן. איצט, אָבער, טרעף איך אים, ווי געזאָגט, אַלס פּראָווינץ־אַקטיאָר... „ערשט נאָרוואָס פון נאָדל אַרויס״.

וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן דאָ, אויף זיינע שוישפּילערישע פעיאיקייטן, וואָס ער האָט דאַן פאַרמאָגט, די סימנים פון זיין שפּעטערדיקער גרויסקייט. איצט וויל איך בלויז אייך דערציילן פון מיינער אַ נאַרישקייט, אין וועלכער מאָריס שוואַרץ איז נעבעך געווען דער קרבן. מיר זיינען נאָך דאַן ביידע געווען יונגע צוציקעס, שנעקעס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן.

איז כדאי פאַר אַ וויילע אייך אָפּמאָלן דאָס לעבן פון אַ טרופּע שוישפּי־לער אויף דער פּראָווינץ. די מערסטע פון זיי זיינען צונויפגעפּאָרענע פון פאַרשידענע שטעט אין אַמעריקע. אַ סך, ווי שוואַרץ און איך, למשל, טרעפן זיך צום ערשטן מאָל. אין יענע יאָרן — דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען עפּעס מער ווי צוואַנציק יאָר — איז דער פּראָצענט פון די, וואָס האָבן זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל, געווען אַ גאַנץ היפּשער. ס׳זיינען דאַן אויך געווען אַ סך יונגע מענטשן ביים אידישן טעאַטער. אַ היפּשע צאָל ניט פאַרהייראַטע. איז אָט טרעפן זיך צונויף אַ צאָל מענטשן אין אַ נייער שטאָט. מען באַקענט זיך. מ׳איז צוזאַמען טאָג־איין, טאָג־אויס.

מיט פּראָבען און פאַרשטעלונגען איז מען אינאײנעם דעם גרעסטן טייל פון טאָג. ווערט מען זייער מאָענט, כמעט איין משפּחה.

פאַרשטייט זיך אַז מענטשן האָבן פאַרשידענע נייגונגען. ווי זאָגט גאָרדין׳ס פישער, מלך שטעמפּל, אין „סאַפאָ״: „ראַזנע פיש און ראַזנע מענטשן״. טיילן זיך אויס נאָענטע און נאָענטערע גרופּעס. ווערט טאָקע געשלאָסן אין אַזעלכע פּראָווינץ־טרופּעס לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט, לאַנגע און קורצע פאַרליבענישן, אפילו שידוכים און חתונות. שוואַרץ האָט אין יענע יאָרן אור־מעטום שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע אימיטאַציעס פון „די גרויסע דריי״ — אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעפסקי. איך פלעג גוואַלדיק הנאה האָבן פון דעם, זיך ממש פאַרגיין אין געלעכטער ווען ער פלעגט פאַר מיר מאַכן זיינע אימיטאַציעס.

ער איז בכלל געווען זייער אַמוזאַנט, אַנגענעם און אינטערעסאַנט. מיר זיינען געוואָרן פריינט. שוואַרץ האָט נאָך מיר אָנגעהויבן „אוכאַזשעווען״. מיר האָבן אָנגעהויבן „אויסגיין״. ער האָט זיך ערנסט פאַרליבט אין מיר, און מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן פון חתונה האָבן. דאָס באַלאַנגט שוין צו אַן אַנדער קאַפּיטל. געדענקט, אַז דאָ דאַרף איך אייך בלויז דערציילן פון מיינער אַן, אַזוי גערופענער, נאַרישקייט. איר מיינט דאָך ניט, אַז ליבע איז חלילה אַ נאַרישקייט...

איז האַלט איך איצט ביים „אויסגיין״. מיר פלעגן זיך זייער אָפט טרעפן פאַר „לאָנטש״. שוואַרץ, הייסט עס, פלעגט מיך „אויסנעמען״. מערסטנס פלעגן מיר גיין אין דעם שיינעם גראַמען און זייער פענסי״ טשאַילד׳ס רעסטאָראַן. אין צייט פון עסן האָט מען צייט געהאַט צו קוקן מיט „אויגן פאַרליבטע״, ריידן פון אַ „גלאָררייכער צוקונפט״ סיי אין אונזער קאַריערע, סיי אין אונזער פערזענלעכן לעבן. איך האָב גאָרניט באַמערקט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט מיר געהאָלפן באַשטעלן פון שענסטן און בעסטן, פלעגט ער פאַר זיך נעמען בלויז אַ קאָפע, אַמאָל אַ קאָפע און קעיק. אַז איך האָב עס אַמאָל באַמערקט, פלעגט ער מיר זאָגן, אַז ער איז ניט הונגעריק.

ערשט לאַנג שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז נאָכדעם ווי איך האָב אים געלאָזט פאַר מיר באַשטעלן, איז אים ניט געבליבן גענוג געלט צו באַשטעלן עפּעס רעכטס פאַר זיך—דער „דזשענטעלמאַן״ מוז דאָך באַצאָלן... און זיינע פאַרדינסטן אין טעאַטער אַלס באַלעבאָס זיינען געווען זייער קלאָ־געדיקע. קען איך זיך עד היום ניט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך באַצייטנס ניט געכאַפּט, און איך שריי שוין ווידער: „וואו איז געווען מיין שכל, צו אַלדי גוטע יאָר?״

איך געדענק אפילו, אַז ער איז צו מיר איינמאָל געקומען מיט אַ נייעס.

ס׳איז געווען ניט לאַנג נאָך דעם „דזשעפּריס דזשאָנסאָן העווי־וועיט טשעמ־פּיאָנשיפּ פייט״, ווען דער נעגער דזשאָנסאָן האָט באַזיגט דעם ווייסן דזשעפּריס. איז דאַן געמאַכט געוואָרן אַ צייכנונג פון דזשאָנסאָן, וואָס איז געווען בלויז פון דריבנע שטריכן, וואָס האָבן זיין טונקעלע פאַרב ניט אַרויסגעבראַכט, בלויז די צייכנס פון זיין פּנים. האָט שוואַרץ באַשלאָסן, אין זיין פרייער צייט — איך גלויב עס איז געווען דורך די זומער־מאָנאַטן — אַרומצוגיין פאַר־קויפן דאָס בילד. ער האָט הפּנים געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו מאַכן אַ פּאָר זייטיקע דאָלער, ער זאָל זיך קענען פאַרגינען עפּעס צו עסן. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן, אַז די בעסטע פּלעצער צו קריגן קונים פאַר אַזאַ אַנטיקל, זיינען אין די ביר סאַלונס.

ווייסט איר דאָך, אַז יענער זיג דזשאָנסאָנ׳ס האָט אַרויסגערופן אַ סך ראַסן־ראַיאָטן. די ווייסע האָבן ניט געקענט מוחל זיין די שוואַרצע, פאַר צונעמען „די טשעמפּיאָנשיפּ״ פון דער ווייסער ראַסע. ווען שוואַרץ איז אַריינ־געקומען אין ערשטן סאַלון און פאַרן היפּשן עולם טרינקער געוויזן דאָס בילד, האָט עס די ווייסע אויפגערעגט, וואָס מען רייצט זיי מיטן באַזיגער פון דזשעפּ־ריס׳ן. די שוואַרצע האָט פאַרדראָסן, למאי דאָס בילד ווייזט ניט דזשאָנסאָנ׳ס שוואַרצקייט... בקיצור, שוואַרץ איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

איז אָט, ווי איר זעט, האָט מיין נאַרישקייט, און דאָס וואָס איך בין אַזאַ „צעטראָגענער מלאך״, מאָריס שוואַרצ׳ן שיר ניט אומגעבראַכט . . .

נאָך יענער פאָרשטעלונג פון „מאַגדאַ״, האָט מיין נאַרישקייט חלילה קיינעם ניט געטאָן קיין שאָדן. מיר אָבער פאַרדריסט עס ווען איך טראַכט דערפון. איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס נויגן זיך פאַרן עולם נאָך אַ פאָרשטעלונג, איז אין דער טעאַטער־וועלט אַ גאַנץ ערנסטער ענין. ביי די גוים, דאָס הייסט אויף בראָדוועי, מאַכט מען אפילו ספּעציעלע פּראָבען ווי אַזוי דאָס נויגן זיך זאָל גיין — וויפיל מאָל דער אָדער יענער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע מעג זיך נויגן, ווען און ווי אַזוי זיי מוזן פון דער בינע פאַרשווינדן — ביז ענדלעך דער „סטאַר״ אָדער „סטאַריכע״ בלייבט אַליין אויף דער בינע זיך צו נויגן.

שטעל איך מיר פאָר, אַז דער עולם באַוואונדערט אָפּט ווי דאָס אַלץ קלאַפּט ווי אַ זייגער. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך געהויבן צום ערשטן מאָל נאָכן שלוס, נויגט זיך אויף דער בינע די גאַנצע טרופּע, אַ היפּשע צאָל שוי־שפּילער, ס׳ווענדט זיך ווי גרויס דער פּערסאָנאַל פון דער פּיעסע איז. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, און הויבט זיך ווידער אויף אין דער זעלבער רגע, אָבער אויף דער בינע זיינען שוין בלויז עטלעכע וויכטיקע ראָליסטן, און באַלד דערנאָך צוויי אָדער דריי, און ענדלעך דער „סטאַר״ אַליין, — צו

באַקומען זײַנען פאַרדינטע אַפּלאַדיסמענטן. קיינער פון עולם באַמערקט ניט וועגן און ווי אַזוי זיי ווערן ניט. עס איז איינגעלערנט און אויסגעמאָסטן.

אין אידישן טעאַטער, איז דאָס נויגן זיך פאַרן עולם ניט אַזוי דיסצי־פּלינירט, ניט מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט איינגעשטודירט. טרעפט טאַקע אַמאָל, אַז דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, און דער עולם זעט ווי איינער אָדער מער פון די שוישפּילער האַלטן אין אַפּלויפן פון דער בינע. אָבער פאַרט איז דאָ אַ האַנט אָדער אַן אויג, וואָס פּאַסט אויף אַז די מער אַנערקענטע שוישפּילערס און סטאַרס זאָלן קריגן צוגעטיילט דאָס קאַפּעטשקע מער כבוד ביים נויגן זיך. און ניט איינמאָל באַמערקט מען קנאה׳דיקע בליקן ביי אַקטיאָרן הינטער די קוליסן, בשעת אַנדערע נויגן זיך נאָך.

און לאָמיר שוין דאָ אויך צוגעבן, אַז ס׳זיינען פאַראַן „סטאַרס״ און „אונטער־סטאַרס״, וואָס האָבן זיך שטאַרק געריסן נאָך דעם דאָזיקן קאַפּעטשקע כבוד, אָן דער מינדסטער באַשיידנקייט. ווילט זיך מיר דאָ ווידער אַרויס־שטעלן אונזער גרויסן דוד קעסלער, פאַר זיין גרייטקייט צו געבן אַנערקע־נונג, און אפילו פאַרקוקן אויף זיין אייגענעם כבוד, צו יונגע שוישפּילער, וואָס האָבן אים מיט זייער שפּילן צופרידנגעשטעלט.

דאָס איז געשען אין יאָר 1919. די אידישע טעאַטער־יוניאָנס האָבן אַראַנ־זשירט אַ ספּעציעלע „מאַטינע״ פאָרשטעלונג לכבוד דעם באַרימטן אַרבעטער־פירער דאַן סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, מאַקס פּיין. מ׳האָט געשפּילט יעקב גאָרדינ׳ס „די שחיטה״, מיט אַזויפיל פון אָריגינעלן „קעסט״ וויפיל מען האָט געקענט צונויפקלייבן. ליפּצין איז שוין געווען טויט. האָט מען מיך איינגעלאַדן צו שפּילן די הויפּט־ראָלע, „אסתר׳קע״. איך האָב קיינמאָל די ראָלע פריער ניט געשפּילט. די פּיעסע, ווי די מערסטע גאָרדינ׳ס פּיעסן מיט די הויפּט פרויען־ראָלן, איז געווען דאָס אייגנטום פון קעני ליפּצין. אין אַמעריקע האָט זי קיינער ניט געטאָרט שפּילן. איז עס אַ גרויסע אָנ־שטרענגונג פאַר אַן אַקטריסע איינצושטודירן אַזאַ ראָלע, בפרט אַז יענעם סעזאָן איז אונטער דער דירעקציע פון דעם באַרימטן רעזשיסאָר עמאַנועל רייכער געעפנט געוואָרן „דאָס נייע אידישע טעאַטער״ אין אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדן, מיט יעקב בן־עמי, לאַזאַר פריד, יחיאל גאָלדסמיט, גרשון רובין, בינאַ אַבראַמאָוויטש, חנה אַפּעל, סאָניאַ גורסקי, הענריעטאַ שניצער און מיין ווייניקייט. איז איינצושטודירן אַזאַ ראָלע ווי „אסתר׳קע״ פאַר אַן איינמאָליקער פאָרשטעלונג אויף מיר געפאַלן זייער שווער. אָבער סיי דער צוועק פון דער פאָרשטעלונג, סיי די געלעגנהייט פון שפּילן אַזאַ ראָלע מיט דוד קעסלער, איז פאַר מיר געווען זייער אָנציענד.

האָבן צוויי איניצידענטן פון יענער פאָרשטעלונג מיר שטאַרק אימפּאָנירט

און זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. צוערשט ביי די פּראָבעס. רעזשיסירט די פּיעסע האָט פאַרשטייט זיך קעסלער. ביי אַ געוויסער סצענע קומט צו מיר צו איינע פון די מיטשפּילערינס, יעטאַ טאָביאַס, וועלכע האָט יאָרן־לאַנג געשפּילט מיט דער ליפּצין, און זאָגט מיר זייער פריינטלעך: „צילי, ביי דער סצענע איז די ליפּצין געשטאַנען אָט־אָ דאָ". (איך בין געזעסן).

קעסלער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צו איר און געזאָגט:

— זאָגט איר ניט וואָס אַן אַנדערע האָט געטאָן. לאָזט איר שפּילן ווי זי פילט. זי ווייסט וואָס זי טוט. ס'מוז ניט דווקא זיין ווי די ליפּצין האָט געטאָן. זי שפּילט ווי צילי אַדלער זעט די ראָל. אַז זי פילט ווי צו זיצן, איז בעסער זי זאָל זיצן.

מיך האָט קעסלער'ס ענטפער דאַן אימפּאָנירט צוליב צוויי אורזאַכן. ערשטנס, וואָס ער האָט אַזוי פיל צוטרוי צו מיר; צווייטנס, און דאָס איז געווען וויכטיקער, אין אידישן טעאַטער האָט עקזיסטירט אַן אָנגענומענער צוגאַנג, אַז געשפּילטע ראָלן מוזן פּינקטלעך נאָכגעפאָלגט ווערן ווי דער ערשטער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע האָבן זיי געשפּילט — מיט יעדן פּיצעלע. אפילו מיטן גרים און קליידונג.

איז אָנגענומען געוואָרן זייער אַ באַקאַנט ווערטל אין דער טעאַטער־וועלט: „אַזוי גייט שלום דיין". שלום דיין איז אַ כאַראַקטער פון „ישיבה בחור". ווען אַ נייער אַקטיאָר האָט אין דער ראָלע געפּרואווט עפּעס אַנדערש אין זיין אָנטועכץ, איז געוואָרן אַ גוואַלד: „אַזוי גייט שלום דיין!" דאָס ווערטל איז שוין געוואָרן אַ סינאָנים אויסצודריקן פּראָטעסט קעגן אָנגענומענע מעטאָדן. איז מיר דאַן שטאַרק געפעלן געוואָרן וואָס קעסלער איגנאָרירט דעם אָנגענומענעם צוגאַנג.

דער צווייטער אינצידענט איז געווען שוין ביי דער פאָרשטעלונג, נאָכן דריטן אַקט. מיר האָבן זיך שוין אַלע עטלעכע מאָל געבויגט פאַרן עולם און זיינען אַראָפּ פון דער בינע. אָבער דער עולם האָט נאָך אַלץ אַפּלאָדירט. דער פאָרהאַנג הויבט זיך ווידער. די אַקטיאָרן רופן קעסלער'ן, מיר זאָלן זיך ווידער אַלע גיין בויגן. אָבער קעסלער שטעלט אַלעמען אָפּ: „ניין, איר הערט דאָך, דער עולם רופט צילי אַדלער. גיי, צילי, דער פאָרהאַנג איז דיינער, פאַר דיר אַליין. האָסט עס כשר פאַרדינט..."

קעסלער האָט מיט פרייד געלאָזט צוטיילן כבוד אַ יונגער אַקטריסע . . .

אין יענעם סעזאָן, ווען איך האָב געמאַכט מיין אויפטריט מיט דער קאַליש, האָט פאַפאַ פיינמאַן גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן. האָב איך שוין אין אַ פריערדיקן קאַפיטל דערציילט, אַז ער האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים לאָנדאָנער אידישן טעאַטער־עולם, אַז די אייגנטימער פון פּאַווילִיאָן טעאַטער האָבן אים איבערגעגעבן דאָס טעאַטער פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן. אַזוי, אַז די מאַמע, מיין שוועסטערל לילי און איך, האָבן זיך שוין געגרייט צו פאָרן קיין לאָנדאָן. איך האָב שוין אויך דערציילט וועגן אונזער געזעגענונגס־סצענע אויף דער שיף, ווען צו אונזער אַלעמענס איבערראַשונג, איז מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, זיך געקומען געזעגענען מיט אונז. איר ווייסט שוין אויך פון מיין ערשטער ים־רייזע, און וועגן דער טשיקאַווער באַגעגעניש מיינער מיטן עגיפּטישן יונגנמאַן, וועלכער האָט מיר געמאַכט אַ היירַאַטס־פאָרשלאַג. איך האָב אויך באַשריבן אַ פּאָר מיטגלידער פון אונזער טרופּע דאָרט, און עטלעכע טשיקאַווע עפּיזאָדן פון יענעם סעזאָן. איך האָב אָבער צוגעזאָגט דאַן, אַז אַלס דערוואַקסענע וועל איך אַוודאי האָבן וואָס צו זאָגן און דערציילן פון יענעם סעזאָן. איז איצט געקומען די צייט.

איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער באַגריף, אַז „ס׳איז גוט צו זיין אַן אַקטיאָר ווייל מ׳קען שלאָפן שפּעט". בכלל, איז אין אַ סך קרייזן געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז אַקטיאָרן האָבן אַ לייכט לעבן, אַ לעבן פון פוילענצעריי. איך קען דאָס בשום אופן ניט באַשטעטיקן. מ׳קען אפשר אַמאָל, אַמאָל געפינען אַ טראָפּעלע אמת אין דעם, ווען אַ פּיעסע אין אַ ניו יאָרקער טעאַטער רייסט אָן, מ׳שפּילט זי יעדע נאַכט נאָכאַנאַנד אַ האַלבן אָדער אַ גאַנצן סעזאָן. ניטאָ קיין פּראָבעז, ניטאָ קיין נייע ראָלן צו שטודירן. איך האָב אין מיין לאַנגער קאַריערע כמעט קיינמאָל אַזאַ גליק ניט געהאַט. אַוודאי ניט אין די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר פון מיין שפּילן טעאַטער. דאַן האָט מען געשפּילט די אַזוי־גערופענע נייע פּיעסע בלויז פרייטיק, שבת און זונטיק. אינמיטן וואָך האָט מען געשפּילט פּיעסן פון אַלטן רעפּערטואַר.

דאָס האָט געקענט מיינען יעדע וואָך כאָטש איין נייע ראָלע, אַמאָל צוויי אָדער דריי. מ׳קען ניט איינשטודירן צוויי אָדער דריי ראָלן אַ וואָך און פירן אַ לעבן פון אַ פוילענצער. איך האָב עס אַליין ניט געקענט דערוויַזן. איך האָב אויך ניט געקענט קיין שוישפּילער אַזעלכע וואָס האָבן עס געקענט טאָן. ס׳פאָדערט זייער שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט. אמת, דאָ און דאָרט האָט זיך יאָ באַוויזן איינער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען דאָס צו טאָן. אַזוינע זיינען אָבער געווען קנאַפּע שוישפּילער. דער סופליאָר האָט פאַר זיי די ראָלעס געזאָגט... זייער „שפּילן" איז אַפילו צום סופליאָר־קאַסטן

ניט דערגאַנגען. נײַן, טייערינקע, אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע וואָס האָט אַן ערנסטע באַציאונג צום טעאַטער, קען ניט פירן קיין לײַכט לעבן.

דאָס וואָס אויף מײַן מזל איז אויסגעפאַלן צו מאַכן מײַנע ערשטע טריט אַלס דערוואַקסענע דווקא אין לאָנדאָן, איז פאַר מיר געווען אַ גליק און אַן אומגליק. די טעאַטער־לאַגע אין לאָנדאָן איז בכלל געווען אַנדערש ווי אין ניו יאָרק. דאָ אין ניו יאָרק זײַנען די אַרבעטס־באַדינגונגען, אפילו אין יענע צײַטן, שוין געווען אַזעלכע, אַז אַן אַרבעטער האָט אפילו אין מיטן וואָך זיך געקענט דערלויבן צו גיין אין טעאַטער. חוץ דעם איז געווען אַ היפּשער מיטל־קלאַס, וואָס האָט זיך עס אַוודאי געקענט דערלויבן. די פּאַרקער־מיטלען זײַנען אויך געווען זייער לײַכט און באַקוועם. טעאַטער איז בײַ די אידן געווען אַ טייל פון זייער לעבן. האָבן זיי בוכשטעבלעך געשטראָמט אין אידישן טעאַטער. אין לאָנדאָן, פאַרקערט, איז דאַן אַלץ געווען אַנדערש. סײַ די אַרבעטס־שטונדן, סײַ דער שווערער פּאַרקער, האָבן פאַר אַ סך אידישע אַרבעטער כמעט אוממעגלעך געמאַכט צו גיין אין טעאַטער אין אַן אַרבעטס־טאָג. דאָס האָט די צאָל פון אידיש־טעאַטער גייער באַגרענעצט, אַזוי אַז מיר האָבן כמעט יעדע וואָך געמוזט שטעלן אַ נײַע פּיעסע פאַר פרײַטיק און שבת. זונטיק האָט מען ניט געשפּילט. ס'פלעגט זונטיק אָוונט געגעבן ווערן אַ סאָרט קאָנצערט. אין מיטן וואָך פלעגט מען סײַ צו די בענע־פיטס, סײַ אָן בענעפיטס, שפּילן פאַרשידענע פּיעסן פון רעפּערטואַר.

איז איצט טוט אַקאָרשט אַ חשבון אויס: איך, אַן אָנפאַנגערין, אין מײַן ערשטן סעזאָן, יעדע פּיעסע — סײַ די נײַע, סײַ פון אַלטן רעפּערטואַר — זײַנען פאַר מיר אַלע געווען נײַע ראָלן. מערסטנס, זײַנען מײַנע ראָלן געווען די צווייטע פרויען־ראָל אין דער פּיעסע. איז מיר אָפט אויסגעקומען אויסצו־לערנען פינף ראָלן אַ וואָך. חוץ דעם האָב איך אַמאָל אויך געדאַרפט עפּעס אויסלערנען פאַר דעם זונטיק־קאָנצערט. האָט איר אַ באַגריף וואָס פאַר אַ „קאַטאָרזשנע" אַרבעט דאָס איז.

איך וויל דאָ אויך אונטערשטרײַכן אַז איך האָב דאַן אין לאָנדאָן נאָך אַלץ געשפּילט אונטערן נאָמען צילי פײַנמאַן. דער נאָמען פײַנמאַן איז אין לאָנדאָן געווען זייער באַליבט און געשעצט. אַזוי, אַז חוץ מײַן אייגענער אַמביציע די ראָלן צו שפּילן אויפן בעסטן אופן, אַרויסצוברענגען אַלץ וואָס די ראָלן פאַרמאָגן, האָב איך שטאַרק געדאַרפט היטן די רעפּוטאַציע פון דעם נאָמען פײַנמאַן... האָב איך דאָ פריער געזאָגט, אַז דאָס וואָס מײַן מזל האָט מיר צוגעשפּילט, אַז מײַנע ערשטע טריט אַלס דערוואַקסענע אַקטריסע זאָלן דווקא זײַן אין לאָנדאָן, איז געווען אַ גליק און אַן אומגליק...

דעם אומגליק זעט איר אויבן־אויף — שווער, מורא'דיק שווער. דאָס גליק

איז אָבער טיפער, ברייטער און האָט אַזוי־צו־זאָגן, מיך דיסציפּלינירט, וואונ־דערלעך צוגעגרייט פאַר מיין לאַנג־יאָריקער קאַריערע אין אידישן טעאַטער. איך האָב, אַזוי־צו־זאָגן, דורכגעמאַכט אַ פּיזישן און גייסטיקן עקזאַמען, וואָס איז מיר בייגעשטאַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. איך האָב אין יענעם איינ־ציקן סעזאָן דורכגעמאַכט דאָס וואָס אַנדערע אַקטריסעס מאַכן דורך אין אַ סך, אַ סך יאָרן — דעם גאַנצן רעפּערטואַר פון גאָרדין, און די ווייניקער אַנערקענטע פּיעסן־שרייבער פון יענער צייט, ווי אויך די וועלט־פּיעסן, ווי „דעבאָראַ", „קאַמעליען דאַמע", אוריאל אַקאָסטאַ" און אַנדערע — אָן אַ שיעור ראָלן און מאַכערייקעס אַזעלכע וואָס איך געדענק אפילו ניט זייערע נעמען.

פיינמאַן האָט אין דער טרופּע געהאַט אַ פּאַרפאַלק. זיין נאָמען איז געווען מאַרקאָוויטש, איר נאָמען — בעקי גאָלדשטיין. זי איז געווען אַ פּרעכטיקע מוטער־ראָליסטין. ער האָט געשריבן פּיעסן, אַז מ'האָט געדאַרפט, און אין לאָנדאָן יענעם סעזאָן, האָט מען גאָר אָפט געדאַרפט. האָט ער געקענט יעדע וואָך צושטעלן אַ נייע פּיעסע...

מיין יונגער קאָפּ איז מיר גוט צונוץ געקומען. איך האָב זייער שנעל געקענט אויסלערנען די ווערטער פון אַ ראָלע. אָבער, ווי איך האָב שוין ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, די ווערטער פון אַ ראָלע איז נאָך ניט די ראָלע. מ'דאַרף זוכן און געפינען די נשמה, דעם „פאַרוואָס און פאַרווען" פון דער ראָלע. איר מוזט זיך קענען דערקלערן און באַרעכ־טיקן יעדן גוטן אָדער שלעכטן טאַט אירן. מ'דאַרף זיך גריבלען, זוכן און נישטערן — ס'איז גאָרניט אַזוי לייכט. אַזעלכע וויכטיקע ראָלן, למשל, ווי די שלעכטע שיינדעלע אין „מירעלע אפרת", די פאַרשייטע צילי אין „קרייצער סאָנאַטאַ", די חנ'עוודיקע ציפּעניו אין „גאָט, מענטש און טייוול", די נאַאיווע און צערייצטע מאַניעטשקע אין „סאַפּאָ" — אַז איר דערגרונטעוועט ניט די אורזאַכן, אַז איר געפינט ניט דעם פאַרוואָס פון זייער שלעכטסקייט, פאַר־שייטקייט, אָדער צערייצטקייט, וועט אייך דער עולם גלאַט פיינט האָבן, אָבער ער וועט אייך ניט גלויבן.

דערצו זיינען די אַלע ראָלן געשפּילט געוואָרן, און זייער גוט געשפּילט געוואָרן, פון מיין מאַמען אין ניו יאָרק. איך האָב געהאַט אַ שווערן, זייער שווערן פאַרמעסט... יענער סעזאָן האָט פאַר מיר זייער אַ סך אויפגעטאָן...

כמעט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אויף דער בינע האָב איך איבער־געלעבט די ביז־גאָר אינטערעסאַנטע סצענע די באַגעגעניש פון אַ נייער טרופּע צום ערשטן מאָל. אין אַזאַ שטאָט ווי לאָנדאָן, וואו עס טרעפן זיך שוישפּילער פון דער גאָרער, ברייטער און צעשפּרייטער אידישער וועלט, האָט אין זיך אַזאַ באַגעגעניש אַוודאי און אַוודאי אַ פיל־זייטיקן אינטערעס. מ'באַגעגענט

זיך, מ׳באַקענט זיך מיט מענטשן, וועלכע איר האָט קיינמאָל ניט געזען און מיט וועמען איר דאַרפט די קומענדיקע 6 אָדער 8 חדשים לעבן און פאַר־ברענגען דעם גרעסטן טייל פון אײַער צייט.

האָב איך אייך שוין פריער באַקענט מיט דער אויסטערלישער, כמעט לעגענדאַרישער פערזענלעכקייט — פאַניאַ וואַדיאַ עפשטיין; אויך מיט אונזער ליבהאָבער־זינגער גאַזאָפסקי, וועלכער האָט מיר אַזוי געטריי געדינט און געהאָלפן אין מיין באַרימט געוואָרענער „איירעשע שולמית״. אויך די היפשלעך באַוואוסטע פרימאַדאָנאַ פרידאַ זיבעל; יאָזעף מאַרקאָוויטש און זיין פרוי בעקי גאָלדשטיין; נייטן אייזיקאָוויטש; אַ פּאָרל — דזשעק גאָלדשטיין און זיין פרוי; האַמבורגער; דער לוסטיקער פויגל שערמאַן. איך האָב אויך דערמאָנט דעם נייעם, פיינעם, יונגן שוישפּילער, באָריס ראָזנטאַל, וועלכער איז שפּעטער אַ היפּשע צאָל יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן בעסערן אידישן טעאַטער אין אַמעריקע; און דעם יונגן שוישפּילער בעני שיינגאָלד, אַ ברודער פון מיין באַרימטן שוואָגער יוסף שיינגאָלד, מיין שוועסטער פּרענסעס׳ מאַן.

דער סופליאָר פון אונזער טרופּע איז געווען אייזיק־יאַנקל לובריצקי. אַלע דריי קינדער זיינע זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער טעאַטער־משפחה דאָ אין אַמעריקע. איר קענט זיי. זיי האָבן אַ סך יאָרן פאַרנומען אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט אין אונזער טעאַטער דאָ — די אַלזייטיקע שוי־שפּילערינס, פּעני און גאָלדע לובריצקי און דער בוף־קאָמיקער דייוו לובריצקי.

ווי איר זעט, אַ פולע, פאַרשיינדאַרטיקע טרופּע, צו וועלכער עס ווערן שפּעטער צוגעצויגן נאָך צוויי זייער אָנגעזעענע פאַרלעד. וועט מיר נאָך אויסקומען אין מיינע ווייטערדיקע באַשרייבונגען פון יענעם סעזאָן זיך אָפּצו־שטעלן אויף די צוגעקומענע. דאָ וועל איך אייך איבערגעבן בלויז וועגן אַ מאָדנעם פענאָמען, וואָס האָט מיך, אַלס יונגע אָנפאַנגערין, אַזוי־צו־זאָגן, שטאַרק שאָקירט און אַריינגעבראַכט אַ מאָדנעם פּלאָנטער אין מיין מוח.

איז עס דאָך באַקאַנט, אַז ווען מ׳שטעלט־פאָר מענטשן, איינעם פאַרן צווייטן, רופט מען אָן יעדן ביים נאָמען און מ׳באַקענט זיך. אַזוי האָט פאָפאַ פיינמאַן געטאָן. אָבער מיטאַמאָל האָט ער אָנגעוויזן אויף איין מענטשן און געזאָגט: „דאָס איז די געברידער פיינבערג״.

וויל איך, ראשית, איר זאָלט וויסן, אַז דאָס וואָרט „געברידער״, איז זייער אָפט גענוצט געוואָרן אַנשטאָט דעם פּשוט׳ן וואָרט „ברידער״. אַזוי, למשל, האָט יעקב גאָרדין זיין צווייטע אָדער דריטע פּיעסע גערופן „די געברידער לוריע״, אַנשטאָט „די ברידער לוריע״. אָבער וואָס מיך האָט געוואונדערט, איז: ווי אַזוי קען איין מענטש הייסן „די געברידער פיינבערג״? איז דאָס, זעט איר, פאַרבונדן מיט אַ זייער מאָדנער סיטואַציע אין דער

לאָנדאָנער טעאַטער־וועלט פון יענע יאָרן. עס האָבן דאָרט געלעבט צוויי ברידער, העריס און יאָשקע פיינבערג. זיי זיינען געווען ווי אַ פירמע פאַר זיך אַליין. זייער „פירמעשקייט״ איז באַשטאַנען אין עפּעס וואָס האָט שטאַרק דערקוטשעט דעם דאָרטיקן אידישן טעאַטער.ביידע האָבן קיין שום באַרעכ־טיקונג ניט געהאַט צו שפּילן טעאַטער. ס׳האָט אין זיי ניט געשפּרודלט דער גרויסער טאַלאַנט. דערצו זיינען זיי ביידע געווען זייער ווייט פון אינטעלי־גענץ. אָבער אין די יאָרן, ווען אין לאָנדאָן איז ניט געווען גרינג צו קריגן שוישפּילער, האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין אידישן טעאַטער.

נאָכדעם ווי זיי האָבן עטלעכע סעזאָנען כמעט פאַרדינט אויף אַ לעבן צו מאַכן, האָבן זיי זיך אַליין פּראָקלאַמירט ווי אַ פירמע און ניט דערלאָזן אַז אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן זאָל עקזיסטירן אָן זיי. ווען אין די שפּעטער־דיקע יאָרן האָבן מער פאַראַנטוואָרטלעכע טעאַטער־אונטערנעמער און דירעק־טאָרן איבערגענומען דאָס אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן, האָבן זיי בשום אופן פון דער פירמע „די געברידער פיינבערג״ זיך ניט געקענט באַפרייען. די „פירמע״ האָט געפונען אַלערליי מיטלען ווי אַזוי זיך אַרויפצוצווינגען אויף די טעאַטער־פאַרוואַלטערס. קיין מיטל איז פאַר זיי ניט געווען צו־שווער אָדער צו־אומריין. דער אידישער טעאַטער אין לאָנדאָן האָט זיך כמעט שטענדיק געהאַלטן אויף שוישפּילער פון אַנדערע לענדער, און זיי, „די גע־ברידער פיינבערג״, האָבן געסטראַשעט, אַז קיין אויסלענדער וועט ניט קענען שפּילן, ביז זיי, אַלס לאָנדאָנער אַקטיאָרן, זיינען ניט אַנגאַזשירט.

ווייסט איר דאָך דעם אידישן אויסדרוק, אַז „אפילו אַ קאַץ קען קאַליע מאַכן״. האָט קיין מענעדזשער ניט געוואָלט קעגן זיי אַרויסגיין אין אַן אָפענעם קאַמף, און מ׳האָט זיי אַנגעשטעלט. פיינמאַן איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ער האָט אָבער געפּראוואוט פועל׳ן ביי זיי, אַז זיי זאָלן זיצן אין דער היים, און מ׳וועט זיי צושיקן זייערע גאַזשעס. ביי העריס׳ן, דעם עלטערן ברודער, האָט ער עס זייער לייכט גע׳פועל׳ט, אָבער ניט ביי יאָשקע׳ן.

יאָשקע האָט שוין געשפּילט דעם אַקטיאָר אין לעבן. ער האָט געהאַט אַ פיינע פיגור. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין דער אַנערקענטע אַקטיאָרישער טראַכט פון אַמאָל — אַ צילינדער, אַ פעלערינע און אַ שטעקן, אפילו מיט אַ בלום אין לאַץ. ער האָט פולשטענדיק פּערזאָנאַפיצירט דעם אָנגענומענעם באַגריף „העם עקטאָר״; דער אידישער אויסדרוק איז אַ סך פּשוט׳ער — „אַן אַקטיאָר אַ פלאָקן״. ער איז באַשטאַנען אויף זיין רעכט צו שפּילן טעאַטער. דערפאַר ווען פּאַפּאַ פיינמאַן האָט פאַר אונז פאָרגעשטעלט יאָשקע פיינבערג, האָט ער אים באַטיטלט: „די געברידער פיינבערג״. ער האָט געוואוסט, אַז

חוץ יאַשקע׳ן דאַרף ער נאָך שיקן געהאַלט צו העריס׳ן, וועלכער זיצט אין דער היים.

ס׳זיינען דאָ אַ סך עפּיזאָדן אַרום די „געברידער פיינבערג״. צוויי פון זיי מוז איך אייך איבערגעבן. אין דעם ערשטן עפּיזאָד פיגורירט אונזער גרויסער דוד קעסלער. דאָס האָט פּאַסירט ניט לאַנג נאָך דעם סעזאָן אין לאָנדאָן, וואָס איך באַשרייב איצט. דוד קעסלער האָט דאַן געמאַכט איינעם פון זיינע געאיילטע וויזיטן קיין איראָפּע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן בלויז אויף צוויי וואָכן. די לאָנדאָנער טרופּע איז גראָד געווען זייער קליין אין צאָל, איבערהויפּט אין מענער פּערסאָנאַל. קעסלער האָט געדאַרפט אויפפירן „גאָט, מענטש און טייוול״. ער האָט שוין געקענט „די געברידער״, אָבער ווען ער האָט געדאַרפט אויסקלייבן איינעם צו שפּילן די וויכטיקע ראָלע פון „אוריאל מזיק״, האָט ער ניט געהאַט קיין אויסוואַל. ער האָט שוין געזען, אַז קיין האָניק וועט ער ניט לעקן פון זיין גאַסטראָל. ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָט ער באַשלאָסן: זאָל כאָטש זיין אַ פּאַסיקע פיגור... די פּאַסיקע פיגור איז געווען יאַשקע פיינבערג. בפרט נאָך ווען מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז יאַשקע איז אַ געשפּילטער אין דער ראָלע.

ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג, אין פּראָלאָג, וואו קעסלער שפּילט ניט, איז ווי יאַשקע האָט דאָרט דערלאַנגט די ראָלע פון טייוול, האָט עס קעסלער׳ן ניט געשטערט. אין ערשטן אַקט, ווען ער קומט אַריין שוין אַלס אוריאל מזיק צו הערשעלע דובראָוונער אין שטוב, אים צו פאַרקויפן אַ צעטל, האָט יאַשקע ניט קיין צופיל פּראָזע דירעקט מיט קעסלער׳ן. אין צווייטן אַקט אָבער, ווען אוריאל מזיק און הערשעלע האָבן אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן גאָט און מענטש, און אוריאל מזיק דאַרף אים באַווייזן אַז אַנשטאָט אָפּט זינדיקן מיט די געדאַנקען, וועט זיין בעסער ער זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּ׳גט׳ן זיין אַלטע ווייב פּעסעניו און חתונה האָבן מיט זיין יונגער פלימעניצע „פריידע־ניו״, איז קעסלער פון מינוט צו מינוט אַלץ מער אויפגערעגט געוואָרן פון די אומגעלומפּערטע טענער און פון יאַשקע׳ס הילפלאָזיקייט ביים ציען ווערטער פון סופליאָר־קאַסטן.

קעסלער האָט אַלע זיינע יאָרן מורא׳דיק געליטן ווען ער האָט זיך אָנגע־טראָפן אויף דער בינע מיט טאַלאַנטלאָזיקייט און אַ הפקר׳דיקע באַציאונג צו אַ ראָלע. דאָס פלעגט אים ברענגען אין אַזאַ ווילדן צושטאַנד, אַז ער פלעגט פאַרלירן יעדן קאָנטראָל איבער זיך. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט קעסלער קענען אָפּטאָן די ווילדסטע זאַכן. יאַשקע האָט אין יענער ראָלע אים דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד. קעסלער האָט גענומען רייסן פון זיך די קלאַפּן פון זיין סורדוט, געביסן זיינע אייגענע פויסטן ביז בלוט. ער האָט אין די גרעסטע

מאַטערנישן קוים דערצויגן צום שלוס־אַקט, ווען ער ליגט פאַר פעסעניו׳ן אויף די קני און זאָגט איר די ווערטער: „ווייז ניט פעסעניו. איך האָב ניט די ווערט דײַנע כשר׳ע טרערן — זײַ מיר מוחל, זײַ מיר מוחל״... אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט, אַז דער פאַרהאַנג איז געפאַלן, איז ער ווי אַ ווילדער אויפגעשפּרונגען פון זײַנע קני און מיט אויגן וואָס האָבן געברענט מיט האַס און רציחה, היסטעריש געשריען: — „באַהעלפער, פּורצע, אַ רוח אין דײַן טאַטנס ערד אַרײַן״.

ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צו יאַשקע׳ן:

„דו וועסט מיר מער מײַנע יאָרן ניט פאַרקירצן!״

אסתר וואַלערשטיין, וועלכע האָט געשפּילט די ראָליע פון פעסעניו — און האָט געזען קעסלער׳ס יסורים וואָס יאַשקע האָט אים פאַרשאַפט, איז גלײַך מיט קעסלער׳ן אויפגעשפּרונגען, זיך געוואָרפן אויף זײַן האַלז, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אים געפּרוּווט צו באַרויקן און ניט דערלאָזט, אַז זײַן אויסברוך זאָל דערגיין צום פּובליקום, אָדער זאָל זיך, חלילה, ענדיקן מיט אַ טראַגעדיע.

קעסלער האָט אָבער באַלד געפאָדערט פון מענעדזשער, אַז היינט נאָך ביז ער ענדיקט די פאָרשטעלונג, מוז ער אים ברענגען אַן אַנדער אַקטיאָר אויף דער ראָלע פאַר די אַנדערע פאָרשטעלונגען. נאָך דעם לעצטן אַקט, ווען קעסלער איז געזעסן אין זײַן גאַרדעראָב, אַראָפּנעמענדיק זײַן גרים, האָט דער מענעדזשער, אַ דערשראָקענער, אַרײַנגעפירט אַ יונגערמאַן און געזאָגט:

— מר. קעסלער, דאָס איז אַ זייער פײַאיקער יונגער שפּילער. איך האָף, אַז ער וועט אײַך געפעלן. און ער איז אַרויס.

קעסלער האָט בלויז פון דער זײַט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם יונגנמאַן און אָנגייענדיק מיט זײַן אויס־גרימירן זיך, האָט ער מיט זייער ווייניק צוטרוי אַ פרעג געטאָן:

„האָט איר אַמאָל געשפּילט די ראָלע פון אוריאל מזיק?״

„ניין, מר. קעסלער. געשפּילט האָב איך די ראָלע קיינמאָל ניט, אָבער גע׳חלומ׳ט פון דער ראָלע האָב איך. איך קען אפילו אַ טייל פון דער ראָלע. אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך פאַר אײַך זאָגן אַ פּאָר מאָנאָלאָגן פונם פּראָלאָג״.

קעסלער האָט מיט אַ טאָן פון באין־ברירה אים געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו הערן. דער יונגערמאַן, שטייענדיק אויף זײַן אָרט, האָט אָנגעהויבן דעם ערשטן מאָנאָלאָג. נאָך די ערשטע עטלעכע פראַזן, האָט זיך קעסלער האַסטיק אויסגעדרייט צו אים און מיט גרויסע שטראַלנדיקע אויגן אים באַטראַכט. דער יונגערמאַן איז אָנגעגאַנגען מיט דעם מאָנאָלאָג. קעסלער׳ס באַגייסטערונג

איז אַלץ מער און מער געשטיגן. די לעצטע ווערטער פון ערשטן מאָנאָלאָג זיינען: — „די געטער קענען זיין מענטשן און ווילן ניט, און די מענטשן ווילן זיין געטער און קענען ניט".

דאָ דאַרף די שטימע פון גאָט אים עפּעס פרעגן און ער ענטפערט. קעסלער האָט אַ מינוט ניט טראַכטנדיק אים געגעבן דעם רעפּליק:

„שטן, פון וואַנען קומסטו איצט?"...

און דער טייוול רעדט ווייטער.

נאָך עטלעכע מינוט איז קעסלער אויפגעשטאַנען. מיטביידע הענט האָט ער אָנגענומען דעם יונגנמאַן ביי זיינע אַקסלען און אַ זאָג געטאָן אַזוי איבער־לעך־דראַמאַטיש, ווי נאָר קעסלער האָט געקענט:

„ווער זייט איר, יונגערמאַן? וואו שפּילט איר?"

„איך פּיר אָן מיט אַן אַמאַטאָרן קלוב דאָ אין לאָנדאָן".

„איר האָט טאַלאַנט, יונגערמאַן — אַ סך אינטעליגענץ און פאַרשטענ־דעניש פאַר טעאַטער. איך בין זיכער, אַז איר קענט האָבן אַ גרויסע צוקונפט אויף דער אידישער בינע. מיר דאַרפן אַזעלכע יונגעלייט ווי איר אין אונזער טעאַטער. אין אַמעריקע איז דאָ פּלאַץ פאַר אייך — אויב איר וועט ווען עס איז קומען קיין ניו יאָרק, קומט מיך זען".

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אַ גערירטער און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— „איך בין אייך דאַנקבאַר, מר. קעסלער, אייערע רייד זיינען פאַר מיר אַ קוואַל פון דערמוטיקונג".

„דענקט איר, אַז איר וועט קענען די ראָלע פאַר מאָרגן מאַטינע?"

„אין דעם קענט איר זיכער זיין, מר. קעסלער... ווען זאָל איך קומען צו פּראָבע?"

„קומט 10 אַזייגער אין דער פרי".

„איך וועל זיין אין צייט. און נאָכאַמאָל פאַרזיכער איך אייך, אַז איך וועל די גאַנצע ראָלע קענען אויסווייניק. און ווידער אַ האַרציקן דאַנק... צום ווידערזען מאָרגן 10 אַזייגער".

„יאָ, ווי הייסט איר?"

„מיין נאָמען איז סעמועל גאָלדנבורג".

קען איך כאָטש פאַר איין זאַך דאַנקבאַר זיין „די געברידער" — פאַר געבן מיר די וואונדערלעכע געלעגנהייט אַריינצובריינגען צום ערשטן מאָל אין מיין באַשרייבונג אויף אַזאַ פיינעם און טשיקאַווען אופן דעם באַרימטן, ראָ־מאַנטישן שוישפּילער, וועלכער האָט פיל יאָרן פאַרנומען דעם סאַמע אויבן־אָן פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע. — מיין ליבן האַרציקן פריינט, סעמועל

גאָלדנבורג, וועלכער איז, ליידער, פון אונז אַזוי פריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז איך וועל האָבן זייער פיל צו דערציילן אין מיינע ווייטערדיקע באַשרייבונגען וועגן סעמועל גאָלדנבורג, סיי פון אונזער לאַנג־יאָריקן צוזאַמענשפּילן, סיי פון אונזער אינטימער, האַרציקער פריינטשאַפט און ליבע...

איצט מוז איך אייך איבערגעבן דעם צווייטן עפּיזאָד פון „די געברידער״.

דער עפּיזאָד האָט אין זיך זייער אַ סך פון דעם ספּעציפישן אַדלערישן חן און אַדלערישער כאַראַקטעריסטיק. אין דעם עפּיזאָד פיגורירט פּראָמינענט מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער.

ווייסט איר אַלע, אַז אין די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר פון מיין טאַטנס קאַריערע איז ער געווען אַן אָפטער גאַסט אין לאָנדאָן. ער האָט זייער גוט געקענט די „פירמע״... ער האָט פון זיי אַ סך מאָל געהאַט זיין „ערלעך אָפּקומעניש״... זייער געדעכעניש איז אים געלעגן טיף אין זיינע געדערעם... דער עפּיזאָד האָט פּאַסירט שוין אין זיינע שפּעטע יאָרן. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָס איז געווען איינער פון זיינע סאַמע לעצטע וויזיטן קיין אייראָפּע. ער האָט געדאַרפט גאַסטראָלירן אין לאָנדאָן אַפּאָר געציילטע וואָכן.

דער פּאַרוואַלטער און אַ גאָר היפּשער טייל פון דער טרופּע האָבן אים, פאַרשטייט זיך, אָפּגעוואַרט אויף דער באַרימטער וויקטאָריאַ באַן־סטאַנציע אין לאָנדאָן. „די געברידער״ האָבן זיך ניט באַוויזן. וואו זיינען „די געברידער״? זיי זאָלן דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט! געשען איז אָבער דאָס פאָלגנדע:

זיי האָבן הפּנים געוואָלט זיכער זיין, אַז זיי וועלן זיין די סאַמע ערשטע אים צו באַגעגענען. האָבן זיי געפונען אַ וועג, ווי אַזוי אַריינצוגיין אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואו די באַן שטעלט זיך אָפּ. און ווי נאָר מיין טאַטנס פּרעכטיקער ווייסער קאָפּ האָט זיך באַוויזן ביי דער געעפנטער טיר פון וואַגאָן, זיינען יאָשקע און העריס צו אים צוגעלאָפן, מיט זיגרייכע פּנים׳ער און יאָשקע האָט אויף זיינע העכסטע אַקטיאָרישע טענער אויסגעשריען: „זייט ווילקאָמען, גרויסער דזשעיקאָב פּ. אַדלער!״ מיין טאַטע האָט זיך אַזש מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, זיינע גרויסע אויגן ברייט צעעפנט קוקנדיק אויף זיי, פרעגנגנדיק: „וואָס!! איר לעבט נאָך?!! אוי, ווייי איז מיר!...״

אונזער ערשטער סעזאָן אין לאָנדאָן האָט קיין ספּעציעלע עפּיזאָדן אַרום „די געברידער״ ניט געשאַפן, וועלן מיר זיי אָפּלאָזן.

די טרופּע האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטעלט און איז אַריין אין דעם נאָרמאַלן, רוטינעם גאַנג פון טעאַטער־אַרבעט. פאַר מיר, ווי אַן אָנפאַנגערין,

איז, פאַרשטייט זיך, יעדע נייע פּיעסע, יעדע נייע ראָלע, געווען אַ געשעעניש. בין איך געווען אויסער זיך פון דעם שטענדיקן פלוס פון נייע און נייע פּיעסן. דער גאַנצער גאָרדין רעפּערטואַר, די אַנדערע פּיעסן פון אַמעריקע, — אַלץ איז אויפגעגעסן געוואָרן. איך האָב מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף אונזער מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט מיט אַזאַ לייכטקייט פאַבריצירט נייע פּיעסן, כמעט אויפן פאַרלאַנג. דערמאָנט עס מיך, ווען איך האָב בייגעוואוינט אַ סצענע צווישן אים און אַ צושויער:

דאָס איז געווען נאָך אַ פאַרשעלונג פון זיינער אַ נייער מאַכערייקע. שטיי איך אַזוי אין דער „לאָבי“ פון פּאַוויליאָן טעאַטער מיט מאַרקאָוויטש׳ן. קומט צו צו אונז אַ מיטל־יאָריקער איד און ווענדט זיך צום דראַמאַטורג:

„איר זייט דאָך דער מחבר מר. מאַרקאָוויטש? איך האָב ליב צו זיין אָפנהאַרציק. איך האָב אַלע מאָל הנאה פון אייערע פּיעסן. אָבער היינט מוז איך אייך זאָגן, אַז אייער פּיעסע איז מיר ניט געפעלן. עפּעס פעלט, ווי זאָגט מען עס, עס פעלט דאָרט די ראָזשינקע...“

מאַרקאָוויטש איז ניט נתפּעל געוואָרן און רופט זיך אָפּ צום אידן:

„זאָגט מיר, וואָס איז אייגנטלעך אייער באַשעפטיקונג?“

„אָ, איך בין אַ שניידער“.

„איר נייט נייע מלבושים?“

„אַוודאי!“

„איז שטעלט זיך פאָר, ווען איך, אָדער מיין ווייב, זאָלן ביי אייך באַשטעלן אַ זייער טייערן נייעם מלבוש און מיר זיינען גרייט באַצאָלן דעם פּרייז וואָס איר פאַרלאַנגט. מיר באַשטייען אָבער, און מיר צווינגען אייך דעם מלבוש פאַרטיק צו מאַכן, זאָגן מיר, אין משך פון צוויי שעה. ווי וואָלט דער מלבוש אַרויסגעקומען?“

„איך וואָלט זיך אַזאַ זאַך ניט אונטערגענומען“.

„אי, די פּאָר צענדלינק פונט?“

דער איד האָט זיך געפונען ווי אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט. מען האָט ממש געקענט זען אויף זיין פּנים ווי ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, און ראַנגלט זיך מיט דעם גרויסן פּראָבלעם פון מקריב זיין די פּאָר צענדליק פונט. אָבער ער ענטפערט מיט עקשנות:

„ניין, ניין! איך קען ניט אָננעמען... ס׳עט ניט טויגן!“

„זייט איר אַ גליקלעכער מענטש. איר האָט געבראַכט אַ קרבן די פּאָר צענדליק פונט. איך, אָבער, האָב ניט אַזאַ ברירה. ביי מיר האַנדלט זיך עס ניט אין מיינע עטלעכע פונט. אויף מיין באַשלוס הענגט אַמאָל אָפּ אַ וואָך פּרנסה

פאַר אַרום צוויי צענדלינק משפחות. איך מוז מיין באַשטעלונג דורכפירן. זייט מיר מוחל אויב אַמאָל געפעלט אײַך ניט מיינע אַ פּיעסע . . .״

דער איד האָט דאָס אַלץ געכאַפּט און פאַרשטאַנען, און מיט פרייד צעעפנט די אויגן, געדריקט מאַרקאָוויטש׳ס האַנט:

„אָ, מר. מאַרקאָוויטש, איך דאַרף גאָר אײַך בעטן איר זאָלט מיר מוחל זיין. איר פאַרדינט גרויס אַנערקענונג. ס׳איז גוט אַזוי. טוט ווייטער וואָס איר טוט. איר האָט מיינע בעסטע ברכות״.

איך האָב זינט דאַן שטענדיק געהאַט אַ טיפן מיטגעפיל פאַר דירעקטאָרן און שוישפּילער, וועמעס גורל האַלט זיי לאַנגע יאָרן אין פּראָווינץ שטעט, וואו זיי מוזן כמעט יעדע וואָך האָבן אַ נייע פּיעסע, און איך האָב קיינמאָל ניט באַשולדיקט זיי, ווען זיי האָבן אויף אַ ניט אָרענטלעכן וועג אַרויס־געקראָגן אַ פּיעסע פון די הויפּט־טעאַטערס פון ניו יאָרק. פאַרשידענערליי מיטלען זיינען דערפונדן געוואָרן, ווי אַזוי צו קאָפּירן אַ נייע פּיעסע אָן דעם וויסן פון אויטאָר, אָדער טעאַטער־מענעדזשער. און איך וויל זיך דאָ פאַר אײַך מודה זיין, אַז איך אַליין בין שולדיק אין אַזאַ סאָרט גנבה.

דאָס איז געווען עטלעכע יאָר שפּעטער פון דער צייט וואָס איך באַשרייב איצט. איך האָב דאַן געשפּילט אין באָריס טאָמאַשעפסקי׳ס פּיפּלס טעאַטער, מיין צווייטן סעזאָן אין ניו יאָרק אַלס צילי אַדלער. מ׳האָט דאַמאָלסט אויפֿ־געפירט ז. ליבין׳ס „די פרעמדע קינדער״, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דער־פאָלג. די ביז גאָר חנ׳עוודיקע, עכט־באַצויבערנדיקע בעסי טאָמאַשעפסקי, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַזאַ פאַרשידנאַרטיק רייכן טאַלאַנט, סיי אין קאָמישע, סיי אין טיף־דראַמאַטישע ראָלן, וועלכע זי האָט אַזוי מייסטערהאַפט, אויף איר אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעבראַכט, האָט אין „פרעמדע קינדער״ גע־שפּילט די הויפּט־ראָלע. איך האָב געשפּילט די צווייטע פרויען־ראָלע, איר אינגערע שוועסטער. איך האָב אַלעמאָל, איבערהויפּט אין יענע ערשטע יאָרן מיינע, פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון און אויך די פעיִקייט זייער לייכט איבערצונעמען ניט נאָר מיין אייגענע ראָלע, נאָר כמעט די גאַנצע פּיעסע. איז דערפאַר מיר ניט שווער אָנגעקומען, ווען ס׳פלעגט זיך מאַכן אין יענעם סעזאָן, אַז איך האָב פּלוצלונג געדאַרפט אַריינשפּרינגען, ווי מען זאָגט, אין די הויפּט פרויען־ראָלן אין די פּיעסן ביי טאָמאַשעפסקי׳ן.

דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר נאָך זיגמונד פיינמאַנ׳ס טויט. מיין מאַמע איז דאַן אין לאָנדאָן געווען די הויפּט שוישפּילערין ווען זי האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז עס פעלט איר פּיעסן, איך זאָל פּרוּוון איר באַזאָרגן כאָטש מיט איינער. האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין ערשטן סעזאָן אין לאָנדאָן, ווען איך האָב בייגעוואוינט דעם געיעג נאָך נייע און נייע פּיעסן — איך האָב געוואָלט

מיין מאַמען העלפֿן, נאָר וואו זיך ווענן דעם צו ווענדן האָב איך בשום אופן ניט געוווּסט. ליבינ׳ס נייע פּיעסע, „פֿרעמדע קינדער”, איז געווען זייער צוגעפּאַסט פֿאַרן לאָנדאָנער עולם, און בעסי טאָמאַשעפסקי׳ס ראָלע איז געווען ווי ספּעציעל געשריבן פֿאַר מיין מאַמען.

עס קען מעגלעך זיין, אַז ווען איך וואָלט געבעטן באָריס טאָמאַשעפסקי׳ן, אַז ער זאָל מיר ערלויבן שיקן אַ קאָפּיע פֿון דעם שטיק צו דער מאַמען, וואָלט ער מיר ניט אָפּגעזאָגט — אפשר יאָ, און אפשר ניט. איך האָב אָבער געפֿילט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ צו שווערע פֿאָדערונג, חוץ אַ סך קאָמפּליקאַציעס מיטן מחבר, ז. ליבין. אָבער מיין מאַמע דאַרף אַ פּיעסע... האָב איך זיך באַשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט. אויך בין עטלעכע נעכט לאַנגע שעה׳ן געזעסן און פֿון מיין זכרון די פּיעסע איבערגעשריבן און זי אַוועקגעשיקט דער מאַמען. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, איר געלאָזט וויסן אויף וועלכן אופן איך האָב די פּיעסע איבערגעשריבן.

ענדע סעזאָן האָב איך געקראָגן פֿון דער מאַמען אַ היפּשן „מאָני אָרדער”, איבערצוגעבן ז. ליבינ׳ען. אַבי דער מחבר איז געווען באַפֿרידיגט, האָב איך זיך ניט געפֿילט שולדיק. איז אפשר כדאי דאָ צו פֿאַרצייכענען, אַז מיט אַ סעזאָן שפּעטער, אויף מיין טור מיט טאָמאַשעפסקי׳ן איבער אייראָפּע, האָבן מיר אין פּאַוויליאָן טעאַטער אויפֿגעפֿירט „פֿרעמדע קינדער”. איך האָב געשפּילט די הויפּט־ראָלע. מיין מאַמע איז געזעסן אין טעאַטער. זי האָט שוין ביז דאַן די פּיעסע געשפּילט אַ סך מאָל. נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז די מאַמע אַריינגעקומען צו מיר אין גאַרדעראָב, מיך געקושט, און מיט פֿאַרוואונדערטע אויגן מיר געזאָגט: ציליקו, אין דעם טעקסט, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, וואָס דו האָסט געשריבן פֿון דיין זכרון, האָט ניט געפֿעלט קיין וואָרט, קיין רעפּליק פֿון קיינעמס ראָלע”. האָט עס מיר הנאה געטאָן. און אויב איר, אָדער עמעצער אין דער פּראָפּעסיע, וועט עס מיר פֿאַררעכענען פֿאַר אַן אומרעכט, בין איך גרייט אויף אַ שטראָף.

אגב, אַרום דעם ענין פֿון גנב׳נען פּיעסן, מוז איך אייך איבערגעבן אַ זייער טשיקאַווען אינצידענט, אין וועלכן עס פֿיגורירן די צוויי פֿאָלגענדע צדדים: אויף דער גערעכטער זייט — מיין טאַטע — יעקב פּ. אַדלער; אויף דער אומגערעכטער זייט — מיין צווייטער מאַן, יעקב קאַן. ניט מיין מאַן, ניט איך אַוודאי, האָבן דעמאָלסט געוווּסט, אַז ער קעמפֿט קעגן זיין צוקונפֿטיקן שווער.

דאָס איז געשען אין 1894. יעקב קאַן איז דאַן אַלט געווען אַרום זיבעצן יאָר. ווי אַן אָנפֿאַנגער, האָט ער געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו דערגיין צו דעם

פּראָפעסיאָנאַלן אידישן טעאַטער. דער זייער טאַלאַנטירטער קאָמיקער יעקב פרענק און ער האָבן אַראַנזשירט אַ פאָרשטעלונג אין יאָנקערס, אין אַ האָל, פאַר אַ זונטיק.

יעקב קאַן האָט שוין ביז דאַן געוויזן צוויי זאַכן: ערשטנס, זיין אַמביציע צו שפּילן הויפּט־ראָלן און, צווייטנס, זיין נאַטירלעכע נייגונג צו דער גע־שעפטלעכער זייט פונם טעאַטער. האָט ער אויסגעקליבן אויפצוטרעטן ביי יענער פאָרשטעלונג אין דער הויפּט־ראָלע פון יעקב גאָרדינ׳ס „דער אידישער גלח״, וועלכער איז דעמאָלסט געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג פון מיין טאַטן, יעקב פּ. אַדלער, אין ניו יאָרק.

וואו יעקב קאַן האָט באַקומען אַ קאָפּיע פון דער פּיעסע, ווייס איך ניט. ער האָט אַרויסגעלאָזט גרויסע רעקלאַמען, אַז עס וועט געשפּילט ווערן דזשעי־קאָב פּ. אַדלער׳ס גרעסטער דערפאָלג, „דער אידישער גלח״. אויף עפּעס אַן אופן איז די רעקלאַמע דערגאַנגען צו מיין טאַטן. ער איז געוואָרן אויסער זיך; ווי וואַגן אינגלעך אויף אַזאַ אופן אויסנוצן זיין נאָמען און זיין פּיעסע?! ער וועט זיי אָנלערנען.

איז ער אַוועק, ראשית, אַרויסגעקראָגן אַ סאַמאָנס און אַוועקגעפאָרן יענעם זונטיק קיין יאָנקערס. באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט ער די פאָרשטעלונג זיכער אָפּשטעלן.

יעקב קאַן האָט אָבער געוואוסט, אַז זונטיק איז קיין סאַמאָנס ניט גילטיק. ער האָט זיך אויך באַוואָרנט מיט אַ פאַרוואַלטער, אַז ער זאָל די פאָרשטעלונג ניט שטערן. דער נאַאיוועדער אַדלער האָט דאָס אַלץ אויסגעפונען צו שפּעט. זיין סאַמאָנס איז ניט גילטיק און „דער מענעדזשער״ האָט אים פאַרזיכערט, אַז ערשט מאָרגן, מאָנטיק, קען ער אים העלפן.

דאָ ווערט שוין שפּעט, און אַדלער האָט געמוזט זיין אין זיין טעאַטער צו דער מאַטינע פאָרשטעלונג. מיין טאַטע איז, נעבעך, געווען הילפלאָז און מיטן סאַמאָנס אין קעשענע האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דעם „קאַמף־פּלאַץ״. ער האָט אַ היפּשע צאָל יאָרן געהאַט פאַראיבל אויף יעקב קאַן, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך איבערגעבעטן.

יעקב קאַן האָט אַ סך יאָרן געשפּילט מיט מיין טאַטן, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען אויך זיין געשעפט־פירער אויף די טורן איבער דער פּראָווינץ, נאָכן סעזאָן. מיין טאַטע האָט צו אים געהאַט דעם פולסטן צוטרוי און אים שטאַרק אָפּגעשאַצט פאַר זיין אומבאַגרעניצטער ליבע און איבער־געגעבנקייט צו אידיש טעאַטער. איך האָב אַ היפּשע צאָל בריוו פון אַדלער׳ן צו קאַנ׳ען, אין וועלכע ער דריקט אויס זיין אָנערקענונג צו אים.

די ערשטע פּיעסע יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן איז פאַר מיר געווען אינגאַנצן פרעמד, אינגאַנצן ניי. כ׳האָב זי קיינמאָל פריער ניט געזען, און, מיר דוכט זיך אפילו ניט געהערט פון איר. דאָס איז געווען די וועלט־באַרימטע ראָמאַנטישע טראַגעדיע „דעבאָראַ״, פון דר. בן־ציון מאָזענטאַל. די דאָזיקע טראַגעדיע איז אויף דער וועלט־בינע געווען פאַררעכנט אין איין ריי מיט אַזעלכע וועלט־באַרימטע דראַמעס ווי „קאַמעליען דאַמע״, „מאַריאַ סטואַרט״, „מעדעאַ״ און אַנדערע פון דעם סאָרט.

אַלע וועלט־באַרימטע דראַמאַטישע שוישפּילערינס פון לעצטן יאָרהונדערט האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער גרעסטער אַמביציע צו שפּילן די טראַגישע ליבעס־ראָלע, דעבאָראַ. דער אידישער מאָטיוו, וואָס איז דער הויפּט־איבהאַלט פון דער דראַמע, האָט אָ־די פּיעסע געמאַכט זייער צוגענגלעך פאַרן אידישן עולם און גערייצט מיין מאַמעס אַמביציע אין דער ראָלע זיך צו ווייזן.

אין דער פּיעסע, איז די העלדין, דעבאָראַ, אַ אידישע טאָכטער פון אונגאַרן, אין דער צייט פון גרויסע אידישע פאַרפאָלגונגען. אַ גרופּע אידן, צווישן זיי די שיינע, יונגע דעבאָראַ, ראַטעווען זיך פון די פּאָגראָמען, גייט אַריבער די גרענעץ קיין בעהמען, און באַהאַלט זיך אין אַ וואַלד ניט ווייט פון אַ דאָרף. מיט איר פּרעכטיקן אויסזען, איז דעבאָראַ די וועלכע געפינט וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו קריגן שפּייז פאַר אירע מיטליידנדיקע. אין דאָרף דערזעט איר דער זון פון דעם פרומען קריסטלעכן דאָרפס־ריכטער, אַ פיינער, איידעלער יונגערמאַן, יוזעף. זי דערציילט אים, וואָס זי און די אַלע אַנטלאָפענע אידן מיט איר האָבן איבערגעלעבט אין אונגאַרן און אין וועלכער לאַגע זיי געפינען זיך איצט. דער איידעלער יוזעף ווערט זייער גערירט. ער העלפט איר קריגן שפּייז, קליידער און מעדיצינישע הילף.

דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן, אַז צווישן זיי אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע ליבע, וועלכע פאַרכאַפּט זייביידן. אין די יונגע פאַרליבטע הערצער פאַרשווינדט דער אייביק מורא׳דיקער אָפּגרונט צווישן איד און קריסט. זיי חלום׳ען פון אַ גליקלעכער צוקונפט צוזאַמען. אָבער ניט אַזוי איז זייער גורל אָנגעצייכנט. עס צעפלאַקערט זיך אַרום זיי דער שטענדיקער קאַמף פון קריסט און איד. דער יונגער יוזעף פאַלט אַ קרבן פון אינטריגעס און מסירות. ער ווערט געצוואונגען צו פאַרשטויסן דעבאָראַ׳ן.

די אַנטוישונג ברענגט איר אין אַ צעמישטן צושטאַנד. זי וואַנדערט אַרום ניט וויסנדיק וואוהין זי גייט. און אָט געפינט זי זיך אין אַ לבנה׳דיקער נאַכט לעבן קלויסטער פון דאָרף פונקט ווען דאָרט קומט פאַר אַ חתונה־צערעמאָניע. זי הערט די טענער פון אָרגל, דאָס בענטשט מען צוויי גליקלעכע הערצער, און אירע ליפּן מורמלען אַ ברכה פאַר דעם נייעם גליקלעכן

פאַר. זי דערנענטערט זיך צום פענסטער פון קלויסטער; זי וויל כאַטש הנאה האָבן צוזעענדיק דאָס גליק פון אַנדערע, און זי דערזעט, אַז איר יוזעף איז דער חתן, און די חתונה צערעמאָניע איז צווישן אים און אַננאַ, וועלכע איז זייט זיינע קינדער־יאָרן געווען פאַררעכנט אַלס זיין כלה . . . איר אַנטוישונג דערגרייכט די העכסטע שטופע.

ביז היינט שטייט מיר פאַר די אויגן איר וואונדערלעכע געשטאַלט ווען זי באַווייזט זיך אין שיין פון דער לבנה — מיין מאַמעס פרעכטיקע קופּער־רויטע לאַנגע האָר, צעוואָרפן איבערן העל־גרויען כאַלאַט, איר זיסער אומ־שולדיקער פּנים, אירע זוכנדיקע אויגן, געווענדט צום הימל, שרייען אָן ווערטער, דער אייביקן פאַרוואָס" . . .

ווען איך דערמאָן זיך איצט איר שפּילן אין דער סצענע, פיל איך אין זיך די גרויסע איבערצייגונג, אַז אין דער ראָלע פון דעבאָראַ האָט מיין מאַמע אויסגעשפּילט איר אומבאַגרענעצטע ליבע און שרעקלעכע אַנטוישונג. אפשר האָט זי עס אַליין ניט געמיינט, און איך נעם זיך ניט אונטער צו פאַרטייטשן אין וואָס איך האָב עס דערזען. אָבער איך בין טיף איבערצייגט, אַז אין יענע גרויסע סצענעס אירע פון טיפער ליבע און שרעקלעכער אַנטוישונג, האָט זי אויסגעשפּילט איר אייגענע צעווייטיקטע נשמה... איך בין דערפאַר גאָרנישט איבערראַשט, וואָס די ענגלישע פּרעסע אין לאָנדאָן האָט זי אַזוי באַוואונדערט אין דער ראָלע און זי באַטיטלט „די אידישע עלענאָראַ דוזע"...

אגב, דערמאָן איך זיך, אַז זייער אָפט אין איר לעצטער קראַנקייט פלעגט זי אין שלאָפלאָזע נעכט מורמלען און איבער'חזר'ן אירע גרויסע מאָנאָלאָגן פון ליבע און אַנטוישונג פון „דעבאָראַ"...

דער אידישער עולם אין לאָנדאָן האָט זי זינט יענער ראָלע ממש פאַר־געטערט. און איך געדענק סצענעס ווען זי איז פון טעאַטער געגאַנגען אַהיים, איז זי באַגלייט געוואָרן ניט פון צענדליקער נאָר ממש פון הונדערטער טעאַ־טער־גייער — אַ גאַנצע פּראָצעסיע... זיי האָבן זי ניט געוואָלט פאַרלאָזן אפילו ווען זי איז שוין אַריין צו זיך אין הויז. זיי זיינען געשטאַנען פאַר איר הויז און געשריען: „לעבן זאָל אונזער דיינע".

דער לאָנדאָנער „באבי" (פּאָליציימאַן) איז אַריין אין שטוב און זיך גע־בעטן ביי דער מאַמען, זי זאָל דורכן פענסטער אַפּעלירן צום עולם, זיי זאָלן זיך צעגיין... ער קען עס ביי זיי ניט פועל'ן...

טראַכט איך איצט וועגן מיין געשפּרעך מיט מיין מאַמען ביי מיר אינדער־היים, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון מיינע באַשרייבונגען, און איך זע קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיין מאַמעס גרויסע ליבע צו מיין טאַטן האָט אין דער אמת'ן קיינמאָל ניט אויפגעהערט. איך פאַרשטיי

ערשט איצט, אַז אויך מיין טאַטע האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן זיין „דיינע״ . . . ווערט מיר ערשט קלאָר, סיי זיין פּלוצלינגדיקער קומען צו דער שיף זיך געזעגענען כלומר׳שט מיט מיר, סיי זיין פאַרברענגען מיט דער מאַמען די גאַנצע צייט פון זיין וויזיט אויף דער שיף... זיינע פאַר־ווייטע אויגן... איך דערמאָן דאָ די סצענע וואָס איך האָב באַשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווען מיין מאַמע, מיין שוועסטער לילי און איך האָבן זיך געזעצט אויף דער שיף פאַר אונזער נסיעה קיין לאָנדאָן צום סעזאָן וואָס איך באַשרייב איצט. אין אַ סך פון זיינע בריף צו מיין מאַמען און מיר האָט ער אינצווישן די שורות, מער ווי אין די ווערטער, אויסגעדריקט זיין אייביקע ליבע צו איר. דער איצטיקער פּאָסטאַט קען דינען ווי אַ ביישפּיל. אויב איר פאַרשטייט „צווישן־שורות״־ שפּראַך, וועט איר, אַזוי ווי איך, דאָס קענען אַרויסלייענען.

אין דער פּיעסע „דעבאָראַ״ האָב איך געשפּילט די ראָלע פון אַננאַ, וואָס האָט חתונה מיט דעבאָראַ׳ס געליבטן יוזעף... איז דאָ כדאי צו פאַרצייכנען, אַז ס׳זיינען מיר זייער גוט צונוץ געקומען אין מיין וויטערדיקער קאַריערע די איבערלעבונגען אין יענער ראָלע מיינער, מיין ערשטע ראָלע ווי אַן אַקט־ריסע אין אַ טרופּע. איך געדענק זייער קלאָר, ווי ביי דער ערשטער פאַר־שטעלונג האָב איך זיך פאַרלוירן אין מיין באַוואונדערונג פון מיין מאַמעס שפּילן און אין מיין גערירטקייט פון מיין מאַמעס דעבאָראַ־טראַגעדיע. איך האָב דערפילט דאַן, אַז אַ שוישפּילערין דאַרף זיך ניט אַזוי פאַרלירן — אַ שוישפּי־לערין טאָר זיך ניט לאָזן פאַרטראָגן פון סענטימענטן פאַר אַן אַנדער ראָלע אין דער פּיעסע און פון באַוואונדערונג פון אַן אַנדער שוישפּילערס טאַלאַנט.

קומט מיר אויפן זינען אַ ראָלע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן עטלעכע יאָר שפּעטער מיט דעם געניאַלן שוישפּילער רודאָלף שילדקרויט. דאָס איז געווען אין טאָמאַשעפסקי׳ס פּיפּלס טעאַטער אין ליבין׳ס אַ פּיעסע, „דער געדאַנקען לייענער״. די אומשטענדן פון מיין שפּילן מיט שילדקרויט׳ן זיינען פאַרבונדן מיט אַ גאַר וויכטיקער ווענדונג אין מיין יונגער קאַריערע. מיר וועט נאָך אויסקומען איבערצוגעבן אַ סך איינצלהייטן און מערקווירדיקע עפּיזאָדן צווישן מיר און דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט. דאָ בין איך אויסן איך בלויז צו באַווייזן, ווי וויכטיק עס איז דאָס וואָס איך האָב געלערנט פון יענעם ערשטן סעזאָן, ספּעציעל פון יענער ערשטער ראָלע מיינער.

אין דער ראָלע פון „געדאַנקען לייענער״ האָט שילדקרויט סצענעס, וואו ער האָט געלעגנהייט צו באַווייזן זיין רייכן פאַרשידנאַרטיקן טאַלאַנט. און כאָטש איך האָב מיט שילדקרויט׳ן עטלעכע מאָל געשפּילט, האָט ער מיך ממש געפּלעפּט מיט נייע און אַלץ נייערע אויסדרוקן פון גרויסן שוישפּילערישן



TELEPHONE, ORCHARD 478

JACOB P. ADLER'S

PEOPLE'S THEATRE

ADLER & EDELSTEIN, INC.

JOSEPH EDELSTEIN, GEN'L MGR.
ABE ADLER, MGR.

201 BOWERY

New York, ______ 191

פריינד!

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

טאַלאַנט. געדענק איך, ווי שטייענדיק אויף דער בינע, האָב איך זיך מער ווי איינמאָל געפּוּנעץ ביי דער סאַמע גרענעץ פון פאַרלוירנקייט פון דער ראָלע מיינער און באַוואונדערונג פאַר שילדקרויט׳ס געניאַלן טאַלאַנט. און איך האָב זיך געכאַפּט זאָגנדיק צו זיך אַליין: „מען טאָר ניט! דאַרפסט אין זינען האָבן דיין אייגענע ראָלע!" דאָס האָט מיר געהאָלפן...

איז כדאי צו פאַרצייכנען אַ טשיקאַווען עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט ביי איינעם פון די לעצטע פּראָבעס פון „געדאַנקען לייענער". ליבין איז צו יענער פּראָבע געקומען אַביסל אַ פאַרקילטער.זיצנדיק ביי דער פּראָבע האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר טאָמאַשעפסקי׳ן, אַז ער פילט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען... האָט אים טאָמאַשעפסקי געפרעגט: „אפשר ווילט איר זיך צולייגן ביי מיר אין גאַרדעראָב? איך האָב דאָרט אַ זייער פיינע קושעטקע, איך וועל אייך צודעקן מיט מיין פעלץ"... ליבין האָט זיך ווי אָנגעכאַפּט און זיך געלאָזט גיין אין טאָמאַשעפסקי׳ס גאַרדעראָבע... טאָמאַשעפסקי האָט אים אָפּגעשטעלט:

„וואַרט אַ ווײַלע מר. ליבין. איידער איר גייט, מיין איך, אַז איר דאַרפט דאָס וויסן: ביי די לעצטע פּראָבען פון „בן־עמי", האָט אברהם גאָלדפאַדען, זיך דערפילט ניט מיט אַלעמען. האָב איך אים אָוועקגעלייגט אויף דער קו־שעטקע און אים גוט צוגעדעקט מיט מיין פעלץ. ליגנדיק אויף מיין קושעטקע האָט ער זיך דערפילט אַ סך בעסער; אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער גע־שטאָרבן... ביי איינער פון די פאָרשטעלונגען פון גאָרדינ׳ס לעצטער פּיעסע, „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", איז יעקב גאָרדין אַריינגעקומען צו מיר אין גאַר־דעראָבע זייער אַ בלאַסער, זיין גאַנצער קערפּער האָט געפּיבערט... ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זעלבער קושעטקע און געזאָגט: טאָמאַשעפ־סקי, איך פיל ניט גוט... עס פיבערט מיך, מיר ווערט קאַלט און הייס... איך וויל דאָ ביי אייך אַביסל ליגן — אפשר וועט מיר בעסער ווערן"...

„אַוודאי... איך וועל אייך איינדעקן מיט מיין פעלץ"... איך האָב אים גוט איינגעדעקט. „אפשר אַ גלאָז טיי מיט ראָם?... און איך וועל אויסלעשן די עלעקטריק און איר וועט אייך דאָ גאַנץ רואיק ליגן... נאָך דעם דריטן אַקט וועל איך אייך אויפוועקן!... איך האָב מיט אברהם גאָלדפאַדען אויך געטאָן דאָס זעלבע..." יעקב גאָרדין איז אויפגעשפּרונגען און, צוואָרפּנ־דיק מיר עטלעכע רוסישע מי־שברכ׳ס, איז ער אַנטלאָפן... עטלעכע טעג שפּעטער איז יעקב גאָרדין געשטאָרבן... איצט, אויב איר ווילט, מר. ליבין, קענט איר זיך לייגן ביי מיר אין גאַרדעראָב אויף דער קושעטקע און זיך צודעקן מיט מיין פעלץ..."

ליבין האָט זיך צעלאַכט, מיט זיין דריבנינקן געלעכטער, און געזאָגט:

„אַ שײנעם דאַנק אײך, מר. טאָמאַשעפּסקי; איך װעל זיך שױן בעסער באַגײן אָן אײער קושעטקע; און אײער פּעלץ בין איך אײך אױך מוחל... זײַט מיר געזונט, איך לױף אַהײם...״

ליבין האָט געלעבט נאָך װאָסערע פֿינף־זעקס־און־פֿערציק יאָר נאָך יענעם עפּיזאָד... ער איז געשטאָרבן אין דער הײם פֿאַר עלטערע מיטגלידער פֿון אַרבעטער־רינג, אין יאָר 1955.

אין דער קורצער צײַט פֿון עפּעס מער װי צװײ חדשים, האָבן מיר אין פּאַװיליאָן טעאַטער אין לאָנדאָן, אױפֿגעפֿירט, אַ חוץ די מערסטע פּיעסן פֿון דעם גאָרדין רעפּערטואַר און גאָר אַ היפּשע צאָל פּיעסן פֿון פֿאַרשידנאַרטיקן אַלטן אידישן רעפּערטואַר, אױך עטלעכע פֿון פּאַפּאַ פֿײַנמאַנ׳ס דערפֿאָלגרײַכע אַלטע פּיעסן. עס איז געװען אַ שװערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט פֿאַר אַלע אין דער טרופּע. דאָס האָט געמײנט לאַנגע פּראָבן יעדן טאָג, שװערע פֿאָרשטעלונגען יעדן אָװנט, און אין צװישן־צײַט שטודירן, חזר׳ן און דערגרונטעװען נײַע ראָלן.

שװערער פֿון אַלעמען איז די אַרבעט געפֿאַלן אױף דער מאַמען, װעלכע האָט אין די אַלע פּיעסן געשפּילט די הױפּט־ראָלן. אמת, זי איז אין די מערסטע פֿאַלן געװען אַ געשפּילטע, אָבער בלױז דאָס שפּילן זעקס אָדער זיבן ראָלן אַ װאָך אין פֿאַרשידענע פּיעסן, איז אַ געװאַלדיקע אָנשטרענגונג, בפֿרט פֿאַר אַ שױשפּילערין, װי די מאַמע איז געװען. זי האָט פֿאַר יעדער פֿאָרשטעלונג איבערגעלעבט אין אַ גרױסער מאָס דעם נערװעזן ציטער פֿון אַן ערשטער פֿאָרשטעלונג. אַט־די מעלה, אָדער חסרון, האָב איך פֿולשטענדיק גע׳ירשנ׳ט פֿון מײַן מאַמען. איך האָב די ירושה געטרײַ געטראָגן די אַלע יאָרן פֿון מײַן קאַריערע.

יענע ערשטע װאָכן אין לאָנדאָן האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון צוליב עטלעכע טעמים. ערשטנס, די שװערע אַרבעט. פֿאַר מיר איז יעדע ראָלע געװען נײַ, און דאָס זײַנען געװען ניט אַבי־װאָסערע ראָלן. דאָס זײַנען כמעט שטענדיק געװען די צװײטע פֿרויען־ראָלן פֿון דער פּיעסע. פֿאַר אַן אָנפֿאַנגערין איז עס ניט קײן געװײנלעכע דערשײַנונג. אַװדאי קען איך ניט פֿאַרקוקן דעם פֿאַקט, אַז דאָס האָב איך געהאַט אַזאַ אױסערגעװײנלעכע געלעגנהײט, בלױז דערפֿאַר װאָס מײַנע טאַטע־מאַמע זײַנען געװען די באַלע־באַטים. זײער װײניק יונגע שױשפּילערינס האָבן די זכיה אין זײערע אָנפֿאַנג־יאָרן צו קריגן צוגעטײלט אַזעלכע ראָלן. קען מען עס צושרײַבן צו דער

פּאַרטייאישקייט פון מיינע עלטערן. פאַר מיר אָבער איז צו דער שווערער אַרבעט פון שטודירן און שפּילן אַזוי פיל נייע און וויכטיקע ראָלן אויך צוגעקומען די גרויסע אחריות, די אַמביציע צו באַרעכטיקן דעם צוטרוי, וואָס מיינע פּאַרטייאישע טאַטע־מאַמע האָבן צו מיר געהאַט.

אַז מיין שווערע אַרבעט האָט זיך געלוינט, וועל איך פאַר איך ציטירן פון אַן אויסשניט פון דעם „פאָרווערטס״ מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. שרייבט מען אויף דער טעאַטער־זייט — „וואָס וועט זיין מיט צילי פיינמאַן־אַדלער? זי איז געשטעלט געוואָרן אויף אַ פּראָבע אויב זי באַזיצט טאַלאַנט און קען שפּילן אויף דער בינע. זי האָט די פּראָבע נאָך מער ווי אויסגעהאַלטן. זי האָט די טעאַטער באַזוכער איינפאַך באַצויבערט מיט איר טאַלאַנטפולן שפּילן, אַזוי גוט ווי מיט איר יוגנטלעכן חן. אַז זי איז אַ טאַלאַנטפולע שוישפּילערין, האָט מען נאָך פריער געוואוסט צוליב דעם דערפאָלג וואָס זי האָט געהאַט אין לאָנדאָן אין גאַרדינ׳ס פּיעסן, און אין אַנדערע ראָלן, וועלכע זי האָט פּאַרטרעפלעך דורכגעפירט, און דאָך האָט זי קיין מענעדזשער ניט אַנגאַזשירט... עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר טעאַטערס וואָס וועלן צוליב „פּאָליטיקס״ די דאָזיקע שוישפּילערין ניט „צולאָזן צום פּסוק״.

ווי איר זעט, האָט מיין שווערע אַרבעט יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן זיך אָפּגערופן אין יאָר 1911 אַזש אין ניו יאָרק. איך וויל אייך אויך פאַרזיכערן, אַז אין מיין קאַריערע און מיין שפּילן האָט מיר יענער סעזאָן אין לאָנדאָן גאָר, גאָר פיל געהאָלפן.

וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף איין ראָלע מיינער, וואָס איך האָב אין יענע ערשטע וואָכן געשפּילט. טאַקע אַ גאָרדין ראָלע. עס זעט אויס, אַז מיין ערשטע ראָלע אין אַ גאָרדין פּיעסע, איך מיין דאָ די קינדער־ראָלע אין „מירעלע אפרת״, וואָס איך האָב באַשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט מיך עפּעס ווי פאַראייניקט מיט דער משפּחה פון דער פּיעסע. די ראָלע וועגן וועלכער איך גיי אייך איצט דערציילן, איז מיין צווייטע ראָלע וואָס איך האָב אין דער פּיעסע געשפּילט, די ראָל פון שיינדעלע, די מאַמע פון דער קינדער־ראָלע. קען זיין, אַז דערפאַר ציט עס מיך אַזוי צו ריידן וועגן מיין ראָלע, שיינדעלע. פון ערשטן בליק איז זי ניט מער ווי אַ ראָלע פון דער אָנגענומענער „שלעכטער שנור״. אירע שלעכטע האַנדלונגען ווערן אָפט אַקצענטירט און געוויסער מאָסן איבערטריבן, כדי אַרויסצורופן בייזע געפילן צו איר, און נאָך מער, כדי צו דערוועקן מער רחמנות און מיטגעפיל צו מירעלע אפרת.

אָבער ווען מ׳פאַרטיפט זיך אין דער ראָלע, זוכט מען ענטפערס אויף רייד און האַנדלונגען, וויל מען דערגרונטעווען אַלע „פאַרוואָסן און פאַרווענען״. אָן אָט־די פאַרטיפונגען קען מען די ראָל ניט שפּילן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין,

קען מען דעם כאַראַקטער ניט אַרויסברענגען... מען דערזעט דאָן ערשט, אַז די ראָלע פון שיינדעלע איז גאָרניט אַזוי אויבנאויפיק, אַז זי האָט אַ זייער קאָמפּליצירטן כאַראַקטער. זי איז ניט גלאַט אַ „שלעכטע שנור״; זי ליידט פון דעם וואָס מיר רופן אָן אַ מינדערוויכטיקייט קאָמפּלעקס. מיט דעם קאָמ־פּלעקס אירן קעמפט זי מיט ציין און נעגל קעגן דעם איבערוויכטיקייט (סופּעריאָריטי) קאָמפּלעקס, וואָס איר שוויגער, מירעלע אפרת, באַזיצט אין גאָר אַ היפּשער מאָס.

מיט איר זייער באַגרענעצטער אינטעליגענץ איז שיינדעלע הילפלאָז אין איר קאַמף קעגן איר גרויסער שוויגער, מיט אירע אַדיוטאַנטן, וועלכע דינען איר געטריי און שאַפן אַרום איר כמעט אַ קעניגליכע אַטמאָספערע. ווערט זי פאַרלוירן אין אירע קאַמפּס־מיטלען און זיי דריקן זיך אויס אין נאַרישע שלעכטסקייטן, אין זייער פּרימיטיווע יאַכנעשע טענות. איין פראַזע, כמעט ביים שלוס פיעסע וואָס עס זאָגט מירעלע אפרת, האָט פאַר מיר ווי געעפנט אַ טיר צו שיינדעלע׳ס קאָמפּליצירטן כאַראַקטער. מירעלע זאָגט: „איך וועל זאָגן דעם אמת, שיינדל, מער פון אַלע האָסטו מיר היינט מיין האַרץ צע־בראָכן״.

דאָס האָט געעגבערט מיין מוח: פאַרוואָס האָט מירעלע אַזוי געפילט? עס האָט צו איר גערעדט און ביי איר זיך געבעטן איר זון יאָסעלע, וועלכן, ווי זי דריקט זיך אויס, זי האָט ליב מער ווי איר לעבן. עס האָט פאַר איר גערעדט און געוויינט, איר אייניקל שלמה׳לע, אַ נאָמען נאָך איר מאַן, גערעדט קלוגע קינדערשע און האַרציקע רייד. עס האָבן זיך ביי איר געבעטן אירע געטרייע לעבנס־פריינט שלמון און מחלה. און דאָך גיט זי צו, אַז מער פון אַלעמען האָבן איר האַרץ צעבראָכן די געבעט־רייד פון שיינדעלע׳ן.

האָב איך זיך גענומען גריבלען אין יענער סצענע פון לעצטן אַקט, ווען שיינדעלע קומט זי איבערבעטן. זאָגט שיינדעלע, צווישן אַנדערעס:

„עס קען זיין, אַז איך האָב טאַקע אַ שלעכטן כאַראַקטער, אָבער פאַרגעסט ניט, אפילו אַזעלכע קינדער וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן ביי אַ מאַמע ווי מירעלע אפרת, זיינען אויך ניט אי־אי־אי־. און מיין מאַמע איז ניט מער ווי חנה־דבורה, און אויסגעוואַקסן בין איך אין נחומ׳צעס הויז...״ ווייטער זאָגט זי: — „איר מיינט, איך האָב אייך אומיסטן געוואָלט שלעכטס טאָן. איך האָב אייך און אייער פריינט אומיסטן געטאָן אויף צו־להכעיס, ווייל איך האָב געפילט אַז איר רעכנט מיך זייער נידעריק, און קוקט אויף מיר ווי אויף גאָרניט...״

איז שיינדעלע ניט אינטעליגענט גענוג צו קענען פאַרשטיין איר „איג־

פּיריאָריטי קאָמפּלעקס״, אָבער ער שרייט אַרויס פון איר יעדן ריר און קער. פאַר מיר איז דאָס געווען דער שליסל צו דער ראָלע. איך האָב דערפאַר אפשר אינגאַנצן אַנדערש געשפּילט. אַזוי, למשל, האָב איך טאַקע אין יענער סצענע, פון וועלכער איך האָב אויבן ציטירט, גאַנץ אַנדערש באַטאָנט שיינ־דעלע׳ס ערשטע רייד צו מירעלע׳ן, ווען זי קומט זי איבערבעטן. זי זאָגט:

„שוויגער, כ׳האָב צען יאָר מיט אייך ניט גערעדט. איך האָב אייך אפילו ניט געזען פון דער נאָענט, און איצט בין איך געקומען. ווען דאָס זאָל זיך האַנדלען פון מיר, מעגט איר מיר גלויבן, איך זאָל אפילו וויסן אַז איך שטאַרב, וואָלט איך קיינעם אין דער וועלט ניט געגאַנגען בעטן. קיינעם ניט. מיינע שונאים זאָלן עס ניט דערלעבן...״

בעטן זיך די רייד געזאָגט צו ווערן מיט טראָציקייט, מיט נאַרישן און פּוסטן שטאָלץ. עס באַרעכטיקט מירעלע׳ס ענטפער: „מ... מ... מ... דער אַלטער נוסח דיינער, וועלכן איך האָב שוין אַזאַ צייט ניט געהערט״. דערויף ענטפערט שיינדעלע:

„עס איז אָבער יאָסעלע... ער האָט גרויסע יסורים, האַרצווייטיק — ער איז אויס מענטש. איך וויל ניט ער זאָל מיינען, אַז איך אַליין בין שולדיק...״

אָט־די אויסטייטשונג שיינדעלע׳ס, האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל די פריערדיקע רייד אירע ניט זאָגן מיט טראָציקייט און שטאָלצקייט, נאָר מיט אַ צעבראָכן, פאַרשטיקט קול, ווי איינע וואָס עפּנט אויף איר האַרץ און ווייזט איר שוואַכקייט, מיט וועלכער זי שעמט זיך און פאַר וועלכער זיליידט. איך האָב, געטריי צו מיין צוזאָג צו יעקב גאָרדין, קיין זילבע, קיין אות אין דער ראָלע ניט פאַרביטן. אָבער מיט די טענער מיינע און מיט דעם אופן פון מיין האַלטונג, האָב איך די ראָלע אַנדערש אַרויסגעבראַכט.

בין איך ניט אויסן, חלילה, זיך צו באַרימען מיט דעם וואָס איך גיי איצטער זאָגן. ווען איך האָב געענדיקט די אויבן־דערמאָנטע סצענע, פלעג איך אָפּגיין מיט אַן אַפּלאָדז. וויפיל מאָל איך האָב די פּיעסע געזען פריער, האָט דאָס ניט פּאַסירט. דאָס האָט מיר געגעבן מוט און באַפרידיקונג — מיר איז געלונגען איבערצוגעבן דעם עולם מיין אויסטייטשונג פון שיינדע־לע... דאָס האָט מיך אויך איבערצייגט, אַז דאָס זוכן און דערגרונטעווען אַ ראָלע איז פאַר אַ שוישפּילער אַ גרויסע דערגרייכונג און ווערט אָפּט אָפּגעשאַצט.

מיר וועט נאָך אויסקומען מיט אייך זיך דורכצורייידן וועגן דער ראָלע פון מירעלע אפרת, וואָס איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געשפּילט.

דערפון קענט איר זען, אַז שאַפן אַ גרויסע צאָל נייע ראָלן, ווי מיר איז

אויסגעקומען אין די ערשטע פּאָר חדשים אין יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן, איז פּאַר מיר געווען זייער אַ שווערע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט. פּאַפּאַ פיינמאַן האָט ניט געקענט גלייכגילטיק צוזען ווי עס פאַלט שווער די אַרבעט אויף מיין מאַמען און אויף מיר. ער האָט געזוכט אַ פּרימאַדאָנע, מיט וועלכער ער זאָל צו זיין צופרידנקייט קענען אויפפירן די גאָלדפאַדן און אַנדערע אָפּערעטעס וואָס ער האָט געהאַט אין זיין טעאַטער־באַגאַזש.

ער האָט פון זיינע גאַסטראָלן אין לעמבערג גוט געדענקט די דאַן נאָך גאָר יונגע און וואונדער־שיינע באַגאַבטע פּרימאַדאָנע, רעגינאַ צוקערבערג, און אים איז געלונגען צו ברענגען אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון לעמבערג רעגינאַ און זיגמונד צוקערבערג. אַזוי ווי פיינמאַן האָט ליב געהאַט צו טאָן זאַכן מיט דער ברייטער האַנט, האָט ער מיט זיי אויך אַראָפּגעבראַכט נאָך צוויי אָפּערעטן־פּאָרלעך, מאַרק שילינג, אַ באַרימטער קאָמיקער, און זיין פרוי, רוזשע ברי, אַ זייער פעאיקע סוברעטין, ווי אויך אַדאָלף מעלצער און זיין פרוי אַנזשע ברי.

אַוודאי האָט דאָס באַרייכערן אונזער טרופּע מיט אַזוי פיל מענטשן אַ סך פאַרגרעסערט די הוצאות פון טעאַטער. דאָס האָט אָבער געגעבן אַ מעגלעכקייט מיין מאַמען אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. און אויך מיר האָט עס היפּשלעך פאַרלייכטערט. דאָס האָט אים אויך געגעבן די מעג־לעכקייט צו קענען אויף אַ ברייטן פאַרנעם אויפפירן אַ רייע באַרימטע אָפּע־רעטן, אין וועלכע רעגינאַ צוקערבערג האָט זיך געקענט ווייזן פאַרן לאָנדאָנער עולם.

געדענקט זיך מיר אַ טשיקאַווע זאַך פון גאָלדפאַדנ׳ס „שולמית״ ביי אונז אין טעאַטער צו יענער צייט. ווייסן אַלע, אַז אין די ערשטע יאָרן פון אידישן טעאַטער פלעגן צוליב מאַנגל אין פרויען פּערסאָנאַל, אַ סך פרויען־ראָלן געשפּילט ווערן פון מענער שוישפּילער. פּאַפּאַ פיינמאַן האָט באַוויזן דאָס פאַרקערטע. איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז אין אונזער טרופּע יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן איז געווען די פּרימאַדאָנע פרידע זיבל. אַחוץ איר שטאַרקע שטימע האָט זי פאַרמאָגט אַ ריזיקע פיגור. איז פיינמאַנ׳ען איינגעפאַלן ווי־זאַ־ווי דער צאַרטער צוקערבערג אַלס שולמית, צו לאָזן דער זיבל שפּילן די ראָלע פון אבשלום.

האָט ער שוין באַשלאָסן די גאַנצע אָפּערעטע אויפפירן בלויז מיט פרויען. איז שוין געווען אַ ווייבערשער צינגעטאַנג, אַ ווייבערשער מנוח, און אפילו די דריי חתנים, נתן הכהן, יואב הגרעוני און אבינדב, זיינען אויך געווען פרויען. יענע אויפפירונג פון „שולמית״ איז געווען אַ סענסאַציע.

ער האָט דאָן מיט דער ריזיקער טרופּע ספּעציעל אויפגעפירט זיין אייגענע אָפּערעטע „שבת קודש", וועלכע ער האָט אָריגינעל אויפגעפירט אין ווינדזאָר טעאַטער אין ניו יאָרק אונטערן נאָמען „דער איד אין סאָב־יעסקי'ס צייטן". די אָפּערעטע האָט אין לאָנדאָן געהאַט אַ גוואַלדיקן בייפאַל און געגאַנגען עטלעכע וואָכן. דעם גרעסטן דערפאָלג אין דער אָפּערעטע האָט געהאַט דווקא זיגמונד פיינמאַן אַליין. מיר איז דאָן אויסגעקומען צום ערשטן מאָל צו זען די גוואַלדיקע באַגייסטערונג פון עולם פאַר זיגמונד פיינמאַן. אין דער אָפּערעטע האָט ער געשפּילט אַן אָריענטאַלישן אידן, רב לייב ספרדי. זיין מאַיעסטעטישער אויסזען, זיין מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, זיין פיינע, וואַרעמע באַסאָווע שטימע, זיין האַרציק־נאַטירלעכער טאָן האָבן אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביים עולם און אויך ביי מיר.

יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן איז הפנים באַשערט געווען דעם אידישן עולם דאָרט נאָכאַנאַנד צו זען ווי אידן לויפן פון פאַרפאָלגונגען. פונקט ווי אין „דעבאָראַ" איז אויך אין „שבת קודש" דאָ אַ סצענע אין דריטן אַקט, וואו אַנטלאָפענע אידן באַהאַלטן זיך אין אַ וואַלד און ביים שיין פון דער לבנה שטייען אויף אַלע אידן פון זייער באַהעלטעניש. פיינמאַן,אין זיין פּאַ־טריאַרכאַלער ראָלע אַלס רב לייב ספרדי, וויקלט זיך איין אין אַ טלית און זינגט „יהי רצון מלפניך". ער גיסט אויס זיין האַרץ אין אַ תפילה צום רבונו של עולם, ער זאָל די אידן ראַטעווען פון דער פינצטערער גזירה.

ער האָט אין דער סצענע דערגרייכט אַזאַ הויכן עקסטאַז, אַזאַ הייליקע התלהבות, אַז דער עולם איז ממש געזעסן אַ פּאַראַליזירטער. און ווען ער איז אין זיין געבעט זיך פאַרגאַנגען אין טענער פון האַרצרייסנדיקע יללות, האָבן זיך פון אַלע ווינקלען פון טעאַטער געהערט שלוכצן און היסטערישע געוויינען. ווייס איך פון אַ סך לאָנדאָנער טעאַטער־גייער, וואָס פלעגן נאָך עטלעכע מאָל זען די פּיעסע, קומען אין טעאַטער נאָכאַמאָל בלויז צום דריטן אַקט, באַצאָלן, פאַרשטייט זיך, פאַר אַ בילעט, כדי בייצוואוינען די סצענע פון „יהי רצון". זיין פּאָפּולאַריטעט אין יענער סצענע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע.

איז עס דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער, ווען די שרעקלעכע בשורה פון פיינמאַנ'ס פּלוצלונגדיקן טויט אויף דער בינע פון „וויעלקי טעאַטער" אין לאָדזש האָט דערגרייכט לאָנדאָן, האָט עס דעם עולם צעטרייסלט און ס'האָט זיך תיכף אָנגעהויבן אַ באַוועגונג עפּעס צו טאָן, צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון זיגמונד פיינמאַן, פאַרן לאָנ־דאָנער טעאַטער־עולם. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט מיטן צוועק צו שאַפן אַ פאָנד אויף אויפצובויען אַ טעאַטער אויף זיין נאָמען.

גאָר וויכטיקע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון דער לאָנדאָנער אידישער וועלט זיינען געווען אַנגעשלאָסן אין דעם קאָמיטעט. זיי האָבן געהאַט אַ זייער ערנסטע באַציאונג צו זייער אויפגאַבע, און סוף 1912 איז פאַרטיק געוואָרן די פּרעכטיקע טעאַטער־געביידע אונטערן נאָמען „פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד, וואָס אַ טעאַטער־געביידע איז ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרן פאַר אידיש טעאַטער. דער בנין האָט זיך געפונען אויף קאָמוירשל ראָוד אין לאָנדאָן. דער לאָנדאָנער אידישער טעאַטער־עולם האָט דורכגעלעבט צוויי זייער געהויבענע מאָמענטן אַרום דעם פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער. צוערשט — דאָס לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער געביידע. סער פּרענסיס מאָנטעפיאָר אַליין איז געווען דער הויפּט־גאַסט ביי דער צערעמאָניע פאַר זייער אַ גרויסן עולם. ער האָט אויף אַ זייער בכבודיקן אופן פאַרבונדן דעם נאָמען פון זיגמונד פיינמאַן מיט דער אויסער־געווענלעכער געשעעניש.

דער צווייטער הויך־פּונקט איז געווען ווען דער טעאַטער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געעפנט. ביי זייער גאַנצן ערנסט זיינען די הויפּט טוער פון דער געזעלשאַפט ניט געווען קיין טעאַטראַלן און האָבן קיין שום אַנונג ניט געהאַט פון דער געשעפטלעכער זייט פון אַזאַ טעאַטער. זייער אַבזיכט איז געווען דער בעסטער. זיי האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע, אַז דער פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער זאָל זיין די היים סיי פאַר קינסטלערישע אָפּעראַ, סיי פאַר אַ ריין ליטעראַריש טעאַטער. זיי האָבן אָבער בכלל ניט געהאַט קיין פּראַקטישן באַגריף וועגן דער אָנפירונג פון אַזאַ אינסטיטוציע. מיט זייער גרויסן ערנסטן פאַרנעם האָבן זיי צוגעצויגן דעם באַרימטן רוסישן אָפּעראַ־זינגער, מאַרק מעדוועדיעוו, דער קייזער־קעניגלעכער טענאָר, אויף אָנצו־פירן מיט דער אָפּעראַ־אָפּטיילונג פונם טעאַטער.

צופעליק האָט זיך דאַן אין לאָנדאָן געפונען אויף זיין ערשטער רייזע קיין אַמעריקע דער אייגנאַרטיקער דיכטער און דראַמאַטורג פּרץ הירשביין, וועמענס באַרימטע פאָלקס־פּיעסן „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל", דעם שמידס טעכטער", „די גרינע פעלדער" און די „פוסטע קרעטשמע" זיינען באמת געווען דער ווינקלשטיין פאַר דעם אידישן קונסט־טעאַטער. ביי אים האָט די געזעל־שאַפט פון דעם פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער געזוכט עצות וועמען איבערצוגעבן די אָנפירונג פון דער טעאַטער־אָפּטיילונג.. זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זייער צוועק איז, אַז דער טעאַטער זאָל שטיין אויף דער העכסטער הויך פון ליטעראַטור און קונסט. הירשביין האָט זיי געענטפערט, אַז ער האָט דעם פאַסיקן מענטשן. ער וועט זיך שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג. ער

וועט זיי לאָזן וויסן אין עטלעכע טעג. ער האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן בריוו צו זיין גוטן פריינט, איינער פון די זיילן פון דער הירשביין טעאַטער־טרופּע פון רוסלאַנד און פּוילן, דעם יונגן, זייער באַגאַבטן שוישפּילער און רעזשיסאָר יעקב בן־עמי. און אָט ווי בן־עמי האָט מיר איבערגעגעבן דעם אינצידענט:

„איך, אַ צוציק פון צוואַנציק יאָר מיט אַ פּאָר חדשים, בין געווען אין ווילנע, זיך צו שטעלן צום פּריזיוו, ווען איך האָב געקראָגן פון הירשביינ׳ען דעם בריוו. מיך האָט שטאַרק אימפּאָנירט דער ערנסטער פּאַרנעם, — די פּראָגראַם וואָס די געזעלשאַפט אין לאָנדאָן האָט זיך געשטעלט. הירשביין האָט דאָס מיט וואַרעמקייט באַשריבן אין זיין בריוו און מיר געראָטן איך זאָל ערנסט טראַכטן פון קומען אַהין. אין מיין ענטפער צו הירשביינ׳ען האָב איך אויסגעדריקט מיין אינטערעס אין דעם לאָנדאָנ׳ער אויפטו, און איך האָב אין קורצן באַקומען אַ קאָנטראַקט פון דער געזעלשאַפט.

„איך בין געקומען קיין לאָנדאָן. איך בין באמת באַגייסטערט געוואָרן פון דעם פּרעכטיקן טעאַטער־בנין, מיט די באַקוועמסטע, מאָדערנסטע איינ־ריכטונגען. כאָטש דער טעאַטער האָט געהאַט זיך־פּלעצער פאַר נאָענט צו טויזנט מענטשן, איז ער אָבער געבויט געוואָרן אויף אַ זייער אינטימען אופן, און מיך האָט שטאַרק גערייצט די מעגלעכקייט וואָס מען קען אויפטאָן אין אַזאַ טעאַטער. זיינען אָבער די אָנפירער געווען אידן, וואָס זיינען בכלל ביט געווען באַהאַוונט אין דעם ענין. אַזוי, למשל, האָט מיר דער הויפּט־אָנפירער זייערער, אַ איד וואָס פלעגט קומען צו די זיצונגען פון ליטעראַריש־קינסט־לערישן בייראַט פון טעאַטער, מיט אַ צילינדער־הוט, אַ פרעג געטאָן: — מר. בן־עמי, וואָס פאַראַ פּיעסן זיינען פאַראַן אין אידיש? איך בין געווען איבעראַשט און אַנטוישט וואָס זיי ווייסן אַזוי ווייניק פון דער אידיש־דראַ־מאַטישער ליטעראַטור. דאָס זיינען געווען ערנסטע, וואוילמיינענדיקע אידן, אָבער אָן דעם מינדעסטן באַגריף ווי אַזוי צו באַלאַנסירן די פינאַנציעלע אחריות פון אַזאַ אינסטיטוציע. אין די ענינים האָבן זיי שרעקלעך געבלאָנד־זשעט. זיי האָבן באַשווערט דעם טעאַטער מיט ריזיקע הוצאות, וואָס דער טעאַטער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן. בכלל, איז דער שידוך פון אָפּעראַ און טעאַטער ניט קיין געראָטענער געווען. איז טאַקע דער ערשטער קרבן געפאַלן די אָפּעראַ.

„אַרום יענער צייט איז קיין לאָנדאָן געקומען דער באַוואוסטער דראַ־מאַטורג און טעאַטראַל מאַרק אָרנשטיין. ער האָט שטאַרק געוואָלט ווערן דער רעזשיסאָר פון דעם טעאַטער. מיר האָבן אים געגעבן די געלעגנהייט אויפצופירן זיין באַרימטע דראַמע „דער ווילנער באַלאַבעסל״. אין אונזער

טרופּע צו יענער צייט איז געווען סעמיועל גאָלדנבורג, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט אי פֿאַר אָפּעראַ, אי פֿאַר טעאַטער; לאה בעמי און פּריילין ליפּשיץ, וועלכע זיינען מיט מיר געקומען פֿון דער ווילנער טרופּע. מיר האָבן אויך אויפֿגעפֿירט „געטאָ מויערן", פֿון הערמאַן הייערמאַן. דער פֿינאַנציעלער צושטאַנד פֿון טעאַטער איז שוין אָבער דאַן געווען זייער אַ קלאָגעדיקער".

וואונדערט אייך אַוודאי וואָס דער פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער האָט זיך געעפֿנט אָן דיינאַ פיינמאַן. אין דעם איז אויך געווען די שולד פֿון די אומ־פּראַקטישע אַנפֿירער, וועלכע האָבן זיך ניט צוזאַמענגעשריבן באַצייטנס מיט דער מאַמען, און זי איז געוואָרן קאָנטראַקטלעך פֿאַרבונדען מיט אַ טעאַטער אין באַלטימאָר. אין מיטן סעזאָן איז מיין מאַמע ערנסט קראַנק געוואָרן, און זי איז אָפּערירט גע וואָרן אין דעם באַוואוסטן דזשאָנס האָפּקינס שפּיטאָל.

די אָפּעראַציע האָט אויך מיר געקאָסט אַ סך אומזיסטע האַרץ־ווייטיק. אַ טעלעגראַמע, וואָס איז צו מיר אָנגעקומען פֿון באַלטימאָר בנוגע דער אָפּעראַציע, האָט מיר שיר אָפּגעטאָן דאָס, וואָס דער שטן האָט אָפּגעטאָן אונטער מוטער שרה, ווען ער האָט איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איר גע־ליבטער זון יצחק „איז געקוילעט געוואָרן שיר". ווייסט איר, אַז אונזער מוטער שרה האָט ניט דערלעבט צו הערן דעם „שיר"... איך האָב יאָ באַוויזן איבערצולייענען די טעלעגראַמע, וואָס האָט זיך געלייענט: „מאָדהער אָפּערעיטעד אָנסאָקסעספּול".

אין מיין גרויסער שרעק האָב איך זיך פֿונדעסטוועגן ניט פֿאַרלוירן און תיכּף טעלעפֿאָנירט צו דזשאָנס האָפּקינס שפּיטאָל אין באַלטימאָר. שטיי־ענדיק ביים טעלעפֿאָן האָב איך אין מיין נערוועזיטעט און פֿאַרצווייפֿלונג מיט מיין פֿויסט געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין דער וואַנט און שרייען: „נו, ענטפֿערט שוין!"... עס האָט גענומען היפּשע עטלעכע מינוט ביז איך האָב געקראָגן דעם האָספּיטאַל אין באַלטימאָר. איך האָב מיט מיינע לעצטע כּוחות אַלץ געקלאַפּט אין וואַנט. איך בין נאָכדעם שיינע עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט. די האַנט איז געווען געשוואָלן און פֿול מיט בלויע, ברוינע צייכנס. ענדלעך האָט מען מיך פֿאַרזיכערט, אַז מיין מאַמע איז בשלום איבערגעקומען די אָפּעראַציע.

איך האָב גלייך גענומען די באַן קיין באַלטימאָר. אין מיין אונטער־באַוואוסטזיין איז נאָך אַלץ געלעגן דער איינדרוק פֿון דער טעלעגראַמע...

ווען איך בין אַריין צו מיין מאַמען אין צימער און זי האָט מיך באַגעגנט מיט איר ליבן שמייכל, בין איך געפֿאַלן חלשות. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער „קלוגער" צוזאַמענשטעלער פֿון דער טעלעגראַמע האָט טעלעפֿאָניש

געגעבן די דאָזיקע טעלעגראַמע אויף פאָלגנדיקן אופן: „מאָדהער אָפּערעיטעד ענד סוקסעספול". יענער האָט פון די ווערטער „ענד סוקסעספול" געמאַכט, פאַר מיין טובה וועגן, „אָנסוקסעספול"...

ווען מיין מאַמע איז צו זיך געקומען, איז זי מיט מיין שוועסטער לילי תיכף אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

דערווייל זיינען באַצויגן געוואָרן געסט פון אַמעריקע. איינער פון די געסט איז געווען מאָריס מאָשקאָוויץ, וועלכער איז אויפגעטראָטן אין „דער פאָטער", פון א. סטרינדבערג. אָבער מיט דער האָפענונג צו קריגן עטלעכע גוטע איינגאַמעס האָט מען פאַרקוקט די ריין ליטעראַרישע זייט און מען האָט זיך געפּרואווט ראַטעווען מיט מעלאָדראַמעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון אַמעריקע.

מיין מאַמע איז ענדלעך געקומען און איז אויפגעטראָטן אין „קאַמעליען דאַמע". און יעקב בן־עמי האָט געשפּילט די הויפּט מענער־ראָלע, איר גע־ליבטער אַרמאַנד. ס'איז אָבער געווען צו־שפּעט דעם טעאַטער צו ראַטעווען. כדי צו זיין בכוח מער־ווייניקער נאָכצוקומען די פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען, מיט וועלכע די געזעלשאַפט איז געווען באַלאָדן נאָך דעם אומגליקלעכן סעזאָן, זיינען זיי געצוואונגען געווען די טעאַטער־געביידע צו פאַרקויפן צו אַ פילם־געזעלשאַפט. אַלס אַזעלכע עקזיסטירט זי עד היום הזה.

מיין מאַמע מיט מיין שוועסטער לילי זיינען אַוועקגעפאָרן שפּילן אויף אַ טור איבער אייראָפּע. און וואָס איז געוואָרן מיט בן־עמי'ן? אָט ווי ער האָט עס מיר איבערגעגעבן:

„פון דאָרט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין אַמעריקע אין אַ טעאַטער, וואָס האָט זיך גערופן „נאָוועלטי", אין וויליאַמסבורג, אין ברוקלין. די באַלעבאָסטע איז געווען סאַראַ אַדלער, וועלכע איז זיך דאַן צעגאַנגען מיט אַדלער'ן. איך האָב גערעכנט צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד און אפשר ווידער אויפלעבן די הירשביין־טרופּע. וואָלט איך געפאָלגט יענעם אינ־סטינקט, וואָלט איך דיר, צילי, איצט ניט געקענט דאָס אַלץ דערציילן, ווייל איך וואָלט שוין אינגאַנצן אָן גרים געלעגן ערגעץ אין אַ מאַסן־קבר אין רוסלאַנד, אָדער פּוילן. אָבער, הפּנים, אַז מיר איז אַנדערש געווען באַשערט".

„ביז איר טויט האָט מיין מאַמע זיך שטענדיק געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז איר צוליב בין איך געקומען קיין אַמעריקע, און אַז זי האָט מיך געראַ־טעוועט פון זיכערן אומקום אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילן. כ'האָב ביי מיין מאַמען דעם גלויבן ניט געוואָלט צונעמען, און איך האָב איר קיינמאָל ניט דערציילט צוליב וועמען איך בין געקומען קיין אַמעריקע. און ווער עס האָט מיך באמת געראַטעוועט פון דעם גורל, וואָס איז באַפאַלן די אידן אין דער

צייט פון דעם גרויסן חורבן. אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם „נאָוועלטי״־טעאַטער, האָב איך פּלוצלונג אויסגעפונען, אַז דער הויפּט מענער־שוישפּילער אין יענעם טעאַטער איז דער גרויסער רודאָלף שילדקרויט. דאָס האָט מיך אימפּאָנירט און מיך אָט געצויגן די מעגלעכקייט צו קענען לערנען פון רודאָלף שילדקרויט. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. אַזוי איז גאָר רודאָלף שילדקרויט דער וואָס האָט מיך געראַטעוועט...״

איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען אַן עפּיזאָד מיט דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט פון יענעם סעזאָן אין נאָוועלטי טעאַטער. אין דעם עפּיזאָד שפּילט אַ ראָלע איינער, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען זייער באַליבט ביים אידישן טעאַטער־עולם. דער חנ׳עוודיקער, קוועקזילבערדיקער קאָמיקער, דער האַר־ציקער סעם קעסטין.

אין יענעם סעזאָן, אין נאָוועלטי טעאַטער, האָט רודאָלף שילדקרויט געשפּילט די אָריגינעלע „קרייצער סאָנאַטאַ״ פון טאָלסטאָי. סעם קעסטין האָט געשפּילט זיין דינער אין דער פּיעסע. איז דאָרט דאָ אַ סצענע, ווי דער העלד פּאָזדנישעוו, געשפּילט פון שילדקרויט׳ן, קומט פון אַ רייזע. ער טרעפט ניט זיין ווייב אין דער היים, און עפּעס פּלאָנטערט זיך שוין ביי אים אין די געדאַנקען די אייפערזוכט, וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר צווישן זיין פרוי און דעם מוזיקער טרוכאַטשעווסקי. זיין דינער, יעגאָר, דאַרף אַריינקומען און ער דאַרף פון אים אויסגעפינען וואו זיין פרוי איז. קעסטין, שפּילנדיק דעם דינער האָט געהאַט אַ לאַנגן אָפּרו ביז צו דער סצענע. אין אַזאַ פאַל זיצט מען אין גאַרדעראָב, און אַז עס איז דאָ מיט וועמען, שפּילט מען דערווייל אַ קערטל. אַוודאי איז קעסטין ניט געווען קיין געמבלער, אָבער ער האָט זיך פאַרשפּילט. אַזוי ווי די פּיעסע איז שוין געגאַנגען די צווייטע אָדער די דריטע וואָך, האָט שוין דער סטעידזש מענעדזשער אָפּגעלאָזט די „לייצעס״, פאַרלאָזנדיק זיך, אַז יעדער אַקטיאָר ווייסט שוין פּינקטלעך זיין אויפטריט.

שילדקרויט שטייט אויף דער בינע אין זיין אייפערזיכטיקן צושטאַנד, וואַרט אויף זיין דינער יעגאָר, און קעסטין איז ניטאָ.

האָב איך שוין אַ סך מאָל אין מיינע באַשרייבונגען אונטערגעשטראָכן, וואָס עס מיינט לײדיקע צייט אויף דער בינע. סעקונדן ציען זיך ווי אייביקייטן. אין דעם צושטאַנד זיינעם, ווען ער האָט געדאַרפט וואַרטן כמעט צוויי מינוט ביז קעסטין איז אַריינגעקומען, איז ער ממש ווילד געוואָרן. און ווען קעסטין איז ענדלעך אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעלאָפן, האָט שילדקרויט אים אַראָפּגע־לאָזט אַ פּאַטש. דאָס האָט ניט פּאָזדנישעוו געשלאָגן יעגאָר׳ן, נאָר שילדקרויט האָט אַ פּאַטש געטאָן קעסטינ׳ען...

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אין דער סצענע ניט געדאַרפט פאָרקומען. קעסטין איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און זיין ערשטער אימפולס איז געווען שילדקרויט׳ן צוריקצושלאָגן. אָבער סיי זיין שוישפילערישער אינס־טינקט, סיי דער געפיל פון שולדיקייט, וויסנדיק, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט אויף צוויי אָדער מער מינוטן, האָט אים געמאַכט צו באַהערשן זיין כעס און אַנשטאָט צו ענטפערן מיט פּעטש, איז ער געפאַלן אויף די קני און אין גייסט פון דער פּיעסע געכאַפּט קושן די האַנט פון זיין בייזן, צאָרנדיקן באַלעבאָס. שילדקרויט, וועלכער איז דערוויַל געקומען צו זיך, האָט זיך פאַרשעמט פאַר קעסטינ׳ען און אויס דאַנקבאַרקייט וואָס יענער האָט אויף אַזאַ פאַסיקן אופן פאַרווישט זיין ווילדן אויסברוך, איז ער צוגעפאַלן צו קעסטינ׳ען און אים געכאַפּט קושן.

דער טעאַטער האָט ממש געקראַכט פון אַפּלאָדיסמענטן.

אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַלערליי מיינונגען און איינדרוקן וואָס אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן זיך געשאַפן וועגן ענגלאַנד. הויבט זיך עס אָן מיט אָפּלאַכן פון די צערעמאָניעס אַרום באָקינגהעם פּאַלאַץ און דער אויסערגעוויינלעך־קאָמישע, כמעט קינדעריש־נאַרישע, פּראָצעדור־רע פון דעם וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „טשעינדזשינג אָוו די גאַרדס״. פאַר די פון אייך, וואָס האָבן עס קיינמאָל ניט געזען, איז אפשר כדאי איך זאָל אייך אין קורצן אָפּמאָלן די דאָזיקע סצענע.

אַרום באָקינגהעם פּאַלאַץ, וואו די קעניגן פון ענגלאַנד וואוינען, גייען כסדר אַרום שומרים (גאַרדס). זייער גאַנג דערמאָנט שטאַרק אין הילצערנע סאָלדאַטן. מוז עס אַרויסרופן גרויס געלעכטער זעענדיק די מאַשינאָווע באַ־וועגונגען. גאַנץ אָפט קריגט איר דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען באמת ניט קיין לעבעדיקע מענטשן. זיי שטייען אָפט אַזוי באַוועגלאָז פאַר אַ לאַנגער צייט, אַז איר קריגט חשק זיי אָנצורירן מיט די הענט, זיך צו איבערצייגן אויב זיי זיינען ניט קיין סטאַטועס.

דאָס קאָמישסטע איז אָבער די עטלעכע מינוטן, ווען איין גרופּע ווערט פאַרביטן פון אַ צווייטער. די צערעמאָניע דערביי איז עפּעס וואָס גלויבט זיך אייך ניט אַז דערוואַקסענע מענטשן קענען זיך אויפפירן אַזוי נאַריש. דאָס מערקווירדיקסטע אָבער איז, אַז ווען איר קוקט אויף זיי אַ לענגערע צייט, דערוועקט זיך אין אייך אַ געפיל פון אָפּשיי, פון ווירדע. איך האָב אין דעם כסדר געזען „טעאַטער שפּיל״, און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי

מוזן פֿאַרברענגען היפּשע שטונדן אין מאַכן פּראָבעס, כּדי צו קענען אַזוי פּערפֿעקט זיך פֿאַרוואַנדלען פֿון לעבעדיקע מענטשן אין מאַשינאַווע פֿיגורן.

אויך איז באַוואוסט ווי מ׳לאַכט פֿון דעם וואָס אויף טריט און שריט באַגעגנט מען זיך מיט געשיכטע פֿון טויזנט אָדער מער יאָרן. און זייער אָפֿט האָב איך געהערט דעם אויסדרוק: „גיט מיר אַ מאָדערנעם, באַקוועמען שאַוער (שפּריץ) און איך בין אייך מוחל די פֿופֿצן־הונדערט־יאָריקע געשיכטע״. אָבער עס בלייבט ביי אייך עפּעס פֿון דעם אָפּשיי און דרך־ארץ פֿאַר דער באַרימטער ראָיעלטי. אַ סך אידיאָמען אין דער שפּראַך, אפֿילו אין אידיש, העלפֿן, אַז איר זאָלט ווערן פֿיל־ווינציק באַהערשט פֿון אָט די געפֿילן. געדענקט איר, למשל, ווען איך האָב באַשריבן די סצענע פֿון דעם זאָגענאַנטן ווינטער־מאַנטל, וואָס פֿיינמאַן האָט מיר געקויפֿט, און די מאַמע האָט מיך באַגעגנט מיט דעם אויסדרוק: „דו קוקסט אויס — אין באַקינגהעם פּאַלאַץ קען מען קיין שענערס ניט זען...״ אָט אַזעלכע און ענלעכע אידיאָמען הערט איר אין דער געוואוינטלעכער, טאָג־טעגלעכער שפּראַך.

ווי אַ זיבעצן־יאָריקע אַמעריקאַנער מיידל, בין איך קיינמאָל ניט באַגייסטערט געוואָרן און ניט געהאַט דעם חשק אפֿילו אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט פֿון גאַס אָנצוקוקן אימעצן פֿון דער „ראָיעלטי״ (קעניגלעכער פֿאַמיליע). אין דער זעלבער צייט אָבער, האָב איך אָפֿט באַוואונדערט די דעמאָקראַטישקייט מיט וועלכער די „ראָיעלטי״, וועלכע איך האָב געטראָפֿן, באַציט זי צו די אָרומיקע מענטשן. פֿון מיינע פֿילע וויזיטן קיין לאָנדאָן, האָט זיך ביי מיר געשאַפֿן דער איינדרוק, אַז טראָץ דער ראָיעלטי, איז די דעמאָקראַטישקייט אין לאָנדאָן גאָר אויף אַ הויכער שטופֿע.

געדענקט זיך מיר אַ סצענע אויף ווייטשעפּל ראָוד אין לאָנדאָן, די גאַס וואָס איז פֿאַררעכנט כּמעט ווי די אַמאָליקע איסט סייד אין ניו יאָרק. עס איז געווען אַ פֿריילינגס־טאָג פֿון יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן, וואָס איך האָלט איצט אין באַשרייבן. עס איז געפֿייערט געוואָרן דער יערלעכער „סי מען׳ס דעי״. דאָס איז אַ טאָג געווידמעט צו דער זאַמלונג פֿון פֿאָנדן פֿאַר אלמנות און יתומים פֿון מאַטראָזן און אַנדערע שיף־אָנגעשטעלטע.

ווי איר געדענקט, איז מיין מאַמע, אַלס מיידעלע פֿון אַכט יאָר, געקומען קיין לאָנדאָן און דאָרט געלעבט ביז נאָך איר חתונה מיט מיין טאַטן יעקב פּ. אַדלער. איינע פֿון אירע נאָענטע חבר׳טעס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ לאָנדאָנער אידישן בחור, הערי קאַסקי. אַ פּאָר יאָר פֿאַר יענעם סעזאָן אין לאָנדאָן איז הערי קאַסקי דערהויבן געוואָרן אַלס „מעיאָר״ פֿון דער לאָנדאָנער פֿאָרשטאָט וואָס הייסט שטעפּני. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך,

אַ זייער בכבוד׳יקער אַמט. אין זייער הויז האָט מען געקענט אַ ליאַדע טאָג זיך באַגעגענען מיט „לאָרדן״ און לעידיס״ פון אַלערליי סאָרטן.

האָט אָט דער הערי קאַסקי אָנגעפירט מיט דער צערעמאָניע פון דעם „סי־מענ׳ס דעי״, וואָס ער האָט צוגעגרייט אין דעם אידישן געגנט פון לאָנדאָן. ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן אַ פּלאַטפאָרמע פון וואַנען די אַלע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען בלויז דערלויבט געווען געקליבענע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי האָט מיין מאַמע פאַרנומען דעם אויבנאָן. אָן באַרימעריי מעג איך צוגעבן, אַז איר נאָמען, וואָס איז שטאַרק פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער פּרעסע, האָט געהאָלפן ברענגען אַ היפּש־ביסל אידישן עולם. די צערעמאָניע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ קליינער מאָדעל פון אַ שיף, אַרום צוויי־און־אַ־האַלב־דריי פוס די לענג, און היפּשלעך טיף, איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט צווישן ברייטן עולם. אין אַ געוויסן אָרט אויפן דעק פון דעם מאָדעל איז געווען אַ שפּאַלט אויף אַריינצוואַרפן מטבעות. פון דער פּלאַטפאָרמע, אין דער זעל־בער צייט, האָבן די וויכטיקע פּערזענלעכקייטן גערעדט און אַפּעלירט צום עולם ער זאָל ברייטהאַרציק ביישטייערן צו דעם זייער וויכטיקן פאָנד.

דער קלימאַקס פון דער צערעמאָניע איז געווען, ווען דער פּרינץ אָוו וועילס, דאַן אַ יונגער בחור, אין זיין אכצענטן יאָר, איז מיט גרויס פּאַראַד אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דער פּלאַטפאָרמע, און דער „מעיאָר אָוו סטעפּני״, הערי קאַסקי, האָט אים באַגריסט מיט די אָנגענומענע צערעמאָניעס. ער האָט פאַר אים שטאַרק געלויבט די איבערגעגעבקייט און געטריישאַפט פון די לאָנדאָנער אידן און אים איבערגעגעבן די מתנה פון דער „איסט ענד״ צו דעם סי־מענ׳ס״ פאָנד. דאָס שיפל איז שוין ביז דאַן געווען שווער פון די אַריינגעוואָרפענע מטבעות, אַז דער פּרינץ, ניט דערוואַרטנדיק אַז דאָס שיפל איז אַזאַ שווערע משא, האָט עס שיר ניט געלאָזט אַרויספאַלן פון זיינע הענט. איינער פון זיין סוויטע האָט עס אויף שנעל פון אים איבערגענומען.

דער פּרינץ האָט אין זייער האַרציקע און פּשוט׳ע ווערטער געדאַנקט דעם גרויסן עולם פאַר זייער ברייטהאַרציקן אָפּרוף. די באַגייסטערונג פון עולם פאַר זייער פּרינץ האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע, און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער ליבע צו אים מיט האַרציקע אַפּלאָדיסמענטן און וואַרעמע אויסרופן. הערי קאַסקי האָט דאַן פאַר אים פאָרגעשטעלט די עטלעכע געסט אויף דער פּלאַטפאָרמע, צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך זיין פרוי. מיט אַ באַזונדער צערעמאָניע האָט ער דאַן צום פּרינץ אָוו וועילס צוגעפירט מיין מאַמען און איר פאָרגעשטעלט אַלס די פּראָמינענטסטע שוישפּילערין אין לאָנדאָן, דער ליבלינג פון לאָנדאָנער אידישן עולם — דינאַ פיינמאַן. דער

פּרינץ אָוו וועילס האָט זיך העפלעך פאַרנויגט. דער מאָמענט האָט ביים עולם אַרויסגערופן דעם העכסטן עקסטאַז — די אויסרופן און זייערע הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט, זייער ליבע צו זייער דיינע" און צו „זייער פּרינץ"...

פאַר מיין מאַמען, וואָס אַ דאַנק אירע יוגנט־יאָרן אין לאָנדאָן, האָט זי אָפּט זיך געפילט כמעט ווי אַן ענגלענדערין, איז יענער מאָמענט אויף לאַנגע יאָרן געבליבן אין איר זכרון. זי האָט גאַנץ אָפט גערעדט מיט שטאָלץ פון איר באַגעגעניש מיטן פּרינץ אָוו וועילס. געדענק איך, אַז שטייענדיק דאָרט ביי דער פּלאַטפּאָרמע, האָב איך זיך שטאַרק געפרייט און געווען גליקלעך וואָס מיין מאַמען ווערט צוגעטיילט אַזאַ כבוד. אָבער מיין איינגע־בוירענע אַמעריקאַנישקייט אין מיר האָט בשום אופן מיר ניט געגעבן דאָס געפיל ניט פון מיין מאַמען, ניט פון בריטן עולם צו זייער פּרינץ. איך האָב פאַר זיך געזען אַ צאַרטן, איידעלן יונגן בחור, און מיין ראָמאַנטיש יונג־מיידלש האַרץ האָט וועגן אים גאָר אַנדערע חלומות געחלומ׳ט. איך געדענק אויך, אַז מיך האָבן שטאַרק געוואונדערט די צעשראָקענע בליקן זיינע ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר עפּעס אומדערוואַרטעטעס.

איך האָב שפּעטער פאַר הערי קאַסקי אויסגעדריקט אָט דעם געדאַנק מיינעם. קאַסקי האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטער אַרויס־טריט צווישן אַזאַ ריזיקן, פרעמדן, פּשוט׳ן עולם. און ער האָט טאַקע זיך געפילט דערשראָקן. ניט איך, ניט דער עולם, ניט ער אַליין האָבן דאַמאָלסט געהאַט דעם מינדעסטן פאַרדאַכט, אַז אים וועט שפּעטער אין זיין לעבן אויסקומען אַריינצושרייבן אין דער וועלט־געשיכטע אַזאַ הערלעך געזאַנג צו דער ליבע, ווען ער האָט אויפגעגעבן דעם טראָן פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע צוליב זיין ליבע פאַר דער אַמעריקאַנער פרוי וואַלי סימפּסאָן, און האָט זיך באַנוגנט מיט אויסלעבן זיינע יאָרן אַלס דער דיוק אָוו ווינדזאָר...

אומדירעקט האָט די געשיכטע פון מיין מאַמעס באַגעגעניש מיט דעם פּרינץ אָוו וועילס געפירט צו אַ זייער טראַגישן איניצידענט אין איר לעבן...

ווען מיין מאַמעס מאַמע, צירעלע די צנועה, איז געשטאָרבן, האָט זי חוץ מיין מאַמען איבערגעלאָזן נאָך צוויי יתומים, אַ מיידל מיט אַ אינגל. מיין מאַמע איז געווען די בעיבי. ווען די משפּחה איז געקומען קיין לאָנדאָן און מיין מאַמע האָט זיך פאַראינטערעסירט אין טעאַטער, האָט זי זיך אַזוי ווי אָפּגעטיילט פון איר שוועסטער. און איר לעבן האָט איר אָוועקגעפירט, ווי איר ווייסט, אין גאָר אַנדערע דרכים. די שוועסטער, שיינדל, האָט אין לאָנדאָן חתונה געהאַט און געוואוינט אין אַ וויטער פאָרשטאָט פון לאָנדאָן.

דורך די אַלע וויזיטן, וואָס מיין מאַמע האָט געמאַכט קיין לאָנדאָן, נאָך אירע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, איז איר כמעט קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט דער שוועסטער... אַ סך מאָל האָט זיך שיינדל געריסן צו קומען קיין לאָנדאָן, ווען מיין מאַמע האָט דאָרט גאַסטראָלירט. אָבער יעדעס מאָל האָבן זיך געמאַכט אַנדערע אומשטענדן וואָס האָבן איר גע־צוואונגען אָפּצולייגן די רייזע.

יענעם סעזאָן האָט שוין מיין מאַמע מער ווי צען יאָר זיך ניט געזען מיט איר שוועסטער שיינדל. נאָך יענער סצענע מיטן פרינץ אָוו וועילס, וועלכע די צייטונגען האָבן שטאַרק אויפגעשפילט, איז אין עטלעכע צייטונגען געווען דאָס בילד ווען מיין מאַמע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַרן פרינץ. דאָס האָט, הפּנים, מיין טאַנטע שיינדל איבעראַנייעס געגרייצט איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו קומען זען איר באַרימטע שוועסטער דינה׳שי, און זי האָט די נסיעה געמאַכט.

מיר האָבן דאַמאָלסט געשפּילט אַ מאַטינע. צו מיין מאַמעס איבעראַשונג האָט זי יענעם פרימאָרגן געפונען אַ קאַרטל אין טעאַטער פון מיין טאַנטע שיינדל, אַז זי קומט היינט צום טעאַטער, און וועט מיט איר קענען פאַר־ברענגען עטלעכע שעה. דאָס וועט זיין דאָס ערשטע מאָל וואָס זי וועט זען מיין מאַמען שפּילן. דאָס האָט מיין מאַמען שטאַרק געדעגט, און צו איר געוויינלעכער נערוועזיטעט פון אַ פאָרשטעלונג, איז צוגעקומען די דערוואַר־טונג וואָס פאַר אַן איינדרוק איר שוועסטער וועט האָבן זעענדיק זי שפּילן צום ערשטן מאָל.

מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט. ס׳איז געקומען די צייט פון אָנהויבן די פאָרשטעלונג, די טאַנטע שיינדל איז ניטאָ. די מאַמע האָט פריער אָנגעג־זאָגט ביי דער קאַסע אַז זי דערוואַרט איר שוועסטער; מען זאָל זי ווי געהעריק באַהאַנדלען, און פאַר איר האַלטן אַ פּלאַץ אין דער ערשטער ריי און איר מעלדן ווען די שוועסטער וועט קומען. די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. די מאַמע האָט מיט די אויגן פון דער בינע געזוכט אין דער ערשטער ריי און ביי יעדער געלעגנהייט געפרעגט הינטער דער בינע, אויב די שוועסטער איז שוין דאָ.

ווען מיין מאַמע איז אַראָפּ פון דער בינע נאָכן ערשטן אַקט, האָט פּאַפּאַ פיינמאַן געוואַרט אויף איר. זי האָט אים געפרעגט, צי ווייסט ער, אויב איר שוועסטער איז געקומען. ער האָט גענומען פּלאָנטערן מיט דער צונג און פירן מיין מאַמען צו איר גאַרדעראָב. ער האָט דערביי צו מיר אַ וואונק געטאָן צו מיטגיין מיט זיי. ערשט ווען ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף איר שטול אין גאַרדעראָב, האָט ער אונז דערציילט וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע.

אַריבערלויפנדיק די גאַס, אין סאַמע פּראַנט פון טעאַטער, איז די מומע איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ לויפנדיקער מאַשין. זי האָט מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט די צוויי ווערטער, „דיינע פיינמאַן״...

מיין מאַמע איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. זי האָט געקוקט אויף פיינ־מאַנ׳ען ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט איר געזאָגט. איך בין געשטאַנען הינטער איר, זי געהאַלטן אַרומגענומען. אירע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין מיינע. זי האָט ענדלעך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. איך נעם זיך ניט אונטער פאַר אייך איבערצוגעבן, מיט וואָס פאַר אַ געפיל מיין מאַמע און מיר אַלע האָבן יענע פאָרשטעלונג געענדיקט. דאָס איז שוישפּילערישע דיסציפּלין, וואָס מען קען דאָס ניט געבן צו פאַרשטיין — „די פאָרשטעלונג מוז אָנגיין״...

דער טראַגישער טויט פון מיין מומע שיינדל, האָט אונז אַלעמען זייער שטאַרק צעטרייסלט. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלעמען האָט עס געטראָפן מיין מאַמען. נאָך פון אירע קינדער־יאָרן איז ביי איר צו דער שוועסטער שיינדל געבליבן אַ זייער וואַרעמער און צאַרטער געפיל. מיין מאַמע, ווי איר ווייסט שוין, האָט געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זי האָט איר טרויער, איר פּיין געטראָגן אין זיך, קיינמאָל איר ווייטיק ניט אויסגעשריען, ניט אויס־געוויינט אירע יסורים אין דער הויך. דעם שוידערלעכן אומגליק מיט איר באַליבטער שוועסטער, האָט זי אויך שטיל אין זיך באַוויינט. זי האָט, אָבער, טעג און וואָכן נאָכן אומגליק זייער אָפט גערעדט און דערציילט פון דער מומע שיינדל.

פון יענע רייד האָב איך אויסגעפונען, אַז נאָך זייער מאַמעס יונגן טויט, האָט שיינדל, סיי אין קליינעם שטעטל ליפּנאָ, סיי אין די ערשטע יאָרן אין לאָנדאָן אַרויסגעוויזן מיין מאַמען אַ סך געטריישאַפט, אַ סך ליבע. ווען מיין מאַמע האָט שפּעטער, אין לאָנדאָן, בסוד פון איר היזגעזינט אָנגעהויבן וועבן אַ טעאַטער־קאַריערע, האָט איר מער ווי אַלץ געערגערט, הלמאי זי האָט איר סוד אויך פון שיינדלען באַהאַלטן. ס׳איז איר אויך ניט געווען צום האַרצן, וואָס אַזאַ שיינער, זיסער נאָמען ווי שיינדל איז אין לאָנדאָן פאַרביטן געוואָרן אויף שאַרלאָט. ניט שיינדל, חלילה, האָט דעם נאָמען פאַרביטן; דאָס האָבן די האַלב־אויסגעגרינטע ליפּנאָ׳ר לאַנדסלייט זי געקרוינט מיט דעם עכט־ענגלישן נאָמען. דאָס איז געווען דער ערשטער טראָט אין דעם פּראָצעס פון זיך אויסגרינען.

„מיילע, אַז זיי האָבן מיין נאָמען דינה פאַרביטן אויף דאַינע, איז עס נאָך געווען צו דערליידן. אָבער, פון שיינדל ווערן שאַרלאָט, דאָס איז מיר

געוועזן שווער צו פאַרדייען. איך קען זיי דאָס ביז היינט ניט מוחל זיין״, פלעגט די מאַמע זאָגן.

געדענק איך, אַז פון מיין מאַמעס אָפּטע רייד דאַן וועגן דער מומע שיינדל׳ס טראַגישן טויט, האָב איך געקראָגן דעם איינדרוק, אַז די מאַמע פייניקט זיך מיט דעם געדאַנק, אַז זי איז שולדיק אין איר שוועסטערס טויט. איר שפּילן טעאַטער האָט דער מומע שיינדל׳ען דער׳הרג׳עט... ווען זי זאָל ניט געוועזן לויפן צו יענער מאַטינע פאַרשטעלונג, וואָלט זי נאָך גע־לעבט . . . שיינדל איז געפאַלן אַ קרבן פון דאַינע פיינמאַנ׳ס דערפאָלג אַלס שוישפּילערין... די מאַמע האָט עס דאַן ניט געזאָגט, אָבער איך האָב עס אַזוי אויסגעטייטשט.

ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער, אין אַמעריקע, אונטער זייער מאָדנע און טשיקאַווע אומשטענדן, האָט זיך עס ביי מיין מאַמען אַרויסגעכאַפּט. דאָס איז געוועזן אין אַ סעזאָן, ווען מיר האָבן געשפּילט אין פילאַדעלפיע, אין אַנשל שאָר׳ס אַרטש סטריט טעאַטער. איך האָב שוין יענעם סעזאָן דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. איך האָב דערמאָנט יענעם סעזאָן, דערציילנדיק וועגן מיין פלימעניצע צירעלע זאַך מיט מישאַ גערמאַנ׳ס קרומע פּיס. אַנשל שאָר׳ס שותף אין אַרטש סטריט טעאַטער איז געוועזן דזשאַש גרובער, דער פאָטער פון דער זייער פיינער שוישפּלערין מירעלע גרובער. גרובער׳ס וויב, דאָס הייסט, מירעלע׳ס מאַמע, האָט אומדירעקט געפירט צו די אומ־שטענדן וועגן ביי מיין מאַמען האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איר פּיין וועגן איר שוועסטער שיינדל׳ס טויט. די מרס. גרובער האָט מיין מאַמע׳ן דערציילט, אַז זי מיט אַ גרופּע פון אירע פריינט גייען פון צייט צו צייט צו אַ סעאַנס. וואָס איז אַזוינס אַ „סעאַנס״? איך צווייפל צי אין אידיש איז אפילו דאָ אַ וואָרט פאַר דעם. עס האָט צו טאָן מיט כישוף, צויבער, מיט אַרויסרופן גייסטער און זיך פאַרבינדן מיט יענער וועלט — ניט קיין אידישע זאַך. אָבער ווי גייט דאָס ווערטל: „ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי אידלט זיך״; קלעפּט זיך עס דאָ און דאָרט אויך צו צו אידן.

האָט די מרס. גרובער איינגערעדט מיין מאַמען, אַז זי זאָל מיט איר מיטגיין צו אַזאַ סעאַנס, און די מאַמע האָט זיך געלאָזט איינריידן. זי האָט מיר געזאָגט: — „איך וויל פאַר אַ טשיקאַוועסט זען וואָס דאָס איז אַזוינס״. דאָס האָט מיך אויך אָנגערעגט און מיר האָבן באַשלאָסן ביידע צו גיין מיט מרס. גרובער.

דאַרפט איר וויסן, אַז אין יענער צייט איז דאָס געוועזן אַ היפּשלעך־פאַרשפּרייטער ענין. שיינע פּרעכטיקע סאַלאָנען פלעגן איינגעאָרדנט ווערן

אויף אַ זייער מיסטישן אופן — טונקעלע ליכט, שוואַרצע פאָרהאַנגען — אַלץ פאַרוויקלט אין געהיימניס.

נאָכדעם ווי איר באַצאָלט אייער איינטריט־געלט, פירט מען אייך אַריין אין אַ וואַרט־צימער, און שוין הויבט עס אָן צו ווירקן אויף אייער געמיט־צושטאַנד. ניט מען רעדט, נאָר מען שעפטשעט. איר קענט קוים זען אין דער זייער שוואַכער באַלייכטונג וויפיל נאָך מענטשן עס זיצן... איר פילט, אָבער, אַז ס׳זיינען דאָ נאָך, ווייל איר הערט אַ שושקעריי. אין אַ ווײַלע אַרום, קומט זייער שטיל אַריין אַ יונגע פרוי און באַגריסט אונז זייער העפלעך און לאַדט אונז איין אין דעם הויפּט־צימער, וואו דער „סעאַנס״ דאַרף פאָרקומען. דאָס איז אַ היפשער צימער, כמעט אינגאַנצן אָן ליכט, נאָר אויף באַשטימטע פלעצער פאַלט אַ שיין ווי פון אַ „ספּאָט״ (ליכט־וואַרפער). דער צימער איז האַלב־ קיילעכדיק, איינגעהילט אין שווערע זייער טונקעלע פאָרהאַנגען, אַ רייע בענקלעך, אויסגעשטעלט האַלב־קיילעכדיק. דאָרטן ווערן מיר באַזעצט, פונקט אַנטקעגן די שווערע פאָרהאַנגען.

אַ לענגערע שווערע פויזע; דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז פון צווישן די פאָרהאַנגען, די וואָס פירט אָן מיטן „סעאַנס״ — אַ זייער אַנגענעמע פערזענלעכקייט, אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד. אין אַ ראַם פון גלאַנציק־שוואַרצע האָר, שיינט אַרויס אַ זייער ליבלעך, ווייסער פּנים, מיט זייער קלוגע, בלישטשענדיקע אויגן. זי רעדט אין זייער סודות׳דיקע טענער, און דריקט אויס די האָפענונג, אַז איר וועט געלינגען צופרידנצושטעלן אַלע געסט, וואָס זוכן פאַרבינדונג מיט זייערע ליבסטע אָפּגעשיידטע נשמות.

איר הויכע פיגור, האָט זיך ווי אויסגעצויגן. אירע זוכנדיקע אויגן, געצילט אין דער ווייטער ווייטקייט, האָבן גענומען בעטן און פאַרבעטן די אָפּגעשיידטע נשמות, וואָס ווילן זיך אַנטפּלעקן צו די, וואָס זיינען היינט געקומען אַהער זיי זוכן... אַ לאַנגע פויזע... אין אירע אויגן האָט זיך פּלוצ־לונג באַוויזן אַ מאָדנער שיין. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין דעם שאַל, וואָס איז געהאַנגען אויף אירע אַקסלען, ווי זי וואָלט פּלוצלונג דערפילט אַ קאַלטן ווינט... און אין אַ פאַזע, ווי זי וואָלט תפילה געטאָן, האָט זי מיט רחמנות׳־דיקע בליקן געקוקט אין איין פּינטל... איר פּנים האָט זיך צעשפּילט אין אַ גליקלעכן שמייכל און זי האָט געמעלדן, אַז די נשמה פון דעם און דעם איז איצטער דאָ מיט אונז.

תיכף האָט זיך דערהערט אַ שלוכצן פון איינעם פון די בענקלעך און זי באַרואיקט דער שלוכצנדיקער, אַז די נשמה לאָזט איר וויסן, אַז זי פילט זיך „דאָרט״ זייער רואיק און צופרידן.

די מאַמע און איך, זיצנדיק איינע לעבן דער צווייטער, האָבן פון צייט

צו צייט, האַלטנדיק זיך ביי די הענט, געלאָזט וויסן אַז מיר פאַרשטייען דעם שפּיל...

נאָך עטלעכע נשמות זיינען געקומען און אַוועק, און פון נאָך עטלעכע בענקלעך, האָבן מיר געהערט שלוכצנדיקע אויסברוכן. איך האָב באמת באַ־וואונדערט די שווישפּילערישע פעאיקייטן פון דער פרוי. ווי איבערצייגנדיק זי האָט איר ראָלע דורכגעפירט.

און אָט האָט זי, מיט אויגן פאַרוואונדערטע, אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין פּינטל, און אָנגעהויבן רעדן (איך גיב עס איבער אין אידיש): „עפּעס אַ מאָדנע דערשיינונג, ווי פון ווייטן, ווייטן אַמאָל, אַ פרויען פיגור... אַזוי אויסטערליש אָנגעטאָן... אַ לאַנג קלייד מיט אַ סך פאַלדן, אַ קאַפּטל, זייער אַלטמאָדיש... אַ ווייס זיידן טיכל אויפן קאָפּ... דערקענט זי עמעצער פון דעם טראַכט?"

„קיינער רופט זיך ניט אָן. אַלע זיינען אָנגעשטרענגט. אַ שווערע פּויזע... זי בעט זיך: „די נשמה פילט זיך זייער שלעכט, פאַרוואָס מען דערקענט זי ניט". מען פילט די אָנגעשטרענגטקייט פון עולם. „וואַרט, וואַרט, מיר דוכט זיך אַז איך הער אַ נאָמען... דוכט זיך, שאַרלאָט... דערקענט עמעצער דעם נאָמען? שאַרלאָט, שאַרלאָט..." פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן דרוק אין מיין האַנט, און די מאַמע האָט שטיל געשעפּטשעט: — „אפשר שיינדל?!... מיין אָרעמע שוועסטער... דער׳הרג׳עט געוואָרן ביים טע־אַטער צוליב מיר..." אַ שטילער שלוכצן האָט דערשטיקט מיין מאַמעס רייד.

די פאַרמיטלערין זאָגט: „די נשמה איז זייער צופרידן וואָס איר האָט זי דערקענט".

ווען מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואוסט ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף מיין מאַמעס אויפרעגונג. אָבער זי אַליין האָט עפּעס ווי זיך אַליין פאַרענטפערט: — „איך קען דאָס ניט פאַרשטיין... אַזוי קלאָר אויסגעמאָלן איר טראַכט... אפילו איר נאָמען... ווי אַזוי טוט זי עס? עס איז דאָך ניט צום גלויבן... איך קען דאָך דאָס ניט גלויבן... און דאָך בין איך אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן..."

מיר האָבן דערפון מער ניט גערעדט. איך האָב אָבער אַ סך מאָל גע־קלערט צי איז דאָס פּשוט׳ער טעאַטער־שפּיל פון אַ פעאיקן מענטשן, צי איז טאַקע דאָ אַזאַ כוח פון לייענען דעם מענטשנס געדאַנקען, אפילו ווען מ׳קען זיי ניט . . . כ׳האָב ניט קיין ענטפער . . .

איך וויל זיך נאָך אָפּשטעלן אויף איין ראָלע, וואָס איך האָב יענעם

סעזאָן געשפּילט אין לאָנדאָן. איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דער ראָלע, ווייל איך האָב זיך מיט דער ראָלע געקריגט.

ווען איך האָב געשפּילט די ראָלע פון „שיינדעלע" אין „מירעלע אפרת", האָב איך אייך דערציילט, אַז איך האָב געזוכט אין דער ראָלע און געפונען אַ פאַרענטפערונג אויף אירע שלעכטע האַנדלונגען. די ראָלע פון וועלכע איך וויל איצט דערציילן, איז די ראָלע פון „ציליע" אין גאָרדינ׳ס „קרייצער סאָנאַטאַ". איך האָב בשום־אופן ניט געקענט געפינען די מינדעסטע באַרעכטיקונג פאַר אירע האַנדלונגען. וואָס מער איך האָב זיך אין דער ראָלע פאַרטיפט, אַלץ מער האָב איך געזען, אַז זי איז פּשוט אַ מענטש מיט זייער אַ שלעכטן כאַראַקטער.

ציליע הויבט אָן איר לעבן אין דער פּיעסע ווי אַן אַכצן־יאָריק מיידל. אין איר יעדן ריר און קער, ווייזט זי שוין אַרויס איר פאַרדאָרבנקייט, איר צעלאָזנקייט און איר אויסערגעוויינטלעכע פרעכקייט.

געדענקט איר דאָך מן הסתם, אַז איר עלטערע שוועסטער עטי, די הויפּט־העלדין פון דער פּיעסע, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שטאַרקער, הייסער ליבע מיט אַן אָפיציר, אַ קריסט. זיינע עלטערן דערלאָזן ניט צום שידוך, און ער, ווי אַ געוויסנהאַפטער מענטש, זעט פאַר זיך ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי באַגיין זעלבסטמאָרד. צו איר גרויסער פאַרצווייפלונג מיט איר געליבטנס טויט, קומט נאָך צו די ביטערע לאַגע אין וועלכע ער לאָזט זי איבער... זי וועט אַ מאַמע ווערן... זי האָט אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ און טיפע ליבע צו איר טאַטן, דעם דאָמינירנדיקן ראַפאַיל פרידלענדער. זיינען אירע ליידן נאָך טיפער, זעענדיק די יסורים וואָס זי האָט מיט איר האַנדלונג איר טאַטן פאַרשאַפט.

עטי איז פונקט דער קעגנזאַץ צו ציליע׳ן — אַ פיינע, אינטעליגענטע, איידעלע און מיטפילנדיקע... און ווען דער טאַטע איז דערשיטערט פון דעם וואָס עס האָט געטראָפן עטי׳ן, דריקט ער זיך אויס: — „ווען זי, די דאָזיקע, ציליע, זאָל עס טאָן, וואָלט איך פאַרשטאַנען..."

כדי ווי־ניט־איז, אַרויסנעמען עטי׳ן פון איר שווערער לאַגע, מאַכט ער זי חתונה „אַבי מיט וועמען". מען שיקט זי אַוועק קיין אַמעריקע, כדי דאָס קינד וואָס עטי וועט האָבן, זאָל האָבן אַ טאַטן. דער „אַבי וועמען" אין דעם פאַל, איז אַ מוזיקער, גרעגואַר, אַ קלעזמערס אַ זון, זייער שלעכט דערצויגן, אַ גוואַלדיקער עגאָאיסט, כמעט אַ געוויסנלאָזער מענטש. ס׳איז שוין ניט נויטיק צו דערציילן, אַז צווישן ציליע׳ן און גרעגואַר׳ן אַנטוויקלט זיך אַ פאַרשייטע ליבעס־אַוואַנטיורע. זייער פּשוט דריקט זיך אויס גרעגואַר. אין איינער פון זיינע פאַרשייטע סצענעס מיט ציליע׳ן זאָגט ער איר גאַנץ אָפן:

— „נאָך ווען איך האָב עטי׳ן געגומען, האָב איך שוין אַ טראַכט געטאָן — די שוועסטער וועט אויך זיין מיינע״...

צילי׳ס געוויסנלאָזער כאַראַקטער שטעלט זיך ניט אָפּ — ס׳אַרט איר ניט ווען אירע האַנדלונגען מאַכן אומגליקלעך. זי פּאַרפּלייצט אַרום זיך סם מיט וועמען זי קומט נאָר אין באַרירונג. אפילו עטי׳ס אומשולדיק קינד, וועמען אַלע נעמען אַן פאַר אַ געזעצלעך קינד פון עטי און גרעגואַר, שאַנעוועט זי ביט. צילי׳ע גֶעפינט שוין געלעגנהייטן, ווי אַזוי דעם סוד אַרויסצוטראָגן אין דער עפנטלעכקייט. עס אַרט איר כלל ניט, וואָס זי צעברעכט דערמיט דעם קינדס יונג הערצל. עטי, וויסנדיק און זעענדיק וואָס דאָ קומט פאָר, שטיקט עס אין זיך בלויז, כדי ניט צוצונעמען ביי איר באַליבטן טאַטן די אילוזיע, אַז זי, עטי, פירט אַ גליקלעך לעבן.

דער קלימאַקס פון דער פּיעסע איז אין פערטן אַקט. עטי האָט אויסגעפונען, אַז צילי׳ע האָט געהאַט אַ קינד פון איר מאַן. איז זי ניט אַזוי שאָקירט פון דעם עצם טאַט, ווי דער געדאַנק, וואָס צילי׳ע האָט געקענט אַזוי גלייכגילטיק דאָס קינד ערגעץ איבערלאָזן און ווייטער אָנגיין מיט איר פאַרשייטן לעבן. עס פּייניקט איר אויך דער געדאַנק, וואָס זי דריקט אויס: — „מיין אָרעמער פּאַפּאַ, אַ שיינעם עלטער דערלעבט, אַ שיינעם נחת פון קינדער; צוויי טעכטער, און ביידע... ווי קומען צו אַזאַ פּאָטער אַזעלכע קינדער?...״

עפּעס צינדט זיך אָן ביי עטי׳ן אין מוח. זי נעמט די לאַגע אין אירע אייגענע הענט. זי שיסט זיי ביידן.

איך האָב אין דער ראָל פון צילי׳ע אַריינגעלייגט אַזוי פיל גאַל און גיפט וויפיל נאָר איך האָב געקענט אין מיין יונג האַרץ אָנזאַמלען. איך האָב עפּעס ווי געפילט אַ באַפרידיקונג אין אַרויסברענגען וואָס בלוט׳ער צילי׳ע׳ס פּאַרדאָרבנקייט, איר פרעכקייט, אירע געוויסנלאָזע האַנדלונגען קעגן די אַלע וואָס קומען מיט איר אין באַרירונג. איך האָב זיך געפלייסט צו ווייזן פאַרן עולם, אַז איך האָב ממש הנאה פון דעם, וואָס איך קען ברענגען מער ערגערניש, וואָס מער שלעכטס צו מיין ליידנדיקער שוועסטער עטי...

געדענק איך, ווי זייער אָפּט, אין דער צייט ווען די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן, ווען איך פלעג אַרויסגיין נאָך דער פאָרשטעלונג און מיר פלעגט אויסקומען דורכגיין די „לאָבי״ צווישן געדיכטן עולם, פלעגן זיך מענטשן ווי אָפּרוקן פון מיר, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געוואָלט אָנרירן אין מיר און מיך באַגלייט מיט שטעכיקע בליקן. אין זייער פרימיטיוון טעאַטער־באַגריף, האָבן זיי מיר ניט געקענט מוחל זיין, וואָס איך, אַן „אייגענע טאָכטער פון זייער באַליבטער דאַינע״, קען איר פאַרשאַפן אַזוי פיל ווייטיק און צער אין איר ליידנדיקער ראָלע פון עטי פרידלענדער.

געדענק איך אַ סצענע, ווען איך בין איינמאָל אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער מיט דער מאַמען, האָבן זיך געהערט פאַרשידענע אויסדרוקן: — „זע נאָר, זי גייט נאָך מיט איר!" איינע האָט אפילו זיך מן הסתם ניט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשריען: — „שטיי ניט אין אירע ד' אמות, דאַינע! שי איז נאָו גוד!"...

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די צוויי גאַרדין־ראָלן, שיינדעלע אין „מירעלע אפרת" און צילי׳ע אין „קרייצער סאָנאַטאַ", ווייל איך האָב דאָס געפיל, אַז ס׳איז דאָ אַ שייכות צווישן די צוויי ראָלן און מיין פּערזאָן. ערשטנס, האָב איך זיך איןביידע פּיעסן דערפילט ווי אַ טייל פון דער משפחה וועלכע זיי באַשרייבן. פונקט ווי איך בין געוואָרן אַ תושב אין דער אפרת משפחה, שפּילנדיק דריי ראָלן, — שלמה׳לע, שיינדעלע און מירעלע, — האָב איך אויך אין דער משפחה פרידלענדער אין „קרייצע סאָנאַטאַ" געשפּילט די צוויי קעגנגעזעצטע ראָלן פון ביידע שוועסטער, צילי און עטי. צווייטנס, פונקט ווי איך האָב געפילט צו זוכן אין שיינדעלען אַ באַרעכטיקונג צו פאַרגלעטן אירע אָפּטע אומגעלומפּערטע האַנדלונגען, האָב איך אין צילי׳ען געזוכט דאָס פאַרקערטע. מיר איז אין ביידע פאַלן געלונגען.

קומט מיר אויפן זינען אַן עפּיזאָד פון דער פּיעסע „קרייצער סאָנאַטאַ", וואָס גייט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון אומדערוואַרטעטע צופאַלן אויף דער בינע און די פעאיקייט פון דעם באַטרעפנדן שוישפּילער אָדער שוישפּילערין דעם אומגליקלעכן צופאַל צו פאַרגלעטן. דאָס האָט פּאַסירט אין שיקאַגאָ, וואו איך האָב געשפּילט פאַר סאַראַ אַדלער׳ס ברודער, לואיס. ער האָט זיין אייגנס געהאַט אַ ווייב, די מרס. לואיס, וואָס האָט געקוואַקעט אויף אַ גרויסער שוישפּילערין. דער פאַקט וואָס איר מאַן איז געווען דער באַלעבאָס און פאַרוואַלטער, האָט איר געגעבן דאָס רעכט צו שפּילן הויפּט־ראָלן.

זי איז געווען געבענטשט מיט דעם וואָס מ׳רופט אַ קאָרפּולענטע פיגור; אין פשוט׳ן אידיש — אַ גרויסע פעטע פּרוי. עס קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אַז איר פיגור האָט זיכער ניט געפּאַסט פאַר דער צאַרטער און איידעלער עטעניו, אין „קרייצער סאָנאַטאַ", אָבער דעם מאַנס „ליס" אויפן טעאַטער האָט די אומפּאַסיקייט אָפּגעווישט. וועל איך גיין אַביסל ווייטער און זאָגן, אַז זי איז געווען אַ קנאַפּע שוישפּילערין. די ראָלע פון עטעניו ביים קלימאַקס אין לעצטן אַקט פאָדערט אַ שוישפּילערין, ניט נאָר מיט גרויס טאַלאַנט, נאָר איינע וואָס באַזיצט אַ סך בינע־דערפאַרונג, און ביז גאָר אַ גרויסע מאָס אינטעליגענץ.

איך האָב דאַן געשפּילט די ראָלע פון ציליע; די ראָלע פון גרעגוואַר האָט געשפּילט דער ליב־האַרציקער, לאַנג־יאָריקער פריינט מיינער, מישאַ גערמאַן. האָט מען ווי־עס־איז דערשלעפּט די פּיעסע ביזן קלימאַקס פון לעצטן אַקט, כאָטש ס'האָט געהאַלט דערביי, אַז גאָר אין אָנהויב פון ערשטן אַקט זאָל געשען אַ קאַטאַסטראָפע. די סיטואַציע איז דאָרט אַזאַ:

דער טאַטע, ראַפאַיל פרידלענדער, רופט אַריין זיין טאָכטער עטעניו, זי צוצוגרייטן צו דעם געפּלאַנטן שידוך מיט גרעגוואַרן אויף צו פאַרגלעטן די שווערע לאַגע אירע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם זעלבסטמאָרד פון איר קריסטלעכן געליבטן. זי קומט אַריין אַ זייער טרויעריקע, אַ פאַרוויינטע, מיט אַ בוך אין האַנט. זי האַלט דעם בוך שטאַרק צוגעדריקט צו איר ברוסט. ערשט שפּעטער געפינען מיר אויס פאַרוואָס זי דריקט אַזוי דעם בוך צו איר האַרצן. עס ווייסט דערפון ניט קיינער, אַז אין דעם בוך ליגט דער לעצטער בריוו פון איר געליבטן פאַר זיין זעלבסטמאָרד, מיט זיין בילד. האָבן מיר אייך אויסגעזאָגט דעם סוד. דער טאַטע פרעגט איר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך ביי דיר?...“ זי ענטפערט זייער צעשטרייט: „דאָס איז דער עלפטער באַנד פון טאָלסטאָי'ס ווערק... דאָ אין בוך איז דאָ... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, פּאַפּאַ...“

ער זאָגט: „זע נאָר, וועגן אַ בוך מעגסטו דאָך זיין רואיקער . . . וואָס איז דאָ?“

זי ענטפערט: דאָ?... דאָ איז זיין... דאָס איז קרייצער סאָנאַטאַ... איך האָב ערשט עטלעכע קאַפּיטלעך געלייענט... דאָס מאַכט אַזוי מיאוס דאָס לעבן, נאָך מיאוס'ער ווי איך האָב פריער געפילט“.

ראַפאַיל זאָגט: „אַ בוך קען דאָס לעבן ניט מיאוס מאַכן, דער מענטש מאַכט מיאוס דאָס לעבן. אָט האָסטו גענומען און זיך דאָס גאַנצע לעבן מיאוס געמאַכט... אַהער גיב דאָס בוך“... ער רופט אַריין ציליע'ן, זי זאָל צונעמען דאָס בוך.

איך האָב אויספירלעך איבערגעגעבן די סצענע, ווייל דער בוך שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויך שפּעטער אין אַקט.

ציליע דאַרף דאָס מאָל דעם בוך פאַרגעסן אויפן טיש. זי נוצט עס אויס פאַר אַ תירוץ אַריינצוקומען שפּעטער, ווען גרעגוואַר איז שוין דאָ, און עס גייט אָן אַ וויכטיקער געשפּרעך וועגן דעם בוך. אָבער קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז מרס. לואיס האָט ניט טראַכטנדיק מיטגענומען דאָס בוך ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען... ווען איך קום שפּעטער אַריין מיטן תירוץ צו נעמען דעם בוך, איז דער בוך ניטאָ. וויסנדיק אַז אָן דעם בוך וועט די סצענע ווייטער ניט קענען גיין, האָב איך נאָך איידער דער טאַטע האָט צייט געהאַט

מיך צו פרעגן, וואָס איך דאַרף דאָ, זיך שנעל צוגעשאַרט צו דער טיר, וואו איך האָב געזען שטיין הינטער די קוליסן לוסי גערמאַן, וועלכע האָט געשפּילט די ניאַניאַ נאַטאַשאַ, און איר אַ שעפּטשע געטאָן: „ס׳איז ניטאָ דער בוך״... ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און נאַטאַשאַ האָט זיך אַריינגעשלייכט אויף דער בינע, ווי עפּעס זוכנדיק און, ניט באַמערקט פון קיינעם, אויפן טיש איבערגעלאָזט דעם בוך... אַזוי האָבן מיר ביידע געראַטעוועט די סיטואַציע.

אַ סך ערגער אָבער איז געווען ביים קלימאַקס אין לעצטן אַקט, טייל־ווייז דורך דער מרס. לואיס׳ אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט דעם דראַמאַטישן שלום שיר ניט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע. פריער אין דעם אַקט, קומט אַריין ראַפאַיל פרידלענדער מיט עטי׳ס אינגעלע אַלבערט. זיי זיינען געקומען פון זייער פאַרם, און אויפן וועג אויך איינגעקויפט עטלעכע זאַכן, אויף מיטנעמען צוריק אויפן פאַרם. צווישן די זאַכן אין געווען אַ פלאַש „קאַרבאָליק עסיד״. זיי טראָגן אַלץ אין אַ רענצל. זיי שטעלן עס אַוועק אויפן טיש און ראַפאַיל געפינט פאַר נויטיג צו וואָרענען, אַז מ׳זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט דעם. דער־ביי ווייזט ער אָן אויף אַ סלאַי איינגעמאַטץ אין רענצל. דער אינגל אַלבערט ווייזט דערביי אָן, אַז אין רענצל ליגט אויך דער געלאָדענער רעוואָלווער, וועלכן ראַפאַיל פירט שטענדיק מיט זיך.

דאָס איז אַלץ צוגעגרייט געוואָרן, כדי עטי זאָל אין איר קלימאַקס פון אַקט, וויסן וואו זי קען קריגן דאָס וואָס זי דאַרף. איז אָט קומט דער קלימאַקס. ציליע׳ס פרעכער געלעכטער רייצט נאָך מער אויף איר שוועסטער׳ס געפּלאַצטן געדולד, און עטי שרייט אויס: „איר האָט ביידע געמיינט אַז איך בין אַ מענטש אָן אַ גאַל, און איר האָט זיך צופיל דערלויבט... ניט אַלע מאָל וועל איך שוויגן... ניט אַלץ וועל איך דולדן!״

זי לויפט צו צום רענצל, כאַפּט די פלאַש „קאַרבאָליק עסיד״ און לאָזט זיך צו ציליע׳ן. ציליע שרייט אין שרעק: „וואָס איז דאָס? וואָס ווילסטו טאָן?״

ענטפערט עטי: „דאָס איז קאַרבאָליק. איך וועל דיר פאַרברענען, איך וועל אויסברענען דיינע אויגן, זאָלסט ניט קענען קוקן אויף פרעמדע מענער. אַז דו וועסט ניט זיין מער וויב, וועסטו זיך דערמאָנען אַז דו ביזט אַ מאַמע...״

זי מאַטערט זיך אויפצועפענען די פלאַש. ציליע און גרעגואַר ראַנגלען זיך מיט איר, ער רייסט ביי איר אַרויס די פלאַש און פאַרשטעקט זי ערגעץ. אָבער עטי שרייט: „דאָס וועט איך ניט העלפן, קיין זאַך וועט אייך איצט ניט העלפן״.

זי כאַפּט אַרויס פון רענצל דעם רעוואָלווער און דערשיסט זיי ביידן.

אונזער עטיניו אין שיקאַגאָ, די מרס. לואיס, ווען זי האָט געכאַפּט דעם רעוואָלווער, האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו שיסן.

שטייט זי נעבעך, די מרס. לואיס מיט דעם רעוואָלווער איןביידע הענט; גרעגוואַר און איך זיינען גרייט צו פאַלן טויט, אָבער עס שיסט ניט. שרייט זי פון דער בינע צו איר מאַן אין די קוליסן אַריין: „יאַשע, עס שיסט ניט!"

עמעצער שרייט צו איר פון אונטן: „נעמט צוריק די פלאַש קאַרבאָליק"...

האָט אָבער גערמאַן־גרעגוואַר די פלאַש קאַרבאַליק ערגעץ פאַרשטעקט, מען זעט זי ניט און אַוודאי קען ער עס איר ניט אונטערטראָגן... לויפט זי אַרום זוכן די פלאַש. געוויס האָבן מיר ביידע, גערמאַן און איך, דורך דער צייט געקענט אַנטלויפן פון דער בינע און זיך ראַטעווען פון „אַ שרעקלעכן טויט", אָבער מיר מוזן דאָך ביידע שטאַרבן, אַז ניט, קען דער פאָרהאַנג ניט פאַלן...

שטייען מיר ביידע אין פאַרשידענע ווינקלען, מיט די פּלייצעס צום עולם, מיט די הענט פאַרשטעלן מיר אונזערע אויגן, ערשטנס, כדי נישט צו קוקן איינס אויפן צווייטן, מיר זאָלן ניט אויסשיסן מיט אַ געלעכטער, און צווייטנס, כדי ניט צו זען מרס. לואיס' הילפלאָזיקייט. די ליידיקע סעקונדן אויף דער בינע ציען זיך ווי אייביקייטן. וואָס וועט פאַרט זיין דער סוף? זי קען ניט געפינען דעם קאַרבאָליק...

זי לויפט צום רענצל, כאַפּט אַרויס דעם סלאָי איינגעמאַכץ און טוט פון דעם אַ שפּריץ אין מיין ווינקל.

איך האָב שוין לענגער ניט געקענט וואַרטן און בין פון דעם שפּריץ אַוועקגעפאַלן „טויט". אַ זיסער טויט... דער שפּריץ איינגעמאַכטס אויף מיר האָט געהאַט אַזאַ גיפטיקן כוח, אַז אויך גערמאַן אין זיין ווינקל אויף דער צווייטער זייט בינע, איז אַוועקגעפאַלן טויט... דער משיח, דער פאָרהאַנג האָט זיך ענדלעך אַראָפּגעלאָזט.

די מינוט וואָס דער פאָרהאַנג איז געפאַלן האָט דער סטעידזש־מענעדזשער געכאַפּט דעם רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסן פינף מאָל, ווי איינער רעדט, „אַז מען ווייסט ווי אַזוי ,שיסט עס יאָ..."

דערמאָנענדיק זיך אין דער וואונדערלעכער ראָלע פון עטי אין „קרייצער סאָנאַטאַ", קומט מיר אויפן זינען די צייט ווען איך האָב געשפּילט מיט קעסלער'ן. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז ראַפאַיל פרידלענדער איז געווען איינע פון זיינע קרוין־ראָלן. מיר האָט ער שטאַרק אימפּאָנירט נאָך ווען איך האָב אים געזען מיט דער קאַליש, ווי אַזוי ער האָט, טראָץ זיין כעס און ביטערן פאַרדרוס אויף עטי'ן, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים און האַרצווייטיק, דאָך באַוויזן מיט אַ בליק, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ

שטילן קעסלערישן טאָן, אַזוי לייכט אויסדריקן זיין טיפע ליבע און געטריי־שאַפט צו איר...

דערפאַר ווען איך האָב די ראָלע געלערנט, האָב איך געזוכט אויף ענ־לעכע אופנים אַרויסצוווייזן עטי׳ס ליבע און גוואַלדיקן דרך־ארץ וואָס זי האָט צום בייזן דאָמינירנדיקן פאָטער אירן. געדענק איך ווי קעסלער האָט אַזוי לייכט דערפילט און רעאַגירט אויף די באַהאַלטענע אויסדרוקן מיינע, און ווי גליקלעך איך האָב זיך געפילט, ווען ער האָט מיר באַוויזן מיט זיין שפילן אַז ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן מאָמענט אַזאַ וואָס איך האָב פאַרטראַכט. ס׳האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מוח די סצענע אין לעצטן אַקט, ווען עטי געפינט אויס, אַז די מאַמע אירע האָט געוואוסט, אַז די שוועסטער ציליע האָט געהאַט אַ קינד פון איר, עטי׳ס, מאַן. די מאַמע האָט איבערגעלאָזט דעם טאַטן אַליין אויף דער פאַרם, און ווי נאָר ער, דער פאָטער, קומט אַריין, שלעפּט עטי דער מאַמען מיט כוח צום פאָטער און זאָגט צווישן אַנדערעס: „זי זאָגט אַז אַ פרוי וואָס האָט אַליין קיין שכל ניט צו לעבן, איז נאָר דאָן אַ שטיקל מענטש, ווען זי איז אונטערן שוך פון אַזאַ מאַן ווי דו, פּאַפּאַ״...

ווערן אָט די רייד געוועלעך געזאָגט מיט אַ שטראָפנדיקן, שרייענדיקן, כמעט דעקלאַמאַטאָרישן טאָן. נעמט זיך דער פאָטער אָן דער מאַמעס קריוודע, בייזערט זיך אויף עטי׳ן למאי זי וואַגט אַזוי צו רעדן וועגן דער מאַמען, און ענדיקט מיט אַ שטאַרקן פאָרוואורף: „דרך־ארץ, דו״.

איך האָב אָבער אין די רייד אַריינגעלייגט אַזוי פיל געטריישאַפט און ליבע, ניט איך האָב געשטראָפט דער מאַמען, נאָר אין שטילע טענער ווי אויסגעוויינט איר פאַרלוירנקייט. קעסלער האָט עס תיכף דערפילט און עס איז אים הפנים געפעלן געוואָרן. אין זיין „דרך־ארץ, דו״, האָט זיך ניט געהערט קיין פאָרוואורף, נאָר גאָר אַ סך פון זיין באַהאַלטענער ליבע צו „עטי׳ן״.

ווי איר ווייסט, איז קעסלער געווען אַ מאדים אויף געבן אַקטיאָרישע צונעמענישן. ער האָט מיך אויך געקרוינט מיט אַ צונאָמען פאַר מיין עטי. זייענדיק געוואוינט צו שפּילן מיט גרויסע, הויכע „עטיניוס״ — די קאַליש, די לאבעל, אסתר־רחל קאַמינסקי — האָט ער מיך גערופן: „מיין עטי־ניונטשיקל!״...

ווען איך בין פון יענעם דערפאָלגרייכן סעזאָן אין לאָנדאָן געקומען קיין אַמעריקע, איז פאַר מיר קיין אָרט ניט געווען אין אידישן טעאַטער.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט דער טעאַטער־שרייבער פון פאָרווערטס״ זייער טרעפלעך סומירט די באַציאונג פון די אידישע טעאַטער־פירמעס צו מיר: „געוויסע טעאַטערס ווען צוליב פּאָליטיק, די יונגע שוישפּילערין צילי פיינמאַן אָדער צילי אַדלער בשום אופן ניט אַנגאַזשירן״.

ווען אַ שיקאַגער מענעדזשער, יאַשע לואיס, סאַראַ אַדלער׳ס ברודער, האָט מיך ענדלעך אַנגאַזשירט פאַר אַ סעזאָן, איז ער באַשטאַנען אויף דעם איך זאָל זיך רופן צילי אַדלער. אַזוי איז צילי פיינמאַן, אַזוי צו זאָגן, ערגעץ אין ים אויפן וועג פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע פאַרשוואונדן אין די גרויסע כוואַליעס.

איז מיר ניט גרינג געווען זיך צו שיידן מיטן נאָמען צילי פיינמאַן. קנאַפּע אַכצן יאָר האָב איך מיט דעם נאָמען אָפּגעלעבט. אַלערליי קינדערשע זכרונות זיינען ביי מיר מיט דעם נאָמען פאַרבונדן — יאָרן פון „פּאָבליק־סקול״, מיט אַלע שטיפעריַען, וואונדערלעכע אַנטדעקונגען, און קינדערשע חן־פינטעלעך; „האי־סקול״ יאָרן, אָנגעפּיקעוועט מיט יוגנט־פּראָבלעמען, פאַר־וויקלטע לייכטע אינטריגעס, נאַאיווע ראָמאַנטישע בלאָדזשעניש, יונג־מיידלשע חלומות און האָפענונגען; די ערשטע טריט אויף דעם אומפאַרמייד־לעכן וועג פון ליבע, וואָס דערוועקט אין יונגע הערצער אַזוי פיל געמישטע געפילן פון פרייד און פיין, פון גליק און אַנטוישונג... דאָס אַלץ האָט אין מיין לעבן געטראָגן דעם נאָמען צילי פיינמאַן. קען מען ניט אין איין הרף־עין זיך שיידן מיט דעם נאָמען.

ס׳האָט מיך אָפּט געוואונדערט ווי אַזוי עס פּילט דאָס מיידל, וואָס תיכף נאָך דער חופּה־צערעמאָניע ווערט פאַרשוואונדן דער נאָמען מיט וועלכן זי האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט. איז עס אָבער אין פאַל פון חתונה, גאָר עפּעס אַנדערש — דאָס איז דאָך די שטרעבונג פון יעדן מיידל דעם מאָמענט צו דערגרייכן, דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג...

איך אָבער, האָב זיכער קיינמאָל ניט געטראַכט צו בייטן מיין נאָמען צילי פיינמאַן אויף צילי אַדלער. דער נאָמען צילי פיינמאַן האָט ביי מיר געמאָנט עפּעס. אַ היפּשע פאַר יאָר האָט דער נאָמען פיגורירט ביים אידישן טעאַטער, סיי אַלס „סטאַר קינדער־ראַליסטקע״, אין אַמעריקע, און סיי דעם לאַנגן, שווערן סעזאָן אין לאָנדאָן, אַלס דערוואַקסענע. האָט דאָך דער נאָמען זיך אַן אָרט געשאַפן; ערגעץ אין געדעכעניש פון טעאַטער־גייערס האָט זיך

דער נאָמען צילי פיינמאַן געמוזט איינקריצן. און אַט וועט ער פלוצלונג ניט ווערן...

דערמאָן איך זיך טאָקע, ווען איך האָב מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, שוין אַלס צילי אַדלער, געשפּילט איינע פון מיינע דערפאָלגרייכע ראָלן, די ראָלע פון „סאָניטשקע״ אין אָסיפּ דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער״, אַ מיידעלע פון פערצן יאָר. נאָך אַ פאָרשטעלונג האָט אַ יונגערמאַן מיך אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגיין פון טעאַטער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר, מיך באַגלייט אַ שטיק וועג אויף דער עוועניו.

ווען איך דורכלאָזן די גוואַלדיקע קאָמפּלימענטן וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן אויפן חשבון פון יענער ראָלע מיינער. אָבער טיף אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט זיין פלוצלינגדיקע ווענדונג צו מיר: „איר ווייסט, מיס אַדלער, אייער שפּילן היינט אין דער ראָלע פון סאָניעטשקע האָט מיך שטאַרק דעמאָנט אין אַ געוויסער יונגער אַקטריסעלע, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געשפּילט קינדער־ראָלן אין די אידישע טעאַטערס. צילי פיינמאַן האָט זיי געהייסן. אַ וואונדער וואָס פון איר איז געוואָרן. איר האָט זי מן הסתם קיינמאָל ניט געזען. איר זייט צו יונג צו קענען געדענקען צילי פיינמאַן״...

געדענק איך, ווי אויף אַ ווײַלע האָט זיך ווי אַ קנויל ביי מיר אין האַלז פאַרקליבן... איך האָב געפילט, אַז אין האַרצן ווילט זיך מיר באַוויינען די פאַרשוואונדענע צילי פיינמאַן. פאַרוואָס איך האָב מיין באַגלייטער ניט געזאָגט דעם אמת — קען איך זיך ביז היינט ניט דערקלערן. אפשר איז עס געווען דער נאַרישער פרויען־אינסטינקט צו פאַרלייקענען די אמת׳ע יאָרן? אפשר האָט זיין אילוזיע וועגן מיין יונגקייט מיר געשמייכלט? צי אפשר גאָר האָט זיך מיר ניט געוואָלט פאַר אים אויפקלערן מיין משפּחה־פּלאָנטער, כדי צו דערקלערן די צוויי־נאָמענדיקייט מיינע?

אויב דער יונגערמאַן לעבט נאָך און געדענקט אונזער געשפּרעך פון יענעם אָוונט, מיט איבער פערציק יאָר צוריק, זאָל ער מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אים ניט אַנטפּלעקט דעם סוד פון צילי פיינמאַן.

איך האָף אַז מיר איז געלונגען פאַר אייך אויפצודעקן די סענטימענטן מיינע צום נאָמען צילי פיינמאַן. וועט איר אפשר איצטער בעסער פאַרשטיין מיין גרויסע אַנטוישונג, מיין פאַרדרוס און האַרצווייטיק וואָס איך האָב געפילט נאָך מיין קומען פון לאָנדאָן צוריק אַהיים, קיין ניו יאָרק. פאַר דעם אידישן טעאַטער דאָ האָב איך, צילי פיינמאַן, ווי ס׳האָט אויסגעזען, גאָר קיין ווערט ניט געהאַט. ניט מיינע לאַנג־יאָריקע דערפאָלגן אַלס קינדער־ראַליסטקע, ניט מיינע אָנגעשטרענגטע דערגרייכונגען אין לאָנדאָן אַלס דערוואַקסענע, האָבן דאָ עפּעס געמיינט. עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, — מיין פאַר־

צווייפלונג איז גרעסער און גרעסער געוואָרן. דערצו האָט נאָך צוגעהאָלפן די קלאָגעדיקע פינאַנציעלע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינכאַפּן אין מיין באַוואוסטזיין דער צווייפל, דער חשד, אַז אפשר איז דאָס שוין דער סוף פון מיין טעאַטער־קאַריערע.

ווען איך טראַכט איצטער פון יענער צייט, וואונדערט עס מיך שטאַרק, פאַרוואָס ס׳איז מיר אפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען צו זוכן אַ קאַריערע אויף דער ענגלישער בינע אין אַמעריקע. אַ הי־געבוירענע, האָב איך באַהערשט די ענגלישע שפּראַך ווי די מערסטע אַמעריקאַנער־געבוירענע. איך האָב געוויס געהאַט אַ רעכט צו גלויבן, אַז איך פאַרמאָג אין אַ געוויסער מאָס טאַלאַנט פאַר דער בינע. פאַרוואָס איז מיר אַפילו ניט איינגעפאַלן, אין מיין אַנטוישונג, צו זוכן באַפרידיקונג פאַר מיין שטאַרקער בענקעניש נאָך טעאַטער, אויף דער ענגלישער בינע?

איך האָב אויף דעם צוויי ענטפערס. דער ערשטער ענטפער, אַ פּשוט׳ער, אַן אויבנאויפיקער: איך בין קיינמאָל ניט געווען געבענטשט מיט דער פעאיקייט צו זיין אַן אויפטוערין, צו האָבן אייגענע איניציאַטיווע, צו קענען פאַר זיך זוכן אַ וועג.

דער צווייטער ענטפער איז אַ טיפערער. איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז מיין באַפרידיקונג צו שפּילן טעאַטער ליגט נאָר אין שפּילן אידיש טעאַטער. נאָר אין אידיש קען איך זיך אויסלעבן... בלויז אין אידיש קען מיין טאַלאַנט קריגן זיין תיקון... אָט דעם געפיל האָב איך אויך געהאַט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען איך האָב אַ פּאָר מאָל געקראָגן די געלעגנהייט צו שפּילן אויף דער ענגלישער בינע. איך געדענק זייער גוט, אַז שטודירנדיק מיין ראָלע אין ענגליש, האָב איך געטראַכט ווי אַזוי וואָלט איך די פראַזע געזאָגט אין אידיש; ווי אַזוי וואָלט איך אַזאַ סצענע געשפּילט אין אידיש.

איז עס אַוודאי אַ גרויסע רעטעניש. אין מיין פּריוואַטן לעבן רעד איך מערסטנס ענגליש — אין שטוב, אין גאַס, כמעט ביי יעדער באַגעגעניש מיט פריינט, מיט באַקאַנטע, מיט משפּחה. און דאָך, אויף וויפל ס׳איז דאָ שעפערישקייט אין שוישפּיל קונסט, פיל איך, אַז איך קען אָט די שעפעריש־קייט דערגרייכן בעסער אין אידיש. אויפקלערן די רעטעניש בעם איך זיך ניט אונטער. מן הסתם זיינען גערעכט די וואָס זאָגן, אַז שפּראַך איז ניט נאָר די ווערטער, אפילו ניט דער אויסדרוק, אָדער דער קלאַנג. שפּראַך האָט אויך אַ נשמה . . . און די נשמה פון דער אידישער שפּראַך האָט מיך הפנים באַהערשט, זיך איינגעקריצט אין מיין באַוואוסטזיין, פאַרכאַפּט אַלע מיינע חושים.

זיכער איז עס, אַז דאַן, אַלס אַכצן־יאָריק מיידל, איז מיר אפילו ניט

איינגעפאַלן צו זוכן אַן אָרט פאַר זיך אויף דער ענגלישער בינע. האָב איך זיך אין דער שטיל געערגערט, למאי ס'איז פאַר מיר קיין אָרט ניטאָ אויף דער אידישער בינע... אַן אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט אַוודאי „אָפּגעקלאַפּט די טירן” פון די אידישע טעאַטער־מענעדזשערס. אפשר אויך פון די אידישע צייטונגען. מיר איז עס אפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען. מיר האָבן, זעט אויס, געפעלט שטאַרקע עלנבויגנס.

איך האָב מיין ערגעריש, חלילה, פאַר קיינעם ניט אַרויסגערעדט, אפילו ניט פאַר מיין געטרייער און איבערגעגעבענער פייגע. מיין מאַמע און פאַפּאַ פיינמאַן האָבן געוואַנדערט איבער איראָפּע. מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, האָט געהאַט זיין טענה, אַז באשר איך רוף זיך צילי פיינמאַן, איז ער ניט מחוייב צו זאָרגן פאַר מיר. איז מיר געבליבן דער איינציקער אויסוועג, נעמען געבן פיאַנאָ לעקציעס.

דאַן איז פאַר מיר געקומען די שרעקלעכע צעטרייסלונג, די שווידערלעכע בשורה פון פיינמאַנ'ס פלוצלינגדיקן טויט. עטלעכע וואָכן האָב איך צו זיך ניט געקענט קומען. ס'האָט פאַר מיר גאָרניט עקזיסטירט מער. קיין זאַך האָט פאַר מיר קיין אינטערעס ניט געהאַט, ביז מיין מאַמע איז געקומען אַהיים, געקומען אַליין...

קען איך ביט און וויל ניט פאַר אייך שילדערן מיין מאַמעס באַגעגעניש מיט מיין שוועסטער לילי, פייגע'ן און מיר ווען מיר האָבן זי אָפּגעוואַרט ביי דער שיף... איך מוז דאָ ווידער באַוואונדערן מיין מאַמעס שטאַרקן כאַ־ראַקטער, איר קענען טראָגן אין זיך איר טרויער און פיין.

קלינגען מיר נאָך אין די אויערן אירע ווערטער צו מיר אַ פּאָר טעג נאָך איר קומען: „ציליקו, מיין קינד, אַ מענטש טאָר ניט פאַרגיין אין טרויער, זיך לאָזן פאַרלוירן גיין אין יסורים . . . דאָס איז אַ גרויסע זינד . . .” איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר איר. איך האָב זיך געפילט שולדיק קעגן איר. צו איר אייגענעם טיפן צער, דאַרף זי נאָך מיך מונטערן, מיך טרייסטן. געדאַרפט האָט עס זיין פאַרקערט.

געווען איז עס סוף זומער. די אידישע טעאַטערס האָבן זיך געגרייט צום נייעם סעזאָן. כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט, די מערסטע טעאַטערס האָבן שוין זייערע טרופּעס צוזאַמענגעשטעלט, האָט מיין מאַמע געקראָגן אַ פיינעם פאַרשלאַג פון פילאַדעלפיע, און זי האָט מיטן טעאַטער אָפּגעמאַכט. און עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך פּלוצלונג געקראָגן אַ מעלדונג, אַז סאַראַ אַדלער'ס ברודער, יאַשאַ לואיס, האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר.

געזאָגט האָט עס מיר פייגע. איר האָט עס געזאָגט אונזער גוטער־פריינט משה'לע פיינמאַן. איך האָב אים שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

ווען די מאַמע האָט עס געהערט, האָט זי מיר דערציילט, אַז מען רעדט צווישן טעאַטער־מענטשן אויף דער „עוועניו", אַז ער, לואיס, גרייט זיך עפּענען אַ צווייטן טעאַטער אין שיקאַגאָ.

דער אַזוי־גערופענער סטאַבילער טעאַטער דאָרט איז געווען גליקמאַנ'ס פּאַלאַס טעאַטער. עליאַס גליקמאַן איז צענדליקער יאָרן געווען דער אַפּוט־רופּוס פון אידיש טעאַטער אין שיקאַגאָ.

טאַקע יענעם בייטאָג איז צו אונז אין הויז אַריינגעלאָפן יאַשאַ לואיס. די מאַמע איז גראָד אין הויז ניט געווען. ס'איז טאַקע אמת וואָס די מאַמע האָט געהערט. ער האָט גענומען דעם מעטראָפּאָליטען טעאַטער, אין דער סאַמע אידישער געגנט אין שיקאַגאָ. ער שטעלט איצט צוזאַמען אַ טרופּע. ער וויל מיך אַנגאַזשירן אַלס די „לידינג לעידי" פאַר זיין טעאַטער.

איך האָב מיינע אויערן ניט געגלויבט. יאַשאַ לואיס, סאַראַ אַדלער'ס ברודער, וויל מיך, צילי פיינמאַן, אַלס הויפּט שוישפּילערין פאַר זיין טעאַטער! מיין קעפּל האָט עס ניט געקענט באַנעמען. אָט די צעמישעניש מיינע האָט ער אויסגעטייטשט, אַז איך בין קאַלט צו זיין פאָרשלאָג. האָט ער גענומען אויסמאָלן, ווי אַזוי ער וועט מיך אַנאָנסירן מיט אַזעלכע אותיות — ער צע־שפּרייט די הענט אין דער הויך, מיט אַ גרויס בילד — ווידער צעשפּרייט די הענט. ער וועט מיר צאָלן וועידזשעס ווי אַ גרויסן „סטאַר" — פופציק דאָלער אַ וואָך!

מיך האָט אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. איך האָב נאָך אַלץ קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

„איך האָב אָבער איין באַדינג, צילי: רופן וועסטו זיך צילי אַדלער"

מיר האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. צילי אַדלער גאָר? מאָדנע געפילן האָבן זיך צעשפּילט אין מיר, מיך גערעגט. אין דער זעלבער צייט האָב איך אָבער געפילט, אַז אָפּזאָגן טאָר איך ניט. איך ווייס ביז היינט ניט ווי אַזוי ס'איז מיר איינגעפאַלן דער קלוגער געדאַנק אים צו זאָגן, אַז איך וועל זיך איבערטראַכטן; איך וועל אים מאָרגן געבן אַן ענטפער. דאָס איז דאָך כמעט אַן ענטפער פון אַ געזעצטן געשעפטס־מענטש. איך האָב אים ניט געוואָלט זאָגן, אַז אָן דער מאַמען קען איך אַזאַ זאַך ניט באַשליסן.

נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן האָב איך ביי יעדן וויכטיקן באַשלוס פריער גע־מוזט וויסן ווי מיין מאַמע פילט וועגן דעם — אַזאַ סאָרט טאָכטער בין איך געווען. איז עס געווען גוואַלדיקער צוטרוי צו איר געזונטער לאָגיק? מיין ליבע צו איר? טיפער גלויבן, אַז איר ליבע צו מיר איז אָן אַ גרענעץ? צי אפשר איז עס געווען מיין הילפלאָזיקייט, מיין אומזיכערקייט צו מאַכן מיינע אייגענע באַשלוסן?

אין לויף פון מיין באַשרייבונג וועט עס מן הסתם קלאָר ווערן פאַר אונז אַלעמען.

מיין מאַמע האָט מיך שטאַרק צוגערעדט דעם פאָרשלאַג אָנצונעמען.

„אויב דו האָסט בדעה בויען דיין קאַריערע ביים אידישן טעאַטער, איז אַזאַ געלעגנהייט פאַר דיר ווי געוואונטשן. שוין ביי דיין צווייטן סעזאָן אַלס דערוואַקסענע שוישפּילערין וועסטו פיגורירן אַלס לידינג לעידי, אפילו ווען דאָס איז ניט אין אַזאַ וויכטיקן טעאַטער. בנוגע דעם נאָמען — דיין נאָמען איז צילי אַדלער, דער נאָמען געהערט צו דיר פּונקט ווי צו די אַנדערע אַדלער־קינדער, פּונקט אַזוי ווי ליליקו׳ס נאָמען איז פיינמאַן. ביי זיין לעבן האָט זיגמונד געהאַט אַ גרויסע באַפרידיקונג, וואָס דו האָסט זיך גערופן פיינמאַן. איצטער אָבער... איך ווינטש דיר, זאָלסט געפינען אַזוי פיל חן ביי מענטשן מיט דעם נאָמען צילי אַדלער, ווי דו האָסט געהאַט טראָגנדיק דעם נאָמען צילי פיינמאַן".

מיין לעצט בילד אַלס צילי פיינמאַן

מיין ערשט בילד אַלס צילי אַדלער

# האַרצווייטיק און דערפּאָלג

איך און מיין קינד

„אַז מען לעבט, דערלעבט מען".

איז אָט קומען מיר צו דעם וואָס איך האַלט פאַר דעם וויכטיקסטן טייל פון מיינע באַשרייבונגען — מיין קאַריערע.

ווי איר ווייסט שוין, האָב איך געהאַט די זכיה צו זיין אַ נאָענטער עדות ביי דער ערשטער „גאָלדענער עפּאָכע" פון אידישן טעאַטער. איך האָב אויך זוכה געווען צו זיין פון די גאָר נאָענטע שמידער פון דעם וואָס איך באַצייכן „צווייטע גאָלדענע עפּאָכע". האָף איך, אַז עס וועט מיר געלונגען אַריינצוּוואָרעבן אין דעם גאַנג פון מיין קאַריערע די וויכטיקסטע עטאַפּן, וואָס אונזער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט דורך די קנאַפּע פינף צענדליק יאָר, וואָס מיין קאַריערע אַלס דערוואַקסענע האָט זיך געצויגן. איך האָף אויך, אַז אַלע קאָלעגן מיינע, וועלכע האָבן געטריי געדינט אונזער טעאַטער, וועלן זיך אין מיינע באַשרייבונגען אָנזען מיט ווירדע, ווי זיי האָבן עס פאַרדינט.

איך וויל אָבער, ראשית, זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אויף דעם „ווי אַזוי" און פאַרוואָס" איך האָב דעם טייל באַטיטלט מיט דעם דראַמאַטישן נאָמען האַרצווייטיק און דערפּאָלג"... מיר דוכט, אַז קיין דערפּאָלגרייכע קאַריערע, אין וועלכן פעלד עס זאָל ניט זיין, קען ניט דערגרייכט ווערן אָן אַ געוויסער מאָס האַרצווייטיק... דערפּאָלג קומט בכלל ניט אָן גרינג.

נאָך מער אמת איז עס אין פאַל פון אַ קינסטלערישער קאַריערע. דער סענסיטיווער קינסטלער באַזיצט אַ סאָרט אומזיכערקייט אין זיך, אַ שטענדיקן שרעק פאַר דורכפאַלן... דערצו קומט אויך אַריין אַ געווויסע מאָס קנאה... דאָס זיינען אַלץ עלעמענטן, וואָס טראָגן אין זיך אַ היפּשע דאָזע האַרצווייטיק... קנאה, אייפערזוכט צווישן שוישפּילער זיינען, זעט אויס, אומפאַרמיידלעך.

דערצו איז די טעאַטער־וועלט געשטראָפט מיט דער שוואַכקייט פון רכילות. ווייסן אַלע, אַז אייפערזוכט און רכילות זיינען צוויי זייער וויכטיקע טרעגער פון האַרצווייטיק. אין אונזער אידישן טעאַטער זיינען אָט די צוויי עלעמענטן אַנטוויקלט ביז גאָר־גאָר אַ הויכער מדרגה. קומט טאַקע אויס אַ סך שוישפּילער צו ליידן האַרצווייטיק.

מיר אָבער איז באַשערט געווען, אין די ערשטע יאָרן פון מיין קאַריערע אין ניו יאָרק, פאַרכאַפּט צו ווערן אין אַ שרעקלעכן שטורעם־ווינט, אַן אמת׳ן געוויינטער, פון בייזער קנאה און גיפטיקע רכילות. עס איז טאַקע מיט נסים, אַז איך האָב עס איבערגעלעבט. פאַרוואָס איך האָב פאַרדינט אַזאַ אויפנאַמע, ווייס איך באמת ניט. אפשר וועט איר געפינען דעם ענטפער פאַרוואָס? איך פיל דערפאַר, אַז דעם אויבן־אָן אין מיין טיטל פון דעם טייל פאַרדינט דער עלעמענט „האַרצווייטיק".

עס איז אפשר אויך כדאי דאָ צו פאַרצייכענען דעם פאַקט וואָס איך האָב שוין אין מיינע באַשרייבונגען אָנגערירט, אַז פאַר אַ פרוי צו שטייגן הויך אין איר שוישפּילערישער קאַריערע אין אונזער טעאַטער איז ניט געווען גענוג איר טאַלאַנט אַליין. זי האָט צום טאַלאַנט געמוזט האָבן די פּראָטעקציע פון איינעם וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכע פּאָזיציע ביים טעאַטער, אין דעם געשעפטלעכן טייל, אָדער אין דעם שוישפּילערישן טייל.

ווייסט איר אַלע די הויכע מיינונג וואָס איך האָב פון אונזערע געניאַלע שוישפּילערינס פון די ערשטע יאָרן פון אונזער טעאַטער. עס איז אָבער אַ פאַקט, וואָס איז באַוואוסט אין דער טעאַטער־וועלט, אַז בערטאַ קאַליש וואָלט איר הויכע פּאָזיציע ניט דערגרייכט אָן איר מאַן לעאָפּאָל שפּאַכנער; קעני ליפּצין — אָן איר מאַן מאַיקל מינץ; סאַראַ אַדלער, אָן יעקב אַדלער; בעסי טאָמאַשעפסקי, אָן באָריס טאָמאַשעפסקי, און אַזוי כסדר.

פרויען וואָס זיינען ניט געווען געבענטשט מיט מענער פון דעם סאָרט, האָבן זייער גאַנצן לעבן געפירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף. אין מיינע באַשרייבונגען וועט איר עס קלאָר אַרויסזען.

אָבער איצט דאַרפן מיר פאָרן קיין שיקאַגאָ צו מיין ערשטן סעזאָן

אַלס דערוואַקסענע אַקטריסע אין אַמעריקע, און אַלס „לידינג לעידי״ דערצו.

עס איז דווקא אויסגעפאַלן אויף שיקאַגאָ, די שטאָט וואָס איז באַרימט איבער גאַנץ אַמעריקע מיט אירע שטאַרקע ווינטן. איר ווייסט דאָך מן הסתם, אַז שיקאַגאָ ווערט באַצייכנט אַלס די „ווינדי סיטי״ (די ווינטיקע שטאָט). אמת, אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן פירט די אונטער־וועלט אָן אַ שטאַרקן קאַמף מיט די שיקאַגער ווינטן. די מעכטיקע העלדן פון דער דאָרטיקער אונטערוועלט ווילן צונעמען די באַרימטקייט פון שיקאַגאָ אינגאַנצן פאַר זיך. אַזאַ באַרימטקייט ווי „סקאַרפעיס״ אַל קאַפּאָנע האָט זיך שטאַרק אַריינגעשניטן אין שיקאַגאָ׳ס באַרימטקייט און שיר צוגענומען די קעניגרייך פון ווינט. זינט דאַן באַרימט זיך שיקאַגאָ מיט אירע אונטער־וועלט „העלדן״ ניט ווייניקער ווי מיט איר ווינט.

איז, הייסט עס, אויף דער שטאָט שיקאַגאָ געפאַלן דער גורל מיך צו קרוינען מיט אַ נייעם נאָמען. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר אָט די שיינע שטאָט וואָס וואַשט זיך אין מישיגען לעיק, האָט ביי איר ערשטער באַגעגעניש מיט צילי פיינמאַן געוואָרפן אויף איר אַ שטאַרקן אומ׳חן, כמעט אַ שנאה.

געדענקט איר דאָך אוודאי, אַז איך האָב צום ערשטן מאָל דערפילט שיקאַגער ווינטן, ווען איך בין געווען אַ קינד, קוים פיר יאָר אַלט. בין איך איר נאָך דאַמאָלסט ניט געפעלן, און זי האָט מיך אַוועקגעלייגט מיט זייער אַ שווערער אַסטמאַ. די שטאָט האָט זיך קנאַפּ געזאָרגט פאַר מיר און פאַר מיין געזונט, און ווי איר געדענקט, האָבן די דאָרטיקע שפּיטאָלן און דאָקטוירים גאָר אָן צערעמאָניעס צילי פיינמאַן אָפּגעזאָגט איר לעבן... האָב איך זיי אָבער געהערט ווי המן דעם גראַגער, זיך אויסגעלאַכט פון זיי און פון מלאך המות, און זיי אויף צולהכעיס בין איך געזונט געוואָרן.

האָט שיקאַגאָ, ווי עס זעט אויס, דאָס מיר ניט געקענט מוחל זיין. איך, אַזאַ פּיצל, זאָל ניט וועלן פאָלגן די דאָקטוירים אירע, זיך אָפּזאָגן פון ווערן אַ בר־מינן, ווי זיי האָבן פאַר מיר באַשטימט. הקיצור, זיי האָבן מיך ניט פאַרגעסן און געפאַלן אויף גאָר אַ טייוועלשן פּלאַן. זיי קענען צילי פיינמאַן ניט אומברענגען קערפּערלעך, ווולן זיי איר אינגאַנצן אָפּווישן פון ערד־קוגל — מאַכן אַזוי אַז זי זאָל ניט ווערן — זיי האָבן מיר געגעבן אַ נייעם נאָמען, און שוין! אויס צילי פיינמאַן. ווער ווייסט, אפשר שטעקט אין דעם עפּעס אַ פּרווידיאַנישער שפּיל... אָבער סיי־ווי, שיקאַגאָ האָט אירס אויסגעפירט — ניטאָ מער צילי פיינמאַן, איך בין פון העלער הויט געוואָרן צילי אַדלער.

קען איך ניט זאָגן, אַז דער נאָמען צילי אַדלער האָט מיר געקלונגען פרעמד. עס מאַכט זיך מיט מענטשן וואָס צוליב איין אורזאַך אָדער אַ צווייטער בייטן זיי זייערע נעמען. טרעפט אָפט, אַז ס'איז זיי ניט גרינג זיך צו צוגעוואוינען צום נייעם נאָמען. מיר האָט דער נאָמען צילי אַדלער געקלונגען גאַנץ אייגן. זייער זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז שרייבנדיק, ווען איך האָב געדאַרפט אונטערשרייבן מיין נאָמען, האָב איך נאָך צילי שיר ניט אָנגעהויבן שרייבן פיינמאַן. אָבער, בכלל, סיי אין מיין טעאַטער־לעבן, סיי אין מיין פּריוואַטן לעבן אין שיקאַגאָ, האָט מיר דער נאָמען צילי אַדלער זייער אָנגענעם געקלונגען, און איך האָב זיך מיט דעם נאָמען זייער גוט געפילט.

דער מעטראָפּאָליטען טעאַטער אין שיקאַגאָ, וועלכער האָט מיר אָנ־געטאָן דעם כבוד, שוין דעם צווייטן סעזאָן מיינעם אַלס דערוואַקסענע שוישפּילערין, צו קרוינען אַלס „סטאַר", וואָלט איך באַטיטלט אַלס ווינקל־טעאַטער. אפילו די איינשטעלונג, די פּראָגראַם פונם טעאַטער, האָט זיך ניט געקענט באַרימען מיט דער סטאַביליטעט פון אַ לעגיטימען טעאַטער. די פּראָגראַם איז געווען איינגעאָרדנט אויפן פאָלגענדן אופן:

יעדע וואָך איז די פאָרשטעלונג באַשטאַנען, צום אָנהויב, פון אַ מוזיקאַלישן איינאַקטער, אין וועלכן איך האָב געדאַרפט שפּילן די סוברעטין, זינגען און טאַנצן און מאַכן דעם עולם צום לאַכן; דאַן אַ מעלאָדראַמאַטישער דריי־אַקטער, אין וועלכן איך האָב געדאַרפט שטאַרק דראַמאַטעווען און מאַכן דעם עולם צום וויינען. דער גרויסער געהאַלט פון פופציק דאָלער אַ וואָך, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָר ניט אַזוי גרויס. וואָלט איך געדאַרפט וואוינען אין אַ האָטעל, וואָלט עס געווען זייער קליין.

איז מיר, אָבער, געלונגען צו קריגן אַ וואוינונג ביי אַ יונגן דאָקטאָר, וועלכער האָט זיין אָפיס געהאַט אין זיין דירה, אין וועלכער ער האָט גע־וואוינט מיט זיין פרוי און קינד. זיי האָבן פאַר מיר אָפּגעטיילט אַ צימער. איך האָב מיט זיי צוזאַמען געגעסן, און גערעכנט האָבן זיי מיר אַ מי־נימאַלן פּרייז.

בכלל איז זייער באַציאונג צו מיר געווען זייער פריינטלעך. זיי האָבן מיך געמאַכט צום פילן ווי איינע פון זייער משפּחה.

מיין הויפּט־הוצאה איז געווען קליידער. ווי אַ יונגע שוישפּילערין, האָב איך מיין אייגנס קיין רייכע גאַרדעראָב לידער ניט געהאַט. די מעלאָ־דראַמעס זיינען מערסטנס געווען היינט־וועלטיקע. און אַזוי ווי מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן יונגע פרויען אָדער מיידלעך, האָב איך זיך געדאַרפט קליידן לויט דער לעצטער מאָדע. פלעגט מיר אָפט אויסקומען אין איין

פאַרשטעלונג צו נוצן צוויי אָדער דריי קליידער, און מ׳קען דאָך ניט וואָך־איין וואָך־אויס טראָגן די זעלבע קליידער. האָב איך געדאַרפט זיך איינשאַפן אַ היפּשע פאַרשידנאַרטיקע גאַרדעראָבע, אַריינגערעכנט „איווינינג גאַונס" (באַל קליידער) און אויך מאַנטלען, שיך און היטעלעך. דאָס האָט אַריינגעטריבן אין אַ גרויסער הוצאה, אפילו אין יענע צייטן.

דערצו האָט מיין מאַמע, וועלכע האָט געהאַט אַ נויגונג צו שפּאָרעווודיקייט, אויך אין מיר געוואָלט איינפלאַנצן די געוואוינהייט צו לעבן מיט חשבון. האָט זי מיר געזאָגט פאַרן אַוועקפאָרן:

„ציליקו, וויפיל דו וועסט קענען דעם סעזאָן אָפּשפּאָרן, וועל איך צולייגן פונקט אַזוי פיל און דיר דערלאַנגען דיין ערשטן באַנק־ביכל".

האָט עס מיך גערייצט, און איך האָב געפּרוואווט זיין שפּאָרעוודיק.

די אַרבעט אין טעאַטער איז געווען נאָך שווערער ווי אין לאָנדאָן, פּשוט דערפאַר, וויל מיר האָט געפעלט די באַפרידיקונג. איך האָב קיין פאַרגעניגנס ניט געהאַט פון מיינע ראָלן.

מיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט אין טעאַטער האָט געווירקט אויף מיין געזונט. האָב איך דערפאַר שטאַרק אָפּגעשאַצט די געטריישאַפט וואָס עס האָט צו מיר אַרויסגעוויזן די „מאַמע" פון אונזער טרופּע, די האַרציקע עני שאַפּירא, די באָבע פון דער באַוואוסטער שוישפּילערין שאַרלאָט גאָלדשטיין. זי האָט מיך אָפּגעהיט ווי אַ געטרייע מאַמע. איך האָב אָבער אָנגעהויבן ליידן פון שלאָפלאָזיקייט. דערצו האָט זי מיר שוין ניט געקענט העלפן. גאַנצע נעכט האָב איך זיך געקאַטשעט אויף מיין געלעגער, ניט קענענדיק איינשלאָפן.

ביי אַ געלעגנהייט האָב איך זיך באַקלאָגט פאַר מיין באַלעבאָס, דעם דאָקטאָר. איך האָב פאַרשטאַנען פון זיין אויסדרוק, אַז ער האַלט עס פאַר אַן אַקטיאָרישער איבערטרייבונג. ווען איך בין צוגעשטאַנען צו אים, בעטנדיק אים ער זאָל מיר עפּעס געבן צום שלאָפן, האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט:

„דער סוף וועט זיין, צילי, אַז איך וועל אַמאָל אין מיטן נאַכט אַריינקוקן צו אייך אין צימער, און איך בין זיכער, אַז איך וועל אייך טרעפן שלאָפן ווי אַ געה׳הרג׳עטע. אַזוי איז שוין די טבע פון מענטשן, ווען עס נעמט זיי אַ פּאָר מינוט לענגער איינצושלאָפן, גייען זיי שוין אַרום און טענה׳ן, אַז זיי שלאָפן ניט גאַנצע נעכט. איר אַרבעט אַזוי שווער, אַז איר מוזט שלאָפן. די אַקטריסע אין אייך איבערטרייבט עס אַביסל".

ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן. מיט אַ פּאָר נעכט שפּעטער זייענדיק זיי — ער און זיין פרוי — געקומען פון אַ שמחה שפּעט ביינאַכט. האָט ער

גענומען זײן װײַב װי אַן עדות, כדי צו קענען מיך איבערצײַגן, אַז ער איז גערעכט. װי נאָר זײ האָבן געעפֿנט די טיר, האָב איך זײ באַגעגנט מיט אַן אױסגעצױגענעם „העלאָו!״

— איר שלאָפֿט טאַקע ניט?

ער האָט מיר אַרײַנגעבראַכט אַ „פּיל״. די פּיל האָט אירס געטאָן. איך בין אײַנגעשלאָפֿן. דאָס איז געװען פֿרײטיק בײַנאַכט.

פּלוצלונג האָב איך דערפֿילט װי עמעצער טרײסלט מיך. װען איך האָב מײַנע אױגן אױפֿגעריסן, האָב איך דערזען די דאָקטאָרשע שטײן לעבן מיר, און אין דער אָפֿענער טיר אַן אָנגעשטעלטער פֿון טעאַטער. איך האָב ניט געװאוסט אױף װאָס פֿאַר אַ װעלט איך בין. קױם מיט צרות האָב איך אָנגעהױבן באַגרײַפֿן װאָס דאָ טוט זיך:

— װי שפּעט איז?

— עס איז שבת, צװײ אַזײגער.

— װײ איז מיר, די „מאַטינע״!

איך האָב שױן קײן צײַט ניט געהאַט זיך אָנצוטאָן. איך האָב אַרױפֿגעכאַפּט אַ פּאָר שיך און מיט אַ מאַנטל איבער די פּאַדזשאַמאַס האָט מען מיך אין אַ טעקסי געבראַכט אין טעאַטער. איך האָב זיך אָבער געפֿילט זײער אױסגעשלאָפֿן.

װען מען שפּילט אָפּ אַ גאַנצן סעזאָן אין אַ פּראָװינץ־שטאָט איז מען, װילנדיק צי ניט־װילנדיק, דעם גרעסטן טײל פֿון דער צײַט אין ענגן קרײַז פֿון דער טעאַטער־טרופּע. אײער פּריװאַטער לעבן איז כמעט אינגאַנצן פֿאַרבונדן און פֿאַרקניפּט מיט די קאָלעגן. זײער לעבן װערט פֿאַר אײַך אַן אָפֿענער בוך. אײער לעבן איז פֿאַר קײנעם פֿון זײ קײן סוד ניט. דעם גרעסטן טײל פֿון יעדן טאָג זײַט איר מיט אַלעמען אין די ד׳ אמות פֿון דער בינע, בײַ פּראָבן אָדער פֿאָרשטעלונגען.

דאָס װאָס איר רופֿט אײער הײם אין אַ פּראָװינץ־שטאָט — דער צימער בײַ אַ פּריװאַטער פֿאַמיליע, אָדער אין אַ האָטעל — נוצט איר בלױז די עטלעכע שעה פֿון איבערשלאָפֿן. כמעט יעדן פֿרימאָרגן, װי נאָר איר עפֿנט די אױגן, מוזט איר שױן אין גרױס אײַלעניש זיך אָנטאָן און לױפֿן צו פּראָבע. דאָרט, אױף דער בינע, עפֿנט איר ערשט אײַערע בריװ, װאָס איר האָט געקראָגן, און דאָרט שרײַבט איר אײַערע ענטפֿערס; דאָרט קריגט איר אײַערע פּריװאַטע טעלעפֿאָן־קאָלס, דאָרט מאַכט איר אײַערע טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונגען. מיט אײן װאָרט, איר פֿירט אײער גאַנצן פּריװאַטן לעבן אין אַ „רשות הרבים״, איר האָט כמעט ניט קײן פּריװאַטן אינטימן לעבן. איז עס זײער פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון אַזאַ סעזאָן שטעלן זיך בײַ אײַך אָפּ אַלערלײ דעראײ־

נערונגען, אַנגענעמע און ליבע זכרונות, און אויך אַזעלכע וואָס איר ווילט זיי וואָס גיכער פאַרגעסן. אויך אַ סך נאַרישקייטן בלייבן אין אַייער זכרון.

יענער סעזאָן, מיין ערשטער אין אַן אַמעריקאַנער פּראָווינץ־שטאָט, איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ווייל איך דאָ פאַרצייכענען עטלעכע דעראינערונגען פון יענעם סעזאָן. מיר דוכט, אַז עס איז כדאי זיי צו דערציילן, ווייל דאָס וועט אייך געבן אַ קלאָר בילד פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער אַקטיאָ־רישער וועלט.

ווייל איך אָנהויבן מיט עטלעכע נאַרישקייטן. ווייסט איר דאָך, אַז אין יעדער מעלאָדראַמע מוז זיין אַן אינטריגאַנט. אין אונזער טרופּע איז געווען אַ שוישפּילער, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, געהאַט די אַרענדע אויף די אינ־טריגאַנטן ראָלן. איך, אַלס די העלדין פון דער מעלאָדראַמע, די אומשולדיקע מיידל, אָדער די הילפלאָזע ווייבל, בין עס שטענדיק געווען די, נאָך וועמען דער אינטריגאַנט האָט זיך געיאָגט. פלעגט ער אָפט אין זיין יאָגעניש דאַרפן מיך קושן.

געדענק איך, אַז איך בין באַהערשט געווען פון צוויי געפילן: מיין יונג־מיידלשע טוגענד האָט ווי עפּעס ניט דערלאָזט מיך זיך צו לאָזן קושן אויף אַן אמת; אויך איז דער שוישפּילער, וואָס האָט געהאַט די אינטריגאַנטן־ראָלן, מיר עפּעס ניט געווען צום האַרצן געגנוג אויף צו לאָזן זיך פון אים קושן אויף אַן אמת. האָב איך געמאַכט מיין אייגענע דערפינדונג. ווען ער האָט מיך געדאַרפט קושן, פלעגט ער געפינען עטלעכע פינגער מיינע צווישן זיין מויל און מיינע ליפּן. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט ניט געוואָגט מיר אויסצורייידן דערפאַר. אָבער ביזן סוף סעזאָן האָב איך געשפּילט מיט אַ ברוגז׳ן אינטריגאַנט. איך קען ניט זאָגן, אַז עס האָט מיך שטאַרק געערגערט.

דערפאַר האָט די צווייטע נאַרישקייט מיך שוין גאָר שטאַרק געערגערט. ווי איר ווייסט שוין פון אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט דער באַלעבאָס מיינער, יאַשאַ לואיס, געהאַט אַ פרוי, וועלכע האָט זיך געריסן צו ווערן אַ סטאַר שוישפּילערין. זי האָט זיך שטאַרק מתקנא געווען אין איר שוועגערין, סאַראַ אַדלער, און ביי זיך באַשלאָסן, אַז עס איז גענוג וואָס איר מאַן איז סאַראַ אַדלער׳ס ברודער, דערצו דער באַלעבאָס פון טעאַטער, אַז זי זאָל ווערן כאָטש, להבדיל, אַ צווייטע סאַראַ אַדלער. האָט זי זיך פון צייט צו צייט איינגעשפּאַרט און ער האָט איר געמוזט נאָכגעבן, זי צו לאָזן שפּילן די הויפּט־ראָלע אין אַ מעלאָדראַמע. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין דער פּיעסע ניט געשפּילט.

ווייסט איר שוין אויך, אַז אין איר פיגור איז זי געווען מיט אַ פּינף־זעקס „סאַייזעס" גרעסער און דיקער פון מיר. אין מיין בייעם קליידער־גאַרדעראָב, וואָס איך האָב יענעם סעזאָן איינגעהאַנדלט, האָב איך געהאַט דאָס וואָס מען רופט אַ גראַנד־דאַמע קלייד. איך האָב עס געקויפט, ווען איך

האָב געדאַרפט אַזאַ ראָלע שפּילן, כדי אויסצוקוקן מיט מיין יונג־מיידלשער פיגור מער גראַנד־דאַמיש, פלעג איך פאַר דער דאָזיקער ראָלע אויסבעטן מיין פיגור. איך האָב, פאַרשטייט זיך געקויפט אַ קלייד מיט דריי „סייזעס" גרעסער ווי איך בין.

די פּיעסע וואָס מרס. לואיס האָט געשפּילט, האָט מען געשטעלט פאַר פרייטיק, שבת און זונטיק. דאָס זיינען געווען די ערשטע פאַר טעג אין יענעם סעזאָן, וואָס איך האָב געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אין יענער וואָך האָט אין גליקמאַנ׳ס פּאַלאַס טעאַטער אין שיקאַגאָ, גאַסטראָלירט דער קייזער־קעניגלעכער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן, מיט זיין וועלטלעכן רעפּערטואַר. האָב איך שוין דערציילט, אַז מאָריס מאָריסאָן האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרעמקייט, ווען איך האָב אין מיינע קינדער־יאָרן געשפּילט אַ דאָרפס־אינגל אין זיינער אַ פּיעסע. ער איז מיר זינט דאַן געוואָרן זייער ליב סיי אַלס שוישפּילער, סיי אַלס מענטש. האָב איך מיט פרייד אויסגענוצט די געלעגנהייט פון מיין פרייער צייט און יענעם סוף־וואָך פאַרבראַכט כמעט ביי יעדער פאַרשטעלונג אין פּאַלאַס טעאַטער, אַזוי, אַז איך בין אפילו אין אונזער טעאַטער ניט געווען.

ווען איך בין מאָנטיק אין דער פרי געקומען אין אונזער טעאַטער צו דער פּראָבע און אויף אַ ווײַלע אַריין אין מיין גאַרדעראָב, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיין איין־און־איינציק פּרעכטיק־שיין גראַנד־דאַמע קלייד איז געהאָנגען אויף דער וואַנט צעפּליקט און צעריסן. איך האָב זיך אַזש צעוויינט פון פאַרדרוס. דאָס האָט די מרס. לואיס, אָן מיין וויסן און צושטימונג, זיך דערלויבט מיין קלייד אַרויפצושלעפּן אויף איר פיגור. פאַר־שטייט זיך, אַז די עטלעכע סאַיזעס, וואָס איר פיגור איז געווען גרעסער פון דעם קלייד, האָבן עס ניט דערלאָזט, און דאָס קלייד האָט געפּלאַצט. איך בין ביי מיין ערגערניש, ביי מיין פאַרדרוס און מיינע טרערן געבליבן עס איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן, אַז זי דאַרף מיר אָפּקויפן אַן אַנדער קלייד. איך האָב עס פון איר אפילו ניט געפאָדערט.

ביז היינט קען איך ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מרס. לואיס האָט אויף מיר געטראָגן אַזאַ באַהאַלטענע שנאה. איך קען ניט געדענקען קיין איין איבעררייד וואָס איך זאָל האָבן מיט איר געהאַט, אָדער אַז איך זאָל איר האָבן מיט עפּעס אָנגעטראָטן. פאַרקערט, ווען זי האָט צו איר זאָגענאַנטן ערן־אָוונט געשטעלט גאָרדינ׳ס „קרייצער סאָנאַטאַ", און פאַרשטייט זיך, גע־שפּילט די הויפּט־ראָלע, עטי, בין איך געווען צופרידן צו שפּילן די צווייטע ראָלע, די ראָלע פון ציליע. האָף איך אַז איר געדענקט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי יענער פאַרשטעלונג, ווען אין שפּריץ איינגעמאַכץ האָט סיי מיך,

סיי גערמאַנ׳ען אַוועקגעלייגט אויף טויט. דעם איינציקן ענטפֿער וואָס איך קען געבן איז, אַז מיין נייער באַמען, צילי אַדלער, איז איר געלעגן אין די גערערעם, ווי עפּעס אַן אָנזאָג, אַז קיין צווייטע סאַראַ אַדלער וועט זי שוין ניט ווערן.

אָבער איין זאַך איז זיכער, זי האָט אויף מיר געטראָגן אַ שרעקלעכע שנאה, טאַקע אַ שנאת חינם, אָבער מיט אַ סך גיפֿט. געדענק איך אַ סצענע, ווי זי האָט איר שנאה צו מיר דערטריבן צום גרעסטן אַבסורד. אין איינער פֿון די דאָזיקע מאָלאָדראַמעס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן, האָב איך געהאַט אַ ראָלע פֿון אַ רעוואָלוציאָנערקע. עס איז געווען אַ צייט־פּיעסע פֿון אַ געוויסער פּאַסירונג אין רוסלאַנד. איך האָב אין דריטן אַקט געהאַט עטלעכע באָמבאַסטישע מאָנאָלאָגן, וואו איך גיס אויס מיין גאַנצן פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג; איך נעם זיך שטאַרק אָן די קריוודע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס — די סאָרטן מאָנאָלאָגן, וואָס מוזן אַרויסרופֿן אַ שטורמישן אַפּלאָדז. האָט טאַקע ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, פֿרייטיק ביינאַכט, דער טעאַטער זיך ממש געטרייסלט פֿון הילכיקע פּעטש און פּוס־טופּעניש, וואָס דער עולם האָט אויסגעדריקט צו מיר און צו מיינע מאָנאָלאָגן.

אויף מאָרגן, שבת בייטאָג, איז דער טעאַטער געווען געפּאַקט. עס קומט דער דריטער אַקט, איך האָב זיך אָנגעשטאָלט און אָפּגעשאָסן מיינע מאָנאָלאָגן נאָך מיט מער כוח און שטאַרקייט ווי ביי דער ערשטער פֿאָרשטע־לונג. איך האָב שטאַרק אונטערשטראָכן די טיילן וואָס האָבן געדאַרפֿט דעם עולם באַגייסטערן. און אָט וואַרט איך אויף דעם שטורעם אין טעאַטער, אָבער אַנשטאָט דעם האָט דער עולם אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער. אַ פֿאַרצווייפֿלטע בין איך געוואָרן. איך האָב ניט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס אַזוינס האָט אין מיין שפּילן היינט ביים עולם אַרויסגערופֿן געלעכטער. איך נעם זיך באַקוקן מיין קלייד, אפשר איז עפּעס ניט אין אָרדנונג.

און אַזוי דרייענדיק זיך, האָב איך דערזען די פֿאָלגענדיקע סצענע: דאָס פֿיר־יאָריקע טעכטערל פֿון די לואיס׳עס לויפֿט אַרום אַ צעמישטע, מיט צע־שראָקענע אויגעלעך, מיט מורא פֿאַר דעם שטורעמדיקן לאַכן פֿון גרויסן עולם און זוכט אַן אָרט וואוהין צו אַנטלויפֿן. די מרס. לואיס שטייט ביי דער אָפֿענער קוליסע און רופֿט זי צוריק.

בסוד־סודות האָט מיר דער בינע־פֿאַרוואַלטער דערציילט, אַז דאָס האָט זי אומיסטן פֿלוצלונג אַרויפֿגעשטופּט דאָס מיידעלע אויף דער בינע, ווען איך האָב געהאַלטן אין ענדיקן מיין שטאַרקן מאָנאָלאָג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער עולם האָט שוין פֿאַרגעסן מיר צו געבן מיין אָוואַציע...

איך ווייס ניט צי דאָס וואָס איך גיי אייך איצט דערציילן, דאַרף אויך אַריינגיין אין דער קאַטעגאָריע „נאַרישקייטן". אפשר מאַכט עס מיין אויפֿפירונג אין דעם אינצעדענט אַזוי, אַז ער שטייט אויף דער גרענעץ פון נאַרישקייט...

יענעם סעזאָן איז קיין שיקאַגאָ געקומען גאַסטראָלירן פאַר בלויז עטלעכע געציילטע פאָרשטעלונגען די באַרימטסטע שוישפילערין אין דער וועלט, סאַראַ בערנהאַרדט. מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט זען אירע פאָרשטעלונגען. אָבער אפילו פאַר די מאַטינע פאָרשטעלונגען אין מיטן וואָך, די איינציקע פאָרשטעלונגען וואָס מיין צייט האָט מיר דערלויבט צו זען, זיינען די בילעטן געווען זייער טייער. איך האָב ביי זיך ניט געקענט באַשטימען, צי מעג איך זיך דערלויבן אויסצוגעבן די היפשע סומע געלט כדי צו זען סאַראַ בערנהאַרדט, און ווי שטענדיק, האָב איך זיך אָנגעפרעגט ביי מיין מאַמען.

איך האָב אויף שנעל אָוועקגעשיקט אַ „ספּעשל דעליוועריי" צו איר, קיין פילאַדעלפיע, און איר דערציילט מיין דילעמאַ... אויף מאָרגן פרי האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע, האָט די טעלעגראַמע זיך אַזוי געלייענט: „זע סאַראַ בערנהאַרדט שפּילן אַזוי אָפט ווי די צייט לאָזט דיר; שפּאָר ניט אויף די בעסטע בילעטן; ס'איז בלויז דאָ איין סאַראַ בערנהאַרדט".

איך האָב זיך מחיה געווען. איך האָב געזען כמעט יעדע פּיעסע וואָס זי האָט געשפּילט. ביז היינט פיל איך נאָך דעם צויבער, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, זעענדיק איר אין „קאַמעליען דאַמע", אין „דער אָדלערל" און אין „טאָסקאַ". מיט איר שפּילן האָט זי ווי באַקרעפטיקט מיינע געדאַנקען וועגן דער גרויסער קונסט, וואָס איז באַהאַלטן אין שוישפּיל. זי האָט די קונסט באמת דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה.

כ'בין איר געווען ביז גאָר דאַנקבאַר פאַר דער באַנייטער אַמביציע וואָס זי האָט אין מיר דערוועקט צו דער שוישפּיל־קונסט. ניט מער, וואָס איר שפּילן האָט מיר נאָך מער פאַר'מיאוס'ט דאָס וואָס מיר האָבן גערופן טעאַטער־שפּיל אין יענעם ווינקל־טעאַטער אונזערן...

איז עס באמת געווען אַ ברכה פון גאָט, וואָס בלויז מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט אונזער טעאַטער גענומען אינגאַנצן אַן אַנדער ווענדונג. ראשית, איז כמעט די גאַנצע טרופּע איבערגעביטן געוואָרן. עס איז אָנגעקומען צו אונז אין טעאַטער דער באַוואוסטער סטאַר־שוישפּילער, יעקב זילבערט, און גאָר אַ יונג פּאָרפּאָלק, פריש פון פוילן און רוסלאַנד, מישאַ און לוסי גערמאַן. אונזער ווינקל־טעאַטער האָט באַקומען אַ לעגיטימען סטאַזש. מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן די בעסטע פּיעסן פון אידישן רע־

פּערטואַר. איך האָב ווידער דערפילט אין זיך כוח און ענערגיע און די גרויסע אַמביציע צו וועלן זיך דערהויבן צו שווישפּילערישע דערגרייכונגען, צו שווישפּילערישע פולקאָמענקייט. מיין אומצופרידנקייט, דער ווידערווילן, וואָס אונזער ווינקל־טעאַטער האָט ביי מיר אַרויסגערופן די ערשטע פּאָר חדשים, איז אַוועק מיטן ווינט. און פון דעם צווייטן האַלבן סעזאָן זיינען מיר פאַרבליבן ביז היינט־צו־טאָג זייער אָנגענעמע, זיסע דעראינערונגען.

אין יענע עטלעכע חדשים איז צעמענטירט געוואָרן אַ האַרציקע, לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט און חבר'שאַפט צווישן די גערמאַנס און מיר. איך האָב ביז היינט־צו־טאָג דעם געפיל פון גוואַלדיקער באַפרידיקונג, וואָס מישאַ גערמאַן און איך האָבן יענעם סעזאָן געשפּילט אין גאָרדינ'ס „קרייצער סאָנאַטאַ" — ער האָט געשפּילט „גרעגואַר" און איך „ציליע" — אין צווייטן אַקט, ווען מיר דאַרפן שפּילן אין צווייען די „סאָנאַטאַ", האָט גערמאַן באמת געשפּילט אויפן פידל און איך אויף דער פּיאַנאָ.

איז דאָך דאָס אַ זעלטנהייט. געוועגלעך, ווען אימעצער דאַרף שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, ווי פידל אָדער פּיאַנאָ, אויף דער בינע, שטעלט מען זיך אַוועק אַזוי, אַז דער עולם זאָל וואָס ווייניקער קענען באַמערקן, אַז דער אַקטיאָר אַליין שפּילט ניט, נאָר אימעצער שפּילט הינטער די קוליסן און ער מאַכט בלויז דעם אָנשטעל מיטן סמיטשיק אַז ער שפּילט... דער עולם ווייסט, אַז ער אַליין שפּילט ניט; דער אַקטיאָר פילט זיך אומ־באַקוועם; און אָפטמאָל מאַכט עס אַ לעכערלעכן איינדרוק. דאָס זעלבע איז אויך מיטן שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. מען שטעלט דעם קלאַוויר אַוועק אַזוי, אַז ווי ווייט מעגלעך, זאָל דער עולם ניט זען ווי די הענט באַוועגן זיך ניט ווי מען דאַרף.

דאָ אָבער, האָבן מיר זיך ניט געדאַרפט פאַרלאָזן אויף דער הינטער־קוליסן מוזיק. מיר האָבן ביידע געשפּילט פאַרן עולם. זיי האָבן דאָס אָנערקענט און אונז האַרציק אַפּלאָדירט.

מישאַ גערמאַן איז בכלל געווען אַ פיינער מוזיקער. אין אַן אָפּערעטע, אין וועלכער ער האָט ניט געשפּילט, פלעגט ער דיריגירן דעם אָרקעסטער. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין וואונדער־שיינעם אויסזען, פאַרפּוצט אין אַ טאַקסידאָ. זיין זיס, חנ'עוודיק פּנים מיט זיין געדיכטן קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, שטייענדיק מיטן שטעקעלע פאַר אונז און דיריגירן דעם אָרקעסטער — יאָ, די דעראינערונגען פון צווייטן האַלבן סעזאָן ליגן מיר נאָך אין טעם ביז היינט... איך קען עס נאָר ניט פאַרשטיין, ווי עס קומט, וואָס די רכילות, וואָס זיינען געווען אַזאַ אָנגענומענע זאַך ביים אידישן

טעאַטער, האָט אונזערע באַציאונגען ניט אויסגעטייטשט אויף אַ ביליגן און גיפטיקן אופן...

איך בין דאַן געווען כמעט אַ שיינע יונגע מיידל. איך בין קוים 19 יאָר אַלט געווען. מישאַ גערמאַן איז געווען אין זיינע פריע צוואַנציקער, און, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ער געווען באמת אַ פּרעכטיק־שיינער יונגערמאַן, אַ ביז גאָר ליבלעכער, וואַרעמער מענטש. אַלס דער ליבהאָבער פון דער טרופּע, פלעגט ער כמעט אין יעדער פּיעסע שפּילן מיין געליבטער אָדער מיין מאַן. מיר פלעגן זיך אָפט קושן.

און פּונקט ווי מיר האָבן ניט געמאַכט קיין אָנשטעל ווען מיר האָבן געדאַרפט, אין „קרייצער סאָנאַטאַ", שפּילן — ער אויפן פידל און איך אויף דער פּיאַנאָ — אַזוי איז אויך געווען מיט אונזער קושן זיך. ס'איז מיר געווען אַנגענעם אים צו קושן, און אפשר נאָך מער אַנגענעם פון אים געקושט צו ווערן. אונזער אמת'דיק קושן זיך אויף דער בינע איז ביי אונז געוואָרן אַ סאָרט שפּיל. לוסי גערמאַן, וועלכע האָט געשפּילט מיט אונז אין יעדער פּיעסע, האָט רעאַגירט אויף אַ זייער קאָמישן אופן אויף יעדן קוש אונזערן. צי זי איז ביי אונזער ליבע סצענע פון קושן זיך געווען אויף דער בינע, צי הינטער דער בינע, איז דאָס געווען איר אויסדרוק נאָך אַ שטאַרקן קוש: „אוי־וואַ, דאָס איז אַ קאַנאָן!"

איז דאָס געווען אַ מין ספּאָרט־שפּיל פאַר דער גאַנצער טרופּע. לוסי'ס באַמערקונג האָט ביי מיר שטענדיק אַרויסגערופן היסטערישע געלעכטערס... איך בין בכלל געווען אַ שטאַרקע לאַכערקע אויף דער בינע. פלעג איך זייער אָפט זיך ניט קענען קאָנטראָלירן, און כמעט ביזן סוף סצענע פלעג איך שוין ניט קענען אַרויס פון דעם לאַכן, וואָס עס איז מיר באַפאַלן. מישאַ גערמאַן פלעגט מיר אָפט זאָגן: „דו כאַכאָטשעסט ווי אַ קאַטשקעלע..." און ווען ער האָט געזען, אַז איך קען זיך ניט קאָנטראָלירן פון לאַכן, פלעגט ער צוטוליען מיין קאָפּ צו זיין שולטער, כדי דער עולם זאָל ניט באַמערקן מיין לאַכן, און ער פלעגט מיר זאָגן: „נו, לאָז זיך אויס, קאַטשקעלע..."

דער איינציקער פון דער טרופּע וואָס האָט ניט הנאה געהאַט פון אונזער „שפּיל" איז געווען דער פריער דערמאָנטער אינטריגאַנט אונזערער. ער איז געווען איינער פון די, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט אונז פון דער ערשטער טרופּע. הפנים, אַז אים האָט פאַרדראָסן אונזער אַרט קושן זיך, ווייל, ווי איר געדענקט, פלעג איך שטענדיק פאַרשטעלן מיינע ליפּן מיט מיינע פינגער, ווען ער האָט אין דער פּיעסע מיך געדאַרפט קושן. האָט ער איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט יעקב זילבערט, וועלכער האָט פיגורירט אַלס סטאַר, רעזשיסאָר און דער פירער פון דער טרופּע, אויף מיין לאַכן.

איז זילבערט צוגעקומען צו אונז און שטילערהייט, שטרענג און ערנסט אַ זאָג געטאָן: — „דו לאַכסט גאָר?...” איך, אין מיין טיפסטן געלעכטער, האָב תיכף אַ הויב געטאָן מיין קאָפּ פון גערמאַנ׳ס שולטער. אויף מיין פּנים איז ניט געווען קיין סימן פון געלעכטער און מיט אַ זייער ערנסט, באַליידיקטער מינע אים שטיל געענטפערט: — „ווער לאַכט?!”

ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט: — „כ׳האָב געמיינט אַז דו לאַכסט”.

אָט דער שפּיל אונזערער און אונזער דעמאָנסטראַטיווער קושן זיך, איז, דוכט מיר, דער איינציקער פאַל אין אידישן טעאַטער וואָס האָט ניט געפירט צו בייזע רכילות׳ן. עס וואונדערט מיך טאַקע ביז היינט, וואָס די רכילות־טרייבער האָבן אונז דרייען: מישאַ׳ן, לוסי׳ן און מיך, ניט אַריינגענומען אין די מיילער. די באַציאונג אונזערע איז, הפּנים, געווען אַזוי חבר׳יש, אַזוי אָפן, אַזוי אומשולדיק, אַז זייער רכילות־קונסט איז געבליבן הילפלאָז.

סיי מישאַ, סיי לוסי, האָבן זיך צו מיר באַצויגן ווי צו אַ קליין שוועסטערל. און איך האָב טאַקע אָנגעקוואָלן פון מישאַ׳ן, ווי פון אַ גרויסן ברודער.

מישאַ, וועלכער איז ניט לאַנג פריער געקומען פון רוסיש־פּוילן, האָט נאָך אין זיין לשון געטראָגן אַ סך רוסישע אידיאָמען און אויסדרוקן. ער האָט מיך קיינמאָל ניט גערופן מיס אַדלער, אויך ניט צילי. ער פלעגט מיך רופן אויפן עכט־רוסישן אופן „ציליאַ יאַקאָווליעוונאַ”.

אין די „גרינע יאָרן” זיינע איז גערמאַן געווען שטאַרק באַהערשט פון אַ זייער ערנסטער שטימונג. קען זיין, אַז דאָס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיינע זאָרגן ווי אַזוי זיינע און לוסי׳ס קאַריערעס וועלן זיך אויספורעמען אין אַמעריקע. אין אייראָפּע האָט ער שוין דערגרייכט דעם סטאַזש פון אַן אָנגעזענעם שוישפּילער און אפילו אַ רעזשיסאָר. פלעגט זיך טאַקע זעלטן ווייזן אַ שמייכל אויף זיין פּנים, און איך האָב אים קיינמאָל ניט געהערט לאַכן, אויסער אין זיינע ראָלן אויף דער בינע.

געדענק איך, אַז זייער אָפט ווען מיר פלעגןביידע אַראָפּגיין פון דער סצענע פריילעכע, לאַכנדיקע, פלעג איך ממש שטוינען ווי שנעל זיין שטימונג האָט זיך געענדערט. ווי נאָר מיר האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פון דער בינע, איז ער תיכף ווידער אַריין אין זיין ערנסטער שטימונג, און איך געדענק ווי איך בין באַהערשט געוואָרן פון אַן אַמביציע אים צו זען לאַכן. איך האָב אַזאַ געלעגנהייט געקראָגן.

עס זיינען געקומען די פריילעכסטע יום־טוב׳דיקע טעג אין אַמעריקע — ניי־יאָר. איז עס שוין אַ מנהג, ערב ניי־יאָר צו פּראַווען שמחות. האָט די טרופּע באַשלאָסן אויך צו מאַכן אַזאַ שמחה.

מיר האָבן גע׳פּועל׳ט ביים אייגנטימער פון סאַלון, וואָס איז געווען אונטער אונזער טעאַטער, אַז ער זאָל אונז לאָזן נוצן דעם זאַל פון סאַלון, וואָס האָט זיך געמוזט שליסן, לויט די געזעצן אין שיקאַגאָ, צוועלף אַזייגער. דאָרט האָבן מיר געפּייערט אונזער שמחה. דער אייגנטימער איז נאָך געווען פריינטלעך געגנוג, אונז צו באַזאָרגן מיט די געטראַנקען. מען האָט אויס־געשטעלט אַ לאַנגן טיש מיט אַלערליי צובייסנס, און מיר האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין.

לוסי גערמאַן האָט אין דער פּיעסע ניט געשפּילט. איז ווי פאַרברענגט אַ שוישפּילערין ווען זי האָט אַ פריייען אָוונט? זי גייט זען שפּילן טעאַטער. זי איז אַוועק אין פּאַלאַס טעאַטער זען אַ אידישע פאָרשטעלונג. זי האָט זיך הפּנים פאַרעדט מיט די שוישפּילער דאָרט, און ווען אונזער שמחה האָט זיך אָנגעהויבן, איז זי נאָך ניט געווען. גערמאַן האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך און געטרונקען צו מיר. איך בין געזעסן אַנטקעגן אים.

— ס׳נאָווים גאָדאָם, ציליאַ יאַקאָוולעוונאַ! (צום נייעם יאָר!).

ער האָט שנעל זיין גלעזל אויסגעטרונקען.

ער האָט ניט באַמערקט, אַז איך האָב מיין גלעזל באַהאַלטענערהייט אויסגעגאָסן. איך קען ניט טרינקען און איך האָב ניט געוואָלט מאַכן אַ ווען דערפון.

—טרינקען מיר נאָך איינס, ציליאַ יאַקאָווליעוונאַ?

—אַוודאי!

איך האָב דערפילט, אַז איצט איז די געלעגנהייט אים צו מאַכן לאַכן.

ער האָט ווידער אָנגעגאָסן. מיר האָבן ווידער אָנגעשלאָגן די גלעזלעך. ער האָט זיינס אויסגעטרונקען און איך האָב מיינס אויסגעגאָסן. ווען ער האָט אויסגעגלייכט דעם קאָפּ פון איינשלינגען דעם געטראַנק און באַמערקט דאָס ליידיקע גלעזל אין מיין האַנט, האָט ער צעעפענט די אויגן מיט באַ־וואונדערונג און געזאָגט:

—ביזט דאָך גאָר אַ כוואַט! טרינקען מיר נאָך איינס?

ער איז אויך געווען פון די שוואַכע טרינקערס, און נאָכן דריטן גלעזל האָט ער אָנגעהויבן לאַכן.

איך בין געווען אַזוי צופרידן צו זען אים לאַכן, אַז איך האָב אים שוין געטריבן צו טרינקען. נאָך יעדן גלעזל איז מישאַ גערמאַנס געלעכטער געוואָרן שטאַרקער און פרייער. זיין געלעכטער איז געווען אַזאַ, אַז די

גאַנצע טרופּע איז אַנגעשטעקט געוואָרן סיי פון זיין לאַכן, סיי פון דעם שפּיל, ווי אַזוי איך האָב אויסגעליידיקט די גלעזלעך.

דאָס האָט שוין געמוזט זיין נאָכן זעקסטן אָדער זיבעטן גלעזל. מישאַ גערמאַנ׳ס געלעכטער האָט געקלונגען איבערן גאַנצן זאַל, ווען אין טיר האָט זיך באַוויזן די פאַרשפּעטיקטע לוסי גערמאַן.

לוסי האָט צעעפנט די אויגן פון גרויס איבעראַשונג, זעענדיק ווי גערמאַן שטייט מיט אַ גלעזל אין האַנט און לאַכט אויפן קול. איר פּנים איז ערנסט געוואָרן און מיט אַ געוויסער שטרענגקייט, וואָס איז געווען אַ טייל פון איר כאַראַקטער, איז זי צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— גערמאַן, עס פּאַסט דיר ניט.

ער און דער גאַנצער עולם האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט. ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל און איר דערלאַנגט, זאָגנדיק:

— ס׳נאָווים גאָדאָם, ליאַשאַ, טרינק מיט מיר צום נייעם יאָר! טרינק, ליאַשאַ! לאָך מיט מיר צוזאַמען!...

לוסי האָט אויסגעטרונקען, גענומען שמייכלען, פאַרלוירן איר שטרענג־קייט און מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אַ וואונדערבאַרן אָוונט.

מיר איז, הפּנים, ניט באַשערט געווען קיין גרינג לעבן אין שיקאַגאָ. מיין שטימונג האָט זיך שטאַרק דערהויבן אַ דאַנק דער ענדערונג אין גאַנג פון אונזער טעאַטער. מיט דעם נייעם שוישפּילער פּערסאָנאַל, וועלכער איז מיר געווען אַזוי צום האַרצן, האָט זיך אויף מיר פּלוצלונג אָנגערוקט אַ צרה פון גאָר אַן אַנדער זייט. די משפּחה וואו איך האָב געוואוינט, דער דאָקטאָר מיט זיין ווייבל, האָבן דערוואַרטעט אַ צווייט קינד. זי איז שוין געווען אין די גאָר הויכע חדשים, און זיי האָבן געדאַרפט מיין צימער פאַר זייער עלטער קינד. איך האָב געמוזט זוכן אַ נייע דירה.

די שפּאָרעוודיקייט, וואָס מיין מאַמע האָט אין מיר געזוכט איינצופלאַנצן, האָט מיך נאָך ניט באַהערשט. איך האָב נאָך ביז דאַן קיין „קניפּל״ ניט געהאַט, אַזוי, אַז ווען ס׳האָט זיך מיר געמאַכט אַ דירה — ניט צו ווייט פון טעאַטער, אין גלייכן געלט, האָב איך זי גענומען.

איך האָב זיך גאָרניט פאַרטראַכט, אַז מיר וועט אפשר אויסקומען ליידן קעלט אין מיין צימער. די דירה איז באַהייצט געוואָרן פון אַ גרויסן אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין קיך. מיין צימער איז געווען ווייט פון קיך. און ווען איך פלעג קומען אַהיים שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ פאָרשטעלונג, איז ביי מיר אין צימער געווען שטאַרק קאַלט.

שיקאַגאָ, ווי איר ווייסט, איז, בכלל, חוץ אירע ווינטן, אויך געבענטשט מיט גרויסע פרעסט. יענער ווינטער איז ניט געווען קיין אויסנאַם. וואָכן

און חדשים איז דער הויכער שניי געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט. איך בין, בכלל, וואָס מ׳רופט אַ „פּאַרפרוירענע נשמה״. איך קען ניט פאַר־טראָגן קיין קעלט. איך לאָז איך עס איבער צו אַייער פאַנטאַזיע, זיך פאַרצו־שטעלן דאָס בילד.

איך גיי שפּעט ביינאַכט פון טעאַטער אַהיים. די קאַלטע שיקאַגער ווינטן לאָזן זיך וואוילגיין איבער מיר. איך קריך אין טיפע שנייען. דער שטאַרקער פראָסט נעמט מיר דורך און דורך. ווי נאָענט מיין דירה איז צום טעאַטער, דאַרף איך אַלץ גיין צופוס פון אַכט ביז צען היפּשע בלאָק... בין איך שוין האַלב פאַרפרוירן, איידער איך קום אַריין אין הויז. ערשט איצט, אַריינקומענ־דיק אין מיין קאַלטן צימער, איז בלויז דער געדאַנק פון דאַרפן זיך אויסטאָן און אַריינקריכן אין אַן אייז־קאַלטער בעט, מאַכט מיך צו ציטערן.

פלעג איך טאַקע בלויז אַראָפּוואַרפן דעם אויבערמאַנטל און די שיך און מיטן גאַנצן אָנטועכץ אַריינקריכן אין בעט און אונטער דער קאָלדרע ערשט זיך גענומען אויסטאָן. איך פלעג זיך איינקנוילן און ציטערנדיק זיך עטוואָס אָנוואַרעמען.

איז דאָס שטיקל אָרט, וואו איך בין אַן איינגעקנוילטע געלעגן, שוין געוואָרן אַ ביסל אָנגעוואַרעמט, מ׳שטיינס געזאָגט. איך בין דאָך אָבער אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, און מ׳גיט זיך אַמאָל אַ דריי, אָדער אַ ריר פון שלאָף, אָדער עס ווילט זיך אויסציען די איינגעקראַמפּטע פיס. פלעג איך זיך אָנ־טרעפן אויף אַזעלכע אייז־קאַלטע פלעצער, אַז ס׳האָט מיך פון דעם שלאָף אויפגעריסן . . .

איך האָב זיך באַקלאָגט פאַר מיין באַלעבאָסטע. זי איז געווען זייער אַ האַרציקע אידענע; זי קען מיר אָבער ניט געבן דאָס וואָס זי האָט ניט. פונ־דעסטוועגן האָט זי געטאָן וואָס עס איז איר געווען מעגלעך. איידער זי איז געגאַנגען שלאָפן האָט זי באַוואָרנט, אַז אַ הייסער טשייניק מיט הייס־קאָכע־דיקע וואַסער זאָל זיין אָנגעגרייט פאַר מיר. זי האָט מיר גערעאַטן צו קויפן אַ גומענעם וואַסער־בייטל (האָט־וואָטער בעג), און ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך אָנגעפילט דעם גומענעם בייטל מיט הייס־קאָכעדיקע וואַסער. דאָס אַליין האָט מיר שוין אַביסל אָגעוואַרעמט. איך פלעג דעם הייסן בייטל אַריינלייגן אין בעט און איך נאָך אים אונטער דער קאָלדרע, און ווי־ניט־איז זיך אויסטאָן. דערנאָך אַראָפּגערוקט דעם בייטל צו מיין צופוסנס, און אין אַט דער „באַקוועמלעכקייט״, מ׳שטיינס געזאָגט, פלעג איך ווי־ניט־איז איינ־שלאָפן.

אָבער אפילו דאָס איז מיר לאַנג ניט באַשערט געווען.

אין אַ שיינער, קאַלטער נאַכט, האָט דער הייסער גומענער בייטל רעוואָ־

טירט קעגן דעם זודיק־הייסן וואַסער, וואָס מען האָט אין אים נאַכט־איין, נאַכט־אויס אַריינגעגאָסן. האָט ער געפּלאַצט, און דאָס זודיקע וואַסער האָט מיר אָפּגעפּאַרעט די פיס. מיינע קוויטשערייען האָבן אויפגעוועקט דאָס גאַנצע הויז. מיינע פיס זיינען זייער ערנסט אָפּגעבריט געוואָרן.

אַלע אין הויז האָבן מיר געפּרואווט העלפן. אָבער די שרעקלעכע שמערצן פון מיינע אָפּגעבריטע פיס האָבן זיי ביי מיר ניט געקענט צונעמען. די ווייטיקן זיינען געשטיגן פון מינוט צו מינוט. דאָס איינציקע שטיקל גליק איז געווען, וואָס דער צווייטער באָרדער, וואָס מיין באַלעבאָסטע האָט געהאַלטן, האָט שטודירט אויף אַן אַפּטייקער, און ווען ער האָט באַטראַכט מיינע אָפּגעבריטע פיס, האָט ער אָנגערופן מיטן נאָמען אַ מעדיצין וואָס איז נויטיק צוצולייגן אין אַזאַ פאַל.

איז בלויז אַ פראַגע, וואו קריגט מען די מעדיצין האַלב נאָך איינס, צוויי אַזייגער ביינאַכט. ער האָט ניט געקענט צוזען די ווייטיקן וואָס איך לייד, האָט ער זיך אָנגעטאָן און זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַן אָפענעם אַפּטייק. כאָטש מיינע שמערצן האָבן ניט אויפגעהערט, האָט אָבער דער באַוואוסטזיין אַז די ריכטיקע הילף וועט באַלד קומען, מיך אַרויסגענומען פון מיין פאַרצווייפלונג. ס׳האָט דער באַלעבאָסטע גענומען אַ היפּשע ווילע איבערצובייטן מיין פיטש־נאַסע בעט, כדי איך זאָל זיך קענען צוריק אַוועקלייגן.

איך האָב שוין איצט אַליין אויף מיינע פיס צום בעט ניט געקענט צוגיין. די באַלעבאָסטע האָט מיך כמעט צוגעטראָגן און אַריינגעלייגט אין בעט. איך האָב שרעקלעך געליטן ליגנדיק אין בעט און זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אָט־באַלד קומט די ישועה. די באַלעבאָסטע איז מיט מיר געזעסן און מיך אויך געטרייסט, אַז אָט, אָט קומט ער שוין.

די צייט האָט זיך געצויגן — עס איז שוין דריי, עס איז שוין פיר, עס איז שוין באַלד פינף. ביי אונז ביידן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער פאַרצווייפלונג: וואו איז ער? פאַרוואָס קומט ער ניט? שוין באַלד דריי שעה אַוועק . . . וואו איז ער? . . .

ביינאַכט אין שיקאַגאָ פאַסירן זאַכן . . . ווער ווייסט וואָס מיט אים איז געשען? . . . דער געדאַנק אַז איך בין שולדיק אין דעם אומגליק, וואָס מיט אים האָט אפשר פאַסירט, האָט מיך שטאַרק גענומען באַאומרואיקן, און איך האָב כמעט פאַרגעסן אין מיינע גרויסע ווייטיקן . . .

ס׳איז שוין געווען באַלד זעקס, ווען ער איז אַ מידער, אַ פאַרפרוירענער אַריינגעפאַלן אין שטוב. ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איך האָב זיך אַזש צעשמייכלט, פאַרגעסנדיק מיינע פיס . . . ער האָט פון אונזערע פנים׳ער אַראָפּגעלייענט וואָס מיר ווילן פרעגן. דער איינציקער אַפּטייק וואָס איז

אָפּן אַ גאַנצע נאַכט איז עטלעכע מייל ווייט, אַזש אין דער „לופּ״, ווי יענער טייל שיקאַגאָ ווערט אָנגערופן. ער איז צו־פוס געגאַנגען אַהין און צוריק, אָבער ער האָט די מעדיצין געבראַכט.

ער האָט פּאַכמעניש באַנוצט די מעדיצין, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּט איבערבייטן. ווי מיד ער איז געווען, איז ער געשטאַנען ביי מיין בעט און געהאַלטן אין איין איבערבייטן די קאָמפּרעסן. איך בין ענדלעך איינגע־שלאָפן...

אָבער דערווייל בין איך אַן אַקטריסע. און סע וייסן דאָס שוין קינדער אין די וויגן, אַז „דאָס שפּיל מוז אָנגיין״ — אַן אַקטריסע קען זיך ניט דער־לויבן לאַנג צו קרענקען...

מיינע וויטיקן זיינען געווען אומדערטרעגלעך ווען איך פלעג אַראָפּ־לאָזן די פיס. פלעגט מען קומען פון טעאַטער, מיך אַראָפּגעטראָגן פון הויז, מיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי, מיך אַריינגעטראָגן אין מיין גאַרדעראָב, וואו איך האָב זיצנדיק, האַלטנדיק די פיס אויף אַ בענקל, מיך גרימירט, מיך גרייט געמאַכט צו דער פאָרשטעלונג. איך האָב אָבער אויף דער בינע ניט געקענט אַרויפגיין. מען האָט געמאָלדן דעם עולם, ביי יעדער פאָר־שטעלונג, וואָס מיט מיר איז געשען. האָב איך מיין ראָלע געשפּילט האַלב־ליגנדיק אויף אַ קושעטקע.

מיין איינציקע באַלוינונג פאַר די יסורים פון מיינע אָפּגעפּאַרעטע פיס איז געווען דאָס, וואָס מישאַ גערמאַן פלעגט מיך אַרויפטראָגן און אַראָפּ־טראָגן ביי יעדער פאָרשטעלונג...

**אין טעאַטער איז אַלץ** געגאַנגען כשורה; אַזוי אויך אין מיין אייגענעם פּערזענלעכן לעבן. הפּנים, אַז שיקאַגאָ האָט באַשלאָסן, אַז זי האָט מיר שוין צוגעטיילט גענוג צרות און האַרצווייטיק, סיי אַלס צילי פיינמאַן, סיי אַלס צילי אַדלער.

האָב איך די לעצטע פּאָר חדשים פון ווינטער, און דעם גאַנצן פרילינג זייער פיין פאַרבראַכט. איך האָב פאַרגעסן אַלע מיינע צרות און שווערע אי־בערלעבונגען פון די ערשטע חדשים, דערפילט אַן אמת׳ע באַפרידיקונג אין מיינע טעאַטער־דערגרייכונגען. איך האָב געהאַט אַ סך פאַרגעניגן פון דעם אופן ווי די טרופּע האָט זיך צו מיר באַצויגן, און פון דער ליבע וואָס דער עולם האָט מיר אַרויסגעוויזן.

איז אונז אַלעמען שווער געווען דאָס שיידן זיך, ווען דער טעאַטער

האָט זיך געשלאָסן סוף מאַי. האָבן מיר דערפאַר זיך גאָר שטאַרק געפרייט, וואָס ס׳איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ קורצער טור פאַר אונז אויפן וועג אַהיים. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר עטלעכע פאָרשטעלונגען אין דעטראָיט, קליוולאַנד, פּיטסבורג, באָסטאָן און אין אַ פּאָר קלענערע שטעט. מ׳האָט אונז אומעטום פיין אויפגענומען און מיר האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון אונזער קורצן טור.

ס׳איז אָבער באַשערט געווען דער אידישער טעאַטער־וועלט און די אידן אין אַמעריקע בכלל, יענעם זומער איבערצולעבן אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג. אונז האָט עס דערגרייכט, דוכט מיר, אין קליוולאַנד. האָט עס אויף אַלעמען אַנגעוואָרפן אַ מרה שחורה און אַ טרויער. אָבער, מער פון אַלעמען, האָב איך זיך געפילט צערודערט און דערשיטערט.

דעם 10טן יוני, 1909, האָט דער טויט באַרויבט דאָס אידישע טעאַטער פון זיין בעסטן כוח, צוגענומען ביי אידישע שוישפּילער זייער בעסטן פריינט. עס איז געשטאָרבן יעקב גאָרדין. דורך די יאָרן פון מיינע קינדער־ראָלן האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַ שטאַרקע ליבע, אַ שטאַרקער דרך־ארץ, אַ טיפע געטריישאַפט צו יעקב גאָרדין. איך געדענק ווי דערהויבן איך פלעג זיך פילן ביי פּראָבעס, ביי פאָרשטעלונגען אין זיין נאָענטקייט. איך האָב ממש געאָטעמט מיט זיין פערזענלעכקייט. דאָס גרעסטע גליק איז פאַר מיר געווען, ווען איך האָב אים מיט עפּעס געקענט באַדינען, אים עפּעס דערלאַנגען, אים עפּעס צוטראָגן.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז זיינער אַ קאָמפּלימענט, זיינס אַ גוט וואָרט וועגן מיין שפּילן, האָט מיר פאַרשאַפט דעם גרעסטן פאַרגעניגן. געדענק איך, ווי איינמאָל ביי אַ פּראָבע, אין אַ הייסן טאָג, האָט ער געוואָלט אַ קאַלטן טרונק. עס איז געווען ביי אַ פּראָבע פון „מירעלע אפרת״. מיין מאַמע, ווי איר געדענקט, האָט געמאַכט פּראָבע אויף דער ראָל פון „שיינדעלע״. זי האָט מיך שטילערהייט אַרויסגעשיקט צו ברענגען פאַר אים אַן „אייז־קרים סאָדאַ״. ווען איך האָב עס אים צוגעטראָגן, האָט ער מיט ליבע מיך באַטראַכט, מיך אַ קוש געטאָן און געזאָגט :

„אַז דו וועסט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסע אַקטריסע, וועל איך פאַר דיר ספּעציעל אָנשרייבן אַזאַ ראָלע, אַז דו זאָלסט מיט איר באַרימט ווערן איבער דער גאַנצער וועלט״.

אָט דער צוזאָג זיינער האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין מוח. איך האָב אָפט געטראַכט דערפון און שטאַרק געהאָפט, אַז דאָס וועט מקויים ווערן.

גאָרדינ׳ס לעצטע ווערטער, „פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ״, האָבן ניט נאָר געענדיקט זיין לעבן, זיי האָבן זיכער צוגענומען אַ שטיק לעבן פון אידישן טעאַטער און פאַר׳יתומ׳ט אַ היפּשע צאָל אידישע שוישפּילער. עס האָבן אים

באַװײנט הונדערטער טויזנטער אידן. ער האָט געהאַט די גרעסטע לװיה װאָס ניו יאָרק האָט װען געזען. אידן פּשוט׳ע, יונגע, מיטליאָריקע און עלטערע, האָבן געװײנט מיט ביטערע טרערן, װי מען באַװײנט אַ נאָענטן אײגענעם. ערשט איצט האָט מען דערזען און דערפילט װי די אידישע מאַסן, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, האָבן אים פאַרערט און ליב געהאַט. עס איז ערשט איצט קלאָר געװאָרן װאָס יעקב גאָרדין איז געװען פאַרן אידישן טעאַטער־עולם.

אַ סך איז געשריבן געװאָרן װעגן יעקב גאָרדין, סײ בײ זײן לעבן, סײ נאָך זײן טויט. געדענק איך װיפל עגמת־נפש איך האָב געהאַט פון דעם װאָס אַ היפשע צאָל אײראָפּעאישע אידישע שרײבער און טעאַטער־קריטיקער, האָבן געשריבן מיט ביטול, מיט גרינגשעצונג װעגן אים און װעגן זײן קאָלאָסאַלן בײטראָג צום אידישן טעאַטער. מיט פאַרדרוס האָב איך זײער שרײבן געלײענט. מײן פאַרדרוס אויף זײ איז בײ מיר געבליבן ביז הײנט. איך האָב אינטואיטיװ דערפילט אַ ניט־אויפריכטיקײט אין זײער שרײבן, אַ סאָרט סנאָביזם. בכלל, האָב איך געהאַט דעם אײנדרוק, אַז זײער באַציאונג, סײ צום טעאַטער, סײ צו די שױשפּילער, איז געװען אַ פון־אויבן־אַראָפּיקע. זײ האָט געפעלט די ליבע צום טעאַטער, די פאַרשטענדעניש פאַר דער נשמה פון דעם שױשפּילער.

האָב איך, דערפאַר, מיט אַ סאָרט נקמה־געפיל געלײענט, װי אײנער פון יענע, אַן אַנערקענטער טעאַטער־שרײבער, האָט זיך באַקלאָגט נאָך גאָרדינ׳ס טויט: „גאָרדינ׳ס טויט האָט געטראָפן דעם אידישן טעאַטער װי אַ דונער. װען מיר איז אויסגעקומען צו רײדן מיט אידישע אַקטיאָרן װעגן גאָרדינ׳ען, האָבן זײ זיך צעװײנט װי קלײנע קינדער, װי קינדער װאָס האָבן פאַרלוירן דעם טאַטן, דעם שפּײזער. ליטעראַטור האָט בײ זײ געהײסן גאָרדין טעאַטער האָט בײ זײ געהײסן גאָרדין — אַלץ גאָרדין.

ער לאַכט אויס אסתר־רחל קאַמינסקי: „פאַר אסתר־רחל׳ען איז גאָרדין געװען ניט בלויז אַ דראַמאַטורג. איר גײסטיקײט האָט זי געשעפּט פון זײנע דראַמען. גאָרדין איז געװען איר משיח. זי צעװײנט זיך און הױבט אים אָן צו באַקלאָגן, װי עלטערע פרויען באַקלאָגן אַ ליבן בר־מינן: אונזער טאַטע איז ער דאָך געװען, אונזער שטאָלץ און אונזער האָפענונג. אויף װעמען האָט ער אונז איבערגעלאָזט? עלנטע יתומים׳לעך זײנען מיר דאָך איצט. שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטוך״.

ער האָט נעבעך ניט געקענט און ניט געװאָלט פאַרשטײן, יענער טעאַטער־שרײבער, די אויפריכטיקע געפילן פון דער אידישער טעאַטער־משפּחה צו

יעקב גאָרדין. אַ גליקלעכער אויסנאַם דאָרט איז געווען נח פּרילוצקי. אָט ווי ער באַציט זיך צו גאָרדינ׳ס בייטראַג צום אידישן טעאַטער:

„יעקב גאָרדין האָט באַשאַפן די אידישע דראַמע. ער האָט דער ערשטער אַרויפגעפירט אויף דער אידישער סצענע דאָס ווירקלעכע לעבן... ער איז דער גייסטיקער טאַטע פון אידישן דראַמאַטישן אַרטיסט... דער גייסטיקער טאַטע פון אונזער אינטעליגענטיש טעאַטער־פּובליקום... גאָרדין האָט זייער אַ סך געשריבן, האָט ער ניט ווייניק שוואַכע זאַכן, אָבער אפילו זיי זיינען סצעניש. תמיד איז ביי אים די בינע אין באַוועגונג, און די באַוועגונג איז ביי אים ניט קיין געקינצלטע. גאָרדינ׳ס פּיעסן זיינען כמעט אַלע טעאַטער־שטיקער אין פולסטן זין פון וואָרט, און אין דעם שטעקט טאַקע דער סוד פון זיין קאָלאָסאַלן דערפּאָלג אין אַמעריקע, ווי אין רוסלאַנד... ער איז געווען ביי אונז דער ערשטער, וואָס האָט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי".

אונזער אַמעריקאַנער שרייבער־משפחה האָט, אָן אויסנאַם, געהאַט צו גאָרדינ׳ען אַ באַציאונג פון אויפריכטיקייט און דרך־ארץ. זיינען אַוודאי געווען שטרענגערע און מילדערערע קריטיקער. די חסרונות זיינע האָט מען ניט פאַרשוויגן. פאַרקערט, זיי זיינען בולט אונטערגעשטראָכן געוואָרן. אָבער אַלע, אפילו די שטרענגסטע, האָבן אַנערקענט זיין גרויסן בייטראַג צום אידישן טעאַטער. שרייבט ב. גאָרין:

„די גרעסטע און וויכטיקסטע פאַרדינסטן פון יעקב גאָרדין באַשטייען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אַ באַלאַגאַן, ווי ער האָט דאָס טעאַטער געטראָפן אין אַמעריקע, אין אַ טעמפּל פון קונסט, קינסטלער — און גרויסע קינסטלער... ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער שרייבט פאַר אַ טעאַטער מיט אַ לעבעדיקן פּובליקום... האָט ער תמיד געשטרעבט צו שאַפן אַלץ בעסערס און העכערס".

שרייבט אַב. קאַהאַן:

„זיינע ווערק זיינען געשטאַנען אַ סך העכער ווי די פריערדיקע אידישע דראַמעס, און פון אַלע זייטן האָט מען אים באַגריסט אַלס אַ טאַלאַנט, אַלס דער גרויסער אויפהויבער פון דער אידישער בינע. איז זיין קורס צווישן די אינטעליגענטן הויך געוואַקסן... ער איז געווען דער צענטער פון דער אידישער בינע־וועלט. ער איז געווען פּאָפּולער און וויכטיק... עס האָט ניט געקענט זיין קיין ספק, אַז ער האָט טאַלאַנט, הומאָר, און אַז ער פאַרשטייט די בינע אויסגעצייכנט".

שרייבט דוד פּינסקי:

„ער ברענגט אַריין אין דער אידישער דראַמע דעם עיקר־הדבר פון

דער קונסט. כמעט אין יעדן ערשטן אַקט פון זיינע דראַמעס ווערן מיר באַקאַנט מיט לעבעדיקע מענטשן, אָפּגעפּאַטאָגראַפירטע פון דער ווירקלעכקייט, מיט לעבנספולע אינדיווידואַליסטן, מיט פון לעבן אָפּגעקאָפּירטע טיפּן... גאָרדין מאַכט שולע... מען הויבט אים אָן נאָכצומאַכן. די נאָכמאַכער אָבער זיינען אַלע שוואַכער פון אים, מיט קלענערן טאַלאַנט... זיי שטייען אַלע אונטער אים... זיין ריכטונג האָט דערהאָבערט דאָס אידישע טעאַטער. איז ער געוואָרן דער אויבערהאַר פון דער אידישע בינע״.

די גרינטלעכסטע און אַלזייטיק־טיפסטע אָפּשאַצונג פון גאָרדינ׳ען גיט אונז דער לאַנגיאָריקער קריטיקער פון ליטעראַטור און טעאַטער, אונזער וועטעראַן יואל ענטין, ז״ל:

„די אידישע בינע האָט אין גאָרדינ׳ען געפונען איר רעפאָרמאַטאָר, איר נאָוואַטאָר, איר דערלייזער... אַ לאַנגע, לאַנגע טיפּן־גאַלעריע האָט אונז גאָרדין געגעבן — געזונטע, פאַרביקע, סקולפּטורנע, בולט׳ע כלל־פיגורן, פאַרשטייער פון גאַנצע סאָרטן און קלאַסן... אַ לאַנגע גאַלעריע: פאַרשי־דענע ביוואָנסן פון פּראָסטן חי־וקיים; דעם ערד־מענטש — פונם הויזלעכן דעספּאָט; פון דער פאָלקס־פּרוי; פון דעם סוחר׳ישן מענטשן; פון דעם אינ־טעליגענט; פון דער יונגער אידישער פרוי; פונם גרויס־שטאָטישן הפקר־מענטשל... גאָרדינ׳ס דיאַלאָג פון דער צאַפּלדיק־ווערבירנדיקן, ליידנשאַפט־לעך־דראַמאַטישן ריטם... זיינע סיטואַציעס גליען מיט שטרייט, פלאַקערן מיט ליידנשאַפט, צינדן, רייסן מיט אמת־דראַמאַטישן אימפּעט... יעקב גאָרדין איז נאָך אַלץ אונזער בעסטער, גרעסטער דראַמאַטורג. ער האָט געהאַט באַ־דייטנדיקע ליטעראַרישע פעלערן, ער איז אָבער געווען אַ גאָט־געבענטשטער דראַמאַטורג, ער איז געווען אַ מייסטער פון דער טיפער בינע־טעכניק״.

און אָט נאָך עטלעכע מיינונגען פון שוישפּילער. האָט מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, געשריבן נאָך גאָרדינ׳ס טויט:

„ווען איך צוזאַמען מיט מיינע קאָלעגן שוישפּילער, שרייען נאָר גאָרדין, מיינט דאָס ניט, אַז מיר פאַרלייקענען די אַנדערע, די נייע, די מאָדערנע... אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז גאָרדין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשטאַנען דאָס אידישע פּובליקום... זיינע טיפּן פון אידישן לעבן האָט דאָס פּובליקום דערקענט״.

בערטאַ קאַליש: „אַ וואַרעמקייט האָט געשלאָגן פון אים. יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט איז פאַר מיר געווען אַ שטיק תורה... ער איז געווען דער איינציקער מענטש אין טעאַטער צו וועמען אַלע האָבן אַרויפ־געקוקט...״

בעסי טאָמאַשעפסקי אין אירע זכרונות זאָגט: „מיר האָבן אַלע הנאה

געהאַט צו ריידן אַזאַ זיסע פראַזע ווי גאָרדינ׳ס... גאָרדין האָט פיל געמוזט דורכמאַכן ביים אידישן טעאַטער. קעמפן ווי אַ נביא, אי מיט די אידישע שוישפּילער, אי מיטן אידישן פּובליקום, עס זאָל זיי ביידן צו קיין גנאי ניט זיין״.

עס ווערן אויך דערציילט אַ פּאָר קאָמישע עפּיזאָדן פון זיין לוויה. צווישן די הספּדים זאָגט איינער: „יעקב גאָרדין איז ניט געשטאָרבן, יעקב גאָרדין לעבט — ער איז אומשטערבלעך״... דער צווייטער גאָך אים שרייט אויס דראַמאַטיש מיט אַ קול פאַרשטיקט פון טרערן: „יעקב גאָרדין איז געשטאָרבן! פאַר׳יתומ׳ט זיינען מיר אַלע״... אַ איד אויף דער גאַליאָרקע פרעגט ביי זיינע אַרומיקע: „זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס טוט זיך דאָ? איז גאָרדין געשטאָרבן אָדער איז ער ניט געשטאָרבן?״...

צווישן די וואָס האָבן ביי דער לוויה געמאַכט הספּדים איבער יעקב גאָרדין, זיינען אויך געווען מיין טאַטע יעקב אַדלער און דוד קעסלער. מיין טאַטע האָט זיין הספּד באַגלייט מיט אַ סך געוויין. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן... ער האָט עטלעכע מאָל זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל זיין געוויין האָט די ווערטער דערטרונקען. דער עולם האָט, פאַרשטייט זיך, מיטגעוויינט. קעסלער, פאַרקערט, האָט קיין איין טרער ניט פאַרגאָסן, אָבער זיין צעבראָכנ־קייט, זיין טיפע גערירטקייט האָט אַרויסגעשריען פון יעדן וואָרט, פון יעדן ריר, פון יעדער מינע. דער עולם אין טעאַטער, איז ממש געוואָרן היסטעריש אין צייט פון זיין ריידן.

דפנים, אַז קיין גוואַלדיקן רושם אויף די טעאַטער־מענעדזשערס אין ניו יאָרק, האָט די נייע סטאַר־שוישפּילערין, צילי אַדלער, ניט געמאַכט. ס׳האָט זיך נאָך מיר קיינער ניט געיאָגט. זיי האָבן מיך ניט געדאַרפט, אָדער פּשוט ניט געוואָלט.

ווײַט דאָס אפשר ניט זיין באַשיידן פון מיר, אָבער איך מוז דאָ אַרויס־זאָגן עפּעס, וואָס האָט מיך אין יענער צייט שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב יענעם סעזאָן אין שיקאַגאָ, בפרט אין דעם צווייטן טייל, ווען אונזער טעאַטער האָט געקראָגן מער־ווייניקער אַ לעגעטימן סטאַזש, פון יעדן שטאַנדפּונקט אויסגעהאַלטן דער עקזאַמען פון אַ הויפּט־שוישפּילערין. אויך פון דער ווייטער לאָנדאָן האָט מיין דאָרטיגער דערפאָלג אַזש דערגרייכט אויף די טעאַטער־שפּאַלטן פון „פאָרווערטס״, געדענקט איר דאָך ווי איך האָב אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געבראַכט די טענות פון דעם „פאָרווערטס״־שרייבער צו די טעאַטער־

מענעדזשערס. האָב איך, דוכט מיר, געהאַט אַ רעכט צו גלויבן, אַז פון שיקאַגאָ, וואָס איז אַ סך נעענטער צו ניו יאָרק, האָט מיין דערפאָלג אַוודאי דערגרייכט צו די טעאַטער־מענעדזשערס פון ניו יאָרק. פאַרוואָס־זשע האָט מען מיך ניט געוואָלט ?...

ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט אין שיקאַגאָ, האָב איך נאָך קיין שום באַגריף ניט געהאַט, וואָס מיט מיר וועט געשען קומענדיקן סעזאָן. נאָך דעם קורצן טור, וואָס אונזער טרופּע האָט געמאַכט אויפן וועג פון שיקאַגאָ, בין איך פאַרפאָרן קיין פילאַדעלפיע צו מיין מאַמען.

די מאַמע איז שוין געווען אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיע אויף פאַרן קומענדיקן סעזאָן. פילאַדעלפיע האָט זיך געגרייט אַריינשרייבן אַ נייעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער. מיין מאַמע האָט עס געוואוסט נאָך העט, אינמיטן סעזאָן, אַזוי אַז זי האָט זיך איינגעאָרדנט אַ שטיקל היים אין פילאַדעלפיע, און אַהין בין איך געקומען.

קיין גרויסן קניפּל האָב איך פון שיקאַגאָ׳ר סעזאָן ניט געבראַכט... אָבער עטלעכע הונדערט דאָלער האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט. האָט די מאַמע איר וואָרט געהאַלטן, די סומע פאַרטאָפּלט, און מיך דערלאַנגט מיין ערשטן באַנק־ביכל. איז עס אַוודאי אַנגענעם צו וויסן, אַז ערגעץ אין אַ באַנק איז פאַרשריבן עטלעכע הונדערט דאָלער אויף נאָמען פון צילי אַדלער. דעמאָלט אָבער וואָלט איך דעם אַנגענעמען געפיל מיט פאַרגעניגן פאַרביטן אויף אַ צעטל פון אַ ניו יאָרקער טעאַטער, וואָס זאָגט, אַז איך וועל דאָרט שפּילן דעם קומענ־דיקן סעזאָן...

מיר איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אויף אַזאַ צעטל. דערווייל בין איך אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס אין פילאַדעלפיע, און אפילו אויב איך זאָג עס אייך ניט, פאַרשטייט איר אַליין, אַז איך האָב געפילט, מילד גערעדט, זייער פּאַסקודנע...

אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס נייע קאַפּיטל טעאַטער אין פילאַדעלפיע ?

פאַר לאַנגע יאָרן איז דער קאָלאָמביאַ טעאַטער געווען דער סטאַבילער אידישער טעאַטער אין פילאַדעלפיע. ער האָט זיך געפונען אין האַרץ פון דער אידישער געגנט. האָט מיטאַמאָל מאַיק טאָמאַשעפסקי, דער ברודער פון באָריס טאָמאַשעפסקי, איבעראַשט פילאַדעלפיע — ער האָט אָפּגעדונגען דעם אַרטש סטריט טעאַטער, אַ גרויסער טעאַטער אין צענטער פון שטאָט, כדי אים צו מאַכן פאַר אַ אידיש טעאַטער. ביז דאַן האָבן דאָרט שטענדיק געשפּילט גרויסע ענגלישע סטאַרס ווי אויך רעפּערטואַר קאָמפּאַניעס. דער טעאַטער איז געווען אַ סך מאָדערנער, נייער, גרעסער און שענער פון דעם קאָלאָמביאַ טעאַטער.

דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין פּילאַדעלפיע, און פאַר איבער פיר צענדליק יאָר האָט דער אַרטש סטריט טעאַטער פאַרשריבן וויכטיקע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער.

מאַיק טאָמאַשעפסקי האָט אַנגאַזשירט אַ זייער אָנגעזעענע טרופּע שויי־שפּילער. חוץ מיין מאַמע, האָבן יענעם סעזאָן אין אַרטש סטריט טעאַטער געשפּילט דער באַוואוסטער דראַמאַטישער שוישפּילער מאַקס ראָזנטאַל מיט זיין פרוי סאַבינאַ, די לאַנג־יאָריקע פּרימאַדאָנאַ קלאַראַ ראַפאַלאַ מיט איר מאַן גאָלדבערג, דער זייער טאַלאַנטירטער קאָמיקער יעקב פרענק, דער פיינער כאַראַקטער־שוישפּילער דוד באַראַץ און אַ יונגער פּראָווינץ־אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ.

איך בין, ווי די מערסטע אידן אין פּילאַדעלפיע, געווען אַן אָפטער באַזוכער אין אַרטש סטריט טעאַטער און האָב באמת הנאה געהאַט פון דעם פיינעם שפּילן. איך קען אָבער ניט לייקענען, אַז איך האָב גלייכצייטיק געהאַט האַרצווייטיק — הלמאי איך שפּיל ניט.

דער קאָלאָמביאַ טעאַטער איז אויך ניט געבליבן ליידיק. דער שוישפּילער און טעאַטער־אונטערנעמער סאָל דיקשטיין האָט איבערגענומען דעם קאָלאָמ־ביאַ טעאַטער פאַר אידישן וואָדעוויל און „פּיקטשורס". קען מען זיך פאָר־שטעלן, אַז קיין גרויסע קאָנקורענץ צום אַרטש סטריט טעאַטער איז עס ניט געווען.

האָט אָבער דער גורל געוואָלט, אַז סיי דער קאָלאָמביאַ טעאַטער, סיי איך זאָלן גלייכצייטיק געהאָלפן ווערן. אין פּילאַדעלפיע האָט אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע טראַמווייען. דער אַרטש סטריט טעאַטער איז געווען צו ווייט פון דער אידישער געגנט, האָט דער סטרייק שטאַרק גע־שלאָגן די געשעפטן אין יענעם טעאַטער. מאַיק טאָמאַשעפסקי איז געווען געצוואונגען פאַר דער צייט פון סטרייק צו פאַרמאַכן זיין טעאַטער. סאָל דיקשטיין האָט דערזען אַ מעגלעכקייט צו העלפן זיין געשעפט אין קאָלאָמביאַ טעאַטער, האָט ער זיין לאַנג־יאָריקן, אינטימען חבר מאָריס שוואַרץ איינגערעדט ער זאָל צוטרעטן ווי אַ שותף אין זיין טעאַטער אַלס סטאַר און העלפן אים פאַרוואַנדלען דעם קאָלאָמביאַ טעאַטער אין אַ לעגיטימן טעאַטער.

שוואַרץ האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערן זיין „לידינג־לעידי", מיטן געהאַלט פון פינף און צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. איך האָב זיך ניט געשטעלט אויף דער פיל קלענערער סומע, ווי איך האָב באַקומען אין שיקאַגאָ און זיין פאָרשלאַג אָנגענומען.

מיר האָבן פאַר אַ ווילע פאָרגעזעצט די פּאָליסי פון טעאַטער, מיר

האָבן געשפּילט סקעטשעס פון די פּאַטענטירטע סקעטש־שרייבער, ליליען און גילראָד. דאָס איז אָבער ניט געווען שוואַרצ׳ס אַמביציע.

שוואַרץ האָט שוין דאַן געהאַט אַ גוואַלדיקן גלויבן אין זיך. אין זיינע אָפטע געשפּרעכן מיט זיין חבר און פּריינט סאַל דיקשטיין, האָט ער זייער אָפט אויסגעדריקט דעם געדאַנק: „וועסט זען, איך וועל נאָך אַמאָל זיין גרעסער פון אַדלער׳ן, קעסלער׳ן און טאָמאַשעפסקי׳ן". און כאָטש דיקשטיין האָט מן הסתם אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פאַנטאַזיאָר, און זיכער געטראַכט, אַז אפשר איז מיט אים „ניט אַלץ אין אָרדענונג", ווייסן מיר, אָבער, איצט, אַז שוואַרצ׳ס נביאות זיינען געווען מער באַרעכטיקט ווי דיקשטיינ׳ס צווייפל. מיר וועט שפּעטער נאָך אויסקומען זיך אָפּצושטעלן אויף שוואַרצ׳ס פּאָזיציע אין אידישן טעאַטער, אין פאַרגלייך מיט „די גרויסע דריי".

דער פאַרצויגענער סטרייק האָט צוגעשפּילט דיקשטיינ׳ען: קאָלאָמביאַ טעאַטער איז ווידער געוואָרן אַ לעגיטימער אידישער טעאַטער. מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן גאַנצע פּיעסן פון אידישן רעפּערטואַר, מיר האָבן אויפגעפירט גאָרדינ׳ס „דער אידישער קעניג ליר"; ליבינ׳ס „געבראָכענע הערצער" און „די ווילדע" און אַנדערע פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר. און ווידער האָט די בינע פון קאָלאָמביאַ טעאַטער געקראָגן איר תיקון.

מיר זיינען געווען מערסטנס יונגע מענטשן אין דער טרופּע, און אונז איז דאָס טעאַטער ליב געוואָרן. געוויינלעך האָט אַ דירעקטאָר צרות, וואָס שוישפּילער קומען שפּעט צו פּראָבע. אויף אונז האָט מען זיך ניט געקענט באַקלאָגן. די מערסטע פון אונז פלעגן קומען צולויפן אין טעאַטער ביין אַזייגער אין דער פרי, כאָטש די פּראָבעס האָבן זיך ניט גענדאַרפט אָנהויבן ביז עלף. האָבן טאָקע די פילאַדעלפיער אידן פון אונז הנאה געהאַט.

רייסן זיך מיר ממש פון דער פען אַ פּאָר עפּיזאָדן פון יענעם זייער אַנגענעמען סעזאָן. מן הסתם דאַרפן זיי אַריינגיין אין דער קאַטעגאָריע פון נאַרישקייטן:

ווי אַ שותף פון טעאַטער, האָט שוואַרץ געהאַט אַ „בענעפיט". עס איז שוין דעמאָלט אין אידישן טעאַטער געווען דער מנהג, אַז דער בענעפיציאַנט דאַרף קריגן פּרעזענטן אויף דער בינע פאַרן גאַנצן עולם אין די אויגן. פאַרשטייט איר דאָך, אַז ווען מיין געהאַלט אַלס „לידינג־לעידי" איז געווען פינף און צוואַנציק דאָלער, וויפיל עס האָט האָבן געקראָגן די אַנדערע אַקטיאָרן . . . איז קיינער פון אונז ניט געווען בכח אויסצוגעבן געלט אויף מתנות. ווי אַ פּרעמדער אין פילאַדעלפיע, האָט שוואַרץ דאָרט קיין פּערזענלעכע פריינט אויך ניט געהאַט.

מיר האָבן אָבער געפילט, אַ עפּעס דאַרף געטאָן ווערן, אַז שוואַרץ זאָל

ניט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַרן עולם — חלילה, ניט קריגן קיין פּרעזענטן...
האָבן דיקשטיין און איך, זיך גענומען די מי און איינגעפּאַקט זייער שיינע
פּעקלעך און נאָכן דריטן אַקט אים דערלאַנגט אויף דער בינע אַ היפּשע צאָל
„פּרעזענטן"...

נאָך דער פֿאָרשטעלונג, זיינען אַ פּאָר פֿון מיינע פּריינט אַרויפֿגעקומען
הינטער דער בינע. איך האָב זיי אַריינגעפֿירט צו שוואַרצ'ן אין זיין גאַרדע־
ראָב, ווייל זיי האָבן אים געוואָלט גראַטולירן. פּונקט דאַמאָלסט, האָט שוואַרץ
זיך געוואָלט נעמען עפֿענען די פּעקלעך, כדי צו באַטראַכטן די מתנות.
דיקשטיין און איך, ווּיסנדיק, אַז די פּעקלעך זיינען ליידיקע, האָבן מיט גרויס
מי אים קוים אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן...

דער צווייטער עפּיזאָד, איז געשען אין ליבינ'ס „געבראָכענע הערצער".
גיטעלע, די אומגליקלעכע העלדין פֿון דער פּיעסע, געפֿינט זיך אין אַ זייער
טרויעריקער שטימונג. דער קאָמיקער פֿון דער פּיעסע, ליבינ'ס אַ גוטמוטיקער
מענטשל, וויל גיטעלען אויפֿמונטערן. גייט ער אַרונטער און ברענגט אַרויף
אַ „פֿאַינטעלע ביר" און זיי לאָזן זיך וואוילגיין.

פּרייטיק נאַכט, ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג איז טאַקע געווען אמת'ע
ביר. אויף מאָרגן, שבת צו דער מאַטינע, נעמט גיטעלע אין דער סצענע אָנגיסן
דעם ביר, אָבער אַנשטאָט ביר קומט אַרויס סאָדאַ־וואַסער. דאָס האָט פֿאַר־
שטייט זיך, ביים עולם אַרויסגערופֿן גרויס געלעכטער. עס האָט מיר געשטעלט
אין אַ זייער נאַרישער לאַגע.

נאָכן אַקט בין איך אַן אויפֿגערעגטע צוגעגאַנגען צום „פּראָפּערטי מאַן",
וועלכער איז געווען טאַקע סאַל דיקשטיינ'ס אַ ברודער, און האָב אים
פֿאָרגעוואָרפֿן:

„וואָס האָט איר מיר געטאָן? וואו איז געווען דער ביר? נעכטן האָט
איר געגעבן ביר, פֿאַרוואָס ניט הייַנט ביַיטאָג?"

ער איז געבליבן זייער קאַלט צו מיין כעס, און האָט געענטפֿערט:
„נישקשה, פֿאַר אַ מאַטינע איז גענוג סאָדאַ־וואַסער"...

איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל, אַז שוואַרץ האָט
אין יענער צייט שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע אימיטאַציעס פֿון „די
גרויסע דריי" — אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעפֿסקי. ער פֿלעגט אַרויסברענגען
אַלע ניואַנסן און כאַראַקטער־שטריכן זייערע אויף אַ העכסט וואונדערלעכן
אופֿן.

ווען מיר האָבן יענעם סעזאָן אין קאָלאָמביאַ טעאַטער געשפּילט „קעניג
ליר" און „געבראָכענע הערצער", וואו שוואַרץ האָט געשפּילט אַדלער'ס

ראָלן, איז ער געווען אַ געטרייע קאָפּיע פון אַדלער׳ן. זייער אָפּט אויף דער בינע, שפּילנדיק מיט אים אין די פּיעסן, האָב איך אין געוויסע סצענעס זיך געמוזט שטאַרק איינקוקן אין אים, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז אונטערן גרים פון דוד משה׳לעס איז ניט באַהאַלטן טאַקע מיין טאַטע, יעקב אַדלער.

געדענק איך, ווי זיינע פּאַרטרעפלעכע קאָפּירונגען פון מיין טאַטן האָבן אין מיין זכרון אויפגעלעבט אַן אינצידענט, וואָס איך האָב שוין דאַן לאַנג געהאַט פאַרגעסן. דאָס איז געשען מיט וואָסערע צען־עלף יאָר פריער. איך בין דאַן געווען נאָך גאָר אַ קינד. געדענקט איר מן הסתם, ווען איך האָב דער־ציילט פון יענער צייט, אַז מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן קיין פילאַדעלפיע, ווייל מיין מאַמע און פּאַפּאַ פיינמאַן האָבן געפּרואווט זייער מזל אין יענער שטאָט פאַר אַ סעזאָן. אויסגעלאָזט האָט זיך, דער טעאַטער האָט זיך קוים געהאַלטן עטלעכע חדשים צוליב שלעכטע געשעפטן. ווען דער טעאַטער האָט זיך געשלאָסן, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין ראָזענהיים אויף אַ פאַרם.

געשפּילט האָבן זיגמונד און דיינאַ פיינמאַן די עטלעכע חדשים טאַקע אין דעם זעלבן קאָלאָמביאַ טעאַטער. די טעאַטער־געביידע האָט אויך פאַר־מאָגט אַ שטיקל אַפּאַרטמענט, מ׳שטייגס געזאָגט. האָבן מיר דאָרט געהאַט אונזער היים. די עטלעכע צימערן זיינען געווען צעוואָרפן אויף אַ מאָדנעם אופן. פון אונזער קיך, למשל, איז געווען אַ טיר, וואָס האָט געפירט צו דער גאַליאָרקע פון טעאַטער. פון אַן אַנדער אַלקער, האָט מען געקענט אַרויפגיין גלייך אויף דער בינע. געדענק איך, אַז מיין טאַטע, יעקב אַדלער, איז געקומען אויף עטלעכע גאַסטראָלן צו אונז אין טעאַטער. האָב איך שבת צו דער מאַטינע־פאָרשטעלונג פון אונזער קיך זיך אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער אויף דער גאַליאָרקע, זיך באַזעצט אויפן ערשטן טרעפּל פון דורכגאַנג און געזען די פאָרשטעלונג.

געשפּילט האָט מיין טאַטע זיין באַרימטע ראָלע, למך, אין יעקב גאָר־דינ׳ס „דער ווילדער מענטש“. האָב איך מיט מיין קינדערשן, קלינגענדיקן געלעכטערל אָנגעקוואָלן פון מיין טאַטן, ווי ער גייט אַרום אויף דער בינע מיט אַ קאַנטשיק און שמייסט ווער נאָר עס קומט אים אונטער דער האַנט. איז עס געווען באַוואוסט אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע, אַז אין יענער ראָלע פלעגט מיין טאַטע מיטן קאַנטשיק זיך אָפּרעכענען מיט אַקטיאָרן אויף וועלכע ער האָט עפּעס געהאַט אַ האַרץ אויף זיי. ער האָט, בכלל, געהאַט די שוואַכ־קייט הנאה צו האָבן עמעצן צו דערלאַנגען מיטן קאַנטשיק. ניט איין אַקטיאָר האָט געקראָגן שמיץ אָן אַ פאַרוואָס און זיך געהאַט צו באַקלאָגן אויף די וויטיקן. האָבן טאַקע אַ סך אַקטיאָרן אויף אַלערליי אופנים אויסגעמיטן צו זיין אין זיינע דלד אמות אין דער פּיעסע. איך אָבער, אויף דער גאַליאָרקע

אין דעם קאָלאָמביאַ טעאַטער, האָב שטאַרק געלאַכט פֿון מיין טאַטנס שטיק מיטן קאַנטשיק.

נאָר אָט קומט דער לעצטער אַקט, וועלכער איז עכט־דראַמאַטיש און ענדיקט זיך זייער טראַגיש. למך רעכנט זיך אָפּ אויף אַ ווילדן אופן מיט זיין שטיף־מאַמע און דאַן דערשטעכט ער זיך אַליין. מיין טאַטע האָט דערביי געניצט אַ זייער טשיקאַווען איינפֿאַל. ער האָט אויף זיין ברוסט, אונטערן העמד געהאַט אַ קליין אָנגעבלאָזן באַלונטשיקל, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט רויטע סאָדאַ־וואַסער, אָדער אַן אַנדער רויטע פֿליסיקייט, און ווען ער האָט זיך געשטאָכן, האָט ער מיטן שפּיץ מעסער איינגעשטאָכן דאָס באַלונטשיקל און אַ רויטער שטראָם האָט אַרויסגעשאָסן פֿון אים. דאָס האָט אויסגעזען ווי בלוט שפּריצט אַרויס פֿון זיין געשטאָכענער ברוסט.

ווען איך האָב פֿון דער גאַליאָרקע דערזען דעם רויטן „שטראָם בלוט", וואָס שפּריצט פֿון מיין טאַטן, האָב איך אַרויסגעלאָזן אַ שרעקלעכן קוויטש. איך האָב ווי אַ ווילדע זיך געלאָזט לויפֿן אָן אַן אָטעם פֿון דער גאַליאָרקע אין קיך, פֿון דער קיך אין אַלקער, פֿון אַלקער אויף דער בינע. ערשט מיין טאַטע שטייט אַ שמייכלענדיקער און בויגט זיך פֿאַרן עולם. נאָך איידער דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, בין איך צו אים צוגעלאָפֿן און אַ היס־טערישע גענומען טאַפּן זיין צעבראָסטעטע ברוסט, פֿון וואַנען ס'האָט פֿריער געשטראָמט דאָס „רויטע בלוט"... ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיך און לאַכנדיק געזאָגט:

— וואָס־זשע, ציליקו, האָסט זיך דערשראָקן? האָסט געמיינט, אַז איך האָב זיך אויף אַן אמת'ן געשטאָכן. דו זשאַלעוועסט דיין טאַטן...

אַ פֿאַרשעמטע האָב איך זיך שטיל צעוויינט. איך בין דאַן געווען אַ מויד פֿון אַ יאָר אַכט־ניין.

בין איך נאָך איצט שטאַרק דאַנקבאַר שוואַרצ'ן, וואָס זיינע פּרעכטיקע קאָפּירונגען פֿון מיין טאַטן יענעם סעזאָן האָבן מיך דערמאָנט אין דעם חנ'עוו־דיקן עפּיזאָד.

פּלוצלונג האָט אונז שוואַרץ געלאָזט וויסן, אַז ער מוז זייער נויטיק זיין עטלעכע טעג אין ניו יאָרק. ער האָט אונז קיינעם ניט געזאָגט צוליב וואָס, אפֿילו ניט זיין פֿריינט, חבר און שותף סאָל דיקשטיין. ערשט ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אונז דערציילט די אורזאַך פֿון זיין געאײַלטן וויזיט קיין ניו יאָרק.

אין טהאַליאַ טעאַטער, וויו מאַלווינאַ לאָבעל איז געווען דער פּרויען־סטאַר, האָט זי פֿאַר אַ ספּעציעלער פֿאָרשטעלונג געדאַרפֿט שטעלן די באַרימטע פּיעסע „מאַדאַם עקס". ווי איר ווייסט, איז דאָס געווען איר גרעסטע און

דערפֿאָלגרייכסטע ראָלע. עס האָט איר אָבער געפֿעלט אַ שוישפּילער פֿאַר דער זייער וויכטיקער ראָלע פֿון דעם לאָיער, וואָס איז, אגב, טאַקע דער זון פֿון „מאַדאַם עקס“.

אין דעם זעלביקן טעאַטער האָט דאַן גאַסטראָלירט מאָריס מאָריסאָן. ווען זי האָט זיך פֿאַר אים באַקלאָגט אויף איר דילעמע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַ וויזיט, וואָס אַ יונגער אַקטיאָר, מאָריס שוואַרץ, האָט אָפּגעשטאַט ביי אים אין האָטעל. דער זייער שלאַנקער יונגערמאַן האָט זיך פֿאַר אים פֿאָר־געשטעלט אַלס אַ יונגער שוישפּילער, וואָס קעמפֿט פֿאַר אַן אָרט אויף דער אידישער בינע און אויסגעדריקט דעם וואונטש, ווען עס איז צו האָבן די געלעגנהייט אויפֿצוטרעטן מיט מאָריס מאָריסאָן אין זיין רעפּערטואַר.

מאָריסאָן האָט דאָס דערציילט מאַלווינאַ לאָבעל און געזאָגט:

— דער יונגע פֿאַן פֿילאַדעלפֿיאַ, מאַן זאָגט ער איז אַזוינס ווי אַזעלכעס. ער פֿאַסט זיך זיכער פֿאַר דער ראָלע.

מאַלווינאַ לאָבעל האָט אָנגענומען מאָריסאָנ׳ס עצה און געשיקט נאָך שוואַרצ׳ן. ער האָט אין איילעניש די ראָל איינגעשטודירט און אַזוי פּרעכטיק געשפּילט, אַז ער האָט זייער אויסגענומען. די ראָלע האָט אים געשטעמפּלט אַלס איינעם פֿון די זייער פֿאַרשפּרעכנדיקע יונגע שוישפּילער. אַלס רעזולטאַט פֿון יענער ראָלע איז ער שפּעטער אין יענעם סעזאָן אַנגאַזשירט געוואָרן פֿאַר אַ טור איבער דער פּראָווינץ מיט דער באַרימטער, באַ׳חנ׳טער און רייצנדיקער סובּרעטין, קלאַראַ יאַנג.

ווייסט איר דאָך, אַז זי האָט אין די שפּעטערע יאָרן ממש איינגענומען פּוילן און רוסלאַנד. זי איז געוואָרן דער ליבלינג סיי פֿון דעם דאָרטיקן טעאַטער־עולם, סיי פֿון דער שרייבער־משפּחה און דער אינטעליגענץ בכלל. זי איז, ליידער, אונטער פֿאַרדעכטיקטע אומשטענדן, געשטאָרבן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איר מאַן, דער זייער באַגאַבטער כאַראַקטער־שוישפּילער בועז יאַנג, וועלכער איז אויך געווען אַ פּעאיקער און דערפֿאָלגרייכער טעאַטער־אונטער־נעמער, האָט פֿאַרגעלייגט דעם יונגן מאָריס שוואַרץ אַ פֿיינע כאַראַקטער־קאָמישע ראָלע אין דער פּיעסע, מיט וועלכער זיי זיינען געפֿאָרן אויף דער פּראָווינץ.

יענער געהיימער, געאײַלטער וויזיט קיין ניו יאָרק פֿון אונזער קאָלאָמביאַ טעאַטער־סטאַר אין פֿילאַדעלפֿיע איז זיכער געווען דער ערשטער שטאַפּל אויפֿן לייטער פֿון שוואַרצ׳ס דערפֿאָלגרייכער קאַריערע.

וועל איך נאָך שפּעטער אין מיינע באַשרייבונגען זיך זייער אָפּט אום־קערן צו מאָריס שוואַרצ׳ן און זיין טעאַטער קאַריערע. דאָ, איצט, דאַרף איך

איך דערציילן וועגן שוואַרצ'ס פֿאַרליבעניש אין מיר, וועגן אונזער ראָמאַנ־סירן, ווי נאָענט איך בין געווען צו ווערן מאַדאַם צילי שוואַרץ־אַדלער, אָדער צילי אַדלער־שוואַרץ. עד היום, ווען איך טראַכט דערפֿון, ווייס איך ניט, און קען ניט באַשליסן, צי דאַרף איך חרטה האָבן, אָדער ניט, וואָס פֿון אונזער ראָמאַן האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך...

האָב איך אייך שוין דערציילט פֿון אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט, ווי מיר האָבן אָנגעהויבן „אויסגייען", ווי ער פֿלעגט מיך „אויסנעמען" צו „לאַנ־טשעס" און אַליין בלייבן אַ הונגעריקער...

איך געדענק, ווי איך פֿלעג ביי מיין מאַמען באַרגן איינעם פֿון אירע דימענטענע רינגעלעך און אומיסטן אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל זען און מיינען, אַז דאָס איז אַן „ענגעידזשמענט רינג" — ס'הייסט אַז איך בין שוין עמעצנס אַ כלה... פֿלעגט ער זיך נעבעך ערגערן און אויף פֿאַרשידענע אופֿנים פּרוּוון אויסגעפֿינען ווער עס איז דער חתן. איך פֿלעג זיך מאַכן ניט־ווויסנדיק...

איך האָב שוין אַמאָל זיך באַקלאָגט אין מיינע באַשרייבונגען, אַז דער פֿאַרשייטער מלאכ'ל מיטן פֿייל־און־בויגן, וואָס שיסט זיינע ליבעס־פֿיילן אין יונגע הערצער האָט מיך איגנאָרירט. דעמאָלסט, אין מיינע רייפֿע יאָרן אַלס ביינצן־צוואַנציק יאָריק מיידל, בין איך ניט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ הייסער פֿאַרליבעניש. איך האָב ניט געליטן פֿון ליבעס־ווייען, פֿון ליבעס־שמערצן. חוץ מיינע פּאָר קינדערשע „האַי־סקול" ראָמאַנען, וואָס זיינען, דוכט מיר, אַ נאַטירלעכער פּראָצעס אין לעבן פֿון כמעט אַלע מיידלעך און אינגלעך אין יענעם עלטער, איז דאָך שוואַרץ געווען דער ערשטער דערוואַקסענער, רייפֿער בחור וואָס האָט נאָך מיר, אַזוי צו זאָגן, 'אוכאַזשעוועט", אַרויסגעוויזן סימנים פֿון אַן ערנסטער פֿאַרליבעניש.

האָב איך ביי זיך אין האַרצן געזוכט דעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: „אָט דאָס איז עס טאַקע? אַזוי פֿילט אַ יונג מיידל, ווען זי טרעפֿט אָן איר אמת'ן זיווג, ווען זי ווערט געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיט אַן ערנסטער פֿאַר־ליבעניש?"

מיין האַרץ האָט מיר דעם ענטפֿער ניט געגעבן. ס'האָט מיך ניט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם... מיין שלאָף ניט געטרוּבט... מיין אַפּעטיט ניט אָפּגעשוואַכט... אַזוי האָב איך געהערט און געלייענט פֿילן פֿאַרליבטע. איך האָב די סימנים ניט געפֿילט...

שוואַרץ האָט זיינע ערנסטע געפֿילן צו מיר ניט באַהאַלטן. איך ווייס, למשל, אַז ווען אַרום יענער צייט האָט פּאַר אַ ווײַלע דער דאַן יונגער, שיינער ליבהאָבער־שוישפּילער, יוסף שיינגאָלד, זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין

מיר, און ביי אַ געלעגנהייט געמאַכט אַ פאַרזוך צו ראָמאַנסירן מיט מיר, האָט שוואַרץ, וועלכער איז געווען באַפריינדעט מיט שיינגאָלד׳ן, ביי אים גע׳פּועל׳ט, אַז ער זאָל אים, שוואַרצ׳ן, אָפּטרעטן דעם וועג...

שוואַרץ האָט ענדלעך גענומען ריידן פון ווערן חתן־כּלה, געזוכט מיין גוטן ענטפער. איך האָב שוין אויך גענומען ערנסט טראַכטן פון געבן אים מיין צושטימונג. אָבער אפילו דאַן, אַלס אַ מיידל, וואָס איז שוין געווען ראוי־לחופּה, האָב איך ביי זיך ניט געקענט באַשליסן צו געבן מיין צושטימונג, ניט־וויסנדיק מיין מאַמעס געפילן צו אים. אפילו אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט, און אפשר גאָר דווקא דערפאַר, האָב איך פריער געוואָלט וויסן מיין מאַמעס מיינונג.

שוואַרצ׳ן האָב איך דאָס ניט געזאָגט. איך האָב אים ניט געוואָלט געבן קיין פאַלשע האָפענונגען, צי אפשר גאָר זיך געשעמט מיט מיין אומאַנט־שלאָסנקייט, מיט מיין שוואַכער זעלבסטשטענדיקייט... איך האָב אים אָבער מיין „יאָ״ ניט געגעבן. איך האָב געזוכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו ריידן מיט מיין מאַמען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער סוף פון סעזאָן. אונזער טעאַטער האָט זיך געשלאָסן. שוואַרץ איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק, זיך צוצוגרייטן פאַרן פּראָווינץ־טור מיט קלאַראַ און בועז יאַנג. מיין מאַמע, מיין שוועסטער לילי און איך האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאָרן קיין לאָדז, צו שטעלן אַ מצבה אויף פּאַפּאַ פיינמאַנ׳ס קבר.

נאָך איידער מיין מאַמע, לילי און איך האָבן פאַרלאָזן פילאַדעלפיע איז שוין שוואַרץ געקומען מיט קלאַראַ און בועז יאַנג אין אַרטש סטריט טעאַטער אויף זייער פּראָווינץ־טור. פילאַדעלפיע איז טאַקע געווען די ערשטע שטאָט אויף זייער לענגערן טור. געשפּילט האָבן זיי אַ קאָמעדיע פון דעם באַקאַנטן שוישפּילער, היימאַן מייזעל.

איך בין זיכער אַז אַ סך פון אייך געדענקען נאָך גוט דעם פיינעם כאַראַק־טער־שוישפּילער היימאַן מייזעל. ער האָט אַ היפּשע צאָל יאָרן געשפּילט אין קונסט־טעאַטער. אגב, איז זיין טאָכטער לאַנגע יאָרן געווען אַ פּרימאַדאָנע אין אידישן טעאַטער. מיט איר יוגנטלעכן אויסזען און פּרעכטיקער שטימע איז בעלאַ מייזעל געוואָרן אַ ליבלינג פון אידישן טעאַטער־עולם. חוץ מייזעל׳ס נייגונג צום בעסערן אידישן טעאַטער, איז ער, בכלל, געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. און ווי גייט דער אויסדרוק: „געקענט האַלטן אַ פען אין האַנט״.

ער האָט אין לויף פון זיין קאַריערע אויף דער בינע אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג. מערסטנס זיינען דאָס געווען מוזיקאַלישע קאָמעדיעס אָן פּרעטענזיעס אויף ליטעראַטור. אין זיינע

אינגערע יאָרן איז מייזעל געווען סאָציאַליסטיש געשטימט און האָט אָנגע־שריבן עטלעכע פּאָעמען פון סאָציאַלן כאַראַקטער. מ׳האָט זיי אָפט דע־קלאַמירט אויף סאָציאַליסטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען.

דאָס איז געווען אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די אידישע יוניאָנס זיינען נאָך געווען אין די וויקעלעך. יונגע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פירער פון יענער צייט האָבן מיט פאַר־צווייפלטע כוחות געקעמפט קעגן דעם עקזיסטירנדיקן „סוועט־שאָפּ״ מיט אַלע זיינע איבלען. זייער קאַמף האָבן זיי געדאַרפט פירן ניט נאָר קעגן די באַלעבאַטים, נאָר אויך קעגן די אַרבעטער וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען און אפילו מורא געהאַט פאַר דעם וואָרט יוניאָן, ניט וויניקער ווי די אַרבעטס־געבער. כמעט יעדן אָונט פלעגן אויף איסט־בראָדוועי, ראַטגערס סקווער און אַנדערע איסט סיידער גאַסן פאַרקומען גאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואו אונזערע אַרבעטער־פירער פלעגן זייער האַרץ אויסריידן, כדי אויפצוקלערן פאַר די אימיגראַנטן־מאַסן די באַדייטונג פון יוניאָנס, „ווען די האַנט פון אַרבעט וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל״...

דער באַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער־מאַסן איז אין יענע יאָרן געווען זייער הינטערשטעליק. דערציילט מען, למשל, אַז ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אַזאַ, ערב אַ סטרייק, האָט דער רעדנער אויסגערעכנט און קלאָר פאַרטייטשט אַלע פאָדערונגען וואָס מ׳שטעלט די באַלעבאַטים: אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, שבת בלויז אַ האַלבן טאָג, אַ היפּשע העכערונג אויף שכירות און אַנדערע יוניאָן־באַדינגונגען. דער גרויסער אַרבעטער־עולם איז געבליבן גאַנץ קאַלט, ניט אַרויסגעוויזן קיין באַגייסטערונג פאַר דעם רעדנערס האַרציקע רייד. אָבער איין אידעלע איז געשטאַנען און אָנגעקוואָלן פון יעדן וואָרט, ממש געצויגן די ווערטער פון רעדנערס מויל, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בכלל אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיטן רעדנער. האָט עס דעם אָראַטאָר אַוודאי געפרייט וואָס זיינע רייד האָבן אַ ווירקונג כאָטש אויף איינעם. ווען ער האָט געענדיקט און איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, איז ער אַבזיכטלעך צוגע־גאַנגען צו דעם אידן, געוואָלט מיט דעם באַוואוסטזיניקן אַרבעטער זיך נענטער באַקענען. דער איד האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט, קוקנדיק מיט ביטול אויפן עולם: „זיי זיינען דאָך רעגעלע בהמות, פרעגט זיי בחרם, זיי פאַרשטייען דען עפּעס? אַכט שעה אַ טאָג בלויז! — איר פאַרשטייט — איך וועל דאָך קענען אַרבעטן אויף צוויי דזשאַבס און שבת און זונטיק אויף אַ דריטן דזשאַב״...

אַ „באַוואוסטזיניקער״ אַרבעטער...

דער יונגער היימאַן מייזעל פלעגט מיט זיינע סאָציאַלע דעקלאַמאַציעס

גאַנץ אָפּט אויפטרעטן ביי סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען. זיין באַרימטע דעקלאַמאַציע איז געווען „דאָס קי׳עלע״. דער אַרבעטער־קלאַס, הייסט עס, איז דאָס קי׳עלע — ער לאָזט זיך מעלקן. ער וואָרנט אָבער דעם „קאַפּיטאַ־ליסטישן קלאַסעלע״, אַז ווען דאָס „קי׳עלע״ וועט ווערן בייז, וועט עס געבן אַ בריק מיטן פיסעלע און ווי און ביטער וועט זיין די קאַפּיטאַליסטעלעך...
„דאָס קי׳עלע״ איז געוואָרן אַ שלאָגער ביי אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען.

אין מייזעל׳ס מוזיקאַלישער קאָמעדיע וואָס די יאַנגס האָבן געשפּילט אויף זייער טור אין פילאַדעלפיע — געהייסן האָט עס „מיין וויבס מאַן״ — איז דער אַרבעטער־קלאַס ניט געווען פאַרטראָטן.

שוואַרץ האָט אין דער פּיעסע געהאַט ניט קיין גרויסע ראָלע. ער האָט געשפּילט אַ נאַרישעוואַטן דייטשל, וואָס דערקלערט זיך אין ליבע צו דער הויפּט־העלדין, געשפּילט פון קלאַראַ יאַנג. ער האָט עס געמאַכט אַזוי חנ׳עוו־דיק־קאָמיש, אַז ער האָט אין דער קליינער ראָלע זייער אויסגענומען. מיר איז ער שטאַרק געפעלן. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך אים געזען און אים שטאַרק געלויבט פאַר זיין שפּילן. עס איז ביי אים געווען זייער אָנגעלעגט. ער האָט מיר דאַן דערציילט בסוד, אַז ער איז כמעט זיכער, אַז קומענדיקן סעזאָן וועט ער שפּילן מיט דוד קעסלער אין דעם נייעם „קעסלער׳ס סעקאַנד עוועניו טעאַטער״.

ווייסנדיק אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָר איך אָפּ קיין אייראָפּע, איז שוואַרץ צוגעשטאַנען אַז מיר זאָלן זיך דערקלערן פאַר חתן־כלה. איך האָב אָפּגעלייגט דעם ענטפער ביז איך וועל צוריקקומען. ער האָט געוואָלט כאָטש עפּעס אַ צוזאָג פון מיר. איך, אָבער, האָב נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן מיט מיין מאַמען, און איך האָב אים ניט געוואָלט לאָזן מיט פאַלשע האָפענונגען. איך האָב, אָבער, זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז דורך אונזער רייזע זאָל איך מיט מיין מאַמען ריידן דערפון און קריגן איר ענטפער.

איך האָב מיין וואָרט געהאַלטן. כ׳האָב קיין צייט ניט פאַרלוירן. טאַקע באַלד אויף דער שיף, אַזוי שנעל ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט. געערעדט האָב איך ניט, חלילה, וועגן ווערן חתן־כלה. איך האָב, בכלל, גענומען ריידן וועגן זיין שוישפּילערישן טאַלאַנט, אַז אפילו דוד קעסלער, זעט אויס, האַלט שטאַרק פון אים. ס׳איז אַ סברה, אַז קומענדיקן סעזאָן וועט ער זיין אַנ־גאַזשירט אין קעסלער׳ס נייעם סעקאַנד עוועניו טעאַטער; ער האָט אַ גוטע געלעגנהייט צו שטייגן אין זיין קאַריערע.

די מאַמע איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, געקוקט אין דער ים׳יקער ווייט־קייט... פון צייט צו צייט מיך ערנסט אָנגעקוקט... זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט. בין איך אַלץ געבליבן אָן אַן ענטפער.

איך האָב אָבער ניט אָפּגעלאָזט. דורך די זיבן־אַכט טעג אויף דער שיף האָב איך ביי יעדער געלעגנהייט, אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדער אופן, פּרובירט פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך וועגן מאָריס שוואַרצ׳ן, דערמאָנט זיינע וואונדערלעכע אימיטאַציעס פֿון וועלכע זי האָט אויך צווייטנוויז הנאה געהאַט. איך האָב איר דערציילט, ווי אַזוי ער האָט איינמאָל פֿאַר מיר אימיטירט דעם, דאַן אָנגעזענעם, שוישפּילער עליאַס ראָטשטיין. איך האָב פֿאַר דער מאַמען געפּרוּווט נאָכמאַכן ווי אַזוי שוואַרץ מאַכט אים נאָך.

ווייסט איר דאָך, אַז עליאַס ראָטשטיין האָט געהאַט אַ געוויסע כאַראַקטע־ריסטיק אין זיין באַנעמען זיך אויף דער בינע. ער איז זעלטן געשטאַנען רואיק, כמעט שטענדיק געטרייסלט אַ פֿוס אָדער די אַקסלען. פֿלעגן גאַנץ אָפֿט זיינע רייד אַרויסקומען ציטערדיק, דורך דעם טרייסלען פֿון זיינע גלידער. אָט די כאַראַקטעריסטיק זיינע האָט טאַקע שוואַרץ שטאַרק אונטערשטראָכן אין זיין אימיטירן אים. ווען איך האָב עס איצט אויף דער שיף געפּרוּווט נאָכמאַכן פֿאַר דער מאַמען, האָט זי זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

איך האָב זיך קיין סך ניט געדאַרפֿט באַמיען צו מאַכן מיין מאַמע צום לאַכן. ווייסט איר דאָך, מן הסתם, דעם טעאַטער־אויסדרוק: „ער איז מיין משה״. מיט דעם מיינט מען צו זאָגן, אַז דער אָדער יענער איז באַגייסטערט פֿאַר מיר — ער איז „מיין משה״. מיין מאַמע איז שטענדיק געווען „מיין משה״. פֿון מיין יעדן ריר און קער פֿלעגט זי אָנקוועלן. גאַנץ אָפֿט שפּאַצירנ־דיק אין גאַס, פֿלעג איך מאַכן אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אַ נויג מיטן קאָפּ, אַ פֿאַרצי מיט די ליפּן, פֿלעגט זי זיך ממש פֿאַרגיין אין געלעכטער. איז דערפֿאַר קיין וואונדער ניט וואָס זעענדיק מיך נאָכמאַכן שוואַרצ׳ן, ווי ער מאַכט נאָך ראָטשטיינ׳ס טרייסלענדיקע גלידער, האָט זי זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

טראָץ דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק זיינער, איז ראָטשטיין געווען אָנערקענט פֿאַר אַ וויכטיקן שוישפּילער אין אַ טרופּע. אַזוי האָט ער, למשל, אין איינער פֿון גאָרדינ׳ס ערשטע פּיעסן, „די געברידער לוריע״, געשפּילט ווי־זאַ־ווי טאָמאַשעפֿסקי׳ן אַלס איינער פֿון די ברידער.

ראָטשטיין האָט פֿאַרמאָגט נאָך אַ שוואַכקייט, וועלכע האָט זיך אויף דער בינע ניט געוויזן. ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע נייגונג צו איבערטרייבן זאַכן וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט. פֿון דער שוואַכקייט זיינער זיינען דאָ זייער אַ סך מעשה׳לעך, מאַנכע פֿון זיי עכט־קלאַסישע. אַזוי, למשל, פֿלעגט ער זיך באַרימען, אַז דער פּוטערנער קאָלנער אויף זיין ווינטער־מאַנטל האָט גאָר אַ ספּעציעלע אייגנשאַפֿט. יעדן סוף ווינטער, ווען ער פֿאַרפּאַקט זיין מאַנטל פֿאַרן זומער, גיט ער דעם פּוטערנעם קאָלנער אַ „העיר־קאַט״, ער שניידט אָפּ

די האָר ביזן גרונט. אָנהויב ווינטער, ווען ער נעמט אים אַרויס, זיינען די האָר אָנגעוואַקסן נאָך לענגער און געדיכטער ווי פריער.

אַקטיאָרן וואָס פלעגן פאָרן אין יענע יאָרן אויף דער פּראָווינץ, זיינען כמעט קיינמאָל ניט איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל. אין יעדער שטאָט זיינען געווען פּאַטריאָטישע טעאַטער־ליבהאָבער, וועלכע פלעגן מיט פאַרגעניגן איינלאַדן אַ צאָל שוישפּילער צו זיך אין הויז, זיי אויסהאַלטן מיטן שענסטן און בעסטן פאַר דער צייט פון זייערע גאַסטראָלן אין יענער שטאָט און זיי רעכענען דערפאַר גאָר אַ מינימאַלן פּרייז.

ראָטשטיין, אָבער, פלעגט זיך באַרימען, אַז ער האָט אין שיקאַגאָ אַ משפחה וואו ער שטייט שטענדיק איין ווען ער קומט גאַסטראָלירן דאָרט. איז עס עפּעס „ביט־דאָ־דאָ־געווען״. איינדערפרי, ווען ער שטייט אויף און ער זעצט זיך צום עסן „ברעקפעסט״ — „איז, מילא, די וואַרעמע זעמעלעך קריכן דיר ממש אַליין אין מויל אַריין. היינט די אַלערליי געזאַלצענע פאַ־טראָוועס, וואו זעט מען עס גאָר! און דאָס פיינע קאַשקעלע מיט סליוועקעס, איז פון דעם רייד איך שוין ניט... נאָר אָט קומט די צייט פאַר די אייער... באַרימט איר זיך דאָך אַלע מיט די פרישע אייער וואָס איר עסט, קומט עס אָבער ניט צו די אייער וואָס איך קריג ביי מיין באַלעבאָסטע אין שיקאַגאָ. עס שפּרינגט אַרויף אויפן טיש אַ שניי־ווייסע הון, זי מאַכט דריי מאָל קו־קו־קו און עס לאָזט זיך אַרויס אַ פרישינקע איי... נאָך אַמאָל קו־קו־קו און ווידער אַ פרישינקע איי״...

„שיקאַגאָ איז איבערהויפּט געווען מיין שטאָט״ — פלעגט ער זיך באַרימען. — „פאַריקן סעזאָן, ווייסט איר דאָך, האָב איך געשפּילט אין גליקמאַנ׳ס טעאַטער. מילא, אַז צו מיין ערן אָוונט זיינען צענדליקער טויזנטער מענטשן געגאַנגען צוריק, דאָס דאַרף איך אייך ניט דערציילן. אָבער אַזאַ כבוד ווי דער מעיאָר האָט מיר צוגעטיילט, דאָס האָט נאָך קיין לעבעדיקער אַקטיאָר ניט דערלעבט. ס׳איז געווען אַ וויכטיקע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע. דער מעיאָר האָט מיך איינגעלאַדן צו זיין זיין גאַסט. עס איז געווען אַ גרויסער אויטאָ־מאָביל־פּאַראַד... פוןביידע זייטן אויף די טראָטואַרן זיינען געשטאַנען מענטשן אין די הונדערטער טויזנטער... דער מעיאָר און איך זיינען געפאָרן אין פאָראויס אין דעם מעיאָרס גלעזערנעם אויטאָמאָביל״...

ווען ער פלעגט דערציילן די מעשיות האָט ער קיין סימן ניט געגעבן, אַז דאָס זיינען גוזמאות. ער האָט באמת געגלויבט אין אַלץ וואָס ער האָט דערציילט. ער איז אין פּריוואַטן לעבן געווען אַן איידעלער, פיינער מענטש. זיין באַנעמונג צו קאָלעגן־שוישפּילער איז געווען מיט האַרציקער פריינד־שאַפט. זיין קאַוואַליערישע באַנעמונג צו די פרויען אין טעאַטער און אין

זיין פּריוואַטן לעבן אין געווען אַ שם־דבר. איך קען פון אים אַנדערש ניט טראַכטן ווי פון אַ פּיינעם, האַרציקן מענטשן — ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: „עי פּוירפעקט דזשענטלמען”...

איך האָב איבערגעשלאָגן מיין ערנסטן פּאַרזוך אויסצוגעפינען מיין מאַמעס מיינונג וועגן שוואַרצ׳ן, וואָס האָט מיך דאַן זייער אינטערעסירט, און זיך פאַררעדט וועגן עליאַס ראַטשטיין. מיין קאָלעגיאַלער געפיל צו חברים־שוישפּילער לאָזט מיך ניט לייכט פאַרבייגיין אַ נאָמען וואָס איך דערמאָן. עס ווילט זיך מיר אָפּשטעלן אויף די כאַראַקטעריסטישע שטריכן זייערע, אויף זייער פּערזענלעכקייט. איך האָב דעם געפיל, אַז מיט דעם שטעל איך ניט נאָר זיך צופרידן, נאָר אויך די לייענער, סיי די וואָס געדענקען די מענטשן, וועלכע האָבן אָוועקגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן פאַרן אידישן טעאַטער, סיי די פאַר וועמען די נעמען זיינען אינגאַנצן פרעמד.

וועלן מיר זיך איצטער אומקערן צו מיין מאַמע און צו שוואַרצ׳ן. מיינע אַלע באַמיאונגען אויף דער שיף אויסצוגעפינען אויב מיין מאַמע פאַרשטייט וואוהין איך ציל, זיינען מיר ניט געלונגען. איך האָב פון איר וועגן דעם קיין וואָרט ניט אַרויסגעקראָגן.

אונזער ערשטער אָפּשטעל אין אייראָפּע איז געווען לאָנדאָן. דאָרט האָט די מאַמע זיך פאַרבונדן מיטן דירעקטאָר פון פּאַוויליאָן טעאַטער און אַראַנזשירט אַ צאָל גאַסטראָלן פאַר אונז, אויפן וועג צוריק אַהיים. מיין מאַמעס פריינט, וועלכע איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל אין מיינע באַשרייבונגען דערמאָנט, הערי און עני קאַסקי, האָבן זיך מיט אונז אָפּגעגעבן די עטלעכע טעג וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט.ביים געזעגענען זיך אין איר „מילינערי שאָפּ”, האָט עני קאַסקי מיר אָנגעטאָן אַ קליינטשיק שוואַרץ שטרויען היטעלע וואָס ווערט געטראָגן אויפן שפּיץ קאָפּ, באַצירט מיט אַ רויטער בלום. דאָס איז געווען די נייעסטע פּאַריזער מאָדע צו טראָגן קליינע היטעלעך. שפּעטער אויף אונזער רייזע האָט דאָס קליינע היטעלע געשפּילט אַ היפּשע ראָלע.

פון דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג אין פּאַריז. דאָרט האָב איך ספּעציעל געהאַט אַ זייער פאַרגעניגנדיקן אָוונט, ווען מיין מאַמע, לילי און איך זיינען געבראַכט געוואָרן אין דעם באַרימטן פּאַריזער קאַבאַרעט „מולאַן רוזש”. איך האָב דאָרט ווידער געטראָפן מיין ליבן ברודער טשאַרלי אַדלער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען אַלס טענצער. ער איז געווען זייער געשיקט און חנ׳עוודיק און איך האָב זיך איבעראַנייס פאַרליבט אין אים. אָבער אויך דאָרט האָב איך מיט אים לאַנג ניט געקענט פאַרברענגען.

אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרלאָזט פּאַריז אויפן וועג קיין לאָדז.

מיר האָבן אויך עטלעכע טעג פאַרבראַכט אין בערלין. אַנטקעגן אונזער האָטעל איז געווען איינער פון די פּאָפּולערע דייטשע רעסטאָראַנען, „אַשינגער״. געדענק איך ווי מיר האָבן געקוקט אין דער שפּייז־קאַרטע און געזוכט וואָס צו באַשטעלן צום עסן, האָבן מיר, געטריי צו מיין מאַמעס שפּאָרעוודיקייט, פריער געקוקט אויף די פּרייזן.ביים פּרייז „הונדערט״, וואָס איז געווען דער העכסטער פּרייז, איז מיר דווקא דער מאכל געפעלן. האָב איך געקוקט אויף מיין מאַמע און אויף דער שפּייז־קאַרטע, און ניט געקענט באַשליסן. ווען די מאַמע האָט מיך געפרעגט, אויב איך האָב שוין געפונען וואָס איך וויל, האָב איך איר אָנגעוויזן די שפּייז־קאַרטע, צודעקנדיק דעם „הונדערט״ מיטן פינגער: „אָט דאָס וואָלט איך געוואָלט, אָבער...״ און האָב אַראָפּגענומען מיין פינגער. די מאַמע האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן: „הונדערט?! הונדערט וואָס? וויפיל איז דאָס אויף אונזער געלט?״

איך האָב צוגערופן דעם הויפּט־קעלנער. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אויף אונזער געלט איז דאָס אַ גאַנצער „קוואָדער״. די מאַמע האָט לייכט אָפּגעאָטעמט און זייער שטאָלץ באַשטעלט: „דריי פּאָרציאָנען, ביטע״.

מיטאַמאָל דערהער איך פון אַ טיש הינטער אונז פאַרשטיקטע געלעכטערס און אַ סאָרט שושקען זיך. איך פאַר׳גנב׳ע אַ קוק, וואָס אַזוינס האָט ביי זיי אַרויסגערופן געלעכטער. ערשט איך זע, אַז איך טאַקע, איך בין די אורזאַך פון זייער לאַכן. ס׳הייסט ניט איך גופא, נאָר מיין פראַנצויזיש היטעלע. זיי האָבן אַלע געטראָגן אַזעלכע גרויסע, ברייטע שטרויענע היטלען, אַז זיצנדיק אַרום טיש האָט זיך געשאַפן ווי אַ דאַך אַרום און אַרום. איך האָב זיך געפילט זייער געטראָפן און פאַרשעמט. מיין געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו עני קאָסקי פאַר דעם שיינעם פּאַריזער היטעלע האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן.

דער הויפּט־קעלנער האָט באַמערקט מיין פאַרלעגנהייט. איז ער צוגעקומען צו מיר און שטילערהייט געזאָגט: „מאַכן זי זיש נישטס דאַפאָן. די וויסט יאַ גאַרנישט פאָן דער לעצטער מאָדע״.

דערמיט האָט זיך די ראָלע פון מיין היטעלע נאָך ניט געענדיקט. פון „אַשינגערס״ זיינען מיר אַוועק אויף דער הויפּט־גאַס פון בערלין, „אונטער דען לינדען״. די מאַמע האָט געוואָלט קויפן עפּעס אַ שיינע ספּעציעלע מתנה פאַר דער פרוי זאַנדבערג. איר מאַן איז געווען דער דירעקטאָר פונם אידישן טעאַטער אין לאָדז.

שטייענדיק אַזוי ביי איינעם פון די געשעפטן, דערהער איך פּלוצלונג נעבן זיך אַ דיקן, חוזק׳דיקן געלעכטער, צווישן וועלכע עס איז אַרויסגע־

קומען אַזאַ סאָרט פּראַזע: „זאָגן זי מיר, פריילין, וואָרום טראָגן זי זאַ איין קליינען הוט?" איך קוק אים אָן אַ פאַרוואונדערטע און אַ פאַרלוירענע.

די מאַמע און לילי, וועלכע זיינען אַביסל ווייטער אַוועק, האָבן זיך אומגעקוקט. דערזעענדיק ווי איך קוק אַזוי פאַרלוירן אויפן הויכן דייטש, רופט זי צו מיר פון וויטן: „וואָט'ס די מעדער, צילי?" (וואָס איז געשען, צילי?).

ענטפער איך איר: „הי דאָזנ'ט לאַיק מאַי ליטל העט!" (אים געפעלט ניט מיין היטעלע).

ווי אַן ענטפער אויף מיינע רייד, דערהער איך אַ לאַכעדיקן, פריינטלעכן טאָן אין ענגליש: „אַי טהינק איט'ס וועריי פּריטי!" (איך מיין ס'איז זייער שיין).

איך האָב זיך דערפרייט מיט אַן אַמעריקאַנער לאַנדסמאַן.

ווען מיר זיינען געקומען קיין לאָדז, זיינען שוין דאָרט געווען צוגעגרייט עטלעכע וואָכן גאַסטראָל־פאָרשטעלונגען פאַר מיין מאַמען. איך און לילי האָבן מיטגעשפילט. געדענק איך, אַז עס איז געשפילט געוואָרן קאָבריג'ס „דער פאַרלוירענער גן־עדן", אַ פּיעסע, אין וועלכע באָריס טאָמאַשעפסקי האָט זיך באַרימט געמאַכט.

די מאַמע, פאַרשטייט זיך, האָט געשפילט די הויפּט פרויען־ראָלע, אַ פרוי וועלכע פאַרלאָזט איר זייער אידעלן מאַן, בעני ליידמאַן, מיט אירע קליינע קינדער און גייט אַוועק מיט אַ געליבטן. זי נאַרט זיך אָפּ אין אים. דער געליבטער ווייזט זיך אַרויס צו זיין גאָרניט וואָס זי האָט געמיינט ער איז. זי ליידט, זי האָט חרטה, אָבער זי איז ניט שטאַרק גענוג פון אים אַוועקצוגיין. און אַוודאי פילט זי, אַז זי האָט ניט די ווערט, אַז איר איידעלער מאַן זאָל זי צוריק נעמען. אין פערטן אַקט דערגרייכן אירע ליידן צו דער העכסטער שטופע און אין איר פאַרצווייפלונג באַשליסט זי ענדלעך צו מאַכן אַ סוף פון אירע ליידן און יסורים — דערשיסן איר געליבטן און דאַן זיך אַליין.

האָט ביי איינער פון יענע פאָרשטעלונגען פּאַסירט דאָס וואָס עס געשעט אָפּט אויף דער בינע — דער רעוואָלווער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן. וויל איך אייך ניט איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל די פאַרצווייפלונג פון אַ שוישפּי־לערין אין אַזאַ פאַל. מיר אַלע, שטייענדיק אונטער דער בינע, זיינען געוועזן אויסער זיך, מיר האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי די מאַמע וועט אַרויס פון דער סיטואַציע און קענען ענדיקן דעם אַקט. די מאַמע אויף דער בינע האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, אַז דער רעוואָלווער זאָל זיך איבער־בעטן און טאָן זיין פליכט, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער רעוואָלווער איז געבליבן איינגעשפּאַרט, ער שיסט ניט. האָט זיך די מאַמע אויסגעצויגן,

העכער ווי זי איז, און קוקנדיק מיט פאַראַכטונג אויף איר געליבטן, האָט זי מיט ביטערקייט געזאָגט:

„אָה, ניין, דו האָסט ניט די ווערט אַזאַ שיינעם טויט ווי שיסן דיך... און פאַרוואָס זאָל איך פאַרלירן מיין לעבן צוליב אַזאַ נידעריקע בריאה ווי דו ביזט?.... ניין, איך וויל לעבן. איך גיי צוריק זיין אַ מאַמע צו מיינע קינדער, איך גיי צוריק צו מיין ליבן מאַן...״

דער פאַרהאַנג איז ענדלעך געפאַלן מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן...

יצחק זאַנדבערג איז אַ היפּשע צאָל יאָרן געווען אַן אָנגעזעענער שויי-שפּילער אין אייראָפּעאישן אידישן טעאַטער. אין 1905, האָט ער איבערגענומען דעם לאָדזער גרויסן טעאַטער.

ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן זיינע פליכטן אַלס דירעקטאָר און אויפגעגעבן זיין שפּילן. זיין פרוי, יוליאַ זאַנדבערג, איז אויך אַ צאָל יאָרן געווען פּאָפּולער, סיי אַלס פּרימאַדאָנאַ אין דעם גאָלדפאַדן רעפּערטואַר, און שפּעטער אויך אין מאָדערנעם רעפּערטואַר. ווען איר מאַן איז געוואָרן דירעקטאָר פון דעם לאָדזער טעאַטער, האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט דער געשעפטלעכער זייט פון טעאַטער.

דירעקטאָר זאַנדבערג איז געווען זייער אַ ליבער מענטש און געהאַט זייער אַ פיינע באַציאונג צו מיין מאַמען און צו אונז. ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיגע הויכע מיינונג וועגן פּאַפּאַ פיינמאַן, וועלכער האָט ביי אים זייער אָפט געשפּילט און איז אויף זיין בינע געשטאָרבן. ער פלעגט נאָך יעדער פאָרשטעלונג אונז נעמען אין אַ קאַבאַרעט.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז נאָך אַ פאָרשטעלונג, ביז מ׳פלעגט פאַרטיק ווערן, איז מען שוין געקומען אין קאַבאַרעט גאַנץ שפּעטלעך. זאַנדבערג האָט זיך געפירט מיט דער גרויסער האַנט און פאַר אונז באַשטעלט פון זען, הערן און געדענקען. און ביז מען האָט דערלאַנגט, געגעסן און געטרונקען און אָפּגעזען די עטלעכע נומערן פון פּראָגראַם, איז שוין געווען נאָך צוויי דער זייגער. איך האָב זיך געפילט זייער מיד און שלעפעריק — אָבער איך זע, אַז זאַנדבערג טראַכט אפילו ניט פון אָנהויבן גיין אַהיים. איך האָב זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און אים געזאָגט:

„הער זאַנדבערג, ווען גייען מיר אַהיים? ס׳איז אַזוי שפּעט?...״

„וואָס רעדסטו, קינדעלע? עס איז דאָך נאָך פינצטער אין דרויסן, אַ מורא אַרויסצוגיין. ס׳וועט ווערן ליכטיק, וועלן מיר גיין...״

דאָרט איז עס געווען אַן אָנגענומענע זאַך, צו פאַרברענגען ביז טאָג.

טראַכט איך איצט מיט ווייטיק ווי פאַר שוישפּילער און קינסטלער און אידן בכלל, איז די לעבעדיקע, פריילעכע שטאָט לאָדז איצט מער ניטאָ...

דער מאָנומענט פאַר פיינמאַנ׳ס קבר און די צערעמאָניע, זיינען געווען זייער איינדרוקספול.

ווייל איך דורכלאָזן מיין מאַמעס און אונזערע געפילן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין יענעם טרויעריקן מאָמענט.

מיר האָבן אין לאָדז געשפּילט עטלעכע וואָכן.

איז אָט זיצן מיר אין טעאַטער אויף דער בינע ביי אַ פּראָבע אין דער צייט פון אַן איבעררייס. פון דער העלער הויט טוט זיך מיין מאַמע אַ זאָג, צו דער גאַנצער טרופּע:

„איר ווייסט, ווען מיר וועלן קומען צוריק קיין ניו יאָרק, וועט מיין ציליקו, אם ירצה השם, ווערן אַ כלה פאַר אַ זייער יונגן, באַגאַבטן שוישפּילער, מאָריס שוואַרץ...

דער אָטעם האָט מיר אַזש פאַרכאַפּט. איך האָב מיינע אויערן ניט גע־גלויבט. הייסט עס, אַז מיינע באַמיאונגען אויף דער שיף און דורך דער גאַנצער רייזע, זיינען ניט געווען אַרויסגעוואָרפן... וואָס מיך האָט אַזוי פאַרכאַפּט דעם אָטעם, איז וואָס זי האָט מיט קיין שום מינע אָדער אויסדרוק ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי טראַכט אפילו דערפון.

אַלע אין דער גרופּע האָבן מיר געוואונטשן גליק. איך, אָבער, האָב געזוכט די ערשטע געלעגנהייט און בין אַוועק אין אונזער האָטעל און תיכף אָנגע־שריבן אַ בריוו צו שוואַרצ׳ן מיט דער גוטער בשורה. אין אַ פריילעכער אויפ־רעגונג בין איך געלאָפן אויף דער פּאָסט אַוועקשיקן וואָס גיכער דעם בריוו. דעם טאָג וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך בין שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך געזען מאָריס שוואַרץ דערהאַלטנדיק מיין בריוו, קלאָר געהערט זיין אויסגעשריי פון פרייד, אים באַשיינפּערלעך געזען אַרומלויפן צו אַלע זיינע פריינט, אָנזאָגן זיי די גרויסע, גליקלעכע נייס.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מיר זיינען אַראָפּ פון האָטעל און מ׳האָט אונז דערלאַנגט אונזער קאָרעספּאָנדענץ, האָב איך דערזען אַ בריוו צו מיר פון מאָריס שוואַרץ. כאָטש מיין גאַנצער באַוואוסטזיין האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס קען נאָך ניט זיין קיין ענטפער אויף מיין בשורה, האָב איך פונ־דעסטוועגן מיט גרויס דערוואַרטונג געעפנט דעם בריוו. עס איז אין קאָנווערט ניט געווען קיין געשריבן וואָרט. איך האָב פון דאָרט אַרויסגענומען אַ חתונה־איינלאַדונג — מאָריס שוואַרץ פאַרבעט מיך צו זיין חתונה מיט איוואַ ראַפּאַלאָ...

איך האָב געקוקט אויף דער איינלאַדונג נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, כ׳האָב איבערגעלייענט די נעמען... יאָ, אַזוי שטייט טאַקע — איוואַ ראַפּאַלאָ צו מאָריס שוואַרץ...

אויב איר האָט פאַנטאַזיע, לאָז איך דאָס צו אייך צו פאַרשטיין, ווי איך האָב געפילט... איך האָב מיט אַן אָפן מויל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן מיין מאַמען געגעבן די איינלאַדונג...

מיר האָבן מער דערפון קיין וואָרט ניט גערעדט...

אין ניט גאָר קיין פריילעכן געמיט האָבן מיר פאַרלאָזן לאָדז. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע פאַר עטלעכע פאָרשטעלונגען.

אין מיין זכרון איז איינגעקריצט דער מאָדנער איינדרוק וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מיליטערישע אוניפאָרמען, די הענגענדיקע שווערדן זייערע און די מיליטערישע דיסציפלין. ווי אַן אַמע־ריקאַנער מיידל, האָב איך אין יענע יאָרן דאָס אין אַמעריקע קיינמאָל ניט געזען.

זיצנדיק אין וואַרשע אין האָטעל, וואָס איז געווען אין סאַמע צענטער שטאָט, האָב איך, קוקנדיק פון פענסטער, מיט נייגעריקייט באַגלייט די סאַלוטיר־צערעמאָניע, וואָס פּראָסטע סאָלדאַטן מאַכן דורך ווען זיי באַגע־געגענען העכערע מיליטערישע באַאַמטע, דאָס אויסציען זיך זייערס, דאָס האַסטיקע אויפהויבן די האַנט צום היטל, האָט אויף מיר געלאָזט אַ שווערן איינדרוק. אָן אַ פאַרוואָס, האָב איך רעוואָלטירט קעגן דעם. איך האָב דערפילט אַ מורא פאַרן שיקזאַל פונם סאָלדאַט, טאָמער פאַרפעלט ער געבן דעם סאַלוט...

די פאָרשטעלונגען אונזערע אין וואַרשע זיינען געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג. מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַ היפשער צאָל בייע שוישפּילער און, בכלל, געכאַפּט אַ בליק אויף דער קולטורעלער אידישער משפחה.

פיל איך ווייטער אַ ציטער אין האַרץ ווען איך טראַכט וואָס פון זיי אַלע איז דאָרט געוואָרן און וואָס עס איז, בכלל, געבליבן פון דער ברויזנדיקער, שאַפנדיקער אידישער וואַרשע...

מיר זיינען ענדלעך געקומען קיין לאָנדאָן. דאַרף איך אייך ניט דערציילן, ווי מיין מאַמע איז פון דאָרטיקן טעאַטער־עולם אויפגענומען געוואָרן.

עטלעכע טעג נאָך אונזערע גאַסטראָלן אין לאָנדאָן, אין פּאַוויליאָן טעאַ־טער, איז אַהינצו געקומען גאַסטראָלירן מיין טאַטע, יעקב פּ. אַדלער, מיט סאַראַ אַדלער. זייער ערשטע פּיעסע איז געווען ליבינ'ס „גאָטס שטראָף".

אויף מאָרגן נאָך אַדלער'ס קומען זיינען מיר איבעראַשט געוואָרן ווען אין דער טיר פון אונזער האָטעל־צימער, וואָס איז געווען אַנטקעגן דעם

פּאַוויליאָן טעאַטער, האָט זיך באַוויזן די מאַיעסטעטישע פיגור, דאָס קלאַסישע פּנים, דער וועלט־באַרימטער ווייסער קאָפּ פון מיין טאַטן. ווען איך האָב געזאָגט „איבעראַשט געוואָרן" האָב איך גענוצט אַ זייער מילדן אויסדרוק... איך האָב ממש מיינע אויגן ניט געגלויבט.

אפילו אין מיין מאַמעס געוואוינטלעך רואיקער נאַטור, האָט זיך אויך גע־פילט אַ געוויסע אויפרעגונג. זי האָט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף אים געפרעגט: „וואָס איז? וואָס ווילסטו דאָ?"

מיין טאַטע האָט ווי מיט אַ רחמנות־פנים, מיט פאַרשולדיקטע אויגן געענטפערט:

„איז עס דען אַזוי ווילד, וואָס איך בין געקומען אייך זען? איז עס אַזוי קרום? איך דאַרף ביי דיר בעטן אַ טובה, ביי דיר און ביי צילי׳ן. מיר פעלט אַן אַקטריסע, צו שפּילן מיין טאָכטער אין „גאָטס שטראָף". אין ביז יאָרק האָט עס געשפּילט מיין נוניע. וויל איך דיר בעטן זאָלסט לאָזן צילי׳ן זי זאָל שפּילן די ראָלע".

„אויב צילי וויל, האָב איך ניט דאַגעגן".

„ווילסטו זיין מאָרגן פרי צו פּראָבע, צילי?"

„יאָ, פּאַפּאַ..."

מיט אַ מאָדנעם געפיל בין איך אויף מאָרגן אינדערפרי געגאַנגען צו פּראָבע. צוויי מיט אַ האַלב יאָר בין איך אַלט געווען ווען איך בין מיט מיין טאַטן דאָס לעצטע מאָל געווען אויף דער בינע... געדענקט איר דאָך מיין צוגעשריבענע קינדער־ראָלע אין „קעניג ליר". און איר ווייסט, אַז איך האָלט דאָס ניט פאַר אַ געשפּילטער ראָלע מיינער. וואָס ווייסט אַ קינד פון צוויי און אַ האַלב יאָר? איצט, אַלס פול־דערוואַקסענע, פאַרשטייענדיק דעם גאַנצן פּלאָנטער פון מיין משפחה־לעבן, גיי איך צום ערשטן מאָל זיך גרייטן שפּילן מיט מיין גרויסן טאַטן. אין מיין האַרץ האָט זיך גענומען קלייבן אַ געוויסע בערוועזיטעט.

ווען איך בין אַרויפגעקומען אויף דער בינע צו פּראָבע, וואו סאַראַ אַדלער האָט אויסגעמיטן מיך צו באַגריסן, איז מיין נערוועזיטעט נאָך מער געשטיגן. מיין טאַטע איז זייער זאַכלעך צוגעטראָטן צו דער פּראָבע — מיר געגעבן מיין ראָלע, ווי עס וואָלט דאָ ניט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע סיטואַציע. די ראָלע איז מיר געפעלן. איך בין פלייסיק צוגעטראָטן צום שטודירן און פּרובירן זי.

איך האָב דורך די עטלעכע טעג פּראָבען אינגאַנצן איגנאָרירט די גלייכ־גילטיקייט וואָס סאַראַ אַדלער האָט מיר אַרויסגעוויזן. עס איז געקומען די

ערשטע פֿאָרשטעלונג. די בינע שטעלט פֿאָר דאָס הויז פֿונם ראַבינער — אַ רייך צימער, מיט הויכע טרעפּ וואָס פֿירן צו די אויבערשטע צימערן. דער ראַבינער, מיין טאַטע אין דער פּיעסע, ווערט געשפּילט פֿון יעקב אַדלער. זיין פֿרוי, מיין מאַמע אין דער פּיעסע, ווערט געשפּילט פֿון סאַראַ אַדלער.

און אָט קומען מיר ביידע, זי און איך, אַראָפּ פֿון די טרעפּ; איך — פֿאָראויס, זי — נאָך מיר. מיט אַמאָל האָב איך דערפֿילט די באַרירונג פֿון איר האַנט אויף מיין פּלייצע... איך האָב זיך אינסטינקטיוו אָפּגעשטעלט... דאָס האָט זי פֿאַרקנעפּלט מיין קלייד, וואָס איך האָב אין אייַלעניש מן הסתם געלאָזט אָפֿן. ניט זי, ניט איך האָבן דערביי אַרויסגערעדט אַ וואָרט. מיר זיינען דאָך שוין אויף דער בינע פֿאַרן עולם. איך האָב אָבער געהאַט אַ מאָדנעם געפֿיל — אַ סאָרט דרך־ארץ פֿאַר איר בינע־פֿליכט און געטריישאַפֿט צו איר שוישפּילערישן אינסטינקט.

מיין מאַמע איז געווען אין טעאַטער ביי דער פֿאָרשטעלונג. זי איז געזעסן אין אַ לאָזשע. זייט איר שוין באַקאַנט מיט דער באַציאונג וואָס דער לאָנדאָנער עולם האָט צו איר געהאַט. גאָר אַ גרויסער טייל פֿון עולם האָט געוואוסט די גאַנצע געשיכטע פֿון מיין מאַמעס לעבן. האָבן זיי מיט גרויס נייגעריקייט באַטראַכט מיין מאַמען, געוואָלט דערגיין וואָס פֿאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף איר דאָס שפּילן פֿון יעקב פּ. אַדלער. עס האָט זיך געפֿילט אַ נערוועזע אָנשטרענגונג אין טעאַטער. און אפֿשר צום ערשטן מאָל אין מיין טאַטנס לעבן, אויף דער בינע, איז אים אויסגעקומען צו ליידן, אַזוי ווי אומצאָליקע שוישפּילער אויף פֿאַרשידענע בינעס פֿלעגן ליידן, ווען ער פֿלעגט זיצן, מיט זיין ווייסן קאָפּ אין אַ לאָזשע אין טעאַטער, און אָפּציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון עולם צו זיך. אים האָבן שטענדיק געשמייכלט אַזעלכע מאָמענטן אין טעאַטער, און ער האָט קיינמאָל ניט געפֿילט וואָס פֿאַר אַ שטערונג דאָס איז פֿאַר די שוישפּילער אויף דער בינע. ער האָט געשיקט בעטן דער מאַמען, צו טאָן דאָס וואָס אַ סך מענעדזשערס פֿלעגן זיך ביי אים בעטן צו טאָן — זיך באַהאַלטן הינטערן פֿאָרהאַנג פֿון דער לאָזשע... מיין מאַמע האָט אים צוליב־געטאָן...

בין איך אַוודאי געווען צופֿרידן, ווען מיין טאַטע האָט אין לויף פֿון די פֿאָרשטעלונגען מיך עטלעכע מאָל קאָמפּלימענטירט פֿאַר דעם אופֿן ווי איך האָב די ראָלע געשפּילט. איך האָב אָבער זייער שטאַרק אָפּגעשאַצט די קאָמפּלימענטן אָן ווערטער, וואָס איך האָב געפֿילט אין סאַראַ׳ס בליקן אויף מיר, אין דער ראָלע. איך בין זיכער, אַז אירע בליקן האָבן מיך ניט אָפּגענאַרט. הפּנים, אַז איר שוישפּילערישער אינסטינקט איז געווען שטאַרקער פֿון אירע פּערזענלעכע געפֿילן.

אַ פּאָר טעג נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג פון „גאָטס שטראָף‟ האָבן מיר זיך געזעצט אויף דער שיף צוריק קיין ניו יאָרק.

דאָס מאָל האָב איך אויף דער שיף ניט געזוכט צו פירן געשפּרעכן מיט מיין מאַמען... איך בין געווען פאַרנומען מיט זיך. וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ניו יאָרק, איז מיין אומרואיקייט אַלץ מער געוואַקסן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָב איך געפּרואווט אַנאַליזירן די האַנדלונג פון מאָריס שוואַרץ. ווי האָט גאָר געקענט אַזאַ זאַך פּאַסירן? אָט, נאָר קאַרגע צוויי אָדער דריי חדשים צוריק, איז ער געווען אַזוי פאַרליבט... אַזוי שרעקלעך אומגליקלעך מיט זיין אומזיכערקייט מיט מיר... זיך געצאַפּלט אַרויסצוקריגן פון מיר אַ גוטן ענטפער... און אָט איז ער שוין אַ פאַרהייראַטער מאַן...

כ׳האָב עס בשום־אופן ניט געקענט צעקייען... עפּעס איז דאָך דאָ ניט אין אָרדנונג... עפּעס איז דאָך דאָ קרום... איז זיין ליבע געווען אַ קרומע? ווי אַזוי וועל איך אים באַגעגענען?... וואָס וועל איך אים זאָגן ווען איך וועל אים טרעפן? וואָס וועט ער מיר זאָגן? דאַרף איך זיין ברוגז, אָדער אים ווייזן אַז ס׳אַרט מיר ניט? איז מיין פּריוועט־שטאָלץ דאָ באַליידיקט? איך האָב ביי זיך דעם ריכטיקן ענטפער ניט געפונען...

ביים אַראָפּגיין פון שיף, צווישן אַלע אונזערע פריינט וואָס האָבן אונז אָפּגעוואַרט, איז אויך געווען שוואַרצ׳ס חבר, לעאָן בערגער. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. ער האָט, ווי אַן ענטפער אויף מיינע בליקן, צעשפּרייט די הענט און געצויגן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „וואָס קען איך דיר זאָגן?‟...

ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט די „קאָסטאָם‟־באַאַמטע און ער האָט צו מיר געקענט ריידן אויג אויף אויג, האָט ער מיך ענדלעך דערציילט ווי שוואַרץ פילט און אַז ער וויל מיך זען. איך האָב צוערשט אָפּגעזאָגט, אָבער בערגער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן און אַזוי לאַנג גערעדט איבער מיר, געבעטן, ביז איך האָב נאָכגעגעבן.

ער איז טאַקע דעם זעלבן אָוונט געקומען צו מיר. שטעל איך מיר פאָר, אַז אַזוי מוז אויסזען אַ מענטש ווען מ׳פירט צו דער הינריכטונג. אַזוי האָט שוואַרץ אויסגעזען ווען ער האָט געעפנט די טיר. אין זיינע אויגן איז געלעגן אַזוי פיל שולדיקייט — ער האָט ניט געקענט אויפהויבן די אויגן... זיין גאַנצער אויסזען האָט אויסגעדריקט אַ פאַרשעמטקייט, אַן אומצופרידנקייט מיט זיך, אַ פאַרצווייפלונג, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אָפּגרונט...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן שטול און האָט אַ היפּשע ווײַלע

קיין וואָרט ניט גערעדט. איך האָב רואיק געקוקט אויף אים, אים באַטראַכט, און אויך קיין וואָרט ניט גערעדט.

קען איך ניט זאָגן אַז זיין צושטאַנד האָט ביי מיר אַרויסגערופן רחמנות אָדער מיטגעפיל. אויב מיין פּנים אָדער מיינע אויגן האָבן עפּעס אויסגעדריקט, איז עס אפשר געווען בלויז וואָס איז געווען אין מיינע געדאַנקען: „וואָס און ווי אַזוי איז דאָס געשען?...״

עס האָט אים גענומען אַ היפּשע צייט ביז ער האָט אָנגעהויבן ריידן. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען וועגן זיין מורא׳דיקער פאַרצווייפלונג ווען ער האָט מיין בריוו געקראָגן. ערשט נאָכדעם האָט ער מיר דערציילט, ווי אַזוי עס איז געשען.

איך האָב אין זיין דערקלערונג בשום־אופן ניט געקענט געפינען קיין שום באַרעכטיקונג פאַר זיין האַנדלונג. אינסטינקטיוו האָב איך דערפילט אַז עפּעס איז „פויל אין דענמאַרק״... אָט דאָס געפיל איז ביי מיר פאַרבליבן.

ערשט איצט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, איז מיר אויסגעקומען זיך עטלעכע מאָל צו טרעפן מיט שוואַרצ׳ס יוגנט־פריינט, זיין שותף אין קאָלאָמביאַ טעאַטער, סאָל דיקשטיין. איך האָב געדאַרפט פעסטשטעלן געוויסע דאַטעס און פּאַסירונגען פון יענעם סעזאָן. ריידנדיק מיט מיר פון יענער צייט האָט ער מיר געזאָגט:

„ווייסט איר כאָטש, צילי, ווי שוואַרץ איז געווען פאַרליבט אין אייך? ער איז געווען משוגע פאַר אייך... די צרה איז נאָר געווען, וואָס ער איז שוין צוויי יאָר געווען אַ חתן פאַר איוואַ ראַפאַלאָ פון סינסינעטי!״

מיין געפיל, אַז עפּעס איז „פויל אין דענמאַרק״, איז געווען אַ ריכטיקער...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טעאַטער־סעזאָן פון 1910־1911. אַריינגערעכנט ברוקלין האָט ניו יאָרק דאַן געהאַט זעקס אָדער זיבן אידישע טעאַטערס. צווישן זיי איז געווען דער טהאַליאַ טעאַטער מיט יעקב און סאַראַ אַדלער, דער פּיפּלס טעאַטער מיט באָריס און בעסי טאָמאַשעפסקי, דער ליפּצין טעאַטער מיט קעני ליפּצין און מאָריס מאָשקאָוויטש, קעסלער׳ס ליריק טעאַטער מיט מאַלווינאַ לאָבעל, ליבערטי טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון עדווין אי. רעלקין.

פאַר מיר, ווי עס זעט אויס, איז אין די אַלע טעאַטערס קיין פּלאַץ נישט געווען. הפּנים, אַז דער שרייבער פון „פאָרווערטס״ האָט געוווּסט וואָס ער האָט געשריבן, ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז „צוליב

טעאַטער פאָליטיק וועט מען צילי אָדלער נישט צולאָזן צום פסוק". האָב איך אפשר אינסטינקטיוו געפילט, אַז ער איז גערעכט. איך האָב עס אָבער בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין. דער פאַקט איז געבליבן — איך בין נישט געווען אַנגאַזשירט.

האָב איך זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט גיין זען טעאַטער. יענעם סעזאָן האָט דער באמת געניאַלער שוישפּילער רודאָלף שילדקרויט געשפּילט אין טאָמאַשעפסקי'ס פּיפּלס טעאַטער. געדענק איך דעם טיפן איינדרוק, וואָס זיין שפּילן האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב אים געזען דאָס ערשטע מאָל. איך בין ממש געווען אין זיבעטן הימל. איך האָב בוכשטעבליך נישט געפילט קיין זאַך אַרום מיר. מיט אַלע מיינע חושים בין איך געווען פאַר־טראָגן אויף דער בינע, פאַרנומען בלויז מיטן געניאַלן שפּילן פון רודאָלף שילדקרויט. איך האָב דאַמאָלסט געפילט, אַז איך האָב אַזוינס פריער אין מיין לעבן ניט איבערגעלעבט. איך געדענק קלאָר, אַז לאַנג נאָכדעם ווי די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט בין איך אַ געפּלעפטע געבליבן זיצן און האָב זיך ניט גערירט פון מיין אָרט.

דער טעאַטער איז שוין כמעט געווען אויסגעליידיגט, ווען איך האָב זיך ענדלעך אויפגעהויבן אַרויסצוגיין. איך בין קיינמאָל ניט פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון קיין רעליגיעזע געפילן, אָבער אין מיין זכרון איז איינגעקריצט אַ תפילה, וואָס מיינע ליפּן האָבן פון זיך געשעפּטשעט נאָכאַנאַנד, דורך דער פאָרשטעלונג: „העלף מיר, גאָטעניו, איך זאָל אַמאָל דערלעבן די זכיה צו שטיין אויף איין בינע מיט דעם גאָט־געבענטשטן קינסטלער רודאָלף שילד־קרויט".

וועט דאָס אפשר קלינגען מעלאָדראַמאַטיש, אָדער אפשר זיך גרענעצן מיט שונד, אָבער געשען איז עס אַזוי: אַ צוויי, העכסטנס דריי, טעג שפּע־טער האָב איך פּלוצלונג געקראָגן אַ טעלעפאָן פון פּיפּלס טעאַטער, אַז איך זאָל צוקומען אין אָפיס פון טעאַטער, מר. טאָמאַשעפסקי וויל מיך זען.

איך ווייס ניט צי ס'האָט ווען עס איז פריער אַזוינס פּאַסירט אין אי־דישן טעאַטער. אָבער אַזוי האָט טאָמאַשעפסקי צו מיר גערעדט:

„איך האָב ניט קיין ספּעציעלע ראָלע פאַר דיר. און מיין טרופּע איז פאַרפולט. איך וויל דיך אַנגאַזשירן, ווי מ'רופט עס אין ענגלישן טעאַטער, ווי אַ „סאָבסטיטוט". אין פאַל אַן אַקטריסע ווערט קראַנק, אָדער קען דורך אַן אַנדער סיבה ניט קומען שפּילן, דאַרפסטו זיין גרייט אַריינשפּרינגען אין איר ראָלע. דאַרפסט זיך גוט באַקענען מיט אַלע פּיעסן פון מיין רעפּערטואַר. פאַרשטייסט דאָך, אַז איך קען דיר קיין סך דערפאַר ניט צאָלן. איך וועל דיר געבן פינף און צוואַנציק דאָלער אַ וואָך".

ווי געזאָגט, איז אַזוינס פריער אין אידישן טעאַטער ניט געווען. אַלנ־פאַלס, איך האָב פון דעם ניט געוואוסט. אַזוי, אַז ווען טאָמאַשעפסקי האָט צו מיר גערעדט, איז מיין קאָפּ געווען פאַרנומען מיט דער פראַגע, פאַרוואָס טוט ער עס? צו וואָס דאַרף ער מיך? איך האָב ניט געקענט גלויבן, אַז מיין שטילע תפילה, בעת איך האָב געזען שלידקרויט׳ן שפּילן, האָט פאַר־אורזאַכט אָט די מאָדנע אַנגאַזשמאַ טאָמאַשעפסקי׳ס.

דער סוד איז פאַר מיר אַנטדעקט געוואָרן מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אויף עטלעכע נאָטיצן פון אידישע צייטונגען, אַריינ־גערעכנט דעם נאָטיץ וואָס איך האָב פריער דערמאָנט פון „פאָרווערטס״, אויך אַ ספּעציעלן לענגערן אַרטיקל, געשריבן פון דעם באַוואוסטן פאַר־וואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל״, יעקב פישמאַן. אַלע האָבן זיי געהאַט איין טענה: פאַרוואָס אַנגאַזשירט מען ניט צילי אַדלער... האָט זיך ניט אָפּגערופן מיין טאַטע יעקב פּ. אַדלער; האָט עס ניט געווירקט אויף דוד קעסלער און אַוודאי ניט אויף די מענעדזשערס פון די אַנדערע טעאַטערס. דער איינציקער, וועלכער האָט דערפילט, אַז די טענה איז אַ גערעכטע, אַז די טאָכטער פון יעקב אַדלער און דיינע פיינמאַן פאַרדינט, אַז זי זאָל קריגן די געלעגנהייט צו קענען באַווייזן, אַז זי באַלאַנגט צום אידישן טעאַטער, איז געווען באָריס טאָמאַשעפסקי.

אָט דעם סענטימענט זיינעם האָב איך טיף אָפּגעשאַצט אַלע יאָרן פון מיין טעאַטער קאַריערע. שרייבנדיק איצט וועגן דעם פאַל, פיל איך ווי צו נוצן דעם באַקאַנטן אידישן אויסדרוק: „זאָל אים די ערד גרינג זיין״.

דער געשריי פון די צייטונגען איז פאַר מיר געווען די גרעסטע איבעררא־שונג. איך האָב צו יענער צייט כמעט קיין איינעם פון די טעאַטער־שרייבער ניט געקענט. איך ווייס אויך ניט מיט וואָס איך האָב פאַרדינט אַזאַ אויפמערק־זאַמקייט מצד דער אידישער פרעסע. אָבער איך בין ביז גאָר דאַנקבאַר די, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט פאַר מיר איינגעשטעלט.

און לאָמיך שוין ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק צו דער פרעסע בכלל, פאַר די אַלע צענדליקער יאָרן וואָס מען האָט מיך דאָרט אויף אַזאַ פיינעם און וואונדערלעכן אופן באַהאַנדלט. אַזוי ווי דער איינ־ציקער אַרטיקל וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטער אַ נאָמען איז געווען דאָס, וואָס יעקב פישמאַן האָט געשריבן, האָב איך אים מיט עטלעכע טעג שפּעטער געשריבן אַ דאַנק־בריוועלע, און פון אים איך אויך באַקומען אַן ענטפער, אַז „אַ שוישפּילערין דאַרף ניט דאַנקען קיין טעאַטער רעצענזענט פאַר שרייבן אַ גוטע מיינונג וועגן איר״... איך האָב פון אים די עצה אָנגענומען. איך האָב עס קיינמאָל מער ניט געטאָן.

אומדירעקט האָבן יעקב פישמאַנ׳ס אַרטיקל און זיין ענטפער אויף מיין דאַנק־בריוול צו אים, געפירט צו אַ זייער האַרציקער און לאַנג־יאָריקער פריינטשאַפט צווישן אונז. פישמאַן איז געווען אַ זייער פיינער און בנעימות׳־דיקער מענטש. איך ווייס ניט, צי האָט מען אין יענע יאָרן פון אונזער פריינט־שאַפט אים שוין געקענט באַצייכנען ווי אַן אַלטן בחור. אָבער ער איז געווען און געבליבן אַ בחור ביזן סוף פון זיין לעבן. ער איז געווען נאָענט מיט פילע שוישפילער פון בעסערן אידישן טעאַטער, געהאַט זיינע פעסטגעשטעלטע מיינונגען וועגן טעאַטער און שוישפיל־קונסט, געהאַט אַ וואונדערלעכן חוש פאַר הומאָר. ס׳איז געווען זייער אַנגענעם צו זיין אין זיין געזעלשאַפט, אַ פאַר־געניגן מיט אים צו פאַרברענגען. די סאַמע וויכטיקסטע פרויען־סטאַרס זיינען געווען זיינע נאָענטע פריינט. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געשפּילט דעם קאַוואַליער. חוץ זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין „מאָרגען זשורנאַל״ אַלס פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר איז ער געווען אַן אָנגעזעענער ציוניסטישער פירער און האָט זייער אָפט אַנטיילגענומען אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

געדענקט איר דאָך די שרעקלעכע בשורה פונם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, שווייצאַריע, וועגן זיין פלוצלונגדיקן טויט. ערשט דאַן, פון די אומצייליקע נעקראָלאָגן און חיים ווייצמאַנ׳ס הספד ביים קאָנגרעס, האָבן זיך אַנטפּלעקט זיינע פילע מעלות און זיין באמת פיינע פערזענלעכקייט.

ווען איך וועל אין מיינע באַשרייבונגען קומען צו די צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, וועל איך ווידער דערמאָנען דעם ליבהאַרציקן יעקב פישמאַן, ווי איינעם פון די „דריי דזשעקס״, וועלכע האָבן דורך אַ צאָל יאָרן מיט זייער אויפריכטיקער פריינטשאַפט מיין לעבן דערהויבן און פאַר־שענערט.

איצט אָבער שטייען מיר ערשט ביי די לעצטע חדשים פון 1910, ווען איך בין געוואָרן אַן אָנגעשטעלטע אין פיפּלס טעאַטער. איך האָב געהאַט די באַפרידיקונג צו זיין אין דעם זעלבן טעאַטער מיט רודאָלף שילדקרויט. זיינען מיינע געדאַנקען נאָך אַלץ געווען פול מיט דעם וואונטש צו האָבן די געלעגנהייט מיט אים צו שפּילן. מיין ערשטע געלעגנהייט צו שטיין אויף דער בינע אין פיפּלס טעאַטער, איז געווען אין ליבינ׳ס „גערעכטיקייט״. אַ שוישפּילערין איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן און מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן די צווייטע ראָלע צו בעסי טאָמאַשעפסקי׳ן, אַן פּראָבע.

אין לעצטן אַקט בין איך אין געריכט־זאַל, וואו איך בין געווען אַן עדות ביי אַ משפּט וועגן מיין טויטער מאַמע. נאָכן עדות זאָגן דאַרף איך בלייבן זיצן צווישן עולם אין געריכט, אָן אַ וואָרט, ביזן שלוס־אַקט. אין די פאַר־האַנדלונגען ברענגט מען אַרויס די טראַגישע איינצלהייטן וועגן מיין מאַמעס

טויט. אינסטינקטיוו האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן שלוכץ־געוויין. באַריס טאָמאַשעפסקי און לעאָן בלאַנק האָבן זיך האַסטיק אויסגעדרייט אין מיין ריכטונג צו זען פון וואַנען עס קומט דער געוויין. ביידע האָבן מיך מאָדנע אָנגעקוקט, און דאַן האָבן זיי ביידע באַדייטונגספול געקוקט איינער אויפן צווייטן. איך האָב ניט געוואוסט צי איך האָב געטאָן אַ גוטע זאַך מיט מיין אויסברוך צי ניין. ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, זיינען זיי ביידע צוגעקומען צו מיר און מיך געלויבט פאַר יענער סצענע: „דיין אויסברוך איז געווען זייער אַ גוטער איינפאַל, דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך, אַז אַ טאָכטער זאָל ניט בלייבן זיצן גלייכגילטיק ווען מען מאָלט אָפּ איר מאַמעס טויט... ביז איצט איז עס ניט געטאָן געוואָרן״... מיינע אַקציעס האָבן זיך דורכדעם אַביסעלע געהויבן.

די צווייטע וויכטיקע געשעעניש פאַר מיר יענעם סעזאָן האָט זיכער אויך געהאַט אַ באַדייטענדע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון מיין קאַריערע. דורך יענעם צופאַל האָט טאָמאַשעפסקי געקראָגן די פולע איבער־צייגונג, אַז מ׳קען מיר אָנפאַרטרויען וויכטיקע ראָלן. דאַן האָב איך עס געהאַלטן פאַר מיין שוואַרצן פרייטיק, כאָטש אין דער געשיכטע פון מיין קאַריערע איז עס געווען אַ ליכטיקער שיינענדיקער בלאַט.

אַ פרייטיק נאָכמיטאָג איז עס געווען, ס׳איז צו מיר געקומען אַ שליח פון טעאַטער, מיר געגעבן אַ טעאַטער־טעקסט פון אַ פּיעסע, מיט אַ צעטעלע פון טאָמאַשעפסקי׳ן: — מען שפּילט עס מאָרגן מאַטינע, בעסי טאָמאַשעפסקי קען ניט שפּילן מאָרגן, מוז איך, הייסט עס, איר פאַרטרעטן אין דער ראָלע. מאָרגן 11 אַזייגער, וועט טאָמאַשעפסקי מיט מיר איבערגיין די מיזאַנ־סצענעס.

איך עפן דעם טעקסט, און עס פאַלט מיר איין דאָס האַרץ. איך האַלט אין דער האַנט אָסיפּ דימאָוו׳ס באַרימטע דראַמע „שמע ישראל״. איך האָב די פּיעסע קיינמאָל ניט געזען שפּילן, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט פון די קריטיקן, ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, אַז די הויפּט פרויען־ראָלע איז אַ גרויסע, זייער אַ קאָמפּליצירטע און עכט־דראַמאַטישע, אַ ראָלע וועלכע פאָדערט טיפע פאַרטראַכטונג, אַ סך גריבלעניש, כדי זיך אַריינ־צולעבן אין איר און אַרויסברענגען אַלץ וואָס דער מחבר האָט אין איר אַריינגעלייגט. ווי קען איך דאָס אַלץ דערוויזן אין אַ משך פון שטונדן? אָבער אַזוי איז מיין מזל — מיין ערשטע גרויסע ראָלע אין ניו יאָרק, דאַרף איך אויף אַזאַ מאַשינאָוון אופן צוגרייטן.

כ׳האָב זיך אַריינגעזעצט אין בעט, מיט אַ קישן הינטער דער פּלייצע און אַ קישן אויף מיין שויס, כדי דער טעקסט זאָל מיר זיין נאָענט צו די

אויגן. איך האָב באַשלאָסן פריער איבערצולייענען די גאַנצע פּיעסע, כדי זיך צו באַקענען מיט דער אומגעבונג אין וועלכער מיין ראָלע דאַרף זיך אַריינ־פּאַסן. די דראַמאַטישע און טראַגישע סצענעס און די אויסערגעוויינלעכע, האַרצרייסנדיקע מאָנאָלאָגן פון דער העלדין, חנה, האָבן ביי מיר אַרויסגעצויגן אַ סך טרערן. צו דער טראַגעדיע פון דער פּיעסע, האָב איך אויך געפילט מיין אייגענע טראַגעדיע, וואָס איך מוז אַזאַ ראָלע, אויף אַזאַ געאיילטן און טאַנדעטנעם אופן אויסלערנען. איך האָב זיך ענדלעך גענומען אין די הענט — איך מוז די ראָלע קענען אויף מאָרגן אינדערפרי.

איך לערן די ראָלע, און די טרערן גיסן זיך אָן אויפהער. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין שוין די נאַכט ניט געשלאָפן, אָבער איך האָב מיין ראָלע געקענט אויף אויסנווייניק, מיט אַלע רעפּליקן פון די מענטשן אַרום מיר.

ווען איך בין עלף אַזייגער געקומען אין טעאַטער, איז ב. טאָמאַשעפסקי מיט מיר עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען די סצענעס — וואו אַריינגיין, אַרויס־גיין, וואו שטיין, וואו זיצן. איך האָב דערפילט אַ שרעקלעכע נערוועזיטעט. דאָס אַריינגיין און אַרויסגיין, דאָס ריכטיקע אָרט וואו צו שטיין און זיצן, דאָס אַלץ איז אַ גרויסע הילף פאַר דעם גאַנג פון דער פּיעסע און פאַר אַלע אַנטיילנעמער. מיין ראָלע איז אָבער דערפון פאַר מיר ניט קלאָרער געוואָרן; איך האָב פאַר מיין שפּילן, זייער ווייניק געוואונען.

פּאַסירן אָבער אין טעאַטער מערקווירדיקע טשיקאַוועסטן. אומצייליקע גרויסע דערפאָלגן, סיי פון אַ גאַנצער פּיעסע, סיי פון איינצלנע ראָלן, קומען אַרויס אַ דאַנק אַזעלכע טשיקאַוועסטן. איינע פון די דראַמאַטישע סצענעס אין דער פּיעסע „שמע ישראל״ קומט פאַר אין דריטן אַקט. ווען איך דערצייל פאַר מיין טאַטן, אהרן שייפער, וואָס מיט מיר איז געשען אין צייט פון פּאָגראָם.

איינער פון די צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס האָט זי פאַרגוואַלדיקט. זי איז אַ כלה פאַר איינעם פון די אָנגעזעענע יונגעלייט פון שטאָט, יעקב ענמאַן, און איצטער דאַרף מען זיך גרייטן צו דער חתונה. זי איז אָבער פון די ריינע און ערלעכע נאַטורן, און פון יענער שענדלעכער פּאַסירונג פילט זי זיך אינערלעך אַזוי באַפלעקט, אַזוי דערנידעריקט, אַז זי האַלט זיך פאַר אומווירדיק צו ווערן די פרוי פון אַזאַ איידעלן, פיינעם מענטשן ווי יעקב ענמאַן איז.

איך, ביי יענער סצענע, זיץ ביי מיין טאַטנס צופוסנס — גיס אויס מיין האַרץ, שריי אויס מיין וויטיק, דערצייל מיין טאַטן פון דער שרעקלעכער געשעעניש. כאָטש איך האָב די ווערטער געקענט זייער פליסיק, אָבער איבער מיין שרעקלעכער נערוועזיטעט און דער געדריקטער שטימונג פון יענעם מאָמענט, האָט זיך ביי מיר פאַרהאַקט דער אָטעם. איך

האָב געוואָלט ריידן, איך האָב געעפנט און פאַרמאַכט דאָס מויל, אָבער קיין קלאַנג איז פון מיין מויל ניט אַרויס. טאָמאַשעפסקי, פילנדיק די טרייסלעניש פון מיין קערפּער ביי זיינע פיס, האָט צו מיר שטילערהייט געשעפּטשעט: „באַרואיק דיך, זיי ניט אַזוי נערוועז".

איך האָב אָבער מיין מויל און מיין האַלז ניט געקענט קאָנטראָלירן. מיר איז מיט גרויס אָנשטרענגונג, האַלטנדיק מיין פּנים אין מיינעביידע הענט, כדי פיל־ווינציק איינהאַלטן דאָס נערוועזע טרייסלעניש פון מיין מויל, ענדלעך געלונגען, אין אַ קול וואָס האָט געקלונגען ווייט און פרעמד, אַרויסשטאַמלען דעם גרויסן ווייטיק וואָס איז דאַן געלעגן טיף אין מיין האַרץ. ווען עס איז מיר ענדלעך געלונגען דערגיין צום סוף, בין איך געוואָרן שרעקלעך היסטעריש. מיין הילפלאָזיקייט, מיין שרעקלעכע נערוועזי־טעט, וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם מאָדנעם צושטאַנד פון מיין מויל און האַלז, האָט זיך מערקווירדיק אַריינגעפּאַסט אין דער שטימונג פון מיין ראָלע און פון דער אומגעבונג אין יענער סצענע. און אַזוי איז מיר געלונגען אַרויס־צוברענגען אַלץ וואָס די ראָלע האָט אין זיך געהאַט באַהאַלטן.

דער שטורעמדיקער, כמעט ווילדער, אַפּלאָדיסמענט פון עולם האָט מיך טייל־ווייז באַפרידיקט פאַר די ליידן און פּיין וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אין יענע שרעקלעכע מינוטן מיינע אויף דער בינע. טאָמאַשעפסקי׳ס אויסדרוק צו מיר, פאַרן עולם ביים בויגן זיך, האָט מיך נאָך מער באַלוינט פאַר די ביטערע שעה׳ן וואָס איך האָב געהאַט, זייט איך האָב ביי מיר אין שטוב געקראָגן דעם טעקסט פון „שמע ישראל"...

**ד**ער טעאַטער האָט זיך געגרייט אויפפירן אַ נייע אָפּערעטע פון באָריס טאָמאַשעפסקי. פאַר דער צייט האָט רודאָלף שילדקרויט געזאָלט מאַכן אַ פּראָווינץ־טור מיט שאָמער׳ס „אייקעלע מזיק".

ווען די פּיעסע איז אָנהויב סעזאָן געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק, האָט די הויפּט פרויען־ראָלע געשפּילט בעסי טאָמאַשעפסקי. פאַר דער פּראָווינץ האָט שילדקרויט שוין עטלעכע וואָכן געמאַכט פּראָבע מיט אַן אַנדער אַקטריסע. איצט, ווען מיינע אַקציעס אין טעאַטער זיינען געשטיגן, איבערהויפּט נאָך מיין שפּילן אין יענער פאָרשטעלונג פון „שמע ישראל", האָט דאָס טעאַטער געוואָלט, אַז איך זאָל איבערנעמען בעסי׳ס ראָלע.

איידער זיי האָבן פון זייער באַשלוס געמאָלדן שילדקרויט׳ן האָבן יוסף איידעלשטיין און גאָלדבערג, די פאַרוואַלטער, מיך איין טאָג אַריינגערופן

אין אָפּיס און מיר געלאָזט וויסן וואָס זיי ווילן. איידעלשטיין האָט מיר געזאָגט:

„דו ווייסט, צילי, דער דייטש דאַרף איצטער אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט „אייקעלע מזיק״. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז דו זאָלסט שפּילן בעסי טאָמאַשעפסקי׳ס ראָלע. נעם די ראָלע, לערן זי אויס און מיר וועלן זען, אַז דער דייטש זאָל דיך פאַרהערן״.

מיין האַרץ איז מיר שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען פון פרייד ווען איך האָב דאָס דערהערט. דער בלויזער געדאַנק פון אַ מעגלעכקייט צו שפּילן מיט שילדקרויט׳ן, טאַקע שפּילן, ניט נאָר שטיין מיט אים אויף איין בינע — ווי איך האָב תפילה געטאָן ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען שפּילן — שפּילן אַ הויפּט־ראָלע מיט אים, שטיין פּנים־אל־פּנים מיט דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט — וועגן דעם האָב איך דאָך אַפילו ניט געוואַגט צו חלום׳ען. איך האָב גענומען די ראָלע, בין געלאָפן אַהיים און אָנגעהויבן לערנען. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז מיין גרויסע געלעגנהייט.

איך מוז די ראָלע גרינטלעך אויסשטודירן, אַריינדרינגען אין יעדן וואָרט, אין יעדער סצענע, אַריינלייגן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. ניט נאָר איז דאָס אַ ראָלע וואָס בעסי טאָמאַשעפסקי האָט געשפּילט, נאָר מיין גאַנצער ווּזן איז געווען פול מיט דעם באַוואוסטזיין וואָס עס מיינט צו האַלטן עקזאַמען פאַר רודאָלף שילדקרויט. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך דאַרף עסן, שלאָפן — מיינע אַלע חושים זיינען געווען פאַרנומען מיט דער ראָלע...

אין עטלעכע טעג האָב איך געלאָזט וויסן יוסף איידעלשטיינ׳ען, אַז איך בין גרייט. ער האָט געשיקט לואי גאָלדבערג, אַז ער זאָל מיט מיר גיין צו שילדקרויט׳ן אין זיין היים.

איך בין זיכער, אַז אַ סך פון אייך זיינען געוויסע צייטן פון אייער לעבן געשטאַנען פאַר וויכטיקע עקזאַמענס, וואָס האָבן אפשר געדאַרפט באַשטימען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אייער לעבן. איך צווייפל, אָבער, אויב עמיץ האָט ווען עס איז דורכגעלעבט אַט־די ציטערניש וואָס האָט מיך אַרומגענומען אויפן וועג צו רודאָלף שילדקרויט. ווען איך טראַכט איצט פון יענעם גאַנג מיינעם, קומט מיר אויפן זינען מיין מאַמע׳ס שטענדיקע ברכה, וואָס זי האָט מיר נאָכגעשיקט, אויב זי איז געווען דערביי, ווען איך האָב זיך געלאָזט גיין צו אַ פּרעמיערע פון אַ נייער ראָלע: „זאָלסט געפינען חן ביי מענטשן אין די אויגן״... מיין איך, אַז איך וואָלט דאַן געווען אַ סך זיכערער ביי זיך ווען מיין מאַמע׳ס ברכה וואָלט מיך באַגלייט...

גייענדיק, בין איך אין געדאַנק איבערגעגאַנגען מיין ראָלע, און אויב איר וועט מיך ניט באַשולדיקן אין באַרימעריי, וועל איך אייך זאָגן, אַז איך

בין געווען צופרידן מיט זיך. איך האָב געפילט, אַז איך מוז מיט דעם אופן, ווי איך האָב די ראָלע אויפגעפּאַסט, געפעלן רודאָלף שילדקרויט׳ן. האָבן מיינע ליפּן געמורמלט אַ שטילע תפילה. ביז היינט נאָך, ווען איך גיי פאַרביי יענע הויז אויף סעינט מאַרקס פּלעיס, שווימט פאַר מיר אַרויס בולט יענע סצענע.

מיט געמישטע געפילן בין איך נאָכגעגאַנגען גאָלדבערג׳ן אויף די הויכע טרעפּ צום ערשטן שטאָק, וואו שילדקרויט האָט געוואוינט — אַ פריידיק געפיל פאַר דעם וואָס מיך דערוואַרט, אַ צופרידענער גלויבן, אַז איך בין פולשטענדיק צוגעגרייט פאַר דעם עקזאַמען, אָבער גלייכצייטיק אַ ציטערנ־דיקער צווייפל — ווער ווייסט, צי וועל איך נושא חן זיין?

מאַדאַם שילדקרויט האָט אונז געעפנט די טיר, זייער פריינטלעך אונז באַגריסט. גאָלדבערג האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר און איר געזאָגט צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. זי איז געווען זייער אַ ליבלעכער און פריינטלעכער מענטש. אירע וואַרעמע בליקן האָבן מיך טיילוויז באַרואיקט. זי האָט אונז געבעטן זיצן און זי איז אַוועק אונז מעלדן פאַר איר מאַן. און אָט הער איך איר האַרציקן קול:

— אייקעלע, דער הער גאָלדבערג איזט היר, מיט איינע יונגע דאַמע.

איך האָב פאַרוואונדערט געקוקט אויף גאָלדבערג׳ן. ער האָט מיר אויפ־געקלערט, אַז זי רופט אים שטענדיק מיט דעם נאָמען פון דער ראָלע אין וועלכער ער שפּילט. אין עטלעכע מינוט אַרום, איז זי צוריקגעקומען. מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע האָט זי געזאָגט: — עס טוט מיר זייער לייד, אָבער ער זאָגט ער וויל מער ניט פּרובירן מיט איינע אַנדערע שוישפּילערין, אַנטשולדיקען זי...

אויף דעם האָב איך זיך ניט געריכט — ער וויל מיך אַפילו ניט זען... מיך אַזוי פאַרשעמען... גייענדיק אַראָפּ פון די טרעפּ, האָבן זיך מיינע טרערן געגאָסן אָן אויפהער ווי ביי אַ קליין קינד. איך האָב זיך דערפילט אַזוי קליין, אַזוי דערנידעריקט. גאָלדבערג האָט מיך געפּרואווט טרייסטן:

— נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן, צילי. עס איז דאָך ניט, ווי ער וואָלט דיך אויסגעהערט און דיך, חלילה, אָפּגעזאָגט. וואָס קען מען טאָן? אַזוי איז ער — איינגעשפּאַרט ביז גאָר. — גודבאַי.

איך בין געבליבן אַליין. אַזאַ טיפער ווייטיק האָט מיך אַרומגענומען. אָט־די מעגלעכקייט האָב איך זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט. איך בין אַוועק אַהיים, און די קישן אויף מיין בעט וואָלט אייך אפשר אַמבעסטן געקענט איבערגעבן מיינע געפילן יענעם טאָג...

איך וויל האָפן, אַז יעדער פון אייך קען אויף זיין אופן זיך פאָרשטעלן וואָס ס׳האָט זיך געטאָן ביי מיר אין האַרצן. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מיין מוח, געדאַנקען פון פאַרצווייפלונג. כ׳האָב זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי איך וועל ווייטער קענען אָנגיין, ווי אַזוי איך וועל קומען אין טעאַטער, ווי אַזוי איך וועל די מענטשן קענען קוקן אין די אויגן.

איז, אַפּנים, אמת דאָס אַלט־באַקאַנטע ווערטל: „אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן און שוואַכער פון אַ פליג״. איך האָב זיך ווי עס איז אויסגעטשוכעט פון מיין דריקנדיקער שטימונג, און ווען, מיט צוויי וואָכן שפּעטער, האָט זיך דער טור פון „אייקעלע מזיק״ אָנגעהויבן אין נוארק פּרייטיק ביינאַכט, האָט עס מיך געצויגן צו זען יענע פאָרשטעלונג. מיט מיינער אַ חברטע בין איך אַוועקגעפאָרן קיין נואַרק.

געשפּילט האָט ער אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטערס. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָב איך דערפילט אַ מאָדנע האַרצקלאַפּעניש. איך האָב אָנגעשפּיצט מיינע אויגן און אויערן צו הערן יעדעס וואָרט, אויפכאַפּן יעדע מינע און באַוועגונג פון „מיין ראָלע״.

אומגליקלעכערוויז האָט די שוישפּילערין געהאַט זייער אַ שוואַכן קול, און דער ריזיקער טעאַטער איז געווען צו גרויס פאַר איר שטימע, וואָס האָט ניט דערגרייכט ווייטער ווי די ערשטע עטלעכע רייען. איז תיכף געוואָרן אַן אומרואיקייט אין טעאַטער. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען און אויס־רופן: העכער, מען הערט ניט! דאָס האָט אָנגעהאַלטן די מערסטע צייט פון יעדן אַקט. ביים שלוס איז עס כמעט געוואָרן אַ שטורעמדיקע דעמאָנסטראַציע. ס׳האָט מיר וויי געטאָן דאָס האַרץ, סיי פאַר דער אַקטריסע, סיי פאַר דער פאָר־שטעלונג. ווי נאָר עס האָט זיך געענדיקט, בין איך מיט מיין חבר׳טע אַוועק פון טעאַטער, און זיך געאײלט צו פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק.

אין יענע יאָרן איז דער הויפּט־פּאַרקער קיין נואַרק געווען מיט דער „פּערי״. איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט באַגעגענען זיך מיט די שוי־שפּילער פון דער טרופּע. האָב איך געהאָפּט, אַז אונז וועט געלינגען צו כאַפּן די „פּערי״ פאַר זייער אָנקומען. ס׳איז מיר אָבער ניט געלונגען. ווען מיר זיינען צוגעקומען האָט די „פּערי״ נאָרוואָס פאַרלאָזט דעם ברעג. מיר האָבן געמוזט וואַרטן אויף דער צווייטער פּערי. דערווייל איז די גאַנצע טרופּע, אויך רודאָלף שילדקרויט, אָנגעקומען. אַלע שוישפּילער האָבן מיך זייער פריינטלעך באַגריסט. אַ טייל פון זיי האָבן זיך מיט מיר גאָר אַרומ־געכאַפּט.

שילדקרויט איז געשטאַנען מיט אײדעלשטיינ׳ס זון איזידאָר. דערהער איך פּלוצים איזידאָר׳ס קול רעדנדיק צו שילדקרויט׳ן:

„דאָס איז דאָך צילי אַדלער, וועמען מיר האָבן געשיקט צו אייך צו שפּילן די ראָלע. איר האָט זי אַפילו ניט געוואָלט זען״.

איך האָב זיך געפילט זייער אומבאַקוועם. איך האָב מיין חבר׳טע אַ שלעפּ געטאָן, ווי איך האָב זיך געוואָלט מיט איר פאַרשטעלן, און זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט צו דער „געיט״ אויף אַרויפצוגיין אויף דער „פּערי״. ווי נאָר די „געיט״ האָט זיך געעפנט, זיינען מיר כמעט אַרויפגעלאָפן און אַוועק צום „פראָנט״ פון דער שיף. דאָרט, אין אַ זייט, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט.

אָבער איזידאָר און שילדקרויט האָבן זיך דווקא געזעצט פּונקט אַנטקעגן אונז. איך האָב געפילט אויף זיך זייערע שאַרפע בליקן. איך האָב אויך געפילט, אַז איך רויטל זיך און ניט געוואוסט וואוהין צו קוקן, כדי אויסצו־מיידן זיין כסדר׳דיקן קוקן אויף מיר.

מיין חבר׳טע האָט שעפּטשענדיק מיר געהאַלטן אין איין באַריכטן: „ער קוקט אויף דיר, זיי רעדן פון דיר״.

איך האָב קוים דערלעבט ווען די „פּערי״ האָט זיך דערנענטערט צום ברעג... האָב איך צוריק געשעפּטשעט צו מיין חבר׳טע: „קום וואָס שנעלער. לאָמיר זיין די ערשטע אַראָפּצוגיין״.

איז אונז געלונגען צו זיין די סאַמע ערשטע ביי דער „געיט״, געוואַרט, אַז די שיף זאָל זיך אָפּשטעלן און די „געיט״ זאָל זיך עפענען און מיך ראַטעווען פון מיין פאַרלעגנהייט.

און פּלוצים דערהער איך הינטער מיר אַ בעטנדיקע, פאַרשולדיקטע, כמעט קינדערישע שטימע: „איש ביטע זי, פריילין אַדלער, שפּילען זי מיט מיר״...

באַשרייבנדיק איצט דעם אינצידענט פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט רודאָלף שילדקרויט, זוך איך ווערטער ווי אַזוי אויסצודריקן מיינע געפילן פון יענעם מאָמענט ווען איך האָב דערהערט הינטער זיך, ווי ער בעט זיך, אַז איך זאָל שפּילן מיט אים... מיר דוכט זיך, אַז אַ שרייבער מיט מער טאַלאַנט ווי מיינער, וואָלט געהאַט אַ סך מער אויסצודריקן וועגן דעם מאָדנעם שפּיל, וואָס איז פאַרוויקלט אין דעם אינצידענט. איז עס ניט צום באַוואונדערן וואָס אין דעם זעלבן איינציקן אינצידענט איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן כמעט די טיפסטע פאַרצווייפלונג, מיין ביטערסטע אַנטוישונג און אויך מיין גרעסטע פרייד, און אפשר דעם גליקלעכסטן מאָמענט אין מיין לעבן, אינם גאַנג פון מיין קאַריערע... איך האָב ניט דעם שרייבערישן כח אייך איבער־

צוגעבן אַפילו די מינדסטע אָנדייטונג פון דער יובלענדער פרייד, וואָס האָט אויפגעבראָזט אין מיין גאַנצן וועזן, ווען איך האָב דערהערט די צאַרטע, לאַשטשענדיקע רייד זיינע: „איש ביטע זי, פריילין אַדלער, שפּילען זי מיט מיר״...

איך וויל ניט זיין מעלאָדראַמאַטיש און איך וויל זיך בפירוש אויסהיטן פון איבערטרייבונגען. אָבער גלויבט מיר, אַז אין יענעם מאָמענט איז ניט געווען קיין גליקלעכערער מענטש פון מיר אויף דער גאַנצער וועלט.

מאָמענטן, אַזעלכע ווי דער מיט רודאָלף שילדקרויט, זיינען געווען געצייל־טע אין מיין לאַנג־יאָריקער קאַריערע; אָבער זיי האָבן מיר פולשטענדיק פאַר־גיטיקט פאַר די צרות און האַרצוויטיק וואָס מיין באַרוף האָט מיר צוגעטיילט. איז דאָס אפשר די שולד פון דער סענסיטיווער און קאָמפּליצירטער נשמה פון שוישפּילער, וואָס ער קען אַזוי לייכט אַראָפּ אין דער טיפסטער פאַר־צווייפלונג און זיך דערהויבן צו דעם העכסטן עקסטאַז פון פרייד.

דוכט זיך מיר, אַז עמיצער האָט אַמאָל געזאָגט: „אַקטיאָרן זיינען ווי קינדער; מ׳קען זיי לייכט מאַכן וויינען און לאַכן״...

דורך דעם גאַנצן גאַנג פון מיין קאַריערע קען איך זיך ניט דערמאָנען אין אַן ענלעכער צייט, וואָס איך זאָל האָבן זיך געפילט אַזוי פולשטענדיק באַפרידיקט, ווי בעת איך האָב געשפּילט מיט רודאָלף שילדקרויט. עס איז פשוט שווער צו גלויבן, אַז עס איז מעגלעך דורכצולעבן טעג, וואָכן און חדשים נאָכאַנאַנד וואָס זאָלן זיין אַזוי כולו יום־טוב, אָן דער מינדסטער ערגערניש.

רודאָלף שילדקרויט איז געווען אַ וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט, אַ האַרציקער, אמת־וואַרעמער קאָלעגע און חבר. זיין ריזיקער טאַלאַנט איז אים קיינמאָל ניט געשטאַנען אין וועג צו אָנערקענען זיינע מיטשפּילער. מיט דער גאָרער באַרימטקייט זיינער איז ער געווען אַזוי נאָענט צו אייך, ער האָט זיך געשטעלט אַזוי גלייך מיט אייך, אַז איר האָט זיך געמוזט פילן זייער דערהויבן. ער האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט און אָנערקענט די פייאיקייט און דעם טאַלאַנט וואָס קאָלעגן פון זיין טרופּע האָבן ביי געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן.

האָב איך זיך טאַקע געפילט זייער געשמייכלט, ווען שילדקרויט האָט זיך ביי אַ געלעגנהייט אויסגעדריקט צום שלוס פון אונזער טור: „איך וועל פאַר צילי קיין זאַק באַרשטש ניט נעמען״... איך קען מיר קיין בעסערן קאָמפּלימענט ניט פאָרשטעלן.

אין פאַרלויף פון שפּילן קומען פאָר פאַרשידענע צופאַלן. און מיין שפּילן מיט שילדקרויט׳ן אין „אייקעלע מזיק״ איז ניט געווען קיין אויסנאַם. זיין רעאַגירן אויף אינצידענטן אַזעלכע, און זיין באַהערשן די בינע, האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן.

געדענק איך אַ סצענע צווישן אים און מיר:

אויף אונזער טור פון „אייקעלע מזיק״ איז אונז אויסגעקומען צו שפּילן ערגיץ אין אַ קליינער שטאָט, אין אַ טעאַטערל מיט אַ זייער נידעריקער בינע. דער עולם איז געזעסן כמעט גלייך מיט די אַקטיאָרן אויף דער בינע. אין דעם ערשטן אַקט זיצן מיר ביידע ביים טיש, מיר טרינקען קאַווע, און מיר רעדן צווישן זיך. אין דער ערשטער ריי, פונקט אַנטקעגן אונז, זיצן צוויי פרויען, וואָס האָבן געקייט און כסדר גערעדט, איבערגעזאָגט כמעט יעדעס וואָרט, וואָס מיר האָבן צווישן זיך גערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט זייער אויפפירונג זייער געקיצלט צום לאַכן.

ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, בין איך בטבע אַ גרויסע לאַ־כערקע. איך האָב זיך אָבער מיט גרויס מי באַהערשט און בין אָנגעגאַנגען מיט דער סצענע. האָב איך אין מיין פראַזע די פאָלגענדע טענה צו אייקעלע׳ן:

„זאָג מיר, אייקעלע, פאַרוואָס לאַכסטו קיינמאָל ניט?״

דאַרף ער מיר ענטפערן:

„איך האָב פיינט צו לאַכן, און איך האָב פיינט צו זען ווי יענער לאַכט״...

איך האָב אים מיין פראַגע געשטעלט און ער, האַלטנדיק אין האַנט דאָס טעפּעלע קאַווע צום מויל, האָט געענטפערט:

„איך האָב פיינט צו לאַכן און איך האָב פיינט צו זען...״

מער האָט ער ניט געקענט רעדן. זיין האַרציקער אויסברוך פון געלעכטער איז אַריינגעשאָסן געוואָרן אין אַ טעפּעלע קאַווע... נו, דאָס האָט ביי מיר אויפגעלייזט אַלע לאַך־מוסקולן, איך האָב ווייטער ניט געקענט ריידן.

באַלד נאָך דער סצענע ביים טיש דאַרף ער זיך אָנטאָן פאַרן שפּיגל זיין קאָלנער. ער קען אים ניט צושפּעטשן צום העמד, און ער הייסט מיר דאָס טאָן פאַר אים, און דערביי פירן מיר אַ וויכטיקן געשפּרעך. בין איך צו אים צוגעגאַנגען, געפּרואווט, הייסט עס, אים העלפן, אָבער רעדן האָב איך ניט געקענט — איך שטיק זיך פון לאַכן. מיינע ענטפערס זיינען, אָבער זייער נויטיק, אַז זיי קען די סצענע זיך ניט רירן פון אָרט. איך רייד ניט איך לאַך... ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָלנער, און מיט זיין גאַנצן כוח מיר אַ שמיץ געטאָן מיטן קאָלנער איבערן פּנים. איך האָב דערפילט אַ שניידנ־דיקן ווייטיק, אָבער עס האָט מיך אַרויסגעשלאָגן פון מיין געלעכטער, און מיר האָבן געקענט ענדיקן די סצענע.

ווען איך בין אַריין צו זיך אין גאַרדעראָב און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָב איך זיך ערשט דערשראָקן. אַ רויטער שראַם פֿון שטערן ביז מיין גאָמבע האָט ווי איבערגעשפּאָלטן מיין פּנים. איידער איך האָב צייט געהאַט זיך צו באַדויערן, אָדער האָבן פּאַראיבל אויף שילדקרויט׳ס שמיץ, איז ער שוין געווען אין מיין גאַרדעראָב און קניענדיק פֿאַר מיר זיך גענומען בעטן... כאָטש אויף דער בינע האָט ער גערעדט אַזאַ זאַפּטיקן אידיש, פֿלעגט ער, אָבער, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פֿון דער בינע, ריידן דורכאויס דייטש. האָט ער זיך ביי מיר געבעטן אויף דייטש. איך גיב עס אייך איבער אויף אידיש:

„זיי מיר מוחל, ציליקו, כ׳האָב זיך ניט געקענט העלפֿן. די סצענע האָט דאָך ווייטער ניט געקענט גיין... איך האָב דיך געמאַכט צום לאַכן. האָב איך קיין אַנדער וועג ניט געהאַט ווי אַזוי דיין געלעכטער אָפּצושטעלן, כדי צו ענדיקן די סצענע. זיי נישט בייז אויף מיר..."

איך האָב אים געמוזט צוגעבן, אַז ער איז גערעכט. טראָץ מיין ווייטיק האָב איך אים פֿון גאַנצן האַרצן מוחל געווען. אַנדערש וואָלט דער אַקט רואינירט געוואָרן.

נאָך אַ גרויסע באַפֿרידיקונג האָט מיר רודאָלף שילדקרויט צוגעטיילט ביי אַ שפּעטערדיקע געלעגנהייט יענעם סעזאָן. ער איז געווען אויף אַ טור מיט שעקספּיר׳ס „שיילאָק". מיטאַמאָל, — ס׳איז געווען אַרום עלף אַזייגער אינדערפֿרי, ווען איך בין גראָד געווען צוליב עפּעס אין אָפֿיס פֿון פּיפּלס טעאַטער — ערשט עס קלינגט דער טעלעפֿאָן. יוסף איידלשטיין ענטפֿערט. איך הער ווי ער זאָגט:

„פֿון וואַנען רעדט איר, מר. שילדקרויט, פֿון פּיטסבורג? וואָס עפּעס אין מיטן דרינען בייטן? ווער זאָל איך אייך שיקן? נישטאָ ביי אונז אַ געשפּילטע פֿאַרשאַ... וועמען? די קליינע? ווער איז די קליינע? צילי אַדלער פֿאַר פֿאַרשאַ?... פֿאַרשאַ דאַרף זיין אַ הויכע..."

איך הער דורכן טעלעפֿאָן דייטלעך שילדקרויט׳ס שרייען:

„שיקט מיר זאָפֿאָרט די קליינע. זאָנסט גיבט הויטע קיינע פֿאָרשטע-לונג..."

איידלשטיין האָט אויפֿגעהאַנגען:

„אַ משוגע׳נער דייטש!... ווי געפֿעלט עס דיר, צילי? דאָס איז ער אויפֿן וועג פֿון פּיטסבורג קיין פֿילאַדעלפֿיע, וואו ער דאַרף היינט נאַכט שפּילן אין אַקעדעמי אָוו מיוזיק... ער וויל דו זאָלסט שפּילן די ראָלע פֿון פֿאַרשאַ, אַניט שפּילט ער ניט. ער קען עס אויך טאָן, אַזאַ דייטש..."

איך האָב זיך דערשראָקן. שוין, היינט נאַכט, פֿאַרשאַ! כ׳האָב דאָך פֿון

דער ראָלע קיינמאָל ניט געטראַכט... אָבער טיף אין מיר האָט מיין האַרץ געקוואָלן פון דעם וואָס דער גרויסער שילדקרויט האָט צו מיר אַזאַ אומבאַ־גרענעצטן צוטרוי.

מ׳האָט מיך תיכף באַזאָרגט מיט דער ראָלע.

איך בין אַוועק אַהיים לערנען. איך האָב זיך מער ניט געשראָקן פאַרן אויסלערנען און קענען די ראָלע. איך בין געווען מער באַזאָרגט וועגן די קליידער פון פּאָרשאַ, וואָס ווערט געשפּילט פון הויכע פרויען. איך האָב זיך דערפאַר באַמיט אָנצוקומען קיין פילאַדעלפיע מיט צוויי שעה פריער — אי צו מאַכן פּראָבע מיט שילדקרויט׳ן, אי צו זיין זיכער, אַז די קליידער זאָלן ווי געהעריק ווערן צוגעפּאַסט פאַר מיר.

געדענק איך אויך, אַז אין דער אויפרעגונג האָב איך פונדעסטוועגן דערזען אַ היפּש ביסל הומאָר, וואָס איך, „די קליינע", ווי ער רופט מיך, פאַר צו אים שפּילן די הויכע פּאָרשאַ... אַ צייט לאַנג האָבן אַקטיאָרן, וואָס האָבן געוואוסט, אָדער געהערט פון דעם אינצידענט, מיך גערופן: שילדקרויט׳ס קליינע פּאָרשעלע...

עס ווייזט אויס, אַז שילדקרויט׳ן האָט די פיגור בכלל ניט געשטערט. אין דער צייט וואָס מען האָט מיר צוגעפּאַסט די לאַנגע קליידער, איז ער מיט מיר אויף שנעל דורכגעגאַנגען די סצענעס פון שיילאָק און פּאָרשאַ. ער האָט עטלעכע מאָל אין לויף פון דער געאיילטער פּראָבע מיך קאָמפּלי־מענטירט פאַר אַזוי שנעל אויסלערנען די ראָלע.

די הויפּט סיבה פון זיין בייטן די ראָלע פון פּאָרשאַ, איז געווען צוליב זיין שטאַרקער סצענע אין לעצטן אַקט אין געריכט. אויף אָט דער סצענע האָט ער זיך מער אָפּגעשטעלט. פון זען אים שפּילן „שיילאָק" אין פּיפּלס טעאַטער האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון זיין גוואַלדיקע נאַטירלעכ־קייט, זיין פּשוט׳קייט אין יענעם אַקט. ער האָט שטאַרק אונטערגעשטראָכן און מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיינע טענער אין יענעם דיאַלאָג מוזן האַר־מאָנירן מיט זיינע מענטשלעכע טענער. מיר איז דאָס מן הסתם געלונגען און ער איז געווען צופרידן.

קען איך ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט אייך צו דערציילן נאָך אַן עפּי־זאָד פון שילדקרויט׳ן אין „שיילאָק". דאָס איז טאַקע געווען יענעם סעזאָן. באַזעצנדיק דעם פּערסאָנאַל, האָט טאָמאַשעפסקי באַשטימט פאַר דער ראָלע פון ריכטער אין פערטן אַקט דעם שוישפּילער לייבוש גאָלד. ביי אַ געלעגנ־הייט האָט יוסף איידלשטיין געזאָגט צו לייבוש גאָלד׳ן:

„פאַרגעס ניט, אַז דו גייסט שפּילן מיטן דייטש, זע, אַז דו זאָלסט קענען דיין ראָלע..."

„איר דאַרפֿט זיך ניט זאָרגן, מר. איידלשטיין. איך קען מיין ראָלע ווי אַ וואַסער. איך בין דאָך אַ געשפּילטער. איך האָב די ראָלע געשפּילט אַזוי פֿיל מאָל מיט יעקב אַדלער'ן אַליין!"

און אָט איז געקומען די פּרעמיערע. שיילאָק קומט אַריין אין געריכט און דעם ריכטערס ערשטע ווערטער צו אים זיינען:

„ווי איז דיין נאָמען?"

שילדקרויט ענטפֿערט:

„שיילאָק..."

לייבוש גאָלד האָט ווייטער ניט גערעדט... ס'האָט גענומען אַ היפּשע ווילע ביז מ'האָט אים פֿון אַלע זייטן אונטערגעטראָגן זיינע ווייטערדיקע ווערטער...

נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז איידלשטיין אָנגעפֿאַלן אויף גאָלד'ן:

„אַזוי האָסטו געקענט דיין ראָלע? גלייך ביים צווייטן רעפּליק האָסטו ניט געוואוסט אַ וואָרט! ווי שעמסטו זיך ניט?..."

„גלויבט מיר, מר. איידלשטיין, אַז איך קען מיין ראָלע אויף אויסנווייניק. אָבער דער דייטש האָט דאָך מיר פֿאַרפּירט... ווען אַדלער קומט אַרויף אויף דער בינע, מיט זיינע פּרעכטיקע קליידער פֿון סאַמעט און זייד, מיט זיין שטאָלצן פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, און איך טו אים אַ פֿרעג: ווי איז דיין נאָמען? ענטפֿערט ער שטאָלץ, מיט ווירדע: שיילאָק איז מיין נאָמען... אָבער דאָ, זע איך, קומט אַרויף אַ פֿאַרשמאָדערט אידל, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, מיט אַ געלער לאַטע, און איך פֿרעג אים: ווי איז דיין נאָמען? און ער טוט אַ זאָג אַרויס אַזוי פּשוט, און געפֿאַלן, בלויז דאָס וואָרט „שיילאָק" — איך האָב זיך פֿאַרלוירן... איר גלויבט מיר ניט אַז איך קען מיין ראָלע? אָט זאָג איך עס אייך אָפּ אינגאַנצן..."

און לייבוש גאָלד שטעלט זיך אַוועק און זאָגט אָפּ דעם גאַנצן מאָנאָלאָג פֿון דער אָפּערעטע „בלימעלע"...

עס איז געווען באַוואוסט אין דער טעאַטער פּראָפֿעסיע, אַז איידלשטיין איז קיינמאָל ניט געווען באַקאַנט מיט די ראָלן פֿון פּיעסן. ווען גאָלד האָט אים אָפּגעזאָגט דעם מאָנאָלאָג פֿון „בלימעלע", האָט אים איידלשטיין אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

„דו קענסט דאָך טאַקע די ראָלע"...

ווייל איך דאָ, איצט מיט פאַרגעניגן, אַריינפירן אין מיינע באַשרייבונגען דעם דריטן מיטגליד פון דער שילדקרויט־משפּחה. ער איז שוין פּאָר די לעצטע דריי צענדליק יאָר ניט ווייניקער באַרימט ווי דער גענייאַלער רודאָלף שילדקרויט אַליין. איך מיין דאָ דעם עכט־פיינעם, צאַרטן און ראָמאַנטישן סטאַר, פון בראָדוועי און האָליוואוד, יאָזעף שילדקרויט, דעם זון פון רודאָלף שילדקרויט.

אמת, אין גאַנג פון מיין טעאַטער־קאַריערע, האָט יאָזעף שילדקרויט קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. אונזערע וועגן אויף דעם פעלד האָבן זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט. אָבער אין די יאָרן מיינע, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, האָט זיך יוסף שילדקרויט אויף אַ וואונדערלעך ראָמאַנטישן אופן אַריינגעשלייכט אין מיין יונג מיידעלשן לעבן. ער איז געווען אַ זייער סענסיטיווער און וואונדער־שיינער בחור. איז צו מיין גליק פון יענע חדשים, שפּילנדיק אויף איין בינע מיט דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט, צוגעקומען נאָך אַן אינערלעכע פרייד און אַ פאַנטאַסטישער יונג־מיידלשער, אנגענעמער חלום.

דער צאַרטער, יונגער איירָאָפּעאישער קאַוואַליער, האָט זיך פאַרליבט אין מיר. אויף אַ זייער מאָדנע־טשיקאַוון אופן האָט ער זיין ליבע צו מיר אַרויסגעוויזן. יעדן פרימאָרגן, פלעגט ער קומען צו מיר אין שטוב און אַנקלאַפּן אין טיר פון מיין שלאָפצימער. אויף מיין פראַגע — ווער איז דאָס? — איז געקומען אַ זייער שטילער, טיילוויז שעמעוודיקער ענטפער: — דאָס בין איך, בובי.

דאָס איז געווען זיין פאַרצערטלטער צונאָמען. פלעג איך שוין אַראָפּ־שפּרינגען פון בעט — עטוואָס עפענען די טיר און באַלד האָט זיך באַוויזן זיין האַנט מיט עטלעכע פרישע רויזן. איך האָב קוים באַוויזן אַרויסנעמען די בלומען פון זיין האַנט און שוין איז ער אָן אַ וואָרט פאַרשוואונדן, ניט וואַרטנדיק אַפילו אויף מיין דאַנק.

מיט אַ פּאָר חדשים איידער איך האָב אָנגעהויבן מיינע איצטיקע באַשרייבונגען, איז מיר אויסגעקומען מיט אים צו רעדן אין זיין גאַרדעראָב נאָך אַ פאָרשטעלונג פון זיין בראָדוועיער דערפאָלג, „דער טאָג־בוך פון אַננאַ פראַנק". איך האָב אים דערציילט, אַז איך הויב אָן די באַשרייבונג פון מיין לעבן אין „פאָרווערטס", און אים געפרעגט, צי מעג איך דערציילן פון זיין יוגנט־ליבע צו מיר. ער האָט מיך האַרציק אַרומגענומען און געענטפערט מיט די ווערטער:

„וואָס פאַר אַ פראַגע, צילי טייערע. איך בין שטאָלץ דערמיט. איך טראַכט אָפט מיט גרויס פאַרגעניגן פון יענער צייט".

איך קען אָבער ניט זאָגן, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געשפּילט מיט יאָזעף שילדקרויט, ווייל עס איז דאָ אַ באַווייז אין דער דייטשער ניו־יאָרקער „שטאַטס־צייטונג", אַ באַשרייבונג פון אַן ערן־פאָרשטעלונג יענעם סעזאָן אין פּיפּלס טעאַטער לכבוד רודאָלף שילדקרויט, אין וועלכן זיין זון יוסף שילדקרויט האָט געמאַכט זיין שוישפּילערישן דעביו. איך האָב אין דער פּיעסע געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אַלס זיין פאַרפירערין.

דער קריטיקער אין דער „שטאַטס־צייטונג" האָט אַ גאַנץ לאַנגן אַרטיקל וועגן יענער פאָרשטעלונג. געהייסן האָט דאָס שטיק אין אידיש, לויט דעם רעצענזענט פון „שטאַטס־צייטונג", „גאָט און זיין משפט איז גערעכט", שאָמער'ס אַ באַאַרבעטונג פון אַן אַלט־דייטש שטיק אונטערן נאָמען „טראומו־לוס", וואו רודאָלף שילדקרויט האָט געהאַט אַ פּרעכטיקע ראָלע פאַר זיין אויסערגעוויינלעך־גרויסן טאַלאַנט. דער רעצענזענט דערציילט אונז, אַז דער יונגער שילדקרויט איז בלויז מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווי אַ יונגער דייטשער גימנאַזיסט געקומען קיין אַמעריקע, און אַז דאָס איז זיין ערשטער פאַרזוך אויפן געביט פון טעאַטער־שפּילן.

אין דער פּיעסע שפּילט ער טאַקע דעם יונגן זון פון דעם הויפּט־העלד, וואָס ווערט געשפּילט פון זיין פאָטער, רודאָלף שילדקרויט. כאָטש די גאַנצע פּיעסע איז, פאַרשטייט זיך, געשפּילט געוואָרן אין אידיש, האָט אָבער דער יונגער שילדקרויט גערעדט זיין ראָלע אין אַ פּרעכטיקן דייטש.

ער ווייזט אַרויס סימנים, ווי דער רעצענזענט דריקט זיך אויס, „ווי אַ יונגער צווייג פון דעם אַלטן שטאַם". ער לויבט זייער שטאַרק דעם טאַטן רודאָלף שילדקרויט. ער נוצט אַפילו דעם אויסדרוק, אַז שילדקרויט'ס קומען אויף דער אידישער בינע, האָט עטוואָס פאַרטונקלט דעם גרעסטן אידישן שוישפּילער יעקב פּ. אַדלער, און ער מאַכט דערביי די פאָלגנדע באַמערקונג: „עס איז אַ מאָדנער שפּיל פון צופאַל, ווי־זאַ־ווי שילדקרויט'ס זון, שפּילט אַ טאָכטער פון יעקב פּ. אַדלער, צילי אַדלער, די הויפּט־פרויען ראָלע, די פאַרפירערין... און אויך זי באַווייזט זיך אַלס „עי טשיפּ אָוו דהי אָלד בלאָק".

ווייל איך זיך ניט אָפּשטעלן אויף די גרויסע קאָמפּלימענטן, וואָס דער רעצענזענט טיילט מיר צו אין דער ראָל. ער דערציילט אויך אין דער רעצענזיע, אַז צום שלוס פון פאָרשטעלונג האָט רודאָלף שילדקרויט, פאַרן גאַנצן עולם, געקושט אַדלער'ס טאָכטער. און אין אַ געשפּרעך מיט אים, האָט ער דעם רעצענזענט געזאָגט: „מיין זון נעמט זיך איצט שטודירן די ענגלישע שפּראַך, און ער וועט זוכן אַ קאַריערע אויף דער ענגלישער בינע".

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז דער זון האָט דערגרייכט, אפשר אַ סך העכער

ווי זיין טאַטע האָט זיך געקענט פאַרשטעלן. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז יענע פּיעסע, מיט מיר אַלס זיין פאַרפירעריך, איז אפשר געווען דער ערשטער שריט צו יאָזעף שילדקרויט׳ס פאַרליבעניש אין מיר...

ווילט זיך מיר דאָ אויך דערמאָנען, אַז מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ביי איינער פון די יערלעכע פאָרשטעלונגען פון אונזער „אידישן טעאַטריקעל אַלאַיענס״, וואו מיר זיינען ביידע אויפגעטראָטן, האָט יאָזעף שילדקרויט בפרהסיה פאַר דעם גאַנצן עולם דערציילט פון יענער ערשטער ליבע זיינער, ווען ער איז מיטן גאַנצן פייער פון זיין יונג בחור׳ישקייט געווען גוואַלדיק פאַרליבט אין צילי אַדלער.

זעט אויס, אַז ס׳האָט זיך מיר געלוינט צו בלייבן יענעם סעזאָן דווקא אין ניו־יאָרק, אָן דער אויסזיכט צו ווערן אַנגאַזשירט אין וועלכן ס׳איז טעאַטער. איך האַלט יענעם סעזאָן פאַר דעם אמתן אָנהויב פון מיין קאַריערע אַלס דערוואַקסענע... די פריערדיקע צוויי סעזאָנען, אין שיקאַגאָ און אין פילאַדעלפיע, האָב איך געשפּילט, ווי איך באַצייכן עס, אין ווינקל־טעאַטערס. האָב איך אפשר געהאַט מאָמענטן פון באַפרידיקונג, פון פּערזענלעכע דער־פאָלגן. זיינען זיי אָבער געבליבן דערפאָלגן פון וועלכע קיינער האָט קיינעם ניט דערציילט. איז עס אַוודאי אמת, אַז ביי מיר איז איבער אַלעס שטענדיק געווען מיין אייגענע באַפרידיקונג פון מיינע שוישפּילערישע דערגרייכונגען.

עס ליגט שוין אָבער אינם בלוט פונם שוישפּילער צו וועלן זען און הערן ווי מ׳דערציילט פון זיינע דערגרייכונגען אין דער עפנטלעכקייט. קריגט מען אפשר אַ באַפרידיקונג, ווען קאָלעגן שוישפּילער און פריינט רעדן צו דיר מיט לויב, וועגן דער אָדער יענער ראָלע. עס איז אָבער שטענדיק דאָ דער חשק, און מ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויף וואָס די צייטונגען וועלן זאָגן וועגן דיר, ווי דער אָדער יענער קריטיקער וועט זיך אָפּשטעלן און אונטערשטרייכן דאָס, וואָס דו האָסט מיט אַ סך מי געזוכט אין דער ראָלע אַרויסצוברענגען. אין די ווינקל־טעאַטערס, וואו איך האָב ביז דאַן געשפּילט, האָב איך די אָנרעגונג ניט געהאַט. אונטערשטרייך איך דערפאַר אַזוי פיל מאָל, מיין גליק יענעם סעזאָן, וואָס כאָטש ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ „צוליב־אַנגאַזשמאַ״, האָט ער מיר געבראַכט אַזוי פיל אינערלעכע פרייד און פאַרגעניגן, כמעט אָן דער מינדסטער ערגעניש אין מיינע שוישפּילערישע דערגרייכונגען, מיט דעם אויסנאַם פון מיין אַנטוישונג אין דער געפּלאַנטער ערשטער באַגעגעניש מיט רודאָלף שילדקרויט ביי אים אין שטוב.

דער גוטער מזל מיינער פון יענעם סעזאָן האָט מיר ניט פאַרלאָזט ביזן סוף. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גאַר היפּשער פּראָווינץ־טור פון טאָמאַשעפסקי׳ן מיט דער טרופּע פון פּיפּלס טעאַטער. בעסי טאָמאַשעפסקי

איז דאַן אַוועקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, האָב איך אויף דעם טור געדאַרפֿט פּאַרטרעטן אַלע אירע ראָלען. איך האָב באמת אויף דעם טור זייער שווער געאַרבעט. דער טור איז באַשטאַנען, ניט פֿון איין דערפֿאָלגרייכער פּיעסע, ווי מ׳פֿלעגט עס טאָן אין די שפּעטערע יאָרן, נאָר פֿון דעם גאַנצן טאָמאַשעפֿסקי־רעפּערטואַר.

אַזוי איז מיר אויסגעקומען כסדר צו שטודירן נייע און נייע הויפּט־ראָלען. געדענק איך ווי בינאַ אַבראַמאָוויטש און עני טאָמאַשעפֿסקי, באָריס׳עס שוועסטער, פֿלעגן מאַכן שפּאַס פֿון מיר. — „צילי מיט דער ראָלע״, האָבן זיי מיך באַטיטלט... וואַרטנדיק אויף דער סטריט־קאַר, זיצנדיק אין רעסטאָראַן, גייענדיק אויפֿן וועג צו און פֿון טעאַטער — „צילי מיט דער ראָלע״. ליגנדיק אין בעט — „צילי מיט דער ראָלע״. איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט. מיר פֿלעגט אויסקומען צו דאַרפֿן איינשטודירן דריי אָדער פֿיר ראָלען אַ וואָך... איז מיר טאַקע זייער גוט צונוץ געקומען די דערפֿאַרונג פֿון מיין סעזאָן אין לאָנדאָן, וואָס איך האָב באַשריבן.

האָב איך די שווערע אַרבעט געטאָן מיט צופֿרידנקייט, איך קען אַפֿילו זאָגן, מיט ליבע. מיין גוטער יונגער זכרון האָט מיר צוגעדינט. אַז די אַטמאָספֿערע מיט אַלץ אַרום איז אייך צום האַרצן, קען מען אַלץ דערגרייכן.

יענער טור איז מיר געווען שטאַרק צום האַרצן מיט אַ סך אָנגענעמע איבעראַשונגען. שוין די ערשטע וואָך, ווען איך האָב געקראָגן מיינע שכירות, האָט מיך פֿאַרכאַפּט מיין אָטעם. אָנשטאָט פֿינף און צוואַנציק דאָלער, וואָס איך האָב געקראָגן אין ניו־יאָרק, האָב איך אין קאָנווערט געפֿונען גאַנצע זעכציק דאָלער. עס האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַזוי פֿיל. איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב זיך געוווּנדערט... ווער איז צו מיר גלייך געווען? אומגעבעטן, מיט אַמאָל, אַזאַ העכערונג אויף מיינע שכירות, מער ווי צוויי מאָל אַזוי פֿיל!

אַוודאי דאַרף איך זיך שעמען איך דאָס צו דערציילן, ווייל עס ווייזט וואָס פֿאַראַ ווילדע, נאַריש‌ע ציג איך בין געווען. מיינע שכירות זיינען אַפֿילו מיט איין דאָלער ניט געהעכערט געוואָרן. די צוגעקומענע פֿינף און דרייסיק דאָלער זיינען מיר געקומען — יעדער שוישפּילער, פֿאָרנדיק אויף אַ פּראָווינץ־טור, האָט געדאַרפֿט קריגן אַ מינימום פֿון פֿינף דאָלער אַ טאָג אויף הוצאות... איצט רעכנט אויס: זיבן מאָל פֿינף איז פֿינף און דרייסיק. אָבער איך, וואָס האָב איך געוווּסט?... אָבער סיי־ווי־סיי, איך בין געווען גליקלעך.

מיין גרעסטע איבעראַשונג איז געקומען אומגעפֿער אין מיטן פֿון אונזער טור. אין שיקאַגאָ איז דאָס געווען. איך האָב צום ערשטן מאָל, אין גרויס איילעניש, איינגעשטודירט און געשפּילט „אָפֿעליאַ״ מיט באָריס טאָמאַשעפֿסקי

אַלס האַמלעט. ווי אַ באַלוינונג פֿאַר אָפּשפּילן מיין ראָלע צו זיין גרעסטער צופֿרידנקייט, האָט ער מיך נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַריינגערופֿן צו זיך אין גאַרדעראָב, וואו ער און יוסף איידעלשטיין האָבן מיט מיר אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט פֿאַרן קומענדיקן סעזאָן אין פּיפּלס טעאַטער. מיין געהאַלט — גאַנצע זעכציק דאָלער!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אין מיין יונגער קאַריערע, ווען איך האָב אַזוי לאַנג פֿאָראויס שוין געוואוסט וואָס מיין גורל איז אין קומענדיקן סעזאָן. איז דאָס באמת געווען אַן עכט־פּאַסיקער שלוס פֿון מיין מזל׳דיקסטן סעזאָן אין מיין קאַריערע ביז איצט.

ווי איר ווייסט שוין פֿון די פֿריערדיקע קאַפּיטלען האָט די שטאָט שיקאַגאָ מיר צוגעטיילט אַ סך צרות און האַרצווייטיק, סיי אַלס צילי פֿיינמאַן, סיי אַלס צילי אַדלער. האָב איך עס אָנגענומען פֿאַר אַ גוטער פּאַרגיטיקונג, וואָס אין שיקאַגאָ האָב איך אונטערגעשריבן מיין ערשטן קאָנטראַקט אַלס אַן אַנערקענטער מיטגליד אין אַ הויפּט־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

שפּילנדיק אין שיקאַגאָ דריי אָדער פֿיר וואָכן — פֿלעגן מיר אָפּט נאָך אַ פֿאָרשטעלונג גיין ערגעץ כאַפּן אַ בייס און, בכלל, אַביסל פֿאַרברענגען. איז אויף דער צווייטער אָדער דריטער וואָך אין איינעם פֿון די „נאַיט־קלאָבס" אין שיקאַגאָ, געקומען גאַסטראָלירן די באַרימטע בעל בעיקער. ווייסט איר עס מן הסתם — זיכער ווייסן עס די אַמאָליקע טעאַטער־גייערס — אַז בעל בעיקער האָט איר טעאַטער־קאַריערע אָנגעהויבן אין אידישן טעאַטער, טאָקע אין מיין טאַטנ׳ס גרענד טעאַטער אין יעקב גאָרדינ׳ס „אָן אַ היים". האָט טאָמאַשעפּסקי, געטריי צו זיינע סענטימענטן, פֿאַר די וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן אידישן טעאַטער, נאָך אַ פֿאָרשטעלונג אונז פֿאַרגעלייגט מיר זאָלן גיין אין יענעם נאַכט־קלאָב.

בעל בעיקער איז באמת געווען איבערראַשט ווען זי האָט אונז דאָרט דערזען, און מיט אונז פֿאַרבראַכט איר גאַנצע פֿרייע צייט.

ס׳איז גראָד דאַן שטאַרק פּאָפּולער געווען אַ ליד פֿון אונזער אירווינג בערלין, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָכן טויט פֿון זיין ערשטער פֿרוי — אַ זייער האַרציקע מעלאָדיע. די ווערטער פֿון רעפֿרעין ענדיקן זיך: „ווהען אַי לאָסט יו" (ווען איך האָב דיך פֿאַרלוירן). בעל בעיקער האָט ווי דאָס לעצטע ליד פֿון איר פּראָגראַם געזונגען דאָס און אין די אויבן־דערמאָנטע ווערטער פֿון יעדן רעפֿרעין דירעקט געצילט צו אונזער טיש. ווען זי איז צוגעקומען צו אונזער טיש, האָט זי זיך מיט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט און אין זייער אַ סענטימענטאַלער שטימונג, מיט אונז געזונגען אַ סך פֿון די האַרציקע, אַמאָליקע אידישע טעאַטער־לידלעך...

ווען איך טראַכט איצט וועגן מיין צוריקקומען אַהיים, פון מיין ערשטן טור מיט אַ לעגיטימער ניו יאָרקער טרופּע, וואונדער איך זיך באמת, וואָס פאַר אַ קליינע פּרעטענזיעס איך האָב דאַן בכלל, געהאַט. איך האָב קיין סך ניט געפאָדערט אויף צו זיין צופרידן. איך האָב זיך געפילט גליקלעך מיט אַזוי ווייניק. וואָרים, לאָמיר זיך ניט נאַרן, אין וואָס איז באַשטאַנען מיין גרויס גליק? איך, אַ טאָכטער פון יעקב אַדלער און דיינע פיינמאַן, האָב שוין אויף פאַרשידענע אופנים, אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, באַוויזן, אַז מיין אָרט איז אויף דער בינע. האָב איך געקראָגן אַן אַנגאַזשמאַ אין אַ ניו יאָרקער טעאַטער פאַר זעכציק דאָלער אַ וואָך. אמת, אין יענער צייט איז זעכציק דאָלער ניט געווען קיין גאָר קליינע שכירות. אָבער זיך שטאַרק גרויסן דער־מיט האָט מען ניט געדאַרפט.

איך, אָבער, האָב ממש געשוועבט אין די הימלען. איך וועל, אָסור, אי־בערטרייבן ווען איך וועל זאָגן, אַז אַלץ אין מיר האָט געזונגען און זיך גע־פרייט. אַ שטראַלנדיקע האָב איך באַגעגנט מיין מאַמע, מיט אַזאַ שטאָלצער מינע ווי עס דריקט זיך זייער גוט אויס „מאַטיע שטרייכל", דער כאַראַקטער קאָמיקער אין יעקב גאָרדינ׳ס „יתומה". זיין רייכע שוועגערין, מאַדאַם טראַכטנ־בערג, האָט אים געגעבן עטלעכע אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער. פּאַקט ער עס אין זיין זאַק און איז גליקלעך מיטן געדאַנק וואָס זיין יונגע צווייטע ווייב, טאָלצע, וועט זיין צופרידן: „כאָטש איינמאָל קומען צו טאָלצע׳ן מעשה מענטש"...

איז אָט דער אויסדרוק גאָרדינ׳ס ווי אַ סך אַנדערע, אַנגענומען אין דער טעאַטער־וועלט. ווען עמיצער וויל אויסדריקן אַז כאָטש איינמאָל איז אים עפּעס געלונגען, זאָגט ער: „כאָטש איינמאָל קומען צו טאָלצע׳ן מעשה מענטש". איך האָב דאַן אויך געפילט, אַז צום ערשטן מאָל קום איך נאָך אַ טעאַטער סעזאָן צו מיין מאַמע מעשה מענטש, מיט אַ צעטל אין קעשענע.

די עטלעכע וואָכן וואָס מיין מאַמע, לילי און איך, האָבן פאַרבראַכט אין אַ זומער־פּלאַץ, האָב איך אַ גליקלעכע הנאה געהאַט יעדער מינוט.

ס׳האָט מיך געוואָרעמט דאָס געפיל, אַז איך האָב מיט מיינע אייגענע כוחות פאַר זיך געשאַפן אַן אָרט אין אידיש טעאַטער. איך האָב, אַזוי צו זאָגן, בייגעקומען דעם אומפאַרשטענדלעכן, אומדערקלערלעכן שטילן חרם אויף צילי אַדלער, מצד די „אונטער קוליסן פּאָליטיקער" פון אידישן טעאַ־טער... האָב איך מיט אַ סך גוטע האָפנונגען און אינערלעכער פרייד געוואַרט אויף דעם אָנהויב פון סעזאָן, מיט גרויס אומגעדולד. ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק נאָך מיין זומער־וואַקאַציע, האָב איך מיט מיין

גאַנצן יוגנטלעכן פייער, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רוטין פון אַ נייעם טעאַטער סעזאָן.

אין יענע יאָרן פלעגט מען געוויינלעך די ערשטע עטלעכע וואָכן שפּילן רעפּערטואַר. ז. ליבין איז געווען דער אויטאָר אין דעם טעאַטער. זיין ערשטע פּיעסע יענעם סעזאָן איז געווען דער „געדאַנקן לייענער״, מיט רודאָלף שילד־קרויט אין דער הויפּט ראָלע. איך האָב אויך מיטגעשפּילט.

אָבער די פּיעסע האָט ניט אָנגעריסן; זי איז באַלד אַראָפּ פון די ברעטער. מ׳האָט אין איילעניש גענומען פּראָבירן ליבינ׳ס צווייטע פּיעסע, „די בלינדע ליבע״. די הויפּט פרויען־ראָלע אין דער פּיעסע איז געשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַר בעסי טאָמאַשעפסקי.

איז אָט באַשטעלט מען אַ לעזע־פּראָבע, מ׳הייסט מיר אויך קומען. פאַר דער פאַרלעזונג טיילט מען אויס אַלעמען די ראָלן. איך קריג אויך אַ ראָלע. אויפגעשריבן אויף מיין ראָלע איז דער נאָמען „לעאָנאָראַ״. ליבין הויבט אָן לייענען די פּיעסע. איך גלויב ניט מיינע אויערן און מיינע אויגן — איך האַלט אין האַנט די הויפּט פרויען־ראָלע. איך קען דאָס ניט פאַרשטיין — וואָס איז געשען? איך זיץ ממש „אויף הייסע קוילן״. אַ גליק וואָס צווישן אַקטיאָרן דאַרפט איר לאַנג ניט וואַרטן עפּעס אויסצוגעפינען. איר דאַרפט אפילו ניט פרעגן.

ווען די פאַרלעזונג האָט זיך געענדיקט און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון אונזערע פּלעצער, האָבן צו מיינע אויערן זיך דערטראָגן שטילע שעפּ־טשערייען פון אַלע זייטן —: „בעסי פאַרלאָזט דעם טעאַטער״... „בעסי וויל ניט שפּילן״... „בעסי גייט אַוועק פון טאָמאַשעפסקי׳ן״...

די ראָלע איז אַ טיפע, אַ שווערע, אַ קאָמפּליצירטע. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז איך האָב מיט מיין גאַנצער ענערגיע און מיט מיין גאַנצן טעאַטער־באַוואוסטזיין, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער ראָלע.

צום ערשטן מאָל צו שפּילן אַ הויפּט־ראָלע אין ניו יאָרק אין אַ נייער פּיעסע, זיין די ערשטע צו אַנטוויקלען אַ כאַראַקטער לויט די אייגענע כוחות — דאָס איז די גרעסטע געשעעניש אין דעם לעבן פון אַ יונגער שוישפּי־לערין. וויסנדיק אַז קריטישע אויגן וועלן קוקן, ניו יאָרקער אידישע אינטע־ליגענץ וועט באַאָבאַכטן, די טעאַטער פּראָפעסיע וועט משפּט׳ן — דאָס לייגט אויף דיר אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דעם ערשטן מאָל האָב איך איבערגעלעבט דעם פיבער, וואַרטנדיק אויף די קריטיקן.

ביים אידישן טעאַטער איז דאָס אָפט אַ לאַנגער וואַרטן — די פרע־מיערע איז געוויינלעך פרייטיק אָוונט; קומט אַמאָל אויס צו וואַרטן אַ גאַנצע וואָך אויף די קריטיקן. דאָס איז אַ שווערע וואָך צו איבערלעבן כאָטש

די נאָענטע אַרום טעאַטער זאָגן מיינונגען, מאַכן קאָמפּלימענטן. איז אָבער פאַרן שוישפּילער דאָס געשריבענע וואָרט, די וואָגיקע מיינונג פון די קריטיקער די סאַמע הויפּטזאַך. איך האָב דערפאַר מיט מער אייפער מיין ראָלע שטודירט.

אַלע וויסן, אַז באָריס טאָמאַשעפסקי איז געווען זייער אַ שטרענגער רעזשיסאָר. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעטאַלן פון יעדער ראָלע. ווען איך טראַכט איצט פון די גרויסע דריי — אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעפסקי — איך האָב מיט זיי אַלע געשפּילט — האָב איך די טיפע איבערצייגונג, אַז אַלס רעזשיסאָר איז טאָמאַשעפסקי געווען מיט קעפּ העכער פון די אַנדערע צוויי. ער האָט געהאַט רעזשיסאָרישע פאַנטאַזיע, געוואוסט באַשטימט וואָס ער וויל אין דער פּיעסע און וואָס יעדער כאַראַקטער דאַרף אַרויסברענגען. ער האָט געהאַט וואונדערבאַרע נאַטירלעכע איינפאַלן.

און נאָך עפּעס וויל איך דאָ אַרויסברענגען. טאָמאַשעפסקי׳ס אמת׳ן שוישפּילערישן טאַלאַנט, האָט מען געקענט זען ביי די פּראָבען בעסער ווי ביי דער פאָרשטעלונג. זיינע טענער ביי די פּראָבען זיינען געווען אַזוי נאַטירלעך אַזוי מענטשלעך, זיי האָבן ממש גערירט די טיפעניש פון אייער האַרץ. אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט, אַז ער שטייט פאַר די עלעקטרישע לעמפּלעך, איז ער עפּעס גאָר אַנדערש געוואָרן. איר האָט געקענט פון אים הערן די אומנאַטירלעכסטע טענער, טענער וואָס האָבן זיך צייטנווייז געגרעניצט מיט לעכערלעכקייט. גערעכט זיינען געווען די קריטיקער, וואָס פלעגן אים שטראָפן פאַר די טענער זיינע. זיין נאַטירלעכן האַרציקן אידישן לשון פלעגט ער אָפּט פאַרוואַנדלען אין אַ שרייענדיקן, גרילצנדיקן דייטשמעריש. ניט איינמאָל לייענענדיק קריטיקן וועגן טאָמאַשעפסקי, האָב איך זיך געוואונטשן, אַז די קריטיקער זאָלן אים זען און הערן ביי די פּראָבען. דאַמאָלסט וואָלטן זיי ערשט דערזען טאָמאַשעפסקי׳ס נאַטירלעכן שוישפּילערישן טאַלאַנט.

ביי די פּראָבען, נאָכדעם ווי טאָמאַשעפסקי האָט אין אַלגעמיינע שטריכן מיר געזאָגט וואָס ער וויל איך מיין ראָלע אַרויסברענגען, האָט ער מיר געגעבן פולשטענדיקע פרייהייט אין אויפפאַסן און אַרויסברענגען די ראָלע. זיין צוטרוי צו מיר האָט מיך שטאַרק דערמוטיקט.

פון די ערשטע פאָרשטעלונגען האָט מען גלייך דערפילט אַז די פּיעסע האָט „אָנגעריסן״. אָט דער געזונטער אינסטינקט פון דעם טעאַטער־עולם, מיט אומבאַשטרייטבאַרן אויטאָריטעט, פעסטצושטעלן דעם דערפאָלג פון אַ פּיעסע, איז פאַר מיר אין גאַנג פון מיין קאַריערע געבליבן אַן אייביקע רעטעניש. אַוודאי קען מען אָפּט האָבן טענות צום געשמאַק פון עולם...

וויל איך דאָ איצט, ערב דעם אָפּרוף פון דער פּרעסע, אויף מיין ערשטן

אויפטריט אין ניו יאָרק, אין אַ הויפּט־ראָלע, און אין אַ נייער פּיעסע, זיך איינפאַרשטיין מיט אייך וועגן אָט דעם ענין. כדי עס זאָל קלאָר אַרויסגע־בראַכט ווערן דאָס וואַקסן, דאָס שטייגן מיינס אין גאַנג פון מיין קאַריערע, מוז איך אין „מיין דערציילן" ווייזן וואָס און ווי אַזוי, איך האָב דערגרייכט און אויפגעטאָן אין די צענדליקער ראָלן מיינע. קען איך ניט, און וויל ניט אַרויסזאָגן מיינע אייגענע מיינונגען און אָפּשאַצונגען פון צילי אַדלער... איך וועל דעריבער געבן אָפּשאַצונגען פון אַנערקענטע קריטיקער וועגן מיין שפּילן. סיי גוט, סיי שלעכט... איצט, אַז מיר פאַרשטייען זיך, קענען מיר גיין ווייטער.

איך שטעל זיך ספּעציעל אָפּ אויף מיין שפּילן אין דער ראָלע ווייל שפּע־טער וועט אייך אויסקומען צו זיין עדות צו אַ מאָדנער דערשיינונג. שרייבט מ. באַראַנאָוו אין „פאָרווערטס" וועגן דער אויפפירונג פון „בלינדע ליבע"... איך ציטיר: — „די בעסטע ראָלע האָט ציליע אַדלער און זי שפּילט זי אויסגעצייכנט, צוליב איר אַליין איז כדאי צו גיין זען די פּיעסע"... שרייבט לואי מילער: „מיס ציליע אַדלער אַלס לעאָנאָרא, יאָזעפס כלה, האָט גע־שפּילט די ראָלע אַזוי צאַרט און איידל, מיט אַזאַ גרויסאַרטיקער פּלאַסטיק און זעלטן שיינער טעכניק, מיט אַזעלכע גראַציעזע און האַרמאָנישע באַווע־גונגען, אַז מיר האָבן אָן איבערטרייבונגען אין דיזן נייעם שטערן געזען די צוקונפטיקע קעניגין פון דער אידישער בינע"... איך ציטיר נאָך אַ ציי־טונג: „צילי אַדלער האָט די הויפּט פרויען־ראָלע אין דער פּיעסע, אַ טיפע שווערע פּסיכאָלאָגישע ראָלע, און די יונגע שוישפּילערין פירט אויס די ראָלע אויסגעצייכנט. מ׳קען גלייך דערזען דעם גרויסן אַדלער׳ס אַ טאָכטער — מיט אַזאַ טאָכטער מעג מען שטאָלצירן. אונז דאַכט זיך, אַז דיזע יונגע שוישפּילערין אַנטוויקלט זיך אין אַ גרויסן באַדייטנדן טאַלאַנט".

דערווייל זאָל זיין גענוג.

פאַרשפּאַר איך דאָ דערציילן ווי גליקלעך איך האָב געפילט, ווי מיין האַרץ האָט ממש געשפּרונגען פון פרייד, וואָס איך האָב אַרויסגערופן אַזעל־כע מיינונגען, וואָס איך האָב געקראָגן אַזויפיל אָנזען.

האָט אָבער שוין יענער ערשטער עפּנטעכער דערפאָלג מיינער געדאַרפט ווערן געמישט מיט האַרצווייטיק. קום איך איצט צו דער מאָדנער דערשיינונג וואָס איך האָב פריער דערמאָנט.

פינף וואָכן האָב איך געשוועבט אין די הימלען. פון איבערגעפּאַקטע טעאַטערס האָט עס אויסגעוויזן, אַז די פּיעסע וועט נאָך גיין וואָכן און וואָכן. נאָר גאָר פּלוצלונג, זונטיק נאַכט נאָך דער פינפטער וואָך, האָט מיר דער קאַסירער, ווי יעדן זונטיק, געבראַכט מיינע שכירות, אָבער אַנשטאָט אַריינ־

צוטראָגן מיין קאָנווערט צו מיר אין גאַרדעראָב, האָט ער מיך אַרויסגערופן און געבנדיק מיר דעם קאָנווערט, האָט ער, קוקנדיק אין אַ זייט, ניט דרייסט צו מיר געזאָגט: „צילי, נעקסטן וויק־ענד ביזטו פריי, בעסי קומט צוריק. זי וועט שפּילן די ראָלע אין „בלינדע ליבע״... איך האָב קוים געפונען די טיר צו מיר אין גאַרדעראָב. מיינע טרערן האָבן מיר פאַרשטעלט דעם שיין פון מיינע אויגן... ס׳איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרט. כ׳האָב געפּרואווט טראַכטן, געוואָלט ריכטיק פאַרשטיין, פאַרוואָס?! איך האָב אָבער אין מיין יונגן מוח אויף דעם קיין ענטפער ניט געפונען. איך האָב ניט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסריידן... פאַר וועמען מיין ווייטיק אויסשרייען, פאַר וועמען מיין ביטער האַרץ אויסגיסן... מיין געדאַנק האָט מיר אונ־טערגעזאָגט, אַז דאָ וועט קעגן מיר באַגאַנגען אַן עוולה, כאָטש איך האָב עס קלאָר ניט געקענט אויסטייטשן.

עס איז מיך באַפאַלן אַ געפיל פון בושה... איך האָב זיך עפּעס גע־שעמט מענטשן קוקן אין די אויגן. איך האָב פון קיין איינעם פון די קאָלעגן אין טעאַטער ניט געקראָגן קיין טרייסט־וואָרט אָדער מיטגעפיל. האָב איך זיך אַליין אַרומגעטראָגן מיט מיין ווייטיק, זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. כ׳האָב געפּרואווט אָנשרייבן אַ בריף צו מיין מאַמען אין באַלטימאָר, פון דערוויטנס זיך אויסוויינען אויף איר שויס. כ׳האָב זיך אָבער, אויך דעם פאַרגניגן ניט דערלויבט — כ׳האָב זי ניט געוואָלט ערגערן.

מיטאַמאָל איז מיין קומען אין טעאַטער צו די מיטן־וואָכעדיקע פאָר־שטעלונגען געוואָרן פאַר מיר אַ לאַסט. איך האָב געזוכט ווי ווייט מעגלעך מ׳זאָל מיך ניט זען אַריינקומען אין טעאַטער, און אויך ניט אַרויסגיין. ס׳איז אָבער, הפנים, געווען אַן אויג וואָס קוקט און אַ האַנט וואָס פאָדערט גערעכטיקייט. איז פאַר מיר געווען אַ פריידיקע איבערראַשונג, ווען מיט אַ וואָך אָדער צוויי שפּעטער איז אין „פאָרווערטס״ דערשינען אונטערן קעפּל „אין דער אידישער טעאַטער־וועלט״ אַ גאַנצע טענה וועגן דעם ענין אונ־טערגעשריבן מיט די איניציאַלן א. ק.

ביי מיינע קנאַפּע ידיעות פון דער צייטונג־וועלט האָב איך ניט געוואוסט וועמענס נאָמען די בוכשטאַבן א. ק. שטעלן פאָר. דעם אמת געזאָגט האָב איך דאָס ניט געוואוסט ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן מיינע באַשרייבונגען, אַז געשריבן האָט דעם אַרטיקל אַב. קאַהאַן אַליין.

דאַרף איך ניט זאָגן, ווי דאַנקבאַר איך בין געווען דעם שרייבער, וויפל איך האָב אין מיין האַרצן אים געבענטשט.

פאַר מיר, אין יענע אומדערפאַרענע יאָרן מיינע, איז דאָס דערשיינען

פון יעענם אַרטיקל ממש געווען אַן אַנטדעקונג. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש אין אַ צייטונג זאָל האָבן דעם אינטערעס זיך אָנצו־נעמען די קריוודע פון אַ יונגער שוישפּילערין, וועלכע איז באַ׳עוול׳ט גע־וואָרן. די ווירקונג פון אַ צייטונג איז פאַר מיר דערהויבן געוואָרן צו גאָר אַ הויכער מדריגה.

איז עס אפשר אמת, אַז, טיילוויז, ווייל איך בין געווען די געקריוודעטע, האָט עס אויף מיר געהאַט אַזאַ ווירקונג. איך האָב אָבער אויך דערפילט אין מיין אומדערפאַרנקייט, אַז ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס גיט אַכטונג.

איך געפין פאַר נויטיק איבערצוגעבן דעם גאַנצן אַרטיקל פון „פאָר־ווערטס", געשריבן פון אַ. ק. צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, דער פאַקט, וואָס אַזאַ וויכטיקער מענטש ווי אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט מן־הסתם געהאַט גענוג צו טאָן, זייענדיק דער רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער אידישער צייטונג, חוץ זיינע אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן, האָט זיך גענומען די צייט און מי, אויסצודריקן זיין פּראָטעסט קעגן אַן עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַ יונגער אַקטריסע.

צווייטנס, ווי איך האָב אייך האָב שוין געזאָגט, האָב איך קיין שום אָנונג ניט געהאַט, ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אַז די בוכשטאַבן א. ק. מיינען אַב. קאַהאַן. איך האָב ניט געוואָגט צו טראַכטן, אַז דער רעדאַקטאָר אַליין גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע ענינים. אַפילו איצט האָב איך זיך ניט געוואָלט איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זייטיקע מיינונגען, געבראַכט דעם אַרטיקל צום איצטיקן רעדאַקטאָר, הלל ראָגאָף, און ער האָט באַשטעטיקט, אַז דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן פון אַב. קאַהאַן.

ווייל איך נאָך דערצו נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז ביז דאַן און אַ היפּשע צאָל יאָרן נאָכדעם, האָב איך כמעט ניט געקענט קיין שרייבער פון קיין אידישער צייטונג, שוין ניט רעדנדיק פון אַזאַ וויכטיקן צייטונגס־מענטש ווי אַב. קאַהאַן. אָפּגערעדט, אַז מיין פוס איז ביז דאַן און ווידער נאָך אַ היפּשע צאָל יאָרן שפּעטער, ניט געווען אין אַ רעדאַקציע פון אַ אידישער צייטונג. איך געפין עס פאַר נויטיק דאָס אַלץ אונטערצושטרייכן, כדי איר זאָלט בעסער פאַרשטיין מיין האַרצווייטיק און מיין טיפע פאַרצווייפלונג פון די ווילדע רכילות׳ן און שמוציקע אינסינואַציעס, וואָס געוויסע קאָלעגינס מיינע האָבן זיך דערלויבט אויף מיין חשבון, אַלס רעזולטאַט פון דעם אַרטיקל און אַנדערע ענלעכע אַרטיקלען און קריטיקן בנוגע מיין שפּילן. און אָט איז דער אַרטיקל פון אַב. קאַהאַן, ווי ער שטייט און גייט:

„מאַדאַם טאָמאַשעפסקי, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט ניט געשפּילט, דערשיינט ווידער אויף דער בינע פון פּיפּל׳ס טעאַטער, זי שפּילט די

הויפּט־ראָלע אין ז. ליבינ׳ס פּיעסע „בלינדע ליעבע״. ביז אַהער האָט דיזע ראָלע געשפּילט די יונגע שוישפּילערין, ציליע אַדלער. דער שרייבער פון דיזע צייל האָט די פּיעסע נאָך ניט געזען. ער האָט קיין באַגריף ניט ווי אַזוי מיס אַדלער שפּילט דיזע ראָלע, אָבער אונזער געגנ. באַראַנאָוו, וועלכער האָט וועגן דער פּיעסע געשריבן אין „פאָר־ווערטס״, — וועגן דער פּיעסע און וועגן דעם ווי אַזוי זי ווערט געשפּילט אין פּיפּל׳ס טעאַטער — האָט זייער גינסטיק זיך אויסגעדריקט וועגן דיזער יונגער אַקטריסע. איצט אַלזאָ וועט זי שוין אין דיזער ראָלע מער ניט שפּילן, איר פּלאַץ וועט פאַרנעמען מאַדאַם טאָמאַשעפסקי. די וואַרהייט זאָגנדיק, דערוועקט אַזאַ פאַקט סימפּאַטיע צו דער יונגער שוישפּילערין, ביי וועלכער מען נעמט די ראָלע אַוועק. אויב זי שפּילט גוט און מוז אָפּטרעטן דיזע ראָלע בלויז ווייל זי איז אין „פּיפּל׳ס טעאַטער״ בלויז אַן אָנגעשטעלטע, איז אַזאַ סימפּאַטיע גאַנץ נאַטירלעך. דאָס איז איינער פון דיביישפּילן פון דער הילפלאָזיקייט פון אַ טאַלאַנט־פולן שוישפּילער קעגן אַ שוישפּילער־באָס. דיזע ווערטער ווערן אויף קיין אַרט ניט געשריבן אין גייסט פון אומגינסטיקער קריטיק אין באַצוג אויף מאַדאַם טאָמאַשעפסקי אַלס שוישפּילערין. מיר האָבן איר אין וויכטיקע ראָלען געזען שפּילן מיט טאַלאַנט. אויך דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז ליבין האָט לכתחילה געשריבן דיזע ראָלע פאַר איר, פאַר מאַדאַם טאָמאַשעפסקי. אָבער ציליע אַדלער איז אין דיזער ראָלע דערשינען פיל מאָל, און זי האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ווי עס ווערט באַריכטעט. פאַר אַ יונגער אַקטריסע צו האָבן דעם טשאַנס צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע איז אַ גאַנץ אומגעוויינלעכע זאַך. זי האָט געהאַט דיזען טשאַנס. און ווי מען זאָגט, האָט זי גוט אויסגעהאַלטן דעם „עקזאַמען״. הייגט פאַרוואָס קומט עס איר, אַז מען זאָל ביי איר פּלוצלונג די ראָלע צונעמען?

„מיר גלויבן, אַז מאַדאַם טאָמאַשעפסקי, די פּרוי פון דעם מענעדזשער און אַליין די „סטאַר״ מיט אַ קאַריערע, וועלכע איז שוין פאַרזיכערט, מיר גלויבן — זאָגן מיר — אַז זי וואָלט געקענט אָפּאָרדן צו זיין גוטמוטיק צו געבן דער אינגערער, דער אָרעמערער שוישפּילערין, דער אָנפאַנגערין פון איר קאַריערע, די מעגלעכקייט צו שפּילן דיזע ראָלע ווייטער. פאַר מיסעס טאָמאַשעפסקי וועט מען שוין שרייבן אַנדערע וויכטיקע ראָלען, „נעווער מיינד״. ווי שיין עס וואָלט געווען, אַז מאַדאַם טאָמאַשעפסקי וויל איר יונגע קאָלעגין ניט שטערן.

„דאָס ברענגט אונז אַרויף אויף דעם געדאַנק די פראַגע וועגן

דעם טשאַנס, וואָס אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר האָט ביי אונז זיך אַרויפ־צואַרבעטן — ווי ווייט אונזערע סטאַר־מענעדזשערס לאָזן זיי צו צום פסוק. נאָר וועגן דעם אַן אַנדערס מאָל. א. ק.״

דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט שבת, דעם 16טן דעצעמבער, 1911, די ערשטע וואָך, וואָס בעסי טאָמאַשעפסקי האָט געשפּילט די ראָלע. האָט גענומען נאָך אַ גאַנצע וואָך, ביז די ווירקונג פון דעם אַרטיקל האָט דער־גרייכט זיין ציל... מאָנטיק, דעם 25טן דעצעמבער, האָט טאָמאַשעפסקי׳ס שוואָגער, עפּשטיין, דער פאַרטרעטער זיינער אין אַזעלכע ענינים, מיר טעלע־פאָניש געלאָזט וויסן, אַז קומענדיקן פרייטיק נעם איך ווידער איבער די ראָלע. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען די דירעקטע ווירקונג פון א. ק.׳ס אַרטיקל.

אין טעאַטער איז אַלץ געגאַנגען כשורה, אַזוי ווי פריער, גלייך ווי גאָר־ניט וואָלט געשען. בלויז איין ענדערונג איז יאָ פאָרגעקומען — איך צווייפל אויב דער עולם האָט די ענדערונג באַמערקט. מיר האָט זיך עס געוואָרפן אין די אויגן. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן שפּילן די פּיעסע מיט מיר אין דער הויפּט־ראָלע איז אין די צייטונגס־אַנאָנסן און אין די אַפישן, געווען אויס־גערעכנט דער פּערסאָנאַל — באָריס טאָמאַשעפסקי, לעאָן באַלנק, סעם שניייער, בינאַ אַבראַמאָוויטש, גאָלדע שאַפּירא, מאַדאַם וויינטרויב, בעסי מאָגולעסקאָ און געענדיקט מיטן זאָגנאַנטן „און סיליא אַדלער״. ווען מען האָט ביי מיר די ראָלע צוגענומען, איז, פאַרשטייט זיך, פאַרשוואונדן דער „און סיליא אַדלער״. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט באָריס און בעסי טאָמאַשעפסקי און דאַן די נעמען פון אַלע אַקטיאָרן, אין „בלינדע ליבע״. ווען איך האָב די ראָלע ווידער איבערגענומען, זיינען אַלע נעמען פאַרשוואונדן פון די אַנאָנסן, אַפילו באָריס טאָמאַשעפסקי׳ס. בלויז „בלינדע ליבע״ איז פאַרבליבן.

האַלט איר עס אפשר פאַר נאַריש פון מיין זייט, וואָס איך דערמאָן דעם ענין פון די אַנאָנסן. איר וועט עס אָבער בעסער פאַרשטיין, ווען איך וועל אייך דערציילן דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

דאָס איז געווען אין סעזאָן פון 1914־1915, ווען נאָך מיין גרויסן דערפאָלג אין דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער״, מיט אַ סעזאָן פריער — בין איך געבליבן ניט אַנגאַזשירט. האָט עס פּאַסירט, אַז אין אַ שבת־מאַטינע, האָט דער נעשאָנאַל טעאַטער באַשלאָסן צו שפּילן „בלינדע ליבע״. מ׳האָט מיך געבעטן צו קומען שפּילן מיין ראָלע. מען האָט מיר פאַרגעלייגט פופציק דאָלער פאַר דער איינער פאָרשטעלונג, און צוגעזאָגט, אַז מען וועט מיר געבן ספּעציעלע רעקלאַמען. ניט זייענדיק אַנגאַזשירט, פאַרשטייט איר דאָך,

אַז איך האָב זיך ניט געקענט דערלויבן אָפּזאָגן זיך פון פאַרדינען פופציק דאָלער. איך האָב עס אָנגענומען ניט מיט גרויס חשק.

עס איז געווען אַ געפּאַקטע הויז. ווייל איך זיך איינרעדן, אַז די ספּעציעלע רעקלאַמען „באָריס טאָמאַשעפסקי און צילי אַדלער אין „בלינדע ליבע", האָבן געהאָלפן דערצו. נאָכן דריטן אַקט, וואו איך האָב מיין שטאַרקסטע סצענע, האָט דער טעאַטער געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן, און ווען מיר האָבן זיך אַלע געבויגט פאַרן עולם, האָבן זיך נאָכאַנאַנד געהערט געשרייען: „צילי אַדלער!" נאָך עטלעכע „קוירטען קאָלס", ווען די געשרייען האָבן ניט איפגעהערט, האָט טאָמאַשעפסקי מיך אַרויסגעשיקט, אַליין זיך צו בויגן פאַרן עולם. איז מיר שווער און עטוואָס אומאַנגענעם אייך צו באַשרייבן די אויסערגעוויינלעכע אָוואַציע, וואָס דער עולם האָט מיר געגעבן, ווען איך בין אַליין געשטאַנען אויף דער בינע. מען האָט געשריען „ספּיטש"! און טאָמאַשעפסקי האָט געהייסן האַלטן דעם פאַרהאַנג און מיר געזאָגט איך זאָל עפּעס זאָגן. איך האָב, אָבער, באַמערקט אין זיינע אויגן אַזאַ אָנגעשראָקענעם בליק — איך זאָל, חלילה, ניט זאָגן עפּעס קעגן אים, וואָס נאָך אַזוי פיל דערפאָלגן ביי אים אין טעאַטער, האָט ער מיך ניט אַנגאַזשירט אויף דעם סעזאָן...

איך בין בכלל ניט קיין רעדנערקע. איך האָב, אָבער, ביי דער אויבן־דערמאָנטער פאָרשטעלונג — אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דער עולם וויל פון מיר הערן, אפשר פונקט דאָס, פאַרוואָס טאָמאַשעפסקי האָט זיך געשראָקן. איך האָב זיך געדאַרפט שטאַרק באַהערשן, אַז איך זאָל ניט אויסברעכן אין אַ געוויין פאַרן עולם. איך האָב אין אַ פאַרשטיקטן קול, קוים אַרויס־געדעדט: „איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ מצווה איר האָט היינט אין מיר, איך דאַנק אייך".

מער האָב איך ניט געקענט רעדן. די אָוואַציע איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. איך בין געשטאַנען באַוועגלאָז, דער פאַרהאַנג האָט זיך געהויבן און אַראָפּ־געלאָזן עטלעכע מאָל, ביז איך בין ענדלעך אַראָפּ פון דער בינע.

אויף מיין וועג צום גאַדעראָב, האָב איך ממש געקענט זען אין טאָמאַ־שעפסקי'ס אויגן אַ גוואַלדיקע דאַנקבאַרקייט און גלייכצייטיק אַ שולדיקייט, וואָס איך האָב אים ניט פאַרשעמט פאַרן עולם. וועט איר אפשר מיר איצט מוחל זיין, וואָס איך שטעל זיך אָפּ אַמאָל אויף זאַכן, וואָס פאַר געוויינלעכע לייענער קענען זיי קלינגען נאַריש — אַ קאָמפּליצירטע נשמה די אַקטיאָרישע — שווער צו פאַרשטיין זייערע ליידן, זייערע האַרצווייטיקן, זייערע אינערלעכע אַנטוישונגען...

גייען מיר צוריק צום סעזאָן, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן.

איך האָב צוריק געקראָגן מיין ראָלע און, ווי געזאָגט, אין טעאַטער איז אַלץ געגאַנגען ווי גאָרניט איז געשען. אָבער אינעווייניק אין מיר האָט זיך פּאָרט עפּעס געענדערט. ניט געווען מער די פרייד און צופרידנקייט פון מיינע דערגרייכונגען. איך האָב דערזען ווי אומזיכער דער גאַנג פון אַ קאַריערע אין אונזער טעאַטער קען זיין. איך האָב זיך דערשראָקן.

דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך, אַ יונגע שוישפּילערין, זיך אויסגעצייכנט אין וויכטיקע ראָלען און אין הויפּט־ראָלען. די פּרעסע האָט מיך שטאַרק געלויבט, כמעט פאַר יעדן אויפטריט מיינעם, און דאָך, ווען דער טעאַטער האָט מיך פאַר אומפאַרשטענדלעכע אורזאַכן ניט מער אַנגאַזשירט, האָט מיך קיין אַנדער טעאַטער ניט געדאַרפט. ביי מיין גאַנצער יוגנט האָב איך שוין אָנגעהויבן פילן ווי הילפלאָז אַ פרויען־שוישפּילערין איז אין דעם געוועב פון טעאַטער־פּאָליטיק און הינטערקוליסן, איבערהויפּט אַזאַ הילפלאָזע, סענ־סיטיווע, אומפּראַקטישע, ניט־דערוואַקסענע, ווי איך בין געווען.

איך מוז צוגעבן, אַז מיין אומדערפאַרנקייט און נאַאיוויטעט האָבן זיך זייער שטאַרק געגרענעצט מיט ניט־פאַרגעבלעכער נאַרישקייט. וועלנדיק זיין גוט צו זיך, וועל איך זיך אָנרופן אַ „צעטראָגענער מלאך", וואָס זעט ניט וואָס אונטער זיין נאָז טוט זיך.

איך מוז זיך נאָך אויף אַ ווייל פאַרהאַלטן ביי „בלינדע ליבע". דאָס קאָ־מישע פּאָרל אין דער פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן פון דער מאַמישסטער מאַמע אין אידישן טעאַטער, בינע אַבראַמאָוויטש, און לעאָן בלאַנק.

געדענקט איר אַלע לעאָן בלאַנק פון די יאָרן ווען ער איז געווען אַ „סטאַר", געשפּילט די הויפּט־ראָלן, מערסטנס אין שטאַרקע מעלאָדראַמעס, וואו ער איז געווען דער טראַגישער העלד און דראַמאַטעוועט אויף דעם ספּעציפיש בלאַנקישן אופן. אין יענע יאָרן אָבער, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, איז בלאַנק, אמת, געווען אַן אָנגעזעענער שוישפּילער, אָבער ניט קיין הויפּט־שוישפּילער אין טעאַטער.

די מערסטע פון אייך טראַכטן פון בלאַנק'ן בלויז אַלס דראַמאַטישער אַקטיאָר. ווער געדענקט אים ניט אין דער וואונדערלעכער שאַפונג זיינער „כאַצקל דראַכמע" אין גאָרדינ'ס „גאָט מענטש און טייוול"? בלאַנק איז גע־ווען פון די שוישפּילער, וואָס ווערן באַצייכנט פון דער קריטיק ווי „עי העווי". אין אַלע זיינע דראַמאַטישע ראָלן, און אַוודאי אין זיינע שפּעטערדיקע סטאַר־ראָלן, האָט ער זיין דראַמאַטישקייט אויסגעשפּילט מיט יעדן אבר פון זיין היפּש־הויכער און ברייטביינערדיקער פיגור. ער האָט אויך זיין קאָמיזם אויסגעשפּילט מיט אַלע אברים.

דורך דער צייט, וואָס ליבינ'ס „בלינדע ליבע" האָט פאַרנומען דעם

אויבן־אָן אין אונזער טעאַטער, האָט טאָמאַשעפסקי, דעם 28טן דעצעמבער, געהאַט זיין זאָגענאַנטן „ערן־אָוונט". איז דאָס מן הסתם אַ פּאַרדינסטפולער שטריך, און אפשר אַן אומפאַרשטענדלעכער פּאַראַדאָקס, וואָס דווקא ער, וועמען מען האָט אַזוי פיל געטרייבערט פאַר דעם שלל נאַרישקייטן, מיט וועלכע ער האָט פאַרפּלייצט דאָס אידישע טעאַטער, — דווקא ער, פלעגט צו זיינע ערן־פאַרשטעלונגען כמעט שטענדיק שטעלן ווערק פון אָנגעזעענע ליטעראַטן פון דער אידישער און וועלטלעכער ליטעראַטור... יענעם סעזאָן האָט ער צו זיין „אָוונט" געשפּילט דר. טעאָדאָר הערצל'ס „די נייע געטאָ", מיט אים און שילדקרויט'ן אין די הויפּט־ראָלן.

דאַן זיינען געוועזן ליבינ'ס פּראָדוקטיווע יאָרן. נאָך זיין גרויסן דערפאָלג פון זיין „בלינדע ליבע", איז אין פערבוראַר אויפגעפירט געוואָרן זיין „פרעמדע קינדער", וואָס איז געוואָרן דער צווייטער גרעסטער דערפאָלג פון יענעם סעזאָן. די הויפּט־ראָלן אין יענער פּיעסע זיינען געשפּילט געוואָרן פון באָריס און בעסי טאָמאַשעפסקי. איך האָב געשפּילט די צווייטע פרויען־ראָלע, בעסי'ס שוועסטער אין דער פּיעסע. אונזער שפּילן צוזאַמען האָט עטוואָס אָפּגעווישט דעם ניט אַנגענעמען אינצידענט מיט דער הויפּט פרויען־ראָלע אין „בלינדע ליבע".

איר זייט מן הסתם נייגעריק צו וויסן ווי זיינען געווען די באַציאונגען צווישן בעסי'ן און מיר, אין יענער צייט נאָך יענעם אינצעדענט. איז מיין ענטפער — קיינע באַציאונגען... ניט קיין פריינטלעכע, און ניט קיין אומפריינטלעכע. כאָטש דאָס איז שוין געווען מיין צווייטער סעזאָן אין איר מאַנס טעאַטער, האָבן מיר זייער ווייניק געלעגנהייט געהאַט זיך נאָענט צו באַקענען. דעם ערשטן סעזאָן, ווי איר געדענקט, בין איך אָנגעקומען ווי אַ „סאָבסטיטוט" אין טעאַטער. כ'האָב זיך מיט דער טרופּע, בכלל, געטראָפן בלויז אַמאָל־אַמאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען שפּילן עמיצנס אַ ראָלע. אַ היפּשע צייט בין איך געווען אויפן טור מיט שילדקרויט'ן אין „אייקעלע מזיק". דעם צווייטן סעזאָן, וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, איז בעסי נאָך די ערשטע עטלעכע וואָכן געווען אַ צייט אַוועק פון טעאַטער. ווען זי איז צוריקגעקומען און איבערגענומען מיין ראָלע האָב איך מיט אַ כיוון זי אויסגעמיטן. ערשט איצט, אין דער צייט פון די פּראָבעס און די פאַרשטעלונגען פון „פרעמדע קינדער", האָבן מיר זיך געזען אָפט. זיינען אונזערע באַציאונגען געווען, וואָלט איך געזאָגט, פאָרמעל, צירלעך־מאַנירלעך.

דער אונטערשייד אין יאָרן — בעסי איז מיט אַ יאָר פופצן־זעכצן עלטער פון מיר — און מן הסתם איר זיין פאַרוויקלט אין אירע אייגענע משפחה פּראָבלעמען האָבן געהאָלפן דערצו, אַז אונזערע באַציאונגען זאָלן

ניט דערגיין צו אַ נאָענטער פריינטשאַפט. איך האָב אָבער, חלילה, ניט באַמערקט קיין שום אומפריינטלעכקייט פון איר. פאַרקערט, איך געדענק זייער קלאָר, אַז אָפט פלעג איך זען ווי ער שטייט אין די קוליסן און קוקט זיך צו צו מיין שפילן און אין אירע בליקן האָב איך באַמערקט איר אַנערקענונג פאַר מיין שפילן, וואָס האָט מיך זייער געפרייט.

ערשט מיט אַרום ניין־צען יאָר שפּעטער, זיינען מיר געוואָרן נאָענטער, און אפילו באַפריינדעט. די רעצענזיעס אין די צייטונגען זיינען געווען ביז גאָר גינסטיקע סיי וועגן דער פּיעסע, סיי וועגן שפּילן. בעסי און באָריס טאָמאַשעפסקי האָבן געקראָגן אַ סך קאָמפּלימענטן און לויב געזאַנגען. אין יעדער רעצענזיע בין איך ניט ווייניקער געלויבט געוואָרן, און אין אַ צאָל רעצענזיעס, סיי אין דער אידישער פּרעסע, סיי אין דער ענגלישער, האָט מען מיר צוגעטיילט מער לאָרבער־קראַנצן ווי זיי מיט אַזעלכע אויסדרוקן ווי „צילי אַדלער׳ס שפּילן איז דאָס בעסטע אין דער פּיעסע״, „די קרוין פאַר־דינט צילי אַדלער פאַר שפּילן איר ראָלע״, אָדער אין ענגליש:

"However the laurels belong to Celia Adler"

האָב איך זיך שטאַרק געפרייט מיט מיין דערפאָלג. פאַר אַ יונגער שוישפּילע־רין איז עס דאָך זייער אַ גרויסע דערגרייכונג. אונטער יענע אומשטענדן אָבער איז עס ניט געווען צו־געזונט אויף אַזאַ אופן געלויבט צו ווערן... דאַן האָב איך עס ניט געוואוסט, ניט פאַרשטאַנען...

איך וויל נאָר דאָ פאַרצייכנען, אַז פאַרן שלוס פון יענעם סעזאָן, האָט עטלעכע וואָכן גאַסטראָלירט ביי אונז אין פּיפּלס טעאַטער דער קייזער־קעניגלעכער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן, אין זיין קלאַסישן רעפּערטואַר. געדענקט איך אַז איך האָב מיט אים מיטגעשפּילט, אין דער באַרימטער פּיעסע פון וועלט־רעפּערטואַר, „קין״, פון אַלעקסאַנדער דיומאַ, די הויפּט פּרויען־ראָלע, אַננאַ דענבי. איך דערמאָן דאָס ווייל אַרום דעם איז פאַרוויקלט מיין אַריינטרעטן אַלס מיטגליד אין דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן.

דורך יענעם סעזאָן האָט ז. וויינטרויב, דער באַוואוסטער שוישפּילער און אַקטיווער מיטגליד פון דער אַקטיאָרן יוניאָן, — עטלעכע יאָר איז ער אפילו געווען דער פּרעזידענט — זיך צו מיר געווענדט אַז ס׳איז צייט פאַר מיר אַריינצוטרעטן אַלס מיטגליד אין דער יוניאָן. עס איז געשען נאָך דעם אינצידענט פון צונעמען ביי מיר און דערנאָך צוריקגעבן די ראָלע אין „בלינדע ליבע״. ער האָט אין זיין געשפּרעך מיט מיר ניט רעאַגירט אויף דעם. אָבער אין זיין באַמערקונג „דו דאַרפסט די יוניאָן מער ווי די יוניאָן דאַרף דיך... דו ווייסט וואָס איך מיין...״ איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם.

די יוניאָן, פאַרשטייט זיך, האָט געהאַט אירע „רולס ענד רעגולייזשאָנס".
די פון אייך וואָס זיינען עטוואָס באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער, ווייסן אַז ס׳זיינען געווען צייטן ווען עס איז זייער שווער אָנגעקומען פאַר אַ נייעם שוישפּילער אַריינצוטרעטן אין דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן. אַ היפּשע צאָל קאַמפן זיינען אָנגעפירט געוואָרן עפנטלעך אין דער פּרעסע אַרום דעם ענין. יונג געוויסע שוישפּילער זיינען דורכגעפאַלן ביי די זאָגענאַנטע פּראָבעס, וואָס אַן אַקטיאָר האָט געדאַרפט דורכמאַכן אויף אַריינגעקומען ווערן אַלס מיטגליד. דאָס געזעץ איז געווען, אַז כדי צו ווערן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן, מוז מען דורכמאַכן אַן עקזאַמען, וואָס באַשטייט פון אויפטרעטן פאַר די מיטגלידער פון דער אַקטיאָרן יוניאָן אין ראָלן פון דריי פאַרשידענע פּיעסן.

דאָס געזעץ איז געווען חל אויף אַלעמען. שוישפּילער מיט לאַנג־יאָריקע רעפּוטאַציעס אין פאַרשידענע לענדער, האָבן, קומענדיק קיין אַמעריקע, געמוזט דורכמאַכן אַן עקזאַמען אויב זיי האָבן געוואָלט שפּילן אידיש טעאַטער. ווען דער קאַנדידאַט האָט דורכגעמאַכט זיין פּראָבע, האָבן די אָנוועזנדע מיטגלידער אָפּגעגעבן געהיים זייערע שטימען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ צוויי דריטל מאַיאָריטעט, כדי אויפגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד. האָבן נעבעך אַ סך היינט באַרימטע שוישפּילער געהאַט אַ זייער שווערן קאַמף ביז זיי איז ענדלעך געלונגען, צום דריטן מאָל, דורכצומאַכן די זעלבע פּראָצעדורע און זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן...

אַ סך האַרצווייטיק איז דערביי צוגעטיילט געוואָרן, און אַ סך, גוטע, לאַנג־יאָריקע מיטגלידער פון דער יוניאָן, האָבן דאָס גערופן אַן אינקוויזיציע און האָבן געקעמפט קעגן דעם. דערפאַר אָבער זיינען געווען אַנדערע וואָס האָבן געפילט אַז זיי דאַרפן היטן זייערע פּאָזיציעס, האָבן שטאָלצירט און זיך באַרימט, אַז אַלס מיטגלידער פון דער יוניאָן, האָבן זיי קיינמאָל קיין קאַנדידאַט ניט באַגליקט מיט זייער „יאָ"...

אין מיין געשפּרעך מיט וויינטרויב׳ן, האָט ער מיך צוגערעדט אַז איך זאָל שוין דעם סעזאָן אָנגעבן מיין אַפּליקאַציע און דורכמאַכן די פּראָצעדורע. „דו פאַרשטייסט דאָך, צילי, דאָס איז דאָך בלויז אַ פאָרמאַליטעט. דו דאַרפסט קיינעם פון אונז ניט איבערצייגן, אַז דו ביזט אַ שוישפּילערין. אָבער געזעץ איז געזעץ. ווייסטו דאָך פונקט ווי איך, די באַרימטע פראַזע גאָרדינ׳ס אין זיין „רוסישן איד אין אַמעריקע", ווי דער יוניאָן דעלעגאַט זאָגט דאָרט: „וואָס טויג מיר שכל, אַז כ׳האָב אַ קאָנסטיטוציע". דו מוזט עס דורכמאַכן, צילי".

איך האָב אים געגעבן מיין אַפּליקאַציע מיט דער פאָדערונג: „אַזוי

ווי איר גיט צו, מר. ווײַנטרויב, אַז דאָס איז בלויז אַ פאָרמאַליטעט, מוזט איר מיט מיר מאַכן אַן אויסנאַם, אַז איך זאָל אויפטרעטן בלויז אין איין ראָלע, ניט אין דריי״.

ער האָט מיר אָנגעקוקט מיט אַ באַדייטנדיקן קלוגן שמייכל, און געזאָגט:
— „אָלראַיט, צילי, איך וועל עס פאַר דיר דורכפירן...״

ווען איך בין אין באַשטימטן טאָג געקומען אין דער אַקטיאָרן יוניאָן, איז דער היפּשער זאַל געווען גאַנץ געפּאַקט.

דער ערשטער מיך צו באַגריסן מיט אַ רויז אין האַנט איז געווען מאָריס מאָריסאָן. ער האָט מיך אַ קוש געטאָן אין האַנט און מיר דערלאַנגט די בלום. איך האָב אים באַדאַנקט און גלייכצייטיק באַשלאָסן אין געדאַנק אין וועלכער ראָל איך זאָל פאַר מיין עקזאַמען אויפטרעטן...

עס זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען בנוגע די געפילן פון אַ שויס־שפּילער בעת ער שפּילט פאַר אַן עולם צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך אַ סך אַקטיאָרן. איין מיינונג איז, אַז עס איז זייער לייכט צו באַווירקן בינע־קינסט־לער; עס איז לייכט זיי מאַכן צום וויינען אָדער ביי זיי אַרויסרופן געלעכטער. שוישפּילער, הייסט עס, זיינען זייער סענסיטיוו.

אַנדערע האַלטן, אַז עס איז זייער שווער אויסצונעמען ביי אַן עולם פון שוישפּילער. זיי אורטיילן סוביעקטיוו. יעדער איינער פון זיי שטעלט זיך פאַר אין דער ראָלע וואָס ער זעט און איז ביי זיך זיכער, אַז ער וואָלט דאָס בעסער געמאַכט. קוקן זיי דערפאַר זייער קריטיש, און אַוודאי איז זיי שווער אָפּצונאַרן מיט בינע „טריקס״.

עס איז אויך דאָ אַ דריטע מיינונג — אַז שוישפּילער זיינען ווי אַלע מענטשן — זיי קוקן אומפּאַרטייאיש, זיינען זייער טאַלעראַנט — ניט מער, וואָס זיי פאַרשטייען טעאַטער אפשר בעסער ווי דער געוויינטלעכער צושויער.

ווען איך בין אויפגעטראָטן ביי מיין פּראָבע אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָב איך פאַר זיך דערזען אַ גרויסן עולם פון לויטער שוישפּילער, וואָס האָבן פאָרטראָטן אַלע דריי אויבנדערמאָנטע קלאַסן — און אפשר אויך אַ צאָל פון זיי וואָס האָבן געהאַט פּערזענלעכע אינטערעסן...

איך מוז אָבער זאָגן, אַז דער עולם האָט מיך אויף אַ האָר ניט באַווירקט. מאָריס מאָריסאָנ׳ס וואַרעמע באַגריסונג, זיין ברייט־שמייכלענדיקער פּנים, וואָס האָט געקוקט אויף מיר פון די ערשטע רייען, האָט ביי מיר אפילו צוגענומען די געוויינלעכע נערוועזיטעט מיינע, וואָס איך האָב אַלע יאָרן געפילט פאַר אַן אויפטריט.

איך האָב גאַנץ געמיטלעך געמאָלדן, אַז „לכבוד אונזער ליבן מאָריס

מאָריסאָן וועל איך פאַר אייך אָפּשפּילן אַ סצענע פון מיין ראָלע אין זיין באַרימטן דערפאָלג „קין", די ראָלע פון „אַננאַ דענבי"...

מאָריסאָן האָט זיך תיכּף אויפגעשטעלט אין זיין פולער הויך און מיט זיין באַרימטן ברוסטיקן „האַא" האָט ער זיך צו מיר פאַרנויגט. ווען איך בין שוין געווען גרייט אָנצוהויבן מיין סצענע, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ שוישפּי־לערין און זייער דרייסט און מיט באַדייטונג אַרויסגעזאָגט מיט אַן עטוואָס פון באַז פאַרלייגטער שטימע:

„איך באַך אַ פאָרשלאַג, אַז ב'זאָל ניט אַפּלאָדירע..." (איך מאַך אַ פאָר־שלאַג, אַז מ'זאָל ניט אַפּלאָדירן).

קיינער האָט ניט געקעמפּט קעגן דעם פאָרשלאַג. ער איז אָנגענומען געוואָרן און דערמיט פאַסירט, הייסט עס...

איך האָב אויף דעם רעאַגירט בלויז מיט אַ שמייכל און אָנגעהויבן מיין סצענע. דער מאָנאָלאָג איז זייער אַ דראַמאַטישער און אַ רירנדיקער. ווען איך האָב געענדיקט האָט מאָריס שוואַרץ אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם פאָר־שלאַג און האָט שטאַרק אַפּלאָדירט. דאָס האָט אָנגעשטעקט דעם עולם און ס'איז געוואָרן אַ גרויסער אַפּלאָדיס. די פאָרשלאַג־מאַכערין האָט זיך אויסגע־דרייט צו שוואַרצ'ן און בייז אויסגערופן:

„מ'האָט דאָך געמאַכט אַ פאָרשלאַג ניט צו אַפּלאָדירן!"

שוואַרץ האָט איר געענטפערט:

„גיי אַפּלאָדיר ניט, אַז ס'אַפּלאָדירט זיך פאָרט..."

דערווייל שטייט שוין מאָריסאָן נעבן מיר, נעמט מיך אַראָפּ פון דער בינעלע און איך ווער אַרומגערינגלט פון נאָך פריינטלעכע אַקטיאָרן. אין דער צייט גייט אָן די פּראָצעדורע פון שטימען. יעדער פון די אָנוועזנדע באַקומט אַ צעטל — ער דאַרף אָנשרייבן „יאָ" אָדער „ניין". ער לייגט עס צונויף און וואַרפט אַריין אין אַ פאַרמאַכטן קעסטל... נאָך דער באַשטימטער צייט נעמען צוויי שוישפּילער, וואָס זיינען דערווייל געוואָרן דערפאַר, עפענען דאָס קעסטל און נעמען הויך אויסרופן די שטימען. זיצט דערביי אַ סעקרעטאַר און פאַרצייכנט די „יאָ'ס" און די ניינ'ס", און אַזוי ווערן די שטימען געציילט.

אין מיין פאַל האָט זיך נאָכאַנאַנד געהערט „יאָ־יאָ־יאָ". אָבער ענדלעך זיינען די מאָנאָטאָנע „יאָ'ס" איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שרייענדיקן „ניין".

מאָריס מאָריסאָן איז תיכּף אויפגעשפּרונגען און מיט אַנטריסטונג אויסגעשריען:

„ווער האָט עס געוואַגט צו האָבן דיזע פרעשהייט?!"

מער קיין „ניינ׳ס" זיינען ניט געווען — און מען האָט מיך אָפיציעל דערקלערט אַלס מיטגליד פון דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט ווער מיין „ניין" איז געווען. זיין ווייב האָט געהאַט אַ געשעפט פון דאַמען־היטעלעך און איך בין ביי איר קיין קונה ניט געווען — אַ פאַרדינטער „ניין"...

אויף פּסח פון יענעם סעזאָן איז אויפגעפירט געוואָרן באָריס טאָמאַשעפ־סקי׳ס אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיטן נאָמען „די רייזע נאָך אַמעריקע". דאָס איז געווען אַ פריילעכע און לוסטיקע קאָמעדיע אין וועלכער בלאַנק און אַבראַמאָוויטש, קעסטין און עני טאָמאַשעפסקי האָבן ניט נאָר אַמוזירט דעם פּסח׳דיקן עולם, נאָר אויך מיר אַקטיאָרן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט און אַנגעקוואָלן פון זייערע חנ׳עוודיקע שטיקלעך און איינפאַלן, אַזוי אַז דער סעזאָן האָט זיך געשלאָסן אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג פאַר אַלעמען.

בלויז איינע איז פון יענעם סעזאָן ניט אַרויס אין אַ צו־גוטער שטימונג. שטויסט איר זיך מן הסתם אָן — אַז די איינע אומצופרידענע בין איך געווען. איך האָב זיך, חלילה, ניט געהאַט צו באַקלאָגן, ניט אויף מיינע ראָלן, ניט ווי אַזוי די פּרעסע און דער עולם האָבן מיך באַהאַנדלט. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג פון סעזאָן (אגב, איז דאָס אויך אַ סצענע וואָס איז ווערט באַשריבן צו ווערן — דאָס געזעגענען זיך פון אַ טרופּע נאָך אַ סעזאָן — און איך וועל עס ביי אַ געלעגנהייט באַשרייבן), איז מיין גערדאַנק געווען פאַרנומען בלויז מיט איין ברענענדיקער פראַגע: פאַרוואָס בין איך ניט אַנגאַזשירט געוואָרן פאַרן קומענדיקן סעזאָן?

ס׳האָט מיך ניט אַזוי געערגערט די אומזיכערקייט — וואו וועל איך זיין דעם קומענדיקן סעזאָן? — ווי די פראַגע: פאַרוואָס?

האָב איך דאָך, אָן צווייפל, פולשטענדיק דערפילט אַלע דערוואַרטונגען וואָס מ׳קען שטעלן צו אַ יונגער שוישפּילערין אין אָנהויב פון איר קאַר־יערע. פאַרוואָס זשע האָט דאָס טעאַטער מיך ניט אַנגאַזשירט? וועל איך זיך ניט אַריילאָזן אייך איבערצוגעבן מיינע צעוויטיקטע געפילן. איך בין געווען צופרידן וואָס מיין מאַמע און מיין שוועסטער לילי זיינען אין יענער צייט געווען אין לאָנדאָן, וואו מיין מאַמע האָט גאַסטראָלירט אין דעם ניי־געעפנטן „זיגמונד פיינמאַן פּיפּלס טעאַטער". האָב איך מיין שלעכטע שטימונג אַוועק־געפירט אין די בערג, געפאָרן זיך אָפּרוען און אפשר דאָרט ביי די בערג, ביי דער שיינער נאַטור קריגן אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס האָט מיך געמאַטערט אָן אויפהער — פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס מיר? האָבן די בערג מיר קיין ענטפער ניט געגעבן. אָבער אומדירעקט האָט די שיינע נאַטור

פון יענע מקומות געפירט צו דעם, אַז סיי מיין פראַגע זאָל פאַרענטפערט ווערן און אויך מיין שלעכטע שטימונג זאָל אַוועק.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז דאָס געווען. מ׳האָט מיר פלוצלונג געלאָזט וויסן אין האָטעל, אַז עמעץ אין דרויסן וויל מיך זען. ווען איך בין אַרויסגעקומען אויפן פאָרטש, האָב איך דערזען אַ גרויסן, שוואַרצן, שיינעם אויטאָמאָביל מיט אַ אוניפאָרמירטן שאָופער. דורכן אָפענעם פענסטער פון דעם לימוזין האָט מיך אַ האַנט גערופן. ווען איך בין צוגעקומען בין איך איבעראַשט געוואָרן פונם זייער חשוב׳ן קאָמיטעט וואָס איז געקומען צו מיר. אין דעם אויטאָמאָביל זיינען געזעסן לואי גאָלדבערג, יוסף איידלשטיין און באָריס טאָמאַשעפסקי אַליין. זיי האָבן מיך איינגעלאַדן מיט זיי צו פאָרן צו טאָמאַשעפסקי׳ס זומער־היים, וואָס איז געווען אין האָנטער, ניט ווייט פון טענערסוויל.

איך האָב אַ פאַרוואונדערטע די איינלאַדונג אָנגענומען און מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פיינעם נאָכמיטאָג דאָרט, אין דער פרעכטיקער זומער־היים זייגער. און ווען דער אוניפאָרמירטער שאָופער האָט מיך, נאָך לאָנטש, געפירט צוריק צו מיין האָטעל, האָב איך שוין אין קעשענע געהאַט אַ קאָנטראַקט פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן אין דעם נייעם נאָר־וואָס פאַרענדיקטן טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאַנעל טעאַטער, אויף סעקאָנד עוועניו און האָוסטאָן סטריט. אַלע דריי — לואי גאָלדבערג, יוסף איידלשטיין און באָריס טאָמאַשעפסקי, האָבן אין זייערע געשפרעכן ביים פאַרהאַנדלען מיט מיר, יעדער אויף זיין אופן, עפּעס געגעבן אָנצוהערענישן און זיך ווי אַנטשולדיקט וועגן מיין כסדר׳דיקע פראַגע צו זיי: פאַרוואָס?...

איז מיר ניט אינגאַנצן קלאָר געוואָרן דער „פאַרוואָס״. ס׳איז מיר בלויז לייכטער געוואָרן ווען זיי האָבן מיט זייער אַנטשולדיקונג צוגעגעבן אַז זיי האָבן מיך באַ׳עוולה׳ט. אָבער געקומען אין מיין האָטעל בין איך אין אַ סך אַ בעסערער שטימונג ווי ווען איך בין אַוועקגעפאָרן מיט זיי.

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז תיכף אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין לאָנדאָן, צו לאָזן וויסן מיין מאַמען די גוטע נייס.

נאָך יענעם באַזוך מיינעם אין טאָמאַשעפסקי׳ס זומער־היים, האָט זיך ערשט באמת אָנגעהויבן מיין זומער־וואַקאַציע אין מיין האָטעל אין די בערג. ביז דאַן בין איך עפּעס אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ הינערפּלעט — פון קיין זאַך ניט געהאַט קיין הנאה, קיין לוסט ניט געהאַט צו פאַרברענגען מיט די טשעכע זייער אָנגענעמע משפחות וואָס זיינען דאָרט געווען צווישן די געסט. אַלע באַמיאונגען פון עטלעכע פון זיי מיך אויפצומונטערן זיינען זיי ניט געלונגען. אָבער שוין ביים סאַפּער יענעם פאַרנאַכט האָבן מיינע טיש־מענטשן

זיך געפילט זייער געשמייכלט פון דעם וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע אויסצוגעפינען צוליב וואָס דער באַרימטער באָריס טאָמאַשעפסקי מיט זיינע מענעדזשערס האָבן אָפּגעשטאַט זייער וויזיט היינט אינדערפרי.

איך האָב אפילו ניט באַמערקט ווען און ווי אַזוי, אָבער אויף אונזער טיש האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש משקה. מ'האָט געטרונקען און מיר געוואונטשן גליק, און איידער דער מאָלצייט האָט זיך געענדיקט איז כמעט יעדער גאַסט אין עס־צימער צוגעקומען צו מיין טיש און מיך גראַטולירט. איז טאַקע פון דאַן אָן מיין וואַקאַציע אין די בערג דאָרט געוואָרן כולו יום־טוב. כמעט יעדן טאָג האָט אַן אַנדער משפחה מיך גענומען אויף אַ „ראַיד" איבער די פּרעכטיק־שיינע לאַנדשאַפטן פון די „קעטסקיל" בערג.

# די גאונים פון אַמאָל

דוד קעסלער אַלס הערשעלע דובראוונער
אין גאָרדינ׳ס „גאָט, מענטש און טייוול״

יעקב פּ. אַדלער אַלס „שיילאָק״

באָריס טאָמאַשעפסקי



זיגמונד מאָגולעסקי

# די גאונים פון אַמאָל

בעסי טאָמאַשעפסקי

סאַראַ אַדלער

קעני ליפּצין אין א״ר קרוין־ראָלע „מירעלע אפרת״ פון יעקב גאָרדין

בערטאַ קאַליש